STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00998

KOMISARN

Grigory Vinokur

Permanent preservation of this book was made possible by
Harvey Feldman & Laurie Sherman
in memory of
Yehuda Feldman, Abe & Esther Nitzburg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערשל ה. וויינרויך

קאָמיסאַרן

II

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

164

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע ביכער צום סוף פון בוך

הערשל ה. וויינרויך

קאמיסאַרן

ראָמאַן

בוך צוויי

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס 1962 — ה׳תשכ״ג

.41

מיכל האָט פאַרלאָזט די שיינע פינף־שטאָקיקע געביידע פון דער ביראָבידזשאַנער פירערשאַפט. ער איז אַרויס אין גאַס און געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער. ערשט איצט האָט ער גוט באַטראַכט די גרויסקייט און דעם פראַכט פון דער געביידע מיט די הונדערטער ליכטיקע צימערן ווו עס זיצן הונדערטער רו:קע, אויסגעפּוצטע און זאַטע אָנגעשטעלטע, קאָמיסאַרן און קאָמיסאַרעלעך. ער האָט פאַרגלייכט די קאָלאָסאַלע געביידע פאַר די סאָוועטישע ביוראָקראַטן מיט די ענגע און שטיקנדיקע באַראַקן פון די אומגליקלעכע יי:דישע איבערוואַנדערער וואָס וואַלגערן זיך אין שמוץ און אין קויט. אַ כעס איז אים באַפאַלן און ער האָט באַשטימט שוין אַהיימלויפן, אין דעם האָטעל, און זיך אַוועקזעצן שרייבן זיין ערשטע קאָרעספּאָנדענץ צו די מאָסקווער צייטונגען און זשורנאַלן.

ער האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים.

אים אַנטקעגן איז געגאַנגען אַ פרוי: אָנגעטאָן אין אַ בלוילעך קלייד, וועלכעס איז געווען אַרום האַלדז און אַרום די אַרבל אַרומגענייט מיט גאָלדענע און זילבערנע טאַשמעס. ביי דער האַנט האָט די פרוי געפירט אַ קינד, אַ בלאָנד־האָריק מיידעלע, שיין פאַרקעמט און פאַרפלאָכטן אין צוויי לאַנגע צעפּלעך. אָנגעטאָן איז געווען דאָס קינד אין אַ ווייס קליידעלע מיט קרוזשעוועס אַרומגענייט. די פרוי איז געווען יונג, אין די דרייסיקער, און איר אָפגעברענט שיין געזיכט האָט געשיינט פון גליק. זי האָט געהאַט אַ קאָפּ צעשויבערטע, בלאָנדלעכע האָר און איר גאַנצער אויסזען איז געווען פרעמד און פּיקאַנט. זי האָט אַרויסגערופן צו זיך אַ נייגעריקייט. ער האָט נישט געקענט בייקומען אין זיך דעם ווילן אָפּצושטעלן די פרוי און זי פרעגן ווער זי איז און וואָס זי טוט דאָ, אין דעם וויטן און פאַרוואָרפענעם עק. די פרוי האָט זיך דערנענטערט צו אים. ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג.

— אַנטשולדיקט מיר, — האָט ער געזאָגט, — איר זעט מיר אויס צו זיין נישט קיין היגע. איך בעט אייך ווידעראַמאָל מיר צו אַנטשולדיקן וואָס איך שטעל אייך אָפּ אין מיטן גאַס. איר זעט, איך בין אַ שרייבער, פון מאָסקווע געקומען, מיין נאָמען איז מיכאַיל קרוגער. אייער אויסזען זאָגט עדות,

אַז איר זענט נישט קיין היגע, און ווי אַ שרייבער, האָט דאָס מיך פאַר־אינטערעסירט!...

די פרוי מיטן קינד ביי דער האַנט איז געשטאַנען און אים באַטראַכט. אירע בלויע אויגן האָבן געלויכטן פון פרייד. אירע רויטע ליפּן האָבן קוים אויסגערעדט אַ פּאָר צעקרימטע רוסישע ווערטער:

— איך פאַרשטיי נישט גוט קיין רוסיש. איך רעד נאָר היברו, ענגליש און יידיש.

— וואָס? — האָט מיכל אַן איבערראַשטער אויסגעשריגן און זי באַטראַכט מיט אַזאַ בייגער, גלייך ווי זי וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון הימל: „וואָס הייסט דאָס, זי פאַרשטייט נישט קיין רוסיש?" און ער האָט באַלד זיין פריערדיקע ווענדונג צו איר דערקלערט אין יידיש.

— אַך, איר זענט אַ שרייבער! — האָט די פרוי אַ צופרידענע געזאָגט, — מיך פרייט זיך צו באַגעגענען מיט דעם ערשטן שרייבער זינט איך בין דאָ, אין דעם פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד.

— איר זענט פון אויסלאַנד? — האָט מיכל אַ פאַרוווּנדערטער איבערגעפרעגט.

— יאָ, איך בין צוויי חדשים דאָ אין לאַנד. פון פּאַלעסטינע קום איך. איך האָב באַשטימט צו פאַרלאָזן די בורזשואַזע פּאַלעסטינע מיט די ענגלישע אימפּעריאַליסטן וואָס רעגירן דאָרט און קומען אין דעם לאַנד ווו מען בויט סאָציאַליזם. אַנשטאָט צו לעבן צווישן יידישע בורזשויעס פון פּאַלעסטינע וואָס פאַרגינען נישט דאָס לעבן דעם יידישן און דעם אַראַבישן פּראָלעטאַריער, האָב איך באַשטימט צו לעבן צווישן אייגענע שוועסטער און ברידער פון דער נייער יידישער מדינה, וואָס מען בויט דאָ אין ביראָבידזשאַן.

— אַך, זייער אינטערעסאַנט, חברטע...

— אסתר איז מיין נאָמען, און מיין צווייטער נאָמען איז פיגלי, דאָס איז מיין מאַנס נאָמען. מיר האָבן זיך געגט. ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין שאָוויניסטישע פּאַלעסטינע. מיר האָבן זיך בכלל אַרומגעקריגט אין די לעצטע צוויי יאָר, כאָטש מיר האָבן זיך ליב געהאַט. ער איז אַ פאַרפאַלענער ציוניסט און איך בין אַריינגעטראָטן אין דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זינט דאַן האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו קריגן... לעצטנס האָבן מיר זיך שוין מער קריגן נישט געקענט. מיר האָבן באַשטימט זיך אויף אַ לייטישן אופן פונאַנדערצוגיין, זיך גטן. ער איז געבליבן דאָרט, און

איך בין אַוועק... איך האָב פון אים צוגענומען דאָס קינד און מיט דער הילף פון פּאַרטיי־חברים זיך געלאָזט אין וועג... איצט בין איך דאָ! איר זעט, איר זענט דער ערשטער סאָוועטישער שרייבער וואָס איך האָב אויף מיין וואַנדער־וועג באַגעגנט און פאַר וועמען איך האָב מיין לעבנס־געשיכטע דערציילט. וואָס מיינט איר, עס איז נישט קיין שלעכטע טעמע פאַר אַ ראָמאַן?

— אָ, גאָר אַ שיינע און אַ טשיקאַווע טעמע פאַר אַ ראָמאַן! — האָט מיכל געזאָגט און באַלד געפרעגט, — ווו לעבט איר? איך וויל מיט אייך רעדן, איך וויל וויסן מער...

— איך לעב אין דעם האָטעל, איר ווייסט דאָך, עס איז דאָ דערוויילֿ פּאַראַן נאָר איין האָטעל. איר וועט מיך דאָרט געפינען. צימער צוועלף, אויפן צווייטן שטאָק. קומט ווען איר ווילט. איך וועל זיין צופרידן!

— גוט, איך וועל קומען!

— איר האָט געזאָגט, אַז איר זענט פון מאָסקווע? און איר זענט אַ שרייבער? איך וועל גערן־זיין מיט אייך צו רעדן! איך האָב אייניקע זאַכן צו דערליידיקן. איר זעט, איך קען נישט די רוסישע שפּראַך, איך מוז שרייבן ביטעס און דערקלערונגען קיין מאָסקווע, אין דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי!

— איך וועל אייך העלפן מיט וואָס נאָר איך וועל קענען, — האָט מיכל געזאָגט.

— אַ דאַנק אייך, טאָוואַרישטש קרוגער. איך אייל זיך איצט. איך וויל טרעפן דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. איך האָב דאָ צייטווייליקע שוועריקייטן. מען אַנערקענט דאָ נישט מיין פּאַרטייאישקייט, כאָטש איך האָב מיט זיך דעם פּאַרטיי־בילעט פון דער פּאַלעסטינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מען זאָגט מיר, אַז אָן אַ ארויסרוף פון דעם קאָמינטערן אָדער פון קרעמל האָב איך נישט געהאַט קיין רעכט פּאַלעסטינע צו פאַרלאָזן און קומען קיין רוסלאַנד. זיי זאָגן, אַז די אויפגאַבע פון יעדן קאָמוניסט אין אויסלאַנד איז צו לעבן דאָרט און דאָרט צו קעמפן קעגן דעם קאַפּיטאַליזם און אימפּעריאַליזם און נישט צו לויפן ראַטעווען די אייגענע פעל אין דעם סאָוועטישן פאָטערלאַנד!

— ס'אַ געררעכטע שטעלונג! — האָט מיכל געזאָגט, — דאָך זאָרגט נישט. מען דאַרף אַ טראַכט טאָן וואָס מען קען פאַר אייך טאָן.

— איך זאָרג נישט! — האָט די פּאַלעסטינער קאָמוניסטקע זיך אָפּגערופן, — פאַרוואָס זאָל איך זיך זאָרגן? ווען איך בין פון פּאַלעסטינע אַוועק

קיין פראַנקרייך האָט מיר אין מאַרסיי דער סאָוועטישער קאָנסול באַלד גע־געבן אַ וויזע אויף צו פאָרן קיין רוסלאַנד און זיך באַזעצן אין ביראָבידזשאַן. דאָס מיינט דאָך, אַז איך בין דאָ לעגאַל. וואָס־זשע דען, עס איז עפּעס אַ מין מיספאַרשטענדעניש, צי ווי מען זאָגט דאָ, אַז עס הערשט נאָך דאָ אַביסל ביוראָקראַטיזם אין די אַנשטאַלטן. דערפאַר טאָקע בין איך אָפּטימיסטיש געשטימט. איך ווייס, אַז מען וועט מיך דאָ אויפשטעלן אין אַלע מיינע רעכט. עס מוז נאָר געדויערן אַביסל. מיין זאָרג איז אָבער דאָס קינד. ביז איצט האָב איך יעדן טאָג באַקומען אַ פלעשל מילך פאַרן קינד. איצט האָט מען אויפגעהערט. נישטאָ קיין מילך, זאָגט מען. איך וויל רעדן מיטן פאַרזיצער פון אויספירקאָם וועגן דעם. פּראָפעסאָר גאָטליב איז זייער אַ גוטער מענטש. ער הערט זיך שטענדיק צו צו מיינע רייד. ער האָט מיר שוין פיל געהאָלפן!

— יאָ, פּראָפעסאָר גאָטליב איז אַ גוטער מענטש! — האָט מיכל גע־זאָגט.

— איר ווייסט, ווען איך קען כאָטש קריגן אַ באַנאַנע פאַרן קינד!

— אַ באַנאַנע? וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט מיכל מיט חידוש אויס־גערופן.

— וואָס הייסט, אַ באַנאַנע! איר ווייסט גאָרנישט וואָס עס מיינט אַ באַנאַנע?

— ניין, ביי אונדז זענען קיין באַנאַנעס נישטאָ!

— עס איז אַזאַ פּרוכט, אַ זייער באַטעמטע פּרי. עס האָט אַזאַ געלע שאָלעכץ. עס איז לאַנג. אינעווייניק איז פאַראַן אַזאַ ווייסע מאַסע. עס איז ווי ברויט, נאָך בעסער פון ברויט. עס וואַקסט אויף נידעריקעביימער.

— איך ווייס נישט! — האָט מיכל פאַרשעמט געזאָגט, — מיר דוכט, אַז ביי אונדז וואַקסן נישט אַזעלכע פּרוכטן... נישט געהערט... פיליכט אין די הייסע קלימאַטן?...

— יאָ, יאָ, אין די הייסע קלימאַטן. זון און פייכטקייט דאַרפן האָבן די באַנאַנע־ביימער! — האָט זיך אסתר דערפרייט, מיינענדיק אַז איצט ווייסט שוין מיכל וואָס זי רעדט, — אין קאַווקאַז, אין קרים אָדער אין טורקעסטאַן מוזן וואַקסן אַזעלכע פּרוכטן וואָס ברייטיקן זיך אין אַ הייסן קלימאַט: מאַ־ראַנצן, לימענעס, באַנאַנעס! מען ברענגט דאָס דען נישט אַהער פון די היי־סע געגנטן?

— יאָ, מען ברענגט צו ביסלעך! — האָט מיכל נישט גערן געזאָגט, — אָבער אַפילו אין מאָסקווע איז זייער שווער צו באַקומען אַ לימענע אָדער

אַ מאַראַנץ. און פון קיין באַנאַנעס האָב איך נישט געהערט, אַז זיי זאָלן ביי אונדז ערגעץ וואַקסן! פאָלגט מיך, טאָוואַרישטש פּינגלי, — האָט מיכל פעסט געזאָגט, — שלאָגט זיך אַרויס פון קאָפּ אַזעלכע זאַכן! פרעגט נישט און מאָנט נישט, נישט קיין לימענעס, מאַראַנצן און באַנאַנעס! איך זאָג דאָס אייך ווי אַ פריינד. טוט פון זיך אויס אייערע ליכטיקע פּאַלעסטינער קליידלעך און טוט זיך אָן ווי אַן אונדזעריקע, אַ סאָוועטישע, און פירט זיך אויף סאָוועטיש, אויב איר ווילט לעבן און געזונט זיין. איך זאָג דאָס אייך, ווייל איר געפעלט מיר. דערציילט דאָס אָבער קיינעם נישט. מיר קענען נאָך ביידע ליידן... איך וועל זען. איך וועל זיך אַריינכאַפּן צו אייך נאָך היינט פאַרנאַכט צוזאַמען מיט מיין פרוי.

— מיט אייער פרוי?

איר שיינענדיק געזיכט איז טונקל געוואָרן. אין אירע בלויע אויגן האָבן זיך אָפּגעשיינט פּייערלעך פון קרישטאָל־ווייסע טרערן, וועלכע זי האָט מיט גוואַלד אין זיך איינגעהאַלטן און זיי נישט געלאָזט אַ פליס טאָן איבערן געזיכט. מיכל האָט דאָס באַמערקט. אים האָט באַנג געטאָן וואָס ער האָט מיט אַמאָל, צו גיך, אירע אילוזיעס צעשטערט. ער האָט זי אַ ריר געטאָן פאַר דער האַנט.

— אַנטשולדיקט, טאָוואַרישטש פּינגלי, וואָס איך האָב אייך אַביסל אָנגעשראָקן מיט מיינע רייד. עס איז אָבער נישט אַזוי געפערלעך ווי איך האָב דאָס געמאָלט פאַר אייך. איר האָט אין מיר אַ פריינד. און מיין פרוי, זי איז אַ רוסישע, זי פאַרשטייט נישט קיין יידיש, אָבער גלייבט מיר, זי קען זיין אַ גוטע חברטע. זי וועט אייך אויך העלפן!

אַ גאַנצן חודש האָט זיך מיכל אַרומגעטראָגן איבער דער שטאָט בירא־בידזשאַן און איבער דער גאַנצער געגנט. ער האָט באַזוכט אַלע שטעטלעך, אַלע דערפלעך און קאָלכאָזן. עס האָט אין אים געקעמפט דער געפיל פון שטאָלץ און נידערשלאָגנקייט. ער איז געווען צעריסן אין צווייען: אָט איז ער צופרידן געווען פון דעם געזעענעם און אָט איז ער פאַרשעמט געוואָרן פון עפּעס אַ דערשיינונג. פון איין זייט האָט מען געבויט און פון דער אַנדערער זייט האָט מען פאַרניכטעט. עס איז געווען שווער אין אַזאַ־אַ צושטאַנד צו שרייבן קאָרעספּאָנדענצן און אַרטיקלען און זיי שיקן קיין מאָסקווע פאַר די סאָוועטישע אויסגאַבעס. מען האָט געמוזט לויבן דאָס גוטע און פאַרשווייגן דאָס בייז. ער האָט זיך געמוזט ברעכן און זיך אונטערגעבן...

מיכל האָט באַזוכט דאָס דאָרף וואַלדהיים, אַ דאָרף וועלכעס איז געבויט

געוואָרן אין דער מיט פון אַ שטיק אויסגעהאַקטן ווילד־וואַלד, אין דער טײגע. אין דעם זעלבן טאָג איז אין דעם דאָרף אויך אָראָפּגעקומען אַ פאָ־טאָגראַף פון אַ באַרימטער סאָוועטישער צײטונג און ער האָט אויסגעזוכט דאָס שענסטע הילצערנע הויז וואָס איז מיט אַ רויט־געפאַרבטן בלעכענעם דאַך באַדעקט געווען. אין דעם הויז האָט געלעבט אַ ייִד אַ גביר, אַ געווע־זענער קצב פון אַן אוקראַיִניש־ייִדיש שטעטל. ער איז געקומען קיין ביראָ־בידזשאַן באַלד ביים אָנהייב, ער איז געווען איינער פון די גאָר ערשטע אי־בערוואַנדערער. ער מיט זיין ווייב און מיט זיינע דריי זין, הויכע ווי די סאָסנעס און געזונטע ווי די דעמבן, האָבן זיך די ערשטע באַזעצט אין דעם דאָרף וואַלדהיים און פאַר זיך אויסגעבויט אַ היים, אַ גרויס הויז. זיי האָבן געאַרבעט שווער און זיך דערוואָרבן אַ שיינעם נאָמען. אָט די־אָ משפחה ייִדישע קאָלכאָזניקעס האָט דאָס דער צײטונג־פאָטאָגראַף באַשטימט צו באַ־ווייזן פאַר די לייענער. מיכל האָט צוגעזען ווי אַזוי דער פאָטאָגראַף האָט די פראָסטע מענטשן אויסגעזעצט אַרום טיש, אויף וועלכן אַ סאַמאָוואַר איז געשטאַנען און געזעצט מיט אַ ווייסן דאַמף פון זודיקער וואַסער. אויפן טיש זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט גלעזער און טעלער מיט לעפל און גאָפּל. אין די טעלער זענען געווען אָנגעלייגט שטיקער ברויט, ווורשט און קאַר־טאָפל. פלוצים האָט דער פאָטאָגראַף אַ פרעג געטאָן:

— איר האָט עפּעס אַ מין גלעזערנע כלי אין וועלכער מען האַלט צו־קער? איך וויל אַז מען זאָל אין דער פאָטאָגראַפיע זען דעם צוקער דורך דער גלעזערנער כלי!

— אַ גלעזערנע כלי פאַר צוקער האָבן מיר, — האָט זיך די באַלעבאָס־טע, די ייִדישע קאָלכאָזניצע, אָפּגערופן, — אָבער קיין צוקער האָבן מיר שוין קיין צוויי חדשים פאַר אונדזערע אויגן נישט געזען.

— ס׳אַ קלייניקייט! — האָט דער פאָטאָגראַף געזאָגט, — שיט אָן זאַלץ אין דער גלעזערנער צוקער־כלי. אין דער פאָטאָגראַפיע, וועלכע וועט זיין געדרוקט אין צײטונג, וועט קיינער נישט דערקענען אַז דאָס איז נישט קיין צוקער.

די באַלעבאָסטע האָט אין דער גלעזערנער כלי אַריינגעשאָטן אַ פולע זשמעניע מיט זאַלץ און דאָס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. דער פאָטאָגראַף האָט אויסגעזעצט אַלעמען אין אַ פאָזיציע פון אַ פריילעך־געשטימטער און גליקלעכער סאָוועטישער דאָרפס־משפחה און ער האָט גענומען דאָס בילד.

אין דער זעלבער צייט האָט מען פון אַ שכנותדיקן הויז געהערט אַ גע־

וויין פון אַ פרוי מיט קינדער. מיכל איז אַריבער אין דעם הויז. עס איז געווען אַן אָרימע היים פון אַ יידישן קאָלכאָזניק, אַן אויסגעדאַרטן יונגן מאַן מיט אַ יונגער פרוי וועלכע איז געווען באַהאַנגען מיט שמאַטעס אָנשטאָט אַ קלייד. צוויי קינדער, כמעט אינגאַנצן נאַקעטע, האָבן זיך פאַר דער מורערס שמאַטעס געהאַלטן און געוויינט. דאָס גאַנצע הויז, וועלכעס איז באַשטאַנען נאָר פון צוויי צימערן, אַ שלאָף־צימער און אַ קיך, איז געווען צעוואָרפן. אויפן פאָל האָבן זיך געוואַלגערט ביכער און אויפגעריסענע און צעשמעטערטע קישנס, קאָלדרעס און מאַטראַצן. צוויי אָפיצירן פון דער געהיים־פאָליציי, די ג.פּ.או., האָבן גענישטערט אין יעדן ווינקל. ווען מיכל איז די שוועל אַריבערגעטראָטן, האָבן אים די פאָליציאַנטן באַגעגנט מיט אַ פייער פון נידערטרעכטיקע זידלערייען:

— ווער ביסטו? וואָס דאַרפסטו דאָ?

— געהערט אַ געשריי, אַ געוויין פון קינדער, בין איך אַריינגעקומען זען וואָס דאָ קומט פאָר! — האָט מיכל געזאָגט.

— נישט דיין זאַך! וואָן פון דאַנען! — האָט איינער פון די פאָליציאַנטן אויסגעשריגן.

— דיינע דאָקומענטן! — האָט אַ רעווע געטאָן דער צווייטער פאָליציאַנט און אַ כאַפּ געטאָן מיכלען פאַרן לאַץ פון זיין רעקל.

מיכל האָט באַוויזן זיינע פּאַפּירן און דערביי צוגעגעבן:

— איך בין דאָ אין אַ קאָמאַנדיראָווקע פון דעם צ.ק. פון דער פּאַרטיי. איך בין אַ שרייבער און אויך אַ קאָרעספּאָנדענט פון מאָסקווער צייטונגען.

— אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט! — האָבן זיך ביידע פאָליציי־אָפיצירן מיטאַמאָל אָפּגערופן. דערנאָך האָט איינער דעם אַנדערן איבערגעשלאָגן און זיך געוואָלט אויספּיינען פאַרן מאָסקווער גאַסט.

— מיר מאַכן אַן אונטערזוכונג אין דעם הויז.

— לויט אַ באַפעל פון דער הויפּט־מאַכט פון דער ג.פּ.או. טוען מיר דאָס.

— דאָ, אין דעם־אָ דאָרף איז פאַראַן אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע נעסט!

— דער־אָ מענטש, קוקט אים נאָר אָן, טאָוואַרישטש קרוגער, ווי ער שטייט דאָ אַ דערשלאָגענער, און דאָס ווייב מיט די קינדער גוואַלדעווען. ער איז אָבער נישט אַזאַ מין נעבעכל ווי ער זעט אויס. ער איז אַ געפּערלעכער סאַבאָטאַזשניק! די ג.פּ.או. איז נאָך צוריק מיט אַ יאָר געפאַלן אויף

זײַנע שפּורן, מען האָט אים אָבער געלאָזט אָנגײן מיט זײַן שעדלעכער טע־טיקײט ביז מיר וועלן זיך מער געהײמנישן דערוויסן.

— ס'אַ ליגן! — האָט פּלוצים דער דערשלאָגענער אָרימער קאָלכאָז־ניק אויסגעשריגן.

— און אַז דו ביסט געווען אַ מיטגליד פון דער קאָנטער־רעוואָלוציאָ־נערער אָרגאַניזאַציע „בונד", איז אויך אַ ליגן?

— יאָ, איך בין אַמאָל געווען אַ מיטגליד פון דעם „בונד", אָבער דאָס איז נאָך נישט קײן באַווײַז, אַז איך בין אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער!

— שווײַג! — האָט אײנער פון די פּאָליציאַנטן אויסגעשריגן.

— נײַן, נײַן, זאָל ער דערצײלן! — האָט דער צווײטער פּאָליציאַנט גע־זאָגט, — מיר האָבן דאָ אַן עדות, אַ שרײַבער, אַ קאָרעספּאָנדענט פון מאָס־קווע. זאָל דער טאָוואַרישטש קאָרעספּאָנדענט זען וואָס פאַר אַ קאָנט־עס מען האָט אַהער אַראָפּגעבראַכט און מען שטעלט זײ פאַר פאַר קאָלכאָזני־קעס! — און ער האָט מיט ביטול צוגעגעבן, — יידישע קאָלכאָזניקעס!... — און ער האָט פאַרענדיקט, — אַ יידישע מדינה ווילן זײ, די קאָנטרעס!...

מיכל האָט זיך נישט געוואַגט צו פאַרפירן מיט די צווײ רוסן, אָפיצירן פון דער געהײם־פּאָליצײ. דערפאַר האָט ער נאָר געזאָגט:

— עס וועט געוויס זײַן אַן אויספאָרשונג און אַ געריכט. דאַן וועט מען זען צי דער מענטש איז ווירקלעך אַזאַ פאַרברעכער ווי איר שטעלט אים פאַר.

— עס איז נישטאָ וואָס צו זען. מיר ווײסן שוין אַלץ, — האָט אײנער פון די צווײ געהײם־פּאָליציאַנטן פאַרזיכערט, — דער־אָ אויסוואָרף האָט דאָ אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישן ליבהאָבער־קרײַז, און אַזוי אַרום אַ פאַר־שטעלטע ציוניסטיש־בונדישע פּראָפּאַגאַנדע דאָ אײַנגעפירט. ער האָט דאָ אַפילו געוואַגט צו שטעלן אַ פּיעסע פון אַן אַמעריקאַנער בורזשואַזן שרײַ־בער וועגן דעם לעבן פון דעם פאַררעטער הירש לעקערט!

— וואָס? — האָט מיכל אויסגעשריגן און די בלוטן האָבן זיך אים אַ שפּאַר געטאָן צום קאָפּ. ער האָט אויפגעהויבן צווײ פויסטן און זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן... ער האָט אָבער באַלד זײַנע פויסטן אַראָפּגעלאָזט. דאָס בלוט איז פון קאָפּ צוריק אַראָפּגערונען און האָט אָנגעהויבן נאָרמאַל צו פונקציאָ־נירן. זײַן פּנים איז נאָך געווען בלאַס. ער האָט זיך קוים באַרויקט.

די צווײ ג.פּ.או.־אָפיצירן האָבן געוויס געמײנט, אַז מיכל האָט זיך גע־וואָלט אַרויפוואַרפן אויף דעם יידישן „סאַבאָטאַזשניק", וועלכער האָט זיך

פאַרשטעלט פאַר אַן ערלעכן און אָרימען קאָלכאָזניק און דערביי איז דער־אָ קאָלכאָזניק אַ ליבהאָבער פון טעאַטראַלער קונסט און דערפאַר האָט ער דאָ אָרגאַניזירט אַ דראַם־קרייז!

דער דערשלאָגענער ייִדישער יונגערמאַן, וועלכער האָט געוווּסט, אַז באַלד וועלן אים די פּאָליציאַנטן פון זיין היים און פון זיין ווייב און קינדער אַוועקשלעפּן, אים פאַרפירן צו דער ג.פּ.או. און אים דאָרטן אין אַ פינצ־טערער און נאַסער קאַמער אַריינוואַרפן, ער האָט זיך אין דער צייט נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דער־אָ בלאָנדלעכער, שיין־געקליידטער בחור, וואָס איז אויף די קולות און גוואַלדן פון זיין ווייב און קינדער אַריינגעקומען אין זיין אָרימער שטוב אַ קוק צו טאָן וואָס דאָ קומט פאָר, איז גאָר אַ ייִד און דערצו נאָך מיט אַ האַרץ, מיט אַ נשמה און מיט מענטשלעכע געפילן און מיט אַ פאַרשטענדעניש צו די ליידן פון אַנדערע מענטשן. ער האָט נישט געוווּסט, אַז מיכל ווייסט דיווירקלעכע געשיכטע פון דעם העלדישן ייִד הירש לעקערט, וועלכער איז, ביז די באָלשעוויקעס זענען צו דער מאַכט געקומען, פאַררעכנט געווען אַלס אַ רעוואָלוציאָנער־אידעאַליסט, און וועלכן די צאַרישע רעגירונג האָט אויפגעהאנגען. ער האָט געצווייפלט צי די פויסטן, וואָס מיכל האָט באַוויזן, זענען געווענדט קעגן אים אָדער קעגן די פּאָליציאַנטן.

מיכל איז אַרויס פון דער שטוב. באַלד נאָך אים האָבן זיך אַרויסגע־לאָזט פון דער שטוב די צוויי פּאָליציי־אָפיצירן מיט זייערע נאַגאַנען אין די הענט. פאָרויס איז דער אַרעסטירטער קאָלכאָזניק געגאַנגען. זיי זענען אַרומ־געגאַנגען דאָס הויז אונטן אַרום, ווו דער אויטאָמאָביל פון דער ג.פּ.או. איז געשטאַנען. עס האָט זיך געהערט דער בייזער ברום פון דעם אָפּפאָרנדיקן שוואַרצן אויטאָמאָביל, וועלכער האָט אַ נייעם קרבן צו דער שחיטה געפירט. די פרוי און די קינדער אין דעם אָרימען הויז האָבן שטיל געכליפּעט. עס איז שוין געווען איבעריק אין דער הויך צו שרייען און צו קלאָגן. אויב זיי האָבן נישט געוווּסט, האָבן זיי דאָס געוויס געפילט: די ג.פּ.או. נעמט לייכט צו אַ מענטשן, אָבער צוריקגעבן, גיט זי שווער און זעלטן.

נאָך דער געשעעניש אין דעם דאָרף וואַלדהיים האָט מיכל אַ צייט נישט געקענט שרייבן. די פען האָט זיך אין זיין האַנט נישט געהאַלטן. און דער־ווייל זענען פון די מאָסקווער צייטונגען און זשורנאַלן, — פאַר וועלכע ער האָט זיך אַראַנזשירט צו שרייבן און פאַר זיי צושטעלן מאַטעריאַל: קאָרעס־פּאָנדענצן, אַרטיקלען און קינסטלערישע רייזע־באַשרייבונגען, — צו אים

אָנגעקומען טעלעגראַמעס מיט פאָדערונגען: „שיקט אונדז מאַטעריאַל, מיר זענען פאַראינטערעסירט אין אייערע קאָרעספּאָנדענצן וועגן דער בויונג פון סאָציאַליזם אויפן סאָוועטישן ווייטן מזרח. מיר וועלן גוט צאָלן, שרייבט״.

און מיכל האָט זיך אָנגענומען מיט האַרץ און ער האָט געשריבן, און זיין שרייבעכץ הענדום־פּענדום אָפּגעשיקט מיט לופטפּאָסט קיין מאָסקווע.

.42

פון דעם האָטעל האָט זיך מיכל אַרויסגעצויגן. און כאָטש אויפן דיס־קאָנט פון די פּאַרטיי־קאָמוניסטן איז ער דאָ געווען פאַררעכנט נאָר אַלס ציטווייליקער איינוווינער, האָט מען אים דאָך צוגעטיילט אַ דריי־צימער־דיקע דירה אין דעם נייעם הויז וואָס מען האָט אויסגעבויט פאַר די עט־לעכע שרייבער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ביראָבידזשאַן.

אין דעם הויז האָבן געוווינט די יידישע שרייבער מענדל ריץ, פּייוול דאַלין און דער קריטיקער שלמה קאַלטער, ווי אויך דער רוסישער שריי־בער סערגעי קופּעץ און דער פּאַרוואַלטער פון דער ביראָבידזשאַנער ראַ־דיאָ־טראַנסלייטונג לעאָן קאַלקער. דער גרויסער שריפטשטעלער דניאל שטערנפעלד האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ דירה אין דעם שרייבער־הויז און ער איז פאַרבליבן אין דעם האָטעל. ער האָט געזאָגט, אַז ער גרייט זיך בויען אַ הויז פאַר זיך אַליין און דערפאַר וויל ער נישט פאַרנעמען קיין דירה, אין וועלכער אַן אַנדער שרייבער קען וווינען. אַלע האָבן געוווסט, אַז דאָס איז נישט אמת. קיינער האָט קיין שום אַכט נישט געלייגט אויף זיינע רייד און מען האָט אַלע זיינע נאַרישע זיטן און פעלערן, אינטריגעס און ליי־בעס אים מוחל געווען וויל: „ער איז דאָך פאָרט אַ גרויסער שרייבער״.

מיטן רוסישן שרייבער סערגעי קופּעץ האָט זיך מיכל באַפריינדעט. פאַרשטייט זיך, אַז סערגעי קופּעץ, וועמענס אמתער נאָמען איז גאָר געווען קירילאָ מאַטוסענקאָ, האָט זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז דער־אָ באַ־שיידענער רוסישער שרייבער מיכאַיל קרוגער איז גאָר אויך אַמאָל, אַזוי ווי ער, געווען אַרעסטירט און איז געזעסן אין דער טורמע פון דער אָדעסער „טשע־קאַ״ און דאָרט אויפן געריכט פון דער „טרויקע״ זענען זיי ביידע געשטאַנען צוזאַמען מיט נאָך צוויי, אַ מיידל און אַ מאַן, און זיי האָבן גע־וואַרט, יעדער איינער, אויף אַן אורטייל. סערגעי קופּעץ איז דאַן געווען אַזוי־פאַרטאָן מיט זיך זעלבסט, אַז ער האָט נישט געקענט זיך אַרומקוקן אויף

די אַנדערע אומגליקלעכע אַרעסטאַנטן וואָס זענען דאָן לעבן אים געשטאַ־נען. און וואָלט ער אַפילו דאָן מיכלען באַמערקט, וואָלט ער דאָך אים איצט סיי־ווי־סיי נישט דערקענט, ווייל דאָן איז דאָך מיכל געווען אַ זיבעצן־יאָ־ריק ייִנגל און איצט איז ער אַ מאַן, אַ מענטש מיט אינטעליגענטישע זיטן און מיט טאַקט אין לעבן. און חוץ אַלעמען זענען דאָך זינט דאַן אַזויפיל וואַסערן אָפּגעפלאָסן. יאָר־איין יאָר־אויס, זינט דאַן, מוזן זיך ביידע, סיי מיכאַיל קרוגער און סיי סערגעי קופּעץ, טובלען און רייניקן און באַווייזן זייער געטריישאַפט דורך זייער שרייבערישן טאַלאַנט און אויספילן יעדן באַפעל און באַשטעלונג וואָס די סאָוועטן־מאַכט גיט זיי, ווייל צו דער מאַכט זענען זייערע נשמות פאַרקויפט.

אַן אומדערוואַרטע איבערראַשונג איז אָבער געווען פאַר מיכלען זיך צו טרעפן דאָ מיט לעאָן קאָלקערן.

עס איז געווען נישט פאַרשטענדלעך ווי אַזוי אַ פּראָסטער יונג פון דער אָדעסער שניידער־פאַבריק האָט זיך מיטאַמאָל, איינס און צוויי, דערהויבן צום אַמט פון אַ פאַרוואַלטער פון אַ ראַדיאָ־סטאַנציע, וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען אָנצופירן מיט די פּאָליטישע, ליטעראַרישע און קינסטלע־רישע פּראָגראַמען, וועלכע זענען טראַנסמיטירט געוואָרן אין ייִדיש און אין רוסיש. וואָס האָט דען געוווּסט דאָס קליינע מענטשל מיט זיינע שווינדלע־רישע און אַוואַנטוריסטישע געגנגלעך וועגן ראַדיאָ־פּראָגראַמען, וועגן לי־טעראַטור און קונסט? מיכל האָט דאָך גוט געוווּסט וואָס פאַר אַ פאַרשויין דער־אָ לעאָן קאָלקער איז. ער, דער פון פוילן אַנטלאָפענער שניידער, האָט דאָך אין זיבען געהאַט נאָר זיך. ער האָט דאָך געקענט אַ וועלט מיט די פיס צעטרעטן אויב נאָר פון דעם וועט אים אַ טובה אַרויסקומען. ער האָט מיכ־לען באַגעגנט גלייך ווי ער וואָלט געווען מיכלס אַן אַלטער גוטער פריינד, אים אַרומגעכאַפּט קושן און אויסגעשריגן:

— גוט, מיכאַיל, וואָס דו ביסט אויך אין ביראָבידזשאַן. אַזעלכע מענטשן ווי דו דאַרפן מיר דאָ!

— איך בין אָבער דאָ נאָר צייטווייליק, — האָט מיכל אָפּגעענטפערט און איז געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט ווייסנדיק ווי אַזוי זיך צו באַציִען צו אים נאָך אַזאַ־אָ וואַרימער פריינדלעכקייט מיט וועלכער יענער האָט אים באַגעגנט.

— נאָר צייטווייליק? — האָט קאָלקער זיך געוווּנדערט, — אָ, דו וועסט שוין דאָ בלייבן. יעדער איינער וואָס קומט אַראָפּ קיין ביראָבידזשאַן ווערט

פֿאַרליבט אין דער געגנט. זע נאָר, מיכאַיל, אָט די־אָ זון! האָסט דען אין אָדעס צי אין מאָסקווע געזען אַזאַ גרויסע און שײנע זון? און הײַנט די וועלדער און די סאָפּקעס! זע ווי עס בליט און שײַנט דאָ.

— יאָ, די נאַטור איז דאָ שײן, עס איז אַ בראשיתדיקע שײנקײט! — האָט מיכל אויך צוגעשטימט.

— האָסט חתונה געהאַט, מיכאַיל, האַ? מײַן ראָזאַ האָט מיר דערצײלט, אַז זי האָט זיך שוין אַפֿילו באַקאַנט מיט דײַן ווײַבל, אַ שײן ווײַבל, אַ רוסישע. אָבער וואָס מאַכט דאָס דען? אַלע מענטשן פֿון אַלע נאַציאָנען זענען דאָך גלײַך! נו, זעסטו, מיכל, האָסט זיך נישט באַדאַרפֿט נאָכיאָגן נאָך בערטאַן. זי איז טאַקע אַ ווויל מײדל געווען, אָבער שטרײַטן איבער איר האָט זיך נישט געלוינט. איך זאָג דאָס דיר, כאָטש זי איז מײַן שוועגערן. גלײב מיר, עס זענען פֿאַראַן אַ סך שײנע מײדלעך אויף דער וועלט און שלאָגן זיך איבער זײ לוינט זיך נישט.

— פֿילײַכט האָסטו רעכט, לעאָן!

— כאַפּ זיך צו מיר אַרײַן, מיכאַיל, מיר לעבן דאָך אין אײן הויז, מיר זענען שכנים!

— גוט, לעאָן, איך וועל אַרײַנקומען צו דיר אין אַ פֿרײַעם אָוונט. אָבער זאָג מיר נאָר, ווי אַזוי איז דאָס געשען, דו האָסט זיך אַלײן געבעטן, אַז מען זאָל דיך שיקן קײן ביראָבידזשאַן צי מען האָט דיך קעגן דײַן ווילן אַהער געשיקט? און נאָך עפּעס, ווי אַזוי קומסטו צו פֿאַרנעמען אַזאַ אַמט ווי אַ פֿאַרוואַלטער פֿון דער היגער ראַדיאָ, מען האָט דיך געשיקט זיך לערנען אויף ספּעציעלע קורסן פֿון ראַדיאָ־אָנפֿירער?

— עס איז גאָר אײנפֿאַך פֿאָרגעקומען, — האָט קאָלקער מיט אַ געלעכטער אַרויסגערעדט באַרימעריש, — אין אָרדענונג מיט דער באַשטימונג פֿון דער פּאַרטײ, אַז מען זאָל אַרויסרוקן אַרבעטער און איבערהויפּט סטאַכאַנאָווצעס אויף פֿאַראַנטוואָרטלעכע און אָנפֿירנדיקע שטעלעס, האָט די פּאַרטײ מיך פֿון דער אַרבעט אַראָפּגענומען און מיר באַפֿוילן צו פֿאָרן אַהער, קײן ביראָבידזשאַן צו פֿאַרנעמען אַן אָנפֿירנדיקע פּאָזיציע. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל דאָ ווערן אַ דירעקטאָר פֿון אַ שנײַדער־פֿאַבריק. דו ווײסט דאָך, מיכאַיל, אַז אין די אויגן פֿון די אַרבעטער איז אַ דירעקטאָר אַ ביז גאָר וואַזשנער קאָמיסאַר! אָבער דאָ, ווען איך בין אַהער געקומען, האָט מען געהאַט אויסגעבויט אַ ראַדיאָ־סטאַנציע און מען האָט אָרגאַניזירט טעגלעכע טראַנסמיסיעס, פּאַרשטײסט, טעגלעכע נײַעס, מוזיק, גע־

זאַנגען און פּאָליטישע שמועסן... האָט מען מיך באַשטימט אָנצופירן מיט דער־אָ אַרבעט. פון אָנהייב־אָן האָב איך זיך טאַקע געשראָקן, ווייל איך האָב נישט געפילט, אַז איך וועל זיך אויסטויגן פאַר אַזאַ־אָ אַמט. אָבער ווייסט דאָך, מיכאל, אַז די פּאַרטיי באַפעלט, מוז מען פאָלגן. עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך וואָס אַ קאָמוניסט זאָל נישט קענען אויספילן. אָט נעם אַ שטייגער מיין שוואָגער, בען־אַלין, אַ פּראָסטער זשלאָב, אָבער אַן אמתער קאָמוניסט, אים האָט מען אָנפאַרטרויט הויכע פּאָסטנס נאָך איידער די קאָמפּאַניע פון אַרויסשיקן פּראָסטע אַרבעטער אויף הויכע און אָנפירנדיקע שטעלעס האָט זיך אָנגעהויבן.

— יאָ, איך ווייס דאָס! — האָט מיכל געזאָגט, — בען־אַלי פליט צו הויך!...

מיכל האָט איינגעזען, אַז דער־אָ קאָלקער איז דאָ זייער צופרידן מיטן לעבן. ער איז דאָ אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט און כמעט אַ וואַזשנער קאָמיסאַר. מיכל האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט זיך באַמיִען צו ווערן מער פריינדלעך מיט אים וועט ער דורך אים קענען באַקומען זייער פיל נייטיקע און אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציעס, וואָס וועלן אים צונוץ קומען פאַר זיין שרייבערישער טעטיקייט. קאָלקערן איז אָבער מיכלס אויסדרוק, אַז „בען־אַלי פליט צו הויך" זייער שטאַרק אָנגעגאַנגען. און ער האָט דערפאַר זיך אָפּגערופן:

— וואָס האָט אים דען געפעלט, בען־אַלין? געלט האָט ער געהאַט גענוג. זיין דירה איז געווען אויסגעשטאַט רייך ווי ביי אַ בורזשוי. דאָס וויבל איז יונג און שיין. און די צוויי קינדערלעך, אַ יִנגעלע — שוואַרץ און מיאוס אָבער חנוודיק — און אַ מיידעלע — שיין ווי די מוטער. דאַרף אָבער טרעפן, אַז די נאַרישקייט וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעטאָן יִנגלוויז זאָל אים אויספאַלן באַקעם!...

— וואָס איז דען? — האָט מיכל זיך פאַראינטערעסירט.

— געדענקסט דאָך, אַז ער האָט געביטן זיין יִדישן נאָמען יונה אויף דעם טאָטערישן בען־אַלי.

— נו, איז וואָס? — האָט מיכל אומגעדולדיק געוואָלט וויסן וואָס עס איז געשען.

— נו, איז אָט וואָס! — האָט קאָלקער סאַרקאַסטיש אָנגעהויבן צו דער־ציילן, — אין איינעם אַ שיינעם טאָג האָט מען אים אַרויסגערופן אין פּאַר־טיי־קאָמיטעט און מען האָט אים געמאָלדן, אַז מען באַשטימט אים אויף אַ

העכערן פּאָסטן. מען שיקט אים קיין קאַזאַן, אין דער הויפּטשטאָט פון דער טאָטערישער אויטאָנאָמער רעפּובליק, כּדי צו פאַרנעמען דאָרט דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דער טאָטערישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי!

דערהערנדיק דאָס האָט מיכל אויסגעזעצט אַ געלעכטער. ער האָט אַזוי געלאַכט, אַז טרערן האָבן זיך אים אַזש באַוויזן אין די אויגן. אָבער לעאָן קאָלקער האָט אים לאַנג לאַכן נישט געלאָזט. ער האָט איצט ערנסט געזאָגט:

— עס איז געווען אַ טראַגעדיע און נישט קיין געלעכטער! בען־אַלי האָט דאַן דערקלערט, אַז ער איז נישט קיין טאָטער, ער איז גאָר אַ ייִד, און ייִנגלוויז, ווען ער איז געווען אין דער קאַזאַקישער דיוויזיע פון דער רויטער אַרמיי האָט ער זיין נאָמען און נאַציאָנאַליטעט געביטן, ווייל עס איז דאַן, אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע, געווען אַזאַ מאָדע... פיל יונגעלייט, וואָס זענען געוואָרן קאָמוניסטן האָבן זייערע נעמען געביטן און ער האָט זיי נאָכגעטאָן. עס האָט אָבער גאָרנישט נישט געהאָלפן. אַ באַפעל איז אַ באַפעל. אויף זיינע דערקלערונגען, אַז ער קען דאָך נישט רעדן קיין טאָטעריש, האָט מען אים געענטפערט, אַז די פירנדיקע שפּראַך אין אַלע רעפּובליקן איז רוסיש. קורץ: בען־אַלי האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן פון אָדעס און זיך אַריבערפעקלען מיט זיין ווייב און קינדער קיין קאַזאַן. די ערשטע צייט האָט ער זיך דאָרט אַזוי אָנגעליטן, אַז ער האָט זיך שיר דאָס לעבן גענומען! שטעל זיך פאָר, מיכאַיל, ווי דער סעקרעטאַר פון דער טאָטערישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי קען זיך נישט צונויפרעדן מיט די פּאַרטיי־מיטגלידער פון די קלענערע שטעט, פון די דערפער און קאָלכאָזן. ער מוז האָבן לעבן זיך אַ שטענדיקן איבערזעצער!

— איך בין אים נישט מקנא! — האָט מיכל געזאָגט.

—ער איז אָבער גאָר נישט אַזאַ נאַר, אַז ער זאָל זיך לאָזן אין אַלץ טיף אַריינטראַכטן, איבערטראַכטן און מאַכן אויספירן. זיין ווערטל איז געווען, אַז „אַ פיש זוכט וואָס טיפער און אַ מענטש זוכט וואָס גרינגער". האָט ער זיך אַן עצה געגעבן. ער האָט באַפוילן, אַז די טאָטערן זאָלן זיך לערנען מערער רוסיש ווי טאָטעריש. ער האָט באַשולדיקט עטלעכע אָנפירנדיקע טאָטערישע קאָמיסאַרן אין אַ טאָטערישן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם. מען האָט עטלעכע טאָטערישע קאָמיסאַרלעך פון זייערע אַמטן אַראָפּגעזעצט און אייניקע האָט מען אַפילו ווי שאָוויניסטן און פאַרבינדעטע מיט די אויסלענדישע מוסולמענישע שפּיאָנען אַרעסטירט, און...

— יאָ, איך האָב געלייענט וועגן דעם מוסולמענישן שאָוויניזם אין קרים, קאַווקאַז, קאַזאַן און אין די רעפּובליקן פון דעם געוועזענעם טור־קעסטאַן, — האָט מיכל געזאָגט און צוגעגעבן, — אָבער אַ שטעקן האָט דאָך צוויי עקן. היינט באַשולדיקט בען־אַלי אַנדערע אין טאַטערישן שאָוויניזם, און מאָרגן וועלן אים אַנדערע באַשולדיקן אין גרויס־רוסישן שאָוויניזם!

— דו מיינסט אַזוי? — האָט לעאָן תמעוואַטע זיך געמאַכט, גלייך ווי ער האָט גאָר נישט געוווּסט, אַז אַזוי גייט עס שוין אַן פון אַ לענגערער צייט.

מיכלען האָט שוין באַנג געטאָן וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ פּאָר איבעריקע ווערטער. ער האָט זיך באַלד פאַרענטפערט:

— ניין, איך מיין גאָרנישט! נאַרישקייטן. נעם נישט ערנסט מיינע רייד.

ביי דעם פונקט האָט לעאָן דערפילט, אַז פון איצט אַן האָט ער די אױ־בערהאַנט איבער מיכלען. ער האָט עס אָבער נישט אַרויסגעוויזן. ער האָט נאָר געזאָגט:

— נו, כאַפּ זיך אַריין צו מיר. קום מיט דיין ווייבל. מיין ראָזאַ וועט זיין צופרידן אייך צו האָבן פאַר געסט. זיי נישט פרעמד מיט אונדז, מיכאַ׳ל! און אין ראַדיאָ כאַפּ זיך אויך אַריין. גיב עפּעס צום פאַרלייענען, עפּעס אַ קליינע דערציילונג. מיר צאָלן גוט! כמעט אַלע שרייבער טרעטן דאָ אַרויס אויף ראַדיאָ פון צייט צו צייט!

— איך וועל אַ טראַכט טאָן! — האָט מיכל געענטפערט און זיך מיט אים געזעגנט.

מיט די איבעריקע שרייבער וואָס האָבן געוווינט אין דעם ניי־אויסגע־בויטן שרייבער־הויז האָט זיך מיכל געהאַלטן אָפּגעפרעמדט אָבער פריינד־לעך.

דער שרייבער פייוול דאַלין איז געווען אַן אַנגעכמורעטער יונגערמאַן מיט אַ פּאָר צעוואַקסענע אין דער ברייט קינבאַקן ווי ביי אַ מאַנגאָל. זיין קול איז געווען אַ שווערס ווי פון איינעם וואָס האָט געכאַפּט אַ צוקילעכטס. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן שרייבער און אַלע אַנדערע פאַר מינ־דערוויכטיקע. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע פיינדשאַפט צו יעדן איינעם וואָס האָט געהאַט אַרויסגעלאָזט עטלעכע ביכער און האָט זיך דערצו נאָך זייער אָפט געדרוקט אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן. אַזוי ווי ער האָט גערעדט שווער, אַזוי האָט ער אויך געשריבן שווער און לאַנגזאַם. פאַר דריי יאָר צייט וואָס ער איז געזעסן אין ביראָבידזשאַן האָט ער געהאַט אָפּגעדרוקט

אין אַ ליטעראַרישן זשורנאַל נאָר איין דערציילונג פון זעקס און דרייסיק זייטלעך און די־אַ דערציילונג דערנאָך אין פאָרעם פון אַ קליין ביכל אַרויס־געלאָזט. ער האָט געהאַלטן, אַז זיין דערציילונג איז זייער אַ וויכטיקע און פון גרויסן קינסטלערישן באַטייט. ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט מיכלען האָט ער אים באַלד אַריינגעזאָגט מיט זיין וואָרטשענדיקן צוגעקילטן קול:

— איר זיינט דאָך אַ רוסישער שרייבער, איז וואָס זיינט איר אַהער געקומען? מאָסקווע איז אייך קאַרג, איר לויפט, די גאַנצע וועלטווילט איר פאַרכאַפּן!

מיכל האָט גוטמוטיק און אונטערקויפּנדיק צו אים געלאַכט.

— טאָוואַרישטש דאַלין, איך קלייב זיך דאָ מיט קיינעם נישט צו קאָנ־קורירן!

אָבער פּיוול דאַלין האָט מיט זיין קרענקלעך קול ווידער געבורטשעט:

— מען שרייבט, מען שרייבט אַ סך. מען באַקט בייגל. אויף אַ דער־ציילונג מוז מען אַרבעטן, אַ סך אַרבעטן, שווער אַרבעטן. איך זיץ אָפּ טעג איבער איין וואָרט, גאַנצע טעג איבער איין וואָרט, און זיי, די אַנדערע מאַכן דאָס גיך־גיך, מען לאָזט אַרויס ביכער איינס נאָכן אַנדערן, מען דרוקט ראָ־מאַנען איינעם נאָך דעם אַנדערן!

מיכלען איז דער וואָרטשענדיקער שרייבער באַלד נישט געפעלן גע־וואָרן. ער האָט געפילט, אַז מיט אים וועט ער שוין קיין חבר און קיין פריינד נישט זיין. דאָך האָט ער אים פאַר העפלעכקייט געפרעגט:

— איר זיצט שוין דאָ לאַנג, טאָוואַרישטש דאַלין, דאַכט זיך דריי יאָר... נו, פאַר די דריי יאָר האָט איר דען נישט אָנגעשריבן כאָטש אַ צען דער־ציילונגען? ווי איך האָב געהערט, גיט אייך די רעגירונג אַ פּענסיע כדי איר זאָלט קענען זיצן און שרייבן און שאַפן!

— פאַרשטייט זיך, אַז די רעגירונג גיט מיר אַ פּענסיע. איך בין קראַנק, אַ האַרץ־פעלער האָב איך, צאָלט מיר די רעגירונג. מיט מיין שרייבן האָט דאָס נישט צו טאָן. איך בין אַ קינסטלער און איך שרייב פּאַוואָליע און באַ־טראַכט!...

— מיין גאָט! — האָט מיכל אומגעדולדיק אויסגעשריגן, — אַ מענטש האַלט זיך פאַר אַ שרייבער, פאַרנעמט נישט קיין שום פּאָסטן, אַרבעט אין ערגעץ נישט, זיצט אין דער היים און שאַפט, און וואָס האָט ער אָנגעשריבן פאַר דריי יאָר? אַ קליינע דערציילונג פון זעקס און דרייסיק זייטלעך! טאָל־סטאָי און דאָסטאָיעווסקי, באַלזאַק און עמיל זאָלאַ זענען דאַכט זיך אויך

געוועזן גרויסע קינסטלער און דאָך האָבן זיי אין די צענדליקער און אין די הונדערטער ראָמאַנען, נאָוועלן און דערציילונגען אַרויסגעגעבן. און איר זאָגט, אַז די וואָס דרוקן זיך אָפּט באַקן בייגל? מען זאָל אַפילו נאָר איין זייטל אַ טאָג אָנשרייבן קען מען דאָך אויך יעדן יאָר, ביי גוטע באַדינגונגען, אַ בוך אַרויסלאָזן!

— אַך, איר זיינט פּונקט ווי אַלע אַנדערע! — האָט דאָלין זיך אַ בייזער געטאָן.

נאָך דעם געשפּרעך האָט שוין מיכל מיט אים מער קיין שמועסן נישט פאַרפירט. ער האָט זיך געמיט אויסצומיידן דעם־אָ קרענקלעכן מענטשן, וואָס האָט יעדן איינעם געהאַסט און נאָר פון זיך אַליין געהאַלטן.

דער שרייבער מענדל ריץ איז געווען אַ קליין־וווקסיקער, מיט אַ פאַר־שפּיצט קעפּעלע און מיט אַ פּאָר קליינינקע גיך־גיך לויפנדיקע גרינע איי־געלעך. גערעדט האָט ער מיט אַ קוויטשל און אויך גיך־גיך. ער איז גראָד געווען אַ פיינער און אַ פעיִקער שרייבער. ער האָט געשריבן גרינג און גיך, אַרויסגעוויזן סימנים פון אַ היפּשן טאַלאַנט. ער האָט זיך געפרוווט חברן מיט מענטשן וועלכע ער האָט געפילט, אַז זיי זענען זיין גלייכנס. ער האָט זיך אָבער געשטופּט מיט זיינע קליינע און שפּיציקע עלנבויגנס צווישן מענטשן און שטענדיק זיך דורכגעשטופּט פאָרויס צו דער בינע, צום פּרע־זידיום, אויבן־אָן, אויף אַ פּלאַץ ווו מען זאָל אים אַרויסזען. ער האָט ליב געהאַט צו האַלטן פייערדיקע רעדעס און דערביי אונטערטאַנצן און פאַר־גלאָצן די אויגן. זיין שטופּן זיך, זיין איינלייגן וועלטן כדי צו זיין אויבן־אָן, העכער פון די געוויינטלעכע מענטשן וואָס זיצן אויף די מיטינגען און פאַר־זאַמלונגען, האָט געשלאָגן צום האַרצן. ער האָט אין דער ראַדיאָ פאַרנומען דעם אַמט אַלס רעדאַקטאָר פון די ליטעראַרישע טראַנסלייטונגען. צום פאַר־וואַלטער פון דער ראַדיאָ־סטאַנציע, צו לעאָן קאָלקערן, האָט ער אַרויפגע־קוקט מיט פאַרליבטע אייגעלעך, אים פאַרלאָפן דעם וועג, אים אונטערגע־טראָגן אַ שטול, כאָטש אין האַרצן האָט ער געטראַכט, אַז דער־אָ שניידער־יונג איז אַ גראָבער נפש, און ווען נאָר ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט האָט ער אים באַרעדט:

— אין פּוילן איז ער דאָך געווען אַ פאַבריקאַנטל, געהאַט אַן אייגן שניידעריש פאַבריקל און ער האָט דאָרט עקספּלאָאַטירט זיינע אַרבעטער, און דאָ איז ער געקומען, געוואָרן אַ קאָמוניסט און דערצו נאָך אַ גרויסער קאָמיסאַר!...

לעאָן קאָלקער האָט זיך דערוווּסט, אַז מענדל ריץ באַרעדט אים. ער האָט אָבער איצט שוין מער קיין מורא נישט געהאַט פֿאַר קײנעם... קײנער האָט נישט געוווּסט די אורזאַך פֿאַרוואָס קאָלקער איז מיט זיך אַזוי זיכער, דאָך האָט ער נישט געוואָלט, אַז מענדל ריץ זאָל אים אויף ווײַטער נאָך אַלץ באַרעדן. דערפֿאַר האָט ער איצט אָנגעהויבן אַ קאָנטער־אַטאַקע. ער האָט שטילערהייט צעפּויקט פֿאַר אַלעמען די טונקעלע פֿאַרגאַנגענהייט פֿון דעם שרײַבער מענדל ריץ. ער האָט דערציילט:

— וואָס מאַכט ער זיך, אַז ער איז אַ סאָוועטישער געבוירענער. ער איז דאָך געבוירן און געוואַקסן אין פּוילן, אַזוי ווי איך. אָבער איך האָב אָפֿן דערקלערט, אַז איך בין אומלעגאַל די גרענעץ אַריבערגעלאָפֿן, און ער באַהאַלט דאָס אויס! וואָס מיינט ער, איך געדענק דען נישט ווען ער איז אַ ציוניסט אין וואַרשע געווען? איצט איז ער אַ קאָמוניסט און ער באַהאַלט אויס זײַן פֿאַרגאַנגענהייט. נישט גוט אַזוי!...

— ווען מענדל ריץ האָט זיך דערוווּסט, אַז זײַן באַלעבאָס, לעאָן קאָל־קער דערציילט פֿאַר אַלעמען אויס זײַן סוד, איז ער מיט ווײַב און קינד אַוועק צו אים אַהיים און זיך בײַ אים געבעטן רחמים: — לאָמיר מאַכן שלום!

מען איז צוריק געוואָרן די בעסטע פֿרײַנד. אײנער דעם אַנדערן האָט געלויבט ביזן הימל אַרײַן.

אַזוי האָט דאָס געמוזט זײַן ביז אַ באַשטימטער צײַט...

מיכלען האָט געאײַבלט פֿון דעם „גערעדט און געזאָגט". ער האָט זיך געהאַלטן פֿון דער ווײַטנס. די פּליאָטקעס און באַרעדערײַען זענען אים נישט געווען צום האַרצן.

אויך דער ליטעראַטור־קריטיקער שלמה קאַלטער איז מיכלען געווען פֿריקרע. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַ פּאָר רויטע בעקעלעך, אַ גע־פּיעסטשעטער ווי אַ מאַמעס זינדל, אַזאַ אײנער וואָס מען האָט ליב געהאַט צו רופֿן „זיידענער יונגערמאַנטישק". ער איז געווען אַ שטילער און אַ באַ־שיידענער, אַן אויסגעפּוצטער און אַ שטענדיק שמעקעוודיקער. ער איז אַמאָל געווען אַ פֿאַריקמאַכער, ער האָט געגאָלט בערד, געשוירן האָר פֿון די קעפּ און געמאַכט פֿריזורן איבער די האָר פֿון קלײנשטעטלדיקע מיידלעך. ווי אַזוי ער איז פֿון אַ פֿאַריקמאַכער געוואָרן אַ ליטעראַטור־קריטיקער האָט קײנער נישט געוווּסט. זײַנע קריטיקן איבער ביכער און איבער טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען זענען געווען פּלאַכע און אומבאַטעמטע. דאָך האָט ער גע־

האָט מזל. מען האָט אים גערן געדרוקט אין יעדער צייטונג אין אין יעדן זשורנאַל, כאָטש מיט זיין מיינונג האָט זיך קיינער נישט גערעכנט.

גערעדט האָט שלמה קאַלטער זייער ווייניק. מען האָט זעלטן געהערט זיין קול. ער איז שטענדיק געזעסן אין שטוב און זעלטן זיך באַוויזן אויף דער גאַס. דער איינציקער מענטש מיט וועמען ער האָט זיך געחברט און פון וועמען ער האָט געהאַלטן אַ וועלט איז געווען מענדל ריץ. מען האָט געשמועסט, אַז זיי קענען זיך ביידע פון אַמאָל און אַז זיי ביידע זענען איינ־צייטיק פון פוילן אַוועק און דאָ אין דעם סאָוועטישן פאָטערלאַנד אַ היים פאַר זיך געפונען. שלמה קאַלטער האָט די קלאַנגען אָפּגעוואָרפן. ער האָט שטיל, באַלעבאַטיש און טרויעריק געזאָגט:

— איך בין געבוירן געוואָרן אין קיִעוו און איך בין גאָר קיין מאָל אין פוילן נישט געווען.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס מאָל האָט דאָס „זיידענע יונגערמאַנטשיקל" געזאָגט אַ ליגן.

צו דער ליטעראַרישער משפחה איז נאָך צוגעקומען דער רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער יידישער צייטונג, לייב קאַזעקמאַן. דאָס איז געווען אַ הויכער ייִד מיט אַ גרויער טשופּרינע געקרייזלטע האָר און מיט אַ פּאָר קלו־גע און כיטרע אויגן וועלכע זענען געווען פול מיט גלוסטעניש... ער איז געווען אַ קלוגער מענטש און אַ גוטער רעדאַקטאָר. זיין אומגליק איז אָבער געווען וואָס ער האָט געהאַט אַ קראַנקע ווייב צו וועלכער ער האָט שוין קיין שום געפילן נישט געהאַט, און דערפאַר, אַז ער האָט אַריינבאַקומען אין דעם שטאַב פון זיינע מיטאַרבעטער אַ מיידל אָדער אַ יונג ווייבל, האָט ער שוין געפונען אַ „כישוף" אַזאַ, אַז כאָטש ער איז שוין געווען אין די זעכציקער און מען האָט געוווּסט, אַז אין דער היים וואַרט אויף אים זיין אַלטע און קראַנקע ווייב, האָט מען זיך דאָך אין אים פאַרליבט...

יעדנפאַלס, די הויפּטשטאָט פון דער געפּלאַנטער יידישער רעפּובליק, — ביראָבידזשאַן, — איז געווען נישט מער ווי אַ קליין שמוציק שטעטל פון דעם ווייטן מזרח. און ווי אין יעדן קליין שטעטל האָט זיך דער מענטש דאָ באַדאַרפט היטן פון באַרעדט צו ווערן.

און דאָ איז נאָך געשטאַנען איבער אַלץ און אַלעמען אויף אַ גרויס־שטאַטישן פאַרמעסט די ג.פּ.או. מיט אירע געהיימע אַגענטן און מען האָט געניסטערט און געהיט, געזוכט און נאָכגעשפּירט. עס איז באַפאַלן אַ שרעק

אויף די מענטשן. מען האָט געזוכט אַ וועג ווי אַזוי פון דאַנען זיך אַרויסצו־ראַטעווען און לויפן צוריק, צוריק, צוריק!...

אויך מיכל האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער צוריק לויפן קיין מאָסקווע.

.43

אויף די ווייט־מזרחדיקע גרענעצן איז נישט געווען שטיל. זייער אָפט זענען דאָ פאָרגעקומען איבערפאַלן פון מאַנדזשורער כינעזער, וועלכע זע־נען שוין איצט אונטער דער יאַפּאַנישער הערשאַפט געווען. אויך פון דער אויסערלעכער מאָנגאָליע, פון אינדיע און פון אַפגאַניסטאַן זענען אָנגעקומען שלעכטע גרוסן. עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז רוסישע און אוק־ראַינישע קולאַקעס, געוועזענע בורזשויעס און אויך קירגיזישע און אוז־בעקישע מוסולמענער־שאָוויניסטן לויפן אין די נעכט צו די גרענעצן און פּעקלען זיך אַריבער אויף יענער זייט.

אָבער נאָך געפערלעכער זענען געווען די קלאַנגען, אַז פון יאַפּאַן, וועל־כע הערשט איצט איבער כינע, מאָנגאָליע און קאָרעאַ, לענגאויס די ווייט־מזרחדיקע רוסישע גרענעצן און דעם אַמור־טייך, ווערן טאָג־איין און טאָג־אויס אַריבערגעוואָרפן כינעזישע, מאָנגאָלישע און קאָרעיִשע דיווערסאַנטן, וואָס אַרבעטן פאַר די יאַפּאַנישע אימפּעריאַליסטן.

אין די צעוואָרפענע טויזנטער דערפלעך פון דער טייגע, ווו עס לעבן אין זייערע הייזקעס טויזנטער קאָרעער משפחות און אויך אַ געוויסע צאָל כינעזער, מאָנגאָלן, טונגוסן און גאָלדן, ווערן אַריינדרינגלער אויסבאַהאַלטן און אויסגעמישט צווישן די געל־הויטיקע און קרום־אויגיקע פעלקערשאַפטן. די אַריינדרינגער זענען אַ געפאַר פאַר דער זיכערקייט פון סאָוועטן־רוס־לאַנד...

פון קרעמל איז אָנגעקומען אַ באַשלוס: מען מוז פּטור ווערן פון איי־ניקע נישט־געוווּנטשענע, קאָלירטע פעלקערשאַפטן, וואָס באַוווינען די גרע־נעצן פון דעם ווייטן מזרח וואָס באַלאַנגט צו רוסלאַנד.

ווען מיכל האָט באַשטימט צוריק צו פאָרן קיין מאָסקווע, האָט ער גע־זאָגט צו קסעניאַן:

— עס איז אַ שאָד אַוועקצופאָרן פון דאַנען און נישט זען די גאַנצע געגנט. איך וואָלט זייער געוואָלט אַוועק אין דער טייגע, גיין אויף יאַגד און

אויף פישפאַנג, און פאַרשטייט זיך, זיך באַקענען מיט די איינגעבוירענע, די ווירקלעכע איינוווינער פון דער טייגע!

— איז וואָס איז די איילעניש? — האָט קסעניאַ געזאָגט, — מיר האָבן צייט. מען קען דאָ נאָך פאַרברענגען אַ פּאָר חדשים. מאָסקווע וועט נישט אַנטלויפן.

— יאָ, האָסט רעכט, טייערע, מאָסקווע וועט נישט אַנטלויפן. מיר וועלן קומען אַהין און עס וועט זיך אָנהייבן אַ מעשה מיט זוכן אַ דירה, זיך איי־בעראַנייס איינאָרדענען, דאָ בין איך פּאָרט פריי...

— איך פאַרשטיי דיך נישט! — האָט קסעניאַ אויסגעשריגן, — אָט זאָגסטו, אַז עס קאָסט דיר צופיל געזונט זיך צוצוקוקן צו דעם וואָס דאָ קומט פאָר און זיך צוצוהערן צו די פּליאָטקעס און באַרעדערייען מיט וועלכע מען פאַרנעמט זיך דאָ. און אָט זאָגסטו גאָר, אַז דו ביסט דאָ פּאָרט פריי!...

— איך מיין פריי, אין דעם זינען וואָס איך האָב דאָ נישט קיין באַלע־באָס איבער זיך, און ווי אַ פרייער קינסטלער לעב איך זיך מיין אייגן לעבן, וויל קיינער דיקטירט מיר דאָ נישט וואָס צו טאָן. אָט קען איך אַ שטייגער זיך אַוועקלאָזן אין דער טייגע און באַזוכן די קאָרעקישע דערפער און באַ־שרייבן זייער לעבן־שטייגער. איך דאַרף פאַר דעם ביי קיינעם קיין שום דערלויבעניש נישט נעמען. דאָס איז דער מיין, אַז איך בין דאָ פּאָרט פריי... און דו ווייסט, קסעניאַ, מען זאָגט דאָך, אַז אין דער טייגע לעבן אַרום הונ־דערט טויזנט קאָרעער. קיינער ווייסט נישט גענוי ווי אַזוי זיי לעבן. מיינ־סטו, אַז די „פּראַוודאַ" אפילו וואָלט נישט אויפגעכאַפּט אַזאַ מאַטעריאַל? און אַ שטייגער די טונגוסן וואָס לעבן דאָ, וואָס ווייסט מען וועגן זיי? — גאָרנישט! און די גאָלדן, עס איז אַן אָפּשטאַרבנדיקע ראַסע. מען זאָגט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זייערס באַשטייט פון אַרום פינף הונדערט משפחות. אין הונדערט יאָר אַרום וועלן שוין קיין גאָלדן נישט זיין אויף דער וועלט. זיי שטאַרבן אויס, וויל... אַך, קיינער ווייסט גאָר נישט פאַרוואָס די גאָלדן שטאַרבן אויס. מען זאָגט, אַז זיי זענען ענלעך צו די אינדיאַנער פון די אַמעריקעס. פיליכט זענען טאַקע די אינדיאַנער פון אַמעריקע די זעלבע גאָלדן?... פיליכט האָבן די גאָלדן מיט הונדערטער יאָרן צוריק געוואַנדערט פון די טייגעס איבער די טונדרעס און ביז צו אַלאַסקאַ און פון אַלאַסקאַ זע־נען זיי אַריינגעדרונגען אין די אַמעריקעס? וואָס פאַר אַ מיסטעריעז פאָלק זענען די־אָ גאָלדן?... פאַרוואָס זאָל איך זיך נישט באַקענען מיט זיי? פאַרוואָס זאָל איך נישט פאָרשן זייער געשיכטע, אויב זיי האָבן אַזאַ, זייער שפּראַך און

זייער לעבנשטייגער?... עס איז גאָר שווער צו זיי צוצוקומען. זיי לעבן זייער־טיף אין די ווילדענישן פון דער טײַגע. זיי לעבן אין אַ צושטאַנד פון אַן אוראַלטער קאָמונע־געזעלשאַפט. זיי פאַרנעמען זיך נאָר מיט יאַגד און פיש־פאַנג. זיי ווילן זיך נישט באַהעפטן מיטן ציוויליזירטן לעבן. מען זאָגט אַפילו, אַז אַלע גאַלדן און אַ טייל טונגוסן ווייסן גאָר נישט, אַז אויף זייער טעריטאָריע איז פאָרגעקומען אַ פּאָליטישע ענדערונג. זיי איז אַלצאיינס צי עס הערשט נאָך דער צאַר איבער דער רוסישער אימפּעריע צי עס הערשן די סאָוועטן. זיי לעבן זיך זייער אייגן אָפּגעזונדערט לעבן.

— אינטערעסאַנט! — האָט קסעניאַ געזאָגט און זיך פאַרטראַכט. דער־נאָך האָט זי צוגעגעבן, — מיכאַיִל, איך מיין, אַז צוויי חדשים קענען מיר נאָך דאָ בלייבן! אָבער טאַקע נאָר צוויי חדשים און נישט מער.

— איך ווייס נישט צי צוויי חדשים איז גענוג. איך ווייס נאָר, אַז איי־דער מיר פאָרן צוריק קיין מאָסקווע וויל איך זיך בעסער באַקענען מיט דער געגנט.

— טו ווי דו פאַרשטייסט, מיכאַיִל.

— דו, קסעניאַ, קום אויך מיט מיר! וואָס וועסטו דאָ זיצן איינע אַליין אין דעם־אָ נודנעם שטעטל?

— איך וועל דאָ נישט זיין איינע אַליין!...

— וואָס מיינסטו?...

— איך מיין, אַז דו וועסט מוזן גיין איינער אַליין אין דער טײַגע, אָן מיר. איך וואָלט גערן געוואָלט, אַז אסתר פינלי זאָל אַריבער צו אונדז וווי־נען. זינט מען האָט זי פון האָטעל אַרויסגעזעצט און זי לעבט איצט מיט איר קינד אין אַ באַראַק איז זי אַזוי אומגליקלעך... זי איז אַ האַלבער מענטש געוואָרן!

— וואָס רעדסטו?! — האָט מיכל אויסגעשריגן, — איך האָב גאָר נישט געוווּסט, אַז זי לעבט שוין מער נישט אין האָטעל. זי וווינט זאָגסטו אין אַ באַראַק? עס איז אוממעגלעך!...

— פאַרוואָס מיינסטו, אַז דאָס איז אוממעגלעך? און פאַרוואָס האָסטו לעצטנס זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט איר שיקזאַל? האָסט דאָך איר צוגעזאָגט הילף! און איך נאָר האָבן שוין געמיינט, אַז דו ביסט אַפילו פאַרליבט אין איר. ווייזט אויס, מיכאַיִל, אַז דיין כאַראַקטער וועל איך קיין מאָל נישט וויסן. אָט ווייזט זיך מיר אויס, אַז דו ביסט אַ גוטער מענטש און אָט ווייזט זיך מיר אויס, אַז דו ביסט אַ שלעכטער!

מיכל האָט געשוויגן. ער האָט איר נישט געוואָלט דערציילן, אַז זינט דער שרייבער דניאל שטערנפעלד האָט זיך מיט דער פּאַלעסטינער ווייבל פאַראינטערעסירט און איר צוגעזאָגט „גאָלדענע בערג“ האָט ער אָפּגעטראָטן פון איר. ער האָט געזען ווי דער אַלטער וואָלף נוצט אויס די איינזאַמקייט און עלנטקייט פון דער יונגער און שיינער פרוי, וועלכע האָט איר געבורט־אָרט, פּאַלעסטינע, פאַרלאָזט און געקומען קיין ביראָבידזשאַן צו געפינען דאָ אַ נייע היים. דער נאָמען דניאל שטערנפעלד, אַ נאָמען פון אַן עלטערן יידישן שרייבער איז איר באַקאַנט געווען, אין דער צייט וואָס דער נאָמען מיכאַיל קרוגער, אַ נאָמען פון אַ יינגערן רוסישן שרייבער איז איר געווען פרעמד. דערפאַר האָט זיך די עקזאָטיש־עקזאַלטירטע אסתר פינגלי אָנגעכאַפּט פאַר די צוזאָגן וואָס דניאל שטערנפעלד האָט איר ברייטהאַרציק אויסגעטיילט און זי האָט זיך ווייניק צוגעהערט צו מיכאַיל קרוגערס אָנווייזונגען. און דער סוף איז געווען, אַז דער שרייבער שטערנפעלד האָט איר גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט ווי זיין שטייגער איז געווען צענומען זיינע הענט און האָט אויסגעפּלאָפּלט מיט זיינע גראָבע ליפּן: „איך האָב נישט געקענט טאָן גאָרנישט, האָב איך נישט! ס'אַ פאַרטיי־דיסציפּלין פאַראַן. מען וועט נאָך מוזן צוואַרטן, וועט מען!“

ווען מיכל האָט זיך דערוווּסט, אַז דניאל שטערנפעלד איז געוואָרן אסתר פינגליס עצה־געבער און ער איז שוין אַפילו צו היימיש־אינטים מיט איר, איז ער אָפּגעטראָטן. ער האָט זיך נישט געוואָלט מישן און אַריינגעצויגן ווערן אין דעם זומפּ פון רכילות. ער האָט אויפגעהערט זיך אינטערעסירן מיט איר שיקזאַל.

אָבער קסעניאַ האָט זיך יאָ אינטערעסירט מיט דער אומגליקלעכער ווייבל פון פּאַלעסטינע. און דאָס איז געווען דער סוף פון אסתר פינגליס קאַמף, אַז מען זאָל צו איר טאָן גערעכטיקייט: מען האָט זי אַרויסגעוואָרפן מיטן קינד פון דעם האָטעל און מען האָט זי אַריינגעקוועטשט אין אַן ענגן און שמוציקן באַראַק, אַז זי זאָל טיילן דעם גורל צוגלייך מיט די איבעריקע איבערוואַנדערער אָן אויסנאַם.

מיכל האָט זיך געפילט שולדיק און זיך געשעמט... ער האָט באַשטימט, אַז קסעניאַ האָט רעכט, מען דאַרף די אומגליקלעכע פרוי מיט איר קינד פון דעם שמוציקן באַראַק אַרויסכאַפּן נאָך איידער זי וועט דאַרטן פון יסורים און אַנטוישונג קראַנק ווערן.

— וואָס פאַר אַן אויסרייד זאָלן מיר געבן, אויב מען וועט פרעגן פאַר־

וואָס מיר האָבן זי מיטן קינד פון באַראַק אַרויסגענומען און זיי צו זיך אין הויז געבראַכט?

קסעניאַ האָט זיך נישט געאיילט מיטן ענטפער. זי האָט זיך געקווענקלט. ער האָט דאָס באַמערקט. זי האָט דערנאָך געזאָגט:

— מיר זענען צוויי מענטשן און מיר האָבן דריי צימערן. עס איז קיי־נעמס זאַך נישט אויב מיר ווילן עמיצן איין צימער פאַרדינגען.

— דו האָסט נישט רעכט, קסעניאַ. דאָס הויז באַלאַנגט צו דער פּאַרטיי און צו דער רעגירונג. מיר טאָרן נישט אַריינגעמען אַהער קיין פרעמדע מענטשן!

— מען מעג! — האָט מיט אַמאָל קסעניאַ געזאָגט און זיך פאַררויטלט, — איך פיל זיך נישט גוט. איך דאַרף עמיצן לעבן זיך... מיר דאַכט, אַז איך בין שוואַנגער!

— דיר דאַכט? אַך, קסעניאַ, וואָס זשע שוויגסטו?... האָסט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון מיר? צי דו האָסט ווידער אַמאָל באַשטימט זיך מאַכן אַן אַבאָרט?

— ניין, טייערער, דאָס מאָל נישט! איך וויל נאָך צוזוואַרטן אַ פּאָר וואָכן. איך וויל זיין זיכער, אַז...

— ווייסטו וואָס! — האָט איר מיכל איבערגעשלאָגן, — עט, איך גיב־אויף דעם פּלאַן צו גיין אין דער טייגע. זאָלן זיך אַנדערע פאַרנעמען מיט פאָרשן די איינוווינער וואָס לעבן דאָרט. מיר וועלן בעסער צוריקפאָרן קיין מאָסקווע, כל־זמן עס איז נאָך פרי. שפּעטער וועט עס זיין פאַר דיר שווערער!

— ניין, מיכאל, אויב איך בין טאַקע שוואַנגער וויל איך דאָ בלייבן, כאָטש אויף אַ יאָר אָדער צוויי. מיר זענען דאָ איינגעאָרדנט מיט אַ דירה. דו ביסט פריי, נישט פאַרבונדן מיט קיין שום אַמט און דאָך פאַרדינסטו דאָ בעסער ווי ווען דו וואָלסט אַ הויכע שטעלע פאַרנומען און אַ גרויסער קאָ־מיסאַר געווען. איך בין דאָ אויך פריי פון אַרבעט... ווען דו וועסט דאַרפן וועסטו קענען פאָרן קיין מאָסקווע אויף אַ צייט, זיך זען מיט וועמען עס וועט נייטיק זיין. קענסט אויך גיין אין דער טייגע און אויספירן דאָס וואָס דו האָסט פאַרטראַכט. פילייכט וועסטו טאַקע עפּעס וויכטיקס אַנטדעקן און וועסט אָנ־שרייבן אַ בוך וואָס וועט דיר מאַכן באַקאַנט און באַוווסט נאָך מער ווי דו ביסט איצט? און געלט וועט דאָך פון אַ נייעם בוך נאָך אויך מער צוקומען! איך האָב שוין גערעדט מיט אסתרן. זי איז געווען צופרידן און דאַנקבאַר ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז זי וועט קענען וווינען מיט אונדז צוזאַמען.

— גוט, קסעניאַ, איך בין צופרידן מיט דיין באַשטימונג. ווען איך וועל נישט זיין אין דער היים, וועסטו אַוועק צו אסתרן און זי מיטן קינד אידרן אַהער ברענגען. אָבער זע, טייערע, היט זיך דאָ אָפּ!... טו מער נישט אָפּ קיין נאַרישקייטן... מיר דאַכט, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז מיר זאָלן האָבן אַ קינד און מיר זאָלן אָנהייבן פירן אַן איינגעזעסן לייטיש לעבן.

זי האָט אים אַ קוש געטאָן.

— טייערער מיכאַ׳ל, זאָרג נישט! איך וועל טאָן אַלץ וואָס דו ווילסט.

זיי זענען איצטביידע געווען גליקלעך.

.44

מיכל האָט אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון זיין שטוב מיט אַ ביקס אין דער האַנט און מיט אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס. עס האָט אַ לייכטער שניי פון דעם גרוי־גלאַנציקן הימל צו דער ערד זיך אַראָפּגעלאָזט און שטיל זיך צעשפּרייט. עס האָט זיך באַקומען ווי אַ ווייסער צודעק האָט זיך איבער די גאַסן אַראָפּגעלאָזט און פאַרדעקט מיט אַ הייליקער ווייסקייט די זינד פון דער שוואַרצער ערד. עס האָט לאַנג נישט געדויערט. דער שניי האָט אויפגעהערט צו פאַלן און עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ טרוקענער פראָסט אין דעם זון־שיינענדיקן פרימאָרגן.

מיכל איז אַרויף אויף דער הילצערנער בריק וועלכע איז געשטאַנען פאַרגליווערט איבער דעם בירא־טייך. ער האָט זיך געלאָזט גיין. אויף דער צווייטער זייט בריק האָט זיך צעלייגט אַ זומפּיק פלאַכלאַנד וואָס איז איצט געווען פאַרטריקנט און פאַרפרוירן. אַ צוויי מייל ווייטער פון דעם פלאַכלאַנד איז געשטאַנען די גרויסע קיילעכדיקע סאָפּקע, דער באַרג וועלכן מען האָט גערופן באָמבאַ. אונטערן באַרג האָט זיך צעלייגט אַ קליין קאָרעער דערפל און הינטער דעם דערפל האָט זיך אָנגעפאַנגען דער אומענדלעכער ווילד־וואַלד פון דער טייגע, אַ וואַלד וועלכער האָט זיך געצויגן אויף טויזנטער און טויזנטער מיילן. מיכל איז אַריבער די בריק. די שטאָט בּיראָבידזשאַן איז געבליבן הינטער זיינע פּלייצעס.

ווען ער איז אַרומגעגאַנגען די גרינע סאָפּקע אויף וועלכער עס איז אָנגעפאַלן אַ שניי וואָס האָט באַדעקט נאָר דעם קאָפּ פון דעם באַרג און עס האָט זיך באַקומען גלייך ווי די סאָפּקע וואָלט אויף זיך אַ ווייס היטל גע־

טראָגן, האָט זיך פאַר זיינע אויגן צעשפּרייט אַן אומפאַרגעסלעכע פּאַנאָראַמע.

עס זענען געשטאַנען קליינינקע הייזקעלעך, וועלכע זענען געווען האַלב־איינגעגראָבן אין דער ערד, און לעבן יעדן הייזל, ביי אַ צען שפּאַן ווייטער, איז געשטאַנען אַן אויסגעהוילטער בוים און פון דעם בוים האָט געזעצט אַ געדיכטער שוואַרץ־בלוילעכער רויך. די טשאַדנדיקעביימער און די זיבעצנדיקע הייזלעך האָבן אויסגעזען מיסטעריעז. עס איז געווען אַ בילד ווי נישט פון דער וועלט, נישט פון דערווירקלעכקייט, נאָר ווי פון אַן אויסגעטראַכט כישוף־מעשהלע. דערצו איז נאָך געווען שטיל אַרום און אַרום. עס האָט אַזש אַ שרעק אָנגעוואָרפן. אָבער באַלד האָט זיך דערהערט אַ סקריפּ פון אַ טיר. עס האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער מאַן אין אַ בלויען כאַלאַט. זיינע אויגן זענען געווען קרומע און שיינענדיק־פעטע. זיין געזיכט מיט די אויסשטאַרטשנדיקע באַקנביינער איז געווען געלבלעך און באַוואַקסן מיט אייניקע גרויע האָר וועלכע האָבן אויספאָרמירט אַ לאַנגע, שפּיציקע באָרד. דער מענטש האָט זיך פאַר מיכלען פאַרנייגט און אויף אַ מאָדנעם צעקאָליעטשעטן רוסיש געזאָגט:

— גוטע מאָרגן קאָמיסאַר! קום אַריין אין מיינע הויז. מיר טרינקען איצט הייסע טיי. ווערסט מיט אונדז טרינקען און זיך אָנוואַרעמען!

דער אַלטער איז מיכלען געפעלן געוואָרן. ער האָט שוין געהאַט געהערט וועגן דער גאַסט־פריינדלעכקייט פון די טייגע־מענטשן. ער האָט שוין אַפילו געוווסט פון דעם וואָס מען האָט אים דערציילט, אַז דאָס דאָרף איז באַוווינט אויסשליסלעך פון קאָרעער. דאָך איז אים דער אַלטער גאַסט־פריינדלעכער מענטש אין זיין בלויען אַנטאָן און מיט זיין אויסטערלישן געזיכט געווען אַזוי פרעמד, אַז ער האָט זיך פון אָנהייב פאַרלוירן און אַנשטאָט אָפּדאַנקען פאַר דער איינלאַדונג האָט ער גאָר ביי אים געפרעגט:

— ווער ביסטו, גוטער מענטש, אַ מאָנגאָל, אַ טונגוס, אַ גאָלד, צי אַ קאָרעער?

דער אַלטער האָט זיך אַ בייג געטאָן און זיך באַלד צוריק אויסגעגלייכט און אַ שטאָלצער מיט זיין אָפּשטאַמונג געענטפערט:

— מיינע איז אַ קאָרעער, אַ גוטער קאָרעער! מיינע נאָמען איז טשען! מיינע איז דאָ דער פאָרזיצער פון דאָרפישן סאָוועט! מיינע אַ גרויסער קאָמיסאַר דאָ אין דאָרף!

מיכל האָט זיך פאַרבויגן פאַרן אַלטן קאָרעער, דעם „קאָמיסאַר" פון דעם דאָרף און ער האָט זיך צוזאַמען מיט אים אַראָפגעלאָזט אין זיין הייזקע.

די וווינונג איז באַשטאַנען פון צוויי, אויף גלייך צעטיילטע, צימערן. די הייזקע איז גאָרנישט געווען אַזוי קליין ווי עס האָט זיך פון דרויסן געדאַכט. די צימערן זענען געווען גרויסע און אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט האָט אין זיי געהערשט. קיין מעבל איז נישט געווען. נאָר אויפן פאָל זענען געווען אויסגעשפרייט פון שטרוי געפלאָכטענע קילימס. ביי די זייטן פון די ווענט זענען געווען קאָלירטע און קוויטנדיקע געלעגערס: מאַטראַצן, קישנס און קאָלדרעס. דער פאָל איז געווען וואַרעמלעך און די געלעגערס אויפן פאָל זענען אויך געווען וואַרעמע. אין איין זייט, ווו עס איז געווען די וואַנט וואָס האָט צעטיילט די הייזקע אויף צוויי חדרים, איז אין פאָל געווען אַ לאָך, אַזאַ הייל, מיט שטיינערנע טרעפ אַראָפצוגיין. דאָס איז געווען דער אויוון, וועלכער האָט באַהייצט און באַוואַרעמט די גאַנצע וווינונג פון אונטערן פאָל. דער רויך האָט זיך געצויגן איבער אַן אויסגעהוילטן טונעל אונטער דער ערד ביז צום בוים צו, וועלכער איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער הייזקע. דער בוים איז אינעווייניק געווען אויסגעליידיקט און האָט פון דעם הויל אַרויסגעלאָזט דעם רויך. אין דעם אונטער־ערד אויוון האָט מען אויך געקאָכט, געבראָטן, געבאַקן און געזאָטן גרויסע טשייניקעס מיט שוואַרצער און ביטערער טיי. אויף דער וואַנט, ביי דער הייל, זענען געהאַנגען קופּערנע און אייזערנע טעפּ און הילצערנע טעלער. דאָס הויז איז געווען כמעט פּוסט און דאָך פול מיט חן, מיט אָריענטאַלישן און עקזאָטישן אַראָמאַט, ריין, ציכטיק און וואַרעם.

אויפן פאָל, אַרום אַ גרויסער הילצערנער שיסל מיט הייסע ליפּיאָשקעס, אַזעלכע קוכנס, און עטלעכע גלעזער מיט הייסער, ממש זודיקער, שוואַרצער טיי, זענען געזעסן אויסגעזעצט טשענס גאַנצע משפּחה, זיין ווייב, צוויי יינגלעך און אַ מיידל. דאָס ווייב, טשענס, האָט אויסגעזען צו זיין זאַט מיט יאָרן. די צוויי יינגלעך מיט די פלינקע קרומע אייגעלעך זענען געווען ענלעך איינס אויפן צווייטן, ווי אַ צווילינג. און דאָס מיידל, אין די צוואַנציקער איז געווען שוואַרצלעך און מאָדנע שיין. אירע אויגן זענען געווען שוואַרצע אָבער מילדע און נישט אַזוינע קרומע ווי ביי די איבעריקע אין דער שטוב. אירע לאַנגע שטייפע האָר האָבן באַשיינט איר פּנים.

מען האָט געמאַכט פאַר מיכלען פלאַץ. ער האָט זיך אַראָפגעזעצט אויפן פאָל. מען האָט צו אים צוגערוקט אַ גלאָז טיי און אויף אַ באַזונדערן היל־

צערן שיסעלע אַ ליפּיאָשקע. דער באַלעבאָס, טאָוואַרישטש טשען, האָט פֿאַר מיכלען פֿאָרגעשטעלט זיין משפּחה:

— דאָס איז מיין עלטערער יינגל. זיין נאָמען איז: קים! — ער איז פֿערצן יאָר אַלט.

— און דאָס איז מיין קלענערער יינגל. ער הייסט: וואַן! — צוועלף יאָר אַלט.

— דאָס איז מיין טאָכטער. סאַנאַ — רופֿן מיר זי. סאַנאַ איז אַ לערע־רין אין אונדזער דאָרפֿישער שול. זי לערנט מיט די קינדער רוסיש און קאָ־רעיִש. סאַנאַ רעדט גוט רוסיש. סאַנאַ האָט געענדיקט אַ הויכשול אין וולאַ־דיוואָסטאָק. סאַנאַ איז אַ קאָמסאָמאָלקע, אַ גוטע יונגע קאָמוניסטקע. וויפֿל איז סאַנאַ אַלט? ניין, אויף אַ מיידל זאָגט מען נישט וויפֿל זי איז אַלט. אַ פֿרוי איז אַלט נאָר אַזוי פֿיל וויפֿל זי זעט אויס אין די אויגן פֿון אַ מאַן. דאָס איז אמת!

מיכל האָט אַ קוק געטאָן אין דער זייט צום מיידל. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— איר ווילט אָנקוקן אונדזער שול? קומט מיט מיר, איך וועל אייך ווייזן!

— אָ, מיטן בעסטן פֿאַרגעניגן! — האָט מיכל געענטפֿערט, — איך בין פֿאַראינטערעסירט צו זען אַלץ אין אייער דאָרף!

— נו, עסט אָפּ, וואַרעמט זיך אָן און דערנאָך וועט איר גיין! — האָט דער אַלטער קאָרעער געזאָגט.

די עלטערע פֿרוי און אירע צוויי יינגלעך האָבן גאָרנישט גערעדט. זיי האָבן געגעסן און גוטמוטיק אונטערגעשמייכלט. מיכל האָט זיך צו זיי צו־געקוקט. ער האָט זיך צוגעוווינט צו זייערע געזיכטער. ער האָט איצט באַ־מערקט זיין טעות. די פֿרוי איז גאָרנישט געווען אַזוי אַלט ווי אים האָט זיך פֿון אָנהייב אָן געדאַכט. דער קאָרעער, דער „קאָמיסאַר" פֿון דעם דאָרף, טשען, איז אויך נישט געווען אַזוי אַלט ווי ער האָט געמיינט. מיכל האָט אָפּגעטרונקען די טיי, פֿאַרביסן מיט דער ליפּיאָשקע און זיך אויפֿגעהויבן.

— אַ גרויסן דאַנק אייך פֿאַר אייער גאַסט־פֿריינדלעכקייט!

סאַנאַ האָט געפֿרעגט:

— איר זיינט נישט לאַנג אין אונדזער געגנט?

— נישט לאַנג. אַרום פֿיר חדשים, — האָט מיכל געזאָגט.

— איר זעט גאָר נישט אויס ווי איינער פֿון די ניי־געבראַכטע און ניי־

געקומענע איבערוואַנדערער. איר זיינט געוויס אַן אַנגעשטעלטער אין אויס־פירקאָם צי אין דער פּאַרטיי?

— ניין, איך בין נישט קיין איבערוואַנדערער, אָבער איך בין אויך נישט קיין אַנגעשטעלטער, נישט אין אויספּירקאָם און נישט אין דעם פּאַר־טיי־קאָמיטעט. איך בין דאָ ווי אַ גאַסט, נאָר צייטווייליק. איך בין אַ שריי־בער. ווי לאַנג איך וועל דאָ פאַרבלייבן איז געוועגדט אין פאַרשיידענע באַ־דינגונגען און אינטערעסן און אַפילו אין מיין שטימונג. איך קען דאָ זיין נאָך אַ חודש אָדער צוויי און עס קען זיך מאַכן, אַז איך זאָל פאַרבלייבן אויף אַ יאָר אָדער צוויי!

— ווי באַלד אַזוי זיינט איר אַ גליקלעכער מענטש, טאָוואַרישטש...

— מיכאַיִל, מיכאַיִל קרוגער, איז מיין נאָמען.

— טאָוואַרישטש מיכאַיִל קרוגער! — האָט סאַנאַ איבערגעזאָגט, — אייער נאָמען איז מיר באַקאַנט. איך האָב געלייענט אייער בוך און אויך פיל דערציילונגען וואָס זענען געדרוקט אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן.

— זייער אַנגענעם זיך צו טרעפן מיט מיינס אַ לייענערין, און נאָך ווו, אין דער טייגע! — האָט מיכל אַ באַגייסטערטער אויסגעשריגן, — אָבער זאָגט מיר נאָר, סאַנאַ, פאַרוואָס מיינט איר, אַז איך בין אַ גליקלעכער מענטש?

— ווייל איר זיינט אַ שרייבער און איר האָט אַלע פריווילעגיעס. איר זיינט פריי צו גיין און צו פאָרן וווהין איר ווילט און ווען איר ווילט.

— און איר האָט דען נישט די זעלבע פרייהייט? — האָט מיכל זיך נישט ווויסנדיק געמאַכט, — די טייגע איז אייערע, קומט מיט מיר אויף יאַגד!...

זי האָט געלאַכט, געקוקט אויף אירע עלטערן און אויף אירע ברידער־לעך. אַלע האָבן אויך אַנגעהויבן דריבנע און שטיל צו לאַכן און צו שאָק־לען מיט די קעפּ אַהין און צוריק: „ניין, ניין". זי האָט געזאָגט:

— איך בין נישט פריי. איך בין אַ לערערין. פערציק קינדער זענען אין מיין שול. איך בין דאָ איינע אַליין. דערצו נאָך איז פאַראַן אַ דיסציפּלין, אַ פּאַרטייִישע דיסציפּלין!

— מיר זענען דאָ אַלע קאָמוניסטן! — האָט זיך שוין אויך דער פאָטער אַריינגעמישט אין דעם געשפּרעך צווישן זיין טאָכטער מיט מיכלען, — מיי־נע איז אַ פּאַרטיזאַן געווען, זיך קעגן די יאַפּאַנער און קאָלטשאַקן געשלאָגן אין בירגער־קריג. מיינע ייִנגלעך זענען קאָמסאָמאָלצעס, אַזוי ווי סאַנאַ.

דעם טאָג האָט שוין מיכל פאַרבראַכט אין דעם קאָרעיִשן דאָרף. ער האָט באַזוכט די שול אין וועלכער די חנעוודיקע סאַנאַ האָט מיט פערציק

קינדער געלערנט די רוסישע און קאַרעיִשע שפּראַכן, געאָגראַפיע, געשיכ־טע, ליטעראַטור און אַריטמעטיק. חוץ דעם האָט נאָך סאַנאַ געלערנט די קינדער זינגען לידער אויף רוסיש און קאַרעיִש וועגן דעם גרויסן פֿאָטער־לאַנד און וועגן דעם גוטן סטאַלין.

דער אַלטער קאָרעער טשען האָט געהאַט ווייניק וואָס צו טאָן אין דעם דאָרף. דער דאָרפֿישער סאָוועט איז באַשטאַנען פֿון אַן איין־צימערדיק הויז, וועלכעס איז נישט געווען איינגעגראָבן אין דער ערד אַזוי ווי די איבעריקע הייזקעס פֿון דעם דאָרף. אַפֿילו די קינדער־שול איז דאָ געווען געזונקען האַלב אין דער ערד און האָט מיט איר פֿאַרקיילעכדיקטן דאַך אויסגעזען ווי אַ שוואָם. און נאָר דער „סאָוועט" האָט זיך דערהויבן איבער אַלע קאָרעיִ־שע הייזקעס ווי אַ רייכער דענקמאָל צווישן אָרעמע מצבות: דער אַלטער טשען האָט געטראָגן דעם טיטל „פֿאָרזיצער פֿון דאָרף־סאָוועט", אָבער אין דעם דאָרף איז געווען אַזוי רויִק און שטיל און אַלץ אין אַ טויטער אָרדע־נונג, אַז דער פֿאָרזיצער האָט זיך געקענט פֿאַרגינען צו האַלטן דעם „סאָ־וועט" אויף אַ שלאָס און אַליין זיצן אין דער היים אָדער זיך פֿאַרנעמען מיט זייטיקע אַרבעטן און פּערזענלעכע פֿאַרגעניגנס.

ווען מיכל האָט אים געבעטן מיט אים מיטגיין אויף יאַגד, איז ער באַלד איינשטימיק געווען מיט אים מיטצוגיין.

די נאַכט האָט מיכל איבערגענעכטיקט אין אַ זייטיקן גרויסן צימער, וואָס איז ספּעציעל באַשטימט געוואָרן פֿאַר געסט, אין דעם דאָרפֿישן סאָוועט.

מען איז אַרויס פֿאַרטאָג פֿון דער הייזקע און מען האָט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג צום וואַלד. עס האָט זיך נאָך געטראָגן אַ געל־שיינענדיקע לבנה איבער דעם בלוי־גלאַנציקן הימל ווען די צוויי מענטשן מיט די יעֶ־גערישע ביקסן אין די הענט און מיט די רוקזעק אויף די פּלייצעס האָבן זיך צום ווילד־וואַלד דערנענטערט. מען איז אַריין אין דער טיפֿעניש פֿון דעם ביימער־געפּלאָנטער. עס איז געוואָרן שטאָק פֿינצטער. די טייגע איז גע־שלאָפֿן. מען האָט נאָר געהערט די אייגענע טריט וועלכע האָבן אָפּגעהילכט מיט טויבע ווידערקולן און האָבן אויפֿגעוועקט די איינגעשלאָפֿענע בערן, הירשן און שאַקאַלן. עס האָבן זיך צעטראָגן איבערן וואַלד מוראַדיקע רע־ווערייען פֿון חיות און אַ געקראַקעריי פֿון פֿייזאַנען־פֿייגל, וועלכע האָבן אָנ־געהויבן צו פֿליִען פֿון איין בוים צום צווייטן: מיכל און טשען זענען גע־בליבן שטיין אויף זייערע ערטער אומבאַוועגלעך. עס האָט זיך איינגעשטילט דער גערודער. עס האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיקער. אַ פּאַס פֿון פֿייער־

שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון האָט זיך ווי אַ גאָלדענער שטויב דורכן פלאָנטער פון די טויזנטער־יאָריקעביימער אַדורכגעריסן. מען איז געגאַנגען ווייטער. פלוצים האָט דער אַלטער קאָרעער זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. זיצנדיק אויף דער געפרוירענער ערד האָט טשען זיך אַ בייג געטאָן צו דער זייט פון וואַנען עס האָט זיך אַ שאָרך פון שווערע אָבער פאָרזיכטיקע טריט געטראָגן. ער האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערן און ער האָט באַלד אַ כאַפּ געטאָן די ביקס און זי צוגעדריקט צו זיין אַקסל. אַ פייער האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער ביקס און אַ שאָס האָט צעלעכערט די לופט מיט אַ ריזיקן קנאַק און אַ שטורמישן אָפּהילך. מיכל האָט זיך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן ווי טשען האָט זיך פלינק פון זיין אָרט אַ הייב געטאָן און גענומען לויפן. מיכל איז אים נאָכגעלאָפן. ערגעץ אין אַ פלאָנטער פון צעפוילטע צווייגן וואָס האָבן זיך אויף דער ערד געוואַלגערט, איז געלעגן אַ ווייס־ברוינלעך בערעלע מיט אַ צעשמעטערטן קאָפּ. טשען איז געשטאַנען איבער דער טויטער חיה אַ פאַרטרויערטער און אַ באַזאָרגטער. ער האָט געזאָגט צו מיכלען:

— אי, אי, אי!... נישט גוט. צעשפּאָלטן דעם קאָפּ, נישט גוט!...

דאָס פלייש פון אַ יונגן בער איז זיסלעך און גוט. די פעל פאַרקויפט מען, אָדער מען נייט פון איר אויף ווינטערדיקע קליידער. און דער קאָפּ מיטן געזיכט זיינעם, וואָלט ער נישט געווען צעשמעטערט וואָלט דאָך טשען אים אויסגעהוילט פון דער פליישיקער מאַסע, אים אויסגעטריקנט און ער וואָלט אים אויפגעהאַנגען אויף אַ וואַנט ביי זיך אין דער הייזקע ווי אַ צירונג, אָדער ער וואָלט אים פאַרקויפט פאַר אַ סך געלט. דערפאַר האָט זיך טשען אַזוי געזאָרגט און געווען אין טרויער, וואָס ער האָט דעם קאָפּ פון דעם אונטערגעשאָסענעם בערעלע נישט געקענט אויסנוצן. ער האָט ווידעראַמאָל איבערגעחזרט:

— אי, אי, אי!... נישט גוט. צעשפּאָלטן דעם קאָפּ, נישט גוט!...

באַלד האָט טשען אַרויסגענומען דאָס מעסער פון זיין טאַש און זיך געשטעלט אָפּשינדן די פעל פון דעם בערעלע. ער האָט די פעל אָפּגעגעבן מיכלען.

— מיינע גיט דיינע אַ מתנה!

ער האָט באַלד דאָ אויפן אָרט צעלייגט אַ פייער אַרום דעם אָפּגעשונדענעם בער און ער האָט געזאָגט:

— בערן־פלייש איז גוט, בערן־פלייש איז זיס!

און דערביי האָט ער פאַר מיכלען דערקלערט, אַז היינטיקן טאָג רעכנט ער נישט פאַר קיין טאָג פון יאַגד פאַר זיך, ווייל אויף יאַגד גייען דאָ אַרויס עטלעכע מענטשן צוזאַמען, גאַנצע גרופעס, משפחות און אַפילו גאַנצע דערפער. דאָס מאָל איז דאָס נאָר אַ שפּאַציר אַזאַ אין דער טייגע, און טאָן טוט ער דאָס נאָר צוליב מיכלען, ווייל ער געפעלט אים.

מען איז געזעסן אַרום פייער, אויף אַן איבערגעקערטן בוים וואָס האָט זיך דאָ געוואַלגערט. דאָס פלאַץ האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ הוילן שטח באַוואַקסן מיט ווילדע גראָזן און מיט אַן אַנוואַלגער פון צעפוילטע צווייגן וואָס דער ווינט האָט פון די ביימער אַראָפּגעריסן און אַהער פאַרטראָגן. דער פוסטער שטח אין דער טיף פון ווילדן וואַלד האָט אויסגעזען ווי אַן אָאַזיס אין דער מיט פון אַ מדבר. דאָס פייער האָט זיך געטראָגן צום הימל מיט געל־רויטע פלאַמען און געטשאַדעט מיטן גערוך פון ברענענדיקן פלייש. עס איז געווען אויסטערליש אַנגענעם צו זיצן און קוקן ווי עס סמאַליעט זיך דאָס פלייש אין דעם פייערדיקן שייטער.

דאָס קנאַקן פון דעם ברענענדיקן האָלץ און דער גערוך פון דעם ברענענדיקן פלייש האָט פאַרטריבן די חיות און פייגל טיפער אין דער טייגע און האָט אָבער דערנענטערט די נע־ונדניקעס, די גאָלדן און טונגוסן, וועלכע האָבן אָפט מאָל איינציקערווייז געבראָדזשעט אין דער טייגע. איינער אַזאַ וואַנדערנדיקער בראָדיאַגע האָט זיך צום פייער דערנענטערט און צו מיכלען און טשענען זיך אַ נייג געטאָן.

דער אַלטער קאָרעער האָט דעם פרעמדן אַנגעוויזן אויף אַ פלאַץ לעבן זיך, אויף דעם איבערגעקערטן בוים.

— זיץ! דיינע מיינע פריינד. זיץ!

דער קאָרעער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם גאָלד און דער גאָלד האָט נישט פאַרשטאַנען דעם קאָרעער, כאָטש מען האָט צוזאַמען דורות־לאַנג געלעבט אויף דער ווייט־מזרחדיקער טעריטאָריע פון דער רוסישער אימפּעריע. די גאָלדן האָבן געהאַט זייערן אַן אייגענעם דיאַלעקט. זיי האָבן קיינמאָל מערער ווי אַ פאָר געציילטע רוסישע ווערטער זיך נישט אויסגעלערנט צו רעדן, און דאָס איז פאַר זיי געווען גענוג אַנצוהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט אַנדערע מענטשן צו וועלכע זיי זענען געווען גלייכגילטיק.

מיכל האָט באַטראַכט דעם גאָלד. עס איז געווען אַ קליין־וווקסיקער אויסגעדאַרטער מענטש, אַנגעטאָן אין פוטערנע הויזן און מיט אַ פוטערן רעקל. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ פוטערן היטל און פון אונטערן היטל,

איבער זיינע פּלייצעס, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צוויי שוואַרצע געפלאָכטענע צעפּ. דאָס פּנים איז געווען רויט־געלבלעך. די אויגן קליינע, שוואַרצע און קרומע. קיין סימן פון קיין באָרד איז נישט געווען אויף זיין געזיכט און עס איז שווער געווען צו באַשטימען צי דאָס איז אַ מאַנספּאַרשוין אָדער אַ פרוי. דאָס פוטערנע רעקל איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, אויף וועלכן עס איז אַ לעדערנע שייד געהאַנגען און אין דעם שייד האָט אַ מעסער געשטעקט. אויף די פּלייצעס האָט ער געטראָגן אַ לעדערנעם זאַק. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ צוויי־רעדריקע ביקס. ער איז געווען אַ געניטער יעגער. אָבער דער גאַנצער אויסזען זיינער איז געווען אַ גלייכגילטיקער. ער האָט באַטראַכט די וועלט, די מענטשן און די חיות און פייגל מיט אַ גלייכגילטיקן בליק. ער האָט נישט רעאַגירט אויף גאָרנישט, נישט מיט קיין פרייד און נישט מיט קיין טרויער. ער האָט נישט געוווסט פון קיין האַס און ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם מיין פון ליבע. אַלץ איז פאַר אים געווען גלייכגילטיק: דאָס לעבן און דער טויט. ער האָט געזאָגט איינטאָניק צו טשעבען אין רוסיש: „ספּאַסיבאָ", — אַ דאַנק — און ער האָט זיך געזעצט נישט אויף דעם בוים, ווו טשען האָט אים אָנגעוויזן, נאָר אויף דער קאַלטער ערד לעבן דעם בוים.

מיכל האָט אים באַטראַכט. ער האָט געפּרוווט פאַרפירן אַ געשפּרעך מיטן גאָלד. אָבער יענער האָט מאַנאָטאָן און גלייכגילטיק געענטפערט אין רוסיש: „ניע פּאָנימאַיו", — איך פאַרשטיי נישט — און איז צוריק געבליבן זיצן אויף זיין אָרט אומבאַוועגלעך.

מיכל האָט געמיינט, אַז ער ווייסט שוין דעם סוד פון זייער אויסשטאַרבונג. עס איז אַ פאָלק אָן אַ גאָט, אָן געטער און אָן געטשקעס. זיי האָבן נישט קיין גלויבן און אַפילו נישט קיין אַבערגלויבן. זייער גאַנצער וועזן און זייער „פילאָסאָפיע" איז גלייכגילטיקייט. זיי זענען אויפגעקומען אויף דער וועלט כדי זיך צו באַווייזן אויף דער ערד און באַלד פון איר פאַרשווינדן. זיי זענען ווי יענע קוויטן וואָס בליִען נאָר איין מאָל און שטאַרבן באַלד דערנאָך. זיי זענען אין זייער צושטאַנד נאָך נידעריקער פון די ווילדסטע דיקאַרן, די ווילדסטע ווילדע שבטים פון די אַפריקאַנער דיקאַרן. די אַפריקאַנער ווילדע מענטשן האָבן אַפילו אין זייער צושטאַנד, אויפן שטאַפּל צווישן חיה און מענטש, פאַר זיך געשאַפן אַ העכערן גייסט, אַזאַ מין סוראָגאַט פון אַ גאָט מיט געטער פאַר וועלכע זיי טאַנצן, שפּרינגען, זינגען און ברענגען קרבנות. די גאָלדן האָבן גאָרנישט. זיי האָבן נישט געשאַפן קיין

שום גוטס און קיין שום שלעכטס. זייער גלייכגילטיקייט, זייער נישט וועלן זיך צופּאַסן צום לעבן, צו די נויטן און צו דעם קאַמף פאַר עקסיסטענץ איז דער סם וואָס דערפירט זיי צום אויסשטאַרבן.

איצט האָט שוין מיכל געוווּסט, אַז זיין נייער בוך וועט זיין אַ ראָמאַן וועגן די מענטשן וואָס באַוווינען די טייגע.

ווען טשען, דער אַלטער קאָרעער, וואָלט אים נישט אַ טאָרע געטאָן ביי דער פליִיצע, וואָלט ער נאָך לאַנג געטראַכט וועגן דעם אויסטערלישן טיפ־מענטש וואָס טראָגט דעם נאָמען גאָלד. טשען האָט אָבער איבערגעשלאָגן זיינע געדאַנקען. ער האָט געזאָגט:

— עסן! דאָס פלייש איז גוט, גוט געבראָטן, גוט געברענט, גוט פלייש!

— גוט, איך וועל עסן, — האָט זיך מיכל אָפּגערופן, — איך גלייב, אַז דאָס פלייש איז גוט, טאָווארישטש טשען!

דער אַלטער קאָרעער האָט אויסגעשניטן פון דעם הייסן און סמאַליע־דיקן בערן־פלייש דריי שטיקער. ער האָט זיך גענומען אַ שטיק פלייש און די איבעריקע צוויי שטיקער האָט ער געגעבן מיכלען און דעם גאָלד.

מען איז געזעסן און מען האָט מיט ווילדער הנאה געגעסן דאָס הייסע פאַרסמאַלעטע און צוגעברענטע בערן־פלייש פון וועלכן עס האָט אַראָפּגע־רונען אַ פעטע זאַפט צו דער קאַלטער ערד. מען האָט לאַנג געגעסן, גע־קנאַקט מיט דער צונג און מיט די ציינער, באַלעקט די פינגער און מען האָט געשלוקערצט און געגרעבצט. טשען האָט אַרויסגענומען פון זיין בוז־זעם־קעשענע אַ פלעשל בראָנפן און אַ זופּ געטאָן, דערנאָך האָט ער דאָס פלעשל איבערגעגעבן צו מיכלען, און ווען מיכל האָט אַ פּאָר זופּ געטאָן, האָט ער עס איבערגעגעבן צום גאָלד. דער גאָלד האָט זיך דערנאָך אויס־געצויגן אויף דער ערד און ער האָט אָנגעהויבן דרימלען.

דאָס פייער האָט נאָך אַלץ געברענט, אָבער שוין נישט מער מיט קיין פלאַמען, נאָר מיט אַ גלי פון איבערגעברענט האָלץ און ביימער־וואָרצלען וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ברענענדיקע הילצערנע קוילן.

דער קאָרעער האָט אַרויסגענומען פון דער הויזן־קעשענע אַ גרויסע הילצערנע ליולקע, אָנגעשאָטן אין איר אַ גאַנצע זשמעניע מאַכאָרקע און פאַררויכערט. ער האָט געוואָלט דערלאַנגען מיכלען צו פאַררויכערן און ער האָט זיך געווונדערט ווען ער האָט דערהערט, אַז מיכל רויכערט נישט. ער האָט געקוקט אויף מיכלען מיט גרויס אָפּשיי, ווייל אין דער טייגע איז אומגעגאַנגען אַן איינרעדעניש, אַז אַ מענטש אין וואַלד, אַ יעגער, קו־

אָפּט באַגיין אָן עסן און אָן טרינקען אָבער נישט אָן רויכערן. אַ מענטש וואָס האָט זיך געקענט באַגיין אָן רויכערן איז אין די אויגן פון אַ טייגע־איינוווינער פאַררעכנט געווען פאַר אַ העלד, פאַר אַ מענטש מיט שטאַרקע נערוון און אַ מאַכטפולן ווילן. מיכל האָט געלאַכט, ווען ער האָט דערהערט אָט־די דערקלערונג. ער האָט געזאָגט:

— אָ, טאָוואַרישטש טשען, איך בין גאָרנישט קיין העלד! איך רויכער נישט, ווייל איך פיל נישט צו רויכערן. איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין באַדערפעניש אַריינצוציִען דעם רויך אין מיינע לונגען. איך האָב אַפילו צוליב קאָמפּאַניעשאַפט מיט חברים עטלעכע מאָל געפּרווט אָנהייבן צו רויכערן, אָבער עס האָט זיך גאָרנישט נישט באַקומען פון דעם, ווייל איך פיל נישט קיין שום גוטסקייט אין דעם.

— נו, דיינע אַ גוטער מענטש! — האָט זיך טשען אָפּגערופן מיט אַ געלעכטערל און זיך אויפגעהויבן פון אָרט, — קום אַהיים! געזנוג היינט. פּילייכט נאָך איין מאָל דיינע ווועט קומען צו גאַסט. זונטיק קום! מיינע אַלע גייען אויף יאַגד אין טייגע: איך, מיינע צוויי יינגלעך און מיין מיידל, סאַנאַ! מיין ווייב בלייבט אין דער היים. זי וועט קאָכן, באַקן גוט עסן! נו, דיינע קומט זונטיק?...

— פאַרשטייט זיך, טאָוואַרישטש טשען, אַז איך וועל קומען! אָ, אַ דאַנק דיר פאַר דיין איינלאַדונג!...

.45

עס איז שוין געווען אויפדערנאַכט און שטאַק פינצטער ווען מען האָט זיך פון יאַגד צוריק אין דעם קאָרעער דאָרף אומגעקערט. עס האָט געשאָטן אַ שניי און עס האָט אַ קאַלטער ווינט געבלאָזן. דער הימל איז געווען שוואַרץ און די שטערן מוטנע־רויט, קוים וואָס מען האָט זיי אָנגעזען. מיכלען האָט זיך געוואָלט אויסטרינקען אַ הייסע גלאָז טיי און זיך אויסציִען אויף אַ וואַ־רעמען געלעגער און רוען, רוען און רוען. ער האָט שלאָפן נישט געוואָלט. ער איז געווען צופיל אויפגערעגט פון דעם איבערגעלעבטן טאָג. ער האָט געהאַט געטראַכט, אַז ער וועט גיין פון דאָרף צו דאָרף און פון שטעטל צו שטעטל, איבער אַלע עקן פון דער טייגע און ער וועט געוויס פּריִער ווי אין אַ חודש אַרום זיך נישט צוריקקערן אַהיים. איצט אָבער, אַז ער איז צוריק געקומען אין דעם קאָרעישן דאָרף, וואָס איז אַזוי נאָענט צו דער שטאָט בי־

ראַבידזשאַן האָט זיך אים שטאַרק פאַרבענקט אַהיים. ער האָט געוואָלט זען קסעניאַן. ער האָט געוואָלט וויסן צי אסתר פינלי מיט איר קינד האָבן פאַר־לאָזט דעם באַראַק און זענען איבערגעגאַנגען וווינען מיט קסעניאַן. צי אפשר איז גאָר קסעניאַ איינע אַליין אין דער גרויסער דירה, אין אַזאַ צו־שטאַנד... און פיליכט איז דאָס גאָר אינגאַנצן נישט געווען טאַקטיש פון זיין זייט זיך צו לאָזן אין טייגע און זוכן אויסערגעוויינלעכע געשעענישן און עקזאָטישן פאַרגעניגן אין דער צייט ווען דאָס ווייב איז שוואַנגער, כאָטש אַפילו נאָר אין ערשטן צי אין צווייטן חודש.

„דאָס ווייב איז שוואַנגער" — ווי מאָדנע עס קלינגט! קסעניאַ איז דאָך אַפילו נישט זיין ווייב. זי איז זיין חברטע... מען לעבט צוזאַמען. אוי, האָט ער פיינט צו הערן, ווען מען רופט אַ מאַן „חבר" און אַ ווייב „חברטע". אָבער דאָס איז דאָס. דאָס איז דאָס נייע לעבן וואָס ער אַליין האָט פאַר זיך אויס־געקליבן.

טשען האָט אים דערמאָנט, אַז עס איז שפּעט און עס איז נישט אַנגע־נעם אין אַ פינצטערער און שנייִקער נאַכט איינער אַליין זיך לאָזן פון דאָרט אין שטאָט. בעסער איז, אַז מיכאַיל זאָל ביי אים איבערנעכטיקן. אין זיין הייזקע איז זייער וואַרעם.

מיכל איז צופרידן געווען וואָס דער קאָרעער לאָדט אים איין איבער־צובלייבן איבער נאַכט אין זיין וואַרעמער הייזקע.

מען איז געזעסן אויפן פּאָל וועלכער איז איצט געווען כמעט הייס, ווייל דער אויוון וואָס האָט זיך געצויגן אונטערן פּאָל איז צוליב דעם כבוד־וועגן פון דעם גאַסט געווען גוט אויסגעהייצט. מען האָט געטרונקען שוואַרצע טיי און צוגעביסן מיט קאָרענע פּלעצלעך, די ליפּיאָשקעס וואָס די באַלעבאָסטע האָט געהאַט ערשט אָפּגעבאַקן. טשען האָט זיין גרויסע ליולקע מיט מאַכאָר־קע אָנגעפּילט און פאַררויכערט. דערביי האָט ער מיט זיינע לאַנגע פינגער די איינצלנע גרויע האָר פון זיין באָרד אַ צופּ געטאָן און ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן אַ מעשה וועגן דעם בירגער־קריג אויפן ווייטן מזרח, אין די צוואַנ־ציקער יאָרן, ווען מען האָט פון וולאַדיוואָסטאָק, פון כאַבאַראָווסק און פון דער גאַנצער טייגע־טעריטאָריע די יאַפּאַנער מיט די ווייסע גוואַרדייער, — די קאָלטשאַקאָווצעס, מערקולאָווצעס און סעמיאָנאָווצעס, — פאַרטריבן.

עס איז שוין געווען שפּעט. די צוויי יינגלעך זענען אַוועק אין אַ ווינקל אויפן פּאָל, וווּ זייער געלעגער איז געווען, און האָבן זיך געלייגט שלאָפן. טשען און זיין אַלטע האָבן זייער געלעגער געהאַט ביי אַ וואַנט, אויפן פּאָל,

אַקעגן איבער דער וואַנט, וואָס האָט די הייזקע צעטיילט אין צוויי צימערן. אין דעם צווייטן צימער, אויפן פּאָל, זענען אויך צוויי געלעגערס געווען, איין געלעגער אַקעגן דעם צווייטן. אויף איינעם איז געלעגן מיכל, אויפן צווייטן — סאַנאַ.

עס איז געווען פינצטער. קיין ליכט האָט אין ערגעץ נישט געברענט. עס איז געווען שטיל. נאָר דאָס שווערע כראָפּען פון די שלאָפנדיקע אין צווייטן צימער האָט די שטילקייט צעטרייסלט. מיכל און סאַנאַ זענען נישט געשלאָפן.

וועגן וואָס האָבן זיי געטראַכט?

האָט מיכל איצט געטראַכט וועגן קסעניאַן? וועגן אסתר פינלי מיט איר קינד? צי וועגן אומקערן זיך וואָס גיכער צוריק קיין מאָסקווע?

און סאַנאַ, האָט זי געטראַכט וועגן די קינדער פון איר שול צי וועגן דעם שיינעם יונגען מאַן, וואָס ליגט אַקעגן איר אויף אַ באַזונדערן געלעגער?

מיכל האָט געטראַכט וועגן דער חנוודיקער און עקזאָטיש־שיינער סאַנאַ! ער איז באַהערשט געוואָרן פון "יצר־הרעדיקע געפילן!... ער האָט געטראַכט: „פאַרוואָס האָט מען מיין געלעגער געמאַכט אין סאַנאַס באַזונדערן צימער, אַקעגן איר געלעגער, און נישט אין דעם אַלגעמיינעם צימער, פאַר דער גאַנצער משפחה?"... ער האָט פּלוצים זיך אָנגערופן שטיל, מיט אַ שעפּטשענדיקן קול: — סאַנאַ, דו שלאָפסט?...

— איך שלאָף נישט! — האָט סאַנאַ געענטפערט, — וואָס איז?...

—איך וויל דיר עפּעס פרעגן!

— גוט, פרעג!

— איך האָב מורא, אַז איך וועל אויפוועקן די עלטערן דיינע, אָדער די ברידערלעך!

— וועסט זיי נישט אויפוועקן. רעד, איך וויל הערן! איך קען אויך נישט שלאָפן...

— פאַרוואָס קענסטו אויך נישט שלאָפן?

— איך ווייס נישט!

ראַפּטאַם האָט זיך מיכל אויפגעהויבן פון זיין געלעגער און איז אַריבער צו איר. זי האָט אים אַרומגענומען און געזאָגט: — נו, רעד, איך וועל הערן!

— פאַרוואָס הערט מען נישט זינגען ביי אייך אין דאָרף? — האָט מיכל געפרעגט און באַלד נאָך צוגעגעבן, — אין די רוסישע און אין די אוקראַי־

נישע דערפֿער הערט מען יעדע נאַכט געזאַנגען און טענץ פֿון ייִנגלעך און מיידלעך. אין חגא־טעג פֿאַרברענגען די דאָרפֿישע יונגעלייט ביזן טאָג אַרײַן. עס שפּילט אַ גיטאַרע, עס דרימבלט אַ באַלאַלײַקע, און די האַרמאָשקע צע־גייט זיך מיט אַזעלכע זיסע קולות, אַז עס גיט אַזש אַ צופּ ביים האַרצן. ייִנגלעך און מיידלעך גייען אַוועק פֿאַרלעכווייז, מען קושט זיך, מען האַלדזט זיך און מען ליבט זיך!...

— מיר האָבן נישט קיין יונגעלייט, — האָט סאַנאַ מיט אַ שטילן טרויער געזאָגט, — נאָך צוריק מיט אַ האַלב יאָר האָט מען פֿון אונדזערע דערפֿער אַלע יונגע מענטשן אין עלטער פֿון זעכצן ביז דרייסיק יאָר מאָביליזירט אויף וויכטיקער אַרבעט און זיי פֿאַרשיקט אין די וויסטעניש פֿון דעם סאָ־וועטישן מיטל־מזרח. עס איז ערגעץ אין די הייסע און זאַמדיקע מדבריות צווישן פֿערגאַנאַ און פּאַמיר; דאָרטן, אין דעם טורקעסטאַן, געפֿינען זיך אונדזערע יונגע מענער און בחורים. זיי בויען עפּעס דאָרט, זייער וויכטיקע זאַכן בויען זיי דאָרט. עס איז אַ סוד, דאָס וואָס זיי בויען!...

זי האָט זיך איינגעגנורעט אין אים, ווי אַ קינד זיך געטוליעט מיט איר הייסן פּנים צו זיין גרויסער און ברייטער ברוסט. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך. דער גאַנצער רייץ וואָס איז געוואַקסן אין אים ווען ער איז באַזונ־דער געלעגן איז מיט אַמאָל פֿאַרשוווּנדן. די שרייבערישע נייגעריקייט האָט געזיגט איבער דער מענטשלעכער תאווה. ער האָט איר געפֿרעגט:

— מיט גוואַלד האָט מען די יונגעלייט פֿאַרשיקט אויף דער אַרבעט?

זי האָט זיך אָפּגערוקט פֿון אים, גלייך ווי ער וואָלט זי מיט עפּעס באַ־לײדיקט.

— וואָס פֿאַר אַ גוואַלד? די פּאַרטיי האָט גערופֿן, דער חבר סטאַלין אַליין האָט גערופֿן אונדזער יוגנט, אַז מען זאָל זיך פֿרייוויליק מאָביליזירן און פֿאָרן אויף אַרבעט אין דעם הייסן מזרח, כדי צו פֿאַרוואַנדלען דעם אומ־נוצלעכן טרוקענעם מדבר אין אַ נוצלעך בלִיענדיקן לאַנד!

— אָבער דאָ, אין דער טייגע, איז דאָך אַלץ אויך וויסט און פּוסט און מען דאַרף דאָך דאָ אויך מענטשן פֿאַר בויונגס־אַרבעט! מען שיקט דאָך אַהער טויזנטער מענטשן פֿון אַנדערע געגנטן פֿון דעם לאַנד, אַז זיי זאָלן זיך דאָ באַזעצן און זיי זאָלן די ווילדע טייגע פֿאַרוואַנדלען אין אַ בלִיענדיק לאַנד! איז וואָס פֿאַר אַ זין איז דאָס, אַז פֿון דאַנען פֿאַרשיקט מען נוצלעכע אַרבעטס־מענטשן און אַהער ברענגט מען אַנדערע?...

— אָ, פֿרעג ביי מיר נישט מער, טאָוואַרישטש קרוגער! איך ווייס גאָר־

נישט!... — האָט סאָנאַ געענטפערט און האָט אים ווידער אַרומגענומען, — איך ווייס נאָר, אַז די פּאַרטיי און די רעגירונג האָט אַ פינף־יאָר פּלאַן פון בויען סאָציאַליזם. מיר זענען צו קליינע מענטשן, אַז מיר זאָלן זיך נאָכ־פרעגן צי דער פּלאַן איז אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער. עס וואָלט געווען אַ כאַאָס ווען יעדער איינער מישט זיך און שטעלט פראַגן. עס איז פאַראַן אַ פּאַרטיי־דיסציפּלין. איך און מיין טאַטע און אַלע פּאַרטיי־מענטשן און קאָמ־סאָמאָלצעס פון אַלע קאָרע:שע דערפער האָבן אַגיטירט און איינגערעדט אונדזערע מענער, אונדזערע ברידער און אונדזערע זין און חתנים, אַז אויפן רוף פון אונדזער אַלעמענס פאָטער און פירער, טאָוואַרישטש סטאַלין זאָלן מיר אויספילן די פּריוויליקע מאָבילי:אַציע אויף אַלע הונדערט פּראָצענט!

מיכל האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז צופיל רעדן וועגן דער זאַך דאַרף ער נישט. זי איז צו פּאַרקאָכט און פאַנאַטיש איבערגעגעבן צו דעם קאָמוניס־טישן גלויבן. איבעריקע פראַגן קענען נאָך ביי איר אַרויסרופן אַ חשד... ער איז דערפאַר באַלד אַריבער אינגאַנצן אויף איר זייט. ער האָט פאַטעטיש אויסגערופן:

— גוט, איר זיינט גוטע, הונדערט־פּראָצענטיקע קאָמוניסטן! — און ער האָט שטיל אַ לאַך געטאָן, זי אַרומגענומען און זי אַ קוש געטאָן, — אָבער זאָג דעם אמת, עס איז אומעטיק אין דאָרף אָן בחורים? עס בענקט זיך!...

זי האָט זיך צוריק איינגענורעט אין אים.

— יאָ, עס בענקט זיך... איך האָב געהאַט אַ בחור, געמיינט חתונה האָבן. איצט, ווער ווייסט ווען איך וועל אים זען!

— ער שרייבט צו דיר?

— זייער ווייניק!

— פאַרוואָס?

— איך ווייס נישט! די לעצטע בריוו האָב איך פון אים באַקומען צו־ריק מיט צוויי חדשים. ער האָט געשריבן, אַז די י:נגערע בחורים וועט מען פון דער אַרבעט באַפרייען און מען וועט זיי אין דער רויטער אַרמיי צונע־מען!

— די פּאַרטיי און די רעגירונג ווייסן וואָס זיי טוען! — האָט מיכל גע־זאָגט.

— געוויס! — האָט זי צוגעגעבן און פלוצים געפרעגט, — דו האָסט אַ ווייב?

— יאָ און ניין! — האָט ער באַלד געזאָגט, — מיר זענען נישט פאַר־שריבן. מיר לעבן ווי חברים צוזאַמען.

— אַהאַ, איך פאַרשטיי! — האָט זי געענטפערט, און זיך נאָך מער צו אים געטוליעט.

איר קערפּער האָט געשמעקט מיט פרישקייט פון צייטיקע און רייפע בלומען. ער האָט זי אָנגעהויבן שטאַרק קושן. זי האָט אים צוריק געקושט. דערנאָך איז מען געלעגן שטיל. מען האָט זיך געהאַלטן ביי די הענט און מען האָט געשוויגן. זי האָט די ערשטע די שטילקייט צעשטערט, — שלאָפסט, מיכאַיל?

— ניין, סאַנאַ, איך שלאָף נישט! איך טראַכט!

— וועגן וואָס טראַכסטו?

מיכל האָט געזאָגט: — איך וואָלט זייער געוואָלט זיין אַ רייזנדער, ארומפאָרן איבער דער וועלט, זען גאַנץ אייראָפּע, אַפריקע, אַזיע און אַמע־ריקע! מיר ווילט זיך זען ווי אַזוי אַנדערע פעלקער, אַנדערע מענטשן לעבן!

— אָ, דו ביסט טאַקע אַן אמתער שרייבער! — האָט סאַנאַ זיך אָפּגע־רופן, — דו האָסט עפּעס אַזעלכע מאָדנע חלומות און פאַרלאַנגען!...

— און דו, סאַנאַ, דו האָסט דען נישט קיין שום חלומות און קיין שום פאַרלאַנגען?

— נאָר איין חלום און נאָר איין פאַרלאַנג! — האָט סאַנאַ געזאָגט, — אַ סאָוועטישע, אַ קאָמוניסטישע קאַרעאַ!

— עס וועט זיין אַ סאָוועטיש־קאָמוניסטישע קאַרעאַ! — האָט מיכל געזאָגט.

— דו ביסט אין דעם זיכער?

— געוויס! די גאַנצע וועלט וועט דאָך אַמאָל ווערן סאָוועטיש־קאָמו־ניסטיש! דאָס איז דאָך אונדזער ציל, אונדזער ענד־פונקט! — און ער האָט שטיל אָנגעהויבן צו זינגען, מיט זיין אָנגענעמער קליינער שטימע, דאָס פּאָ־פּולערע לידל וועגן דעם לאָקאָמאָטיוו וואָס פאָרט פאָרויס און וועט זיך אָפּ־שטעלן נאָר דאַן ווען ער וועט צוקומען צו דער אַלוועלטלעכער סטאַנציע, דעם קאָמוניזם.

און פּלוצים האָט ווי פון אַן ערד־ציטערניש דאָס דאָרף זיך אַ טרייסל געטאָן. עס האָבן זיך דערהערט שיסערייען און געוואַלדן מיט געלויפן. עס האָבן זיך דערטראָגן געוויינען און געשרייען פון מענער, פרויען און קינ־דער. מיכל און סאַנאַ האָבן זיך געכאַפּט גיך אָנטאָן. דער אַלטער טשען האָט

אַנגעצונדן די לאָמפּן איןביידע טיילן פון זיין הייזקע, אויפגעוועקט דאָס ווייב מיט די צוויי יינגלעך זיינע, און זיי געהייסן זיך גיך און שנעל אָנטאָן און זיין גרייט.

— וואָס איז געשען? — האָט מיכל ביים קאָרעער געפרעגט.

— איך ווייס נישט, — האָט טשען געענטפערט, — קען זיין אַ מלחמה, יאַפּאַן!...

— עפן די טיר! — האָט מיכל אַ געשריי געטאָן, — וואָס פאַר אַ מלחמה אין מיטן דערינען, דו הערסט דען נישט די געשרייען אין רוסיש?

— אָ, דו קענסט נישט די יאַפּאַנעזער און די כינעזער! — האָט טשען געזאָגט, — זיי האָבן געגוג אָפיצירן וואָס רעדן רוסיש. מיר לעבן דאָך נישט ווייט פון דער גרענעץ מיט מאַנדזשוריע און מען קען אויף אונדז איבער נאַכט אָנפאַלן!...

— שאַ, זאָל זיין שטיל! — האָט זיך סאַנאַ געבעטן, — הערט!...

עס האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען אין אַ בולטער רוסישער שפּראַך: „גייט אַרויס פון די הייזקעס! אַלע, אַלע זאָלן אַרויסגיין אין דרויסן!". עס האָבן זיך געהערט קלעפּ אין די טירן פון די הייזקעס. עס האָט זיך געהערט ווי מען ברעכט די שויבן פון די פענצטער און ווי מען שלעפּט מיט גוואַלד מענטשן אויף דער גאַס אַרויס. סאַנאַס מוטער איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטע און געקוקט אויפן מאַן. די צוויי יינגלעך, אָנגעטאָן אין וואַרעמע פּעלצלעך, זענען געשטאַנען גרייטע און געוואַרט אויפן טאַטן, געקוקט אויף אים מיט רעספּעקט און זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט זיינס.

טשען האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און צעעפנט די טיר. מען איז אַלע אַרויס אין דרויסן. מען האָט דערזען ווי עס שטייען אַלטע קאָרעער מיט זייערע ווייבער און קינדער, זיי ציטערן פון קעלט און שרעק, מען טוליעט זיך איינס צום אַנדערן און מען שרייט עפּעס און מען וויינט. אַרום די אומגליקלעכע, דערשראָקענע מענטשן, וועלכע מען האָט אין מיטן דער נאַכט פון די געלעגערס אַרויסגעשלעפּט, שטייען סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי מיט ביקסן אין די הענט. עטלעכע רויטאַרמייער האַלטן אָנגעצונדענע פאַקלען און באַלייכטן דאָס דאָרף. און פון די הייזקעס האַלט מען אין איין ברענגען און שלעפּן מענטשן און מען פירט זיי צו דער גרופּע אַרעסטירטע.

— וואָס שטייסטו און שוויגסט? — האָט זיך מיכל אויף טשענען צעשריגן, — דו ביסט דאָך דער פאָרזיצער פון דעם סאָוועט אין דעם דאָרף, טאָ גיי און פרעג וואָס דאָ קומט פאָר!

— מייִנע גייט נישט! — האָט טשען געענטפערט, — גרויסע קאָמי־סאַרן פון שטאָט זענען דאָ!

— קום! — האָט מיכל זיך געווענדט צו סאַנאַן, — לאָמיר זיך דער־וויסן וואָס עס קומט דאָ פאָר!

— ניין, עס איז נישט גוט, — האָט סאַנאַ געענטפערט, — שטענדיק ווען מען דאַרף עפּעס אין אונדזער דאָרף קומט מען צום פאָרזיצער פון סאָ־וועט נאָך זיין הילף און מיטאַרבעט. איצט האָט מען ביי מיין טאַטן גאָר־נישט געפרעגט. מען טוט אַלץ אַליין אָן זיין וויסן. עס איז אַ סימן, אַז מען אַרעסטירט דאָס גאַנצע דאָרף, מען שיקט אונדז אַלעמען אַרויס פון דאַנען!

— פאַרוואָס זאָל מען אייך אַרעסטירן?... און וווהין שיקט מען אייך? — האָט מיכל אַן אויפגערעגטער געפרעגט.

— מען געטרויט אונדז נישט, — האָט סאַנאַ געזאָגט, — מען טאָר דאָס מיין טאַטן נישט זאָגן. ער וועט דאָס נישט פאַרשטיין. מען וועט אונדז גערוויס שיקן קיין טורקעסטאַן, אין דעם הייסן מדבר, דאָרט ווו מען האָט אונדזערע בחורים און מענער פאַרשיקט!

עס זענען צוגעקומען צוויי סאָלדאַטן מיט אַ ציווילן מאַן. מיכל האָט דעם ציווילן באַלד דערקענט. דאָס איז געווען דער סעקרעטאַר פון דעם בירא־בידזשאַנער קאָמוניסטישן פאַרטיי־קאָמיטעט, טאָוואַרישטש נאַטאַן ווי־דער. ער איז צוגעקומען און ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו טשענען און געזאָגט:

— די אָפּעראַציע אין דיין דאָרף איז פאַרענדיקט. פאַרנעם, טאָוואַ־רישטש טשען, אַלע דיינע בעבעכעס! פאַר דיר און דיין משפחה וועלן מיר געבן אַ באַזונדערן וואַגאָן. דער צוג וועט אָפּגיין פון דער סטאַנציע נאָך איידער עס וועט ווערן טאָג.

דער אַלטער קאָרעער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. ער איז גע־שטאַנען און געקוקט תמעוואַטע ווידערן אין די אויגן אַריין. סאַנאַ האָט זיך אָפּגערופן:

— וואָס קומט דאָ פאָר, טאָוואַרישטש ווידער? פאַרוואָס אַרעסטירט מען אונדז? פאַרוואָס האָט איר געמאַכט אַ פּאָגראָם אין דעם דאָרף?

— טאָוואַרישטש סאַנאַ! — האָט דער סעקרעטאַר זיך צעשריגן, — איך רוף דיך צו אָרדענונג. קיין שום פּאָגראָמען האָבן מיר דאָ נישט גע־מאַכט. און מיר אַרעסטירן דאָ קיינעם נישט. מיר שיקן אייך נאָר איבער

אין אַן אַנדער אָרט. דאָרט וואַרטן אויף אייך צוגעגרייטע נייע הייזער. דאָרט וועט איר האָבן אייער נייע היים!

— אונדז איז דאָ אויך גוט! — האָט טשען געזאָגט און טרערן זענען אים אין די אויגן געשטאַנען, — פאַרוואָס טרייבט מען אונדז פון דאַנען אַרויס?

— ביסט אַן אַלטער קאָמוניסט און אַ געוועזענער פּאַרטיזאַן, מאָוואַ־רישטש טשען, — האָט ווידער שטרענג געענטפערט, — דו דאַרפסט זיין דער ערשטער אויסצופילן יעדע באַשטימונג פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי!

— אָבער מען האָט דאָך אונדז נישט צוגעגרייט צו דעם. מען האָט ביי אונדז נישט געפרעגט, אונדז נישט געוואָרנט און מיט אונדז זיך נישט באַ־ראַטן! מיר האָבן דאָ געבויט אונדזער סאָוועטיש־קאָרעיִשע קולטור, אונד־זערע סאָוועטיש־קאָרעיִשע שולן, אונדזער קאָרעיִשן טעאַטער, אונדזערע פאַרלאַגן און צייטונגען. אַלץ, אַלץ ווערט איצט פאַרניכטעט!...

ווידער האָט זיך נישט צוגעהערט צום אַלטן קאָרעערס רייד. ער האָט שטרענג באַפוילן:

— גייט און נעמט אַרויס פון אייער הייזקע אַלץ וואָס איר קענט מיט זיך מיטנעמען און זייט גרייט! מיר וועלן צו אייך שיקן אַ וואָגן און אייך פירן צום וואָקזאַל. אייער וואַגאָן איז נומער זיבן. איר זיינט דער פּאָרזיצער פון דעם דאָרפישן סאָוועט דאָ און איר בלייבט פּאָרזיצער אויך אין דעם נייעם אָרט. מיר האָבן פאַר אייך פאַרגרייט אַ באַזונדערן וואַגאָן. איר זעט, מיר האָבן אין אייך נישט פאַרגעסן. מיר ווייסן, אַז איר זיינט גוטע קאָמו־ניסטן און מיר גיבן אייך דערפאַר די מעגלעכסטע פּריווילעגיעס! ווען איר וועט קומען אויפן אָרט ווו מען שיקט אייך, זעט, באַוויזט, אַז איר זיינט נאָך אַלץ ווערט צו טראָגן דעם הויכן נאָמען: קאָמוניסטן! מיר געטרויען אייך. איר מוזט פאַרשטיין, אַז אַלע מאָסמיטלען וואָס די פּאַרטיי און די רעגירונג ווענדן איצט אָן צו אייך, זענען דאָס נישט קיין רעפּרעסיעס. אַלץ איז אויס־גערעכנט צום בעסטן. עס האָט געמוזט צוגיין געהיים, אָן אַ וואָרעניש, פּלו־צים אין דער מיט פון דער נאַכט, ווייל דער שפּיאָנאַזש פון די יאַפּאַנער און כינעזער איז דאָ אויסערגעוויינלעך מוראדיק. מיר האָבן איצט קיין צייט זיך נישט פונאַנדערצוקלייבן ווער פון אייך איז אַ קאָרעער, ווער אַ כינעזער און ווער גאָר אַ יאַפּאַנטשיק! איר זיינט אַלע ענלעך איינס אויפן אַנדערן! אָבער נישט געזאָרגט, טאָוואַרישטש טשען, עס וועט זיין גוט! ווי

זאָגט מען דאָס: איבער איין שוואַרצער שאָף לײַדן אויך די ווײַסע. איר האָט נישט באַוויזן אַליין אויסצוראָטן די שוואַרצע שאָף, די שפּיאָנען, נו, איצט מוזן מיר דאָס טאָן פאַר אײַך! אָבער די ענדע וועט זײַן אַ גוטע. איר וועט אונדז שפּעטער דאַנקבאַר זײַן! געדענקט מײַנע ריד!

נאָך דער רעדע האָט זיך נאָטאָן ווידער אויסגעקערעוועט צו זײַ מיט דער פּלייצע און ער האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין אין דער באַגלייטונג פון די צוויי סאָלדאַטן. ער האָט אָבער באַלד באַמערקט מיכלען און ער האָט אין אַ זייער געהויבענער שטימונג אויסגערופן:

— טאָוואַרישטש קרוגער, ווי קומט איר אַהער? נישט געוווּסט, אַז איר זײַנט אויך אָנגעשלאָסן אין אונדזער אונטערנעמונג!

— ניין, טאָוואַרישטש ווידער, — האָט מיכל מיט אַ ציטער אין קול געענטפערט און ער האָט געפילט, אַז אָט־אָט וועט ער אויסזעצן אין אַ גע־וויין, — ניין, טאָוואַרישטש ווידער, איך בין נישט אָנגעשלאָסן אין אײַער אונטערנעמונג, איך בין דאָ צופעליק!... איך בין אויף יאַגד געגאַנגען און זיך פאַרהאַלטן אין דעם דאָרף איבער נאַכט!

— גוט, גוט! — האָט דער סעקרעטאַר געענטפערט, — באַקאַנט זיך מיט דער געגנט. פאַר אַ שרײַבער איז דאָס זייער וויכטיק. קומט אַרײַן אין פּאַרטיי־קאָמיטעט, לאָזט זיך זען!...

— איך וועל אַרײַנקומען צו אײַך, טאָוואַרישטש ווידער!

ער איז געבליבן אײנער אַליין. טשען מיט זײַן ווײַב און קינדער זענען אַוועק אין זייער הייזקע צונויפנעמען זייערע זאַכן און זײַן גרייט ביז מען וועט קומען נאָך זײַ. ער האָט געוואָלט גיין צוריק צו דער הייזקע, רעדן מיט טשענען, רעדן מיט סאַנאַן. ער האָט זיך געפילט שולדיק און זינדיק, כאָטש ער אַליין האָט ביז איצט וועגן דעם פאַרברעכן נישט געוווּסט. ווי ער האָט פאַרשטאַנען איז דער באַפעל אַרויסצושיקן פון דער טעריטאָריע, וואָס גרע־נעצט זיך מיט מאַנדזשוריע, אַלע קאָרעער, כינעזער, טונגוסן, מאָנגאָליער און גאָלדן, אָנגעקומען פון קרעמל פּלוצים און אומדערוואַרט. מען האָט די־אָפּעראַציע געמוזט דורכפירן גיך און שטיל. לויט אַלע סימנים פון אַזאַ־אַ אונטערנעמונג האָט זיך געפילט די האַנט און דער ווילן פון סטאַלינען. אַזאַ זאַך קען ווערן געטאָן נאָר מיט סטאַלינס פּערזענלעכער גוטהייסונג און נאָר לויט זײַן באַפעל. ער האָט באַשטימט נישט צו גיין אין דער הייזקע און נישט צו זען זיך מער מיט דעם גאַסט־פרײַנדלעכן טשען און זײַן ליבער טאָכטער סאַנאַ. ער האָט געוווּסט, אַז עס איז נישט מענטשלעך, נישט גוט, נישט מאַ־

ראַליש און נישט עטיש אַזוי צו טאָן. ער האָט אָבער איצט ווי שוין פיל מאָל אין זיין לעבן געטאָן נישט דאָס וואָס עס איז דער חוב פון יעדן אָנ־שטענדיקן מענטשן, נאָר דאָס וואָס עס איז זיכערער און בעסער פאַר זיין אייגענער עקסיסטענץ. עס איז אַ ים מיט ווילדע חיות. מען דאַרף לאַווירן אַזוי, אַז מען זאָל נישט דערטרונקען ווערן, און די ים־חיות זאָלן דיך נישט אויפעסן.

ער האָט זיך דערנענטערט צו די קאָרעער וועלכע זענען געווען אַרומ־גערינגלט פון סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי און פון אוניפאָרמירטע און ציוויל־געקליידטע ג.פּ.או.־לייט. צווישן די ציוויל־געקליידטע ג.פּ.או.־אַגענטן האָט ער דערזען דעם שרייבער סערגעי קופּעץ און דעם פּאַרוואַלטער פון דער ראַדיאָ־סטאַנציע לעאָן קאָלקער. דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. זיין פּנים איז געוואָרן רויט פון שרעק און כּעס. — „אַט ווער זיי זע־נען!" — איצט ווייסט ער שוין, אַז קופּעץ און קאָלקער זענען אַגענטן פון דער געהיימער פּאָליציי. ער האָט זיך שנעל אויסגעקערעוועט און איז אַוועק. ער איז צו צו דער הייזקע מיט אַן אַראָפּגעריסענער טיר און אויסגעהאַקטע שויבן. נישט ווייט פון דער הייזקע איז אַן אויסגעהוילטער בוים, דער אויס־טערלישער קוימען, געשטאַנען. דער בוים איז געווען זייער דיק און ער איז נאָך געווען וואַרעם פון דעם הייסן רויך וואָס האָט פון אים ביז נישט לאַנג געזעצט. ער האָט זיך אַנגעשפּאַרט אין דעם בוים און געוואַרט.

מען האָט די אַרעסטירטע קאָרעער אַוועקגעפירט. עס איז צוגעפאָרן אַ פור מיט צוויי פערד געשפּאַנט. עס זענען אַרויסגעקומען טשען מיט זיינע צוויי יינגלעך. דערנאָך איז אַרויסגעקומען זיין ווייב פון דער הייזקע. סאָנאַ איז נאָכגעגאַנגען דער מוטער. זי האָט אונטער־געהאַלטן דער וויינענדיקער מאַמען אונטערן אָרעם און איר געהאָלפן זיך אַריינזעצן אין וואָגן. מיכל האָט צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט נישט געקענט צוזען דאָס בילד. ער האָט געהערט ווי מען פירט אַוועק די אַרעסטירטע, און ווי דער וואָגן מיט די „פּריווילעגירטע" אַרעסטאַנטן, — דעם פּאַרזיצער פון דעם דאָרפישן סאָ־וועט מיט זיין משפּחה, — האָט זיך געריכט פון אָרט. שטייענדיק אַזוי אָנ־געשפּאַרט אין דעם קוימען־בוים איז מיכל איינגעשלאָפן אין אַנגסטן און אין שמערץ.

ווי פיל זיין שטייענדיקער שלאָף האָט געדויערט איז פאַר אים נישט גע־ווען קלאָר. ווען ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן איז שוין געווען טאָג. ער איז אַוועק פון בוים. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דעם אויסגעליידיקטן

דאָרף, אַרײַנגעקוקט אין יעדער פֿאַרלאָזטער הײַזקע און איז דערנאָך אַוועק. ער איז געגאַנגען גיך, כּמעט געלאָפֿן. דאָס חרובֿ געוואָרענע דאָרף, די סאָפּקע און דער טײַגע־וואַלד זענען געבליבן הינטער אים. פֿאָרויס איז געשטאַנען די הילצערנע בריק איבער דעם בירא־טײַך, די בריק צו דער ניי־בויענדי־קער שטאָט בּיראָבּידזשאַן. ער איז געלאָפֿן צו דער בריק. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער אַריבער די בריק, אַהיים קומען און צולויפֿן צו קסעניאַן, זי קושן און וויינען, און זיך בעטן בײַ איר: „לאָמיר אַוועק פֿון דאַנען, גיכער, גיכער, צוריק קיין מאָסקווע!״.

ווען ער איז דערלאָפֿן צו זײַן היים האָט זיך דאָס גאַנצע ביטערניש פֿון אים אויסגעוועפּט. ער האָט זיך באַטראַכט, אַז לויפֿן איז נישטאָ וווהין. אין יעדער שטאָט און אין יעדן דאָרף הערשט די מאַכט פֿון דער פּאַרטיי, די סאָוועטן־מאַכט!... דער לעבן־שטײַגער איז שוין אײַנגעשטעלט און פֿאַרפֿעס־טיקט. קיין ענדערונגען צום בעסערן זעט זיך נישט פֿאָר. קעמפֿן קעגן אומ־רעכט איז נישט פֿאַר אים. ער וועט אומקומען און וועט קיינעם מיט דעם קיין גוטס נישט טאָן. און אויסער דעם, פֿון וואַנען ווייסט ער, אַז דאָס וואָס עס קומט פֿאָר פֿאַר זײַנע אויגן איז אַן אומרעכט? פֿילײַכט דאַרף אַזוי זײַן! ער זעט נאָר די אַקציע פֿון דער קעגנוואַרט און ער האָט ווי עס ווײַזט אויס נישט קיין וויזיע צו זען דעם רעזולטאַט אין דער צוקונפֿט. און נאָך אַלעמען, ווער איז ער אַזוינס וואָס ער דאַרף לײַדן פֿאַר אַלע קרױוודעס וואָס ווערן אָפּגעטאָן? ער איז דאָך נישט מער ווי אַ קלײנער מענטש אין אַ גרויסער מדינה. נו, און אַז ער האָט שוין אַרויסגעלאָזט אַ בוך, אַ ראָמאַן וואָס האָט געהאַט אַ דערפֿאָלג און מען האַלט אים פֿאַר אַ טאַלאַנטירטן שרײַבער, איז וואָס איז דאָ אַזוינס?... נו, און אַז מען האָט אים באַלוינט מיט אַן אָרדן פֿאַר זײַן „העלדישער״ אַרבעט אין אַ דאָרף, איז וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט דאָס?... קאַרגע מיוחסים אַזעלכע ווי ער, וואָס האָבן געשטופּט זייערע נעזער אַהין ווו מען דאַרף נישט, קומען אָפּ אין די לאַגערן און טורמעס?... און אַפֿילו גרויסע קאָמיסאַרן, ווען זיי ווערן צו קלוג, שטעלט מען צו דער וואַנט!... ווי באַלד אַזוי איז בעסער זיך נישט גריבלען, נישט ווײַטיקן און נישט „פֿילאָ־סאָפֿירן״ וואָס עס איז רעכט און וואָס עס איז אומרעכט. אַ קאָמוניסט דאַרף זײַן אײַזן־שטאַרק, ווי אַ גוטער סאָלדאַט וואָס פֿילט אויס באַפֿעלן און שטעלט נישט קיין שום פֿראַגן.

„אָט אַזוי־אָ דאַרף דאָס זײַן, מיכל, — האָט ער געטראַכט, — אויב דו ווילסט בלײַבן לעבן און געניסן פֿונעם לעבן!״.

.46

קסעניאַ איז געווען צופרידן וואָס מיכל האָט זיך אַזוי גיך אומגעקערט אַהיים, ווייל אסתר פינלי איז נישט געקומען ווינען מיט איר און עס וואָלט איר דערפאַר געווען זייער אומעטיק און שווער איינע אַליין צו בלייבן אין דער דירה.

— אַט זעסטו קסעניאַ, — האָט מיכל געזאָגט, — מען וויל אַ מענטשן אַרויסהעלפן אין אַ נויט, און וואָס באַקומט זיך? מען זאָגט זיך אָפּ פון דיין הילף! דאַכט זיך אַן אינטעליגענטע פרוי, אַ קעמפערין פאַר אַן אידעאַל, געלאָפן פון פּאַלעסטינע צו בויען דאָ דעם ביראָבידזשאַן, און דאָך, זי וויל ליבערשט זיצן מיט איר קינד אין דעם ענגן און שמוציקן באַראַק איידער צו לעבן ביי אונדז אין אַ געראַנגער אַזוי פֿרייער אויגן... ווייל אויב זי קענט עפּעס ...

שטיי אַ מענטשן...

— פאַרשטייסטו טאַקע נישט קיין מענטשן! — האָט קסעניאַ מיט אַ מין סודותדיקן שמייכל אָפּגעענטפערט, — אַ, זי איז זייער דאַנקבאַר געווען וואָס מיר זאָרגן זיך פאַר איר. זי וואָלט גערן פאַרלאָזט דעם באַראַק און זיך אַריבערגעקליבן צו אונדז, אָבער איז דאָס דען אַן אויסוועג פון איר לאַגע?

— איך ווייס, אַז נישט. אָבער דערווייל, ביז זי וועט זיך צו עפּעס דער־שלאָגן...

— זי קען זיך צו גאָרנישט דערשלאָגן, מיכאַיל. מען וועט זי אין דער פּאַרטיי דאָ נישט אַריינגעמען. מען אָנערקענט נישט איר אויסלענדישע פּאַרטייִשקייט. זי וועט שוין מוזן בלייבן אַן אומפּאַרטייִשע. אָבער איצט איז דאָס פאַר איר שוין מער נישט אַזוי וויכטיק.

— נישט וויכטיק? פאַרוואָס?...

— ווייל זי קלייבט זיך די טעג חתונה צו האָבן פאַר אַ מענטשן וועלכער איז דאָ אַ גוטער פאַרדינער, ער האָט זי ליב, און ער וועט זי אויסהאַלטן צוזאַמען מיט איר קינד. און דער מענטש, זאָג איך דיר, מיכאַיל, איז זייער אַ פיינער, ער געפעלט מיר. איך האָב זיך מיט אים באַקענט.

— איז דאָס נישט שלום פייער, דער אויטאָמאָביל־מעכאַניקער וואָס איז אַהער געקומען פון אַרגענטינע?

— יאָ, פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— ווייל איך האָב אים אַ פּאָר מאָל באַגעגנט מיט אסתרן. ער איז אַן

אלמן. עס איז אמת, ער איז אַ פֿיינער מענטש, און ער איז דער איינציקער אויטאָמאָביל־מעכאַניקער דאָ אין שטאָט. מען זאָגט, אַז ער שאַרט דאָ גאָלד ממש מיט לאָפּעטעס. אַזוי־אַזוי, איך בין צופֿרידן פֿאַר איר. ער איז אַן ערנסטער און אַן ערלעכער מענטש דער־אָ שלום פּייער. אַזאַ דאַרף זי האָבן, זי דאַרף אַ מענטש פֿון איר גלייכן!

— אָ, מיין גאָט! — האָט קסעניאַ אויסגעשריגן, — בין איך דיין גלייכן? זאָג מיר דעם אמת, מיכאַ׳ל, דו ביסט אַ שרייבער, דו האָסט אַ נאָמען! און ווער און וואָס בין איך? איך בין אַ דאָרפֿס־מיידל!...

מיכל האָט זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן.

— דו ביסט מיין גלייכן, אַ סימן: איך האָב זיך אין דיר פֿאַרליבט!

דער שווערער פּאָלאַרער, פּראַקטיקער און לאַנגער ווינטער איז אַוועק, און עס האָט צוריק געבליט און געשיינט די טייגע מיט אירע ווילדע וועלדער, שטילע טייכן, גרינע סאָפּקעס און גרויע בערג. קסעניאַ איז שוין געווען אין די הויכע חדשים. מען האָט באַשטימט איבערצוואַרטן ביז זי וועט האָבן דאָס קינד און דערנאָך צוריק פֿאָרן קיין מאָסקווע.

דאָס לעבן אין ביראָבידזשאַן האָט זיך אָנגעהויבן צו סטאַביליזירן. עס זענען שוין מער קיין עשאַלאָנען מיט יִדישע איבערוואַנדערער נישט אָנגעקומען. אין די באַראַקעס איז געוואָרן גערוימער און ריינער. אין די לייַדיק־געוואָרענע דערפֿער פֿון די אַרויסגעשיקטע קאָרעער און אַנדערע נישט געוווּנטשענע פֿעלקערשאַפֿטן האָט מען איילעניש באַזעצט דעמאָבילי־זירטע סאָלדאַטן פֿון דער רויטער אַרמיי.

אין דעם גאַנצן לאַנד האָט אָבער געהערשט אַ צעטומלעניש. די צייטונגען האָבן געשריבן, אַז אין לענינגראַד האָט עפּעס איינער אַ יונג מיטן נאָמען ניקאָלאַיעוו דערהרגעט דעם דאָרטיקן פּאַרטיי־סעקרעטאַר, קיראָוו, וועלכער איז געווען סטאַלינס אַ ליבלינג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן. מען האָט אַרעסטירט מענטשן וואָס מען האָט געמיינט, אַז אפֿשר זענען זיי טראָצקיסטן, שפּיאָנען און פֿיינד פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג, כאָטש קיין שום באַווייזן וועגן זייערע „פֿאַרברעכנס” האָט מען נישט געהאַט. מען האָט אַרעסטירט אויף רעכטס און אויף לינקס.

אין דער־אָ צעטומלעניש האָט מען אַראָפּגענומען נאַטאַן ווידערן פֿון זיין הויכן אַמט, מען האָט אים אַרעסטירט און פֿאַרשיקט. אין דער פּרעסע איז געווען אָפּגעדרוקט אַ פּאָר ווערטער וועגן דער זינד פֿון דעם סעקרעטאַר פֿון דער ביראָבידזשאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געווען אַ פֿריינד

פֿון דעם פּאַשיסטישן פֿאַררעטער יאָכים שולץ, דעם געוועזענעם סאָוועטישן גענעראַל, וועלכער איז אַנטלאָפֿן קיין דייטשלאַנד. מען האָט אויך אַרעס־טירט און פֿאַרשיקט דעם פּראָפֿעסאָר גאַטליב, דעם פֿאַרזיצער פֿון דעם בי־ראָבידזשאַנער אויספֿיר־קאָמיסאַריאַט. מען האָט אים באַשולדיקט אין ציו־ניזם, כאָטש ער איז גאָר קיין מאָל קיין ציוניסט נישט געווען, אין יידישן שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם און אין קאָסמאָפּאָליטיזם. דאָס וואָרט „קאָס־מאָפּאָליט" איז געוואָרן דאָס נייע זידלוואָרט אין דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

אויפֿן אָרט פֿון דעם אַרעסטירטן נאַטאַן ווידער האָט מען פֿון וולאַדי־וואָסטאָק צוריקגערופֿן פּנחס לעוויטן. און אויפֿן אָרט פֿון דעם אַרעסטירטן פּראָפֿעסאָר גאַטליב האָט מען באַשטימט אַ יונגן קאָמוניסט, אַן אַסימילירטן יידן מיטן נאָמען בערקאָוויטש. דער נייער פֿאַרזיצער פֿון דעם בּיראָבידזשאַ־נער אויספֿירקאָם האָט זיך באַלד גענומען צו רוסיפֿיצירן אַלע יידישע אינ־סטיטוציעס פֿון דער געגנט.

פּונקט אין דער־אַ צייט פֿון גרויסער צעטומלעניש האָט קסעניאַ גע־בוירן אַ קינד, אַ ייִנגעלע. מיכל איז געווען העכסט צופֿרידן פֿון קסעניאַס געשאַנק. מען האָט דאָס קינד אַ נאָמען געגעבן אַלעקסאַנדער, אין אָנדענק פֿון דעם גרויסן רוסישן פּאָעט אַלעקסאַנדער פּושקין, וועמעס הונדערט־יאָריקער געבורטסטאָג איז אויסגעפֿאַלן אין דעם זעלבן טאָג, וואָס דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן. מיכל האָט אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו באַ־ריסן און פּאָליאַן און זיי געשריבן וועגן זיין פֿרייד, ווייל ער איז איצט גע־וואָרן אַ טאַטע פֿון אַ זון. עס האָט זיך פֿון מאָסקווע באַקומען אַן ענטפֿער, אָבער נישט פֿון באָריסן און נישט צו מיכלען, נאָר פֿון פּאָליאַן צו קסעניאַן. די טעלעגראַמע איז געווען אַן אומפֿאַרשטענדלעכע, אָן אַ גראַטולירונג פֿאַרן ניי־געבוירענעם קינד, נאָר: „קסעניאַ, קום צופֿאָרן צו מיר וואָס שנעלער. איך בענק. דיין פּאָליאַ".

מיכל האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז אַ סוד. עס קען נישט זיין, אַז פּאָליאַ זאָל אין מיטן דערינען רופֿן קסעניאַן צו זיך. דאָס רופֿט באָריס מיכ־לען צו זיך. דאָך, צוליב מער זיכערקייט האָט מען באַשטימט שיקן אַ צוויי־טע טעלעגראַמע און מיט אַזעלכע ווערטער: „ערשט אַרויס פֿון שפּיטאָל. איך קען נישט פֿאָרן מיט אַ פּיצל קינד. איך וועל זיין גליקלעך אויב דו וועסט קומען צו מיר. דיין קסעניאַ".

אויפֿן דריטן טאָג איז פֿון מאָסקווע אָנגעקומען אַן ענטפֿער: „איך פֿאָר

הײנט אַרויס צו דיר. איך גראַטולירט דיך מיט דײַן נײַ־געבוירענעם זון. איך וועל זײַן דײַן גאַסט. איך וועל דיר העלפֿן. מיט ליבע, דײַן פֿאַליאַ".

מען האָט זיך געגרייט מיט אומגעדולד אויף פֿאַליאַס קומען קיין בי־ראָבידזשאַן. מיכל האָט פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַליאַ וועט מיט זיך ברענגען זייער וויכטיקע נײַעס, אַן אינפֿאָרמאַציע וועגן דערווירקלעכער לאַגע אין לאַנד, וואָס פֿון קיין שום צײַטונג קען מען דאָס נישט אַרויסלייענען.

סערגעי קופּעץ און לעאַן קאַלקער האָבן אײַנגעלייגט וועלטן כּדי זיך אײַנצוקויפֿן פֿרײַנדשאַפֿט בײַ מיכלען און קסעניאַן. זיי האָבן אָנגעהויבן אָפֿטער אַרײַנצוקומען. סערגעי קופּעץ האָט שטענדיק מיט זיך געבראַכט אַ פֿלאַש וואָדקאַ, זיך אָנגעזשליאָקעט און געפֿירט פֿייערלעכע שמועסן וועגן וועלט־פּאָליטיק און ליטעראַטור. ער האָט לעצטנס אָנגעהויבן צו פֿאַרבר־ענגען בײַ מיכלען ביז שפּעט אין דער נאַכט, באַלעסטיקט קסעניאַן מיט לעכער־לעכע פֿאַרשלאָגן און געשטערט מיכלען זיך צו פֿאַרנעמען מיט זײַן אייגע־נער ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער טעטיקייט, וואָס איז געווען זײַן אײנציקער קוואַל פֿון פּרנסה. איין מאָל האָט אים מיכל אַרײַנגעזאָגט:

— סערגעי, ווען שרײַבסטו, אַז טאָג ווי נאַכט שיכּורסטו?...

סערגעי קופּעץ איז געווען שטײף אין זײַן האַלטונג און קלאָר אין זײַ־נע רייד, כאָטש עס האָט זיך פֿון אים אויף אַ מײַל געטראָגן דער טשאַד און גערוך פֿון בראָנפֿן. דער־אַ מענטש מיטן בלאָנדן בערדל און מיט דעם פֿאַר־ריסענעם נעזל איז געווען אַ גרויסער ציניקער און ער האָט אויך געהאַט אַ סענטימענט פֿאַר הומאָר. וואָס ער זאָל נישט געווען זאָגן האָט מען דאָס פֿאַר קיין באַליידיקונג פֿון אים נישט אָנגענומען.

— דו, מיכאַיל, זאָרג זיך בעסער פֿאַר דײַן שרײַבן, ווײַל איך האָב שוין מײַנס אָפּגעשריבן, — האָט ער געזאָגט, — דרײַ פּיעסן, צוויי סצענאַריעס און פֿינף ראָמאַנען האָב איך געשאַפֿן, זיי פֿאַרקויפֿט און באַרימט געוואָרן. איז צוליב וואָס נאָך שרײַבן, אַז געלט האָב איך גענוג און קיין קלאַסיקער קלײב איך זיך נישט צו ווערן? און דו, מיכאַיל, וואָס מיינסטו, דו וועסט דען ווערן אַ קלאַסיקער? אָ, ניין, קיין מאָל נישט!... העי, דו, טאָוואַרישטש קרוגער, לאָך נישט פֿון מיר. איך ווייס, אַז דו האַלטסט מיך פֿאַר אַ פֿאַרפֿאַ־לענעם שיכּור. העי, איך טרינק נישט, איך טרינק זיך!... און דו, מיכאַיל, דו קענסט זיך אויך אָנהייבן צו טרינקען!...

מיכל האָט אײַנגעזען, אַז דער־אַ מענטש לעבט איבער עפּעס אַ טיפֿע און אינערלעכע טראַגעדיע. ער האָט אים באַדויערט און מיטלייד צו אים

געהאַט. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז ער מוז זיך היטן פאַר אים, ווייל אין
זיין פאַרצווייפלטער און געצווונגענער לאַגע איז סערגעי גרייט אויף אַלע
נידערטרעכטיקייטן.

מיט לעאָן קאָלקערן איז אַנדערש געווען. מיכל האָט דעם מענטשן פיינט
געהאַט מיט אַ פיינדשאַפט פון עקל, ווי מען האָט פיינט אַ מויז. ער האָט דעם־
אָ פאַרשוין געזען אַדורך און אַדורך, געלייענט זיינע פאַרדאָרבענע געדאַנ־
קען, און געוווּסט, אַז צוליב פערזענלעכע נוצן איז ער גרייט אויף אַלע
פאַרברעכנס. מיכל האָט געקענט פאַרגעבן אַ מענטשן מיט אַן אידייע, ווי
פאַלש די אידייע זאָל נישט אויסזען אין זיינע אויגן. ער האָט געקענט פאַר־
געבן אַ מענטשן מיט אַ דערהויבענעם ציל, ווי לעכערלעך און אומזיניק דער
ציל זאָל נישט זיין. אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרגעבן אַ מענטשן וואָס
האָט נאָר געטראַכט וועגן זיך, נאָר אין זיבען געהאַט זיך, און נאָר געטאָן
אויסשליסלעך פאַר זיך, אָן אַ טראָפן געפיל, אָן אַ דאָזע אידעאַליזם און אָן
אַביסעלע מענטשלעכקייט.

זיין גאַנצע פרייע צייט האָט לעאָן קאָלקער אָנגעהויבן צו פאַרברענגען
מיט מיכאַילן און קסעניאַן און מיט סערגעיען, און געטאָן האָט ער דאָס ווי
אויף צו להכעיס, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז סיי ער און סיי סערגעי קופעץ
שטערן נאָר מיכלען אין זיין אַרבעט און באַלעסטיקן קסעניאַן מיט זייער
„אינוואַזיע"... און לעכערלעכער באַרעדעוודיקייט.

ראָזאַ, לעאָן קאָלקערס ווייב, האָט זיך שוין אַפילו פאַר מיכלען און
קסעניאַן באַקלאָגט הלמאַי איר מאַן ליגט איבער ביי זיי זיין גאַנצע פרייע
צייט און ער קומט אַהיים נאָר עסן און שלאָפן. זי האָט זיך באַקלאָגט אויף
איר ביטערן שיקזאַל: זי האָט אַ מאַן וועלכער האָט זי נישט ליב. זי לעבט
אין ביראָבידזשאַן, אַ פאַרוואָרפענע און אַ פאַרפרעמדטע פון דער גאַנצער
וועלט. און צו דעם אַלעם האָט זי נאָך צרות פון איר ייִנגערער שוועסטער,
בערטאַן, איר האָט געטראָפן אַ ביטערער אומגליק.

— וואָס איז אַזוינס געשען? — האָט מיכל אַזש אויפגעציטערט, פילנ־
דיק אַז עפעס זייער דראַסטישעס איז געשען.

ראָזאַ האָט אויסגעזעצט אין אַ געוויין.

— בערטאַס מאַן, בען־אַלי, וועלכער איז לעצטנס דער סעקרעטאַר פון
דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין דער טאָטערישער רעפובליק געווען, איז
דערשאָסן געוואָרן ווי אַ פאַררעטער, אַ סאַבאָטאַזשניק, אַ גרויסרוסישער שאָ־
וויניסט און אַ טראָצקיסט!... דערביי איז פובליקירט געווען אין דער פרע־

סע, אַז ער האָט אַלע זײַנע יאָרן געגנאַרט די פּאַרטיי, ווײַל ער האָט געלעבט אויף פֿאַלשע דאָקומענטן אַלס דער טאָטער בען־אַלי, אין דער צײַט וואָס ער איז גע[illegible]ן אַ ייִד מיטן נאָמען יונה מאַרמער.

[illegible] האָט געוואָלט טרייסטן דער אומגליקלעכער פֿרוי, אָבער ער איז געשטאַנען אַ פֿאַרשטיינערטער און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

.47

פּנחס לעוויט איז צוריקגעקומען קיין בירָאָבידזשאַן און ער האָט פֿאַרנומען דאָס אָרט פֿון דעם אַרעסטירטן נאַטאַן ווידער. לעוויט איז איצט געווען עלטער און גרויער. ער איז איצט געווען אויך סאָלידער אין זײַן אויפֿפירונג. זײַן באַנעמען זיך מיט מענטשן און זײַנע רייד האָבן געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק. עס איז שוין מער נישט געווען דער פּנחס לעוויט, דער סעקרעטאַר פֿון פּאַרטיי־קאָמיטעט ביי דער אָדעסער שוך־פֿאַבריק, וועלכער האָט באַדאַרפֿט לאַווירן אין דעם דיספּוט פֿון די צוויי לאַגערן, „טראָצקיסטן" און „סטאַליניסטן" און אויסוואַרטן וואָס פֿאַר אַ שטעלונג צו נעמען. איצט איז ער געווען אַ פֿעסטער און פֿאַרהאַרטעוועטער סטאַליניסט, אַ שטאַרקער מאַן.

די יאָרן אַלס סעקרעטאַר פֿון דער בירָאָבידזשאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און דערנאָך אַלס פֿירער, הויפּט־קאָמיסאַר, פֿון דעם טראַנספּאָרט און שיף־פּאַרקער צווישן דעם רוסישן ווייטן מזרח און דער יאַפּאַנעזישער אימפּעריע, די־אָ יאָרן האָבן אים עפּעס געלערנט, אים באַפֿעסטיקט אין אַ זאָטל פֿון אַ פֿירער און אים צוגעגעבן די גלאָריע און גרויסהאַלטונג, ווי אויך דעם חן פֿון אַ גרויסן קאָמיסאַר.

ווען ער האָט דערזען מיכלען, האָבן זיך די אַמאָליקע סענטימענטאַלע שטימונגען צו אים צוריקגעקערט. ער האָט זיך מיט אים צעקושט און געפֿילן פֿון פֿרייד האָבן איבער זײַן געזיכט געשוועבט.

— אָ, מיכל, מיכל! — האָט ער אויסגעשריגן, — דאָס ביסטו! דו ביסט דער מענטש וועמען איך דאַרף דאָ האָבן לעבן זיך. איצט, ווען אַלץ איז איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף, איז גוט צו האָבן לעבן זיך אַ מענטשן וועמען מען קען אָנפֿאַרטרויען.

מיכל האָט אים דערקלערט, אַז מען קען זיך אויף אים נישט שטאַרק

פאַרלאָזן, ווייל ער איז דאָ נאָר ציטווייליק, ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער און ער האָט אַ רעכט נישט אָנצוהאַלטן קיין שום אַמט.

לעוויט איז געווען אַנטוישט. ער האָט זיך גענייטיקט אין ערלעכן, אָן אייגענעם און אַ זיכערן מענטשן. ער האָט שוין געהאַט באַהערשט די קונסט פון אויסבאַהאַלטן די שרעק פאַר זיך זעלבסט און פאַר דער צוקונפט וואָס דערוואַרט אים, ווי אַ פירער פון אַ געוועזענער פיינדלעכער פאַרטיי, אַ „בונדאָוועץ״. אין דעם מאָמענט האָט ער געטאָן דאָס וואָס אַלע „פירער״ פון די קלענערע סאָוועטישע רעפובליקן און אויטאָנאָמע געגנטן טוען: ער האָט פאַרדאַמט זיינע פאָרגייער.

— איך האָב איבערגעלאָזט אַ געזונטע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, מיט אַ פאַרצווייגטער און אַ בליִענדיקער סאָוועטישער יִידישער קולטור, שפּראַך און ליטעראַטור. ווי נאָר נאָכדעם ווידער האָט דאָ פאַרנומען מיין פּלאַץ, ווען מען האָט מיך איבערגעשיקט קיין וולאַדיוואָסטאָק, אַזוי האָט ער דאָ אַלץ צוניִשט געמאַכט. ער האָט דאָ אָנגעמאַכט אַזאַ פּאָגראָם, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט איז געצוווּנגען געווען אים אַראָפּצונעמען פון דעם אַמט אַלס פאַרטיי־סעקרעטאַר, אים אַרעסטירן און מיך צוריקברענגען קיין ביראָבידזשאַן, מיך צוריקשטעלן אין דעם אַמט אַלס סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי!

מיכל האָט באַטראַכט דעם גוטן פּנחס לעוויט און געשטוינט. ער זאָגט ליגנס און פינטלט נישט מיט קיין אויג, און דאָס קול האָט ביי אים אָפילו קיין איין מאָל נישט קיין ציטער געטאָן. אַמאָל פלעגט זיך דער־אָ פּנחס לעוויט שעמען. ער פלעגט זיך אויסבאַהאַלטן אונטער עמיצנס פּלייצעס כּדי מען זאָל די חרפּה אין זיין פּנים נישט באַמערקן. איצט האָט ער שוין חוצפּה... ער קען ווי יעדער „פירער״ און יעדער קאָמיסאַר זאָגן ליגנס מיט אַן אָנשטעל פון אַן אמת־זאָגער און אויטאָריטעט. מיכלען האָט דאָס פאַרדראָסן. ער האָט געפילט, אַז דאָ אין דעם געשלאָסענעם צימער פון דעם פאַרטיי־סעקרעטאַר, אויג אויף אויג, קען ער רעדן וואָס ער וויל. ער האָט מיט צאָרן זיך אָנגערופן:

— פאַר מיר איז נישטאָ וואָס זיך פאַרצושטעלן. איך גלייב אין דיין ערלעכקייט און אין דיין אידעאַליזם. אָבער איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז נאָכדעם ווידער, כאָטש מען האָט אים באַזייטיקט פון זיין אַמט און אים אַרעסטירט, איז ער נישט ווייניקער פון דיר ערלעך און געטריי דער פאַרטיי געווען! ער האָט קיינמאָל גאָרנישט נישט געטאָן אויף זיין אייגענער האַנט. ער האָט נאָר געטאָן דאָס וואָס די דירעקטיוון פון קרעמל האָבן פון אים

געפאָדערט. מען האָט דיך צוריקגעבראַכט אַהער, אַז דו זאָלסט „אויפשטעלן" דאָס וואָס ווידער האָט „אומגעוואָרפן"?... איז זיי וויסן: מען האָט ביז איצט אַהער אַריינגעבראַכט פּערציק טויזנט ייִדן. דריי טויזנט פון זיי האָט מען לעצטנס אַרעסטירט. אַכט טויזנט זענען זיך צעלאָפן. קיין נייע ייִדן־איבער־וואַנדערער דערלויבט מען איצט נישט צו קומען אַהער. שיקן שיקט מען איצט אַהער נאָר רוסן און אוקראַינער און צום מערסטן דעמאָביליזירטע רויטאַרמייער. היינט וואָס פאַר אַ ייִדישע רעפּובליק קען דאָס זיין?... וואָס פאַר אַן אויסזיכטן האָסטו בעסער צו מאַכן?... מען האָט אומזיסט און אום־נישט ווידערן אַרעסטירט!

פּנחס לעוויט האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ צום שרייבטיש און געשוויגן. ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן און אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבערן צי־מער. דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט און שטיל געזאָגט:

— רעד, רעד מיכל, איך וויל הערן, איך וויל אַלץ הערן! רעד נאָך!...

— גוט, איך וועל נאָך רעדן! — האָט מיכל אויסגעשריגן, — זאָג מיר דעם אמת פאַרוואָס האָט מען דעם פּראָפעסאָר גאָטליב אַרעסטירט און פאַר־ניכטעט? מען האָט אויף זיין אָרט אַן אומוויסנדן, אַ גראָבן יונג, דעם־אַ רו־סיפיצירטן ייִד בערקאָוויטש אַוועקגעזעצט! און נאָך אַמאָל: פאַרוואָס האָט מען ווידערן ליקווידירט?...

— ווידער האָט געליטן נישט אַזוי פאַר זיינע פעלערן אין ביראָבי־דזשאַן ווי פאַר זיין פריינדשאַפט מיטן גענעראַל יאָכים שולץ, וועלכער האָט פאַראַטן אונדזער פאָטערלאַנד און איז איצט ביי היטלערן אַ ראַטגעבער אי־בער פראַגן פון רוסלאַנד.

— עס איז נישט רעכט! — האָט מיכל אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש, — אַפילו אַ טאַטע קען נישט זיין שולדיק פאַר די זינד פון זיין זון. מען טאָר קיין מענטש נישט משפּטן פאַר די פאַרברעכנס פון זיינס אַן איי־געגעם ברודער, היינט ווי האָט מען געוואַגט אורטיילן אַ מענטשן פאַר דעם פאַרראַט פון זיינס אַ פריינד, אַ חבר, אַ פאַרראַט און אַ פאַרברעכן וואָס נאָר יענער אַליין איז באַגאַנגען, אַן דעם מינדסטן וויסן און אַן דער שטיצע פון דעם צווייטן?!...

מיכלס אויפפירונג איז געווען ווי אַן אומדערוואַרטעטער שאָק פאַר לע־וויטן. ער איז גיך צוריקגעקומען צו זיך און זיך צעשריגן אויף מיכלען:

— וואָס ביסטו, אַ יעזוס? וואָס פּרעדיקסטו מיר דאָ וועגן רעכט און אומרעכט? עס איז אַ פּערמאַנענטע רעוואָלוציע! די רויטע פאָן פלאַטערט

נאָך נישט דערווייל איבער דער גאָרער וועלט. מיר זענען אַרומגערינגלט פון קאַפּיטאַליסטן און מיר מוזן שטיין אויף דער וואַך! מען מוז חושד זיין יעדן איינעם. קיין איין מענטש איז נישט זיכער מיט זיין מאָרגן, נישט איך, נישט דו און קיינער נישט! אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס אומקומען פון שולדיקע אָדער אומשולדיקע מענטשן אין פאַרגלייך מיט דער ליכטי־קער צוקונפט, מיט דעם אייביקן גן־עדן וואָס מיר וועלן שאַפן? פאַר באַטאַן ווידערן איז אין מיין האַרץ קיין איין טראָפּן רחמנות נישטאָ. ער האָט גע־נוג מענטשן אַליין צעשאָסן. דער נאַזוועער און גוטער פּראָפעסאָר גאָטליב איז מיר אַ שאָד. אָבער ווידעראַמאָל: עס איז דאָך אַ וועלט־איבערקערעניש. מען בויט איבער די וועלט. און ווען מען בויט פאַלט אַמאָל אַ ציגל און הרגעט אַוועק איינעם פון די בויער! איז וואָס? גייט דען נישט אָן די בויונג ווייטער?...

מיכל האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. ער האָט זיך געלאָזט גיין. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, אַ קוק געטאָן אויף דעם סעקרעטאַר און געזאָגט:

— יאָ, טאָוואַרישטש לעוויט, די „בויונג" מוז אָנגיין!...

אין דער היים האָט אַ שרעקלעכע „נייעס" אים דערוואַרט. ער האָט געטראָפן דאָ אַ טויט־שיכורן, ווי געוויינלעך, דעם שרייבער סערגעי קו־פּעץ, מיט אים דעם טומלדיקן לעאָן קאָלקער, און באַזונדער, אויף דער קאַ־נאַפּע איז געזעסן אַ פאַרוויינטע אסתר פינלי מיט איר מיידעלע.

קסעניאַ איז געלאָפן מיכלען אַנטקעגן און אים אַריינגענומען אין קיך. זי האָט אים אַרומגענומען און שטיל געכליפּעט.

— אסתר פינליס מאַן איז אַרעסטירט. וויי־וויי, ערשט נאָר צוויי חדשים מיט אים אָפּגעלעבט און שוין אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק!...

— ווען איז דאָס געשען? — האָט מיכל פאַרביטערט געפרעגט.

— היינט פאַרטאָג!... אסתר וויל מיט דיר רעדן. פּילייכט קענסטו איר מיט עפּעס העלפן?... אָבער וואָס טוט מען מיט די־אָ אָנשיקעניש, מיט קו־פּעצן און קאָלקערן? זיי פרייען זיך אויף יענעמס בייזוואונדער, זיי זיצן און ווילן נישט ווי אויף צו להכעיס אַוועקגיין, כאָטש נעם און טרייב זיי אַרויס!

— איך וועל זיי אַרויסטרייבן! — האָט מיכל נערוועז אַרויסגערעדט, — וואָס איז דאָס פאַר אַ מין, ביי זיך אין שטוב זאָל איך נישט קענען מיט קיין מענטשן רעדן?

— איך בעט דיך, מיכאַיל, זיי פאָרזיכטיק, פאַרפיר זיך נישט מיט זיי.

— גוט, איך ווייס שוין וואָס צו טאָן, — האָט מיכל געזאָגט און איז אַרויס פון קיך.

אסתר איז געזעסן און האָט געוויינט. מיכל איז צוגעקומען צו איר מיידעלע און זי אַרומגענומען. ער האָט זי באַלד אויף זיינע הענט גענומען. ער האָט זיך געמאַכט גלייך ווי ער זעט גאָר קיינעם נישט אין דער שטוב אויסער דעם קינד וואָס ער האַלט אויף זיינע הענט, און איר מוטער וועלכע זיצט און וויינט.

— זאָג דיין מאַמען, אַז זי זאָל אויפהערן צו וויינען. עס וועט זיין גוט, אַלץ וועט זיין גוט. לאָמיך נאָר הערן וואָס עס האָט פּאַסירט.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד און זיך אַ קערווע געטאָן מיטן פּנים צו די איבעריקע:

— קופּעץ, און דו קאָלקער, איך בעט אייך, קומט מאָרגן. אַנטשולדיקט מיר, איך טרייב אייך נישט, איר ווייסט דאָך, אַז איר זעגט מיינע בעסטע פריינד... אָבער די פרוי איז אין אַ צושטאַנד וואָס... איר דאַרפט אַליין פאַרשטיין... עס שאַדט נישט זאָגן אַ גוט וואָרט צו אַן אומגליקלעכן מענטשן! איר פאַרשטייט מיך! איך בעט אייך, אַנטשולדיקט מיר!

— יאָ־יאָ! — האָט סערגעי קופּעץ זיך אָנגערופן, אַ שלעפּ געטאָן קאָל־קערן ביי דער האַנט און צו אים געזאָגט, — קום צו מיר. איך האָב ביי זיך אין שטוב באַהאַלטן אַביסל גוטן בראָנפן, נאָך פון די אַלטע צייטן, אמתע זעקס און ניינציק גראַד! — און ער האָט זיך שיכורלעך געשאָרט צו דער טיר, — אַ גוטן טאָג מיכאַיל, דאָסווידאַניאַ ליבינקע קסעניאַ, — און ער האָט זיך צעשריגן, — עהעי, קסעניאַ, וואָס באַהאַלטסטו זיך דאָרטן אין קיך? לאָמיך דיך אַ קוש טאָן איידער איך פאַרלאָז דיין גאַסטפריינדלעכע שטוב!...

לעאָן קאָלקער האָט געלאַכט און זיך געפּרוּווט טומלדיק צו וויצלען:

— האָסט טאַקע רעכט, סערגעי! דאָס איז אַ „גאַסטפריינדלעכע שטוב". מען טרייבט פון דאַנען קיינעם נישט, מען הייסט נאָר גיין!...

ווען מיכל איז געבליבן מיט אסתרן אַליין, איז ער צו איר צוגעקומען.

— באַרויק זיך און דערצייל מיר אַלץ גענוי!

זי האָט נאָך שטאַרקער זיך צעוויינט. קסעניאַ איז צוגעקומען צו איר און זי אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און געזאָגט:

— רעד, פילייכט וועלן מיר קענען מיט עפּעס העלפן.

קיין סך איז נישט געווען וואָס צו רעדן און וואָס צו דערציילן: אסתר פינלי האָט נאָך אַ לענגערער צייט מאַטערניש זיך צו גאַרנישט

נישט געקענט דערשלאָגן. עס האָבן זיך געפונען אַלערליי מענטשן וואָס האָבן איר צוגעזאָגט צו העלפן און האָבן נישט געקענט איר העלפן. עס האָבן זיך געפונען אויך אַזעלכע מענטשן וועלכע האָבן אויסגענוצט איר עלנטקייט און איר צוטרוי. מען האָט זיך אַ „שפּיל" געטאָן מיט איר. ווי מיט אַ שיינער ליאַלקע, און מען האָט אין איר באַלד פאַרגעסן... עס איז געווען נאָר איין מענטש וואָס האָט זי ערנסט ליב באַקומען און איר ערנסט געוואָלט העלפן, אָבער אויף זיינס אַן אייגענעם שטייגער, — ער האָט גע־וואָלט פאַר איר חתונה האָבן. שלום פּייער, אַן אלמן, אַ געקומענער קיין ביראָבידזשאַן אַזש פון אַרגענטינע, דער מענטש מיט די „גאָלדענע הענט", ווי מען האָט אים אין ביראָבידזשאַן אָנגעהויבן צו רופן, איז אויך געווען אַ מענטש מיט אַ גאָלדן האַרץ. ער איז געווען אַ מיטלוואוקסיקער, אַן אויס־געדאַרטער, אָבער אַ פעסטער און אַ שטאַרקער. זיין פּנים איז געווען לענג־לעך און ערנסט. ער האָט קיינמאָל נישט געלאַכט אויף אַ קול, ער האָט נאָר שטענדיק אונטערגעשמייכלט ליב און אונטערקויפּעריש. אין זיינע בלוי־טונקעלע אויגן איז אַ טרויער געווען און אין דעם טרויער איז אַ ים מיט גוטסקייט געפלאָסן. זיין ווייב, אין אַרגענטינע, איז געהאַט געשטאָרבן אין די ערשטע פאַר יאָר נאָך זייער חתונה, איבערלאָזנדיק אים אַ צוויי־יאָריק יינגעלע. אין גיכן איז אויך דאָס קינד געשטאָרבן און ער איז געבליבן איי־נער אַליין. זיין טרויער און זיין עלנט האָט ער אין איבערמענטשלעכער אַרבעט ביי צורעכטמאַכן אויטאָמאָבילן, טראַקטאָרן, גראַמאָפאָנען און ניי־מאַשינען דערשטיקט. טאָג און נאַכט האָט ער געאַרבעט און דאָס איז גע־ווען דאָס אַנטלויפן זיינס פון דער וועלט...

ווען שלום פּייער איז געקומען קיין ביראָבידזשאַן האָט ער מיט זיינע „גאָלדענע הענט" זיך באַלד צו אַ בכבודיקן צושטאַנד דערשלאָגן. דער „מע־כאַניק פון אַרגענטינע", ווי מען האָט אים אויך אַזוי דאָ גערופן, איז באַ־ליבט געוואָרן נישט נאָר ביי דער באַפעלקערונג פון ביראָבידזשאַן, נאָר אויך ביי אַלע קאָמיסאַרן פון דער שטאָט און געגנט. מען האָט זיך שוין מער נישט געזאָרגט אויב עפּעס אַ כּלי איז קאַליע געוואָרן אין אַ שטוב. מען האָט געוווּסט, אַז עס איז פאַראַן אַ שלום פּייער און ער וועט שוין די זאַך צורעכטמאַכן. פאַרשטייט זיך, אַז זיינע פאַרדינסטן זענען דערפאַר געווען גרעסערע ווי ביי די איבעריקע מיליאָנען אַרבעטער אין דעם גאַנצן סאָ־וועטן־פאַרבאַנד.

ווען ער האָט זיך באַקענט מיט אסתר פּינלי און איר טעכטערל, האָבן

זיי אין אים דערוועקט דעם געפיל און בענקשאַפט נאָך אַ וואַרימער היים און אַ שיין פאַמיליען־לעבן. ער איז אָבער קיינמאָל נישט געווען קיין פּאַר־טיי־מענטש. אים זענען געווען פרעמד און פריקרע די רייסערייען און די „אידעאָלאָגיעס" פון די פּאָליטיקער און פּאַרטיי־לייט. אסתרן איז דאָס נישט געפעלן געווען. זי האָט זיך פון אירע קינדער־יאָרן אָן געוויקט און גע־טונקען אין פּאַרטייאישקייט און אין אידעאָלאָגיעס. איר איז אויסגעקומען ווילד צו לעבן צוזאַמען מיט אַן אומפּאַרטייאישן מענטשן, וועלכער האָט נאָר געהאַלטן פון אַ סך אַרבעטן און אַביסל רוען נאָך דער אַרבעט. דאָך איז ער איר זייער געפעלן געוואָרן, כאָטש זי האָט זיך נישט געקענט ברעכן און באַשטימען חתונה צו האָבן מיט אים.

אָבער וואָס ווייטער האָט שלום פייער זיך איינגעשאַפּט אַלץ מער און מער ליבע אין אירע אויגן און אין איר נשמה. ער האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן מערער ווי די באַשטימטע אַכט שעה אַ טאָג. ער האָט זיך אָנגע־הויבן מער פּוצן, איר ברענגען מתנות און זיך אַרומפירן מיט איר קינד. און שפּעטער, ווען אסתר איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון האָטעל און זי האָט איינגעזען, אַז אַלע „פריינד" האָבן זי פאַרלאָזט, — דאַן האָט זי באַשטימט חתונה צו האָבן פאַר דעם גוטהאַרציקן און ליבן מענטשן מיט די „גאָלדענע הענט". זי האָט זיך צוגעוווינט צו אים און זי האָט אים אפילו אמת ליב באַ־קומען. ער האָט אויסגעבויט אַ קליין שיין הייזעלע מיט אַ גערטנדל אַרום און אַרום און ער האָט אין דעם הייזעלע אַריינגעשטעלט דאָס בעסטע מעבל וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען צו קריגן אין דעם וויטן מזרח. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שטילע גליק פון אַ געליבט פּאָרפּאָלק. ער איז פאַר איר טעכטערל ווי אַן אמתער טאַטע געווען. זי איז אים זייער דאַנקבאַר געווען דערפאַר, און זי האָט אים געוואָלט באַגליקן מיט נאָך אַ קינד. אָבער... אָט איז די ריי געקומען אויך פאַר דעם גוטן שלום פייער אַרעסטירט צו ווערן: מען איז געקומען פאַרטאָג, מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון דעם געלע־גער און מען האָט אים אַוועקגעפירט אין דער טורמע פון דער ג.פ.או.

נאָך דעם וואָס אסתר האָט אויסדערציילט די געשיכטע און אויסגע־וויינט איר ביטער האַרץ, האָט זי צוגעגעבן:

— און איצט וועט די ריי קומען צו מיר. פאַר זיך זעלבסט זאָרג איך זיך שוין נישט מער. איך זע שוין, אַז איך בין אַ פאַרפאַלענע. די מערדער וועלכע איך האָב פריער געהייליקט, זיי וועלן מיך צעשיסן און אפילו נישט קיין מיטלייד האָבן צו דעם קינד וואָס לעבט שוין אין מיר, אונטער מיין

האַרץ. נו, פאַרפאַלן... עס קומט מיר אַזוי. איך האָב אין זיי געגלייבט פון קינדהייט אָן. איך האָב אַפילו אָפט געפּאַלשט מיט מיינע רייד, ווען איך האָב אַגיטירט פאַר זיי, איך האָב געגנאַרט זיך און אַנדערע, ווייל איך האָב געגלייבט, אַז דאָס קען העלפן דעם זיג פון קאָמוניזם. אָבער שלום פּייער, ער איז דאָך שטענדיק געווען אַן ערלעכער אומפּאַרטייאישער מענטש. ער האָט זיך מיט קיין פּאָליטישע רייסערייען נישט אינטערעסירט. זיין זאַך איז געווען נאָר אַרבעט, גוטע און ערלעכע אַרבעט צו טאָן צום נוצן פון מענטש. ער איז געווען ריין און לויטער ווי קרישטאָל. ער האָט קיינמאָל קיין ליגן נישט געזאָגט. זיין גאַנצער אידעאַל איז באַשטאַנען אין זיינע „גאָלדענע" צוויי הענט, וועלכע האָבן געבויט און געשאַפן און זיך כשר פאַרדינט דעם ביסן ברויט. איז וואָס האָט מען פון אים געוואָלט?...

נישט מיכל און נישט קסעניאַ האָבן געפונען די נייטיקע צערטלעכע ווערטער זי צו טרייסטן אין איר אומגליק און אין איר פאַרלוירנקייט. עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר קיין ווערטער. עס האָט זיך געפאָדערט טאַט. וואָס שנעלער מען וועט עפּעס טאָן, נאָך איידער די ג.פּ.או. האָט באַוויזן אָנצונעמען אַ באַשלוס וועגן דעם גורל פון דעם אַרעסטירטן, אַלץ מעגלעכער איז אים צו ראַטעווען.

— וואַרט דאָ צו ביז איך וועל צוריקקומען! — האָט מיכל געזאָגט צו אסתרן און איז אַרויס פון שטוב.

דאָס מאָל האָט שוין מיכל נישט געטראַכט וועגן זיך, וועגן זיינע באַקוועמלעכקייטן און זיינע פּריווילעגיעס וואָס ער קען אָנווערן מיט זיין אַריינמישן זיך אין דער טעטיקייט פון דער געהיימער פּאָליטישער פּאָליציי, דער ג.פּ.או.. ער האָט עפּעס אויטאָמאַטיש אַ וויש געטאָן מיטן אַרבל דעם אָרדן אויף דעם לאַץ פון זיין רעקל, אַז ער זאָל בעסער שיינען, און ער האָט זיך געלאָזט איבער דער גאַס, פאַזע דעם פּליסיקן בירא־טייך, צו דער הויפּט־קוואַרטיר פון דער ג.פּ.או.

דער סערזשאַנט ביים טיש לעבן דער טיר, האָט אַ קוק געטאָן אויף מיכלען, באַמערקט דעם גלאַנציקן אָרדן אויף זיין ברוסט און מיט חשיבות געפרעגט:

— מיט וואָס קען איך אייך דינען, טאָוואַרישטש?

— מיין נאָמען איז מיכאַיל קרוגער! איך בין אַ שרייבער. איך בין אַהער געקומען פון מאָסקווע. איך בין דאָ אויף אַ צייטווייליקן באַזוך, מיט דער

צושטימונג פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. איך מוז רעדן מיטן קאָמיסאַר אָדער מיטן שעף פון דער ג.פּ.או.

דער סערזשאַנט האָט פאַרשריבן ביי זיך אין זיין נאָטיץ־ביכל וואָרט ביי וואָרט וואָס מיכל האָט אים געזאָגט און דערנאָך גענומען דאָס טעלע־פאָן־טרייבל און עמיצן אָפּגערופן. ער האָט אין טעלעפאָן אַריינגעלייענט אַלץ דאָס וואָס ער האָט אין זיין נאָטיץ־ביכל פאַרשריבן. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט צו מיכלען, האָט ער געזאָגט:

— ביטע, טאָוואַרישטש קרוגער, איר קענט שוין אַריינגיין צום נאַ־טשאַלניק. ער וואַרט אויף אייך. גייט אַרויף אויפן צווייטן שטאָק, צימער ניין!

דער הויפּט פון דער בירָאָבידזשאַנער ג.פּ.או., טאָוואַרישטש איליושין, איז געווען אַ יונגער אינטעליגענטער בחור מיט אַ פּאָר ווייכע אויגן און מיט אַ ריין־ראַזירטן ווייכן פּנים. ער האָט מער אויסגעזען ווי אַ לערער פון אַ פאָלקס־שול איידער אַ שעף פון אַ מוראדיקער געהיים־פּאָליציי. ער איז געווען איינער פון דעם נייעם דור קאָמוניסטן, די נייע סטאַליניסטישע גוואַר־דיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו פאַרנעמען די ערטער פון די אַלטע אָפּשטאַרבנדיקע און אָפּגערוימטע לעניניסטישע גוואַרדיע. ער האָט אָנגעוויזן מיכלען אויף אַ שטול לעבן זיך און מיט אַ פריינדלעכן שמייכל געזאָגט:

— טאָוואַרישטש קרוגער, איך האָב געלייענט אייער בוך און אויך אַלץ וואָס איר האָט געשריבן אין די צייטונגען און זשורנאַלן. אָ, איך האָב גע־האַט פיל פאַרגעניגן!...

— אַ דאַנק אייך, טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן! — האָט מיכל אויך פריינד־לעך, אין דעם טאָן פון דעם ג.פּ.או.־שעף אָפּגעענטפערט.

דער באַלעבאָס פון דער ג.פּ.או. אין דעם הויכן ראַנג פון אַ פּאָליציי־קאַפּיטאַן האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן, זיך פאַרנייגט פאַר מיכלען און איז באַלד צוגעטראָטן צו דער זאַך.

— איר האָט געוויס אַן אורזאַך צו זען זיך מיט מיר? ביטע!

— יאָ, טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן, עס איז אַפילו אַ דעליקאַטע אורזאַך... ווי אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי און אַ דיסציפּלינירטער און באַוווסטזיניקער סאָוועטישער בירגער ווייס איך און איך שעץ די וויכטיקע טעטיקייט פון דער רומפולער ג.פּ.או. עס איז קלאָר, אַז איר טוט אַ גערעכטע זאַך. אָבער עס קען אַמאָל טרעפן אַ מיספאַרשטענדעניש, איך מיין...

— יאָ, יאָ, דאַ... איך פאַרשטיי אייך זייער גוט, טאָוואַרישטש קרוגער. רעדט, רעדט, שרעקט זיך נישט. מיר זענען נישט קיין שדים, ווי אייניקע

מיינען דאָס. מיר זענען מענטשן צו גלייך ווי אַלע און עס טרעפט, אַז מיר מאַכן אויך פעלערן. אָבער אונדזער זאַך איז אָפּצוהיטן די גאַנצקייט און די זיכערקייט פון אונדזער לאַנד און פון אונדזער פּאַרטיי.

מיכלען איז דער יונגער מענטש מיט די שיינע רייד און וויכע מאַנירן באַלד געפעלן געוואָרן. ער האָט איצט שוין אינגאַנצן פריי, אָן שום מורא געזאָגט:

— היינט פאַרטאָג האָט מען אַרעסטירט דעם מעכאַניקער פון דער פּאַ־בריק אויף קאַלינינס נאָמען. שלום פּייער, הייסט ער. ער איז מיינס אַ פריינד, דאָס הייסט, איך האָב זיך מיט אים דאָ, אין בירּאָבידזשאַן, באַקאַנט און ער זעט מיר אויס צו זיין אַן ערלעכער און אַ פיינער מענטש. ער איז זייער אַן אַרבעטזאַמער מענטש. מען האָט אים שוין דאָ עטלעכע מאָל באַלוינט פאַר זיין גוטער סטאַכאַנאָווישער אַרבעט. אַלע האָבן אים דאָ ליב. ער איז אַ שטילער און אַן אומפּאַרטייאישער מענטש. ער האָט נישט לאַנג צוריק חתונה געהאַט פאַר אַ פרוי מיט אַ קינד. זי איז איצט שוואַנגער. זי זיצט ביי מיר אין שטוב און וויינט. איך מיין, אַז עס איז געווען אַ מיספאַרשטענ־דעניש...

מיכל האָט אויפגעהערט רעדן, ווייל ער האָט באַמערקט ווי דער גוטער און וויכער נאַטשאַלניק מיטן אויסזען פון אַ פאָלקסשול־לערער האָט זיך פלוצים געביטן אין פנים. ער האָט פאַר זיך דערזען אַן אַנדערן, אַ בייזן, מיט אַ צורה פון אַ צערייצטן הונט, וואָס וועט זיך באַלד צעבילן און זיך אַרויפוואַרפן אויף דיר און מיט די ציין זיך איינבייסן אין דיין לייב און רייסן פון דיר שטיקער פלייש.

— איר בעט פאַר דעם אויסוורף, דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנער שלום פּייער, וועמען די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן האָבן אַהער אַריינגעשיקט צו שפּיאָנעווען! איר ווייסט וואָס איר טוט, טאָוואַרישטש קרוגער? צי איר ווילט, אַז איך זאָל אייך אָנרופן בירגער קרוגער? גייט אַהיים און פאַרגעסט אַלץ וואָס איך האָב אייך דאָ געזאָגט. עס איז נישט קיין זאַך פאַר דיסקוסיעס!

— אָבער, טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן, וואָס זאָל איך זאָגן זיין ווייב, זי זיצט ביי מיר אין דער היים און זי וויינט!

— זאָגט איר גאָרנישט! זאָגט, אַז איר זענט דאָ נישט געווען און מיט מיר נישט גערעדט! — ער איז שרעקלעך אין כעס געוואָרן און פלוצים אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און אויסגעשריגן, — און אין אַלגעמיין מישט אייך נישט!...

— אַנטשולדיקט מיר פֿאַר מײַן נײַגעריקייט, — האָט מיכל זיך שוין ווידער אָנגעהויבן צו שרעקן פֿאַר זײַן אייגענער פּעל, — עס איז נישט מער ווי אַ שרײַבערישע נײַגיריקייט. פֿילייכט פֿאַר אַ צווייטן בוך קען איך דאָס אויסנוצן פֿאַר אַ טעמע: ווי אַזוי די שפּיאָנען דרינגען אַרײַן און שטערן אונ־דזער סאָציאַליסטישע בויונג! איז ער נאָך דאָ, אין ביראָבידזשאַן, דער־אַ אויסוווּרף שלום פֿייער? וועט מען מאַכן אַ געריכט איבער אים! אַך, אַך!
— האָט מיכל ווי אַ געבוירענער אַקטיאָר געשפּילט זײַן ראָל, — ווי מען נאַרט זיך אין מענטשן. גיי ווייס, אַזאַ שטילער און אַ ווילער!...

דער שעף פֿון דער ג.פּ.או. האָט צוריק אַ רו:קער און מיט ווייכע רייד געזאָגט:

— ער איז באַלד נאָכן אַרעסט אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אַ פּאַרטיע אַרעסטירטע קיין סאַכאַלין, אין אַן אַרבעטס־לאַגער!

— געוויס ווייסט איר וואָס איר טוט! — האָט מיכל הכנעהדיק געזאָגט.
— אַ דאַנק אײַך פֿאַר דער צײַט וואָס איר האָט מיר אָפּגעגעבן. עס איז נישט מײַן זאַך זיך נאָכצופֿרעגן, אָבער ווי אַ שרײַבער און אַ זשורנאַליסט, אַ פֿאַר־שיווע זאַך אָט די־אַ נײַגעריקייט!...

דער קאַפּיטאַן איז צוריק צוגעלאָזט און ליבלעך צו מיכלען געווען. ער האָט מיט אַ גוטן שמייכל אויף זײַן פּנים זיך צעשיינט ווען ער האָט געדריקט מיכלס האַנט.

— אָ, עס מאַכט נישט, איך פֿאַרשטיי אײַך, איך האָב דאָך אַליין אויך געשריבן אַביסל, אַ פּאָעט געוואָלט זײַן, נאַר... איר זעט דאָך, די פּאַרטיי האָט מיך אַוועקגעשטעלט אויף דעם־אַ פּאָסטן און... נו, זײַט געזונט, דאָ־סווידאַניע, טאָוואַרישטש קרוגער!

מיכל איז אַהיימגעקומען און זײַן פּנים איז געווען שוואַרץ און וויסט. ער האָט קיין וואָרט נישט געוואָלט רעדן. אסתּר האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן און זי האָט בײַ אים גאָרנישט געפֿרעגט. זי האָט זיך אויפֿגע־הויבן, גענומען איר מיידעלע פֿאַרן הענטל און איז אַרויס פֿון דער גאַסט־פֿרײַנדלעכער שטוב צו דער גאַס.

זי איז געגאַנגען איבער דער לאַנגער סאָוועטישער גאַס מיט די היל־צערנע צוויי־שטאָקיקע הײַזער. זי איז צוגעקומען צו דעם שיינעם פּרעכטיקן וואָקזאַל און האָט זיך געלאָזט אין אַ זײַט. זי איז צו צו די אײַזערנע רעלסן, וואָס צי:ען זיך אויף טויזנטער מײַלן ביז צו מאָסקווע און זי האָט זיך אַוועק־געשטעלט קוקן מיט אַ פּאָר גלעזערנע אויגן צו דער ווײַטקייט. עס האָט

זיך דערהערט אַ פּיף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, די טייגע האָט מיט אַן אָפּהילך אָפּגעענטפערט דעם פּיף. דער ווידערקול פון דעם פּיף איז געווען שאַרף און שניידנדיק. אסתר האָט גענומען דאָס טעכטערל אויף די הענט. דער צוג האָט זיך באַוויזן. ער איז נאָך געווען גאָר ווייט אין זיין פליִענדיקער יאָגעניש. עס איז געווען אַ קוריער־צוג. אסתר איז מיט איר מיידעלע אויף די הענט אַריין אין דער מיט צווישן די צוויי רעלסן־פּאַראַלעלן. זי האָט נאָך באַר באַוויזן אַ זאָג צו טאָן צו איר קינד: „טאָכטערל, גיב אַ קוק אויפן הימל״ און זי אַליין האָט אין דער זעלבער צייט אויך פאַרריסן איר קאָפּ צום הימל. דער צוג האָט האַסטיק אָנגעיאָגט...

פאַרנאַכט־צו האָבן שוין אַלע אין שטאָט ביראָבידזשאַן זיך דערוווּסט, אַז אַ מוטער מיט אַ קינד זענען איבערגעפאָרן געוואָרן פון דעם קוריער־צוג וואָס איז געלאָפן פון וולאַדיוואָסטאָק קיין מאָסקווע און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע ביי דער סטאַנציע ביראָבידזשאַן.

.48

נאָך דער געשעעניש מיט אסתר פיגלי און איר קינד איז מיכל אַ לענגערע צייט געווען צעטראָגן. ער האָט נישט געקענט טאָן קיין שום אַרבעט. זיין מוט איז געווען אַזאַ אונטערדריקטער, אַז ער האָט אַפילו אויפגעהערט צוצושיקן די געוויינלעכע קאָרעספּאָנדענצן צו די מאָסקווער צייטונגען. ער האָט געוואָלט ערגעץ פאָרן, ערגעץ לויפן, זיך באַהאַלטן פון מענטשן, מיט קיינעם נישט רעדן, קיינעם גאָרנישט פרעגן און קיינעם גאָרנישט ענטפערן. ער האָט אָבער געמוזט בלייבן אין ביראָבידזשאַן און וואַרטן ביז פּאָליאַ וועט פון מאָסקווע קומען און ערשט דאַן וועט ער באַשטימען וואָס צו טאָן: בלייבן אויף ווייטער אין ביראָבידזשאַן, פאָרן צוריק קיין מאָסקווע, צי פיליכט זיך גאָר באַזעצן אין קרים אָדער קאַווקאַז?!

אין דער אמתן איז אים שוין איצט געווען אַלציינס: פאָרן אָדער בלייבן, ווייל אומעטום איז דאָך סאָוועטן־מאַכט און אומעטום וועט זיך די גענעראַל־ליניע פון דער פּאַרטיי אַריינרייסן אין דיין פּריוואַטן לעבן און וועט הערשן איבער דיר און וועט באַשטימען דיין שיקזאַל. אָבער צוריקגעטראַכט זענען דאָך אויך געווען פריידיקע מאָמענטן. די צייטונגען האָבן געשריבן, אַז דער־יידישער דיכטער פון מינסק לייזער פייגין איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט פון דעם ווייסרוסישן העכסטן סאָוועט, און אַז אין קיִעוו האָט מען

דעם ייִדישן דיכטער ישראל ברענער באַלוינט מיט אַ לעניןֿ־אָרדן. סערגעי קופּעץ און לעאָן קאָלקער האָבן זיך אַרײַנגעריסן צו מיכלען אין שטוב מ״ט עטלעכע צײַטונגען אין די הענט און אין אַ טאַנצנדיקער פֿרייד אײנער דעם אַנדערן איבערגעשריגן:

— עהע! מיכאַיל, קסעניאַ, הערט נאָר די נײַעס, די פּאַרטײ און די רע־גירונג האָבן אין זינען אונדזערע שרײַבער, פֿאַרשטײער אין דעם סאָוועטישן פּאַרלאַמענט וועלן מיר. מיט לעניןֿ־אָרדנס באַלוינט מען אונדז!...

— עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, האַ?...

— ווער זאָגט דען, אַז עס איז שלעכט? — האָט מיכל צעטומלט גע־זאָגט, — איז דען ערגעץ פֿאַראַן אַ בעסערס, אַ פֿרײַער לאַנד ווי אונדזערס?

— ניין, עס איז נישטאָ! — האָט קאָלקער אויסגעשריגן, — מיר לעבן דאָ רײַך, זאַט און גליקלעך!

— טאָ־לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר אונדזער פֿרײַהײט און גליק! — האָט קופּעץ זיך צעגוואַלדעוועט, — עהע! קסעניאַ, מיכאַיל, שטעלט אַוועק אַ פּלעשל בראָנפֿן אויפֿן טיש!

— איך האָב נישט קײן בראָנפֿן! — האָט מיכל געזאָגט.

— ווי איך זע, מיכאַיל, — האָט סערגעי קופּעץ זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף אים, — ביסטו גאָרנישט באַגײַסטערט פֿון די נײַעס וואָס מיר האָבן דיר געבראַכט.

— די נײַעס האָב איך שוין געלײענט אין די צײַטונגען נאָך הײַנט גאַנץ פֿרי און איך האָב נישט געוואַרט ביז דו אָדער קאָלקער וועט מיר איבער־ראַשן! פֿאַרשטײט זיך, אַז איך בין צופֿרידן פֿון אַזעלכע גוטע נײַעס וועגן אונדזערע קאָלעגן שרײַבערס, אָבער דאָס הײסט נאָך נישט, אַז איך דאַרף זיך אין מיטן טאָג זעצן טרינקען בראָנפֿן. איך האָב אַרבעט צו טאָן. איך דאַרף שיקן קאָרעספּאָנדענצן קײן מאָסקווע און איר שטערט מיר דאָ! הער מיך אויס סער׳געי, און דו לעאָן אויך! קומט אַרײַן אויפֿדערנאַכט, ווען איך וועל זײַן פֿרײַ, וועלן מיר דאַן אויסטרינקען!

— עהע, דו טרײַבסט גאָר מענטשן פֿון שטוב?

— ניין, סערגעי! קײנער טרײַבט קײן מענטשן נישט! — האָט קסע־ניאַ פּאַרענטפֿערט מיכלען, — פֿאַרשטײסט דאָך אַלײן, מיכאַיל מוז אַרבעטן. ער באַקומט בריוו און טעלעגראַמעס פֿון די צײַטונגען. מען פֿאָדערט פֿון אים מאַטעריאַל. חוץ דעם, פֿון וואָס וועלן מיר לעבן אויב ער וועט אין

צייט נישט צושטעלן די אַרטיקלען וואָס די צייטונגען פאָדערן פון אים? שטערט אים נישט אין זיין אַרבעט, איך בעט אייך!

— נו, גוט, וועלן מיר אַריינקומען אַן אַנדערס מאָל! — האָט לעאָן קאָלקער געזאָגט און אַ צי געטאָן קופּעצן פאַרן אַרבל, — קום סערגעי צו מיר. מיין ראָזאַ וועט אָפּקאָכן אַ גוטן באָרשטש און בראָנפן געפינט זיך דאָך שטענדיק ביי מיר!...

— דיין ראָזאַ, — האָט סערגעי קופּעץ אויסגעשריגן, — קאָכט אַזוי ווי מיין וועראַ. ייִדן קענען נישט קאָכן קיין גוטן רוסישן אָדער אוקראַיִנישן באָרשטש! צוליב וואָס מיינסטו דען, לעאָן, קום איך אַלע מאָל אַהער, צו־ליב מיכאַילן? אָ, ניין! איך קום אַהער צוליב קסעניאַן. זי, אַז זי קאָכט אָפּ אַ באָרשטש לעק איך פון אים די פינגער!...

מיכלען האָט אָנגעכאַפּט אַ געלעכטער. ער האָט אַזוי געלאַכט, אַז ער האָט זיך קוים באַהערשט און געזאָגט:

— און איך נאַר, בין שוין געווען אייפערזיכטיק אויף דיר, סערגעי. איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט ביי מיר אַזאַ אָפטער אַריינגייער צוליב מיין ווייב, צום סוף קומסטו גאָר צוליב אירע געשמאַקע באָרשטשן וואָס זי קאָכט!

דער געלעכטער האָט אַלעמען צעשטרייט און דער ברוגז וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען צווישן זיי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פריינדלעכן שפּאַס.

אין דעם טאָג האָט טאַקע מיכל פיל געאַרבעט. ער האָט אָנגעזאַמלט גענוג פּאָזיטיווע באַריכטן וועגן סטאַכאַנאָווישער אַרבעט אין עטלעכע קאָל־כאָזן, אין דעם קאַלך־זאַוואָד פון דעם שטעטל לאָנדאָקאָ, אין דער מעבל־פאַבריק פון דעם שטעטל בירא און אין די מאַרמאָר־קאַריערן פון דער געגנט. ער האָט די באַריכטן באַאַרבעט און צו זיי נאָך בייגעלייגט אַ פּאָר קורצע דערציילונגען אויף אַ טעמע פון אָרטיקן לעבן־שטייגער און ער האָט דעם פּאַרטיקן מאַטעריאַל אָפּגעשיקט מיט דער לופט־פּאָסט קיין מאָסקווע. אַ צופרידענער וואָס ער איז פּטור געוואָרן פון דער אַרבעט און ער וועט באַלד־באַלד ווידער אַמאָל באַקומען געלט פון די רעדאַקציעס, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן קסעניאַן פאַר די אַקסלען און זי אַ דריק געטאָן צו זיך.

— ווייסטו גאָר וואָס, קסעניאַ, לאָמיר היינט גיין עסן וועטשערע אין דעם נייעם רעסטאָראַן!

עס האָט זיך געזשומעט אין שטאָט מיט דעם נייעם רעסטאָראַן וואָס מען האָט ערשט אויסגעבויט. עס איז געווען אַ ווייסע געביידע מיט קאָלאָ־

סאַלע גרויסע פענצטער איבער װעלכע עס זענען װײַסע זײַדענע פאָרהאַנ־גען געהאַנגען. די גאַנצע אויסשטאַטונג איז געװען נײַ און מאָדערנע. די מאַרמאָרענע טישלעך זענען געשטאַנען בײַ די זײַטן פון די װענט און אין מיטן איז געװען אַ לײדיקער גלאַנציקער פּאָל באַשטימט צום טאַנצן. עס האָט אַ דזשאַז־אָרקעסטער געשפּילט ייִדישע מעלאָדיעס, רוסישע קאָמאַ־רינסקעס און אוקראַיִנישע האָפּהאָקעס. די פּרײַזן פאַר מאָלצײַטן זענען אין דעם־אַ נײַעם רעסטאָראַן געװען זײער הויכע, נישט קײן צוגענגלעכע פאַר אַן אַרבעטער. עס איז געװען אַ רעסטאָראַן פאַר דעם נײַעם סאָװעטישן קאָ־מיסאַרן־קלאַס, פאַר די הויך־באַצאָלטע פּאַרטײ־אָנגעשטעלטע, פאַר קאָמאַנ־דירן פון דער רויטער אַרמײ, פאַר אינזשעניערן, דירעקטאָרן און קאָמאַנ־דיראָװעטשנע פאַרשוינען.

קסעניאַ האָט שוין לאַנג נישט געזען מיכלען אין אַזאַ גוטער שטימונג. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, דערנאָך אים אַרומגענומען און אים אַ קוש געטאָן. זי האָט אָבער באַלד אַן אַנטוישטע אַ זאָג געטאָן:

— מיר קענען נישט גײן, מיכאל, אין דעם נײַעם רעסטאָראַן, איך האָב דאָך נישט אויף װעמען דאָס קינד איבערצולאָזן!

— אַלענקאַ, — האָט מיכל פריילעך אַ לאַך געטאָן, טראַכטנדיק װי קלוג קסעניאַ האָט געטאָן װאָס זי האָט דאָס קינד אַנשטאָט אַלעקסאַנדער אָנגעהויבן רופן קורץ „אַלענקאַ“. אים געפעלט דאָס. — מיר װעלן אַלעג־קאַן מיטנעמען מיט זיך!

— אָ, נײן, מיכאל, עס איז אוממעגלעך זיך אַרומשלעפּן מיט אַ קינד אין אַ רעסטאָראַן, בפרט נאָך אין אַזאַ נײַעם עלעגענאַטן רעסטאָראַן! זעסטו מי־כאל, ביסלעכװײַז װערט ביראָבידזשאַן טאַקע אַ פײַנע שטאָט. פאַר דער צײַט װאָס מיר זענען דאָ האָט מען שוין אויסגעבויט אַחוץ דעם רעסטאָ־ראַן אויך אַ קינאָ־טעאַטער, צװײ נײַע גאַסן און עטלעכע פאַבריקן. כ'לעבן, מיכאל, ביראָבידזשאַן װערט אַ פרײלעכע שטאָט!

— יאָ, ביראָבידזשאַן װערט אַ פרײלעכע שטאָט!... נו, נעם דאָס קינד און קום!

— עס פּאַסט נישט מיטן קינד צו גײן, מיכאל!

— פאַר מיר פּאַסט אַלץ! — האָט מיכל אויסגעשריגן און ער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס קינד פון װיגעלע און עס גענומען אויף די הענט, — פאַר מײַן געלט װעט מען מיר דערלאַנגען עסן אַפילו, אַז איך זאָל מיט זיך מיטנעמען אין דעם עלעגאַנטסטן רעסטאָראַן אַ גאַנצן טוץ מיט קינדער!

געלט איז נאָך אַלץ אַ פאַקטאָר ביי אונדז אין לאַנד, כאָטש מיר בויען דאָ סאָציאַליזם. עס איז נאָך דערווייל ביי אונדז דאָס זעלבע ווי ביי די קאַפּיטאַליסטן: פאַר אַ בייטל מיט געלט האָט מען רעספּעקט. און חוץ דעם בין איך דאָך אַ שרייבער, אַ זשורנאַליסט, אַ קאָרעספּאָנדענט! אַי, חנפעט מען זיך צו אַ שרייבער. מען וויל, אַז ער זאָל באַשרייבן און לויבן די גוטע זאַכן און זיך מאַכן נישט זעענדיק דאָס שלעכטס וואָס ווערט אָפּגעטאָן.

— נו, גוט, לאָמיר גיין! — האָט קסעניאַ צוגעשטימט, — און ביטע, רעד מער נישט קיין נאַרישקייטן. וועסט זיך נאָך איבעררעדן, מיכאַ!ל!

— אָ, ניין, — האָט זיך מיכל צעלאַכט, — מיין ווייב וועט דאָך מיר נישט גיין מסרן...

— וועגט האָבן אויערן! — אַזוי, מיכאַ!ל, האָסטו דאָך מיר אַליין אַמאָל דערקלערט.

— יאָ, האָסט רעכט, קסעניאַ, וועגט האָבן אויערן. נו, פּוץ זיך אויס און קום!

אין רעסטאָראַן איז געווען ליכטיק און פריילעך. אין דעם רויש פון דער מוזיק און אין דעם געדריי פון די טענץ האָבן מענטשן זיך פאַרגעסן, זיך באַפרייט פון זייערע זאָרגן און שרעק. אַ קעלנער אָנגעטאָן אין אַ ווייסן ראָק האָט זיך פאַר מיכלען פאַרבויגן און אים באַוויזן אַן אָרט ביי אַן איינזאַם טישל אין אַ פאַרדרייטן ווינקל פון וואַנען מען האָט געקענט זען דעם גאַנצן רעסטאָראַן, באַאָבאַכטן אַלעמען און אַליין בלייבן אומבאַמערקט. דאָס ווינקל איז געווען באַשטימט פאַר ספּעציעלע געסט. קסעניאַ איז געווען איבעראַשט צוזעענדיק ווי דער קעלנער טראָגט אונטער פאַרן קינד אַ ספּעציעל געמאַכט וועגעלע מיט אַ זויבער־ווייסן אויסבעט, אַז עס זאָל אין דעם זיין באַקוועם צו ליגן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיכלען מיט דאַנקבאַרקייט.

— דו „שלעכטער מענטש", פאַרוואָס האָסטו מיר נישט דערקלערט, אַז אין דעם רעסטאָראַן איז פאַראַן אַ ספּעציעלער פּלאַץ פאַר מענטשן וואָס ברענגען מיט זיך אַ קליין קינד?

— נאַרעלע, — האָט מיכל ליבלעך געענטפערט, — מען דאַרף דאָך אַמאָל באַווייזן אַ מענטשן אַן אומדערוואַרטע זאַך! וואָלט איך דיר פריער וועגן דעם געזאָגט, וואָלט דאָס דאָך פאַר דיר קיין איבערראַשונג נישט געווען.

אָבער נישט דאָס וועגעלע פאַרן קינד אַליין איז פאַר קסעניאַן געווען

אַן איבערראַשונג, אויך דער פּילזייטיקער מעניו האָט געמאַכט אַ רושם. עס איז געווען אויסצוקלייבן פון אַלדאָס גוטס. און ווי דאָס ווערטל גייט: „מען דערלאַנגט אַפילו צום טיש פויגל־מילך, אויב מען באַצאָלט נאָר גוט". און באַצאָלט פאַר דעם פאַרגעניגן אין דעם ניי־אויסגעבויטן רעסטאָראַן האָט מען טאַקע נאָר אַזוי ווי גרויסע קאָמיסאַרן קענען זיך פאַרגינען צו באַצאָלן.

צוריק פון רעסטאָראַן איז מען אַהיים געגאַנגען נישט געאײַלט. מען איז געגאַנגען פאַזע דעם טײַך בירא, וועלכער האָט איצט שטיל געפלאָסן און מען האָט געהאַט עפּעס אַ מין באַזונדערן פאַרגעניגן, ווי מענטשן אָן שום זאָרג מאַכן אַ שפּאַציר. זיי האָבן געקוקט אַריבער דעם טײַך צו דער גרויסער סאָפּקע און צום ווילדן וואַלד. זיי האָבן געשפּירט אין זיך די נאַטור־שיינקייט פון דער טייגע, די ווייטקייט און די ברייטקייט אירע. זיי האָבן זיך געפילט ווי פרייע מענטשן, באַפליגלטע מיט האָפענונג פאַר אַ שיינער און גוטער צוקונפט.

דאָס איז שוין געווען אַ וואָך אַזאַ פון פאַרגעניגנס.

מען האָט מיכלען און קסעניאַן אײַנגעלאַדן צום סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, צו פּנחס לעוויטן אויף אַ שמחהלע. מיכל האָט זיך געפּרווט אָפּזאָגן, ווײַל ער קען זיך נישט מיטשלעפּן מיטן קינד, צי אפשר זאָל ער אַליין קומען, אָן קסעניאַן? אָבער לעוויט האָט באַשטאַנען, אַז מיכל זאָל קומען מיט קסעניאַן און מיטנעמען אויך דאָס קינד. מיכל האָט נישט געקענט ווידערשפּרעכן דעם סעקרעטאַר.

פּנחס לעוויט האָט געוווינט אין דעם זעלבן הויז וואָס דער פּרעזידיקער סעקרעטאַר, נאַטאַן ווידער, האָט פאַר זיך אויסגעבויט. עס איז געווען אַן אמת פּריציש הויז: גרויס, רײַך, באַהאַנגען מיט טײַערע בילדער, באַשפּרייט מיט טײַערע טעפּיכער און באַשטעלט מיט טײַער מעבל.

אין דעם גרויסן זאַל זענען שוין געווען פיל געהויבענע געסט. עס איז דאָ געווען דער נײַער פּאַרזיצער פון דעם געגנטלעכן אויספּירקאָם, טאָוואַרישטש בערקאָוויטש מיט זײַן ווײַב און אויך דער יונגער שעף פון דער ג. פּ. או., קאַפּיטאַן אילױשין. עס זענען געווען עטלעכע מיליטער־לײַט פון דעם ווײַט־מזרחדיקן גאַרניזאָן און אויך אַ פּאָר אַרבעטער, סטאַכאַנאָווצעס, וועלכע זענען נישט לאַנג צוריק באַלוינט געוואָרן מיט מעדאַלן.

מען האָט מיכלען און קסעניאַן זייער וואַרעם אויפגענומען. פּנחס לעוויט אַליין האָט זיי פאַרגעשטעלט פאַר די איבעריקע געסט. יעדער איינער האָט מיכלען געלויבט און צוגעגעבן, אַז מען האָט געלייענט זײַן נײַעם בוך,

און נישט נאָר דעם בוך, נאָר אַלץ וואָס ער שרייבט און פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען און זשורנאַלן. מיכל האָט געוווּסט, אַז נישט יעדער איינער פון די מענטשן פאַר וועלכע מען האָט אים פאָרגעשטעלט זאָגט דעם אמת.

קיין פאָליטישע שמועסן האָט דאָ קיינער נישט געפירט. מענער האָבן געריכערט און גערעדט וועגן גוטע ווייַנען און רוסישער וואָדקאַ, וועלכע איז בעסער פון אַלע ווייַנען אין דער וועלט. פרויען האָבן גערעדט וועגן בייע, פאַרשפּעטיקטע, מאָדעס וואָס קומען שוין אָן אַפילו אין אַזאַ ווייטן און פאַרוואָרפענעם געגנט ווי ביראָבידזשאַן. דערנאָך האָט מען זיך געלאָזט גיין אין דעם עס־צימער ווו עס זענען געשטאַנען צוויי לאַנגע טישן אויף וועלכע עס זענען געווען אָנגעשטעלט טעלער מיט גשמאַקע שפּייזן און פלעשער מיט אימפּאָרטירטע, אויסלענדישע ווייַנען און רוסישער וואָדקאַ.

אין דער־אָ אַטמאָספער פון קאָמוניסטישע קאָמיסאַרן האָט גאָר קיינער נישט גערעדט וועגן קאָמוניזם. מען האָט נאָר אַ סך געגעסן און שוין אַביסל צופיל געטרונקען. מען האָט זיך געהאַלטן פריי, און מען האָט גערעדט זייער פיל נאַרישקייטן.

.49

און אָט איז פאָליאַ געקומען צופאָרן. זי איז געווען מיד פון דעם לאַנגן וועג און צו פעט פון צופיל עסן און גאָרנישט טאָן. מיכל און קסעניאַ האָבן זי קוים דערקענט. אויפדערנאַכט, נאָך דעם וואָס פאָליאַ האָט זיך אויסגערוט און באַרויִקט אירע צעפּאָרענע נערוון, האָט זי געזאָגט: — אין עק וועלט האָט איר זיך פאַרקליבן. שוין צוויי וואָכן, אַז איך פאָר מיט דעם קוריערסקי־צוג און קוים אַ לעבעדיקע זיך אַהער דערשלעפּט!

— מיר האָבן געוואַרט אויף דיר מיט אומגעדולד, — האָט מיכל געענטפערט, — עס איז ווירקלעך פאַר אונדז אַן אָנגענעמער סורפּריז דייַן קומען צו אונדז. איז וואָס מאַכסטו? און וואָס מאַכט באָריס און דייַן זון? און אין אַלגעמיין, וואָס פאַר אַ גוטע נייעס האָסטו מיט זיך צו אונדז געבראַכט?

פאָליאַ האָט זיך אַרומגעקוקט, באַטראַכט די דירה און געזאָגט:

— נישט שלעכט! זיך נישט געריכט, אַז אין אַזאַ ווייטן העק קען מען האָבן אַזאַ־אָ באַקוועמע דירה!

— יאָ, אַ פאָר צענדליק מענטשן האָבן דאָ באַקוועמע דירות. די מעגסט אָבער זען ווי די איבעריקע טויזנטער מענטשן לעבן דאָ...

— איך בין אָהער נישט געקומען צו זען ווי די איבעריקע טויזנטער־מענטשן לעבן, — האָט פּאָליאַ מיט פאַראַכטונג אויסגערופן, — עס איז פּאַ־ראַן אַ פּאַרטיי און אַ רעגירונג און זיי וועלן שוין זאָרגן פאַר די טויזנטער־מענטשן. מיר אינטערעסירט די פּאָליטישע לאַגע!

— דיר אינטערעסירט דאָס, צי באָריסן?

— עס איז אַלצאיינס!

— איר לייענט דאָך די צײַטונגען אין מאָסקווע. איך און אַנדערע שרײַ־בער באַוואַרפן דאָך מאָסקווע מיט רייזע־באַשרײַבונגען, אַרטיקלען, דער־ציילונגען און אַז עס איז דאָ גאָר וויכטיקע נײַעס שיקן מיר טעלעגראַמעס. נו, פון די אַלע באַשרײַבונגען וועגן דעם ווײַטן מזרח, וועגן וולאַדיוואָסטאָק, כאַבאַראָווסק, קאָמסאָמאָלסק און ביראָבידזשאַן האָט איר דאָך אַ דײַכע פאָר־שטעלונג וועגן דעם אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר!

קסעניאַ האָט זיך אַרײַנגעמישט.

— מיכאַיל, חכמה זיך נישט. די פראַגע איז אַן ערנסטע. האָסט דאָך געוווּסט, אַז פּאָליאַ איז נישט געפאָרן אָהער צוליב איר אייגענעם פאַרגע־ניגן... רעד צו דער זאַך!

— דאָס טו איך דאָך, קסעניאַ טײַערע, איך רעד צו דער זאַך! אַלץ וואָס איך און אַנדערע שרײַבערס האָבן געשריבן און אָפּגעדרוקט אין די צײַטונגען און זשורנאַלן וועגן דעם ווײַטן מזרח און וועגן ביראָבידזשאַנער געגנט, די ייִדישע אויטאָנאָמיע, וואָס איז נאָר אַ טייל פון דעם ווײַטן מזרח, איז ריינער אמת. גלייב מיר, פּאָליאַ, אַז איך נאָר קיינעם נישט, עס איז ריי־נער אמת, כאָטש אַביסל צוגעפּאַרבט און איבערגעטריבן... נו, אַ שטייגער, דער קאָלכאָז סמידאָוויטש האָט אויסגעפילט דעם פּלאַן נאָר אויף זעכציק פּראָצענט און מיר האָבן געשריבן אויף אַלע הונדערט. צי דער נייער טע־אַטער האָט זיך געעפנט מיט אַ מאָנאַט שפּעטער ווי עס איז געמאָלדן גע־וואָרן לויטן פּלאַן און מיר האָבן געשריבן, אַז ער האָט זיך געעפנט צו דער צײַט. דאָס זענען דאָך אַלץ קלייניקייטן.

— הער, מיכאַיל, — האָט פּאָליאַ אומגעדולדיק געזאָגט, — דו ווייסט דאָך גוט, אַז קיינעם אינטערעסירן נישט די־אַ נאַרישקייטן מיט די אויס־געפילטע פּלענער.

— וואָס־זשע ווילסטו וויסן, פּאָליאַ, וועגן די אַרעסטן? מען האָט דאָ אַרעסטירט און צעשאָסן וויכטיקע פירער־קאָמיסאַרן און נישט וויכטיקע פּראָסטע אַרבעטער און פּויערים, מען האָט דאָס דאָ געטאָן פּונקט אַזוי ווי־

אין אַלע אַנדערע רעפּובליקן, שטעט און דערפער. פאַרוואָס און פאַרוואָס מען האָט דאָס געטאָן, און מען טוט דאָס נאָך אַלץ, ווייסט דיין באָריס בעסער פון מיר! היינט וואָס נאָך זאָל איך דיר דערציילן, צי עס בויט זיך דאָ טאַקע אַ יידישע אויטאָנאָמע רעפּובליק? — יאָ און ניין!... איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָ קומט פאָר. דעם פּראָפעסאָר גאָטליב האָט מען אָפּגעראַמט פון דאַנען ווייל ער איז געווען אַ „יידישער נאַציאָנאַליסט”. אויף זיין אָרט האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ רוסיפיצירטן, אַן אַסימילירטן יידן, עפּעס איינעם אַ בערקאָוויטש, אַ יונגאַטש מיט אַ לאַנגער נאָז און אַ פרישטשעוואַטן פּנים, וואָס קיינער ווייסט גאָר נישט ווער ער איז און וואָס ער איז. דער פּאַרטיי־סעקרעטאָר נאַטאַן ווידער, וועלכער איז געווען אַ רוסיפיצירטער און אַן אַסימילירטער ייד און האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט קיין שום יידישע פּראָבלעמען האָט מען ליקווידירט און מען האָט אויף זיין אָרט צוריקגעשטעלט פּנחס לעוויטן, וועלכער איז דאָ שוין פון אָנהייב אָן געווען סעקרעטאַר. לעוויט, ווי באַוווּסט, איז אַ געוועזענער „בונדאָוועץ” און כאָטש ער איז איצט אַ גוטער קאָמוניסט איז ביי אים די אידייע פון אַ יידישער קולטור־אויטאָנאָמיע נאָך אַלץ דער הויפּט־ציל פון זיין לעבן און טעטיקייט. יעדע ספּעציפיש־יידישע פּראָבלעם אינטערעסירט אים און ער ווייטיקט פאַר דעם. און ווייטער: די דריי יידישע טעכניקומס, דעם פּעדאַגאָגישן, דעם אַגראָנאָמישן און דעם מעדיצינישן האָט מען לויט אַ באַפעל פון מאָסקווע געשלאָסן און אויף זייער אָרט געעפנט רוסישע טעכניקומס. די יידישע צייטונג האָט מען באַפוילן זאָל מער נישט דערשיינען יעדן טאָג נאָר דריי מאָל אַ וואָך. דאָס שיקן עשאַלאָנען מיט יידן האָט מען אָפּגעשטעלט. מען שיקט איצט אַהער נאָר רוסן און אוקראַינער. אַלע קאַרעער און אַנדערע געל־הויטיקע און קרום־אויגיקע פעלקערשאַפטן פון דער געגנט האָט מען אַרעסטירט און ערגעץ אַרויסגעשיקט אין פאַרמאַכטע, פאַרפּלאָמבירטע וואַגאָנען. עס איז דאָ איצט אַזאַ מישמאַש, אַ כאַאָס, אַ פּלאָנטערניש. אַז נישט איך און נישט קיינער ווייסט נישט וואָס פאַר אַ ציל דער קרעמל האָט זיך געשטעלט מיט דעם דערקלערן בּיראָבּידזשאַן און די געגנט אַרום אַלס אַ יידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע, ווייל די רעכטע האַנט בויט כאַר יידן אַ היים, און די לינקע האַנט צעשטערט דאָס אויסגעבויטע!...

ווען מיכל האָט געענדיקט ריידן האָט פאָליאַ אים באַטראַכט ערנסט. אין דעם מאָמענט איז זי מער נישט געווען די צעבאַלעוועטע מיידל וועלכע האָט זיך באַרימט מיט איר פּראָגרעסיווקייט, מיט איר אולטראַ־קאָמוניס־

טישקייט וואָס איז באַשטאַנען אין פּאָפּולאַריזירן דעם קולט פון פרייער ליי־בע. זי איז איצט צוריק ווי אין אַמאָליקע יאָרן, אין אָנפאַנג פון דער רעװאָלוציע, געװען די קוריערשע פון אַ הויכן רעגירונגס־אַנשטאַלט. דער אונטערשייד איז נאָר באַשטאַנען אין דעם וואָס דאַן האָט זי געאַרבעט פאַר געלט און פאַר אַ קאַריערע און איצט צאָלט איר קיינער נישט. זי טוט דאָס צוליב איר מאַן און צוליב אַן אינערלעכן געפיל...

איר מאַנער איז געווען צו איבערראַשן אירע צוהערער מיט אַ זייטיק וואָרט, אַ זייטיקע פראַגע, וואָס האָט גאָר קיין שום שייכות נישט צו דער פּראָבלעם וואָס זי וויל לייזן, און ערשט שפּעטער אומבאַמערקט ווידער אַמאָל צוקומען צו דער טעמע אין וועלכער זי איז פאַראינטערעסירט. אַזוי האָט זי אויך איצט געטאָן. זי האָט פּלוצים געזאָגט:

— סוף־כל־סוף האָט זיך באָריס דערלויבט צו נעמען אַן אורלויב. ער איז אָבער ווייט נישט געפאָרן. קענסט דאָך אים, מיכאַל. ער וועט מאָסקווע קיין מאָל נישט פאַרלאָזן. ער איז אַוועק אין דער סאַנאַטאָריע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון לערמאָנטאָווס פּאָעמע „מצירי”. איר קענט זיך פאָרשטעלן מיין טרוקענעם באָריס, אַז ער זאָל זיך אויסקלייבן אַן אָפּרו־אָרט הינטער מאָסקווע מיט אַ נאָמען פון אַ פּאָעמע, וואָס דער גרויסער רוסישער דיכטער לערמאָנטאָוו האָט אַמאָל געשאַפן. די איצטיקע סאַנאַטאָריע איז דאָס דער פּאַלאַץ פון לערמאָנטאָווס באָבע. ער האָט דאָרטן געשאַפן זיין פּאָעמע „מצי־רי” און דערפאַר האָט מען אויסגעקליבן דעם נאָמען פאַר דער איצטיקער סאַנאַטאָריע. נו, איז פון אַלע סאַנאַטאָריעס וואָס געפינען זיך אַרום מאָסקווע האָט מיין מאַן געדאַרפט אויסקלייבן דווקא די וואָס האָט אַ פּאָעטישן נאָמען.

— און ער איז געוויס דאָרט געווען נישט מער ווי צוויי מיט אַ האַלבן טאָג! — האָט זיך קסעניאַ אָפּגערופן.

— ניין, — האָט פּאַליאַ געזאָגט, — ער איז דווקא אויסגעזעסן אין דער סאַנאַטאָריע גאַנצע פינף וואָכן. ער האָט לעצטנס אויסגעזען גאָר שלעכט. און מיר דאַכט, אַז סטאַלין אַליין האָט אים באַפוילן זיך אָפּצורוען.

— האָט ער זיך אָפּגערוט? — האָט מיכל געפרעגט.

— יאָ און ניין. זעסט, מיכאַל, איך ענטפער דיר מיט דיינע אייגענע ווערטער, פּונקט אַזוי ווי דו האָסט ערשט געזאָגט: יאָ און ניין! קערפּערלעך האָט ער זיך אָפּגערוט. אָבער נישט נשמהדיק. און דאָס איז דער ציל פון מיין קומען אַהער פערזענלעך. איך האָט געמוזט אַהער קומען נאָך דעם וואָס

איר האָט נישט באַנומען מיין ענטפער אויף אייער טעלעגראַמע און איר האָט זיך נישט באַלד אָפּגעטראָגן פון דאַנען.

— וואָס איז דען?! — האָט מיכל אויסגעשריגן

— גאָרנישט... עס איז נישט אַזוי געפערלעך... דו ווייסט, מיכאַ:ל וואָס מיט בען־אַלין איז געשען?

— יאָ, איך האָב געהערט! עס איז טרויעריק און מערדערלעך!...

— יאָ, טרויעריק און מערדערלעך!... אָבער באָריס האָט מיט גאָרנישט נישט געקענט העלפן דעם מאָרד צו פאַרמיידן! עס איז געהאַט געקומען צו־פאָרן קיין מאָסקווע בען־אַליס פרוי מיט אירע צוויי קינדער. ביי וועמען זי האָט געוווינט אין מאָסקווע ווייס איך נישט. זי איז געקומען פאַרנאַכט צו אונדז מיט די קינדער און זיך געפרעגט אויף באָריסן. נישט איך און נישט באָריס האָבן זי פּערזענלעך געקענט. און איך האָב דאָך דעם חבר אייערן, בען־אַלי, אויך קיין מאָל נישט געקענט. באָריס איז גראָד געווען אין דער היים. ער איז אַרויסגעקומען פון זיין אַרבעט־צימער און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיינע פיס מיט אַ געוויין: „העלף, העלף, בען־אַלי איז דאָך דיין חבר, ער האָט שטענדיק דיך דערמאָנט, דיך געליבט. דו ווייסט דאָך גוט, אַז בען־אַלי איז אַ נאַ:יווער מענטש. ער איז אָבער אַ גוטער קאָמוניסט, אַן ערלעכער און אַ געטרייער קאָמוניסט! איז פאַרוואָס האָט מען אים אַרעס־טירט? וואָס וויל מען פון אים? דו קענסט אים העלפן כל־זמן עס איז נישט שפּעט!" — און באָריס איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער. ער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. נאָר פּלוצים האָט ער אַ ווילדן געשריי געטאָן צו דער פרוי: „איך קען אייך נישט און איך האָב קיין מאָל קיין מענטשן מיטן נאָ־מען בען־אַלי נישט געקענט! פאַרנעמט זיך שוין פון דאַנען, איידער איך רוף אָפּ די מיליץ און איך וועל הייסן אייך אַרעסטירן פאַר אַריינרייסן זיך אומגעבעטן אין אַ פרעמד הויז!".

טרערן זענען איר געשטאַנען אין די אויגן און האָבן געשטיקט איר האַלדז. זי האָט נישט געקענט מער רעדן, אָבער זי האָט שווייגן נישט גע־וואָלט, זי האָט פאַרגעזעצט:

— דערנאָך איז באָריס צוריק אַריין צו זיך אין צימער און ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר מיט אַזאַ קלאַפּ, אַז די ווענט האָבן אַזש אַ ציטער געטאָן. בען־אַליס פרוי מיט די צוויי קינדער האָבן דערשראָקענע פאַרלאָזט אונדזער דירה. איך בין אַריין צו באָריסן. ער איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. עס איז געווען טונקל אין זיין

צימער. עס האָט געברענט נאָר איין ליכט אויף זיין שרײַבטיש. איך קען שווערן, אַז באָריס האָט געוויינט. איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי אויסטערליש אויפגעפירט און פאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט העלפן זיינס אַ חבר וואָס טרינקט זיך? האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער ווייסט די רעקאָרדס פון אַלע חברים און פריינד. אין דעם דעפּאַרטאַמענט מיט וועלכן ער פאַרוואַלטעט געפינען זיך קאָפּיעס און דופּליקאַטן פון יעדן פּאַרטיי־מיטגלידס „ביאָגראַפיע", ווו עס זענען אַריינגעשריבן אַלע זייערע זינד און אַלע זייערע פאַרדינסטן. די גרעסטע זינד איז אויב מען איז אַמאָל געווען אַ טראָצקיסט. דערנאָך זענען פאַראַן קלענערע זינדן, אַזעלכע אַ שטייגער ווי מען האָט אַמאָל באַלאַנגט צו אַן אַנדער פּאַרטיי, אוממאָראַליש־קייט, נישט אויספאָלגן אַ פּאַרטיי־באַשלוס און אַזוי ווייטער... אין בען־אַליס „ביאָגראַפיע" איז אַריינגעשריבן, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ טראָצ־קיסט... און פאַר אַ טראָצקיסט וועט באָריס זיין אייגענע רעפּוטאַציע און זיכערקייט נישט איינשטעלן אַפילו ווען דאָס זאָל זיך געווען האַנדלען וועגן זיינס אַן אייגענעם ברודער. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז אין דיין „ביאָ־גראַפיע", מיכאַיִל, ווי אויך אין קסעניאַס זענען אַריינגעשריבן בלויז פאַר־דינסטן און לויב־געזאַנגען. מיט אייך איז אַלץ אין אָרדענונג, און באָריס וויל, אַז אייערע „ביאָגראַפיעס" אין די קאַרטאָטעקעס פון צענטראַלן קאָ־מיטעט און פון דעם ספּעציעלן אָפּטייל זאָלן פאַרבלייבן אויך אויף ווייטער נישט באַפלעקט מיט קיין שום זינד!...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. קסעניאַ איז אַריין אין קיך צוגרייטן טיי. זי איז געבליבן איינע אַליין מיט מיכלען. ער האָט געפרעגט:

— איז דאָס אַלץ?

— ניין! — האָט פּאַליאַ געענטפערט, — נישט אַלץ! די נאַכט איז גרויס, איך וויל אַלץ היינט פאַרענדיקן און זיך באַפרייען פון דעם „פּעקל" וואָס איך טראָג אין זיך... דערנאָך וועל איך דאָ פאַרברענגען אַ פּאָר וואָכן און פאָרן צוריק.

— האָסט מיר גאָרנישט דערציילט וועגן יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַן! וואָס מאַכט זי? איך האָב געהאַט באַקומען פון איר בריוו, אַז איר מאַן קומט צוריק פון בערלין!

— יאָ, עס איז אמת, גענעראַל איוואַנאָוו איז שוין צוריק אין מאָסקווע און איך מיין אַז אויף שטענדיק. ער איז שוין מער נישט אין דיפּלאָמאַטישן דינסט. ער איז צוריק אין דער אַרמיי. ער איז איצט דער קאָמענדאַנט פון

אַ גאַרניזאָן הינטער מאָסקווע. ער טוט כמעט גאָרנישט. אַ פּאָר מאָל אין וואָך פאָרט ער אַ קוק טאָן... ער קומט באַלד צוריק אַהיים און ער פאַרברענגט מיט קאַטיאַן. אָ, ער האָט זי נאָך אַלץ משוגע שטאַרק ליב. און זייער זון, ווען דו זעסט אים, אויסגעוואַקסן, אַ ווױלער בחור. ער רעדט דייטש און ענגליש. ער גייט איצט צוזאַמען מיט מיין זון אין איין שול.

— אַזוי, אַזוי! — האָט מיכל זיך פאַרקלערט און באַלד געזאָגט, — מען האָט איוואַנאָוון אַראָפּגעזעצט.

— פאַרקערט, מען האָט אים דערהויבן! עפּעס איז נישט גלאַט אין בערלין. גענוי וואָס ווייס איך נישט. קיינער רעדט נישט וועגן דעם. גענעראַל איוואַנאָוו איז פאַר זיין מיליטעריש־דיפּלאָמאַטישער טעטיקייט אין טערקיי און אין דייטשלאַנד באַלוינט געוואָרן מיט אַ העכערונג אין ראַנג. ער איז איצט אַן אַרמיי־גענעראַל און ער האָט באַקומען נאָך איין לענינאָרדן. עפּעס קאָכט זיך אין קרעמל... דער אַמט אַלס קאָמענדאַנט פון אַ גאַרניזאָן הינטער מאָסקווע איז זייער אַ וויכטיקער. מען שושקעט זיך, אַז עס שמעקט מיט מלחמה... אָבער לאָמיר בעסער רעדן וועגן עפּעס אַנדערש!..

קסעניאַ איז אַריינגעקומען מיט דער טיי און מיט אַ טעלער היימישע געבעקס. מען האָט געטרונקען און גערעדט וועגן קלייניקייטן. דערנאָך האָט פּאַליאַ פאָרגעזעצט דעם איבערגעריסענעם שמועס און האָט ווייטער דערציילט:

— די „ביאָגראַפיעס" פון די פּאַרטיי־מיטגלידער וואָס ווערן ליקווידירט נעמט מען אַרויס פון די קאַרטאָטעקעס און מען באַהאַלט זיי אין אַ געהיימען אַרכיוו. לעצטנס מוז זיך באָריס זייער אָפט פאַרנעמען מיט דער טעטיקייט. דעם טאָג וואָס ער האָט באַדאַרפט אַריבערטראָגן בען־אַליס „ביאָגראַפיע" אין דעם געהיימען אַרכיוו איז ער קראַנק געוואָרן, נו, און דערנאָך האָט ער געמוזט זיך אָפּרוען פינף וואָכן. ער איז געווען ווי איך האָב אייך שוין דערציילט, אין דער סאַנאַטאָריע „מצירי". ער איז אַהיים געקומען אַ באַרויקטער, אַ געשטאַרקטער און אַפילו... — זי האָט פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן, — אַפילו אַ מאַן... אָבער דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. ווען מיר האָבן פון אייך באַקומען די טעלעגראַמע, אַז קסעניאַ האָט געבוירן אַ יינגעלע, איז אָנשטאָט זיך פרייען מיט אַזאַ נייעס און אייך שיקן אַ גראַטולירונג מיט אַ מתנה, איז גאָר באָריס פּלוצים בלייך געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן ריידן ווי פון היץ. איך האָב זיך אַזש דערשראָקן פאַר אים, געמיינט, אַז ער איז פון זינען אַראָפּ. „וואָס האָט זיך דאָרט מי־

כאַיל פאַרזעסן? — האָט ער געשריגן, — זאָל ער וואָס גיכער צוריק קו־מען!" און ער האָט מיר דערציילט, אַז אין קרעמל זענען אָנגעקומען באַ־ריכטן, אַז ייִדן פון בּיראָבּידזשאַן לויפן צו די גרענעצן, שווימען אַפילו אויך אַריבער דעם אַמור און גיבן זיך איבער צו די יאַפּאַנעזער. פון מאַג־דזשוריע שיקט מען איבער די אַנטלאָפענע ייִדן קיין דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך, פּאַלעסטינע און אַמעריקע!

— עס איז אַ ליגן! — האָט מיכל אַן אויפגערעגטער זיך צעשריגן, — עס איז אַ נידערטרעכטיקער ליגן און אַן אויסטראַכטעניש פון די אַנטיסע־מיטישע עלעמענטן וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט דאָ אין דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי און אויספּירקאָם. דער איינציקער פאַל ווען אַ מענטש איז אַרי־בער די גרענעץ פון בּיראָבּידזשאַן צו די יאַפּאַנעזער איז דאָס געווען מיטן גענעראַל יאָכים שולץ וועלכער איז געווען אַ רוסיש־געבוירענער דייטש און נישט קיין ייִד. און... יאָ! — האָט מיכל אַ כאַפּ געטאָן, — דאָ זענען געווען צו גאַסט צוויי אַמעריקאַנער ייִדן, איינער אַ זשורנאַליסט פון אַן אַמעריקאַנער ייִדישער צייטונג און דער צווייטער אַן אינזשעניער, פון אַן אַמעריקאַנער פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט. די צוויי אַמעריקאַנער ביר־גער זענען אַהער געקומען מיט אַ דערלויבעניש פון דער סאָוועטן־מאַכט און זענען דאָ ערשט נישט לאַנג צוריק געפאָרן קיין אַמעריקע. איך האָב געהערט זאָגן, אַז זיי זענען געפאָרן אַהיים דורך יאַפּאַן מיט דער דערלוי־בעניש פון די סאָוועטישע מאַכט־אויטאָריטעטן. אָבער זיי זענען דאָך נישט קיין בּיראָבּידזשאַנער ייִדן, זיי זענען אַמעריקאַנער בירגער!...

מיכל האָט זיך קוים באַרויִקט פון זיין אויפגערעגטקייט, ווען פּאַליאַ האָט געזאָגט:

— יעדנפאַלס, די בּיראָבּידזשאַנער פּראָבּלעם איז נישט פּאָפּולער אין קרעמל און עס איז געווונטשן אַז דו זאָלסט זיך וואָס גיכער פון דאַנען אָפּ־טראָגן!

— וואָס ווילסטו מיט דעם זאָגן? רעד אָפן!

— סטאַלין האָט נאָך ביז איצט קיין איין וואָרט וועגן דער פּראָבּלעם נישט געזאָגט. עס באַקומט זיך, אַז בּיראָבּידזשאַן בויט זיך אָן זיין ווילן און נאָר מיט דער גוטהייסונג פון קאַלינינען. אַזאַ זאַך איז אוממעגלעך און נישט נאָרמאַל. עפּעס איז דאָ פאַראַן אַ דריידל... איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס באַריסן גייט דאָס אַזוי אין לעבן אויסצוגעפינען סטאַלינס שטעלונג וועגן בּיראָבּידזשאַן. דירעקט קען ער נישט פרעגן ביי סטאַלינען: „וואָס איז דיין

שטעלונג?”. אָבער, אַז באָריס שפּאַרט זיך איין מוז ער זיינס דערגרייכן, ווער־ווער, נאָר דו, מיכאל, קענסט דאָך אים גוט!... און ער האָט זיך פּאָרט צו זיינס דערשלאָגן. אמת, עס איז אַן אומדירעקטער ענטפער צו דער פּראָבלעם, אָבער עס איז דערפאַר דער שליסל צו דער פּראָבלעם!

עס איז געוואָרן שטיל. מיכל און קסעניאַ האָבן זיך צוגערוקט נענטער צו פּאָליאַן, געקוקט איר אין מויל אַריין און אומגעדולדיק געוואַרט ביז זי וועט אַמאָל אַרויסזאָגן דאָס וויכטיקסטע פון אַלע אירע רייד.

— וואָס איז? — האָט מיכל איבערגעפרעגט.

— אַ שליסל צו דער פּראָבלעם? — האָט זיך קסעניאַ געוווּנדערט.

פּאָליאַ האָט פאַרגעזעצט:

— איין מאָל, אין אַ געשפּרעך מיט קאַלינינען האָט סטאַלין זיך אַרויס־געכאַפּט מיט אייניקע פאַרוואָרפן קעגן אים. באָריס איז גראָד דאַן ביי סטאַ־לינען אין קאַבינעט געווען. סטאַלין האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן קאַבינעט און בייז געוואָרטשעט: מיר האָבן באַפרייט דעם וווייטן מזרח פון אַלע נישט־געוווּנטשענע עלעמענטן, פון די כינעזער, פון די מאָנגאָלן, טאָטערן און אי־בערהויפּט פון די פילצאָליקע קאָרעער! איז פאַרוואָס מיינסטו, אַז מיט די ייִדן זענען מיר דאָרט זיכער? די ייִדן האָבן דאָך קרובים און פריינד איבער דער גאַנצער וועלט! זיי זענען אַ פּאַפּירענע נאַציע, דאָס־אַ ייִדנטום, צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע לענדער, פּאָטענציעל איז אַזאַ נאַציע גענייגט צו שפּיאָנאַזש... עס קען נישט זיין קיין צוטרוי צו זיי. אַפילו קאַרל מאַרקס, כאָטש ער אַליין האָט געשטאַמט פון דער־אַ פּאַפּירענער נאַציע, האָט קיין מאָל צו די ייִדן קיין גרויסן צוטרוי נישט געהאַט. מען קען איינצלנע ייִדן אָנפאַרטרויען, גלייבן און אַפילו ליב האָבן, אָבער צו די ייִדישע מאַסן האָב איך קיין מאָל קיין גרויסן צוטרוי און קיין סימפּאַטיע נישט געהאַט און איך וועל מיין מיינונג נישט בייטן!

פּאָליאַ איז געווען בלייך, אויסגעמאַטערט און איר קול האָט געציטערט ביי די לעצטע רייד. זי האָט אַביסל געשוויגן און דערנאָך ווייטער גערעדט:

— דאָס ביסל וואָס באָריס האָט זיך דערוווּסט פון סטאַלינס געשפּרעך מיט קאַלינינען איז שוין גענוג געווען צו שאַפן פאַר זיך אַ שליסל צו דער פּראָבלעם און קומען צום אויספיר, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר ייִדן אַלס אַ פאָלק מיט אַן אייגן לאַנד, אַן אייגענער שפּראַך, אַן אייגענע קולטור, און אַז ייִדן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מוזן זיך רוסיפיצירן אויב זיי ווילן בלייבן לעבן! באָריס זעט פאַר גרויסע ענדערונגען און שרעק־

לעבע רעפּרעסיעס קעגן אַלע די וואָס ווערן זיך באַצייטנס נישט אָפּטראָגן פון ביראָבידזשאַן.

מיכל האָט זיך אַרײַנגעטראַכט אין פּאַליאַס רייד און פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל פון דאַנען נישט אַוועקפאָרן!

— וואָס? דו משוגענער! — האָט פּאַליאַ זיך אויף אים צעשריגן, — דו ביסט דאָך אַ רוסישער שרייבער. דו האָסט דאָ מער נישט וואָס צו טאָן. ראַטעווע זיך כּל־זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט!...

— ראַטעווע זיך, ראַטעווע זיך! — האָט מיכל מיט באַדויער אָפּגע־ענטפערט, — נאָר זיך! און די איבעריקע טויזנטער וואָס זענען פאַרגלייבט און פאַרפירט, ווער וועט זיי ראַטעווען? זיי האָבן דאָך נישט קיין באַריס אין קרעמל וואָס זאָל זיי וואָרענען, אַז די טראַגי־קאָמישע שפּיל מיט אַ ביראָ־בידזשאַן האַלט שוין ביים סוף און עס וועלן ביים קלימאַקס פאַלן קעפּ! ווער זאָל זיי וואָרענען פון דער געפאַר, ווער?...

— מיר קענען די גאַנצע וועלט נישט באַזאָרגן, — האָט פּאַליאַ געזאָגט, — איך ווייס אַפילו נישט צי מיר קענען זיך אַליין באַזאָרגן! עס דאַכט זיך אונדז נאָר, אַז...

— איך פאָר אַוועק פון דאַנען, — האָט קסעניאַ זיך אַרײַנגעמישט אין די רייד, — נאָך מאָרגן נעם איך דאָס קינד און פאָר צוריק אין דאָרף, צו מיין מוטער.

— נאָר אָן פּאַניק! — האָט פּאַליאַ געוואָרנט, — באַרויִקט אייך, עס ברענט נאָך נישט, עס איז נאָך נישט אַזוי געפערלעך... מען וועט שטילער־הייט, צוביסלעך, אָן שום חשד זיך פון דאַנען אַרויסרוקן. וואַרט נאָך אונ־טער אַ חודש אָדער צוויי. זאָל דער זומער אַריבער. דיין פּלאַן, קסעניאַ, איז אַ גוטער. דו וועסט פאָרן מיטן קינד צו דיין מוטער אין דאָרף אויף אַ צייט. מיכאַיִל וועט פאָרן צוריק קיין מאָסקווע. ביז ער וועט געפינען אַ פּאַסיקע דירה אין מאָסקווע קען דאָך אויך געדויערן אַ פּאָר חדשים. פאַר זיך אַליין וועט ער געפינען ווו צו זיין פאַר אַ שטיקל צייט, ביי אונדז אָדער ביים גע־נעראַל איוואַנאָוו. ער וועט נישט פאַרפאַלן גיין. דערנאָך, ווען ער וועט זיך איינאָרדענען מיט אַ דירה וועסטו קומען. צי פּיליכט וועט ער זיך אַראָפּכאַפּן אויף אַ פּאָר וואָכן אין דאָרף און זיך דאָרט אָפּרוען? איך זע דאָך, אַז זיינע נערוון זענען שוין גוט צעדרייט!...

עס איז אַזוי געבליבן ווי פּאַליאַ האָט פאָרגעשלאָגן. צו דעם האָט צו־

געשפּילט די נייעס פון די מאָסקווער צייטונגען, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן מיט אַ צוויי־וואָכעדיקער פאַרשפּעטיקונג. די נייעס האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק. דער נייער הויפּט־קאָמיסאַר פון אַלע געהיימע און עפנטלעכע ג.פּ.או.־ און פּאָליציי־אַנשטאַלטן איבערן לאַנד, דער נאָענטסטער פריינד פון סטאַלינען, טאָוואַרישטש יעזשאָוו, האָט זיך גענומען אויסראַמען דאָס לאַנד פון אַלע נישט־געוווּנטשענע און פאַרדעכטיקטע מענטשן, וועלכע זענען פּאָטענציעלע שטערערס פון דער „סאָציאַליסטישער" בויונג. צווישן די צענדליקער טויזנטער אַרעסטירטע און ליקווידירטע זענען דאָס מאָל געווען אויך דער רעדאַקטאָר פון דער מאָסקווער ייִדישער צייטונג מנחם פּאָליאַקאָוו און דער ייִדישער פּאָעט פון מינסק לייזער פּייגין.

מיכלס האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן. די נשמה האָט אין אים געוויינט...

.50

פּאָליאַ און קסעניאַ מיטן קינד זענען אַוועקגעפאָרן. מיכל איז נאָך אויף אַ צייט געבליבן. עס האָבן זיך אויך דאָ, אין ביראָבידזשאַן, אָנגעהויבן ווידערהאָלן גרויסע אַרעסטן און רייניקונגען און ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקענט אין דער־אָ בהלה פאַרלאָזן די שטאָט און לויפן... דאָס וואָלט אַרויסגערופן אַ חשד ביי די צעווילדעוועטע און צערודערטע ג.פּ.או.־אַגענטן און מען וואָלט אים נאָך געקענט אין מיטן וועג פאַרהאַלטן. עס איז זיכערער געווען צו בלייבן אויפן אָרט און איבערוואַרטן ביז די קרעמל־אינקוויזיטאָרן וועלן מיד ווערן אָנצוגיין מיט דעם ספּעקטאַקל פון די שדים־טענץ אַרום דעם אָנגעצונדענעם פייער. עס איז אָבער געווען צו לאַנג און צו מוראדיק צו וואַרטן. די שדים־קאָמיסאַרן האָבן זיך נאָך אַלץ געפּאָרעט אַרום דעם פייער און געבראַכט קרבנות צום אָפּגאָט וואָס איז געזעסן אין קרעמל און געהערשט און געקיניגט איבערן אומענדלעכן לאַנד.

פּלוצים זענען גאָר סערגעי קופּעץ און לעאָן קאָלקער געוואָרן זייער גוטע „פריינד" מיט די שרייבערס מענדל ריץ, פּייוול דאָלין און מיטן קריטיקער שלמה קאָלטער. צו מיכלען האָבן זיי זיך מער נישט באַוויזן.

מיכלען איז נישט אין זינען געלעגן זייער „פריינדשאַפט". ער איז געווען צופרידן וואָס זיי קומען נישט צו אים און דולן אים נישט דעם קאָפּ מיט זייערע פּוסטע רייד. חוץ דעם, ווען קסעניאַ איז געווען האָט זי געקאָכט און געבאַקן און אין שטוב איז שטענדיק געווען וואָס צו פאַרבייסן נאָך דעם

וואָס מען האָט זיך אָנגעשיכורט. אָבער איצט, ווען ער איז איינער אַליין, האָבן זיי שוין מער קיין אינטערעס נישט צו קומען צו אים, — אַזוי האָט מיכל געמיינט, — און האָבן דערפאַר זיך באַפריינדעט מיט די אַנדערע...

געווען איז דאָס אָבער נישט אַזוי.

אין איינעם אַ טאָג איז אין דער ביראָבידזשאַנער רוסישער צייטונג געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון דעם קריטיקער שלמה קאַלטער. ער האָט באַהאַנדלט מיכלס בוך, ווי אויך זיין גאַנצע שאַפונג פון אַ „מאַרקסיסטישן" שטאַנדפּונקט און ער איז געקומען צום אויספיר, אַז צווישן די שורות קען מען אין מיכלס אַלע זיינע אַרטיקלען און דערציילונגען, און איבערהויפּט אין זיין בוך, אויסלייענען אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע.

אויפן אַנדערן טאָג איז אויך אין דער אָרטיקער יידישער צייטונג געווען אַן ענלעך אַרטיקל אָפּגעדרוקט מיט אַן אונטערשריפט נישט נאָר פון דעם קריטיקער שלמה קאַלטער נאָר אויך פון די שרייבערס מענדל ריץ און פייוול דאַלין. דאָס האָט געהייסן אַ קאָלעקטיווע אָנקלאַגע קעגן מיכלען.

מיכל האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך אויס פאַרצווייפלונג. ער האָט שוין געוואָלט הענדום־פּענדום אַנטלויפן פון דאַנען. אָבער ער האָט איינגעזען, אַז דאָס איז אַן אומזין. ער מוז זיך רעהאַביליטירן, זיך ריינוואַשן פון דער פאַלשער קלאַגע קעגן אים און ערשט דאַן וועט ער קענען אָן שום מורא אַרויספאָרן פון ביראָבידזשאַן.

ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ טראַכטנדיק פאַרוואָס די קאָלעגן־שרייבער האָבן פּלוצים אויסגעטראַכט אַ בילבול קעגן אים? אמת, זיי האָבן אים נישט זייער ליב געהאַט, אָבער ער קען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז זייער פיינדשאַפט צו אים זאָל זיי טרייבן צו דעם, אַז זיי זאָלן אויף אים אויסטראַכטן אַזוינס וואָס האָט צו טאָן מיט אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע, מיט קאָנטער־רעוואָלוציע און דערמיט אים אומגליקלעך מאַכן און אַפילו אים אומברענגען!... אויף אַזויפיל שלעכט און נאַריש זענען זיי דאָך נישט. וואָס וועלן זיי טאָן, אַז עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז אַלץ דאָס וואָס זיי האָבן געשריבן קעגן אים איז אַ נידערטרעכטיקער ליגן? דאַן וועט מען זיי דאָך אַרעסטירן! ניין, אַזאַ זאַך האָבן זיי מיט זייער אייגענעם ווילן נישט געקענט טאָן. עמיצער האָט זיי געצוווּנגען צו דעם!

איז וואָס זאָל ער איצט טאָן?...

ער האָט געוואַרט, אַז מען וועט באַלד אָנקלאַפּן אין זיין טיר. עס וועלן

אַריינקומען באַוואָפנטע ג.פּ.או.־לייט און מען וועט אים אַרעסטירן. עס האָט אַזוי געמוזט זיין, ווייל די באַשולדיקונג קעגן אים איז געווען אַ געפערלעכע. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. ער האָט געכאַפּט דעם טעלעפאָן, אָפּגערופן דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און נאָך איידער ער האָט דערהערט אַן ענטפער האָט ער דאָס טעלעפאָן־טרייבל צוריק אויפגעהאַנגען אויף דעם טעלעפאָן־קעסטל. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין איבער דער שטוב און געטראַכט: „וואָס קען דען פּנחס לעוויט אין אַזאַ פאַל העלפן? ער איז טאַקע דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי איבער דער גאַנצער געגנט, טאַקע אַ גרויסער קאָמיסאַר, אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט ער אויב ער אַליין האָט אַמאָל באַלאַנגט צו אַ פיינדלעכער פּאַרטיי און אויף אים אַליין ברענט גאָר איצט די הויט? ניין, ער קען אים נישט העלפן. ער וועט מורא האָבן!".

דערנאָך האָט זיך מיכל דערטראַכט, אַז ער זאָל אַוועק אין דער ג.פּ.או. און מיטנעמען מיט זיך דעם בוך זיינעם און ווי מעגלעך אַלע זיינע געדרוקטע שאַפונגען און פאָדערן ביים הויפּט פון דער ג.פּ.או., ביים קאַפּיטאַן איליושין, אַז מען זאָל אים דערוויזן, כאָטש איין שורה וואָס קען ביי עמיצן אַרויסרופן אַ געדאַנק, אַז דאָס איז אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע. ער ווייסט, אַז אַזעלכעס וועט מען נישט קענען דערוויזן, ווייל אַזעלכעס איז אין זיין שאַפונג אוממעגלעך. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דעם וועלן די זעלבע ציטונגען וואָס האָבן די פּאַסקווילן קעגן אים געדרוקט אים מוזן ריינוואַשן, און דאַן... דאַן וועלן די וואָס האָבן קעגן אים די אַרטיקלען געשריבן באַשולדיקט ווערן אין סאַבאָטאַזש און אין קאָנטער־רעוואָלוציע און מען וועט זיי אַרעסטירן. מען וועט זיי אַרעסטירן? אָ, ניין, דאָס וויל ער נישט!

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. דאָס האַרץ האָט זיך אין מיכלען אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט און באַלד צוריק אָנגעהויבן קלאַפּן. דער געדאַנק, אַז מען איז אים געקומען נעמען, כאַפּן און פאַרשלעפּן אין דער טורמע פון דער ג.פּ.או. האָט אים באַהערשט און אַ ציטער איז איבער זיין גאַנצן קערפּער אַריבער. ער האָט זיך געגריזשעט פאַרוואָס ער האָט נישט געפאָלגט פאַליאַן און איז נישט געפאָרן מיט קסעניאַן צוזאַמען. ער האָט נאָך פון לאַנג באַדאַרפט פאַרלאָזן בירא־בידזשאַן און זיך צוריקקערן קיין מאָסקווע. ער האָט זיך קוים באַהערשט און איז צוגעקומען צו דער טיר און זי געעפנט. סערגעי קופּעץ און לעאָן קאָלקער זענען פאַר זיינע אויגן אויסגעוואַקסן. ער האָט גרינגער אָפּגעאָטעמט. אָבער באַלד איז אים ווי־

דער אַ שרעק באַפאַלן. ער האָט דאָך געוווּסט, אַז זיי זענען געהיימע אַגענטן פון דער ג.פּ.או.

סערגעי קופּעץ איז ווי געוויינלעך געווען אַביסל אונטערגעטרונקען. ער האָט געהאַלטן צוויי צייטונגען אין די הענט, אַ רוסישע און אַ ייִדישע, און מיט זיי געפּאָכעט אין דער לופטן. ער האָט דערביי געשריגן:

— אויסוואורפן! וואָס האָבן זיי געהאָט צו דיר?

— איך ווייס נישט, טאָוואַרישטש קופּעץ! — האָט מיכל אַ פאַרביטערטער געענטפערט.

— דו ווייסט נישט? — האָט סערגעי אויסגעזעצט מיט אַ סאַרקאַסטישן געלעכטער, — זיי ווילן דיך באַגראָבן כדי זיך צו ראַטעווען! אויפן גנב ברענט דאָס היטל. ווייסט דאָך ווי דאָס לעבן איז: דער גנב לויפט און שרייט „כאַפּט דעם גנב!", — און ער האָט זיך געווענדט צו קאָלקערן. — דערצייל אים, לעאָן, דערצייל אים ווער די פאַרשווינדלעך זענען...

לעאָן קאָלקער האָט זיך אַוועקגעזעצט, צוגערוקט זיך מיטן שטול צוזאַמען נעבנטער צו מיכלען און פאַרטייעט אויסגערעדט:

— מענדל ריץ און שלמה קאַלטער זענען נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן אַריבערגעלאָפן די גרענעץ פון פוילן קיין רוסלאַנד און זיי האָבן זיך נישט געמאָלדן אין דער סאָוועטישער מיליץ, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מען וועט זיי צוריק שיקן קיין פוילן און אין בעסטן פאַל וועלן זיי מוזן אָפּזיצן זעקס חדשים אין טורמע, אַזוי ווי עס קומט לויטן געזעץ פאַר יעדן אַריבערלויפער וואָס מען אָנערקענט אַז ער איז אַן ערלעכער מענטש און נישט קיין שפּיאָן. אָבער אַזוי ווי זיי האָבן זיך נישט געמאָלדן אַליין אין דער מיליץ, זיי האָבן זיך אַלע יאָרן אויסבאַהאַלטן פון דעם געזעץ, און נאָך מער: זיי האָבן דורך פאַלשקייטן זיך אַריינגערוקט אין דער פאַרטיי, אָנגעבנדיק זיך פאַר סאָוועטישע בירגער און לייקענענדיק זייער אמתן אָפּשטאַם, איז ווער ווייסט זיי ווער זיי זענען?... אַ סימן, וואָס האָבן זיי געהאַט צו דיר? פאַרוואָס האָבן זיי דעם פּאַסקוויל קעגן דיר געשריבן?...

— נו, ווייטער... — האָט מיכל געזאָגט און געוואָלט וואָס שנעלער דערגיין צו וואָס די רייד פירן.

— דו ווילסט הערן ווייטער? גוט! דער־אָ פּיוול דאָלין איז אַמאָל אָפּיציעל געווען אַ מיטגליד פון אַ ציוניסטישער פאַרטיי. ער קען דאָס נישט לייקענען. ער מיינט, אַז מיט אַרויסווייזן געטריישאַפט צו דער ג.פּ.או. אין העלפן אויפדעקן דייך „אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע" אין דיין שאַפונג,

וועט דאָס אים העלפן אָנגיין ווייטער מיט זיין לעבן און מיט זיין „ליטעראַ־רישער" טעטיקייט. אָבער ער וועט קיינעם נישט נאַרן, דער־אָ אויסוואורף. יעדער איינער ווייסט, אַז דו ביסט אַן ערלעכער מענטש, דו ביסט אַ פּאַר־דינסטפולער קאָמוניסט, אַן אָרדן־טרעגער און אַ טאַלאַנטירטער שרייבער דערצו!...

— אַ דאַנק פאַר די קאָמפּלימענטן, טאַוואַרישטש קאַלקער.

— האָסט נישט וואָס צו דאַנקען, מיכאַיל. איך טו מיין חוב. איך וועל נישט דולדן אַז מען זאָל דיך אומזיסט און אומנישט באַשמוצן און וועלן פאַרניכטן!

סערגעי קופּעץ האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזעם־קעשענע אַ פּאַפּיר און געזאָגט:

— אַז מען גראָבט פאַר יענעם אַ גרוב, פאַלט מען אין אים אַליין אַריין! זעסט, מיכאַיל, דאָס האָב איך צוזאַמען מיט קאַלקערן אָנגעשריבן אַן אַרטיקל און נאָך מאָרגן וועט דאָס געדרוקט ווערן אין די צייטונגען. מיר באַווייזן אין דעם אַרטיקל, אַז דיין בוך, ווי אויך אַלע דיינע שאַפונגען, איז געלויבט געוואָרן פון די בעסטע סאָוועטישע קריטיקער, און אַז דו ביסט אַ גרויסער סאָוועטישער פּאַטריאָט, אַ העלד און אַן אָרדן־טרעגער, דו ביסט באַלוינט געוואָרן פאַר דיינע גרויסע פאַרדינסטן אין דער בויונג פון סאָ־ציאַליזם אין דאָרף און אין שטאָט. און ווייטער שרייבן מיר, אַז נאָר אַזעל־כע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן ווי שלמה קאַלטער, מענדל ריץ און פייוול דאַ־לין, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס אונטער אַ מאַנטל פון ערלעכע קאָמוניסטן, נאָר אַזעלכע פאַרשוינען האָבן געקענט קעגן דיר אויסטראַכטן אַזעלכע גרוי־סע באַשולדיקונגען און זינד! און ווייטער דעקן מיר אויך אויף זייער אָפּ־שטאַם און דערציילן דעם ריכטיקן אמת וועגן זיי זעלבסט!

מיכל איז געוואָרן בלאַס. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס פאַרקאָכט זיך דאָ עפּעס אַ מין ביטערע קאַשע און ווער עס וועט זי אויפעסן איז אים נאָך נישט קלאָר. ער גלייבט נישט אין דער גרויסער „פריינדשאַפט" צו אים פון אַזעלכע מענטשן ווי קופּעץ און קאַלקער. ער גלייבט אָבער אויך נישט אין דעם גרויסן „האַס" צו אים פון די „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן" מענדל ריץ, שלמה קאַלטער און פייוול דאַלין. ווער ווייסט צי דאָס איז גאָר דער ווירק־לעכער אמת וועגן זיי, דאָס אַלץ וואָס קופּעץ און קאַלקער זאָגן אים איצט?... עס איז עפּעס אַ מין פאַרדרייטער פּלאָנטער דאָ!... ער, מיכל, וועט זיך, ווי ער זעט שוין איין, פון דעם פאַרדרייטן פּלאָנטער זיך אַרויסבאַקומען, אָבער

זיי, ריץ, קאַלטער און דאַלין — זיי וועלן זיך אַריינפּאַקן!... קען מען דען נישט מאַכן אַלץ צונישט, אַז קיינער זאָל נישט ליידן? צוליב וואָס ברענגען אומגליק אויף מענטשן? ווער ווייסט צי זיי זענען יאָ שולדיק צי נישט? ווער האָט עס דען רעכט צו משפּטן, צו שטראָפן און צו וואַרפן אַ שטיין?!...

סערגעי קופּעץ האָט אויסגעהערט מיכלס אַרגומענט און ער איז אויפגעשפּרונגען אַן אויפגערעגטער פון זיין אָרט. ער האָט נערוועז געצופּט זיין בלאָנדלעך בערדל און באַלד זיך צעשריגן:

— אידיאָט! מען וויל דיך ראַטעווען און דו לאָזסט זיך נישט! דו ביסט אַ ווייך־לייביקער, מיט אַ פּאַפּירענער, יידישער, אינטעליגענטישער נשמה! קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן ווילן זיך באַגראָבן און דו האָסט גאָר מיטלייד צו זיי!... קאַלקער, ווייז נאָר אַהער די ווענדונג צו דער ג.פּ.או.!

לעאָן קאַלקער האָט דערלאַנגט מיכלען אַ פּאַפּיר אויף וועלכן עס איז געווען אָפּגעקלאַפּט מיט אַ שרייב־מאַשין אַ ווענדונג צו דער ג.פּ.או., מיכל האָט געלייענט די ווענדונג און געשטוינט:

„צו דער ג.פּ.או. פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן.

„איך מיכאַיל גריגאָרעוויטש קרוגער, מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מיטגליד פון דעם פּאַרבאַנד פון סאָוועטישע שרייבער, וועלכער געפינט זיך דאָ, אין ביראָבידזשאַן, אויף אַ לענגערער צייטווייליקער קאָמאַנדיראָווקע, באַשטעטיק, אַז די פּאָלגנדע דערמאָנטע פּערזאָנען: שלמה קאַלטער, מענדל ריץ און פיידל דאַלין זענען אַריינגעדרונגען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיטן צוועק צו פירן סאַבאָטאַזש און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן. די דערמאָנטע שלמה קאַלטער און מענדל ריץ זענען נאָך אין די צוואנציקער יאָרן אומגעזעצלעך און געהיים געקומען פון פּוילן צו אונדז אין דעם סאָוועטן־פּאַרבאַנד צוליב זייערע פינצטערע און פּאַרטערישע צוועקן, און דער דערמאָנטער פיוול דאַלין איז אַ געוועזענער ציוניסט און ווי אַזאַ זעצט ער פּאָר זיין ציוניסטישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין דער פּאַרטיי און אויסער דער פּאַרטיי.

„דאָס אַלץ באַשטעטיק איך מיט מיין פּרייוויליקייט אַלס אַ סאָוועטישער פּאַטריאָט און אָרדן־טרעגער, ווייל איך וויל העלפן דער פּאַרטיי און רעגירונג אויסצוראַמען אונדזער לאַנד פון אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים.

„איך שרייב זיך דערביי אונטער מיט מיין אייגענער האַנטשריפט......”

מיכל האָט צוריקגעגעבן קאַלקערן דאָס פּאַפּיר און פעסט געזאָגט:

— ניין, איך וועל דאָס נישט אונטערשרייבן!

— פאַרוואָס? — האָט קאַלקער געפרעגט.

— פאַרוואָס? — האָט קופּעץ זיך צעשריגן.

— דערפאַר, — האָט מיכל געענטפערט, — ווייל איך ווייס נישט וועגן די „פאַקטן" וואָס איר גיט דאָ אָן!

— אָבער מיר ווייסן! — האָט קופּעץ בייז אַ זאָג געטאָן, — זעסט, מיר שרייבן דאָך דאָס זעלבע אין דעם אַרטיקל אין וועלכן מיר פאַרטיידיקן דיך. מאָרגן וועט דאָס אַרטיקל זיין געדרוקט אין די צייטונגען!

— נו, גוט! האָט מיכל אין זיין פאַרצווייפלונג זיך צעשריגן, — אַז איר ווייסט, איז וואָס טויג אייך נאָך אויך מיין אונטערשריפט און דערצו נאָך אין אַ ווענדונג צו דער ג.פּ.או.? פאַרוואָס צווינגט איר מיך צו טאָן נישט קיין ריכטיקע זאַך?

— קיינער צווינגט דיך נישט! — האָט קופּעץ אַ זאָג געטאָן, — דו טוסט דאָס מיט דיין פרייעם ווילן!

— אַזוי, סערגעי, דו ווילסט מיך איינרעדן?...

קאַלקער האָט ווידער דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר צו מיכלען און שטרענג געזאָגט:

— פּראָווע נישט קיין שטיק מיכאַיל, שרייב זיך אונטער!

עס איז מיכלען פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דערנאָך האָט אַ רויטע שיין אין דער פינצטערקייט זיך צעגאָסן. די שיין האָט געקלעטערט פון פּאָל איבער די ווענט ביז צו דער סטעליע. די גאַנצע שטוב איז אָנגעפולט געוואָרן מיט אַ ים מיט רויטקייט. עס האָט געשטורעמט און געשטראָמט אַ ים מיט בלוט. דער ים האָט געראַשט, געזאָטן און געקאָכט. און אָט זעט ער ווי קופּעץ און קאַלקער שטייען אַזוי מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערס אין די הענט איבער די קעפּ פון שלמה קאַלטער, מענדל ריץ און פייוול דאַלין. זיי קריצן מיט די ציין און שרייען: „שרייבט, שרייבט, אַז מיכאַיל קרוגער איז אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער! שרייבט, אַז צווישן די שורות פון אַלע זיינע דערציילונגען און אַרטיקלען און איבערהויפּט אין זיין בוך קען מען אויסלייענען די אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע זיינע, וועלכע באַהאַלט זיך אויס אין פאַרשלייערטע שיינע ווערטער, בילדער און אָקציעס!" מיכל האָט אויפגעעפנט די אויגן און באַטראַכט קאַלקערן און קופּעצן. זיי האָבן איצט טאַקע געהאַלטן רעוואָלווערן אין די הענט. מיכל האָט טרוקן געזאָגט צו זיי:

— איך ווייס, אַז איר זענט אַגענטן פון דער ג.פּ.או.

— איז וואָס איז, אַז דו ווייסט? — האָט קופּעץ אַ לאַך געטאָן.

— גאָרנישט!

— רעד ווייניקער! — האָט זיך קאָלקער אָפּגערופן, — מיר פּאַרטייי־דיקן דיך, מיר ווילן דיר קיין שלעכטס נישט טאָן. שרייב זיך אונטער און דאַן וועסטו זיין פריי, וועסט קענען טאָן וואָס דו ווילסט. קענסט אַפילו היינט אַוועקפאָרן פון דאַנען, אויב דו ווילסט. און אויב דו ווילסט דאָ בלייבן, טאָ בלייב! קיינער וועט קיינמאָל נישט וויסן וואָס דו האָסט געשריבן צו דער ג.פּ.או.!...

— וואָס איך האָב געשריבן? — האָט מיכל מיט צאָרן אויסגערופן.

— וואָס מיר האָבן געשריבן! — האָט קאָלקער זיך פאַרענטפערט, — און דו האָסט זיך אויף דעם אונטערגעשריבן.

— צוליב וואָס דאַרפט איר מיין אונטערשריפט?

סערגעי קופּעץ האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט און אַ קלאַפּ געטאָן מיכ־לען אין פּלייצע.

— דו ביסט אַ נאַר צי דו מאַכסט זיך? צוליב פאָרמאַליטעט דאַרף מען, אַז עמיצער זאָל אינפאָרמירן וועגן די אויסוואורפן. עס איז נאָר אַזאַ פאָר־מאַליטעט, אַ רוטין!...

— און צוליב וואָס האָט איר זיי געצוווּנגען צו שרייבן אַרטיקלען קעגן מיר?

— ווער האָט דיר דען געזאָגט, אַז מיר האָבן זיי געצוווּנגען צו שרייבן אַרטיקלען קעגן דיר? זיי האָבן דיך פיינט באַקומען נאָך פון ערשטן טאָג אָן זינט דו ביסט אַהער געקומען צופאָרן!

— איך בעט אייך, לאָזט מיך צורו! — האָט מיכל פאַרביטערט אויס־געשריגן.

— נו־נו־נו... — האָט קופּעץ גאָר ווייך געזאָגט, — שרייב זיך אונטער.

— און אויב נישט?

— מיר קענען דיך דאָ אויפן אָרט שיסן און זאָגן, אַז דאָס האָט דאָלין אָדער קאָלטער געטאָן... עס איז דאָך מעגלעך!... איר האָט זיך פיינט, איר זענט צעקריגט צווישן זיך!... נו, עס טרעפט אַזוינס!...

מיכל האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּאַפּיר און אויף גיך זיך אונטערגעשריבן. ער האָט עס אַ וואָרף געטאָן קאָלקערן אין פּנים אַריין און אויסגעשריגן:

— איצט גייט פון דאַנען, איך וויל זיין אַליין, אַליין!...

קאַלקער און קופּעץ האָבן זיך איבערגעקוקט, געקנייטשט מיט די אַקס־לען און געוויזן מיט די פינגער אויף מיכלס קאָפּ, — „אַ משוגענער", — זיי האָבן אים צוליב געטאָן און זענען אַרויס פון שטוב.

אַ גאַנצן טאָג איז מיכל נישט אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט נישט גע־פילט קיין הונגער דעם גאַנצן טאָג. פאַרנאַכט האָט ער אָפּגעזוכט אַ פּאַר־בליבן פלעשל וויין און אַביסל בראָנפן. ער האָט צוזאַמענגעמישט דעם וויין מיט דעם בראָנפן און זיך אַוועקגעזעצט טרינקען. ער האָט געטרונקען לאַנג־זאַם... נאָך דער צווייטער גלאָז האָט ער דערפילט אַ הונגער. אויסער ברויט און אַ סלאָי מיט עטלעכע זויערע אוגערקעס האָט ער גאָרנישט נישט גע־קענט געפינען אין דער קיך. ער האָט אָנגעהויבן עסן. ער האָט געגעסן זשעדנע... ער האָט גאָרנישט געטראַכט. ער האָט געפילט, אַז ער קען איצט נישט טראַכטן וועגן גאָרנישט... ער ווייסט נישט און ער געדענקט נישט ווער ער איז און ווו ער איז. ער האָט געפילט, אַז עפּעס איז פּוסט און ליידיק אין זיין קאָפּ און אין זיין האַרץ. עס איז אים געוואָרן הייס. דערנאָך האָט ער דערפילט אַ שווערקייט אין די פיס. ער האָט זיך צוגעשלעפּט צום דיוואַן און זיך אַוועקגעלייגט. ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן און זיך באַלד צוריק אויפגעכאַפּט. ער האָט נאָך אַלץ נישט געדענקט ווו ער איז און ווער ער איז. פּלוצים האָט ער זיך דערזען ווי ער שפּאַנט אַרום מיט אַ קינד אויף די הענט. ער האָט דערזען, אַז ער איז נישט איינער, ער איז גאָר צוויי. איינער ליגט אויפן דיוואַן און דער צווייטער שפּאַנט אַרום מיט אַ קינד אויף די הענט. וואָס פאַר אַ קינד איז דאָס? ער האָט זיך געכאַפּט. עס איז דאָך זיין קינד, אַלינקאַ, אַלעקסאַנדער! און ער האָט אויסגעזעצט אין אַ געוויין: אַלינ־קאַ, אַלעקסאַנדער, מיין קינד!... און ער האָט נישט געפילט ווי ער איז אין דער מיט פון געוויין צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג. דער פּאָסט־טרעגער האָט שוין געהאַט די בריוו און צייטונגען אין דעם בריוו־קאַסטן, אויף דער טיר, אַריינגעוואָרפן. מיכל האָט אויף גיך אַ קוק געטאָן אין די היגע צייטונגען. אויף דער ערשטער זייט איז אַן אַרטיקל מיט מיכלס בילד געווען. דאָס אַרטיקל איז געווען אונטערגעשריבן פון קופּעצן און קאַלקערן. זיי האָבן מיכלען געלויבט און אים רייך־געוואַשן פון דעם בלבול וואָס די „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן" שלמה קאַלטער, מענדל ריץ און פייוול דאַלין האָבן אויף אים געמאַכט.

יאָ, די צוויי ג.פּ.או.־אַגענטן, קופּעץ און קאַלקער האָבן געהאַלטן וואָרט.

מיכל האָט אַרויסגעלאָזט די צייטונגען פון זיינע הענט. זיי זענען געפאַלן צום פאָל און זיך צעשפרייט ווי שמוציקע שמאַטעס. מיכל האָט אויף די צייטונגען אַ שפּיי געטאָן און דערנאָך זיי גענומען טרעטן און טאָפּטשען מיט די פיס. און פּלוצים איז ער אַרויס אין קיך, זיך גענומען ראַזירן און וואַשן. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעטאָן און איז אַוועק אין רעסטאָראַן עסן פרישטיק. ער האָט דערפילט אַ גרויסן הונגער.

.51

נאָך די פיל רייניקונגען, אַרעסטן און ליקווידאַציעס איז פּנחס לעוויט געבליבן איינער אַליין ביי דער אָנפירונג פון דעם „לאַנד" וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן ביראָבידזשאַן. ער האָט צייטווייליק, ביז מען וועט צושיקן נייע טוער, געמוזט איבערנעמען פאַרשידענע וויכטיקע אַמטן, ווי אויך דעם אַמט אַלס רעדאַקטאָר פון די צוויי היגע צייטונגען, וועלכע זענען פּלוצים פאַראייניקט געוואָרן אין איין רוסישער צייטונג מיט אַ ייִדישער ביילאַגע אין די זונטיק־נומערן. ער האָט אָבער זיין הויפּט־טעטיקייט ווי דער סעקרעטאַר פון דער היגער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געמוזט פירן מיט אַ שטאַרקער האַנט. ער איז געווען אַזוי פאַרטאָן מיטן באַלאַנסירן און קאָאָרדינירן אַלע זיינע טעטיקייטן, אַז ער איז כמעט נישט געשלאָפן די נעכט און ער איז ממש געפאַלן פון די פיס.

מיכל איז פּאַרטיק געוואָרן מיט אַלץ וואָס ער האָט נאָך דאָ געהאַט צו פאַרענדיקן און ער האָט שוין געהאַט פאַרפּאַקעוועט זיינע טשעמאָדאַנעס און געוואָלט זיך לאָזן צום וואָקזאַל. אין דער צייט איז פּלוצים אַריינגעפאַלן צו אים פּנחס לעוויט און האָט זיך אַ מידער אַראָפּגעלאָזט אויפן דיוואַן. ער האָט שווער געאָטעמט און געזאָגט:

— פאָרסטו טאַקע פון אונדז אַוועק, מיכאַיל? פאַרלאָזסט אונדז?...

— יאָ, איך פאָר, טאָוואַרישטש לעוויט!

— דו לאָזסט איבער די דירה מיטן מעבל, דאָס קען מיינען, אַז דו וועסט צוריקקומען?

— ניין, איך וועל צוריק נישט קומען! און דאָס מעבל, וואָס קען איך דען מיט דעם טאָן?... איך פאַרנעם נאָר דאָס אַלץ וואָס איך קען אַריינגעמען אין מיינע טשעמאָדאַנעס.

— עס איז אַ גרויסער מאַנגל אין דירות, און דיין מעבל איז ווערט אַ

סך געלט! עס איז אַ שאָד!... איך האָב באַקומען אַ טעלעגראַמע פון מאָסקווע, אַז מען שיקט מיר צו נייע טוער, אָנפירנדיקע קאָמיסאַרן!... גאַנצע אַכצן מענטשן וועלן אַהער קומען. אָ, עס וועלן צוריק אויפגעלעבט ווערן אַלע טעטיקייטן און איך וועל קענען אָפּאָטעמען אַביסל פרייער!

— יאָ, טאָוואַרישטש לעווין, נאָך די שוועריקייטן קומט דיר, אַז דו זאָלסט זיך אַביסל אָפּרוען. וואָלסט באַדאַרפט אין אַ סאַנאַטאָריע אויף אַ פּאָר חדשים פאָרן!

— אַ סאַנאַטאָריע? ווער האָט עס צייט פאַר אָפּרו? איך וועל זיין צו־פרידן ווען די צוגעזאָגטע נייע טוער וועלן אַהער אָנקומען, פאַרנעמען זייע־רע אַמטן און איך וועל בלייבן אַזוי ווי פריִער נאָר סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. און ווייסטו וואָס, מיכאַיל, — האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן, — איינעם פון די ניי־געקומענע טוער וועל איך אַריינזעצן אין דיין דירה און אים הייסן אָפּקויפן דיין מעבל. דאָס געלט וועל איך דיר צושיקן!

— עס וואָלט טאַקע געווען נישט שלעכט ווען איך זאָל האָבן ווען דאָס מעבל צו פאַרקויפן. איך נייטיק זיך איצט אין געלט. ביז איך וועל אין מאָסקווע אַ דירה באַקומען און קויפן מעבל וועט געדויערן אַ סך צייט. און דערווייל דאַרף מען לעבן. געלט איז נאָך אַלץ אַ נייטיקער אַטריבוט אין דעם לעבן פון אַ מענטשן. אָן געלט קען מען נישט עקסיסטירן אַפילו אין אונדזער לאַנד פון סאָציאַליזם.

— ע, עס וועט זיין גוט, מיכאַיל. זאָג נאָר, וואָס רעכנסטו טאָן אין מאָסקווע, וועסט אָננעמען אַ שטעלע צי דו ווילסט ווייטער אָנגיין ווי אַ פרייער קינסטלער?

— איך וועל ווייטער אָנגיין ווי אַ פרייער קינסטלער. איך האָב פאַר־ענדיקט שרייבן אַ נייעם בוך. איך גלייב, אַז דער בוך איז אַפילו אַ סך בע־סער ווי מיין ערשטער. נו, דאָס וועט מיר אַריינברענגען עטלעכע טויזנט רובל, אַזוי אַז איך וועל קענען אַ יאָר זיך דורכלעבן. און ווייטער וועלן מיר זען. וועגן וואָס צו שרייבן האָב איך איבער גענוג. און אַ שרייבער איז דאָך אַזוי ווי דער חבר סטאַלין האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט: „אַן אינזשעניער פון מענטשלעכע נשמות”. און אינזשעניערן ווערן ביי אונדז גוט באַצאָלט, אַזוי אַרום וועל איך שוין מיט פּרנסה זיין באַזאָרגט.

— גוט, גוט, מיכאַיל, איך בין צופרידן מיט דיר. עס איז נאָר אַ שאָד וואָס דו פאָרסט אַוועק. איך האָב געמיינט... נו, איך זע, אַז עס גייט נישט!... ביראָבידזשאַן איז נישט פאַר דיר!

— איך האָב מורא, טאָוואַרישטש לעוויט, אַז בירָאָבידזשאַן איז אויך נישט פאַר דיר!

— רעדסט נאַרישקייטן, מיכאַיל. מאָסקווע האָט זיך אויך אין איין טאָג נישט אויסגעבויט! עס זענען דאָ שוועריקייטן, אָבער מען וועט זיי בייקומען!...

— זאָל זיין אַזוי! איך ווינטש דיר דערפאָלג!...

— הער, מיכאַיל, איך האָב צו דיר אַ ביטע.

— איך הער!

— ווען דו זאָלסט זיך נישט רעכענען ווי אין אַ ציִטווילעקער קאָמאַנדיראָווקע דאָ, אי דאָס נאָך מיט דער צושטימונג פון צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און פון דעם פּאַראיין פון די סאָוועטישע שרייבער, וואָלט איך דיך אין אָרדענונג פון פּאַרטיי־דיסציפּלין געצוווּנגען אָנצונעמען אַ שטעלע אַלס רעדאַקטאָר פון דער היגער צייטונג. אָבער אין דיין פאַל האָב איך נישט קיין שום רעכט אָנצווענדן קעגן דיר די פּאַרטיי־דיסציפּלין, און דעריבער בעט איך דיך ווי אַ חבר, טו מיר אַ טובה און בלייב דאָ נאָך אויף עטלעכע טעג ביז די נייע טוער וועלן אַהער אָנקומען. איך האָב זיך נאָך ביי דיר פאַרדינט, אַז דו זאָלסט מיר טאָן אָט די־אָ קליינע טובה. איך פאַל שוין פון די פיס פון די־אָ פילע אַמטן וואָס איך מוז אָנהאַלטן ביז די נייע קאַדרען וועלן אַהער אָנקומען. און די גרעסטע שוועריקייט האָב איך מיט דער איינציק פאַרבליבענער רוסישער צייטונג. עס איז נישטאָ קיין רעדאַקטאָר, עס איז נישטאָ וועמען אָנצופאַרטרויען די פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. כאָטש גיי און מאַך צו די צייטונג... דו, מיכאַיל, דו ביסט דער איינציקער מענטש וואָס קען פון מיר איבערנעמען די אָנפירונג מיט דער צייטונג ביז דער ניי־צוגעשיקטער רעדאַקטאָר וועט אָנקומען.

מיכל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן דיוואַן לעבן דעם סעקרעטאַר. לעוויט איז געווען נישט ראַזירט און פאַרעלטערט. זיינע אויגן זענען געווען פול מיט שלאָף. עס האָט אָבער אין אים געבושעוועט אַן איבערמענטשלעכע קראַפט וואָס האָט געשטאַרקט זיין ווילן און אים געגעבן מוט אָנצוגיין מיטן לעבן און מיט זיינע טעטיקייטן. ער האָט צו זיך אַרויסגערופן מיטלייד און באַוווּנדערונג. עס איז געווען זייער שווער פאַר מיכלען אָפּצוזאָגן אים אין זיין ביטע. מיכל איז פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דער ענערגיע וואָס לעוויט האָט אין זיך פאַרמאָגט און מיט דעם קוראַזש וואָס האָט אים באַקרוינט. דאָך האָט זיך נאָך מיכל געפּרוּווט ווערן.

— איך קען דאָס נישט טאָן, טאָוואַרישטש לעוויט. עס איז אַ גרויסע

פּאַראַנטוואָרטלעכקייט צו רעדאַגירן אַ צייטונג. איך בין דאָך נאָר אַ שרייבער און נישט קיין רעדאַקטאָר!...

— עס איז דאָך נאָר אויף עטלעכע טעג, מיכאַיִל, איך בין דאָך אַפילו קיין שרייבער אויך נישט, און אַז מען מוז טו איך איצט די אַרבעט פון אַ רעדאַקטאָר. איך זע נישט קיין איינעם פון די היגע זשורנאַליסטן און שרייבער וועמען איך זאָל קענען אָנפאַרטרויען צייטווייליק דעם אַמט פון רעדאַקטאָר. עס זענען אַלע יונגע און נישט קיין פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן. סערגעי קופּעץ וואָלט זיך געטויגט, איז ער אָבער פּלוצים נעלם געוואָרן, ערגעץ אַוועקגעפאָרן, מיר דאַכט, אַז אויף פישפאַנג איז ער אין מיטן דעדינען אַוועקגעפאָרן, אָבער ווען ער זאָל אַפילו איצט דאָ זיין ווייס איך אויך נישט צי איך וואָלט אים אָנפאַרטרויט... ער טרינקט שוין צו פיל.... און דאָ, אין דער דרוקעריי האַלט עס זייער שלעכט. דעם לינאָטיפּ וואָס די אַמעריקאַנער בירגער האָבן צו אונדז צוגעשיקט אַלס מתנה קען מען נאָך אַלץ נישט נוצן. מען זעצט נאָך די צייטונג דערווייל אַלץ מיט דער האַנט. און ווער זענען דאָס די זעצער? יונגע קינדער וואָס האָבן ערשט די פּראָף־שולע געענדיקט. זיי האָבן נישט קיין דערפאַרונג און זיי מאַכן פיל פעלערן. די גאַנצע צייטונג איז פול מיט גראַמאַטיקאַלישע גרייזן. און אַ גראַמאַטיקאַלישער גרייז קען דאָך אַמאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּאָליטישן!...

— וואָס קער זיך אָן גראַמאַטיק צו פּאָליטיק? — האָט זיך מיכל גע־וווּנדערט.

— עס קער זיך שוין גוט אָן! — האָט דער סעקרעטאַר אַ זיפץ געטאָן,

— איבער דעם טאַקע האָט מען דאָך די יידישע צייטונג געשלאָסן!

און דאָס וואָס לעוויט האָט פאַר מיכלען דערציילט איז געווען שוידערלעך, טראַגיש און דאָך זייער קאָמיש.

געטראָפן האָט דאָס מיט דעם פריִערדיקן רעדאַקטאָר, דעם קלוגן און ביטערן לייב קאַזאַקמאַן. איין מאָל אין אַן אויפדערנאַכט, ווען ער האָט איבערגעקוקט די קאָרעקטורן און שוין געהאַט אונטערגעשריבן זיי צום דרוק, איז דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע צו אים געקומען מיט אַ פראָבע אין דער האַנט און ער האָט מיט אַ ציטערדיקן קול אויסגעשריגן:

— טאָוואַרישטש רעדאַקטאָר, הייסט אָפּשטעלן די מאַשין, מען טאָר די צייטונג נישט דרוקן, עס איז פאַראַן אַ געפערלעכער פּאָליטישער פעלער!

דער רעדאַקטאָר האָט באַלד פאַראָרדנט אָפּצושטעלן די מאַשין. ער האָט גענומען די צײַטונג און געזאָגט צום סעקרעטאַר:

— ווײַז מיר, ווו איז דער פעלער? ווען איך האָב אונטערגעשריבן די קאָרעקטורן האָב איך קיין שום פּאָליטישן פעלער נישט באַמערקט!

— אָט לייענט! — האָט אים דער סעקרעטאַר אָנגעוויזן אויפן טאָג־טעגלעכן ראַפּאָרט צו סטאַלינען וועגן דעם גאַנג פון דער סאָציאַליסטישער בויונג אין שטאָט און אין דאָרף.

טאָוואַרישטש קאָזאַקמאַן האָט אָנגעהויבן צו לייענען: „מיר, די אַרבע־טער און פּויערים פון דער אויטאָנאָמער געגנט, ביראָבידזשאַן, פאַרזיכערן דיר, חבר סטאַלין, אַז די סאָציאַליסטישע פינף־יאָריקע בויונגס־פּלענער זענען צו הײַנטיקן טאָג...״ — ער האָט אָפּגערוקט פון זיך די צײַטונג און אַ קוק געטאָן אויפן סעקרעטאַר, — איך זע נישט אין די זאַצן קיין שום פעלערן!...

— איר זעט נישט?! — האָט דער סעקרעטאַר אויסגעשריגן און זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַרצן, — גאָט מײַנער, קוקט זיך נאָר גוט צו, אין דעם וואָרט „סטאַלין״ פעלט דאָך דער בוכשטאַב „ט״ און עס לייענט זיך דער־פאַר „סאַלין״.

— ווײ איז צו מיר! — האָט אויסגעשריגן דער רעדאַקטאָר, — הייס שוין פאַרברענען די אַלע געדרוקטע צײַטונגען, און זאָל דער הויפּט־קאָרעק־טאָר פאַרריכטן דעם גרייז און ברענג מיר אַ נײַע פּראָבע, און זאָל מען זיך נישט דערוועגן צו דרוקן די צײַטונג ביז איך וועל די נײַע פּראָבע נישט אונטערשרײַבן!

דער הויפּט־קאָרעקטאָר האָט זייער גוט אַכטונג געגעבן אויף דעם בחור הזעצער, ווי אַזוי ער גייט צו צו דער שריפט־קאַסע און ווי אַזוי ער לייגט אַריין זײַן האַנט אין דער אָפּטיילונג ווו עס געפינען זיך די בוכשטאַבן „ט״. אָבער עס האָט זיך ווי עס ווײַזט אויס דורך אַ צופאַל פאַרוואַלגערט אין דעם אָפּטייל אַ בוכשטאַב „ר״. מען האָט געבראַכט די נײַע פּראָבע צום רעדאַקטאָר. קאָזאַקמאַן האָט אָנגעהויבן לייענען און זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ און זיך צעשריגן היסטעריש:

— סאַבאָטאַזשניקעס, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, אויסוווּרפן! ווו זענען אײַערע אויגן? איר וועט מיך און זיך אַליין אומגליקלעך מאַכן!

— וואָס איז שוין ווידער? — האָט דער רעדאַקציע־סעקרעטאַר אַ דערשראָקענער איבערגעפרעגט.

— נאָט קוקט! — האָט דער רעדאַקטאָר געשריגן אויפן הויפּט־קאָרעק־טאָר און דעם זעצער און באַלד צעריסן די צייטונג אויף פּיץ־פּיצלעך, — די גאַנצע שריפט־קאַסע איז דאָ פאַרפּלאָנטערט און נישט אין אָרדענונג! אָנשטאָט אַ „ט״ האָט איר גאָר אַ „ר״ אַריינגעשטעלט! און וואָס האָט זיך באַקומען? — „סראַלין״* אָנשטאָט „סטאַלין״, מען וועט אונדז אַלע פאַר אַזאַ־אַ גרייז אין אַ לאַגער צו די ווייסע בערן פאַרשיקן, און קען זיין אַז מען וועט אונדז ווי די משוגענע הינט צעשיסן!...

פאַרשטייט זיך, אַז דער־אָ צופעליקער גרייז איז שוין פון עמיצן אויס־געטייטשט געוואָרן פאַר אַן אַקט פון סאַבאָטאַזש. און כאָטש מען האָט דעם גרייז פאַרריכט און ווען די צייטונג איז פון דער דרוקעריי אַרויס איז אַלץ געווען אין אָרדענונג, און קיינער אין דרויסן האָט נישט געדאַרפט וויסן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אינעווייניק אין דער דרוקעריי אין דעם פּראָ־צעס פון מאַכן די צייטונג, דאָך איז די גאַנצע מעשה דערגאַנגען צו די אויי־ערן פון דער ג.פּ.או. מען האָט באַלד דעם הויפּט־קאָרעקטאָר און דעם זע־צער אַרעסטירט און די צייטונג געשלאָסן. דער רעדאַקטאָר האָט איבערגע־לעבט אַזוי פיל שרעק, אַז זיין האַרץ האָט געפּלאַצט. ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, נאָך איידער די אַגענטן פון דער ג.פּ.או. האָבן אים באַ־וויזן צו אַרעסטירן. אָבער מען האָט באַלד אויך אַרעסטירט דעם רעדאַקטאָר פון דער רוסישער צייטונג. פאַרוואָס? דאָס איז געבליבן אַ רעטעניש...

ווען לעוויט האָט פאַרענדיקט די געשיכטע מיט דעם פאַרפּלאָנטערטן אויסלייג אין דעם נאָמען „סטאַלין״, וואָס האָט זיך געלייענט איין מאָל ווי „סאַלין״ און אַ צווייט מאָל ווי „סראַלין״, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט און געזאָגט:

— מיר טוט באַנג וואָס איך האָב דיר דאָס אַלץ דערציילט. איצט וועס־טו שוין אַוודאי נישט וועלן בלייבן... איך האָב דיך אינגאַנצן אָנגעשראָקן.

מיכל האָט געשוויגן. ער האָט געקוקט אויף דעם גוטן מענטשן, וועל־כער האָט צו אים פיל ליבע און געטריישאַפט אַרויסגעוויזן נאָך אין די ער־שטע יאָרן פון זיין שפּעערישער קאַריערע. ער האָט געטראַכט: „ווי אַזוי קען מען זיין אַזוי שלעכט און נישט אָפּדאַנקען אַ מענטשן פאַר זיין גוטס־קייט?״ און: „אַ פריינד איז דער וואָס קומט צו הילף אין אַ נויט!״. ער האָט געזאָגט:

---

* סראַלין איז אין רוסיש נישט קיין אָנגענעם וואָרט.

— נײַן, טאָוואַרישטש לעוויט, דו האָסט מיך נישט אָנגעשראָקן. איך צעפּאַקעווע מײַנע טשעמאָדאַנעס און איך בלײַב דאָ נאָך אויף אַ חודש צײַט!

— אָ, מיכאַ:ל, איך האָב זיך אין דיר נישט געטאַרט! — האָט לעוויט אויסגעשריגן און אים אַרומגענומען, — וועסט מיר זײַן אַ גרויסע הילף, איך בין דאָך דאָ געבליבן איינער אַליין, איינער אַליין!...

מיכל האָט זיך מיט זײַן גאַנצן אימפּעט אַרײַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט און ער האָט אַרויסגעהאָלפן דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר אין אַלע זײַנע טעטי־קייטן.

.52

עס זענען אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן אַכצן נײַע קאָמיסאַרן, פֿאַ־ראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי־טוערס, און זיי האָבן פֿאַרנומען די וויכטיקסטע פּאָזיציעס און אַמטן אין דער געגנט.

דער נײַער רעדאַקטאָר איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש און ער האָט באַהערשט עטלעכע אויסלענדישע שפּראַכן. ער איז געווען אַ הויכער, אַ טונקעלער מיט אַן אויסזען פֿון אַן אָריענטאַלישן געשעפֿטסמאַן. זײַנע אויגן זענען שטענדיק געווען פֿעט־גלאַנציקע און פֿון זײַנע ליפּן האָט זיך שטענדיק צעגאָסן איבער זײַן גאַנצן געזיכט אַ ברייטער שמייכל. דאָך איז ער געווען שטרענג און אײַנגעשפּאַרט. ער האָט ווי אַ דיקטאַטאָר אַרײַנגע־כאַפּט די צײַטונג אין זײַנע הענט און אָנגעהויבן צו באַלעבאַטעווען...

אויך דער נײַער פֿאָרזיצער פֿון דעם געגנט־אויספּירקאָם, דער רוס אַנדרייעוו, וועלכער האָט פֿאַרביטן דעם פּלוצים־באַזײַטיקטן בערקאָוויטש, איז געווען אַ זייער ענערגישער און אינטעליגענטער מענטש. ער איז געווען אַ פּולבלעכער און אַ מיטל־וווקסיקער מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַ פּולבלעך־קײַלעכדיק פּנים. ער איז שטענדיק געווען פֿריש־ראַזירט, אויסגערוט און ער האָט געהאַט אַ וויץ צו יעדער געלעגנהייט. מען האָט אים באַלד ליב באַקומען. מען האָט זיך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן ווי מען האָט ראַפּטאָם דערפֿילט, אַז ער איז דאָס דער אמתער און וויכטיקסטער באַלעבאָס איבער דער גאַנצער טעריטאָריע, דעם טייל פֿון ווייטן מזרח וואָס גרענעצט זיך מיט מאַנדזשוריע און וואָס מען רופֿט ביראָבידזשאַנער געגנט. זײַן מאַכט און זײַן וואָרט האָט מען באַלד דערפֿילט, נישט נאָר אין דער טעטיקייט פֿון

דעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט נאָר אויך אין דער טעטיקייט פון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט.

די איבעריקע זעכצן קאָמיסאַרן זענען אויך אַלע געווען יונגע, קאָמו־ניסטישע אינטעליגענטן, ערשט פון די פּאַרטיי־שע שולן אַרויסגעלאָזטע. זיי האָבן באַהערשט אַלע קונצן פון דיקטאַטאָרישקייט. זיי האָבן געוווּסט ווען צו זידלען, ווען צו שמייכלען און ווען צו ציטרעווען... די געגנט האָט זיך אָנגעהויבן אײַנגאַנצן צו רוסיפיצירן, קעגן דעם ווילן פון דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר, טאָוואַרישטש פנחס לעוויט, וועלכער האָט רק געשטרעבט צו אַ יידישער קולטור־אויפלעבונג אויף אַ סאָוועטישן לעבן־שטייגער.

מיכל האָט זיך צוריק גענומען אײַנפּאַקעווען זײַנע טשעמאָדאַנעס און זיך געקליבן צו פּאַרלאָזן ביראָבידזשאַן. זײַן דירה איז שוין געווען איבער־געגעבן צו איינעם פון די ניי־געקומענע קאָמיסאַרן, און ער האָט צײַטווײַליק, ביז זײַן אַוועקפאָרן, געלעבט צוזאַמען מיט דער נייער משפּחה און האָט פאַרנומען נאָר איין קליין צימערל פון דער דירה. דער מענטש וואָס האָט איבערגענומען זײַן דירה און האָט אָפּגעקויפט ביי אים דאָס מעבל, האָט פאַרוואַלטעט מיט דעם קולטור־אָפּטייל פון דעם געגנט־אויספּירקאָם. ער האָט געהאַט די אויפגאַבע אויפצופּאַסן אויף אַלע קולטורעלע, טעאַטראַלע־און שול־אינסטיטוציעס פון דער געגנט. ער איז געווען אַ בלאָנדער רוס, מיט אַ פּאָר גרויע אויגן, וועלכע זענען שטענדיק געווען פאַרטיפט אין בי־כער, צײַטונגען, זשורנאַלן און מאַנוסקריפּטן. זײַן טעטיקייט האָט פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל זיך אינטערעסירן מיט אַלע פּראָבלעמען וואָס האָבן צו טאָן מיט קולטור, קונסט און פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט זיך מיט מיכלען גיך באַפריינדעט. ער איז אים אָפן מקנא געווען וואָס ער פאָרט צוריק זיך צו באַזעצן אין מאָסקווע. ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קינדער. דער צי־מער אין וועלכן מיכל האָט איצט געוווינט איז זייער בויטיק געווען פאַר אים זעלבסט, דאָך האָט ער און זײַן פרוי זיך אַזוי צוגעוווינט און זיך אײַנגע־לעבט מיט מיכלען, אַז עס איז אים און זײַן פרוי געווען אַ שאָד וואָס מיכל קלייבט זיך אַוועקצופאָרן.

אין די אויפדערנאַכטן, ווען עס איז נאָר אַ געלעגנהייט געווען, פלעגט מיכל פאַרברענגען אין דעם קרייז פון דער שטילער אינטעליגענטער משפּ־חה ביי אַ גלעזל טיי און אויסהערן זייערע רייד און זייער בענקשאַפט נאָך מאָסקווע.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען מיכל איז געזעסן ביי אַ גלעזל טיי און

געשמועסט, האָט ער באַמערקט, אַז זיין נייער פריינד איז עפּעס באַזאָרגט און צעטראָגן. מיכל האָט געפרעגט:

— טאָוואַרישטש סוכאָוו, עפּעס ביסטו היינט נישט מיט אַלעמען... איך זע, אַז דו טרינקסט נישט דיין טיי און דו ביסט צעטראָגן.

— יאָ, איך בין אַ קליין ביסל צעטראָגן, טאָוואַרישטש קרוגער!

— וואָס איז דען?

— איך מוז איבערנעמען דעם אַמט אַלס סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, און מיר ווילט זיך נישט... איך בין אַ קולטור־טוער, און די פּאַרטיי־אָנפירונג איז אַזאַ, אַז מען מוז זיין אַלץ! מען דאַרף אָנפירן מיט דער בויונג, מיט די פאַבריקן און קאָלכאָזן, מיט די פּאַרטייאישע קאַדרען, און מיט אַלץ און אַלעמען. עס איז אַ צו גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט!...

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט מיכל אַ בלאַסער אויסגערופן, — איך בין היינט געווען אין פּאַרטיי־קאָמיטעט זיך געזעגענען מיט לעוויטן און ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, אַז מען שיקט אים אויף אַן אַנדער אַרבעט און אַז דו וועסט פאַרנעמען זיין פּלאַץ!

— ער האָט עס דיר נישט געזאָגט, — האָט סוכאָוו געענטפערט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד, — ווייל ער האָט נאָך דאַן נישט געוווסט, אַז...

— אום גאָטס ווילן, טאָוואַרישטש סוכאָוו, זאָג, וואָס איז מיט לעוויטן געשען?...

— צוריק מיט אַ פּאָר שעה האָט אים די ג.פּ.או. אַרעסטירט.

— אַרעסטירט? פאַרוואָס?...

— איך ווייס נישט. איך ווייס נאָר, אַז איך האָב באַקומען אַ באַפעל איבערצונעמען דעם אַמט!

מער האָט שוין מיכל נישט געקענט אויסהאַלטן. ער האָט נישט געקענט קאָנטראָלירן זיינע געפילן. ער האָט נישט געקענט דערשטיקן אין זיך דעם פּיין. די פאַרביטערטקייט האָט אין אים געמוזט פּלאַצן. ער האָט געמוזט אויסשרייען זיין ווייטיק און פאַרדראָס מיט רייד וועלכע ער האָט צוימען נישט געקענט:

— דאָס איז שוין צופיל! פּנחס לעוויט איז אַ גוטער מענטש און אַ געטרייער און איבערגעגעבענער קאָמוניסט. איך קען אים אויסגעצייכנט. פּנחס לעוויט האָט אויף זיך קיין שום זינד נישט. קיינער וועט מיר נישט איינרעדן, אַז ער איז אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער! עס איז אַן אומזין, אַ פאַרברעכן צו

אַרעסטירן אויף רעכטס און אויף לינקס די בעסטע זין פון לאַנד, די גע־טרייסטע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי. עס איז דער רוח ווייסט וואָס! עס איז משוגעת! עס איז וואַנזין! ביז וואַנען וועט דאָס אַזוי זיין? וואָס וויל מען פון אונדז? היינט האָט מען אַרעסטירט אים, מאָרגן וועט מען אַרעסטירן מיך, און איבערמאָרגן וועט מען דיך אַרעסטירן, טאָוואַרישטש סוכאָוו! עס איז אַן עפּידעמיע, אַ קרענק אַזאַ, אַ פּסיכאָפּאַטישער אָנפאַל! מען מוז עפּעס טאָן, מען קען מער נישט שווייגן!...

סוכאָוו און זיין פרוי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיכלען, אים אַרומ־גענומען, געגלעט זיין קאָפּ, אים געדריקט צו זיך און אים געפּרוּווט איינ־שטילן און באַרויִקן.

— טאָוואַרישטש קרוגער, מיכאַיל גריגאָרעוויטש, מיכאַילטשיק, גאָ־לובטשיק טייערער, דו טאָרסט אַזוי נישט ריידן, קיינער קען זיך פּאַר קיי־נעם נישט אונטערשרייבן! לעוויט איז טאַקע געווען אַ גוטער מענטש און אַן אויסגעצייכנטער קאָמוניסט, אָבער ווער קען דאָס באַשטעטיקן, אַז דאָס איז נישט געווען ביי אים אַזאַ אויסערלעכע מאַסקע? יעדעס לאַנד האָט אַ געהיי־מע פּאָליציי מיט געהיימע אַגענטן. עס איז נישט נאָר ביי אונדז אַזוי... מען האָט זיך געוויס אָנגעשטויסן אויף אַזאַ פאַקט, וואָס האָט באַשטעטיקט, אַז לעוויט איז נישט דער וואָס מיר האָבן וועגן אים געדענקט. און אויב עס איז געווען אַ טעות וועט מען אים באַפרייען. איז צו וואָס דאַרפסטו זיך ער־גערן? באַרויִק זיך!...

— אַך, מיינע טייערע, — האָט מיכל זיך שיר נישט צעוויינט, — רעדט נישט צו מיר ווי צו אַ קינד!

— נו, נו, גענוג, — האָט סוכאָוו אים ווידער אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, — ביסט צו פיל נערוועז. דו שרייבסט צו פיל. וואָלסט זיך באַדאַרפט אָפּרוען... אָט וועסטו צוריקפאָרן קיין מאָסקווע. וועסט זיין צוזאַמען מיט דיין ווייב און קינד. דו ווייסט, מיכאַיל, ווען מען איז אַליין פילט מען זיך שטענדיק עלנט און צעבראָכן און דאָס גאַנצע לעבן זעט אויס ווייסט און פינצטער. ווען מיר קומט אַמאָל אויס צו זיין אַליין, אָן מיין פאַמיליע, פיל איך אויך אַזוי... עס גייט אָבער באַלד איבער ווען איך קום אַהיים. נו, און דאָ האָט דאָס נאָך דיר צוגעשפּילט מיט אַזאַ צופאַל... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט דיר שוין אינגאַנצן צערודערט. אָבער צופיל צום האַרצן, טייע־רער, טאָר מען אַזאַ זאַך נישט נעמען. דו ביסט דאָך אַ קאָמוניסט, און אַ גו־טער קאָמוניסט. אונדזער רעגירונג וואַרפט זיך נישט מיט קיין מעדאַלן און

אָרדנס. אויב מען האָט דיר באַלוינט, הייסט עס, אַז דו ביסט אַ העלד! נו, איך ווייס, אַז דײַנע נערוון זענען צערודערט. נו, לאָמיר פאַרגעסן, אַז דו האָסט גערעדט נאַרישקייטן, געשריגן, געליאַרעמט ווי עפּעס אַ היסטערי־קער!...

סוכאָווס ווײַב האָט מיכלען געדריקט צו איר האַרצן און האָט אים עט־לעכע מאָל אַ קוש געטאָן אין זײַנע פאַרפּלאָמטע באַקן.

— טײַערער, לייג זיך אַוועק אויפֿן דיוואַן און באַרויִק זיך. צי אפשר וועסטו אַרײַנגיין אין דײַן צימער? געדענק, דו ביסט צווישן פרײַנד. מיר פאַרשטייען דיך, דו דאַרפסט זיך נישט שרעקן! ווייסטו וואָס, טרינק אויס אַ הייסע גלאָז טיי. איך האָב אַ פלעשל ראָם. טיי מיט ראָם איז זייער גוט. עס באַרויִקט די נערוון. און איך בעט דיר, טײַערער, שריי נישט אַזוי הויך, שכנים וועלן נאָך דערהערן! איך פאַרשטיי, אַז לעוויט איז געוועזן דײַנס אַ גוטער פרײַנד, אָבער, אַז ער איז אַרעסטירט איז ער שוין מער נישט דײַן פרײַנד. טאָרסט אַפילו נישט טראַכטן וועגן אים ווי וועגן אַ פרײַנד! פּיליכט איז ער טאַקע אַ שפּיאָן צי אַ סאַבאָטאַזשניק? ווער ווייסט עס דען היינטיקע צײַטן וואָס אַ מענטש שטעלט מיט זיך פאָר און וואָס אין זײַן נשמה טוט זיך! דערפאַר איז טאַקע געזונט, אַז מען טרייסלט זיך באַלד אָפּ פון די גע־וועזענע „פרײַנד"!...

מיכל האָט זיך ביסלעכווייז באַרויִקט. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז זײַן היסטעריע איז געווען אַ שרעקלעכער פעלער. ער האָט דאָס מזל וואָס די־אָ מענטשן האָבן נישט גענומען ערנסט זײַנע רייד און זײַנע אויסגע־שרייען. ער האָט אָבער געפילט, אַז ער קען נישט באַלד אין איין אויגנבליק זיך אַנטשולדיקן פאַר זײַן אויפפירונג. ער האָט נאָך געמוזט עפּעס זאָגן, און ער האָט דאָס געזאָגט:

— אַך, דו ביסט דאָך אַ קלוגע פרוי. דו מוזט פאַרשטיין, אַז עס איז שווער זיך צו צעשיידן מיט אַ פרײַנד וואָס מען קען אַזוי פיל יאָרן אויף־אַזאַ־אָ אופן... לעוויט האָט מיר זייער פיל געהאָלפן. ער האָט זיך צו מיר באַצויגן ווי אַ פאָטער צו אַ זון. איך האָב אין אים געגלייבט. נו, איז דאָך קלאָר, אַז עס איז מיר געווען שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אויך ער איז אַ שונא פון פאָלק, פון דער רעגירונג און פון דער פּאַרטיי! עס איז געווען אַ צו שטאַרקער קלאַפּ פאַר מיר. אָבער איך זע איין, אַז איר האָט רעכט! די ג.פּ.או. ווייסט דאָך וואָס זי טוט. מיר מוזן גלייבן אַזוי... אַנטשול־דיקט מיר פאַר מײַן אויפפירונג.

— ניטשעוואָ בראַט! (עס מאַכט נישט ברודער) — האָט סוכאָוו אַ צופרידענער אַ קלאַפּ געטאָן מיכלען אין דער פּלייצע, — מיר אַנטשולדיקן דיר.

מיכל האָט אויסגעטרונקען צוויי גלעזער הייסע טיי מיט ראָם, ער האָט אָפּגעדאַנקט און ער איז אַוועק צו זיך אין צימער. ער האָט זיך גיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט שלאָפן. ער איז שנעל איינגעשלאָפן און זיך אויפגעכאַפּט. עס איז געווען שטיל און פינצטער. אין דעם גאַנצן הויז איז מען געשלאָפן. עס איז געווען האַלבע נאַכט. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פּענצטער. דער טייך בירע איז געלאָפן רויק. ער האָט געזען די בריק איבערן טייך און דאָס געוועזענע קאָרעער דערפל וואָס איז איצט באַוווינט פון ניי־געקומענע רוסן. עס איז געווען אַ העלע און אַ פרייד'לעכע נאַכט. אַפילו די גרויסע, ווונדער־שיינע סאָפּקע, דעם באַרג וואָס מען רופט „באָמבע" און וואָס איז אויף מיילן ווייט פון דעם הויז געשטאַנען אין דער טייגע, אַפילו די־אָ סאָפּקע האָט צו אים אין פּענצטער אַריינגעקוקט.

מיכל איז אַראָפּ פון בעט, ווידער אַמאָל איבערגעקוקט זיינע טשעמאָדאַנעס און איז צוריק געגאַנגען צו זיין געלעגער. ער האָט באַשטימט, אַז פאַרטאָג, מיטן ערשטן צוג, וואָס גייט פאַרביי ביראָבידזשאַן, וועט ער אַוועקפאָרן. ער איז צוריק איינגעשלאָפן. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער איז איינער אַליין ערגעץ אין אַ פּוסטן זאַמדיקן מדבר. עס ברענט אַ פייער. אַ שטיק פלייש בראָט זיך אין דעם פייער. און אָט ליגט אַ שטיק ברויט אויף דער זאַמדיקער ערד. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם ברויט, עס איז רויט, רויט ברויט, פול מיט בלוט...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שווערן קאָפּווייטיק. עס איז שוין געווען העלער טאָג. די זון האָט אַריינגעשיינט אין פּענצטער. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און עס האָט זיך אים נישט געוואָלט אַרויסקריכן פון בעט. פּלוצים האָט ער דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און באַלד אַ פרויען־קול:

— טאָוואַרישטש קרוגער, מיכאַ'ל!...

— אַהאַ! — האָט ער אָפּגעענטפערט, — מעגסט עפענען די טיר, קום אַריין, טאָוואַרישטש סוכאָוואַ!

זי האָט געעפנט די טיר און איז געבליבן שטיין אויפן שוועל.

— ביסט נאָך אין בעט? אָ, דו ביסט אַריינגעשלאָפן אין האַלבן טאָג אַריין!... מיין מאַן האָט געוואַרט, געוואַרט און זיך דערוואַרטן נישט געקענט. ער האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט דיר. דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו

וועסט היינט פאַרטאָג אַוועקפאָרן. ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו וואַרטן מער. ער האָט געמוזט היינט פריִער ווי אַלע מאָל אַוועקגיין. נו, שטיי אויף, טו זיך אָן און קום עסן פרישטיק. דו האָסט שוין היינטיקן טאָג פאַרשפּע־טיקט. עס איז בעסער אַזוי. וואַרט נאָך צו אַ פּאָר טעג. רו זיך אויס. מיר וואָלטן דיר סיי־ווי־סיי נישט געלאָזט פאָרן אין אַזאַ צושטאַנד...

— וואָס פאַר אַ צושטאַנד? — האָט זיך מיכל נישט וויסנדיק געמאַכט.

— וואָס מיינסטו, מיכאַיִל, האָסט שוין פאַרגעסן וואָס דו האָסט נעכטן איבערגעאַרבעט? מיר האָבן דאָס נישט פאַרגעסן! מיר האָבן זיך זייער גע־שראָקן פאַר דיר. מיר האָבן באַשטימט דיר אָפּצורעדן פון פאָרן איינער אַליין ביז דיינע נערוון וועלן זיך אינגאַנצן נישט פאַרשטאַרקן. וואַרט נאָך צו אַ פּאָר טעג. איך וועל שוין זען, אַז דו זאָלסט עסן און טרינקען צו דער צייט און זאָלסט קומען צו זיך!

— אָ, אַ דאַנק אייך פאַר אייער זאָרג פאַר מיר, אַ גרויסן דאַנק אייך!

זי איז אַרויס און ער האָט זיך געכאַפּט אָנטאָן.

דעם גאַנצן טאָג האָט מיכל פאַרבראַכט ביים טייך. ער האָט זיך גע־באָדן, זיך געשפּילט מיט די קינדער פון זיינע נייע פריינד און ער האָט גע־לייענט די אָרטיקע צייטונג. מיט קיין איין וואָרט איז נישט דערמאָנט גע־וואָרן וועגן די ענדערונגען וואָס זענען מיט אַ טאָג פריִער פאָרגעקומען אין דער אָנפירונג פון דער ביראָבידזשאַנער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

פאַרנאַכט איז סוכאָוו אַהיים געקומען אַ פאַרמאַטערטער. ער האָט אויף גיך אָפּגעגעסן און זיך געפּלייסט וואָס שנעלער אַוועקצוגיין.

— נו, ווי גייט דאָס אויף דעם נייעם אַמט? — האָט אים מיכל גע־פרעגט.

— איך ווייס נאָך דערווייל גאָרנישט! — האָט ער צעטראָגן געזאָגט, — פיל פּאַפּירן זענען געשריבן אין יִידיש. עס זיצן צוויי איבערזעצער און מען וועט מוזן נעמען אַ דריטן. קיינער פאַרשטייט נישט וואָס אין די פּאַ־פּירן איז געשריבן!

— זיי זיכער, טאָוואַרישטש סוכאָוו, אַז קיין שום קאָנטער־רעוואָלוציִעס זענען אין די פּאַפּירן מיט אַ יִידישן שריפט נישט פאַראַן, — האָט מיכל דערקלערט, — מען וועט געוויס אויסגעפינען, אַז דאָס זענען מאַנוסקריפּטן וואָס אַ פּאָר יונגע, היגע שרייבערס און פּאָעטן האָבן געבראַכט צו לעוויטן, אַז ער זאָל דאָס איבערלייענען און זאָגן זיין מיינונג. לעוויט האָט פּראָטע־זשירט אַ סך יונגע אָנפאַנגער־שרייבער און פּאָעטן. ער האָט זיי געהאָלפן

אַרויסגעבן ביכער. מען האָט זיך זייער גערעכנט מיט זיין מיינונג. איך מיין, אַז דאָס איז נישט קיין זינד.

— אָ, ניין, דאָס איז נישט קיין זינד. דאָך וויל איך וויסן וואָס עס איז געשריבן אין די אַלע פּאַפּירן. איך נעם דאָך איבער דעם אַמט אַלס סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און איך בין איצט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן פּאַפּיר וואָס געפינט זיך אין די צימערן פון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט.

— געוויס, געוויס!... — האָט מיכל אויסגערופן און באַלד אויך געפרעגט, — און וואָס איז מיט לעוויטן? האָסטו עפּעס געהערט וועגן זיין שיקזאַל?...

— ניין, מיכאַל, איך האָב גאָרנישט געהערט!

סוכאָוו האָט גיך אָפּגעגעסן, אַ קוש געטאָן דאָס ווייב, אַ קלאַפּ געטאָן מיכלען אין פּלייצע און איז אַוועק. מיכלען איז דער־אָ שטילער און אינטעליגענטער מענטש זייער געפעלן געוועז. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „אַ שאָד וואָס מען צווינגט אים צו זיין סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און דערצו נאָך אין אַ „נאַציאָנאַלער" געגנט, ערגעץ אין דער טייגע, ביי די גרענעצן פון מאַנדזשוריע ווו עס באַלעבאַטעווען איצט די יאַפּאַנעזער אָנשטאָט די כינעזער. דער־אָ גוטער מענטש וועט נאָך אומקומען אויף דער־אָ שרעקלעכער נישט־דאַנקבאַרער אַרבעט. ער דאַרף זיין אַ פּראָפעסאָר פון אַן אוניווערסיטעט און נישט קיין סעקרעטאַר פון אַ פּאַרטיי".

עס זענען אַוועק עטלעכע טעג. אַלץ אין שטאָט און אין דער געגנט איז געווען אַזוי ווי עס וואָלטן גאָר קיין שום ענדערונגען אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג נישט פאָרגעקומען. קיינעם איז גאָרנישט אָנגעגאַנגען דאָס וואָס אַנשטאָט פּנחס לעוויטן איז גאָר איצט סוכאָוו דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. מיכל אַליין איז שוין אויך גלייכגילטיק געוואָרן צו דעם וואָס עס האָט פּאַסירט. ער האָט געהאַט באַקומען פון קסעניאַן אַ בריוו מיט אַ בילד פון איר און דעם קינד. זי האָט אים געשריבן, אַז איר מוטער און איר שטיף־פאָטער האָבן זי מיט אַלינקען אויפגענומען זייער גוט. אין דאָרף איז איצט זייער פייַן... די לופט איז גוט און עסן איז פאַראַן גענוג. דאָס קינד איז אונטערגעוואַקסן און איז געזונט. זי וואָלט אָבער געוואָלט, אַז מיכל זאָל וואָס גיכער פאַרלאָזן ביראָבידזשאַן און אַראָפּקומען אין דאָרף און פאַרברענגען מיט דער פאַמיליע אַ פּאָר חדשים און ערשט דערנאָך פאָרן קיין מאָסקווע.

מיכל האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם בילד. ער האָט דערקענט דאָס הויז

און דעם גאָרטן אַרום הויז. קסעניאַ איז געווען שיין און רייצנדיק אַזוי ווי אין לעבן. דאָס קינד איז געווען אַנדערש, אויסגעוואַקסן און אַזוי ענלעך אויף אַ קינד וואָס ער האָט שוין אַמאָל ערגעץ געזען. באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ווען ער אַליין איז אַ קינד געווען האָט מען אים פֿאָטאָגראַפֿירט און דערנאָך דעם בילד אין אַ גילדן רעמל אַריינגעפּאַסט און אויף דער וואַנט אויפֿגעהאַנגען. שפּעטער ווען ער איז אויסגעוואַקסן האָט ער ליב געהאַט צו קוקן אויף דעם בילד און זיך וווּנדערן וואָס ער איז אַמאָל אַזאַ פּיצל קינד געווען. עס איז אים באַפֿאַלן אַ בענקשאַפֿט נאָך קסעניאַן און נאָכן קינד. ער האָט פֿעסט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער וועט שוין מער נישט אָפּלייגן און נאָך מאָרגן, מיטן ערשטן שנעלצוג, וואָס שטעלט זיך אָפּ אויף פֿינף מינוט ביים ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל אויפֿן וועג פֿון וולאַדיוואָסטאָק קיין מאָסקווע, וועט ער אָפּפֿאָרן. און כדי צו זיין זיכער, אַז ער וועט טאַקע מאָרגן אַוועקפֿאָרן איז ער אַוועק צום וואָקזאַל און ער האָט רעזערווירט פֿאַר זיך אַ בילעט.

אויפֿדערנאַכט האָט ער זיך געזעגנט מיט די סוכאָווס. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט אָפּפֿאָרן פֿאַרטאָג ווען זיי וועלן נאָך שלאָפֿן און דערפֿאַר געזעגנט ער זיך מיט זיי איצט.

ער איז די גאַנצע נאַכט כמעט נישט געשלאָפֿן. ער האָט זיך אויסגעטאָן, געלעגן אין בעט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און זיך גיך אויפֿגעוועקט און זיך צוריק אָנגעטאָן. זיינע טשעמאָדאַנעס האָט ער נאָך ביי טאָג אָפּגעשיקט צום וואָקזאַל. ער האָט געהאַלטן נאָר זיין פּאָרטפֿעל אין האַנט און איז געווען גרייט יעדע מינוט זיך צו געזעגענען מיט דער דירה אין וועלכער ער האָט אַזוי פֿיל פֿרייד און ליידן אַדורכגעמאַכט. עפּעס האָט ער דאָך דאָ געוווּנען כאָטש ער האָט פֿיל פֿאַרלוירן. ער האָט דאָ געוווּנען דעם גלויבן אין מענטש און ער האָט דאָ פֿאַרלוירן דאָס גלויבן אין אידעאַל. דאָ, האָט ער אַ נייעם בוך אָנגעשריבן, אַ נייעם ראָמאַן. און כאָטש דאָס ווערק איז נישט מער ווי אַ סאָציאַלע באַשטעלונג אין דעם סטיל פֿון יעדן קאָמוניסטישן שרייבער, האָט ער דאָך ביים שרייבן זיך דערטראַכט צו אַזעלכע געדאַנקען וועלכע ער האָט איצט, אין דעם בוך אַרויסזאָגן נישט געקענט, אָבער ער גלייבט, אַז עס וועט דאָך קומען אַ צייט ווען ער וועט זיינע אויסגעבענקטע געדאַנקען קענען אַרויסזאָגן אין וואָרט און אין שריפֿט, פֿריי און אָן שום מורא.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער. עס איז נאָך געווען צו פֿרי צו גיין צום וואָקזאַל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן בעט און אָנגעשפּאַרט זיין

קאַפּ אין דער אייזערנער ראַם פון דעם צוקאַפּנס. פּלוצים האָבן צוויי קנאַלן זיך דערהערט. מיכל האָט אויפגעציטערט. ער האָט באַלד אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס האָט געוויס אַ יעגער אין דער טייגע די צוויי שאָסן דערלאַנגט און אַ פליִענדיקן פאַזאַן אַראָפּגעשאָסן. עס איז אים אָבער זייער טרויעריק אויפן האַרצן געוואָרן. ער האָט שוין מער דאָ זיצן נישט געקענט. ער האָט גע־כאַפּט דעם פּאָרטפעל און איז אַרויס פון צימער. ער האָט שטיל אויפגע־שלאָסן די טיר פון דער דירה און איז אַרויס אויף דער גאַס. עס איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז די סוכאָווס וועלן לאַנג אין דער דירה נישט פאַרבלייבן. זיי וועלן געוויס זיך איבערקלייבן אין דעם פּרעכטיקן הויז אין וועלכן פּנחס לעוויט מיט זיין פאַמיליע האָט געוווינט.

עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. מיכל איז געגאַנגען גיך, כמעט גע־לאָפן. עס איז געווען קילבלעך. פון דעם בירא־טייך האָט געבלאָזן אַ ווינטל. ער האָט געוואָלט זיין וואָס שנעלער אין וואָקזאַל, אַרויסנעמען זיינע טשע־מאָדאַנעס פון דער באַגאַזש־קאַמער און זיך אַוועקשטעלן אויף דער פּלאַט־פאָרמע און וואַרטן ביז דער שנעלצוג וועט אָנקומען. אָנשטאָט צו גיין מיט דער לאַנגער סאָוועטן־גאַס האָט ער פאַרקערעוועט אין אַ קרום געסל און אַזוי אַרום פאַרקירצט דעם וועג. פאַר זיינע אויגן איז אויסגעוואַקסן אַ נייער מויער פון רויטע ציגל מיט קליינע פענצטערלעך באַקלאַפּט מיט שווערע אייזערנע גראַטעס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איין רגע. דאָס איז דאָך די ניי־אויסגעבויטע טורמע פון דער ג.פּ.או.! ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „פיליכט האָבן זיך פון דאַנען דערטראָגן די צוויי שאָסן?" ער איז אַוועק פון דער טורמע, ער איז אַריבער אויף אַן אַנדערער גאַס. ער האָט ווידער אַדורכגעשניטן אַ געסל און ער האָט פאַר זיך דערזען דעם וויס־ליכטיקן אָריענטאַליש־געבויטן וואָקזאַל. ער האָט אָנגעהויבן לויפן. ער האָט געוווסט, אַז עס איז נאָך צו פרי און ער וועט דעם צוג נישט פאַרשפּעטיקן, דאָך איז ער געלאָפן...

ער האָט פון דער באַגאַזש־קאַמער אַרויסגענומען זיינע טשעמאָדאַנעס. אויף דער פּלאַטפאָרמע האָבן שוין געוואַרט עטלעכע פּאַסאַזשירן, כאָטש עס איז נאָך געווען אַ האַלבע שעה ביז דער צוג האָט באַדאַרפט אָנקומען. מיכל איז געשטאַנען, געקוקט אויף די אייזערנע רעלסן און זיך פאָרגעשטעלט ווי דער צוג וועט באַלד צולויפן און מיט אימפּעט זיך אָפּשטעלן און באַלד אַ פייף טאָן און צוריק אַוועק אין אַ געלאַף. און אַזוי וועט ער לויפן, דער צוג, טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט ביז קיין מאָסקווע.

עס איז אַרויסגעקומען דער באַאַמטער פֿון וואָקזאַל מיט אַ רויטן פֿענדל אין האַנט. דאָס איז אַ סימן, אַז גיך וועט דער צוג אָנקומען. מיכל האָט זיך אין עפּעס דערמאָנט: אַ צײַטונג, מען דאַרף קויפֿן אַ צײַטונג! ער איז אַרײַן אין וואָקזאַל, געקויפֿט די צײַטונג, וועלכע מען האָט ערשט געבראַכט. די פֿאַרב פֿון דעם דרוק איז נאָך געווען פֿריש און האָט זיך צו די הענט געקלעפּט. ער האָט די צײַטונג גיך אײַנגעוויקלט אין דעם פּאָרטפֿעל און איז צוריק אַרויס צו דער פּלאַטפֿאָרמע. דער צוג איז אָנגעקומען און מיכל איז אַרײַן און פֿאַרנומען זײַן אָרט. ווען דער צוג איז אָפּגעפֿאָרן איז ער לאַנג געשטאַנען בײַם פֿענצטער און נאָכגעקוקט ווי עס דערווײַטערט זיך פֿון אים דער וואָקזאַל, די שטאָט, דער טײַך און די בריק.

זײַן פּלאַץ איז געווען אויבן, אויף דער צווייטער פּאָליצע. ער איז אַרויפֿגעקראָכן און זיך אַוועקגעלייגט. ער האָט לאַנג געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ צום פֿענצטער און דורכן פֿענצטער אין דער ווײַט, צו דער שוואַרצער טייגע. דאָס פֿענצטער איז געווען אָפֿן. די זון האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט און איז מיטגעפֿאָרן. די איבעריקע דרײַ ערטער פֿון דער קופּע זענען געווען פֿאַרנומען מיט מענטשן וואָס זענען געפֿאָרן פֿון וולאַדיוואָסטאָק קיין מאָסקווע. זיי האָבן עפּעס געהאַט אַלגעמיינס. זיי האָבן געפֿירט צווישן זיך אַ שמועס וועגן פּלענער פֿון נײַע בויונגען. זיי זענען געווען צופֿיל פֿאַרנומען מיט זיך, אַז זיי זאָלן לייגן אַכט אויף דעם נײַעם פּאַסאַזשיר וואָס האָט זיך צעלייגט אויף דעם אויבערשטן געלעגער.

מיכלען האָט זיך מיט אַמאָל דערעסן צו קוקן אויף דער טייגע. ער האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן פּאָרטפֿעל די געקויפֿטע צײַטונג און גענומען לייענען. פֿון אָנהייב־אָן איז ווי געוויינלעך געווען געדרוקט אַ ראַפּאָרט צו סטאַלינען וועגן דעם גאַנג פֿון דער סאָציאַליסטישער בויונג אין שטאָט און אין דאָרף. און באַלד אונטער דעם ראַפּאָרט איז געווען אַ באַריכט פֿון דער ג.פּ.או., אַז: הײַנט פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג האָט מען אין דעם הויף פֿון דער טורמע געשאָסן דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פֿון דער ביראָבידזשאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פּנחס לעוויט, פֿאַר פֿאַרראַט. ווי די ווײַט־מזרחדיקע אַגענטור פֿון דער ג.פּ.או. האָט אויסגעפֿונען, איז פּנחס לעוויט געווען אַ לאַנגיאָריקער יאַפּאַנישער שפּיאָן און אַ ייִדישער נאַציאָנאַליסט וואָס האָט געוואָלט פֿאַרקויפֿן דעם ווײַטן מזרח צו דער אַמעריקאַנער בורזשואַזיע.

מיכל האָט זיך אַ הייב געטאָן און אַרויסגעוואָרפֿן די צײַטונג דורכן פֿענצטער. ער האָט זיך באַלד צוריק אַוועקגעלייגט, זיך אײַנגענורעט מיטן

פּנים אין קישן און זיך צעכליפּעט. דער צוג איז געלאָפן איבער די לאַנגע אייזערנע רעלסן־פּאַראַלעלן, געפּייפט און געקלאַפּט מיט די רעדער און פאַר־שריגן דאָס כליפּען און דאָס טרויערן פון אַן איינזאַמען און אַ ליידנדיקן מענטשן. אַזוי וויינענדיק איז מיכל איינגעשלאָפן און ער האָט געהערט אין שלאָף ווי עס קלאַפּן די רעדער פון דעם יאָגנדיקן צוג און זיי קלאַפּן אויס אַ ניגון: מאָסקווער קרעמל, מאָסקווער קרעמל, מאָסקווער קרעמל!...

.53

מיכל איז אָנגעקומען אין דעם דאָרף קראַסנעי־באָר אַ קראַנקער. ער איז אינגאַנצן געווען צעשרויפט און דערשלאָגן. אָבער נאָך אַ פּאָר וואָכן אָפּרו איז ער צוריק געקומען צו זיך און ער האָט באַשטימט פאָרן קיין מאָסקווע אָפּגעבן זיין בוך צום דרוק און זוכן אַ דירה.

די איינוווינער פון דאָרף האָבן גוט געדענקט מיכלען. פיל מענטשן זענען אים געקומען באַזוכן און אים אָפּגעבן כבוד. דאָס דאָרף איז שוין גע־האַט געווען אויף אַלע הונדערט פּראָצענט קאָלעקטיוויזירט און קיינער האָט שוין מער קיין שום פּרעטענזיעס נישט געהאַט צו דער מאַכט, פאַרוואָס מען האָט ביי זיי זייער אייגנטום צוגערויבט און זיי מיט גוואַלד אין קאָל־כאָז אַריינגעטריבן. די פּויערים האָבן אויפגעגעבן דעם קאַמף פאַר זייער רעכט אויף פּריוואַטער אייגנטום. מען האָט זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צום נייעם קאָלעקטיוון לעבן־שטייגער...

עס זענען אונטערגעוואַקסן ביי די פּויערים זייערע קינדער וואָס האָבן פון אַלטע גוטע צייטן נישט געוווּסט און פאַר זיי איז דער קאָלכאָז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך. די אונטערגעוואַקסענע זין און טעכטער פון די עלטערע פּויערים האָבן שוין אַליין אויך געהאַט קינדער. זיי זענען געוואָרן דער נייס־טער, דער סטאַליניסטישער דור. פאַר זיי האָט זיך די מענטשלעכע געשיכ־טע, ציוויליזאַציע און קולטור אָנגעפאַנגען מיט דער באָלשעוויסטישער רע־וואָלוציע... דער גאָט, דער קעניג און דער פאָטער זייערער איז סטאַלין, נאָר ער און ווייטער קיינער.

עס האָט אָבער נאָך געלעבט אין דעם דאָרף דער אַלטער פּויער, דער באַנדוריסט. ער האָט געשפּילט אויף זיין באַנדורע, געזונגען לידער און דערציילט מעשיות. ער איז געווען באַליבט ביי די פּויערים. מען האָט אים גערן פאַרבעטן אויף שמחות, אים באַזעצט אויבן־אָן און אויסגעהערט וואָס

ער האָט צו דערציילן שפּילנדיק אויף זיין באַנדורע. אָבער מער פון אַלעמען האָבן אים ליב געהאַט די קינדער פון דאָרף. פון אים האָבן זיי זיך דער־ ווּוסט דאָס וואָס די לערער אין שול האָבן נישט דערציילט און וואָס די פי־ ו׳ער פון קאָמסאָמאָל האָבן פאַר זיי אויסבאַהאַלטן. דער אַלטער באַנדוריסט האָט זיי דערציילט, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָך פאַר דער באָל־ שעוויסטישער רעוואָלוציע, און אַז עס איז דאָ אַ גאָט, און אַז עס איז אַמאָל געווען אַ צאַר... און אַז מענטשן האָבן אַמאָל געלעבט אָן באָלשעוויקעס־קאָ־ מוניסטן, אָן אַ סטאַלין און אָן קאָלכאָזן.

קינדער האָבן זיך געוווּנדערט, זיך פאַרטראַכט און באַלד „פאַרגעסן״ אין דעם אַלטנס מעשיות.

די פאָליציי און די קאָמוניסטן האָבן דעם אַלטנס רייד מיט זיין צו־ שפּיל צו די רייד נישט באַטראַכט ווי אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע. פאַר־ קערט, מען האָט זיך פאַסמאַקעוועט פון זיין באַנדורע־מוזיק מיט וועלכע ער האָט זיינע מעשיות באַגלייט. מען האָט נאָך אַפילו געוואָרפן אין זיין היטל קופּערנע און זילבערנע מטבעות.

אויך מיכל האָט געשעפּט פיל נחת און איז געווען באַגייסטערט פון דעם אַלטן באַנדוריסט. ער האָט זיך געהאַט אויסגערוט, פאַרגעסן אין די אַלע פינצטערע געשעענישן וואָס ער האָט אין בירָאָבידזשאַן דורכגעלעבט. די פרישע דאָרפישע לופט און דאָס געזונטע דאָרפישע עסן האָט פאַרשטאַרקט זיינע נערוון און באַרויִקט זיין געמיט. ער איז איצט געווען פריי און גליק־ לעך. דעם אַלטנס לידער און געשיכטעס, אין דער באַגלייטונג פון זיין אַלט־ פרענקישער באַנדורע, איז געווען אַ מין באַלזאַם וואָס האָט אינגאַנצן אויס־ געהיילט זיינע וווּנדן...

מיכל האָט נאָך פיל יאָרן קאַמף פאַר זיין עקסיסטענץ און פאַרן דער־ ווערבן פאַר זיך אַ קאַריערע, סוף־כל־סוף, דערשפּירט דעם טעם פון אמתער זאָרגלאָזיקייט און רו. ער האָט נישט געאַרבעט, נישט געשריבן און נישט געלייענט. ער האָט זיך אַזוי נאָכגעגעבן דער פוילקייט, אַז ער האָט זיך אַפילו אויפגעהערט צו ראַזירן און זיך פאַרלאָזט אַ קליין בערדל. דאָס בערדל האָט אים צוגעגעבן אַ מין אויסטערלישן חן און האָט אַפילו געררייצט די תאווה ביי די דאָרפישע יונג־פרויען.

קסעניאָס מוטער איז געגאַנגען גוט אין דאָרף. זינט זי האָט חתונה געהאַט פאַר דעם מעכאַניק פון דער טראַקטאָר־סטאַנציע האָט זי שוין מער נישט געאַרבעט און זיך נישט געזאָרגט ווי אַזוי אויסצוקומען. זי האָט באַלד

אין אַ יאָר נאָך דער חתונה, געבוירן אַ קינד און אין צוויי יאָר שפּעטער אַ צווייט קינד. עס זענען געווען צוויי געזונטע פּעמפּיקעוואַטע יינגלעך. פון אָנפאַנג אָן האָט קסעניאַ אירע שטיף־ברידערלעך פיינט געהאַט, דערנאָך האָט זי זיך צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז זי איז שוין מער נישט ביי איר מו־טער אַן איין־און־איינציקע... דערביי האָט זי באַגריפן, אַז זי איז דאָך שוין איצט אַליין אַ מוטער פון אַ קינד, און זי האָט באַמערקט, אַז די שטיף־ברי־דערלעך שפּילן זיך גערן מיט איר אַלינקען. זי האָט זיך אָנגעהויבן צוגע־וווינען צו איר מוטערס קינדער און זיי אַפילו ליב באַקומען.

קסעניאַס מוטער איז פאַר די יאָרן געוואָרן נישט עלטער, נאָר אַביסל דיקלעכער, אָבער דערפאַר לויטערער און שענער. זי האָט צו מיכלען אַרויס־געוויזן צופיל „מוטערלעכע" ליבשאַפט ביי יעדער געלעגנהייט. זי האָט זייער אָפט זיין האַנט אין אירער געהאַלטן, און אירע פולע בריסטן האָבן זיין קערפּער באַרירט. ווען זי האָט דערהערט אַז מיכל קלייבט זיך אַוועקצופאָרן זענען אירע בלויע אויגן טונקל געוואָרן.

— מיכאַיל, וואָס איילסטו זיך אַזוי? נוץ אויס די געלעגנהייט כל־זמן עס איז נאָך זומער אין דאָרף און דו קענסט זיך אויסרוען און קומען צו דיינע כוחות. קסעניאַ און דאָס קינד וועלן בענקען נאָך דיר. דו ביסט דאָך ערשט געקומען און שוין ווילסטו זיי פאַרלאָזן!

— איך פאַרלאָז זיי נישט, — האָט מיכל זיך פאַרענטפערט, — דער זומער איז שוין צו ענד. איך מוז פאָרן צוריק קיין מאָסקווע, אָפּזוכן אַ דירה און זיך איינאָרדענען.

— מאָסקווע וועט נישט אַנטלויפן. און אַ דירה, אַזאַ מענטש ווי דו, אַ גרויסן קאָמיסאַר, וועט מען באַלד געבן אַ דירה. האָסט נישט וואָס צו לויפן!

— ניין, מאַ... איך קען דאָ נישט בלייבן מער, איך מוז פאָרן!

ער האָט אָבער נאָכגעגעבן דער שוויגער און איז געבליבן.

קסעניאַ האָט אויך די גאַנצע צייט גאָרנישט געטאָן. די מוטער האָט געקאָכט און געוואַשן און זי איז געלעגן אין גאָרטן אונטער אַ בוים און גע־חלומט... זי האָט פיינט באַקומען דאָס דאָרף און זי האָט אויסגענוצט נאָר דעם צייטווייליקן פאַרגעניגן פון די נאָך אַלץ שיינע זומער־טעג וואָס זענען געשטאַנען אין דאָרף. מיכלס קומען האָט איר דערפרייט. זי האָט ליב באַ־קומען זיין פוילקייט און זיין פּוסטעפּאַסעווען. איר איז געפעלן געוואָרן וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ בערדל. זי האָט הנאה געהאַט אים צו קושן און צו פילן ווי די האָר פון זיין בערדל שטעכן אירע ליפּן. אָבער ווען מיכל האָט

אויף איר מוטערס געבעט אײַנגעשטימט צו בלײַבן אין דאָרף נאָך אויף אַ צײַט, האָט זי אַרויסגעוויזן איר אומצופרידנקייט. זי האָט אים צוגעאײַלט, אַז ער זאָל וואָס גיכער אָוועקפאָרן.

— וואָס וועט זײַן, דער זומער איז שוין באַלד אַוועק און מיר האָבן נאָך נישט קיין דירה. דו מוזט שוין פאָרן קיין מאָסקווע און זען עפּעס טאָן. געדענק, מיכאַיל, איך וועל דאָ נישט זיצן מיטן קינד אויף ווינטער. איך וויל, אַז דו זאָלסט אָפּזוכן אַ דירה און זאָלסט מיך אַרויסנעמען פון דאַנען. איך וויל דאָ מער נישט זײַן!

— פאַרשטייט זיך, אַז דו וועסט דאָ אייביק נישט בלײַבן! — האָט מיכל איר פאַרזיכערט, — און וואָס מיינסטו, פאַר מיר איז דאָס אַ פּלאַן צו זיצן אין דאָרף און גאָרנישט טאָן? נישט מער איך רו זיך אַביסל אויס. איך האָב דאָך אויך רעכט אויף אַביסל פאַרגעניגן און רו!...

— איך טרײַב דיך נישט, מיכאַיל, — האָט זי געזאָגט און אים אַרומ־גענומען, — זײַ נישט ברוגז, איך זאָרג נאָר פאַרן קינד, און... ווייסט דאָך, עס איז שוין צײַט, אַז מיר זאָלן האָבן אַ היים און נישט זיך אַרומשלעפּן... באָריס און פּאָליאַ לעבן די גאַנצע צײַט אויף איין אָרט, און מיר?...

— האָסט שוין פאַרגעסן, קסעניאַ, ווי דו האָסט געוואָלט פאַרלאָזן מאָס־קווע און וואָס שנעלער אַוועקפאָרן. דיך האָט נישט געאַרט ווו צו פאָרן, אַבי אַנטלויפן פון מאָסקווע. און איצט? איצט בענקסטו גאָר נאָך מאָסקווע!...

— יאָ, איצט בענק איך נאָך מאָסקווע, איצט וועל איך גליקלעך זײַן צו לעבן צוריק אין מאָסקווע. פריִער בין איך געווען יינגער, נישט פאַר־שטאַנען... געוואָלט פאָרן, לויפן... געטראַכט וועגן אמת, וועגן אידעאַל!... איצט איז דאָס אַלץ אַריבער. מיך אינטערעסירן מער נישט קיין שום אמתן און קיין שום אידעאַלן. איך בין שוין מיד פון פאָדערן און מאָנען גערעכ־טיקייט. זאָלן אַנדערע מיט דעם זיך פאַרנעמען. איך וויל לעבן, לעבן און פון קיין שום זאָרג מער נישט וויסן!...

— קסעניאַ, איך דערקען דיך נישט! — האָט מיכל אויסגעשריגן.

— פאַרוואָס דערקענסטו מיך נישט? איך בין די זעלבע ווי געווען נאָר אַביסל קליגער!...

— בין איך, הייסט עס, דער נאַר?

— ניין, דו ביסט נישט קיין נאַר, נאָר דאָסטאָיעווסקיס אידיאָט!

— אַ דאַנק דיר, מײַן טײַערע! — ער האָט זיך צעלאַכט, זי אַרומגענו־מען און זי אָנגעהויבן קושן, — גענוג, קסעניאַ, לאָמיר זיך נישט קריגן.

ווען דו האָסט רעכט, האָסטו רעכט. מען דאַרף זען זיך איינאָרדענען סטאַ־ביל... יאָ, יאָ!

מיכל האָט פאַרלאָזט דאָס דאָרף און איז געפאָרן קיין מאָסקווע.

ער האָט זיך צייטווייליק באַזעצט ביים גענעראַל איוואַנאָוו, אין זיין גרויסער דירה, ווו עס איז שטענדיק אַ פרייער צימער געשטאַנען פאַר אומ־דערוואַרטע געסט. דער גענעראַל איז נאָך איצט ווי אין די פריערדיקע יאָרן געווען בראַוו און שטרענג און זיין פאַרעלטערטקייט איז קוים באַמערקט געוואָרן. יעקאַטערינאַ פעטראָוונאַ איז געווען אויסגעפוצט אין די שענסטע קליידער וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון סטאַמבול און בערלין. אויך דער גענעראַל האָט ליב באַקומען, פון צייט צו צייט, ווען ער איז פריי גע־ווען, אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די שווערע מיליטערישע קליידער און זיך אויס־פוצן אין אַן אויסלענדישן אָנצוג. ער האָט עפּעס געלערנט, אויסער זיין מי־ליטערישקייט, אין זיין דיפּלאָמאַטישער דינסט אין טערקיי און אין דייטש־לאַנד. ער האָט בראַווירט מיט שיינע מאַנירן און איידעלע רייד. דער אונ־טערגעוואַקסענער זון זייערער, פעטיאַ, איז אין דער היים נישט געווען. ער איז איצט געווען אַ קאַדעט פון דער מאָסקווער מיליטערישער אַקאַדעמיע און ער פלעגט נאָר אין די זונטיק־טעג אַהיימקומען. גענעראַל איוואַנאָוו און קאַטיאַ, די גענעראַלשע, זענען צופרידן געווען וואָס מיכל איז צו זיי פאַר־פאָרן און ער וועט ביי זיי זיין ביז ער וועט זיך איינאָרדענען מיט אַן איי־גענער דירה.

דער גענעראַל האָט באַטראַכט מיכלען פון קאָפּ ביז צו די פיס און זיך עפּעס אַ קרים געטאָן. ער האָט פּלוצים זיך געווענדט צו זיין ווייב:

— קאַטיאַ, ווו איז מיין גרויער אָנצוג? יענער וואָס איך האָב אין בער־לין געקויפט.

— וואָס איז? — האָט יעקאַטערינאַ פעטראָוונאַ געפרעגט, — ווילסט זיך איבערטאָן?

— ניין, טייערע, ווייסט דאָך, אַז דער אָנצוג איז אויף מיר ענג! — און ער האָט אויסגעשריגן מיט וווּנדער, — זע נאָר קאַטיאַ ווי אַ סאָוועטישער שרייבער גייט דאָס אָנגעטאָן! עס איז אַ שאַנדע. עס איז שוין צייט, אַז אַ סאָוועטישער שרייבער זאָל זיך קליידן מאָדערנע, ווי אַ ציוויליזירטער מענטש. גיב אים, קאַטיאַ, דעם אָנצוג און זאָל ער אים אָנמעסטן. איך גלייב אַז ער וועט זיין גוט אויף אים!

— אָ ניין! — האָט מיכל זיך אָפּגערופן, — מען דאַרף נישט. אַ דאַנק,

איך האָב געגוג געלט זיך צו קויפן אַ שײנעם אַנצוג. און חוץ דעם, דו, גע־נעראַל, דו ביסט אַ סך ברייטער פון מיר, און העכער אויך. דײן אַנצוג וועט אויף מיר נישט פּאַסטן!

— ער וועט פּאַסטן! — האָט דער גענעראַל שטרענג אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, — איך האָב אַ גוט אויג. דו ביסט די זעלבע הויך וואָס איך, נאָר אַביסל דינער. נו, איך בין דאָן, אין בערלין, אַ סך דינער געווען. געאַרבעט צופיל, געשלאָפן צווייניק, און געהוליעט אויף די דיפּלאָמאַטישע באַנ־קעטן... און דערצייל מיר נישט, מיכאַיל, אַז דו האָסט געלט און דו קענסט זיך קויפן אַ שײנעם אַנצוג. מען מאַכט נאָך דערווייל נישט ביי אונדז אַזעל־כע גוטע אַנצוגן ווי אין אויסלאַנד. טאַנקען מאַכט מען ביי אונדז, טראַקטאָרן און עראָפּלאַנען, אָבער נישט קיין אַנצוגן. אָבער אויך טאַנקען און עראָפּלאַ־נען מאַכט מען ביי אונדז ווייניק און נישט אַזוי גוט ווי אין דייטשלאַנד. מען דאַרף זיי איבעריאָגן, די פאַשיסטן. עס איז דער רוח ווייסט וואָס. אַלץ איז ביי זיי בעסער און קליגער ווי ביי אונדז.

קאַטיאַ האָט אַריינגעטראָגן אַ גרויען אַנצוג פון אַ זעלטן ווייכן געוואַנט.

— נעם, מיכאַיל, מעסט אָן!

מיכל איז אַריין מיטן אַנצוג אין דעם צימער וואָס מען האָט פאַר אים באַשטימט. ער האָט זיך דאָרט איבערגעטאָן און צו זיין גרויסן וווּנדער איז דער אַנצוג אויף אים געווען ווי אויסגעגאָסן. ער איז אַרויס צו זיינע פריינד. קאַטיאַ האָט אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט פאַר פרייד און איר מאַן האָט געזאָגט:

— אָט איצט זע איך פאַר זיך אַ שרייבער. עס דאַרף זיין אַ האָנאָר פאַר אַ שרייבער צו זיין אויסגעפּוצט!

— אַ דאַנק דיר גענעראַל איוואַנאָוו, און דיר יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ!

דער גענעראַל איז געווען אין אַ גאָר אויפגעלייגטער שטימונג. ער איז צו צו אַ שאַפע און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ גרויען הוט און אים דער־לאַנגט מיכלען.

— טו אָן, שעם זיך נישט!

— אַ שליאַפּע? — האָט מיכל אויסגערופן.

— די זאַך באַשטייט דאָך נישט אין דער שליאַפּע נאָר אין אינטעלי־גענטישקייט. אַ קאָמוניסט מעג דאָך אויך זיין אַן אינטעליגענט, בפרט נאָך, אַז דער קאָמוניסט איז אויך אַ שרייבער, און אַ גוטער שרייבער! די פּאַר־טיי האָט איצט גענומען אַ ליניע אויף דערציִען אַן אינטעליגענטע יוגנט.

געבוג שוין מיט אונדזער צעכראַסטעטקייט. מיר זענען אַ וועלט־מאַכט. מען רעכנט זיך מיט אונדז און מיר מוזן זיך רעכענען אויך מיט זיי, מיט די אַנדערע. מען קען זיך מער נישט ווייזן פאַר לייטן אין שמאַטעס. נו, דאָס גאַנצע פאָלק קען זיך נאָך דערווייל נישט אויספּוצן, אָבער מיר, די פאַרשטייער, דער אַוואַנגאַרד פון פאָלק, מיר מוזן דאָך נישט שטעקן אונדזערע פּנימער אין דער בלאָטע!

אין דעם אויפדערנאַכט איז מיכל מיטן גענעראַל און זיין פרוי געפאָרן צו גאַסט צו באָריסן. גענעראַל איוואַנאָוו האָט איצט געהאַט אַן אויטאָמאָביל מיט אַ פּערזענלעכן שאָפער וועלכער האָט אים געפירט ווו נאָר ער האָט באַדאַרפט.

פאַר דער צייט וואָס מיכל איז אין מאָסקווע נישט געווען און די איוואַנאָווס זענען צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, האָבן זיי זיך גאָר נאָענט באַפריינדעט מיט די גאַרבערס. דער גענעראַל האָט געהאַט אַ געוויסן באַגריף מיט וואָס באָריס באַשעפטיקט זיך אין קרעמל. עס איז שוין געווען פאַר אים גענוג צו וויסן, אַז באָריס אַרבעט אונטער דער דירעקטער אָנפירונג און אויפזיכט פון סטאַלינען כדי ער זאָל אים אָנהייבן שעצן גאָר הויך.

פאָליאַ, מיט איר רירעוודיקייט און פריינדלעכקייט, האָט באַשיינט די שיינע היים פון דעם שטרענגן מאַן אירן, דעם קרעמל־קאָמיסאַר. דאָס וואָס באָריסן האָט געפעלט האָט זי שוין געהאַט צופיל. עס האָט געווייעט פון איר מיט וואַרימקייט, מיט האַרציקייט און מיט ליבע. נישט אומזיסט האָט זיך די אַריסטאָקראַטישע יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ אַזוי שנעל באַפריינדעט מיט איר און מען איז געוואָרן די בעסטע פריינד.

ווען באָריס האָט דערזען מיכלען אין דעם גרויען אויסלענדישן צוזוג, האָט ער אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז צו די פיס און אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען.

— וואָס איז, באָריס, דיר געפעלט נישט דער אָנצוג? — האָט מיכל געפרעגט.

— דו ביסט אויסגעפּוצט ווי אַ פראַנט! — האָט באָריס אַ בורטשע געטאָן, — און דער אָרדן דיינער פּאַסט גאָרנישט צו דעם־אָ מלבוש. נעם כאָטש אַראָפּ דעם אָרדן ווען דו פּוצסט זיך אַזוי אויס.

— האָסט נישט רעכט, טאָוואַרישטש גאַרבער, — האָט זיך דער גענעראַל אַריינגעמישט, — ווען די פּאַרטיי און רעגירונג באַלוינט אַ מענטשן מיט אַן אָרדן אָדער אַ מעדאַל, דאַרף דער מענטש שטאָלצירן מיט דער באַ־

לוינונג און קיין מאָל די אויסצייכענונג פון דער ברוסט נישט אַראָפּנעמען.

— איז וואָס זשע טראָגסטו נישט דײַנע אָרדנס און מעדאַלן, גענעראַל? דו האָסט זיי אַ סך!

איוואַנאָוו האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן פאַר דער ברוסט און זיך באַלד צעלאַכט.

— שטענדיק, ווען איך טו אָן אַ ציווילן אָנצוג, פאַרגעס איך אָנצוהענגען מײַנע „צאַצקעס”. אָבער מיכאַיל איז דאָך נישט קיין מיליטער־מענטש. ער טראָגט שטענדיק ציווילע קליידער, דערפאַר דאַרף ער שטענדיק טראָגן זײַן אָרדן, אַז מענטשן זאָלן זען און האָבן רעספּעקט פאַר אים.

— נו, גענוג. עס וועט שוין אַוועק אַ גאַנג וועגן רעספּעקט... ס'אַ קלייניקייט! די רעוואָלוציע וועט פון דעם נישט ליידן! — באָריס האָט זיך געצוונגען אַ שמייכל צו טאָן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויבן־אָן ביים געדעקטן טיש און באַלד באַפוילן, — איך בין הונגעריק! — און צום גענעראַל האָט ער געזאָגט, — האָסט פאַרשפּעטיקט, טאָוואַרישטש איוואַנאָוו אויף צען מינוט; מיר וואַרטן מיטן עסן, וואָס־זשע, דו ווילסט מיך אויסהונגערן?...

מיכלען האָט געפרייט וואָס באָריס איז מער נישט אַזוי באַזאָרגט און פאַרביטערט ווי אַמאָל. כאָטש פון צייט צו צייט האָט ער דאָך באַמערקט אין זײַנע אויגן דעם ווילדן אויסשטראַל פון אַ גרויזאַמען מאַניאַק, וואָס האַלט אין זײַן בייזקייט און שפּילט אַ ראָלע פון אַ גוטהאַרציקן מענטשן. די קרענק ביי אים איז געוואָרן אַ פּערמאַנענטע. אָט ווערט ער ווייך ווי אַ לעמעלע און אָט ווערט ער ווילד ווי אַ טיגער. און וואָס וועט זײַן דער סוף?...

איין רעטונג איז דאָ פאַר באָריסן, — האָט מיכל אַ טראַכט געטאָן, — ער מוז איבעררייסן זײַן אַרבעט אין קרעמל. אָבער דאָס וועט ער קיינמאָל נישט טאָן...

מען האָט אָנגעהויבן צו עסן און טרינקען און מיכל האָט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן באָריסן. ער האָט זייער פיל געטרונקען און זיך געמאַכט פריילעך און לוסטיק און איז נאָך אַלץ געווען אין דער גוטער שטימונג וואָס ער האָט מיט זיך פון דאָרף געבראַכט. אַלץ איז איצט געגאַנגען גוט. פאַר די דריי וואָכן וואָס ער געפינט זיך אין מאָסקווע האָט ער שוין באַוויזן צו פאַרקויפן זײַן נייעם בוך און שליסן אַן אָפּמאַך מיטן רעגירונגס־פאַרלאַג. ער האָט שוין באַקומען פופציק פּראָצענט פון דער גרויסער סומע פאַרן פאַרקויפטן בוך און דאָס געלט אַרײַנגעלייגט אין דער מאָסקווער באַנק. צו קסעניאַן אין דאָרף האָט ער ווייניק געשריבן, ער איז פשוט פויל געווען צו

שרייבן. קיין געלט האָט ער איר אויך נישט געשיקט, ווייל אין דאָרף, ביי איר מוטער, דאַרף זי נישט קיין געלט. דאָך, האָט ער באַשלאָסן, אַז עס איז שוין צייט אַ טראַכט טאָן וועגן אַ דירה. באָריס קען אים דאָך העלפן. ער האָט פריילעך אויפגעהויבן זיין גלאָז מיט ווין און אויסגערופן:

— איך טרינק פאַר דעם נייעם סאָוועטישן לעבן־שטייגער, פאַר אַ שיין פאַמיליען־לעבן און פאַר אַ גוטער דירה. אָבער אַזוי ווי אַ גוטע דירה איז שווער צו באַקומען אַפילו פאַר אַ גוטן רוסישן שרייבער, אַ געטרייען קאָמוניסט און אַן אָרדן־טרעגער, טרינק איך דערפאַר פאַר אַ גוטן „בלאַט״!* ווייל ווי זאָגט מען דאָס: דער וואָס האָט בלאַט, דער האָט אַלץ! נו, און איך האָב דאָך! באָריס, דו ביסט מיין „בלאַט״ און דו דאַרפסט מיר העלפן קריגן אַ דירה, אַ שיינע דירה, אין איינעם פון די נייע אויסגעבויטע הייזער, אַנטקעגן קרעמל. אויב איך וועל נישט האָבן אַזאַ דירה וועט מיך מיין קסעניאַ מער נישט וועלן קענען, זי וועט זיך נאָך אין דאָרף פאַרליבן אין אַ סטאַכאַנאָווישן קאָלכאָזניק און איך וועל דאַן זיין אַ פאַרפאַלענער... ווילסטו, באָריס, אַז איך זאָל זיין אַ פאַרפאַלענער?...

מיכל האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, פאַרזעצן זיין וויצלדיקע רעדע, אָבער באָריס האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און מיט אַ ווילדער רציחה אויסגעשריגן:

שטיל זאָל זיין!

אַ דערשראָקענער האָט זיך מיכל צוריקגעזעצט און אַוועקגעשטעלט די גלאָז ווין אויפן טיש. ביי באָריסן איז דער כעס און די ווילדקייט באַלד פאַרשוווּנדן. ער האָט טרוקן אַ זאָג געטאָן:

— מיכאַיל, טרינק אויס דעם טאָסט דיינעם. און איך בעט דיך, איך זאָל פון דיר מער נישט הערן דאָס וואָרט „בלאַט״. איך האָב פיינט דאָס וואָרט, און דו, אַ שרייבער, דו דאַרפסט אַזאַ וווּלגאַר וואָרט נישט באַנוצן. וועסט מאָרגן פאַרנאַכט, איידער מען ענדיקט די אַרבעט אין די אַנשטאַלטן, קומען אין דעם וווינונגס־אַפּטייל און דו וועסט דאָרט באַקומען אַן אָרדער אויף אַ דירה אין אַ ניי־אויסגעבויט הויז. — ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ נאָטיץ־ביכל און גיך עפּעס אין דעם אַריינגעשריבן, דערנאָך געזאָגט, — וועסט נאָר זאָגן דיין נאָמען, וועט מען דיר דעם אָרדער געבן.

עס האָט עפּעס ביי באָריסן אין האַרצן געזאָטן ווי אַ צעקאָכטע לאַווע

* „בלאַט״ אין רוסיש איז דאָסזעלבע ווי אַ „פוש״ אין ענגליש.

אין אַ ווולקאַן. אַט איז דער ווולקאַן שטיל געוואָרן און אַט האָט ער אָנגע־הויבן ברויזן און זעצן מיט פייער און שטיינער. ער האָט זיך גאָרנישט גע־קענט העלפן. נאָך יאָרן שווערער און אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין קרעמל, ווו ער איז געזעסן און געהאָרכזאַם געליטן און געשוויגן און מיטגעמאַכט אַלע געמיינהייטן און פאַרברעכנס, געהיימע אינטריגעס און טויט־שלאַג ליקווידאַציעס, האָט ער ביי זיך אין דער היים, פאַר זיינע געציילטע הויז־פריינד געמוזט אַרויסווייזן זיין „משוגעת" מיט אַן אויפברויז פון אַ ווילדן פראָטעסט קעגן עפּעס אַ קלייניקייט...

ווען מען איז נאָכן עסן אַריבער אין אַ צווייטן צימער, האָט פאַליאַ גע־זאָגט צו מיכלען:

— באָריס האָט דיך ליב. ער וועט שוין אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן און זיך גריזשען פאַרוואָס ער האָט דיך באַליידיקט.

— ניין פאַליאַ, ער וועט זיך נישט גריזשען און ער וועט גראָד שלאָפן געשמאַק היינטיקע נאַכט, ווייל ער האָט שוין אַריינגעשריבן אין זיין נאָטיק־ביכל, אַז מען זאָל מיך באַזאָרגן מיט אַ דירה און דאָס האָט אים אָפּגעקילט און געשטילט זיין געמיט.

— אָ, ביסט אַ פּסיכאָלאָג, מיכאַיל. דערציייל בעסער וואָס עס מאַכט קסעניאַ און דאָס קינד. ווי איך האָב געהערט איז דאָס אַ שיין דאָרף! דער־מאָנסט גאָר קיין מאָל נישט נישט קסעניאַן און נישט דאָס קינד!...

גענעראַל איוואַנאָוו האָט דערהערט די לעצטע ווערטער און זיך אָנ־גערופן:

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיכאַילן? פרי:ער באָריס און איצט דו, פאַליאַ! וואָס ווילט איר פון אים?

— איך וויל, — האָט פאַליאַ געענטפערט און זיך דערביי געשאָקלט מיט איר פולבלעכן און דאָך שלאַנקן קערפּער, — אַז ער זאָל נישט פאַר־געסן אין זיין ווייב און קינד.

— צוליב וואָס זאָל ער זיי געדענקען? — האָט באָריס איצט גוטמוי־טיק געלאַכט, — אַז ער האָט דיך פאַליאַ פון איין זייט און דיך קאַטיאַ פון דער צווייטער זייט!... אָ, מיכאַיל איז אַ גרויסער באַבניק!... געדענק, גע־נעראַל, ער וועט נאָך ביי דיר צונעמען דיין ווייבל... פאַרוואָס דען מיינסטו וויל איך אים באַזאָרגן מיט אַ דירה וואָס שנעלער? איך וויל, אַז ער זאָל אַראָפּברענגען פון דאָרף זיין ווייב און קינד, זיך באַזעצן אין אַ שיינער דירה און ער זאָל אויפהערן נאָכלויפן אונדזערע ווייבער! זעט, גיט נאָר אַ קוק

אויף דעם בערדל וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזט... די ווייבער ווערן דאָך משוגע פאַר דעם בערדל!... ראַזיר עס אָפּ, מיכל, איך בעט דיך!...

עס איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער געלעכטער. דאָס רוישן און שרייען האָט זיך געטראָגן אַזוי הויך, אַז אַפילו דער גענעראַל האָט שוין אַ זאָג געטאָן:

— געגוג געהוליעט, מען הערט אַזש אויף דער גאַס!

אָבער באָריס האָט ווי שטענדיק נאָך זיינע ווילדע און רוצחישע אויסזעצונגען געטאָן אַלץ כדי צו פאַרגלעטן און גוט־מאַכן דאָס פּאַסירטע. ער האָט דערפאַר באַפוילן:

— לאַכט און הוליעט, עס איז מיין שטוב און איר זענט מיינע געסט! איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט. דו, מיכאַיל, דו האָסט דאָך אַ שיין קול. דו געדענקסט ווי מיר פלעגן אַמאָל זינגען? אַ נו, אַלע צוזאַמען!

און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט דאָס לידל וואָס מיכל און באָריס האָבן געזונגען:

„זשיווי, פּאָקאַ זשיוויאָטסיאַ,
פּאַי, פּאַי, פּאָקאַ פּאַיאָטסיאַ״...
(„לעב, ווייל עס לעבט זיך, זינג זינג, ווייל עס זינגט זיך״...)

די הוליאַנקע ביי באָריסן האָט זיך פאַרענדיקט אין אַ גוטער און פרייליכער שטימונג.

אויפן אַנדערן טאָג איז מיכל אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, כאָטש ער האָט זיך געלייגט שפּעט שלאָפן. ער האָט אין זיך געכאַוועט אַ גאַנצע נאַכט דעם געדאַנק, אַז היינט וועט ער באַקומען אַן אָרדער אויף אַ דירה אין איינעם פון די נייע הייזער וואָס מען האָט אויסגעבויט אין צענטער פון דער שטאָט, נישט ווייט פון דעם קרעמל, פון דעם רויטן פּלאַץ און פון דעם מאָסקווער טייך.

ער האָט זיך גיך אַרומגעוואַשן, געוואָלט אָפּגאָלן דאָס בערדל, אָבער נישט געהאַט קיין האַרץ... דאָס בערדל האָט דאָך טאַקע צוגעגעבן אַ געוויסן חן צו זיין גאַנצן אויסזען. ער האָט אָנגעטאָן דעם גרויען, אויסלענדישן אַנצוג, וואָס גענעראַל איוואַנאָוו האָט אים געשאָנקען, און ער האָט פון דעם לאַץ אַראָפּגענומען דעם רויט־פאָנענדיקן און מיט גאָלד באַצירטן שיינעמדיקן אָרדן. ער האָט געטראַכט: „פיליכט האָט טאַקע באָריס רעכט? מיט דעם־אָ אויסלענדישן, בורזשואַזן אַנצוג פּאַסט זיך עפּעס נישט דער אָרדן

פון דער רויטער פאָן". ער האָט דעם אָרדן אַרײַנגעלײגט אין אַ שופלאָד פון דעם קאָמאָד וואָס איז געשטאַנען אין דעם צימער, וואָס מען האָט פאַר אים אָפּגעגעבן. ער האָט גענומען אויסלײדיקן די קעשענעס פון זײַן אַלטן אַנצוג, און אַלע זײַנע פּערזענלעכע דאָקומענטן ווי אויך געלט און אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט דאָרט געפונען, האָט ער אויך אַרײַנגעלײגט אין דעם קאָמאָד.

עס איז געווען פרי. די איוואַנאָווס זענען נאָך געשלאָפן. ער האָט זיך געזעצט שרײַבן אַ בריוו צו קסעניאַן. פּלוצים האָט ער אויפגעהערט צו שרײַבן. ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט שוין פאַרענדיקן די בריוו ווען ער וועט באַקומען דעם אָרדער און ער וועט אָנקוקן די דירה. דאַן וועט ער אין דעם בריוו געבן באַשרײַבן די גאַס, דאָס אויסזען פון דעם הויז און די שײנ־קײט פון דער דירה. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן האַנט־זייגער און באַ־שטימט נישט צו וואַרטן ביז די איוואַנאָווס וועלן אויפשטײן. ער וועט פון שטאָט אָפּרופן קאַטיאַן און זיך אַנטשולדיקן פאַרוואָס ער האָט נישט גע־וואַרט ביז זי און איר מאַן וועלן אויפשטײן און ער האָט נישט געגעסן מיט זײ צוזאַמען קײן פרישטיק. ער וועט זיך אַרײַנכאַפּן אין אַ רעסטאָראַן און עפּעס דאָרט איבערכאַפּן. דאָס וואָרט „רעסטאָראַן" האָט אים דערמאָנט, אַז ער דאַרף האָבן געלט. ער איז צו צום קאָמאָד, געעפנט דעם שופלאָד און גע־נומען די פּאָרטמאַנע אין וועלכן ער האָט אַביסל געלט און אויך זײַן פּאַס־פּאָרט געהאַט. די איבעריקע דאָקומענטן, זײַן פּאַרטײאישן בילעט, זײַן מיט־גליד־ביכל פון דעם שרײַבערישן פאַרבאַנד, ווי אויך אַנדערע וויכטיקע און נײטיקע פּאַפּירן האָט ער איבערגעלאָזט אין דעם שופלאָד, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז עס איז זײער נײטיק די אַלע דאָקומענטן שטענדיק מיט זיך מיטצוטראָגן.

54.

ער איז אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט באַשטימט זיך דורכגײן. ער האָט געהאַט פיל פרײַע צײַט. ער האָט באַשטימט גײן איבער אַלע גאַסן אַזוי לאַנג ביז ער וועט הונגעריק ווערן. ער וועט גײן און זיך ליבן מיט דער שײנער מאָסקווע, מיט די נײַע גאַסן און די נײַע אויסגעבויטע און אויך ווי־דער איבערגעבויטע הײַזער. אָט איז דער נײַער שאָסײ וואָס פירט פון אײן עק מאָסקווע צום צווייטן, פון דעם קורסקער וואָקזאַל ביז צו דעם בריאַנס־

קער. און אָט הייבט זיך אויף אַ גיגאַנטישער טורעם מיט פיל שיינע הייזער אַרום אים, און די הייזער טונקען אין גרינקייט פון אַ פּראַכטפולן גאָרטן, — דאָס איז דער ערשטער מאָסקווער אוניווערסיטעט אויף לענינס נאָמען. און אָט ציִען זיך גאַסנווייז נייע הייזער פאַר אַרבעטער. אמת, די הייזער זענען נישט אַזעלכע באַקוועמע ווי פאַר די גרויסע און אַפילו קליינע קאָמיסאַרן, דאָך זענען די נייע אַרבעטער־הייזער בעסער פון די אַלטע, ענגע און שמוציקע שטיבער אין וועלכע עס לעבן די גרעסטע מערהייט פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט.

אויף איין גאַס האָט מיכל דערזען אַ ניי־געעפנטע אוניווערסאַלע קראָם מיט גרויסע שויפענצטער, אַ נייע בעקעריי, אַ מאָדערנע פריזור־אַנשטאַלט און אַ שוך־ און קליידער־געשעפט. די פאַרקויפער זענען אויסגעפּוצטע, לייטיש־אינטעליגענטע, זיי בייגן זיך פאַר יעדן איינעם וואָס קומט אַריין, אָבער די פרייזן זענען דאָ נישט קיין געוויינלעכע ווי אין אַלע רעגירונגס־קראָמען, נאָר „קאָמערטשעסקע", נישט קיין צוגענגלעכע פאַר אַן אַרבעטער און עס קומען אַהער נאָר וואָזשנע פערזענלעכקייטן, פאַראַנטוואָרטלעכע טוער, אַר־מיי־פירער, פאַרטיי־סעקרעטאַרן, וויכטיקע פּראָפעסיאָנאַלן און גרויסע קאָ־מיסאַרן.

און אָט איז אַ רעסטאָראַן וואָס געפינט זיך אין דער זייט פון דעם אַלט־מאָדיש־אַריסטאָקראַטישן האָטעל וואָס הייסט „מאָסקאָווסקאַיאַ גאָסטיניצאַ". ביים אַריינגאַנג פון דעם האָטעל הענגט אַ ריזיקער פּאָרטרעט פון סטאַלינען. צוליב וואָס?... מיכל קען גוט דעם האָטעל און דעם רעסטאָראַן דערביי. זאָל ער אַריינגיין עסן אַ גוטן פרישטיק אָדער נאָך צוואָרטן? ער איז עפּעס נאָך נישט הונגעריק. ער איז נאָך זאַט פון דער נעכטיקער הוליאַנקע ביי באָריסן.

ער האָט זיך געלאָזט גיין ווייטער. ער האָט זיך דערנענטערט צום קרעמל. מען האָט אויף די שפּיצן פון די אַלטע סלאַווישע קלויסטערס וואָס געפינען זיך אין קרעמל, געהאַט אויפגעשטעלט, אַנשטאָט די פריִערדיקע גאָלדענע צלמים, רויטע, רובינאָווע שטערן. אינעווייניק, אין די רובינאָווע פינף־עקיקע שטערן זענען דאָ עלעקטרישע לאָמפּן און ביינאַכט שיינען די שטערן מיט די לאָמפּן אַזוי הערלעך איבערן גאַנצן רויטן פּלאַץ און איבער גאַנץ מאָסקווע. בייטאָג, אַנטקעגן דער זון, וואַרפן די שטערן אויף אָפּ אַ מין רויטלעך פאַרכישופטן שיין. כאָטש מיכל האָט שוין פיל מאָל געזען די שטערן אויף די הויכע קופּאָל־שפּיצן וואָס רייסן זיך פון קרעמל צום הימל צו, דאָך האָט עס אים געצויגן ווידער און ווידער אויף זיי צו קוקן. ער איז נענטער

צוגעקומען צום קרעמל און ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ. פון דעם גרויסן קרעמל־טויער איז אַרויסגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל. מיכל האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און דערנאָך דורך דעם צעפּראַלטן טויער פון קרעמל האָט ער באַמערקט, אַז אינעווייניק איז דאָ אַ זייגער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם זייגער און דערנאָך אויף זיין האַנט־זייגערל. ער האָט עס אָנגעצויגן און אָנ־געשטעלט אין דעם זעלבן גאַנג און צייט וואָס דער קרעמל־זייגער האָט באַוויזן.

מיכל איז אַוועק פון דעם קרעמלס טויער און ער האָט זיך געלאָזט גיין פּאַזע דער קרעמל־וואַנט צום מאָסקווער טייך, ווו מען האָט געבויט אַ נייע בריק. פון דעם מאָסקווער טייך איז ער צוריק צוגעקומען צום קרעמל. עס האָט זיך גראָד אין דער צייט ווידער צעעפנט דער גרויסער טויער פון קרעמל און עס איז ווידער אַרויסגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל. מיכל האָט דורך דעם צעעפנטן טויער ווידער אַריינגעקוקט אין קרעמל און ווידער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. עס איז נאָך אַלץ געווען פרי. ער האָט באַשטימט צו גיין צו דער מלוכה־ביבליאָטעק וועלכע געפינט זיך טאַקע דאָ נישט ווייט פון קרעמל. אויף די טרעפּ, ביים אַריינגאַנג אין ביבליאָטעק, האָט אים אַ מיליציאָנער פאַרהאַלטן.

— וואָשי דאָקומענטי! אייערע דאָקומענטן!

— צוליב וואָס? — האָט מיכל געפרעגט.

עס האָט נישט געהאָלפן קיין רייד. מיכל האָט געמוזט וויזן זיינע דאָ־קומענטן. ער האָט אָבער מער ווי זיין פּאַספּאָרט און אַביסל געלט ביי זיך נישט געהאַט. דער מיליציאָנער (פּאָליציאַנט) האָט צוגענומען מיכלס פּאָרט־מאָנע מיטן פּאַספּאָרט און מיטן געלט און געזאָגט:

— איך וועל דיך מוזן אָפּפירן אין דער ג.פּ.או.

— אין דער ג.פּ.או.? — האָט מיכל אַ ציטער געטאָן, — פאַרוואָס?...

— דאָרט וועט מען זיך שוין פונאַנדערקלייבן! — האָט דער מיליציאָ־נער שטרענג אַ זאָג געטאָן.

— האָסט נישט קיין רעכט מיך צו אַרעסטירן אין מיטן דער גאַס! — האָט מיכל אַ פאַרצווייפלטער אויסגעשריגן, — אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוואָס אַרעסטירט מען נישט קיין מענטשן! איך בין אַ סאָוועטישער שרייבער, אַ קאָמוניסט און אַן אָרדן־טרעגער! דו האָסט נישט קיין רעכט מיך צו אַרעסטירן!

— אַזוי גאָר? כאַ, כי, כי... — האָט דער מיליציאָנער זיך צעלאַכט, — דו ביסט אַפילו אַן אָרדן־טרעגער!... איך זע ביי דיר נישט קיין אָרדן!...

— איך האָב אים איבערגעלאָזט אין דער היים!

— נו, גוט!... מען וועט זיך שוין אין דער ג.פּ.או. פונאַנדערקלייבן! — דער מיליציאָנער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ קליין מעסערל, אָפּגעשניטן אַלע קנעפּלעך פון מיכלס הויזן און צוגענומען ביי אים דעם רימען. מיכל האָט געמוזט אונטערהאַלטן די הויזן מיט די הענט, אַז זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן. עס האָבן זיך אַרומגעשטעלט מענטשן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען דער ביבליאָטעק, געקוקט ווי מיכל האַלט צו די הויזן, אַז זיי זאָלן נישט אַראָפּפאַלן און ווי דער מיליציאָנער באַטאַפּט אים און זוכט אַרום אין אַלע זיינע קעשענעס. פּלוצים האָט דער מיליציאָנער חיהש אַ רעווע געטאָן: — ראַזאַידיס!... (גייט אייך פונאַנדער) — און די מענטשן זענען זיך צעלאָפן. דאַן האָט דער מיליציאָנער געזאָגט צו מיכלען: — עס איז דאָ נישט ווייט, אויף לוביאַנקע גאַס, ביי דעם ווינקל פון דער מיאַסניצקי גאַס! — און ער האָט באַפוילן: — גיי פאָרויס און טראַכט נישט צו אַנטלויפן, ווייל דו וועסט פאַרלירן דיינע הויזן און איך וועל שיסן!...

— אויף לוביאַנקע גאַס?! — האָט מיכל אין שרעק איבערגעזאָגט, — דאָס איז דאָך די צענטראַלע, די הויפּט־קוואַרטיר פון דער ג.פּ.או.!...

— אַהאַ, דו ווייסט דאָס? נו, גיי!...

ווען מען איז צוגעקומען צו דער לוביאַנקע גאַס און מען איז אַריין אין דעם אייזערנעם טויער פון דער שרעקלעכער ווייסער ג.פּ.או.־געביידע, האָט מיכל באַמערקט, אַז איינער, אַ ציוויל־געקליידטער פאַרשוין, וועלכן ער האָט פריִער באַמערקט אַרומשפּאַצירן נישט ווייט פון קרעמל, האָט געזאָגט צום מיליציאָנער:

— פיר אים אַריין אין קאַמער זיבן!

דער מיליציאָנער האָט אים געפירט איבער אַ ברייטן און לאַנגן, זייער ליכטיקן קאָרידאָר מיט פילע אייזערנע און הילצערנע טירן. אויף די אייזערנע טירן זענען געווען נומערן און אויף די הילצערנע — זילבערנע און גאָלדענע אויפשריפטן. איינעם אַזאַ אויפשריפט האָט מיכל באַוויזן איבערצולייענען: „סליעדאָוואַטיעל ווטאָראָוואָ אָטדיעלאַ, טאָוואַרישטש פּעטרושקין" — (אויספאָרשער פון צווייטן אָפּטייל, חבר פּעטרושקין). דער מיליציאָנער האָט מיכלען צוגעפירט צו אַ שוואַרצער אייזערנער טיר מיט אַ ווייסן נומער „7" און ער האָט אַן עפן געטאָן די טיר און אַריינגעשטופּט

מיכלען אין אַ שמאָלן און לאַנגן, זייער ווייס געקאַלכטן צימער, אין וועלכן עס איז זייער ליכטיק געווען. קיין שום מעבל איז דאָ נישט געווען. עס איז געווען פוסט און שרעקלעך ווייס... מיכל איז געשטאַנען אין מיטן פון דעם ליידיקן צימער און באַטראַכט די הוילע ווייסע ווענט. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין וואָס עס איז פאָרגעקומען און פאַרוואָס מען האָט אים גאָר פּלוצים אַרעסטירט. איין זאַך איז אים אָבער קלאָר געווען: דאָס איז נישט קיין טורמע, דאָס איז די צענטראַלע און די הויפּט־קוואַרטיר פון דער ג.פּ.או. איבער דעם גאַנצן סאָוועטישן לאַנד, איבער אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן. לאַנג האַלט מען דאָ קיינעם נישט. מען מאַכט דאָ אַלץ שנעל, מען שיסט אָדער מען פאַרשיקט...

באַלד האָט זיך מיט רעש צעעפנט די טיר און דער ציוויל־געקליידעטער פאַרשוין, וועלכן מיכל האָט געהאַט געזען אַרומשפּאַצירן נישט ווייט פון קרעמל, איז אַריינגעקומען און האָט אַ פרעג געטאָן ביי אים:

— ווער ביסטו?

— מיין נאָמען איז מיכאַיל קרוגער! איך בין אַ סאָוועטישער שרייבער...

— ניין, נישט דאָס פרעג איך! ווער ביסטו?... דו ווייסט שוין וואָס איך מיין. זאָג דעם אמת און פאַרוווע נישט קיין שטיק. מיר קענען דיך און מיר ווייסן אַלץ!

— איר קענט מיך און איר ווייסט אַלץ... — האָט מיכל זיך געוווּנדערט, — איז פאַרוואָס האָט איר מיך אַרעסטירט?

— וואָס טוסטו דאָ אין מאָסקווע? — האָט דער פאַרשוין ווידער געפרעגט, איגנאָרירנדיק מיכלס רייד.

— איך בין אַ רוסישער שרייבער, אַלע ווייסן, מען קען מיך... איך פאַרשטיי נישט אייער פראַגע! וואָס האָב איך דען אַזוינס געטאָן? וואָס ווילט איר פון מיר? אין וואָס באַשולדיקט איר מיך?...

דער פאַרשוין האָט ווידער איגנאָרירט מיכלס רייד. ער האָט געפרעגט:

— וואָס אינטערעסירט דיך דאָ אין מאָסקווע?

— וואָס הייסט וואָס? — האָט מיכל צעטומלט איבערגעפרעגט, — אַלץ אינטערעסירט מיך דאָ! איך בין דאָך אַ סאָוועטישער בירגער! איך בין אַ קאָמוניסט, אַ שרייבער און אַן אָרדן־טרעגער! יאָ־יאָ, מען האָט מיך באַלוינט מיט אַן אָרדן פון דער רויטער פאָן פאַר מיין העראָאישער טעטיקייט אין שאַפן איינעם פון די גרעסטע קאָלכאָזן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד!

דער פאַרשוין האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן.

— און וואָס נאָך וועסטו זאָגן?
— מער גאָרנישט. איך ווייס דאָך נישט וואָס איר ווילט פון מיר?
— ווער האָט דיך געשיקט קיין מאָסקווע?
— איך פאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט? וואָס הייסט דאָס ווער עס האָט מיך געשיקט קיין מאָסקווע?... פאַר וועמען נעמט איר מיך אָן? — און פלוצים האָט ער פאַרלוירן דעם מוט. ווער ווייסט וואָס מען טראַכט דאָ וועגן אים. מען מוז זיך ראַטעווען, וואָס גיכער זיך אַרויסראַטעווען פון דאַנען! מען דאַרף רעדן קלאָרע ווערטער, כל־זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט. מען דאַרף זיך פאַררופן אויפן גענעראַל איוואַנאָוו, זאָגן דעם אמת, אַז ער וווינט ביי אים ביז ער וועט באַקומען אַ דירה. יאָ, היינט דאַרף ער באַקומען אַ דירה. באַריסן וועט ער נישט דערמאָנען. אָבער טאָמער וועט האַלטן שמאָל, וועט ער זיך שוין מוזן אויך אויף באַריסן פאַררופן. און דער שרייבער־פאַראיין, און די רעגירונגס־פאַרלאַגן, מען קען דאָך אים דאָ גוט, אין מאָס־קווע... ער האָט אַ זאָג געטאָן: — איר נעמט מיך ווי עס ווייזט אויס אָן פאַר אַן אַנדערן. אָבער הערט זיך צו און פאַרשרייבט מיינע רייד. רופט שוין אָפּ דעם גענעראַל איוואַנאָוו, איך שטיי איין ביי אים ביז איך וועל קריגן אַ דירה. יאָ, היינט טאַקע דאַרף איך באַקומען דעם אָרדער אויף אַ דירה אין אַ ניי הויז. וואָס, איר גלייבט מיר נישט? איר קענט אויך אָפּרופן אין דעם פאַראיין פון די סאָוועטישע שרייבער און אין דעם מאָסקווער רעגירונגס־פאַרלאַג. מען קען מיך דאָרט. מען וועט אייך אַלץ זאָגן וועגן מיר. און אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי פרעגט זיך אָן! פאַרוואָס פאַרשרייבט איר נישט מיינע ווערטער? איז אַ מענטש טאַקע ביי אייך אַזוי הפקר?...

דער פאַרשוין האָט אים באַטראַכט מיט אַ פּאָר מוטנע אויגן און עפּעס אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען. דערנאָך האָט ער אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער צו דער סטעליע.

— זעסט דאָס קעסטעלע? דאָס איז אַן אַפּאַראַט. מען הערט אַלץ וואָס דו רעדסט אין אַלע אָפּטיילונגען. עס ווערט יעדעס וואָרט דיינס פאַרשריבן. דו רעדסט אַ פיינעם רוסיש, אָן שום אויסלענדישן אַקצענט. קומסט נישט פון אויסלאַנד?

— איך בין קיינמאָל נישט געווען אין אויסלאַנד!
— און נישט פון אַ משוגעים־הויז?
— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?...

ביידע האָבן זיך צעלאַכט. דער פאַרשוין איז באַלד אַרויס און פאַר־

האָקט אונטער זיך די טיר. מיכל האָט ווידעראַמאָל אַ קוק געטאָן צו דער סטעליע און באַמערקט דאָס קעסטעלע... יאָ, עס איז אַן אַפּאַראַט... די נייסטע טעכניק. עס פֿאָטאָגראַפֿירט יעדער באַוועגונג, יעדער מימיק, יעדן זשעסט און יעדער אויפֿפֿירונג פֿון דעם אַרעסטירטן. אײַנצײַטיק כאַפּט דער אַפּאַראַט אויף יעדן קלאַנג, יעדן קרעכץ, יעדעס וואָרט און יעדער פֿרייד אָדער וויי... אויטאָמאַטיש ווערט פֿאַרשריבן דער געשפּרעך, די פּראָגעס פֿון דעם אויספֿאָרשער און די ענטפֿערס פֿון דעם אַרעסטירטן. מיכל האָט טאַקע עפּעס געהערט וועגן אַזאַ אַפּאַראַט אָבער ער האָט נישט געוואָלט גלייבן, אַז עס איז גאָר מעגלעך אַזעלכעס. און איצט איז ער שוין איבערצייגט: עס איז דאָ!... יאָ־יאָ, קאָמוניסטן, אַז זיי ווילן, האָבן זיי אַלץ!... נו, און דעם געדאַנק קענען זיי אויך קאָנטראָלירן? אָ, ניין, דאָס נישט! און אפשר יאָ? דאַן איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן, דאַן איז טויט!...

די טיר האָט זיך ווידער צעעפֿנט און אַ וועכטער אין דער ג.פּ.או.־אוניפֿאָרם האָט מיכלען אַרויסגערופֿן און אים אָנגעהויבן פֿירן איבערן לאַנגן קאָרידאָר. ביי אַ טיר מיט אַ גאָלדענעם אויפֿשריפֿט האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. דער וועכטער האָט אָנגעקלאַפּט. די טיר האָט זיך צעעפֿנט. מיכל איז אַריינגעקומען אין אַ שיינעם אויסגעפּוצטן צימער. ביי אַ שרייבטיש איז דאָרטן געזעסן אַן עלטערער מענטש, אָנגעטאָן אין אַ מיליטערישן מונדיר און באַהאָנגען מיט אַ פֿולער ברוסט אָרדנס און מעדאַלן.

— זעצט זיך! — האָט דער מיליטערמאַן געזאָגט.

מיכל האָט צוהאַלטנדיק די הויזן, אַז זיי זאָלן נישט אַראָפּפֿאַלן, זיך צוגערוקט צום אָנגעוויזענעם שטול לעבן שרייבטיש און זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט באַמערקט, אַז אויפֿן שרייבטיש ליגן אַלע אָפּגעשניטענע קנעפּלעך פֿון זיינע הויזן, דער רימען און די פֿאַרטמאַנע אין וועלכער עס געפֿינט זיך זיין פּאַספּאָרט און זיינע עטלעכע רובל.

דער מיליטער־מאַן האָט אַרויסגענומען פֿון דער פֿאַרטמאַנע דעם פּאַספּאָרט, אַ קוק געטאָן אויף דעם בילד, דערנאָך אויף מיכלען און געפֿרעגט:

— איז דאָס אייער פּאַספּאָרט?

— יאָ, דאָס איז מיין פּאַספּאָרט!

— אין דער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם פּאַספּאָרט זענט איר אָן אַ באָרד...

— איך האָב זיך פֿאַרלאָזט אַ באָרד.

— און וואָס האָט איר געטאָן ביים קרעמל? — האָט דער מיליטערמאַן שטרענג אַ זאָג געטאָן.

— איך האָב געקוקט אויף די רובינאָווע שטערן וואָס האָבן פאַרביטן די צלמים פון די הויכע קופּאָלן איבער די אַמאָליקע קלויסטערס אין דעם קרעמל.

— רעדט קלאָר! וואָס מיר שטערן, וועלכע צלמים! — האָט דער מי־ליטערמאַן, וועלכער איז דער הויפּט־אויספאָרשער פון דער צענטראַלער ג.פּ.או. געווען, אויסגעשריגן, — הערט זיך אויף צו מאַכן נאַריש און זאָגט דעם אמת, וואָס האָט איר פּלאַנירט צו טאָן ווען איר האָט זיך אומגעדרייט אַרום דעם קרעמל?!

מיכלען איז איצט אַלץ קלאָר געוואָרן: „איז אָט פאַרוואָס מען האָט אים אַרעסטירט? מען איז אים חושד, אַז ער האָט געוואָלט באַגיין עפּעס אַן „אַקט" ביים קרעמל!" — ער האָט זיך צעלאַכט.

— איצט פאַרשטיי איך שוין וואָס איר ווילט פון מיר. עס איז פּראָסט־פּשוט. איר קענט איינס און צוויי קאָנטראָלירן מיינע רייד און זיך דערוויסן צי איך זאָג אייך דעם אמת.

עס איז נאָך אַלץ אין דעם גאַנצן לאַנד און איבערהויפּט אין מאָסקווע אומגעגאַנגען אַ ווילדער געיעג נאָך „שונאים" און אַ קרענקלעכער פאַר־דאַכט, אַז עמיצער פּלייסט זיך צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויף סטאַלינען און אויף זיינע נאָענטסטע אַרויסהעלפער. אַרום אַלע פּאַרטייאישע און רעגי־רונגס־אַנשטאַלטן, און די הויפּט־זאַך אַרום דעם קרעמל האָט מען פאַר־שטאַרקט די וואַך פון די געהיימע, ציוויל־געקליידעטע ג.פּ.או.־אַגענטן. יע־דער איינער, צי ער איז געווען אַ מיליטער־געקליידטער ג.פּ.או.־קאָמיסאַר, צי אַ ציוויל־געקליידטער ג.פּ.או.־קאָמיסאַר, האָט געוואָלט זיין דער ערשטער צו כאַפּן דעם ריכטיקן „שונא", וועלכער וויל דווקא דערמאָרדן אין מיטן העלן טאָג סטאַלינען... פאַר כאַפּן אַזאַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער וואָלט מען, פאַרשטייט זיך, באַקומען אַ העכערן ראַנג און נאָך אַ גאָלדענעם מעדאַל דער־צו. דערפאַר האָבן די אויספאָרשער, די פּראָקוראָרן און די אַנדערעליי קאָ־מיסאַרן אין אַזאַ פאַל זיך געאיילט וואָס שנעלער אויסצופאָרשן דעם „פאַר־ברעכער" און פעסטשטעלן די פאַקטן... אין אַנדערע פאַלן האָבן זיך גאָר די ג.פּ.או.־קאָמיסאַרן נישט געאיילט. מען האָט אַן אַרעסטירטן מענטשן גע־קענט פאַרשיקן און אין אים פאַרגעסן, אָדער גאָר אים באַלד שיסן אָן שום אויספאָרשונגען און אַזוי־אַרום אַראָפּפּטרן אַן איבעריקן עול...

יאָ, אין דעם פאַל איז טאַקע געווען אַזוי ווי מיכל האָט זיך אויסגע־דריקט: איינס און צוויי. נאָך באַלד, ווען דער ערשטער אויספאָרשער, דער

ציוויל־געקליידטער פֿאַרשוין, האָט מיכלען אויסגעפֿרעגט, האָבן אַלע אַנדע־רע קאָמיסאַרן פֿאַרשריבן ביי זיך די ענטפֿערס וואָס מיכל האָט געגעבן. מען האָט אויף שנעל זיך צעקלונגען אין אַלע טעלעפֿאָנען און זיך נאָכגעפֿרעגט ווו מען דאַרף. עס זענען באַלד אָנגעקומען ענטפֿערס פֿון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פֿון דער פֿאַרטיי, פֿון דעם אינערלעכן און אויסערלעכן מיניס־טעריום, פֿון דעם קרעמלס ספּעץ־אָפּטייל (איבער וועלכן באַריס איז דער קאָמיסאַר) און אַפֿילו פֿון דער צענטראַלע פֿון אַלע משוגעים־הייזער. אַלע ענטפֿערס זענען געווען גינסטיקע פֿאַר מיכלען. דעם הויפּט־אויספֿאָרשער איז איצט געבליבן צו טאָן איין זאַך: זיך אַנטשולדיקן פֿאַר מיכלען און אים פֿריי לאָזן. אָבער דער אַלטער פּאָליציי־הונט אין דער מיליטערישער אוני־פֿאָרם האָט נישט געוואָלט אַזוי שנעל אַרויסלאָזן דעם געשמאַקן ביסן פֿון זיינע ציין. ער האָט נאָך געהאַלטן אין איין פֿרעגן און פֿרעגן ביי מיכלען „פֿאַרוואָס און פֿאַרוועך"... ער האָט אַ ברום געטאָן:

— דו לערן מיך נישט וועגן „איינס און צוויי"! ווען מען דאַרף, מאַכן מיר דאָס געשווינד און ווען מען דאַרף, קענען מיר אַזאַ איינעם ווי דו פֿאַר־שיקן צו די ווייסע בערן, אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון דער ערד, ווו די נאַכט דויערט גאַנצע זעקס חדשים. — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיכלען און פּלוצים געזאָגט: — אַ שרייבער, אַ? שיק מיר צו דיינס אַ בוך, איך וועל עס איבערלייענען. — ער האָט זיך ווידער צוגעקוקט צו מיכלען, זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און עפּעס אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבער זיין גע־קנייטשט פּנים און געזאָגט: — דער אָנצוג אייערער, עפּעס אויסלענדישעס שמעקט פֿון דעם אָנצוג! און דאָס בערדל אייערס? ראַזירט דאָס אָפּ! און אַז מען גייט פֿאַרביי דעם קרעמל דאַרף מען זיך נישט אָפּשטעלן און אַריינ־שטעקן דעם קאָפּ אין דעם טויער! מען דאַרף זיך אויך נישט אַרומדרייען אַהין און צוריק! דו ווייסט דאָך, שונאים לויערן אויף אונדז, און יעדער איי־נער איז אונטער אַ פֿאַרדאַכט! און דאָ קומט איר מיט אייער אויסלענדישן פֿאַר־דעכטיקטן אויסזען און מיט אייער דרייען זיך אַרום דעם קרעמל... טוט דאָס מער נישט. אומזיסטע קאָפּדרייעניש אונדז פֿאַרשאַפֿט! — ער האָט אויס־געשטרעקט צו מיכלען אַ שווערע ביינערדיקע האַנט און גאָר ווייך געזאָגט: — אַנטשולדיק אונדז פֿאַר די פֿאַר נישט אָנגענעמע שעה, טאָוואַרישטש קרוגער!

מיכל האָט אָפּגעאָטעמט פֿריי און ער האָט נאָך געפֿונען אין זיך מוט פֿאַר אַביסל הומאָר:

— פאַרקערט, טאָוואַרישטש הויפּט־אויספאָרשער, עס האָט מיר פאַר־שאַפט גרויס פאַרגעניגן! איך זע דאָך איצט, אַז די ג.פּ.או. אַרבעט שנעל און אויסגעצייכנט!

דער מאַן אין די מיליטער־קליידער האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן און אַ קלונג געטאָן אין איינעם פון די פיל עלעקטרישע גלעקלעך דורך אַ קוועטש מיט אַ פינגער אין איינעם פון די פיל ווייסע און שוואַרצע צייכנס אויף זיין שרייבטיש. עס איז באַלד אַריינגעקומען אַ סאָלדאַט. דער הויפּט־אויספאָר־שער האָט באַפוילן:

— ניי צו די קנעפּלעך צוריק ווי עס דאַרף צו זיין. זע, פאַרטאַטשעווע נישט!

דער אַריינגעקומענער סאָלדאַט האָט געכאַפּט די קנעפּלעך פון טיש און איז צו צו מיכלען. ער האָט יעדעס קנעפּל צוגענייט אויף דעם זעלבן אָרט ווו עס איז פריִער געווען און דערנאָך האָט ער נאָך אויך דערלאַנגט מיכלען זיין רימען. מיכל האָט פאַרקנעפּלט די הויזן, אָנגעטאָן דעם רימען און אַריינגעלייגט זיין פאַרטמאַנע מיטן פּאַספּאָרט און דאָס ביסל געלט אין דער בוזעם־קעשענע פון זיין רעקל. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם סאָל־דאַט און אים האָט זיך פאַרגלוסט צו לאַכן, ווייל עס איז אים באַפאַלן אַ חשק צו געבן דעם שניידער־סאָלדאַט אַ רובל „נאַ טשאַי" פאַרן צונייען צו־ריק די קנעפּלעך צו זיינע הויזן. ער האָט זיך קוים באַהערשט נישט צו טאָן די נאַרישקייט. ער האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט: — „דאָסווידאַניע" און איז אַרויס פון דעם אויספאָרשערס צימער.

ער האָט פאַרלאָזט די צענטראַלע פון דער ג.פּ.או. אין אַ מאָדנער שטי־מונג. ער האָט געהאַט אַ געפיל פון עקל און רחמנות צו די מענטשן וואָס האָבן אים אויסגעפרעגט און „באַדינט". ער איז איצט אַ פרייער מענטש און זיי זענען גאָר די פאַרשפאַרטע... ער אָטעמט מיט געזונטער לופט פון אַ סוף־זומערדיקן טאָג און ער שפּאַנט אַן אויפגעברויזטער, אַן עקזאַלטירטער אי־בער די מאָסקווער גאַסן וואָס שטייען אויף דער ערד, וועלכע גאָט האָט אַמאָל באַשאַפן. עס איז דאָך פאָרט גאָטס ערד און גאָטס וועלט... אָבער זיי דאָרט אין דעם געפּאַנצערטן מויער פון דער צענטראַלער ג.פּ.או. — זיי זענען פאַרשפאַרט און גאָטס קללה לויערט איבער זיי...

דערנאָך זענען אָט די־אָ אַלע אויסטערלישע געדאַנקען פון מיכלס קאָפּ פאַרשוווּנדן. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם. ער האָט געהאַט פאַרגעניגן פון דעם גיין. פּלוצים האָט ער דערפילט אַ מידקייט. ער האָט געוואָלט צוקומען

צו אַ סקווער, אַ גאָרטן אָדער גלאַט אויף דער גאַס געפֿינען אַ באַנק און זיך אָװעקזעצן און זיך אָפּרוען. עס איז אים אויך אַ הונגער באַפֿאַלן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין האַנט־זייגערל. עס איז שוין געווען האַלב נאָך פיר. פינף אַזייגער פֿאַרמאַכן זיך די אַנשטאַלטן. ער האָט דערזען אַ טאַקסי. ער האָט זיך אַריינגעזעצט און געהייסן דעם שאָפער אים פירן צום הויפט־אַנ־שטאַלט פון דעם מאָסקווער וווינונגס־אָפּטייל.

דער אָרדער פאַר אַ דירה אין איינעם פון די נייע, ערשט אויסגעבויטע הייזער איז שוין פאַר אים געווען אויסגעשריבן און צוגעגרייט. אַ מיידל ביי אַ שרייבטיש האָט אים אונטערטעניק צוגעטראָגן דעם אָרדער און אים גע־בעטן זיך אונטערשרייבן אין דעם גראָבן רעגיסטריר־בוך, אַז ער האָט פער־זענלעך דעם אָרדער באַקומען. זי האָט מיט פאַרליבטע אויגן געקוקט אויף מיכלען. פאַר איר איז דאָס געווען אַ גרויס גליק צו רעדן מיט אַ שרייבער, מיט אַן אויטאָר פון אַ בוך וואָס זי האָט געלייענט.

.55

די נייע דירה האָט זיך געפונען אויף דער סאַדאָווע גאַס. דאָס גאַנצע ווייסע הויז מיט די געשניצטע, געמאָלטע און אויסגעאָסענע אָרנאַמענטן, פאַרמעס פון סערפּ און האַמערס און ביקס און שווערדן, ווי אויך ביכער מיט פאַקעל־פייערן אויף די ווענט, און מיט ברייטע באַלקאָנען וואָס האָבן זיך צעשטעלט רייענווייז איבער אַלע שטאָקן פון יעדער דירה, — דאָס אַלץ האָט אַריבערגעקוקט צו די אַנדערע גאַסן מיט שטאָלצער באַרימערישקייט.

מיכל האָט אָפּגעגעבן דעם אָרדער צום פאַרוואַלטער פון הויז. יענער האָט אים געגעבן אַ שליסל צו זיין דירה. דאָס גאַנצע הויז איז שוין געווען באַוווינט מיט גאָר וויכטיקע פאַרשוינען, וועלכע האָבן פאַרנומען הויכע פּאָ־זיציעס אין די פירנדיקע אָרגאַנען פון מאָסקווע. עס זענען נאָך געבליבן נישט־באַוווינטע עטלעכע דירות און מיכל האָט געהאַט דאָס מזל צו באַקו־מען אין דעם־אָ שטאָלצן און באַרימערישן הויז פאַר אויסדערוויילטע „קאָ־מיסאַרן" אַ זיבן־צימערדיקע דירה, אויף דעם העכסטן, דעם זיבעטן שטאָק. ער איז אַרויפגעפאָרן מיט דער ווינדע, אַ שפּאַן געטאָן איבערן קאָרידאָר און צווישן די פיל לויכטנדיקע נומערן אויף די פריש־געפאַרבטע טירן האָט ער דערזען זיין נומער: „77". ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „טשיקאַווע, דער ציפער „זיבן" פיגורירט ווי אַ סימבאָל. נו, זאָל דאָס זיין צום גוטן!".

ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר און איז אַריין. די פרישקייט פון די בלווילעכע פאַרבן אויף די ווענט און די ליכטיקייט פון די גרויסע פענצטער האָבן אים איבערראַשט. אַלץ איז דאָ געווען געבויט לויטן לעצטן וואָרט פון דער אַר־כיטעקטור־טעכניק און קונסט, אויטאָמאַטיש און עלעקטריש. ער איז איצט געווען נישט נאָר צופרידן, נאָר גליקלעך. דער אינצידענט מיטן אַרעסט איז היינט געווען די־אָ מיסטעריעזע טונקלעניש פאַר דער אמתער ליכטי־קייט. יאָ, פון איצט אָן וועט שוין אַלץ זיין ליכטיק אין זיין לעבן.

ער האָט איצט געטראַכט וועגן דעם מעבל וואָס ער וועט קויפן און אַריינשטעלן אין די צימערן. ער וועט קויפן דאָס טייערסטע און שענסטע מעבל וואָס מען קען נאָר אין די מאָסקווער קראָמען קריגן. אָבער צום ערשטן, ביז ער וועט קויפן דאָס מעבל, קויפט ער שוין, טאַקע מאָרגן, אַ דיוואַן און ער גייט אַריבער וווינען אין זיין אייגענער דירה. און דערנאָך, ווען ער וועט אינגאַנצן אויסשטאַטן די דירה, וועט ער פאָרן אין דאָרף און אַוועקנעמען פון דאָרט קסעניאַן מיטן קינד. אַך, וועט דאָס זיין אַ סורפּריז פאַר קסעניאַן. וואָס־וואָס אָבער אַזעלכעס האָט גאָר קסעניאַ חלומען נישט געקענט. זי וועט זיין זייער גליקלעך ווען ער וועט זי אַריינפירן אין אַזאַ שיי־נער דירה. יאָ, מען דאַרף איר שוין אָנשרייבן אַ בריוו. ער האָט דאָך היינט אינדערפרי אָנגעהויבן צו שרייבן אַ בריוו צו איר און אים נישט פאַרענ־דיקט. מען דאַרף שוין פאָרן צו די איוואַנאָווס און פאַרענדיקן דעם בריוו. ער דאַרף איצט צושרייבן אָט וואָס: „און פון די פענצטער פון אונדזער דירה זעט מען דעם גאַנצן קרעמל און דעם רויטן פּלאַץ, און אויך דעם באַוועג־לעכסטן ווינקל פון גאַנץ מאָסקווע, דעם אָנפאַנג פון דער גאַס וואָס טראָגט איצט דעם נאָמען פון אונדזער גרויסן רוסישן שרייבער מאַקסים גאָרקי"...

ער איז אַרויס פון דער דירה, פאַרשלאָסן די טיר און זיך אַראָפּגע־לאָזט מיט דער ווינדע. ער האָט גענומען אַ טאַקסי און זיך געהייסן פירן צו דער אַריסטאָקראַטישער גאַס וווּ דער גענעראַל איוואַנאָוו האָט גע־וווינט.

יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ איז געווען אויף מיכלען ברוגז וואָס ער האָט פאַרלאָזט די שטוב ווען זי און איר מאַן זענען נאָך געשלאָפן און ער האָט אַ גאַנצן טאָג אַפילו אויפן טעלעפאָן נישט אָפּגערופן.

מיכל האָט באַשטימט, אַז ער זאָל קיינעם נישט דערציילן וועגן דעם היינטיקן עפּיזאָד מיט זיין קורצן אַרעסטירט זיין. עס איז בעסער דאָס צו

פֿאַרשווייגן... ער האָט זי אַרומגענומען, זי אַ קוש געטאָן און זיך פֿאַרענט־פֿערט:

— אַנטשולדיק מיר, קאַטיאַ! געווען צעטוצט דעם גאַנצן טאָג!

— נו, נו, איך וועל דיר אַנטשולדיקן, — האָט יעקאַטערינאַ פּעטראָוו־נאַ געזאָגט, און אים צוריק אַ קוש געטאָן, — ביסט הונגעריק? ניי וואַש זיך און קום עסן! יאָ, און וואָס איז מיט דער דירה? האָסטו טאַקע באַקומען?...

— יאָ, קאַטיאַ, קענסט מיך גראַטולירן! אָך איז דאָס אַ דירה, אַ צאַצ־קע! און אין צענטער פֿון שטאָט, אַנטקעגנאיבער דעם קרעמל!

— אַזוי הייסט דאָס, האָט דאָך באַריס געהאַלטן וואָרט! און איך האָב געמיינט, אַז נישט אַזוי גיך וועסטו די דירה קריגן.

— ביסט דען נישט צופֿרידן פֿאַר מיר, קאַטיאַ?

— אָ, טייערער, איך בין צופֿרידן, פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין צופֿרידן!

— ווו איז דער גענעראַל?

— איוואַן איז נישטאָ. איך ווייס נישט צי ער וועט היינט אַפֿילו קומען נעכטיקן. ער איז פֿאַרנומען. מען האָט אים עקסטראַ אַרויסגערופֿן. ער האָט מיר טעלעפֿאָנירט, אַז ער איז דרינגנד פֿאַרנומען און אַז עס איז זייער וויכטיק פֿאַר אים צו זיין אויפֿן פּלאַץ, דאָרט ווו ער געפֿינט זיך איצט!

— אַזוי, קומט שוין היינט דער גענעראַל ווידעראַמאָל נישט נעכטיקן.

— יאָ, ווידעראַמאָל. עפּעס קאָכט זיך. מען גרייט זיך...

— אַ מלחמה?...

— איך ווייס נישט. פֿרעג מיך נישט וועגן דעם, מיכאַיל!

— נו, איך פֿרעג נישט, קאַטיאַ!

ער האָט זי אַרומגענומען. זי האָט אים ווידער אַ קוש געטאָן. זי האָט דערפֿילט, אַז זי איז אים אַ שוועסטער. ער האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך. זי האָט אים אָפּגעשטויסן און שטרענג געזאָגט: — לאָמיר בעסער זיין פֿריינד! — דערנאָך האָט זי מילד צו אים אַ שמייכל געטאָן און ווידער געזאָגט: — איז דען נישט בעסער אַזוי, מיכאַיל?...

מען איז געבליבן ווי פֿריִער פֿריינד, נאָר פֿריינד, און דאָך האָט זיך שוין פֿון לאַנג אָן אין זייער פֿריינדשאַפֿט אַריינגעגנבעט אַן אינטימע וואַ־רעמקייט. ביידע זענען געווען גליקלעך וואָס די־אַ אומשולדיקע, פּלאַטאָני־שע אינטימלעכקייט זייערע, האָט צעוואַרעמט זייערע הערצער מער און מער, געשטאַרקט זייער פֿריינדשאַפֿט און אַריינגעטראָגן פֿרייד אין זייערע נשמות. זיי האָבן זיך געניייטיקט איינס אין דעם אַנדערן. זיי האָבן זיך ליב געהאַט,

אָבער מערער ווי פריינד, ווי „אַ שוועסטער מיט אַ ברודער" האָבן זיי נישט געקענט ווערן... איצט האָט שוין מיכל באַקומען אַ דירה. נאָך מאָרגן ציט ער זיך איבער. עס איז איר געוואָרן אומעטיק. זי האָט געזאָגט:

— פאַרגעס מיך נישט, מיכאַיל. עפּעס ווערט מיר אַזוי אומעטיק אויפן האַרצן. איך בין מערסטן איינע אַליין, איינע אַליין... איך האָב שטאַרק מורא... עפּעס איז נישט אַלץ אין אָרדענונג. אַפילו איוואַן איז שטאַרק באַזאָרגט... ער וועט ווידער מוזן ערגעץ אַוועקפאָרן... איך וועל ווידער בלייבן איינע אַליין... וואָלט כאָטש פּעטיאַ מיט מיר דאָ געווען, גייט ער אין די וועגן פון פאָטער. אַ מיליטער־מענטש וויל ער זיין!

מיכל האָט זי אַרומגענומען און אַ גלעט געטאָן איר קאָפּ.

— זאָרג נישט, קאַטיאַ! דו מיינסט, אַז היטלער?... זאָל ער זשומען! מיט אונדז וועט ער דאָך נישט וואַגן זיך צו זאַטשעפּען! נו, און דו ביסט נישט אַליין אַפילו אויב דער גענעראַל וועט ווידער מוזן ערגעץ אויף אַ לענגערער צייט אַוועקפאָרן. אָט וועט קסעניאַ קומען. און דו האָסט דאָ פּאָ־ליאַן. און איך? איך בין דאָך כמעט אַ פרייער פויגל!... ווייסט גאָר וואָס, קום מיט מיר מאָרגן קויפן אַ דיוואַן, דאָס איז דאָס ערשטע וואָס איך דאַרף איצט, כדי איך זאָל טאַקע פון מאָרגן אָן קענען זיך אַריבערציִען. דערנאָך וועסטו מיט מיר גיין יעדן טאָג אין די קראָמען זוכן מעבל. דו האָסט דאָך אַ גוטן געשמאַק. איך וויל האָבן שיין מעבל!

— זייער גוט! — האָט זי אויסגעשריגן, — דו זאָלסט זיך נאָר אויף מיר פאַרלאָזן, וועסטו שוין זען ווי שיין איך וועל דיין דירה דעקאָרירן! אָ, איך וויל, אַז דו זאָלסט לעבן ווי אַ מענטש!...

— נו, און די אַרבעטער, און די פּויערים, וואָס איז מיט זיי? דאַרפן זיי נישט לעבן ווי מענטשן?...

יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט אויף אים אַ קוק געטאָן. זי איז צוגעקומען צו אים נענטער און אים אַ קוש געטאָן אין די ליפּן. דאָס איז געווען איר ערשטער ליידנשאַפטלעכער קוש. זי האָט זיך באַלד אָפּגעקערעוועט פון אים און געזאָגט:

— איך בעט דיך, מיכאַיל, זינדיק נישט און רעד נישט קיין נאַריש־קייטן. אונדזער לאַנד איז נישט בעסער און נישט ערגער ווי אַנדערע לענ־דער. אומעטום זענען פאַראַן אָרימע און רייכע!

— אָבער מיר האָבן דאָך אַ רעוואָלוציע געמאַכט! מיר בויען דאָך סאָ־ציאַליזם, עס איז דאָך ביי אונדז סאָוועטן־מאַכט, קאָמוניזם, און עס הייסט,

אַז מיר האָבן נישט קיין קלאַסן!... אָ, קאַטיאַ, עס איז דאָך נישט אמת, מיר, די אַזוי גערופענע קאָמיסאַרן, מיר זענען דאָך דער נײַער, דער הערשנדי־קער קלאַס, און דאָס פאָלק, די אַרבעטער און די פּויערים, זיי זענען אַזוי ווי פריִער, די אונטערדריקטע!...

— שווײַג, מיכאַיל, איך בעט דיך!... — זי איז צוריק צוגעקומען צו אים נענטער און גענומען זײַנע הענט אין אירע און ליבלעך אים אַרײַנגע־קוקט אין זײַנע אויגן, און מיטאַמאָל האָט זי מילד זיך צעשמייכלט און גע־זאָגט, — ביסט דאָך זייער הונגעריק! גיי וואַש זיך און מיר וועלן גיין עסן!

ער איז אַרײַן אין טואַלעט־צימער. ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, דערזען זײַן שײַן, אַרטיסטיש בערדל... ער האָט פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן אַ שערל און עס גענומען אַרומשערן. דערנאָך האָט ער גענומען דאָס גאָל־מעסער און זיך אײַנגאַנצן אָפּגעראַזירט. דאָס פּנים איז געבליבן גלאַט, אָן אַ מינדסטן סימן פון דעם „געצאַצקעטן" בערדל. ער האָט זיך אַרומגעוואַשן און איז אַרײַנגעקומען אין עס־צימער. יעקאַטערינאַ פּעטראָווּנאַ האָט אים דערזען און אַ פּלעסקע געטאָן מיט די הענט. ער איז איצט געווען אַזוי פריש און יונג און אַזויפיל שפּרודלדיק לעבן איז געווען צעגאָסן אויף זײַן שײנעם פּנים. זי האָט מיט פרייד געזאָגט:

— מיכאַיל, מיטן בערדל און אָן דעם בערדל, ביסט אימער שיין און ליב. דו ביסט אַ מאַן וואָס קען געפעלן!...

— איך הער דאָס דאָס ערשטע מאָל, קאַטיאַ!

— נו־נו, זיי נישט אַזוי באַשיידן! זעץ זיך, מיכאַיל, צום טיש און לאָ־מיר עסן.

אויפן אַנדערן טאָג איז ער אַוועק מיט קאַטיאַן קויפן מעבל. עס איז גאָרנישט געווען אַזוי לײַכט ווי ער האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט. אין קיין שום קראָם איז נישט געווען קיין רעכטער דיוואַן. אַלץ וואָס מען האָט גע־פונען, איז דאָס געווען אַ מין טאָפּטשאַן צונויפגעקלאַפּט פון פּראָסטע ברע־טער און באַדעקט מיט משונה־קאָלירטע צודעקן. עס האָט געשלאָגן צום האַרצן פון די קאָלירן און פון דער האַמעטנעקייט פון דעם מעבל, וואָס מען האָט געזען. מיכל איז געוואָרן מיד און אומגעדולדיק. ער האָט שוין געוואָלט קויפן וואָס עס איז נישט איז אַבי האָבן אויף וואָס צו שלאָפן און וואָס אַרײַנצושטעלן אין זײַן נײַער דירה. קאַטיאַ האָט זיך קעגנגעשטעלט:

— וואַרף נישט אַרויס קיין געלט. מיט אַט דעם־אַ כלאַם וועסטו נאָר ביליק מאַכן דײַן דירה. סײַדן דו ווילסט נישט האָבן קיין שיינע היים?

מיכל האָט געמוזט נאָכגעבן און צושטימען צו אירע רייד.

און אַזוי האָט זיך געצויגן די צייט, טאָג נאָך טאָג. עס איז שוין געווען גוט קאַלט און עס האָט שוין אָנגעהויבן אויסצופאַלן דער ערשטער שניי אין מאָסקווע, ווען מיכל האָט פאַרענדיקט אויסמעבלירן זיין דירה. די סטילן פון דעם מעבל, וואָס ער האָט מיט דער הילף פון קאַטיאַן איינגעהאַנדלט, זענען געווען אַלטמאָדישע, פון שווערן געשניצטן האָלץ. עס האָט געדויערט פיל צייט ביז קאַטיאַ האָט צוגעפּאַסט איין שטיק מעבל מיטן צווייטן. ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרענדיקט, האָט מיכל געמאַכט אַ הוליאַנקע פאַר זיינע פריינד. פּאַליאַ און קאַטיאַ האָבן געבאַקן און געבראָטן אין זיין בייער־קיך, און ער מיט באַריסן און מיטן גענעראַל איוואַנאָוו האָבן זיך היימיש צעזעצט אין די אַלטמאָדישע אַריסטאָקראַטישע שטולן און געפירט אַ לייכטן שמועס וועגן סטאַלינס נייסטער רעדע, אַז מען איז שוין אַריינגעטראָטן אין דער ערשטער פאַזע פון סאָציאַליזם, און אַז קיין קלאַסן זענען שוין מער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נישט פאַראַן. עס הערשט שוין איצט, הייסט עס, אַן אָנקלאַסן־געזעלשאַפט אין סאָוועטן־לאַנד...

באַריס האָט אַ וויז געטאָן די צייטונג און געטיקעט מיט אַ פינגער אויף אַ זאַץ פון סטאַלינס רעדע, וווּ ער האָט זיך אויסגעדריקט: „דאָס לעבן, חברים, איז געוואָרן בעסער, דאָס לעבן איז געוואָרן פריילעכער!".

— יאָ, מען קען זיך מער נישט קלאָגן! — האָט דער גענעראַל געזאָגט.

מיכל האָט געטראַכט: „איז כאָטש סטאַלין אַן איין־און־איינציק מאָל געווען ביי אַן אַרבעטער אין הויז? האָט ער דען געזען ווי אַזוי עס לעבט אַן אַרבעטער מיט זיין פאַמיליע אין ענגשאַפט און אין דערשטיקעניש, אויף אַ האַלב־הונגעריקן געהאַלט?".

איוואַנאָוו האָט זיך געווענדט צו מיכלען.

— וואָס שווייגסטו? דו ביסט דאָך אַ שרייבער, דו ביסט נישט אַזוי פאַריאָגט ווי איך און באַריס, דו זעסט מענטשן, דו זעסט דאָס פאָלק, נו, איז דען סטאַלין נישט גערעכט ווען ער זאָגט, אַז מיר לעבן איצט בעסער און פריילעכער?

מיכל האָט אַ קוק געטאָן אויפן גענעראַל. זיך עפּעס געקווענקלט און מיטאַמאָל געזאָגט דאָס וואָס ער האָט נישט געמיינט:

— פאַרשטייט זיך, אַז סטאַלין איז גערעכט!...

עס האָט זיך אָבער אין זיין טאָן געשפּירט אַ ביטול און אַ חוזק. באַריס האָט שטרענג געקוקט אויף מיכלען. ער האָט אונטערגעכאַפּט זיין בליק.

עס האָבן שוין דאָרט געבושעוועט די משונה־ווילדע פֿייערלעך. מיכל האָט זיך צוגעאײַלט צו ענדערן דעם געשפּרעך. ער האָט פּלוצים געזאָגט:

— וואָס זאָמען זיך דאָרטן די ווײַבער אין קיך? איך בין שוין הונגעריק!

ער איז אַוועק אין קיך און איז באַלד פֿון דאָרטן צוריקגעקומען מיט אַ פֿלעשל וואָדקאָ און מיט דרײַ גלעזלעך.

— לאָמיר דערווײַל אויסטרינקען! באַלד וועלן אַרײַנקומען די ווײַבער מיט צובײַסנס!...

מען האָט געטרונקען לחיים. מען האָט גענומען צו איין גלעזל און דערנאָך צו צווייטע. פּאַליאַ און קאַטיאַ זענען אַרײַנגעקומען מיט געבראָטנס. זיי זענען צוגעשטאַנען צו די מענער און אויך געטרונקען וואָדקאָ. מען האָט געהויבן טאָסטן און מען האָט צוגעווונטשן מיכלען איבערשרײַענדיק איינס דאָס צווייטע:

— מיכאַיל, פֿאַר דײַן געזונט!

— פֿאַרן געזונט פֿון דײַן ווײַב און קינד!

— פֿאַר שוין און ברענג אַהער דײַן ווײַב און קינד, דו „באַבניק" אייינער!...

—איך פֿאָר, מאָרגן וועל איך פֿאָרן אין דאָרף און איך וועל ברענגען מײַן קסעניאָן און מײַן אַלינקאָן, אַלעקסאַנדער מײַן איך! אָ, אַ שיינעם זון האָב איך!...

— מיכאַיל, דו ביסט שוין שיכור!

— איך, שיכור? ווי קען איך זײַן שיכור? אַ ייִד איז דאָך קיינמאָל נישט שיכור!...

— דאָס איז שאָוויניזם! יעדער מענטש קען זײַן שיכור!

— האָסט אַ שיינע דירה, מיכאַיל, און מעבל ווי אַ גראַף!

— ער איז אַ בורזשוי, אַ קאַפּיטאַליסט, מען דאַרף אים שיסן!

— ניין, מען דאַרף אים קושן!...

— קושט ווײַבעלעך, קושט אים, מיר ווייסן, אַז איר האָט אים ליב!...

— עהעי! לאָמיר בעסער זינגען! איינס, צוויי, דרײַ, אָנגעהויבן: „עהעי הוכניעם, דאַ, הע־העי הוכניעם!"...

און אַלע צוזאַמען האָבן אָנגעהויבן זינגען: „יעשטשאָ ראַז, דאַ יעשטשאָ ראַ־אַז, דאַ הע־העי הוכניעם, דאַ הע־העי הוכ־ניעם!"...

און ווען אַלע זענען זיך צעפֿאָרן און מיכל איז געבליבן איינער אַליין,

איז ער צו צו אַ פענצטער און אַרויסגעקוקט. די שטענדיקע רוישיקע און באַלעבטע גאַס איז איצט פוסט און טויט געווען. עס איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. פון קרעמל האָבן די רובינאָווע שטערן, אויף די שפּיצן פון די געווזענע קלויסטער־געביידעס, געלויכטן מיט אַ העל־רויטער שיין. ער האָט געקוקט אויף די לויכטנדיקע שטערן און זיך דערמאַנט ווי צוריק מיט יאָרן זענען אָנשטאָט זיי צלמים פון גאָלד געשטאַנען. די צלמים האָבן פון קרעמל אַרויס איבער דער מאָסקווער שטאָט געלויכטן. איז וואָס פאַר אַן אונטערשייד איז דאָס: רויטע שטערן צי גאָלדענע צלמים?... עס איז דאָך בלויז אַ פאָרעם און נישט קיין אינהאַלט.

ער איז אַוועק פון פענצטער. ער איז אַריין אין דעם שלאָף־צימער. דאָס בעט איז געווען גרויס, פון רויטן האָלץ געמאַכט, מיט געשניצטע פיגורן פון נאַקעטע מענער און פרויען. פיליכט איז אין דעם בעט אַמאָל געשלאָפן אַ פּרינץ מיט אַ פּרינצעסן? עס איז געקומען די רעוואָלוציע, מען האָט דעם פּרינץ מיט דער פּרינצעסן געטויט, אָבער דאָס בעט זייערס האָט מען ביי זיי צוגענומען, עס אין אַ רעגירונגס־קראָם אַריינגעשטעלט, איז דאָס דאָרטן געשטאַנען אַזוי לאַנג ביז ער, מיכל, האָט דאָס אָפּגעקויפט. ער האָט זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט שלאָפן. ער איז געווען מיד, אָבער עס האָט זיך נישט געשלאָפן. דער צוזאַמענהאַנג פון „פאָרעם" און „אינהאַלט" איז אים פון געדאַנק נישט אַרויס. עס איז אַ ליטעראַרישע פּראָבלעם, צי פיליכט אויך אַ פּאָליטישע?! וואָס קריכט עס אים איצט אין קאָפּ, ווען ער מוז גאָר אַנטשלאָפן ווערן... מאָרגן דאַרף ער דאָך פאָרן אין דאָרף. ער דאַרף דאָך ברענגען זיין ווייב און קינד. ער האָט זיי איצט ווו צו ברענגען! זיין ווייב און קינד... ער האָט דאָך מיט קסעניאַן נישט חתונה געהאַט. ער לעבט מיט איר גלאַט אַזוי צוזאַמען, לויט דעם פּרינציפּ פון „פרייער ליבע". נו, דאָס איז דאָך אויך אַביישפּיל פון „פאָרעם" און „אינהאַלט". ע, עפּעס אַ גאַנצער פּלאָנטער אין קאָפּ. ער האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער. ער האָט דערזען, אַז עס פאַלט אַ שניי. אָ, — האָט ער געטראַכט, — אין דאָרף איז איצט שיין: בידעריקע הייזער. זיי זענען אַלע איצט ווייסע, שנייִקע. די פעלדער זענען אויך ווייסע, שנייִקע. די פּויערים אַרבעטן איצט נישט אין די פעלדער. דער קאָלכאָז איז טויט. וואָס טוט אַ רוסישער פּויער אום ווינטער? ער שלאָפט! ער טראַכט! מען דערציילט זיך אויס מעשיות!... און דאָס גאַנצע דאָרף איז שנייִק, ווייס, און פון די קוימענס זעצט מיט רויך, אַ בלוילעכער רויך...

ער איז איינגעשלאָפֿן. ער האָט זיך אָבער באַלד אויפֿגעכאַפּט און זיך אָנגעהויבן רייבן די אויגן. דער שניי האָט זיך שטאַרקער געזעצט אויף די שויבן פֿון די גרויסע פֿענצטער. אין דער גאַנצער דירה, אין אַלע צימערן, איז געווען וואַרעם און אָנגענעם. ער האָט געפּרוּווט צוריק אַנטשלאָפֿן ווערן. עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן. עס האָט זיך אים ווידער געבאָמבלט אַ געדאַנק וועגן „פּאָרעם” און „אינהאַלט”. פּלוצים איז אים געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז אין ענגלאַנד איז דאָ אַ קעניג און עס הערשט דאָרט דעמאָקראַטיע, אין דער צייט וואָס אין רוסלאַנד איז קיין קעניג נישטאָ און עס הערשט דאָ אַ דיקטאַטאָר און נישט דאָס פֿאָלק. פֿאַרוואָס אַזוי? די פּאָרעם שטימט דאָך נישט מיטן אינהאַלט!...

ער האָט זיך צעלאַכט, זיך צוריק געלייגט, זיך אויסגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און איז רויִק ווידער אַמאָל איינגעשלאָפֿן.

אויפֿגעכאַפּט האָט ער זיך שפּעט. ער האָט זיך גיך אַרומגעוואַשן, אָפּגעראַזירט, געכאַפּט זיין פּאָרטפֿעל און איז אַרויס פֿון שטוב. ער איז אין איילעניש אַרויף אויף אַ טראַמוויי און איז אָפּגעפֿאָרן צום בריאַנסקער וואָקזאַל.

56.

אין דאָרף איז מיכל אָנגעקומען דעם אַנדערן פֿאַרנאַכט. דאָס גאַנצע דאָרף איז געלעגן פֿאַרקאָוועט אין אַ פּראָסטיקער, שנייִקער ווייסקייט. דער טייך, אין מיטן, איז געווען פֿאַרגליווערט און שנייִק פֿאַרשאָטן און פֿאַרהאַרטעוועט אַזוי, אַז ער האָט זיך פֿאַראייניקט מיט ביידע טיילן פֿון דאָרף און האָט געשאַפֿן אַ נייעם שליאַך איבער וועלכן עס זענען געפֿאָרן אויטאָס מיט אַרומגעבונדענע קייטן אַרום די רעדער און שליטנס געשפּאַנטע אין מאָגערע פֿערדלעך.

אין דעם אויפֿדערנאַכט זענען זיך צונויפֿגעקומען אין דעם הויז, ווו קסעניאַס מוטער און איר שטיף־פֿאָטער האָבן געלעבט, זייער פֿיל פּויערים מיט זייערע ווייבער און קינדער. די אַלע פּויערים־קאָלכאָזניקעס זענען איצט געווען אויסגערוטע און פּוילבלעכע פֿון פּוסטעפּאַסעווען. מען איז געלעגן אויף די אויוונס, זיך געוואַרעמט די גלידער און מען איז פֿויל געווען אַפֿילו אַרויסצוגיין אין דרויסן אָפּרייניקן דעם שניי וואָס האָט זיך אָנגעוואַלגערט אַזוי הויך, אַז ביז צו די דעכער פֿון די הייזער. נאָר די יוגנט

האָט זיך צו דער רוסיש־דאָרפישער ווינטער־פוילקייט אונטערגעבן נישט געלאָזט. מען האָט זיך געגליטשט איבערן טייך, וועלכער איז אייז־פאַרקאָ־וועט געווען. בחורים און מיידלעך זענען אַרומגעגאַנגען איבער די מיט שניי פאַרשאָטענע גאַסן, מיט געזאַנג און מיט טענץ, אונטער די טענער פון אַ ראָווישיקער, צעסקריפעטער האַרמאָשקע און אַ צעבאָמבלטער באַלאַלייקע. מיכלס אָנקום אין דאָרף איז באַלד ווי אַ וויכער צעטראָגן און צעפּויקט געוואָרן. מען האָט שוין געוווסט, אַז דאָס איז ער געקומען צונעמען פון דאָרף קסעניאַן און דאָס קינד און זיי אַוועקפירן צו זיך קיין מאָסקווע. מען האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך די ווינטערדיקע פוילקייט, צעעפנט טיר און טויער פון די הייזער און הייפן, און מען האָט זיך געלאָזט אַביסל וווילגיין. קיינער האָט נישט געוואָלט פאַרפעלן די געלעגנהייט אויסצוהערן אַביסל גרויס־שטאָטישע נייעס און זיך דערביי נאָך גוט אָנשיכורן אויף דער הוליאַנקע, דעם געזעגענונגס־אָוונט, וואָס עס איז לכּבֿוד קסעניאַן און מיכלען געגעבן געוואָרן.

קסעניאַ האָט אויפגעלעבט ווען זי האָט מיכלען דערזען. ער איז איצט פאַר איר אַזאַ ליבער און אַזאַ שיינער, צוריק אָן דעם בערדל, אַזוי פריש און געזונט, ווי אין די ערשטע טעג ווען זי האָט אים דערקענט און אים ליב באַקומען. זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים האַלדזן און קושן און דערביי געמורמלט:

— אָ, מיכאַיל, מיכאַיל, איז דאָס אמת, ביסט מיר געקומען צוריק נעמען קיין מאָסקווע?

— יאָ, מיין טייערע, עס איז אמת, איך בין געקומען נאָך דיר און נאָכן קינד!

זיי האָבן זיך פאַרבענקט איינס נאָכן אַנדערן, אַזוי פאַרבענקט, אַז טרערן זענען פון זייערע אויגן גערונען ביים האַלדזן זיך און קושן זיך. און דאָך... עפּעס אַ מאָדנע פרעמדקייט האָט זיך שוין אַריינגעגנבעט אין זייערע הערצער. זיי האָבן דאָס דערשפּירט, כאָטש מען איז איינס פון אַנדערן די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטראָטן און מען האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען.

די פּויערים און פּויערטעס מיט זייערע קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקומען איינציקווייז. מען האָט פון אָנהייב פאַרשעמט און נישט דרייסט זיך אַריינגערוקט און דערנאָך האָט מען זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און מען האָט זיך היימיש באַזעצט אַרום די טישן פון דעם גרויסן עס־צימער, אויף די לאַנגע בענק ביי די זייטן פון די ווענט און אַפילו אויפן פּאָל. יע־

דער איינער איז צו צו מיכלען, אים געדריקט די האַנט און זיך באַלד צו־ריקגעצויגן, זוכנדיק פאַר זיך אַ פּלאַץ ווו צו זיצן. אויף די טישן זענען געשטעלט געוואָרן פּלעשער מיט וואָדקאַ, זויערע אוגערקעס, זויער קרויט און קאַרטאָפל אין שאָלעכץ, פון וועלכע עס האָט געזעצט אַ הייסע מחיהדי־קע פּאַרע. צעוואָרעמטע און אונטערגעטרוקענע האָבן די פּויערים־קאָל־כאָזניקעס זיך צערעדט און זיך אָנגעהויבן צו באַרימען:

— אונדזער קאָלכאָז איז דער רייכסטער איבער דעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד!

— מיר האָבן סטאַכאַנאָווצעס און סטאַכאַנאָווקעס, מענער און פרויען, וואָס פילן אויס זייערע אַרבעטס־אויפגאַבן נאָך מער ווי אויף הונדערט פּראָצענט, אויף הונדערט פופציק און אַפילו אויף הונדערט אַכציק!

— מען האָט שוין דריי קאָלכאָזניקעס און איין קאָלכאָזניצע פון אונד־זער דאָרף באַלוינט מיט מעדאַלן פאַר גוטער אַרבעט!

— מיר לעבן איצט גוט, רייך און פריילעך! וואָדקאַ, ברויט און קאַר־טאָפל איז ביי אונדז דאָ איבער גענוג!...

מיכל האָט נישט דערקענט די פּויערים. ער איז דאָך דאָ אויך געווען דעם זומער, אָבער דאַן זענען אים די פּויערים מיט זייער קאָלכאָז און מיט זייערע אַלע „גליקן" נישט אָנגעגאַנגען. נאָר איצט איז אים גוט און ער איז איצט גליקלעך און דערפאַר גייען אים איצט אָן די פּויערים און עס אינ־טערעסירן אים זייערע קאָלכאָזנע דערגרייכונגען. ער האָט געזען, אַז קיין איינער האָט זיך דאָ מער אויף גאָרנישט נישט באַקלאָגט. יום־טובדיק־אויסגעפוצטע אין זייערע געלאַטעטע פּלודערן, מיט צעקרימטע וואָליקעס און צעריסענע שטיוול אויף די פיס האָבן די האַלב־אָפּגעריסענע מענטשן, ממש ווי בעטלערס, זיך באַרימט, אַז זיי זענען רייך און אַז זיי לעבן זאַט און גליקלעך. עס איז געווען אַ קאָלאָסאַלע און אַן אומדערוואַרטע ענדערונג אין די מוחות פון די פּויערים.

דאָס איז עס: — האָט מיכל געטראַכט, — מען האָט זיי איינגערעדט, די אָרעמע, האַלב־הונגעריקע מאַסן, אַז זיי זענען רייך און אַז זיי לעבן בע־סער און שענער פון אַלע מענטשן אין דער וועלט. אין דער אמתן לעבן זיי דאָך נאָך אַלץ אין שמוץ און אין אַנטי־סאַניטאַרישן צושטאַנד. איבער דעם גאַנצן „רייכן" דאָרף מיט דעם „רייכסטן" קאָלכאָז געפינט זיך נאָך אַלץ נישט קיין איין הויז אין וועלכן עס זאָל זיין איינגעריכטעט אַ טואַלעט, און עס איז אין דעם דאָרף נאָך אַלץ נישט פאַראַן קיין איין ברוקירטע גאַס.

דער פויער גייט נאָך אַלץ הינטער דער כאַטע פאַר זיינע נאַטירלעכע באַ־
דערפעניש, און נאָך אַ רעגן זענען די גאַסן נאָך אַלץ אַזוי זומפּיק, אַז מען
טאַפּטשעט אין דער בלאָטע ביז איבער די קניעס. און דאָס הייסט ביי די־אַ
שטומפּיקע פויערים־קאָלכאָזניקעס, רייך געלעבט, דאָס איז ביי זיי שוין דער
סאָציאַליזם!... אויב די אַלטע פויערים רעדן אַזוי, היינט וואָס זאָלן זאָגן די
קינדער, וואָס וויסן נישט פון קיין אַנדערע צייטן?... זיי זענען דאָך גע־
גליכן צו די ווערעם וואָס זענען אַריינגעקראָכן אין דעם ביטערן כריין און
זיי מיינען, אַז קיין זיסערס איז גאָר אין דער וועלט נישטאָ.

אָבער ניין, דער באָדן פון דעם רעזשים איז גאָר נישט אַזוי פעסט ווי
מיכלען דאַכט זיך. זע נאָר ווי די קינדער האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם
אַלטן פויער מיט דער באַנדורע. ער דערציילט פאַר זיי עפּעס אַ מעשה און
זיי הערן זיך צו צו אים מיט אַזוי פיל קינדערישן גלויבן, מיט קינדערי־
שער נייגעריקייט און מיט אַ ליבער בענקשאַפט צו דעם דערציילטן, פאַנ־
טאַסטישן אַמאָל... די אמתע מעשה וועגן דעם וואָס „אַמאָל איז געווען"
רופט אַפילו אַרויס „צווייפלען" אין די קינדערישע הערצעלעך, צי דאָס
אַלץ וואָס דער אַלטער באַנדוריסט דערציילט איז טאַקע אן אמת אָדער אַן
אויסטראַכטעניש?! אָבער זיי דערזעען, אַז די עלטערן זייערע, די טאַטע־
מאַמע און אויך די פעטערס און מומעס און דערצו נאָך די זיידעס און באַ־
בעס פאַסמאַקעווען זיך מיט די דערמאָנונגען און שאָקלען צו דערביי מיט
די קעפּ: „יאָ, יאָ, אַזוי איז טאַקע אַמאָל געווען". און די קינדער דערהערנ־
דיק דאָס גלייבן שוין, אַז אַלץ וואָס דער אַלטער באַנדוריסט דערציילט און
זינגט און שפּילט דערביי אויף זיין באַנדורע, אַלץ דאָס איז טאַקע אַמאָל
געווען אין לעבן אויף אַן אמת...

אָט האָט ער זיי איצט דערציילט אַזאַ מעשה:

„ אַך, אַמאָל, ווינטער־צייט אין אונדזער דאָרף!... אַך, די גוטע אַלטע
צייטן!... אויף ראָזשדיעסטוואָ האָט מען אין שטוב אַ יאָלקע אַריינגעשטעלט.
די יאָלקע איז געווען באַצירט מיט זילבערנע און גאָלדענע חפצים און
מתנות פאַר די קינדער. דערצו נאָך איז די יאָלקע געווען באַהאָנגען מיט
אָנגעצונדענע ליכטלעך, אַזעלכע ווייסינקע, רויטינקע, בלויע, געלע און
ברוינע. מען האָט געטאַנצט אַרום דער יאָלקע. די קינדער זענען געווען
אויסגעפּוצט אין נייע גלאַנציקע שטיוועלעך, אין נייע קאָסטיומעלעך און
אין נייע קאַרטוזעלעך... און טאַטע־מאַמע זענען אויך יום־טובדיק אויסגע־
פּוצט געווען, דער טאַטע אין אַ זיידענער רובאַשקע מיט אַ פּלושענעם

וועסטל און מיט אַ זילבערנער קייט איבערן וועסטל, איבערן גאַנצן בויך, פֿון איין קעשענע אין דער צווייטער. און אין איין קעשענע איז אַ גרויסער זילבערנער זייגער געווען. און די מאַמע, זי איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ רויט־זײַדענעם סאַראַפאַן און אין הויכע שיך אויף אַ סך קנעפּלעך געשפּי־ליעט!... אַך, קינדערלעך, איז דאָס געווען אַ לעבן, דעמאָלט!...״.

די קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט איינס דאָס אַנדערע, דערנאָך גע־קוקט אויף די עלטערן ווי זיי שאָקלען מיט די קעפּ און גיבן צו: „יאָ, יאָ, אמת, אמת, אַזוי איז דאָס טאַקע אַמאָל געווען״ און דערבײַ לאָזן אייניקע אַ טרער פֿון בענקשאַפֿט נאָך דעם פֿאַרגאַנגענעם אַמאָל. און דער אַלטער באַנדוריסט דערציילט ווייטער:

„און ווען מען האָט זיך גוט אָנגעטאַנצט אַרום דער יאָלקע און מען האָט זיך צו זאַט אָנגעגעסן האָט מען זיך אָנגעטאָן אין וואַרעמע קליידער, אין פּעלצלעך, קאַזשוכן, שינעלן און פּאַלטאָען, מען האָט זיך אַרומגעגאַרטלט מיט ברייטע רויטע גאַרטלען און מען איז אַרויס פֿון שטוב. מען האָט פֿון שטאַל אַרויסגעפֿירט אַ גרויסן שליטן און מען האָט דעם שליטן געשפּאַנט מיט דריי בראַווע פֿערד. עס זענען דאַן געווען נישט קיין קאָלכאָזנע מאָגע־רע פֿערדלעך, נאָר אייגענע געזונטע און שיינע פֿערד. יעדער פּויער האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע פֿערד און ער האָט זיי געקענט שפּאַנען אין זיין אייגענעם וואָגן אָדער שליטן ווען נאָר ער האָט געוואָלט!...״.

— ס׳אַ ליגן! — האָט אויסגעשריגן אַ פּופּצן־יאָריק ייִנגל מיט אַ „קאָמסאָמאָל״־צייכן אויף זיין ברוסט, — קיינער האָט נישט קיין אייגענע פֿערד, אייגנטום איז אַ קאַפּיטאַליסטישע אויסטראַכטונג, סאַבאָטאַזש און קאָנטער־רעוואָלוציע! אַלע פֿערד געפֿינען זיך ביי אונדז אין דאָרף פֿון שטענ־דיק אָן אין די קאָלכאָזנע שטאַלן!...

— ס׳אַ ליגן, זאָגסטו? — האָט דער אַלטער באַנדוריסט זיך דריבנע צעלאַכט. — כי, כי, כע... דו גלויבסט מיר נישט?... פֿרעג דיין טאַטן! כי, כי, כע... עהעי, איוואַן, זאָג נאָר דעם קלוגן זון דיינעם, אַז דו אַליין האָסט דאָך אַמאָל געהאַט דיינע אייגענע פֿינף פֿערד, צוועלף קי, דריי אָקסן, און היינט וויפֿל ציגן, שאָף, אינדיקעס, קאַטשקעס און הינער... עהע, מען האָט גע־לעבט אַמאָל, דו ביסט געווען אַ פֿאַרמעגלעכער באַלעבאָס!...

— יאָ, געווען אַמאָל!... — האָט זיך איוואַן ווי פֿאַרשעמט געקוקט אויף

זיין פּופּצן־־יאָריקן זון, דעם קאָמסאָמאָלעץ, — אָבער צוליב וואָס, קום,* דערמאָנען? מיר לעבן דאָך איצט אויך נישט שלעכט!

— אָך, יאָ מען לעבט איצט נישט שלעכט, אַפילו גוט, זאָגן מענטשן, נישטאָ וואָס צו זינדיקן!... — האָט דער אַלטער באַנדוריסט איינגעשטימט און ווייטער פאָרגעזעצט זיין מעשה:

„יאָ, האָט דער פּויער זיין אייגענעם שליטן איינגעשפּאַנט אין זיינע אייגענע דריי בראַווע פערד נאַשפּיץ. מען האָט זיך אַריינגעזעצט אין דעם שליטן, און דער טאַטע האָט אַ פּאַכע געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופטן, און די „טראָיקאָ", די דריי פערד הייסט עס, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ גאַלאָפּ איבער דעם פּוכיקן ווייסן שניי!... מען איז געפאָרן, די גלעקלעך אויף די העלדזער פון די פערד האָבן אונטערגעקלונגען, דער ווייסער פראָסט האָט געשניטן, אַ ווייסער שניי האָט זיך אין דער לופט געדרייט און צו דער ערד געפאַלן. און אַ געזאַנג פון פריילעכע און מונטערע, פרייע מענטשן האָט זיך איבער גאַטס וועלט צעטראָגן: „היידאַ טראָיקאַ, סניג פּו־שיסטי"... (עס פאָרן דריי פערדלעך, איבער דעם פּוכיקן שניי...).

דער אַלטער באַנדוריסט האָט באַלד אַ קלאַפּ געטאָן איבער זיין באַנ־דורע מיט דער האַנט און מיט זיינע אַלטע, אויסגעדאַרטע אָבער פלינקע און געניטע פינגער האָט ער די סטרונעס געצופּט און מיט זיין טיפן באַ־סאָווען קול האָט ער זיך צעלאָזט אין אַ געזאַנג וואָס האָט אין קלאָרע רוסי־שע ווערטער געלויבט גאָט פאַר דעם פרידלעכן ווייסן ווינטער, וואָס גיט דעם פּויער אַ מעגלעכקייט זיך אויסצורוען נאָך אַ שווערן זומער מיט בלוט און שוויס באַגאָסענער אַרבעט אין די פעלדער. אַלע פּויערים, פּויערטעס און זייערע קינדער האָבן אונטערגעכאַפּט דעם געזאַנג און צוזאַמען מיטן אַלטן באַנדוריסט געזונגען און דערמאָנט זיך אין די אַלטע גוטע צייטן, ווען יעדער פּויער האָט זיך געהאַט זיין אייגן הויז, זיין אייגענע ערד און זיין אייגענעם שליטן געשפּאַנט נאַשפּיץ מיט זיין אייגענער „טראָיקאָ"...

ניין, קיינער האָט נישט געוואָלט פאַרגעסן אין די אַלטע גוטע צייטן. אַפילו די קינדער, וואָס האָבן שוין פון קיין גאָט נישט געוווּסט און נאָר אין סטאַלינען געגלייבט ווי אין אַ גאָט, אַפילו זיי האָבן זיך נאָך די „אַלטע גוטע צייטן" פאַרבענקט...

מיכל איז איצט געווען איבערצייגט: קיין פעסטן באָדן וועט דער גאָט־

* קום — אַ פריינד, אָדער אַ לאַנדסמאַן.

לאַזער קאָמוניסט, אין דעם פּאָלקס באַוווסטזיין, קיין מאָל נישט האָבן, און קיין טיפע וואָרצלען אין דער נשמה פון דעם פאָלקס־מענטש וועט דער קאָמוניזם קיין מאָל נישט שלאָגן.

.57

דער ווינטער איז אַריבער. עס איז געווען אַ „גאָלדענער" ווינטער פאַר מיכלען און קסעניאַן אין זייער נייער דירה, וועלכע איז געווען אַריס־טאָקראַטיש־רייך אויסגעשטאַט און האָט מיט די גרויסע פענצטער אַרויס־געקוקט צום „הייליקן" קרעמל פון מאָסקווע דער הויפּטשטאָט.

מיכלס צווייטער בוך איז דערשינען מיט נאָך מער דערפאָלג ווי זיין ערשטער. וואָכנוויז איז זיין נאָמען נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון די צייַ־טונגען. די קריטיקער האָבן אים געריימט פאַר זיין אַריינדרינגען אין דער נשמה פון אַ מענטשן און פאַר באַווייזן אויף אַ קינסטלערישן אופן די גע־שטאַלטן פון אמתע סאָוועטישע אַרבעטער און פויערים וועלכע זענען דורכ־געדרונגען מיט דעם אידעאַל און גייסט פון קאָמוניזם. יעדער איינער האָט זיך געפרייט מיט מיכלס דערפאָלג און אים באַגריסט. זיינע בעסטע פריינד, באָריס און פאָליאַ, גענעראַל איוואַנאָוו און יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, האָבן נאָך דעם אָפיציעלן באַנקעט וואָס דער שרייבער־פאַראיין האָט פאַר אים איינגעאָרדנט, אַן אינטימען פאַמיליען־אָוונט פאַר זיין כבוד־וועגן צוגע־גרייט. פון קסעניאַן איז שוין אָפּגערעדט. זי האָט שוין גאָר אינגאַנצן פאַר־געסן ווער זי איז... זי האָט פון דאָרף אַראָפּגעבראַכט אַ מיטליאָריקע פויער־טע און זי פאַר אַ דינסט פאַר זיך און דעם קינד פאַרוואַנדלט. זי איז גע־שלאָפן, די קאָמוניסטקע, ביז האַלבן טאָג אין איר גרויס־אַרטיקן בעט און געהייסן דער דינסט זיך דערלאַנגען פרישטיק.

מיכל האָט זיך געוווּנדערט:

„פון וואַנען נעמט זיך צו דעם דאָרפס־שיקסל אַזעלכע פריצישע איינ־פאַלן צו עסן פרישטיק אין בעט?... ווו האָט זי דאָס געזען, אין די אַלטע קינאָס, אויף די בילדער פון די מוזייען, צי אפשר האָט זי זיך מיט די־אָ פוילע שטיק באַקאַנט פון לייענען די אַלטמאָדישע ראָמאַנען?".

יאָ, קסעניאַ האָט איצט מער גאָרנישט נישט געטאָן. ווען עס האָט איר געלאַנגווייליקט, האָט זי געלייענט אַלטע ראָמאַנען פון רוסישע און איבער־געזעצטע פראַנצויזישע און שפּאַנישע ראָמאַנען וועגן גראַפן און פּרינצן,

אַזעלכע ביכער וואָס מען קען קויפן ביי די „בוקוניסטן“ וואָס שטייען מיט זייערע שטעלעכלעך לענג־אויס דעם געסל וואָס הינטער דעם טעמפּל פון יאָהאַן דעם גרויזאַמען.

פון די לויבן און באַגריסונגען וואָס מיכל האָט באַקומען פאַר זיין צווייטן בוך איז ער געווען אַביסל צעטומלט און ער האָט שוין אַפילו אַליין אָנגעהייבן צו גלויבן אין זיך, אַז ער איז דאָס טאַקע דער אמתער סאָוועטי־שער קינסטלער. אָבער ווען ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי ער האָט יעדן דעטאַל צוגעטראַכט, צוגעשניטן, אויסגעגלעט און צוגעפּרעסט, אַז עס זאָל זיך באַקומען גלאַט און שיין און מען זאָל נישט אַרויסזען, אַז ער אַליין גלייבט גאָר נישט אין דעם וואָס ער האָט געמאָלט און געשריבן, — ווען ער האָט זיך אין דעם אַלץ דערמאָנט, איז אים אַ טרויער באַפאַלן און ער האָט זיך אַליין פיינט באַקומען. אָבער דאָס זענען נאָר געווען מינוטן אַזעל־כע. די טעג און נעכט האָט ער פאַרבראַכט אַזוי, גלייך ווי די לאַווריעס פון זיין גלאָריע האָבן שוין זיין קאָפּ באַצירט און ער איז דאָס דער געזאַלבטער העלד!...

אין דעם פרילינג האָט מען שוין אין איניקע הייזער פיל גערעדט וועגן היטלערן. מען האָט געהערט וועגן זיינע אַמביציעס צו שאַפן אַ גרויס־דייטשלאַנד דורך פאַראייניקן אַלע דייטשישע פעלקערשאַפטן. אין די היי־מען פון גענעראַל איוואַנאָוו און באָריס גאַרבער האָט מען לעצטנס דאָס וואָרט „נאַצי“ און „פאַשיסט“ פיל מאָל דערמאָנט.

איין מאָל, ווען גענעראַל איוואַנאָוו מיט זיין פרוי זענען צו מיכלען גע־קומען האָט ער זיין באַציִונג צו היטלערס חלום אויסגעדריקט מיט אַזעלכע ווערטער:

— היטלער טוט אויף אַ גרויסע זאַך. עס איז אַ היסטאָרישע מיסיע צו פאַראייניקן אַ פאָלק וואָס איז צעריסן און צעטיילט, צעזייט און צע־שפּרייט!... אויב אים וועט זיך איינגעבן פון אַלע דייטשישע פעלקערשאַפטן צו שאַפן איין פאַראייניקט גרויס דייטשלאַנד וועט דאָס זיין אַזאַ אויפטו, אַז זיין נאָמען וועט בלייבן אויף אייביק אין דער געשיכטע מיט גאָלדענע אותיות פאַרשריבן.

— ס׳אַ צעיושעטער נאַציאָנאַליזם, וואָס מיר, קאָמוניסטן, מוזן באַ־קעמפן! — האָט דער גענעראַל אויסגערופן.

— דער טרוים פון די צאַרן איז אויך געווען צונויפצוזאַמלען אַלע סלאַווישע פעלקערשאַפטן, די אוקראַינער, די ווייסרוסן, די בולגאַרן, די

סערבן און די קאַרפּאַטרוסן אין איין גרויס־רוסלאַנד, — האָט יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט, — און מיר דאַכט זיך, אַז זייער פיל גרויס־רוסן האַלטן נאָך אויך איצט דערפון. איך געדענק נישט ווו איך האָב דאָס געהערט, צי אפשר געלייענט, אַז אויך לענין און מאַקסים גאָרקי האָבן געהאַלטן פון אַזאַ פאַראייניקונג.

— האָסט דאָ עפּעס אָנגעפלאָנטערט, קאַטיאַ, — האָט זיך דער גענעראַל אָנגערופן צו זיין ווייב, — עס איז נישט אינגאַנצן אַזוי... יעדנפאַלס געדענק איך נישט גענוי ווי אַזוי לענין האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דער פּראָבלעם פון פאַראייניקן די סלאַווישע פעלקער... עפּעס האָט לענין יאָ געהאַט אַזאַ טעאָריע, אָבער איך נעם זיך נישט אונטער איצט צו פּאָלעמיזירן וועגן דעם, ווייל איך געדענק פּשוט נישט ווי אַזוי ער האָט דאָס פאָרמולירט. דערפאַר געדענק איך אָבער זייער גוט ווי לענין האָט זיך מיט סטאַלינען אויסגעטענהט אין אַן ענגן קרייז פון היימישע מענטשן וועגן די ציוניסטן. סטאַלין האָט געזאָגט: זאָלן זיך די ציוניסטן פאַרנעמען זייערע יידן קיין פּאַלעסטינע, מיר דאַרפן זיי דאָ נישט, די יידן וואָס טרוימען אייביק וועגן אַ משיח וואָס וועט זיי אויסלייזן און זיי ברענגען צוריק אין זייער לאַנד. און חוץ דעם, פּאַלעסטינע איז ווייט פון אונדז, קיין גרענעץ האָבן מיר נישט מיט איר, עס איז אַ ווייטע און אַ פרעמדע ספערע, און אונדז דאַרף נישט קימערן וואָס די ציוניסטן ווילן, אַז יידן זאָלן זיך אומקערן צוריק צו זייער לאַנד... אויף דעם האָט לענין, ווי זיין טבע איז געווען, איראָניש זיך צעלאַכט און דערנאָך אויסגעמוסרט סטאַלינען פאַר וואָס ער פאַרשטייט נישט דעם פּרינציפּ פון אונדזער קאַמף קעגן ציוניזם. לענין האָט געזאָגט: מיר זענען קעגן ציוניזם, נישט ווייל די ציוניסטן ווילן אָפּרייסן די יידישע אַרבעטער־מאַסן פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, דאָ, הי, — דאָס איז דאָך נאָר אַ קאַמופלאַזש וואָס מאַסקירט דעם גרונט, — מיר זענען קעגן ציוניזם ווייל דער גאַנצער מיטעלער און נאָענטער מזרח איז אַ ספערע פון רוסישן אינטערעס... פון טורקעסטאַן, וואָס איז איצט אַ טייל פון רוסלאַנד, האָבן מיר גרענעצן מיט פּערסיע, אַפגאַניסטאַן, אינדיע און טיבעט. און פון קאַווקאַז, וואָס איז איצט אויך אַ טייל פון רוסלאַנד, ציען זיך גרענעצן מיט טערקיי און פּערסיע. אַזוי אַרום איז רוסלאַנד און אַזיע איין שטיק טריקעניש, איין גרויסער קאָנטינענט, איין לאַנד פון מאָסקווע, קיעוו, אָדעס, טאַשקענט, סאַמאַרקאַנד, בוכאַראַ, טיפליס, באַקו ביז און דורך פּערסיע, אַפגאַניסטאַן, טערקיי, אינדיע און טיבעט, צו סיריע, מעסאָפּאָטאַמיע, פּאַלעס־

טינע און עגיפּטן... דאָס אַלץ איז דער טרוים און די ספערע פון דער רוסי־שער, אין דעם איצטיקן פאַל, פון דער סאָוועטישער, הערשאַפט. פּאַלעס־טינע, הייסט דאָס, איז דאָס האַרץ פון אונדזער ספערע, און דערפאַר טאָרן מיר נישט דערלאָזן, אַז די ציוניסטן זאָלן אין דעם לאַנד פאַרכאַפּן די מאַכט און דאָרטן אָנהייבן הערשן. זיי וועלן נאָך אַריינברענגען, פּריצייטיק, קולטור און וויסן צו זייערע שכנים, זייערע ברידער אָדער קוזינס, די אַראַ־בער, און אַזוי אַרום אונדז שטערן אין אונדזער טעטיקייט פאַר רוסיפיצירן, און אין איצטיקן פאַל סאָוועטיזירן, די אַראַבישע פעלקערשאַפטן פון דעם מיטעלן און נאָענטן מזרח, אַזוי ווי מען האָט דאָס אַמאָל געטאָן מיט די מוסולמענישע פעלקערשאַפטן פון קאַווקאַז און טורקעסטאַן. — נו, האָט דער גענעראַל אַ זאָג געטאָן, — גראָד די רייד האָבן זיך מיר פאַרגעדענקט. אָבער איצט איז דאָס דאָך מער נישט וויכטיק! — און ער האָט זיך געווענדט מיט אַ שמייכל צו קסעניאַן, — כאָטש דער פרויען־יום־טוב, דער אַכטער מערץ, איז שוין אַריבער, דאָך וואָלט איך געוואָלט אויך דיין מיינונג, קסע־ניאַ, הערן. וואָס מיינסטו וועגן די פעלקער־פאַראייניקונג?

קסעניאַ האָט אַ קוק געטאָן אויפן גענעראַל און פעסט באַשטימט:

— איך מיין אַזוי: צוליב וואָס אַזוי פיל פעלקערשאַפטן? זאָלן אַלע ווערן רוסן און געענדיקט!...

— וואָט, קאַק! — האָט גענעראַל איוואַנאָוו מיט אַ געלעכטער אויסגע־רופן, — דאָס איז דאָך טאַקע דער אמתער גרויס־רוסישער שאָוויניזם!

— יאָ, קסעניאַ, דאָס איז שאָוויניזם, — האָט אויך מיכל צוגעגעבן, — ווייל די אוקראַינער, די ווייסרוסן, די בולגאַרן, די סערבן, די פּאָליאַקן און די קאַרפּאַטן־רוסן, כאָטש זיי זענען טאַקע סלאַוון האָבן זיי דאָך באַזונדערע קולטורן און באַזונדערע געשיכטלעכקייטן מיט באַזונדערע גורלות... זיי קען מען נישט פאַרזאַמלען און פון זיי שאַפן איין פאָלק. מען קען דאָס נישט כאָן אַפילו נאָר דערפאַר ווייל זיי אַליין ווילן דאָס נישט. אַן אוקראַינער וויל זיין אַן אוקראַינער און אַ פּאָליאַק וויל בלייבן אַ פּאָליאַק. אַזוי איז דאָס אויך מיט אַנדערע פעלקערשאַפטן פון סלאַווישן אָפּשטאַם. אָבער ווי מיר דאַכט, ווילן די דייטשישע פעלקערשאַפטן זיך יאָ פאַראייניקן אין איין דייטש־לאַנד!...

— און ווי האַלט דאָס ווי באַלד אַזוי מיט ייִדן? — האָט דער גענע־ראַל געפרעגט, — זענען זיי אַ פאָלק, אַ נאַציע, צי עפּעס אַנדערש? ייִדן זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. נו, און ווען מען

פרעגט ביי זיי צי זיי ווילן זיך פֿאַראייניקן אין איין פֿאָלק, אויף איין טערי־טאָריע, לאָמיר זאָגן טאַקע אין פּאַלעסטינע, איז וואָס וואָלט געווען זייער ענטפער?...

— איך מיין אַ פּאָזיטיווער! — האָט מיכל געזאָגט. — פֿאַרשטייסט, גענעראַל, מיט יידן איז גאָר אַנדערש. נאָך פֿון קינדוויייז געדענק איך די געשיכטע, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ דאָקטער מיטן נאָמען טעאָדאָר הערצל, וואָס האָט געטרוימט וועגן צונויפֿזאַמלען די יידן און זיי באַזעצן אין איין לאַנד, אין פּאַלעסטינע און פֿון זיי צוריק שאַפֿן איין פֿאָלק. די ציוניסטן, ווי נאָר זיי געפֿינען זיך, ווילן דאָס נאָך אויך איצט. פֿיל געלערנטע האַלטן, אַז די יידן, כאָטש זיי זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט זענען זיי דאָך איין פֿאָלק, ווייל נישט נאָר זייער רעליגיע, געשיכטע און טראַדיציעס פֿאַראייניקן זיי, נאָר אויך זייער אַלגעמיינער גורל. אַלע יידן האָבן איין גורל... אין אַ וועלכן לאַנד אַ ייד זאָל נישט לעבן, און אויף אַ וועלכער שפּראַך אַ ייד זאָל נישט רעדן, און צי ער איז פֿרום אָדער אַטעיס־טיש, צי אַפֿילו ווען ער וויל נישט זיין קיין ייד, האַלטן אים דאָך אַנדערע פֿאַר אַ יידן, און ווען עס איז עפּעס נישט פֿויגלדיק אין אַ לאַנד אָדער אין אַ געזעלשאַפֿט, לאָזט מען דעם כעס אויס צום יידן, כאָטש ער איז נישט שול־דיק... מיר דאַרפֿן נישט גיין ווייט אין דער געשיכטע אַריין. אָט ערשט נישט לאַנג, אַפֿילו דאָ, ביי אונדז אין רוסלאַנד, אין דער צייט פֿון בירגער־קריג. דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט און דאָס רוסישע פּויערטום האָבן זיך באַפֿרייט פֿון דעם יאָך פֿון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, איז צוליב וואָס האָט מען געדאַרפֿט מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן?... זענען דען די יידן געווען שולדיק אין דעם וואָס אויפֿן רוסישן טראָן איז געזעסן דער בלוטיקער צאַר ניקאָליי?... אָבער אַזוי איז דאָס שוין. מען זוכט שטענדיק „אַ כפּרה־הינדל" כדי אָפּצוּווענדן די אומצופֿרידנקייט פֿון די מאַסן. דאָס „כפּרה־הינדל" זע־נען שטענדיק די יידן, ווייל זיי זענען דאָך „פֿרעמדע"... די רעאַקציאָנערע רעגירונגען, פּאַרטייען און געזעלשאַפֿטן רייצן אָן די פֿינצטערע און אָפּגע־שטאַנענע צעווייטיקטע מאַסן קעגן די יידן, שרייענדיק, אַז אין אַלע ליידן פֿון דעם פֿאָלק און לאַנד זענען שולדיק נאָר די יידן!...

— דאָס דערמאָנט מיך אין היטלערס „מיין קאַמף" — האָט קאַטיאַ גע־זאָגט, — איך האָב דעם בוך געלייענט ווען מיר זענען אין דייטשלאַנד גע־ווען. אָבער איצט איז דאָס בוך פֿאַראַן דאָ אויך, אין אַ רוסישער איבערזע־צונג.

— היטלערס „מיין קאַמף"? — האָט מיכל איבערגעפרעגט, — איך האָב טאַקע עפּעס געהערט וועגן אַזאַ בוך! מען זאָגט, אַז היטלער איז קעגן יידן, ער האַלט, אַז מען דאַרף זיי פאַרניכטן. איז דאָס אמת?... איך האָב אָבער נישט געהערט ביז איצט, אַז „מיין קאַמף" איז שוין אויך איבערגעזעצט אין רוסיש. מען פאַרקויפט אים? ווו?...

— אָ, ניין, מען האָט דעם בוך איבערגעזעצט נאָר פאַרן אינערלעכן געברויך, פאַר די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי און פאַר איניקע וויכטיקע טוער אין קרעמל, פאַר אַזעלכע קאָמיסאַרן אַ שטייגער ווי באַריס און אַנדערע... איך האָב אויך געקראָגן אַזאַ בוך... — האָט דער גענעראַל איוואַנאָוו געזאָגט און דערביי מיכלען אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, — איך וועל דיר דעם בוך געבן צו לייענען, אָבער מיט אַ באַדינג, אַז קיינער זאָל פון דעם נישט וויסן, אַז קיינער זאָל ביי דיר נישט זען דעם בוך. איך וועל דיר דערביי אויך געבן אַ בוך פון קאַרל מאַרקסן. עס איז אַ זאַמלונג פון ווייניק באַקאַנטע און נישט פּאָפּולערע אַרטיקלען און צווישן זיי איין אַרטיקל, וואָס מאַרקס האָט געשריבן אין 1844סטן יאָר הייסט: „די יודען פּראָבלעם". איך וועל דיר אויך דעם בוך געבן צו לייענען. עפּעס זענען פאַראַן ביי היטלערן אַזעלכע אויסזעצונגען קעגן יידן, וועלכע ער האָט פון קאַרל מאַרקסן גענומען. נישט אומזיסט איז אויך דער בוך פון קאַרל מאַרקסן אַזוי ווי היטלערס „מיין קאַמף" איבערגעזעצט אין רוסיש נאָר פאַר דעם געברויך פון פּאָליטישע קאָמיסאַרן, קרעמל־טוער און מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. די־אָ ביכער זענען פאַרבאָטן פאַרשפּרייט צו ווערן צווישן די ברייטע מאַסן, כדי זיי זאָלן זיך נישט אָנשטעקן מיטן יידן־האַס!

— איצט פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט, טאָוואַרישטש גענעראַל! — האָט מיכל אויסגעשריגן, — האָסט מיך איבערראַשט! וואָס מיינט דאָס, אַז היטלער האָט גענומען פון מאַרקסן אַנטיסעמיטישע אויסזעצונגען?... אַנטשולדיק מיר, טייערער גענעראַל, עפּעס קלעפּט זיך דאָ נישט!... איך דאַרף דאָס פילייכט נישט זאָגן, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין ווי דאָסטאָיעווסקיס „אידיאָט", איך זאָג דעם אמת!... קאַרל מאַרקס איז דאָך געווען דער גרונטלייגער פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, דער גרינדער פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, דער אָנזאָגער פון אַ צייט ווען אַלע נאַציעס, אַלע פעלקער, אַלע ראַסן און אַלע מענטשן וועלן זיין צווישן זיך גלייך און

פריי! היינט ווי איז דאָס מעגלעך, אַז דער זעלבער קאַרל מאַרקס זאָל עפּעס געווען זאָגן שלעכטס קעגן אַ וועלכן עס איז פאָלק?...

דער גענעראַל האָט מיט באַדויער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דער שראַם אויף זיין געזיכט איז געוואָרן בלוי פון אויפרעגונג. ער האָט קוים אַרויסגערעדט:

—מיכאַיִל, דו ביסט טאַקע אַ גוטער שרייבער, און איך האַלט פון דיר, אָבער נישט אַלץ ווייסטו. פיליכט איז דאָס די שולד פון דער פּאַרטיי וואָס מען פאַרבאָט איינימקע ביכער צו לייענען, און דערפאַר האָסטו ביז איצט נישט געוווסט וועגן דער זעלטענער קאַרל מאַרקס־אויסגאַבע וועלכע מיר, מאַרקסיסטן, ווילן נישט פאַרשפּרייטן... און דאָך, פיליכט האָט די פּאַרטיי רעכט. נישט יעדער איינער דאַרף וויסן, אַז אויך אַזאַ מענטש ווי קאַרל מאַרקס האָט געקענט האָבן געוויסע פעלערן!...

— איז צוליב וואָס זשע דאַרף מען די „געוויסע פעלערן" פון מאַרקסן איבערזעצן אין רוסיש און זיי פאַרשפּרייטן צווישן די צ. ק.־מיטגלידער און קרעמל־טוער?...

— כדי מען זאָל אויסמיידן די פעלערן! — האָט גענעראַל איוואַנאָוו געענטפערט.

— און אפשר כדי מען זאָל זיי איבערחזרן?...

— אָ, ניין, מיכאַיִל, וואָס רעדסטו, דו שפּאַסט?...

— ניין, איך שפּאַס נישט, איך מיין ערנסט!... אָבער יעדנפאַלס, מיר וווּנדערט וואָס באָריס האָט מיר קיין מאָל נישט געזאָגט נישט וועגן היט־לערס „מיין קאַמף" און נישט וועגן דעם פאַרבאָטענעם בוך פון קאַרל מאַרקסן!...

— באָריס זאָגט דיר פיל זאַכן נישט. ער איז אַ גוטער חבר און אַ גוּ־טער קאָמוניסט. דו דאַרפסט זיך נישט באַליידיקן וואָס ער באַהאַלט אויס פיל זאַכן פון דיר. דו, מיכאַיִל, ביסט אַ סענסיטיווער מענטש. איך האָב דאָס באַלד באַמערקט, ווען דו ביסט נאָך אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע אַריינגעטראָטן. איך האָב שוין דאַן איינגעזען, אַז דו ביסט נישט אַזוי שטאַנד־האַפטיק ווי עס פּאַסט פאַר אַ מיליטער־מאַן און דערצו נאָך אַ קאָמוניסט. דו האָסט צופיל ווייך־האַרציקייט אין זיך. עס איז זייער שיין, אָבער איצט איז נאָך ביי אונדז נישטאָ קיין צייט און קיין געדולד פאַר ווייך־האַרציקייטן. נו, ביסט אָבער אַ שרייבער, און מען קען דאָס דיר מוחל זיין. זעסט דאָך, אַז מיר האָבן דיך אַלע ליב.

— אַ דאַנק, טאָוואַרישטש גענעראַל.

— ווייסטו וואָס, — האָט יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט, — נעם קסעניאַן און קום צו אונדז. עס איז נאָך פֿרי און מיר קענען ביי אונדז פֿאַר־ברענגען אַ פּאָר שעה... איוואַן וועט דיר שוין דאָרטן געבן די ביכער.

— זייער גוט, קאַטיאַ! — און דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו קסע־ניאַן, — קום, מיר וועלן זיך אַביסל דורכפּאָרן...

דעם אויפֿדערנאַכט האָט זיך מיכל נישט געלייגט שלאָפֿן אין דער גע־ווײַנלעכער צײַט. ער האָט היטלערס „מײַן קאַמף" אַוועקגעלייגט אין אַ זײַט און זיך גענומען צום אײנציקן און זעלטענעם אַרטיקל וואָס קאַרל מאַרקס האָט אַמאָל געשריבן וועגן דער ייִדן־פּראָבלעם. דאָס אַרטיקל איז געווען פֿול מיט האַס און עס האָט אין זיך נישט געהאַט דעם שווונג און דעם וויסנשאַפֿטלעכן צוגאַנג ווי די אַנדערע זײַנע אַרבעטן. עס איז געווען אַן אומקלאָרער און אַן אומזיניקער אַרטיקל, געשריבן פֿלאַך און נאַריש און מיכל האָט זיך דערפֿאַר גאָרנישט אויפֿגערעגט ביים לייענען. ער האָט זאָך שוין געהאַט געלייענט עפּעס ענלעכס צו דעם פֿון אַן אַנדער „גרויסן מענ־טשן", פֿון סטאַלינען, אין זײַנס אַן אומבאַהאָלפֿן און נאַריש אַרטיקל וואָס ער האָט אָנגערופֿן: „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע". אַזוי אַרום איז ער שוין געווען צוגעגרייט צו דעם נידערטרעכטיקן פֿאַרשלייערטן און אָפּע־נעם ייִדן־האַס פֿון די אַלערליי „מענטשן־באַפֿרייער": סאָציאַליסטן, קאָמו־ניסטן און אַנדערע „רעוואָלוציאָנערע" פּריידיקער.

ביים לייענען היטלערס „מײַן קאַמף" האָט זיך שוין מיכל יאָ אַביסל אויפֿגערעגט. דאָס זענען שוין געווען נישט נאָר די זעלבע „געדאַנקען" וועגן ייִדנטום, די זעלבע „פּערל" וואָס ביי מאַרקסן און סטאַלינען, נאָר אויך פֿאַרפֿולקאָמטע און אָריגינעלע אײַנפֿאַלן, וואָס נאָר אַ טייוול אין אַ מענטשן־געשטאַלט האָט זיך צו דעם געקענט דערטראַכטן. און נישט נאָר ייִדן אַליין וויל היטלער אויסראָטן, נאָר אויך ציגיינער און די קאָלירטע ראַסן. אַנגלאָ־זאַקסן וויל ער פֿאַרוואַנדלען אין ווייסע־קעלנער שקלאַפֿן, און די סלאַווישע פֿעלקער אין שקלאַפֿן פֿון דער שווערער אינדוסטריע. — „אָ, ניין, — האָט מיכל געטראַכט, — אַזאַ איינער איז נישט ווערט צו פֿאַרזאַמלען אַלע דייטשן אין איין גרויס פֿאָלק אונטער איין רייך!... אַזאַ הייליקע זאַמלונג קען נאָר זײַן אין דער מאַכט פֿון אַ מענטשן מיטן גייסט פֿון אַ משה און אַ ישוע, מיטן גייסט פֿון אַ מענטשן וואָס זאָגט: „זאָלסט נישט הרגענען!" און „האָב ליב אַן אַנדער מענטש, דײַן שכן, דײַן פֿרײַנד, דײַן חבר און אַפֿילו אַ

ווילד־פרעמדן מענטש, האָב אים ליב ווי זיך אַליין", אָבער אַזאַ פאַרשוין ווי היטלער, וואָס וויל בויען דאָס אויפקום און גליק פון זיין פאָלק אויף דעם אומקום און אומגליק פון אַנדערע פעלקער, אַזאַ־אָ איינער וועט זיין ציל קיין מאָל, קיין מאָל נישט דערגרייכן, ווייל ווען מען פאַרזייט די ערד מיט בלוט וואַקסן אויף איר אויס קברים!..."

פאַרטאָג־צו איז מיכל אַוועק זיך לייגן שלאָפן. זיין קאָפּ איז אים גע־ווען פול מיט אַ פּלאָנטער פון שוואַרצע ווערטער. אים האָט זיך געחלומט ווי היטלער האַלט מאַרקסן ביי זיין לאַנגער באָרד און לאַכט. זיין געלעכ־טער איז אַזאַ גרילצנדיקער, אַז עס שניידט אַזש אין די אויערן. דערביי גלאָצט היטלער מיט די אויגן ווי אַ משוגענער....

אַ טעלעפאָן־קלינגעריי האָט אים אויפגעוועקט.

עס איז געווען האַלבער טאָג. קסעניאַ איז געשטאַנען איבער אים. זי האָט געזאָגט:

— מיכאַיל, שטיי אויף! מען רופט דיך פון דעם צ. ק.

ער האָט דעם שווערן שלאָף קוים פון זיך אַראָפּגעטרייסלט און גענו־מען דאָס טעלעפאָן־טרייבל. מען האָט אים געהייסן שוין קומען אין דעם פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

ער האָט שנעל זיך אָנגעטאָן און איז אַוועק אין דער געביידע פון דעם צ. ק. דער הויפּט פון דעם פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל, אַ לאַנגער אויסגעדאַרטער מענטש מיט אַ שטרענגן אַסקעטישן געזיכט האָט אים באַפוילן:

— טאָוואַרישטש קרוגער, מיר גיבן דיר אַ באַשטעלונג. שרייב אָן אַ ראָמאַן וועגן אַ סטאַכאַנאָוועץ, וואָס אַרבעט אין דעם ערשטן סאָוועטישן אויטאָמאָביל־זאַוואָד אויף סטאַלינס נאָמען.

מיכל האָט נישט געוואַגט צו זאָגן, אַז ער קען נישט און אַז ער ווייסט נישט וואָס צו שרייבן, וועגן עפּעס אַ סטאַכאַנאָוועץ וועלכן ער האָט קיין מאָל נישט געזען. אָבער אַ באַפעל איז אַ באַפעל. מען מוז אים אויספילן. דאָס איז פּאַרטיי־דיסציפּלין. מען מוז פאָלגן, אָן שום רייד!...

מיכל איז אַוועק צו דעם פּלאַץ וווּ עס אַרבעטן טויזנטער מענטשן ביים קאָנסטרויִרן, פּלאַנירן, שאַפן און צונויפשטעלן דעם נייעם טיפּ אויטאָמאָביל, דעם ערשטן סאָוועטישן אויטאָמאָביל. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַרן די־רעקטאָר און פאַרן פּאַרטיי־סעקרעטאַר פון דעם זאַוואָד. די־אָ צוויי זאַוואָד־קאָמיסאַרן האָבן אים באַלד באַקענט מיט עטלעכע אַרבעטער־סטאַכאַנאָוו־צעס. ער האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען צו זיי אַהיים, זיך באַקענען מיט

זייער היימיש און אינטים לעבן, מיט זייערע נויטן, זאָרגן און זייער גליק און פרייד... מיט איינעם פון די סטאַכאַנאָווצעס פון דעם אויטאָמאָביל־זאַוואָד האָט ער זיך גאָר נאָענט באַפריינדעט. ער האָט שוין ביי אים אַ פּאָר מאָל גענעכטיקט אויך. ער האָט זיך דערוווּסט אַלע פּיטשעווקעס פון זיין כאַראַקטער און אַלע שטאַרקע און שוואַכע זייטן פון זיין אינטימען לעבן־שטייגער. נו, איצט איז ער שוין גרייט צו שרייבן דעם ראָמאַן וואָס די פּאַרטיי, בעסער געזאָגט דער קרעמל, האָט ביי אים באַשטעלט. פאַרשטייט זיך, אַז ער וועט נישט שרייבן דעם אמת וואָס ער האָט געזען און דעם אמת וואָס ער פילט, אַז ער וואָלט באַדאַרפט מאָלן און שרייבן, נאָר ער וועט שרייבן דאָס וואָס די פּאַרטיי, דער קרעמל און די קאָמיסאַרן פון דעם קרעמל, ווילן זען... דאָס איז דאָך אויך אַן אמת, זייערס אַן אמת, און ער וועט עס זיי געבן!...

דאָס מאָל איז דאָס „שאַפן" געגאַנגען גיך און גרינג. פאַר אַנדערהאַלבן חדשים צייט איז דער ראָמאַן פאַרטיק געוואָרן און דער דריטער בוך, מיכלס, איז אַריין אין דרוק. אָבער נאָך איידער דאָס בוך האָט זיך באַוויזן אויף די פּאָליצעס פון די ביבליאָטעקן, אין די שוי־פענצטער פון די ביכער־קראָמען און אין די הייזער פון די לייענער, האָבן די צייטונגען זיך באַרימט מיט אַ וויכטיקער און דערפרייענדיקער נייעס, אַז דאָס דייטשישע רייכס־מיליטער איז אַריין אין פּוילן, און לויט דעם אָפּמאַך פון היטלערן מיט סטאַלינען דאַרף דאָס סאָוועטישע מיליטער אויך אָנגרייפן פּוילן און גיין אַזוי ווייט ביז צו אַ פּונקט ווו בײדע קרעפטן, די דייטשישע און די רוסישע, וועלן זיך צוזאַמענטרעפן.

עס איז געווען אַ קורצער קריג. זייער שנעל און זייער פריינדלעך האָבן היטלער און סטאַלין זיך צעטיילט מיט פּוילן. אין דעם דייטשישן טייל פון דעם פאַרכאַפּטן פּוילן איז באַלד איינגעפירט געוואָרן פאַשיזם. אין דעם רוסישן טייל פון דעם פאַרכאַפּטן פּוילן האָט מען אָנגעהויבן איינצופירן קאָמוניזם... מען האָט פון מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו, מינסק און אַדעס מאָביליזירט פּאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי־טוער, אינזשיניערן, דאָקטוירים, לערער און שרייבער. מען האָט די־אָ אַלע מאָביליזירטע פּאַרטיי־מענטשן, אַלס „רויטע קאָמיסאַרן", געשיקט צו הילף דער „רומפּולער" רויטער אַרמיי. די־אָ מאָביליזירטע, ציוויל־געקליידטע „קאָמיסאַרן" האָבן דאָס באַדאַרפט איינס און צוויי פאַרוואַנדלען דאָס אָקופּירטע, פון דער רויטער

אַרמיי, פּוילן אין אַזאַ אָרדענונג און אין אַזאַ רעזשים ווי עס הערשט אין דעם גאַנצן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

מען האָט אויך מיכלען אַרויסגערופֿן אין צ.ק. פֿון דער פּאַרטיי. זײַן באַשטעלטער בוך וועגן דעם לעבן פֿון אַ סטאַכאַנאָוועץ אין אַ סאָוועטישן אויטאָמאָביל־זאַוואָד, איז שוין דערשינען און דער היסטערישער גוואַלד, אַז דאָס איז איינס פֿון די בעסטע ביכער וואָס די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן, האָט אַפֿילו פֿאַרשריגן די נײַעס וועגן דעם היטלער־סטאַלין אָפּמאַך. ער האָט פֿאַר דעם בוך באַקומען זייער פֿיל געלט און ער וואָלט געקענט לעבן אַ פּאָר יאָר אויסגעצייכנט און נישט אַרבעטן, נאָר געניסן פֿון אַ רויִק און זאַט לעבן, אָבער עס האָט נישט געקלאַפּט... דער צ.ק. פֿון דער פּאַרטיי האָט אים באַפֿוילן אָנצונעמען אַ צײַטווײַליקן אַמט אַלס קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסאַר פֿון דער ניי־געשאַפֿענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין איינער פֿון די געוועזענע פּוילישע צענטער־שטעט, אין ביאַליסטאָק. ער איז דערקלערט געוואָרן אַלס אַ מאָביליזירטער.

דאָס מאָל האָט זיך מיכל נישט געקענט אויסדרייען מיט אַ תּירוץ, אַז ער איז אַ שרײַבער, אַ פֿרײַער קינסטלער, אַ מיטגליד פֿון דעם פֿאַראיין פֿון סאָוועטישע שרײַבער, און אַז אַלס אַזאַ האָט ער אַ רעכט נישט אָנצוהאַלטן קיין שום שטעלע, נאָר זיך פֿאַרנעמען בלויז מיט ליטעראַרישן שאַפֿן. עס איז געמאָלדן געוואָרן אַ מלחמה־צושטאַנד, און אין אַזאַ צײַט זענען אַפֿילו די פּריווילעגיעס פֿון אַן ערשטראַנגיקן שרײַבער מער נישט גילטיק. מיכל האָט געמוזט אויספֿאָלגן דעם באַפֿעל, און ווי אַ מאָביליזירטער, פּאָליטי־שער קאָמיסאַר, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט פֿון מאָסקווע קיין ביאַליסטאָק.

58.

אַ נײַע וועלט מיט נײַע מענטשן האָט מיכל דערזען אין ביאַליסטאָק. ווערדליק די אינסטרוקציעס און אינפֿאָרמאַציעס וואָס ער האָט באַקומען פֿאַר זײַן אַרויספֿאָרן פֿון מאָסקווע, האָט ער דאָ באַדאַרפֿט טרעפֿן אַ מאַסע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, הונגעריקע און דערשלאָגענע אַרבעטער און פּויערים, וועלכע זענען יאָרן־לאַנג געווען עקספּלאָטירט און אונטערדריקט פֿון די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן.

עס האָט זיך אָבער אַלץ באַקומען פֿאַרקערט. ער האָט אומעטום באַ־געגנט און געזען זאַטע און פֿײַן־געקליידעטע מענטשן, נישט נאָר צווישן די־

רייכע לייט און צווישן דער אינטעליגענץ נאָר אויך צווישן די אַרבעטער און פּויערים. מען האָט געלעבט אין שיינע באַקוועמע דירות מיט פיין מעבל. די קראָמען זענען געווען פול מיט גוטס, מיט עסנוואַרג און מיט קליידונג, מיט פּאַרפום און מיט צירונג. די „זיגרייכע" רוסן, סיי די מיליטער־לייט און סיי די ציוויל־געקליידטע צוגעשיקטע „קאָמיסאַרן", זענען ווי הונגעריקע און אָפּגעריסענע היישעריקן באַפאַלן די קראָמען פון די באַזיגטע פּאָליאַקן און געכאַפּט, געקויפט אַלץ וואָס מען האָט נאָר מיט די אויגן געזען: שיך און פוטער, אָנצוגן און צוקער, זייף און האָניק. און זייגערלעך און פרויען־אונטערוועש, — דאָס האָט מען געקויפט אָן אַ שיר און אָן אַן אויפהער. מען האָט געקויפט צו צוויי, צו דריי און צו פינף קליינע, שיינע גאָלדענע זייגערלעך, אַזעלכע זייגערלעך וואָס מען האָט גאָר קיין מאָל אין רוסלאַנד פאַר די אויגן נישט געזען. מען האָט געקויפט צענדליקער פרויען־וועש, זיידענע נאַכט־העמדער, ווייסע, שוואַרצע, בלויע, רויטע, און מיט קרוזשעוועס אַרומגענייטע, און מיט בלימעלעך באַצירטע, אַזעלכע טייערע און שיינעכט נאַכט־העמדער וואָס די „זיגער" פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן פאַר זייערע פרויען, טעכטער, באַקאַנטע און געליבטע אַלס מתנות געבראַכט, און זיי, די רוסישע „דאַמען", האָבן די נאַכט־העמדער פאַר שפּאַציר און באַל־קליידער אָנגענומען. מען האָט זיך אויסגעפּוצט אין די נאַכט־העמדער און מען איז אַוועק צו באַקאַנטע זיך באַרימען מיט די געשאַנקען וואָס די מענער און געליבטע האָבן פון דעם באַזיגטן פּוילן זיי צוגעשיקט.

אויך מיכל האָט פיל זאַכן פאַר זיך און פאַר קסעניאַן און דעם זון אַנגעקויפט. ער האָט זיך אָבער געשעמט צו קויפן צופיל, ווייל ער האָט באַמערקט, אַז די אייגנטימער פון די קראָמען, ווי אויך די היגע באַפעלקערונג, שטוינען צוזעענדיק ווי די רוסן קויפן זשעדנע אַלץ וואָס זיי זעען. מען האָט זיך אַליין אויסגעגעבן און באַשטעטיקט, אַז דאָס גרויסע רוסלאַנד, דאָס לאַנד פון סאָציאַליזם האָט נאָך אַלץ אַ מאַנגל אין קליידונג און אין צירונג און לעבט נאָך אַלץ אין האַלב־הונגער.

נישט לאַנג האָט דער צושטאַנד געדויערט.

אַלע פּריוואַטע קראָמען, אונטערנעמונגען, הייזער און פאַבריקן זענען קאָנפיסקירט און נאַציאָנאַליזירט געוואָרן. די באַלעבאַטים זייערע האָט מען אַרעסטירט, וועמען פאַרשיקט קיין סיביר און וועמען צום װענטל געשטעלט און ליקווידירט. אויף זייער אָרט האָט מען אַוועקגעשטעלט די צוגעשיקטע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָמיסאַרן, וועלכע האָבן פאַרנומען די אַמטן אַלס

דירעקטאָרן פון די פֿאַבריקן, אַלס אינזשיניערן, אַלס דאָקטוירים, לערער, פּראָפּאַגאַנדיסטן און פּאַרטיי־סעקרעטאַרן.

מיכל האָט אויף זיין געביט געהאַט זייער פיל אַרבעט. מען האָט באַדאַרפט לאָזן אין גאַנג און איבערפירן אויף סאָוועטישע רעלסן אַלע טעאַטערס, שולן און קלובן. מען האָט באַדאַרפט אָוועקשטעלן ביי דער אָנפירונג פון די טעאַטערס, שולן און קלובן נייע מענטשן, קאָמוניסטן, און אויך צוקלייבן פון דער היגער, פוילישער באַפעלקערונג סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם און לאָיאַלע בירגער וואָס זאָלן קענען און וועלן מיטאַרבעטן און העלפן.

אָבער די גרעסטע שוועריקייטן האָט מיכל געהאַט מיט דעם אָרגאַניזירן און עפענען די רעדאַקציעס און פאַרלאַגן פאַר נייע, סאָוועטישע, צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער. דאָס האָט געהייסן: דער אידעאָלאָגישער פראָנט! און צו דעם פראָנט האָט מען געמוזט זייער פּאָרזיכטיק צוקלייבן און דורכזיפּן יעדן קאַנדידאַט ביז מען האָט אים באַשטעטיקט אויף אַ וועלכן עס איז אַמט.

ער האָט סוף־כל־סוף צונויפגעשטעלט אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע פון אַ נייער סאָוועטישער צייטונג אין דער רוסישער שפּראַך, מיטן נאָמען „זוויאַזדאַ”, וועלכע האָט באַדאַרפט פאַרבייטן אַלע פריערדיקע ביז איצט עקסיסטירנדיקע צייטונגען. גאָר אַ קליינער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט די צייטונג געקויפט און געלייענט. די סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע איז צו די ברייטע מאַסן אַזוי אַרום נישט דערגאַנגען. מיכל האָט וועגן דעם געשריבן קיין מאָסקווע און געבעטן, אַז מען זאָל דערלויבן אַרויסצוגעבן נאָך דריי צוגאָב־צייטונגען אויף די שפּראַכן וואָס די היגע באַפעלקערונג רעדט און לייענט, אויף פּויליש, ווייסרוסיש און יידיש. די שמאָל־קעפּיקע און ענגהאַרציקע קרעמל־קאָמיסאַרן, האָבן אויף מיכלס ביטע געענטפערט מיט אַ בייזן „ניעט”. אָבער מיכלען האָט דער „ניין” נישט אָפּגעשראָקן. ער האָט געוווסט ווי אַזוי צו נעמען מיט אַ קונץ „דעם ביק פאַר די הערנער”. ער האָט צו די קרעמל־קאָמיסאַרן אַ צווייט מאָל געשריבן: „אויב מען וויל סאָוועטיזירן די נייע, צוגעקומענע באַפעלקערונג פון פּוילן און זיי פאַרוואַנדלען אין סאָוועטישע פּאַטריאָטן און אין גלויביקע קאָמוניסטן, דאַן מוז מען זיי כאָטש צייטווייליק אין זייער שפּראַך געבן אַביסל קולטור און זיי אין זייער שפּראַך געבן צו פאַרשטיין, אַז זיי זענען גליקלעכע, ווייל די רויטע אַרמיי האָט זיי באַפרייט פון דעם יאָך פון די פּוילישע שליאַכטע, די בלוטזויגערישע פּריצים און קאַפּיטאַליסטן. שפּעטער, ווען די פּראָפּאַגאַנדע וועט

ווירקן, און די נייע מענטשן פון די נייע געביטן וועלן ווערן סאָוועטישע בירגער מיט סאָוועטישע פּאַספּאָרטן. דאַן וועט מען שוין מעגן די קולטור און פּראָפּאַגאַנדע אויף זייערע נאַציאָנאַלע און מוטער־שפּראַכן פאַרניכטן און זיי צוגעווײנען צו דער איין־און־איינציקער, גרויסער, רוסישער שפּראַך!״

די פירער פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט, אין מאָסקווע, האָבן גוטגע־הייסן מיכלס פּראָיעקט. מען האָט פאַר די דריי צוגאָב־צייטונגען מאָביליזי־זירט קאָמוניסטן פאַר אָנפירנדיקע פּאָסטנס און זיי צוגעשיקט קיין ביאַליס־טאָק, דירעקט צו מיכלען. ער האָט די ניי־אָנגעקומענע אַרויסהעלפער זיינע באַלד איינגעאָרדנט אַלס רעדאַקטאָרן פון די צייטונגען. מיכל איז אָנגעלאָדן געווען מיט פּלענער. ער איז געווען פאַרטיפט אין זיין טעטיקייט. ער האָט אָרגאַניזירט, געשאַפן און אָנגעפירט. אַלץ האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט דעם נייעם, דעם סאָוועטישן פּולס, אין דער באַזיגטער געגנט פון פּוילן. עס האָט שוין אָנגעהויבן אין די שטעט און אין די דערפער אויס־צוקוקן אַזוי ווי אין גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. די ניי־געעפנטע רעגירונגס־קראָמען און קאָאָפּעראַטיוון זענען געווען מיט שיין־דעקאָרירטע שויפענצ־טער און אינעווייניק זענען אַלע פּאָליצעס כמעט ליידיקע געווען. די אויס־געפּוצטע באַפעלקערונג, די פּאָליאַקן, ווייסרוסן, ייִדן, און דאָס ביסל דייטשן, זענען פאַרשוווּנדן. עס האָבן זיך אויף די גאַסן באַוויזן ביליק־ און אָרים־געקליידעטע, פאַרזאָרגטע מענטשן.

מיכל האָט געוווינט אין אַ האָטעל. ער האָט נישט געוווּסט ווי לאַנג ער וועט אין ביאַליסטאָק פאַרבלייבן און דערפאַר האָט קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן אַריבערנעמען קסעניאַן מיטן קינד צו זיך. קסעניאַ האָט אויך נישט אַרויסגעוויזן, אין אירע בריוו צו אים, קיין גרויסן חשק זיך צעשיידן מיט דער באַקוועמער און רייכער דירה אין מאָסקווע און פאָרן צו מיכלען. זי איז געווען צופרידן און אַפילו איבערראַשט פון די רייכע מתנות, די גאָלדענע זייגערלעך, די בראַסלעטן, די אוירינגלעך און די פינגערלעך מיט די דיאַמאַנטן און רובינען, וואָס מיכל האָט איר פון ביאַליסטאָק צוגעשיקט. זי האָט אָבער קיין שום וואַרעמע באַציִונג צו זיינע ווערטער אין זיינע בריוו צו איר נישט אַרויסגעוויזן. אירע ענטפערס זענען געווען קאַלטע. עס איז שוין מער נישט געווען די פאַרשיכורטע יוגנט־ליבע ווי אַמאָל, ווען מען האָט נאָך צו עפּעס געשטרעבט... איצט האָט מען שוין אַלץ דערגרייכט. מיכל איז אין זיינע בריוו צו איר אויך קאַלטער געוואָרן און קאַרגער מיט ווער־טער. זי האָט איצט געבונדן נאָר די ליבע צו זייער קינד.

און אין מיטן דערינען האָבן זיך אין ביאַליסטאָק באַוויזן דער גענע־ראַל איוואַנאָוו צוערשט, און דערנאָך באָריס. איוואַנאָוו איז אויף אַ פּאָר טעג אָראָפּגעקומען צוליב מיליטערישער אינספּעקציע. באָריס האָט אַ טאָג פאַר־בראַכט אין געהיימע באַראַטונגען מיט געוויסע „געהיימע" מענטשן. אַזוי ווי זיי זענען פּלוצים געקומען, אַזוי זענען זיי פּלוצים פאַרשוווּנדן. דאָך האָבן זיי אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ביי מיכלען, אין זיין האָטעל־צימער, און האָבן מיט אים פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה. מיכל האָט זיך דערוווּסט פון אַ פּאָר קרעמל־סודות: סטאַלין גלייבט אין היטלערס גוטע ווונטשן... ער איז אָבער זייער נערוועז און אין געהיים הייסט ער זיין גרייט, אַז טאָמער וועט מען עפּעס באַמערקן אַ פאַרדעכטיקייט זאָל מען זיך פאַרזיכערן מיטן ערשטן קלאַפּ.

— איז וואָס איז דיין מיינונג, גענעראַל? — האָט מיכל געפרעגט.

איוואַנאָוו האָט זיך געקווענקלט, געקוועטשט מיט די אַקסל און זיך גע־ריבן זיין הויכן שטערן, זיך געווישט דאָס פּנים און באַטאַפּט דעם שראַם. ער האָט געזאָגט:

— אייגנטלעך האָט דאָך די רויטע אַרמיי, זינט נאָך דעם בירגער־קריג, נישט געהאַט קיין שום דערפאַרונג אין וויכטיקע שלאַכטן. מיר רעכענען, אַז מיר זענען באַוואָפנט בעסער ווי אַלע לענדער אין דער וועלט. די דיס־ציפּלין אין דער רויטער אַרמיי איז אַן אייזערנע. אונדזער סאָלדאַט איז אַן אויפגעקלערטער. נו, און דער לאָזונג פון סטאַלינען, אַז „אויב עס וועט זיין אַ מלחמה, וועלן מיר שלאָגן דעם שונא אויף זיין טעריטאָריע", איז אויך פון גרויס וויכטיקייט. אָט, דעריבער מוזן מיר טאַקע באַצייטנס אָפּרוקן אונ־דזערע גרענעצן און זיך באַוואָרענען...

— וואָס מיינט דאָס?

— דאָס מיינט, אַז לענינגראַד איז נישט באַשיצט! מען וועט דאַרפן בעטן פינלאַנד, אַז זי זאָל זיך אַביסל אָפּרוקן!...

— אַ מלחמה קעגן פינלאַנד?

— מען וועט מוזן! און קען זיין אַפילו נאָך די בּ?גן!...

באָריס איז געזעסן פאַרטראַכט. ער האָט כמעט קיין אָנטייל נישט גע־נומען אין דעם געשפּרעך. זיין פּנים איז עפּעס געווען מאָדנע, צעקנייטשט ווי ביי אַן אַלטן מאַן. זיינע אויגן זענען געווען אויסגעלאָשן. עס האָט זיך אין זיי פון צייט צו צייט באַוויזן אַ פייערל באַגלייט מיט אַ געהיימניספולן שמייכל. ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— סטאַלין ווייסט וואָס ער טוט. ער איז אַ געניאַלער מענטש! גלייבט מיר, אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג.

אויף דעם האָט זיך זייער געשפּרעך געענדיקט. זיי האָבן זיך גיך געזעגנט מיט מיכלען און זענען צוריקגעפאָרן קיין מאָסקווע.

און דאָ איז צוגעפאַלן דער ווינטער און עס איז פאַר מיכלען אויפגעשוואומען אַ נייע פּראָבלעם.

פון דער אַנדערער העלפט פּוילן, וועלכע איז געווען אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע, זענען מענטשן געלאָפן זיך ראַטעווען צו דער צווייטער זייט פּוילן, וועלכע איז געווען אונטער דער רוסישער אָקופּאַציע. די שטאָט ביאַליסטאָק איז איבערגעפולט געוואָרן מיט פּליטים אין די טויזנטער, און צום מערסטנס זענען דאָס געווען יידן. מען איז אַנטלאָפן פון די דייטשן ווי פון אַ פּעסט.

צווישן די טויזנטער פּליטים זענען געווען אייניקע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, לערער, אַרטיסטן, מוזיקער, זשורנאַליסטן, שרייבער און פּאָעטן. די־אַ אַלע מענטשן זענען אַריינגעפאַלן אין דער קאַטעגאָריע פון דעם „קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע״־אָפּטייל מיט וועלכן מיכל האָט פאַרוואַלטעט. ער האָט באַדאַרפט אויפנעמען די־אַ אַלע פרעמדע מענטשן, זיי אויסהערן, זיי אויספרעגן און זען וועמען מען קען אַנפאַרטרויען און וועמען נישט. וועמען שיקן אויף אַרבעט לויט זיין באַרוף און פאַר און וועמען אָפּזאָגן...

פון קסעניאַן האָט מיכל באַקומען בריוו, וועלכע ער האָט אַפילו קיין צייט נישט געהאַט איבערצולייענען. ער האָט איין בריוו אויפגעעפנט און דאָס וואָס קסעניאַ האָט צו אים געשריבן איז אין דעם ברענענדיקן מאָמענט געווען אַזוי אומגעלומפּערט און נאַריש, אַז ער האָט שוין קיין חשק נישט געהאַט צו לייענען די איבעריקע בריוו אירע. ער האָט כמעט נישט געענטפערט. ער האָט אַ פּאַר מאָל זי אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן, איר געשיקט געלט און באַלד ווי פאַרגעסן אין איר. ער האָט זיך אַזוי מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער טעטיקייט צו העלפן די פרעמדע, די אַנטלאָפענע פון די דייטשן, אַז ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן, אַז ער האָט גאָר אין מאָסקווע אַ ווייב און אַ קינד.

אין דעם „קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע״־אָפּטייל האָט זיך באַוויזן אַ מענטש, אַ מיטלוואוקסיקער, אינגאַנצן שוואַרץ און פאַרחושכט. ער האָט געקוקט אונטערטעניק און נאַיוו צו מיכלען, זיך געבויגן צו אים און עפּעס אַזוי קעלבעריש צוגעשמייכלט. ער האָט געהאַלטן אַ פּעקל ביכער אונטערן

אָרעם. ער האָט די ביכער פּחדניש, נישט דרייסט אַוועקגעלייגט אויף מיכלס שרייבטיש און געזאָגט:

— דאָס האָב איך די ביכער געשריבן. איך האָב אין וואַרשע אַלץ אי־בערגעלאָזט, נאָר די ביכער מיט זיך מיטגענומען, ביים אַנטלויפן פון די דייטשישע נאַציס! איך בין אימער געווען אַ פריינד און אַ סימפּאַטיקער פון דער סאָוועטן־מאַכט. אַלע שרייבער אין וואַרשע האָבן מיך דערפאַר פיינט געהאַט. איך בין אַ ביאָגראַפן־שרייבער! איר זעט, קאַרל מאַרקס, קאַוטסקי און לאַסאַל!... זייערע לעבנס־געשיכטעס באַשריבן, זיי גערימט און געלויבט! איך האָב זיך שוין געקליבן שרייבן אויך די לעבנס־געשיכטעס פון לעני־נען און סטאַלינען. איך האָב אויך זיי געוואָלט רימען און לויבן, אָבער אין מיטן דערינען איז דער דייטש, היטלער, אונדז באַפאַלן. קוים זיך מיטן לעבן אַרויסגעראַטעוועט! אַ דאַנק דער רויטער אַרמיי, אַ דאַנק דעם ליבן פאָטער סטאַלין פאַר מיין רעטונג!...

מיכל האָט געהאַט מיטלייד מיט די אַלע אומגליקלעכע מענטשן וואָס זענען געלאָפן פון די דייטשן און געזוכט רעטונג ביי די רוסן. אָבער דער־אָ פּאַרשוין מיט זיינע ביכער וועגן קאַרל מאַרקסן, קאַוטסקין און לאַסאַלן איז אים עפּעס פריקרע געווען. עפּעס צופיל קנעכטעניש און ווערימדיקייט איז אין זיין האַלטונג און אין זיין אויסזען געווען. און אַפילו דער נאָמען זיי־נער איז געווען אַן אָפּשטויסנדיקער: אַלבערט שלוקערץ. — דאָס האָט דער־מאָנט אין אַן אַלטן ברודיקן פּאַרשוין, וואָס שטייט און שלוקערצט אַזוי, אַז עס ווערט אַזש נישט גוט פון אים.

מיכל האָט באַטראַכט דאָס מענטשל מיט זיין פּעקל ביכער, און עס איז אים נישט גוט געוואָרן צו קוקן אויף אים, אַזוי קליינלעך און נישטיק האָט ער אויסגעזען. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „ווייסט ער דען נישט, דער־אָ אומגליקלעכער פּאַרשוין, אַז ביי אונדז זענען קאַרל מאַרקס, קאַוטסקי און לאַסאַל נישט פון דער זעלבער ווערט און נישט פון דעם זעלבן יחוס?... לאַ־סאַל איז ביי אונדז פאַררעכנט פאַר אַן אינטעליגענטן גאָרנישט, קאַוטסקי איז אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, און קאַרל מאַרקס, דאָס איז אַנבאַלאַנגט אין דער דיאַלעקטיק, ווי אַזוי מען טראָגט אים אונטער און ווי אַזוי מען טייטשט אים אויס!... היינט, וואָס זאָגט ער מיר גאָר, אַז ער לויבט און רימט זיי אַלע דריי צוגלייך?"...

מיכל האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם מענטשל און געפרעגט:

— וואָס איז אייער פאַרלאַנג, מיט וואָס קען איך אייך דינען, בירגער שלוקערץ?

דער פאַרשוין האָט זיך פלוצים געגעבן אַ גלייך אויס און שטאָלץ געזאָגט:

— רופט מיך טאָוואַרישטש שלוקערץ און נישט בירגער שלוקערץ, איך בין דאָך נישט קיין פרעמדער, איך בין אַ סימפּאַטיקער, אַן אייגענער מענטש!

— אַהאַ, דער פּוילישער האַנאַר! — האָט מיכל אויסגערופן מיט אַ שמייכל, — נו, גוט, מיר וועלן שוין דורכקומען. גיט, ביטע, איין אַ שריפט־לעכע מעלדונג, און וויזט אָן אין וואָס איר נייטיקט זיך, וואָס פאַר אַן אַר־בעט איר ווילט, אַז מען זאָל אייך געבן. איך וועל באַטראַכטן אייער מעל־דונג און זען וואָס איך קען טאָן פאַר אייך.

דאָס מענטשל מיטן טשיקאַווע נאָמען — אַלבערט שלוקערץ — איז אַריינגעקומען צו מיכלען אין קאַבינעט אַ געהאַרכזאַמער און אַ געבויגענער. אַרויס פון מיכלס קאַבינעט איז ער אַ שטאָלצער, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ.

„מאָדנע, — האָט מיכל געטראַכט, — פּילייכט האָט ער אין מיר נישט דערזען דעם שטרענגן קאָמיסאַר, און דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט און חוצפּה".

אין דעם קאָרידאָר, ביי דער טיר פון דעם „מאָסקווער קאָמיסאַר" איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ שוואַרץ שיינענדיק שילדל מיט גאָלדענע אותיות: „קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע־פאַרוואַלטער, טאָוואַרישטש מיכאַיל קרוגער". הינטער דער טיר זענען געשטאַנען אין אַ לאַנגער רייע דערשלאָגענע און צעבראָכענע מענטשן, וועלכע זענען ביי זיך אין דער היים, אין די שטעט פון וואַנען זיי זענען אַנטלאָפן, געווען אָנגעזעענע און חשובע פּראָפעסאָרן, מוזיקער, שרייבער און אַרטיסטן. זיי האָבן דערזען דעם אַרויסגעקומענעם „קאָלעגע" זייערן און זיי זענען אים באַפאַלן:

— פּאַני שלוקערץ, ניי?...

— עפּעס געפּועלט?...

— ווי אַזוי איז ער, דער קאָמיסאַר, אַ שטרענגער?...

— ער לאָזט זיך רעדן?...

אַלבערט שלוקערץ האָט שפּאָטיש אַ קוק געטאָן אויף דער כאַפּטע מענטשן וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט און פּלוצים בייז אַ געשריי געטאָן:

— איך האָב אים אין דער ערד! וואָס ווייסט ער דען, וואָס? איך פאַר

מיר באַלד גלײך קײן מאָסקווע, פֿאָר איך מיר!... וואָס מײנט ענק, איך מיט מײנע ביכער וועגן די לעבנס פֿון דרײַ גרויסע רעוואָלוציע־דענקער וועל דאָ זיצן אַזוי ווי איר און אַרויסקוקן ביז מן וועט פֿון הימל אַראָפּפֿאַלן? איך קען דאָ אַלײן אויך ווערן אַ קאָמיסאַר! איך מיט מײנע פֿאַרדינסטן פֿאַרן סאָציאַליזם קען זיך צו אַלץ דערשלאָגן. איר וועט נאָך זען, לאָמיך זיך נאָר דערשלאָגן צו מאָסקווע, לאָמיך זיך נאָר!...

ער איז אַוועק און די דערשלאָגענע און הונגעריקע פּליטים, שרײַבער, קינסטלער, אַקטיאָרן, פּראָפֿעסאָרן און מוזיקער האָבן אים פֿאַרווּנדערט נאָכגעקוקט, געקוועטשט מיט די אַקסלען און געדרייט די קעפּ.

— טאָקע אינגאַנצן משוגע, דער־אַ אַלבערט שלוקערץ!

— שטענדיק געווען אַזאַ־אַ... נאָר דעם „אמת״ אַרומגעזוכט!...

— וואָס פֿאַר אַן אמת?... דער־אַ גאַלעגאַרנישט, וואָס נאַרט אַ וועלט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס, ער וויל דאָס דערגײן דעם אמת? נו־נו, נישטאָ וואָס צו לאַכן!...

עס איז אַרויסגעקומען מיכל. ער האָט דערזען די כאַפּטע טומלדיקע מענטשן און געפֿרעגט:

— וואָס רוישט איר אַזוי? האָט געדולד, איך וועל אײַך אַלעמען אויפֿנעמען!

אײנער, אַ פֿעסטגעבויטער מענטש, מיט אַ פּולבלעך טונקל געזיכט און מיט אַ פּאָר גוטע, שוואַרצע אויגן, האָט זיך אַ נײג געטאָן. אין דעם נײג איז נישט געווען קײן שום געהאַרכזאַמקײט, נאָר אַ שײנער מאַנער. מיכלען איז דער מענטש געפֿעלן געוואָרן. — וואָס איז אײער נאָמען? — האָט מיכל געפֿרעגט.

— וויגדאָר בונין! — האָט דער מענטש מיט די שײנע מאַנערן געזאָגט.

— קומט אַרײַן! — און צו די איבעריקע האָט זיך מיכל געווענדט: — ביטע, שרײַט נאָר נישט, רעדט אַביסל שטילער. איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז איך וועל נאָך הײַנט אײַך אַלעמען אויפֿנעמען און איך וועל טאָן פֿאַר אײַך וואָס נאָר אין מײנע כּוחות און אין מײַן מאַכט!

ווען וויגדאָר בונין איז אַרײַן אין קאַבינעט און מיכל האָט נאָך אים פֿאַרמאַכט די טיר, האָבן די מענטשן, וואָס זענען געבליבן פֿון יענער זײַט, אין קאָרידאָר, שטיל צווישן זיך גערעדט:

— זעט אויס אַ פֿײַנער מענטש, דער־אַ מאָסקווער קאָמיסאַר!

— נאָך גאָר אַ יונגער!...

— אָבער אַלבערט שלוקערץ, האָט ווי עס ווייזט אויס אַן אַנדער מיי־נונג. אים איז ער נישט געפעלן. געהערט מיט אַ מין כעס ער איז אַרויס: „איך האָב אים אין דער ערד!"...

— אי, וועט ער זיך נאָך דאָ דערדערדן! ער מיינט, אַז ער האָט אָנגע־שריבן לאַסאַלס, קאַרל מאַרקס׳ און קאַרל קאַוטסקיס אַזוי געראָפענע ביאָ־גראַפיעס וועט ער דערמיט דאָ ווייט פאַרפאָרן!... ער קען מיט זיינע שטיק פאַרפאָרן קיין סיביר, קען ער!...

מיכל האָט פון די ערשטע רייד מיט וויגדאָר בונינען איינגעזען, אַז דאָס איז אַ מענטש אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזן. ער האָט אים אויס־געפרעגט וועגן דער לאַגע אין פוילן אין די אַלע יאָרן ביז היטלערס דייטשן זענען דאָס לאַנד באַפאַלן. וויגדאָר בונין האָט זייער אויפריכטיק צעוויקלט פאַר מיכלען דאָס גאַנצע בילד. ער האָט געשילדערט דאָס פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לעבן פון פוילן, ווי אויך די באַציִונג פון דער פוילישער רע־גירונג און פון דעם פוילישן פאָלק צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, די ייִדן, דייטשן, אוקראַיִנער און ווייסרוסן. זיין שילדערונג איז געווען אַן אָביעקטי־ווע, כאָטש ער אַליין איז געווען לינק געשטימט און איז געווען אין אַן אָפּאָ־זיציע צו דער פויליש־פּריצישער רעגירונג.

דאָס נישט קנעכטעווען און דאָס נישט קריכן פון דער הויט, אַזוי ווי אַנדערע, כדי צו באַווייזן, אַז מען איז געטריי און מען האָט ליב די סאָ־וועטן־מאַכט, איז מיכלען געפעלן. ער האָט באַשטימט וויגדאָר בונינען פאַר זיין געהילף. בונין האָט זיך פון אָנהייב אָן געקווענקלט.

— איך בין דאָך געווען אין וואַרשע נאָר אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע און ליטעראַטור. איך האָב נאָר געלייענט לעקציעס און געשריבן וויסנ־שאַפטלעכע און ליטעראַרישע אַרטיקלען. מיט קיין אַדמיניסטראַטיווער טע־טיקייט האָב איך זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען.

— איר קענט די אַלע מענטשן וואָס שטייען דאָ יעדן טאָג הינטער מיין טיר, — האָט מיכל זיך צו אים געווענדט, — איך קען זיי נישט. מען דאַרף זיי העלפן מיט אַרבעט און מיט וווינונגען. פון וואַנען וויס איך ווער זיי זענען? פיליכט זענען דאָס פאַרמאַסקירטע אַריינדרינגלער, שפּיאָנען?...

וויגדאָר בונין האָט אַ קוק געטאָן אויף מיכלען. אין זיין בליק איז גע־ווען אַזאַ שיין, וואָס מיכלען האָט געדוכט, אַז פונקען פליִען אַרויס פון דער שיין און פאַרמירן זיך אין בוכשטאַבן וואָס לייגן זיך אויס אין ווערטער מיט גרויסע פראַגעצייכנס: „און איר שעמט זיך נישט אין אַזאַ צייט זיך צו

פֿאַרנעמען מיט נאַרישקייטן? אַ וועלט ברענט, מענטשן האָבן קוים אַרויס־געראַטעוועט זייערע לעבנס פֿון די דייטשישע פֿאַשיסטן און געקומען צו אײַך ווי צו באַשיצער, און איר זוכט גאָר שפּיאָנען?"... ענדלעך איז בונין אײַנגעגאַנגען אויף מיכלס פֿאָרשלאָג.

— אויב מײַן הילף וועט אײַך צונוצקומען כּדי צו העלפֿן די אומגליק־לעכע מענטשן צו אײַנאָרדענען זיך, דאַן פֿאַרשטייט זיך, בין איך גליקלעך אָנצונעמען דעם אַמט וואָס איר שלאָגט מיר פֿאָר. אָבער איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז איך בין נאָר אַ פּראָפֿעסאָר, אין אַן אוניווערסיטעט צי אין אַ שול אַלס לערער וואָלט איך זיך בעסער אויסגעטויגט.

מיכל האָט אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט אויף בונינס פּלייצע. דער מענטש איז אים נאָך מערער געפֿעלן געוואָרן.

.59

אין די געציילטע פֿרייע אויפֿדערנאַכטן, ווען מיכל פֿלעגט זיצן אײי־נער אַליין אין זײַן האָטעל־צימער, פֿלעגט ער זייער פֿיל טראַכטן וועגן דער איצטיקער לאַגע. ער איז געווען אין זײַן נאַטור אַ מענטש פֿון שלום, אַ פּאַציפֿיסט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַ מיליטערישער קאַריערע נאָר דערפֿאַר ווײַל דאָס גאַנצע מיליטערישע קלאַפּערגעצייג איז אים נישט גע־ווען צום האַרצן. ער האָט אַפֿילו פֿײַנט געהאַט דאָס וואָרט „קריג", און דערפֿאַר טאַקע איז ער, ווי די אַנדערע סאָוועטישע בירגער, געווען צופֿרידן פֿון דעם שלום־פּאַקט וואָס סטאַלין האָט מיט היטלערן געמאַכט. אָבער איצט זעט ער די זאַך אַנדערש: פֿרידן פֿאַר יעדן פּרײַז איז נישט גוט. ווי קען מען זײַן נייטראַל צו אַ רעזשים וואָס האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל אויסצור־ראָטן פֿעלקער? ווי קען מען שליסן שלום מיט אַ טיראַן, אַ גזלן, אַ מער־דער? ניין, מיט אַזאַ אײנעם שליסט מען נישט קיין אָפּמאַכן, אַזאַ אײנעם מוז מען דערקלערן קריג און זיך שלאָגן מיט אים אַזוי לאַנג ביז מען וועט אים פֿאַרניכטן.

די אַלע שוידערלעכע פֿאַרברעכנס פֿון די נאַציס, וועגן וועלכע ער האָט זיך פֿון די פּליטים דערוווּסט, האָבן אויף אים שוידערלעך געווירקט.

ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן, האָט ער אין חלום געזען קאָשמאַרן. ער האָט געזען קסעניאַן מיטן קינד אויף די הענט. אַ דייטש איז זי באַפֿאַלן. ער האָט אַרויסגעריסן דאָס קינד פֿון אירע הענט. באַלד איז אָנגעלאָפֿן אַ

צווייטער דייטש מיט אַן עמער קעראָסין און האָט אַ פּליוכע געטאָן דעם קע־ראָסין אויפן קינד. דערנאָך האָט ער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און עס אַ וואָרף געטאָן. אַ פלאַם־פייער האָט דאָס קינד אַרומגעכאַפּט. עס ברענט!... און קסע־ניאַ שרייט: „אַלינקאַ, אַלעקסאַנדער, מיין קינד!" און ער, מיכל, איז אויס־געוואַקסן דערביי און ער שרייט אויך מיט אַ האַרץ־רייסנדיק קול: „אַלינ־קאַ, אַלעקסאַנדער, מיין קינד!"...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און שוין מער שלאָפן נישט געקענט. עס האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. דאָס איז פּאַר מיכלען נישט געווען קיין איבער־ראַשונג. מען האָט צו אים אָפטמאָל אין מיטן דער נאַכט געקלונגען. דאָס מאָל האָט פון פּאַרטיי־קאָמיטעט דער סעקרעטאַר גערופן. עס איז דרינגנד. ער מוז זיך אָנטאָן און שוין קומען אין דעם הויף פון דער ג.פּ.או. עס זאַמ־לען זיך דאָרטן צונויף אַלע קאָמוניסטן. עס איז אַ מוז. עס איז אַ באַפעל פון קרעמל. די קאָמוניסטן מוזן קומען צו הילף דער ג.פּ.או. אין אָט דעם־אָ אַנטשלאָסענעם מאָמענט. היינטיקע נאַכט וועלן פאַרקומען אַבלאַוועס איבער דער גאַנצער שטאָט. מען מוז אויסרייניקן די שטאָט פון פאַרדעכטיקטע און נישט־געווונטשענע עלעמענטן.

באַפעל איז באַפעל. מען מוז גיין.

מיכל האָט זיך שנעל אָנגעטאָן. ער האָט שוין געוווסט וואָס אַזאַ־אַ אַבלאַווע, אַ דרינגנדע רייניקונג, באַטייט. ער געדענקט דאָס פון בירא־בי־דזשאַן, ווען די ג.פּ.או. האָט פון די דערפער די קאַרעער באַפעלקערונג אין מיטן דער נאַכט אַרעסטירט און ערגעץ פאַרשיקט... קעגן וועמען זשע איז די קאַמפּאַניע איצט?

אין הויף פון דער ג.פּ.או. זענען שוין געשטאַנען באַוואָפנטע פּאָלי־ציאַנטן און סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי, ווי אויך ציוויל־געקליידטע מענטשן מיט ביקסן און רעוואָלווערן אין די הענט. די מערסטע פון די צי־ווילע זענען נישט געווען קיין ג.פּ.או.־אַגענטן, נאָר קאָמוניסטן: דירעקטאָרן פון פאַבריקן, אינזשיניערן, טעכניקער, דאָקטוירים, שרייבער, לערער, צייַ־טונגס־לייט, אַקטיאָרן, קראָמען־פאַרוואַלטערס, מוזיקער, און כלערליי אַנ־דערע פּריווילעגירטע קאָמוניסטן, וואָס זענען ביים פאָלק פאַרהאַסט געוואָרן ווי די סאָוועטישע קאָמיסאַרן. די־אָ אַלע ציווילע קאָמוניסטן האָט מען אין אָרדענונג פון פאַרטיי־דיסציפּלין באַפוילן און געצוווּנגען אַרויסצוהעלפן דער ג.פּ.או. אין איר אָפּעראַציע.

„וועער זשע זענען דאָס די אומגליקלעכע אויף וועמען עס וועט זיך

באַלד אָנהײבן דער געיעג?״ — האָט מיכל ווידער אַ טראַכט געטאָן און אַ שווידער איז איבער זײַן לײַב אַדורך.

מען האָט די מאַסע באַוואָפנטע מיליטער־געקלײדטע אויסגעמישט מיט די ציוויל־געקלײדטע און זײ צעטײלט צו צען מענטשן אין אַ גרופּע. מען האָט זײ געגעבן אינסטרוקציעס און מען האָט פֿאַר זײ געהאַלטן אַ פֿײַער־לעכע, קאָמוניסטיש־פּאַטריאָטישע רעדע. פֿון דער רעדע האָט זיך מיכל דער־וווּסט, אַז אין שטאָט געפֿינען זיך נאָך אַלץ זײער פֿיל רײַכע מענטשן, בור־זשויען און קאַפּיטאַליסטן וואָס זענען פֿײַנדלעך צו דער סאָוועטישער אָקו־פּאַציע־מאַכט. דערנאָך זענען אין שטאָט נאָך אויך פֿאַראַן אויסבאַהאַלטענע גענעראַלן און אָפֿיצירן פֿון דער צעשלאָגענער פּוילישער אַרמײ. און ווײ־טער: די אַלע בעזשענצעס, פּליטים, וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון די דײַטשן קען מען נישט אָנפֿאַרטרויען. צווישן זײ געפֿינען זיך אַ סך קרימינאַלן און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. מען טאָר זײ נישט אָנפֿאַרטרויען, מען קען זײ נישט האַלטן נאָענט פֿון דער גרענעץ, מען מוז זײ אַלע אַרעסטירן און פֿאַר־שיקן וואָס ווײַטער און ווײַטער, קײן סיביר!...

מען האָט מיכלען געגעבן אַ נאַגאַן. ער האָט דעם רעוואָלווער געהאַלטן פֿעסט אין זײַן האַנט. אָבער ווען ער האָט אויסגעהערט די רעדע פֿון דעם פּאַרטײ־סעקרעטאַר און די אינסטרוקציעס פֿון דעם ג.פּ.או.־שעף, האָט אים די האַנט אַ ציטער געטאָן. „איך וועל נישט אָנטײלנעמען אין דעם־אָ טײַוולשן געיעג אויף אומשולדיקע מענטשן!״ — האָט ער געטראַכט. אָבער באַלד האָט אַן אַנדער געדאַנק, אַ מער ניכטערער דעם ערשטן פֿאַרשריגן: „וואָס הײסט איך וועל נישט אָנטײל נעמען?״... דער ערשטער געדאַנק האָט ווידער גע־פֿאָדערט: „אײדער אַזאַ לעבן איז שוין בעסער דער טויט!״. ער האָט שוין געוואָלט אויפֿהײבן זײַן ציטערדיקע האַנט מיטן רעוואָלווער און זיך אַרײַנ־שיסן אַ קויל אין האַרצן. נאָר דאָ איז אים פֿאַר די אויגן זײַן קינד אויסגע־וואַקסן, פּונקט אַזוי ווי אין חלום. זײַן קינד ברענט אין אַ פֿלאַם־פֿײַער. די דײַטשן האָבן זײַן קינד פֿאַרברענט, היטלער האָט די דײַטשן באַפֿוילן צו ברענען, צו שיסן, צו הענגען און סטאַלין האָט מיט דעם־אָ מערדער שלום געמאַכט. אַ, נײַן, מיכל טאָר איצט נישט שטאַרבן, ער דאַרף איצט לעבן און לעבן און קעמפֿן, קעמפֿן אַזוי לאַנג ביז ער וועט פֿרײַער היטלערן און דער־נאָך אויך סטאַלינען בײַקומען.

די שוואַרץ־רויטע מחנות פֿון דער ג.פּ.או. זענען שוין געווען צעזײט

און צעשפּרייט איבער אַלע גאַסן פון דער שטאָט ביאַליסטאָק און פון די קלענערע שטעטלעך און דערפער אין דער גאַנצער ביאַליסטאָקער געגנט.

עס איז געווען האַלבע נאַכט. די אָפּעראַציע האָט זיך אָנגעהויבן.

עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז אַן ערד־ציטערניש איז פּלוצים, אין איין רגע פאָרגעקומען. כמעט פון אַלע הייזער אין שטאָט האָבן זיך געטראָגן גוואַלד־געשרייען פון דערשראָקענע מענטשן. מען האָט די מענטשן פון זייערע געלעגערס אַרויסגעריסן און האַלב־נאַקעטע אויף דער גאַס אַרויס־געטריבן. מען האָט זיי געפירט צו דער באַן־סטאַנציע און זיי אין שמוציקע וואַגאָנעס אַרייגעשטופּט. די טיר און פענצטער פון די וואַגאָנעס האָט מען פאַרהאַקט. מען האָט די אַרעסטירטע געטריבן קיין סיביר. פיל מענטשן וואָס האָבן זיך געפּרוווט ווערן, זיך נישט געלאָזט אַרעסטירן, האָט מען אויפן אָרט צעשאָסן.

אין די הייזער, סיי פון די רייכע און סיי פון די אָרעמע האָט מען אונ־טערזוכונגען געמאַכט. מען האָט צעריסן און צעפליקט דאָס בעטגעוואַנט, די קישנס, די קאָלדרעס און די מאַטראַצן. מען האָט צעהאַקט שטולן, טישן און שראַנקען. מען האָט צעריסן קליידער און מען האָט געטאָפּטשעט מיט די פיס טייערע ביכער פון וועלט־קלאַסיקער און הייליקע ספרים פון די וועלט־רעליגיעס. אין איילעניש האָט מען זיך געוואָרפן מיט זאַכן דורך די צע־פראַלטע און צעהאַקטע טירן און פענצטער און די גאַסן זענען געוואָרן פול מיט פלײַענדיקע פעדערן פון צעפליקטע קישנס. מען האָט געזוכט באַהאַלטן גאָלד, אַמעריקאַנער דאָלאַרן און פאַרווערטע ליטעראַטור. צי מען האָט יאָ עפּעס געפונען צי נישט, אַלצאיינס, מען האָט די מענטשן אַרעסטירט און פאַרשיקט.

אין איין הויז איז אַ קראַנקע פרוי געלעגן מיט אַ קראַנק פּיצל קינד אויף די הענט. די פרוי איז געווען יונג און שיין און די היץ האָט פון איר געשלאָגן. איר ראָז־ליכטיק געזיכט און אירע בלויע אויגן זענען געווען פול מיט רייץ. דער אָנפירער פון דער גרופּע, אַן אָפיציר פון דער ג.פּ.או., האָט איר באַפוילן אַרויסצוקריכן פון בעט, זיך אָנטאָן, נעמען מיט זיך דאָס קינד און אַרויסגיין אויף דער גאַס ווו עס וואַרטן שוין פיל אַרעסטירטע. די פרוי האָט זיך געבעטן:

— איך בין קראַנק, איר זעט דאָך, אַז איך האָב היץ!

דער ג.פּ.או.־מאַן האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט און זי אַ שלעפּ געטאָן פון בעט אַרויס, שרייענדיק:

— דו, קורוואַ! דײַן מאַן איז אַן אָפֿיציר פֿון דער פּוילישער אַרמיי. ער האָט זיך געשלאָגן קעגן אונדז. ווו באַהאַלסטו אים אויס?

די פֿרוי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זײַן האַנט און זיך געכאַפּט אַנטאָן, שרײַענדיק:

— מײַן מאַן איז נישט קיין אָפֿיציר נאָר אַ פּראָסטער סאָלדאַט געווען, ער האָט זיך נישט געוואָלט שלאָגן קעגן אײַך. די רעגירונג האָט אים מאָ־ביליזירט, זיך געהייסן שלאָגן! וואָס האָט ער געקענט טאָן?...

— ווו איז ער? — האָט דער ג.פּ.או.־אָפֿיציר אויסגעשריגן, — מען האָט אים דאָ געזען!

— ער איז אַנטלאָפֿן! — האָט די פֿרוי געזאָגט, — ער איז אַנטלאָפֿן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מען אַרעסטירט אַלע וואָס האָבן זיך קעגן געשטעלט דער רויטער אַרמיי. גלייב מיר, איך ווייס נישט ווו ער איז. שוין אַ חודש, אַז איך האָב אים נישט געזען. און דאָ איז מיר נאָך דאָס קינד קראַנק געוואָרן. איך האָב מורא, אַז דאָס איז טיפֿוס! זעט, איך בין אויך קראַנק, זיך אָנגעשטעקט פֿונעם קינד!...

מיכלען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער האָט שיר נישט אויסגעזעצט אין אַ געוויין. ער האָט זיך אָפּגעקערט פֿון דער פֿרוי, אַרויס־געכאַפּט אַ טיכעלע און זיך גיך־גיך גענומען ווישן די אויגן. דער ג.פּ.או.־אָפֿיציר האָט דאָס באַמערקט.

— וואָס איז מיט דיר, טאָוואַרישטש קרוגער?

— גאָרנישט! — האָט מיכל זיך באַמיט צו שטאַרקן זײַן קול, — מיר דאַכט, אַז עפּעס איז מיר אַרײַן אין אויג!

— אַ פֿעדער פֿון די צעריסענע קישנס איז געוויס אַרײַן אין דײַן אויג, — האָט דער ג.פּ.או.־מענטש געלאַכט און פּלוצים באַפֿוילן, — לאָמיר פֿון דאַנען אַוועק. די־אַ שליוכע וועט אין ערגעץ נישט אַנטלויפֿן. זי איז קראַנק און מיר קענען זיך נאָך דאָ אָנשטעקן מיט אַ טיפֿוס!

מען איז אַרויס פֿון דעם הויז און מען האָט זיך פֿאַראייניקט מיט די אַנדערע מיליטער און ציווילע באַוואָפֿנטע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן גע־וואַרט אויף דער גאַס לעבן אַן איבערגעפֿולטער לאַסט־מאַשין מיט אַרעס־טירטע מענער, פֿרויען און קינדער. מען האָט די אַרעסטירטע באַלד אָפּגע־פֿירט צום וואָקזאַל און זיי דאָרט אַרײַנגעשטופּט אין אַ געפּאַקטן וואַגאָן.

צווישן די טויזנטער אַרעסטירטע האָט מען אין דער נאַכט אויך דעם פּראָפֿעסאָר ווײַגדאָר בונין אַרעסטירט. דער גוטמוטיקער פּראָפֿעסאָר האָט

רויק דערקלערט צום עלטסטן פון די פאַרשוויגענע וואָס האָבן זיין צימער אונטערזוכט:

— איך אַרבעט אין דעם „קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע״־אָפּטייל פון דער פּאַרטיי, אונטער דער לייטונג פון טאָוואַרישטש מיכאַיל קרוגער. איך בין זיין געהילף אויפן געביט צו העלפן איינאָרדענען די פּליטים פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס אויף אַרבעט.

— אַהאַ!... — האָט דער ג.פּ.או.־אָפיציר אויסגעשריגן און באַלד געפּרעגט זייער איידל, — אָבער דו ביסט דאָך אויך אַן אַנטלאָפענער, אַ בעזשעניעץ, דו ביסט אַריבערגעלאָפן איבער דעם דייטשן פראָנט צו אונדז!

— יאָ, איך בין אויך אַ בעזשעניעץ!

— האָסט שוין באַקומען אַ סאָוועטישן פּאַספּאָרט? ביסט געוואָרן אַ סאָוועטישער בירגער? און דו האָסט אַ פּאַרטיי־בילעט?...

— ניין, איך האָב נאָך נישט קיין סאָוועטישן פּאַספּאָרט. איך האָב אויך נישט קיין פּאַרטיי־בילעט!

— נו, דאַן, — האָט איצט דער אָפיציר שטרענגער געזאָגט, — וועל איך דיר מוזן פאַרהאַלטן ביז אַן אויספאָרשונג!

— אָבער, ביטע, — האָט דער פּראָפעסאָר זיך אָנגעהויבן צו ערגערן,

— איר קענט דאָך אָפּרופן דעם טאָוואַרישטש קרוגער. ער וועט אייך זאָגן, אַז...

— גיב אונדז נישט קיין עצות, — האָט אים דער ג.פּ.או.־מענטש איבערגעשלאָגן און באַפוילן צו זיינע לייט, — פירט אים אַרויס!

מיט דעם ביאָגראַפן־שרייבער אַלבערט שלוקערץ איז נאָך ערגער געווען. ווען מען איז געקומען אים נעמען האָט ער זיינע דריי ביכער באַוויזן, זיך באַרימט, אַז ער איז אַ מאַרקסיסט און אַז ער שרייבט שוין אַפילו איצט די לעבנס־געשיכטע פון סטאַלינען. זיין נישטיקער אויסזען און זיין נישט קענען ריידן קיין גוט־פאַרשטענדלעכן רוסיש האָט די ג.פּ.או.־לייט אַזוי דערנערווירט, אַז זיי האָבן אים פריִער צעפּאַטשט און דערנאָך אַרעסטירט. זיי האָבן דאָך חוץ די טויזנטער אַרעסטירטע וועלכע מען האָט אַרויסגעכאַפּט פון זייערע געלעגערס על־פּי חשד, אַז זיי קענען נאָך זיין שעדיקער אָדער פאַררעטער, אויך געהאַט אַ ליסטע מיט נעמען און אַדרעסן פון אייניקע מענטשן וואָס זיי האָבן באַשטימט צו אַרעסטירן. מען האָט שוין אין דער ג.פּ.או. גוט געוווסט וועגן דעם פאַרדעכטיקטן שלימזל וואָס באַרימט זיך, אַז ער האָט פאַרפאַסט ביאָגראַפיעס פון קאַרל מאַרקסן, קאַרל קאַוטסקין און

פערדינאַנד לאַסאַלן. אַלע דרײַ שטייען בײַ דעם־אָ „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער״ אויף דער זעלבער מדרגה. און איצט נאָך, קלײַבט ער זיך, אָט דער־אָ ניש־טיקער, אָפּגעריסענער און אָן־פּאַספּאָרטנער בראָדיאַגע צו שרײַבן אַ לעבנס־געשיכטע פון סטאַלינען? ווי וואַגט ער גאָר צו טראַכטן וועגן אַזאַ זאַך? אַ חוצפּה פון אַ קאָסמאָפּאָליט, אַ מענשעוויק, אַ ציוניסט, אַ דער רוח ווייסט אים ווער ער איז!... אַזאַ־אָ איינעם דאַרף מען שיסן אויפן אָרט...

דער פירער פון דער אָפּעראַציע־גרופּע האָט אויסגעצויגן די האַנט און אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. ער האָט דערבײַ געשיפּעט:

— דו אויסוואורף! ווי וואַגסטו גאָר דעם הייליקן נאָמען פון אונדזער פּאָטער סטאַלין צו דערמאָנען?

אַלבערט שלוקערץ איז געפאַלן צו די פיס פון דעם ג.פּ.או.־אָפּיציר און האָט אָנגעהויבן וויינען. ער האָט זיך געשלאָגן מיט די פויסטן אין האַרצן און שמערצלעך געכליפּעט:

— איך וועל טאָן אַלץ פאַר אײַך, איך בעט אײַך, אַרעסטירט מיך נישט!

דער אָפּיציר האָט אים מיטן פוס אַ זעץ געטאָן, מיט עקל אים אָפּגע־שטויסן פון זיך און זיך צעשריגן אויף זײַנע צען באַוואָפנטע קאָמוניסטן:

— פירט אים אַרויס, דעם הונט!

צו פאַרטאָג־צו האָט זיך די אָפּעראַציע געענדיקט. די שטאָט און די גאַנצע געגנט מיט שטעטלעך און דערפער זענען שוין ריין געוואָרן פון די „געפערלעכע״ נישט־געוווּנטשענע עלעמענטן.

מיכל האָט געשוויגן. ער האָט זיך אויפגעפירט גלײַך ווי עס וואָלט גאָרנישט נישט געשען אין דער נאַכט. ער האָט פאַרגעזעצט זײַן „קולטור־און פּראָפּאַגאַנדע״־טעטיקייט און ער האָט געהאָלפן דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אײַנצופירן סאָוועטישע אָרדענונג אין דעם נײַעם, דעם אָקופּירטן טייל פון דעם פאַרראַטענעם פוילישן לאַנד.

ענדלעך איז אַן אַבסאָלוטע סאָוועטישע אָרדענונג אײַנגעשטעלט גע־וואָרן. מיכל איז געוואָרן אַביסל פרײַער. ער וואָלט געקענט אויסנוצן זײַן פרײַע צײַט פאַר זײַן שעפערישן באַרוף. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אידייען וועגן נײַע, קינסטלערישע און פאַרכאַפּנדיקע נאָוועלן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין מוט און קיין חשק זיך צו זעצן צום שרײַבטיש און נעמען די פּען אין דער האַנט.

.60

אין איינע פון זיינע פרייע אויפדערנאַכטן איז מיכל אַרויס אין גאַס. ער האָט געשפּאַנט איבער די פיל ברייטע גאַסן מיט די האַלב־טונקעלע קאַפעען און רעסטאָראַנען און קינאָ־טעאַטערס אָן אַ שום אינטערעס. ער האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ שמאָל געסל און געבליבן שטיין פאַר אַ פאַ־ראַדנער טיר פון אַ צוויי־שטאָקיק הויז. ער האָט דאָס הויז דערקענט. ער ווייסט אָבער נישט פאַרוואָס ער איז אַהער פאַרקראָכן... אין דעם הויז דאַרף זיין אַ פרוי מיט אַ קינד! דאַכט זיך אויף טיפוס זענען זיי קראַנק געווען...

ער האָט צעעפנט די טיר און איז אַרויף אויף די טרעפּ. אויפן צווייטן שטאָק איז ער געבליבן שטיין ביי אַ בלוי־געפאַרבטער טיר. עס האָט אים אָנגעהויבן צו קלאַפּן דאָס האַרץ. ער האָט נישט געוווּסט וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט. עפּעס אַ מורא איז אים באַפאַלן. וואָס דאַרף ער דאָ? ער האָט שוין געוואָלט גיין צוריק. ער האָט אָבער די טיר אַ שטויס געטאָן. ער איז געווען אַזוי צעטראָגן, אַז ער האָט פאַרגעסן אָנצוקלאַפּן. די טיר האָט זיך צעעפנט.

עס איז אים אַנטקעגן געקומען אַ פרוי. ער האָט זי דערקענט. עס איז געווען די זעלבע פרוי מיט דעם זעלבן ראָז־ליכטיקן געזיכט און מיט דעם זעלבן רייץ אין אירע בלויע אויגן. זי איז אָבער איצט נישט געווען קראַנק. זי איז געשטאַנען פאַר אים אַ געזונטע און עפּעס אַזאַ צוגעלאָזענע, אַ האַר־ציקע. זי איז געווען אָנגעטאָן לייכט און איינפאַך, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט דורך איר קלייד איר צאַרטן און שלאַנקן קערפּער. ער איז גע־שטאַנען ווי אַ געפּלעפטער. זי איז אים געפעלן געוואָרן. ער האָט זי באַ־גערט.

— איר דערקענט מיך נישט? — האָט ער געזאָגט, — איך בין דאָ געווען ווען מען האָט די אונטערזוכונג ביי אייך געמאַכט. מען האָט אייך דאַן שיר נישט אַרעסטירט. אַנטשולדיקט פאַר די נישט־אָנגענעמע מינוטן וואָס איר האָט דאַן דורכגעלעבט!

די פרוי האָט מיכלען באַטראַכט און לייכט אַ שמייכל געטאָן.

— שטייט נישט אויף דער שוועל. קומט אַריין.

מיכל איז אַריינגעקומען. ער איז אַריבערגעגאַנגען פון ערשטן צימער אין צווייטן און זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ ווייכן שטול. זי האָט זיך געזעצט

אַקעגן אים אויף אַ רויטלעך־פּליושענעם דיוואַן. זי האָט געקוקט אויף אים און געשוויגן. ער האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערנאָך געפרעגט:

— איר זײַנט דאָן געווען קראַנק, איר און אײַער קינד. וואָס מאַכט דאָס קינד?

— געשטאָרבן אויפן צווייטן טאָג. — האָט די פרוי שטיל אַ זאָג געטאָן.

מיכל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— אַ שאָד... נעמט צו מײַן מיטלייד... גלייבט מיר בירגערין...

— וועראַ גרינהויז, איז מײַן נאָמען.

— יאָ, יאָ, גרינהויז! איך דערמאָן זיך... און מײַן נאָמען איז קרוגער, מיכאַיל קרוגער! — ער האָט זי באַטראַכט. — בירגערין גרינהויז, איך וויל, אַז איר זאָלט פאַרשטיין, אַז מיר זענען גאָר נישט אַזעלכע שלעכטע מענטשן ווי מען שטעלט זיך דאָ פאָר. גלייבט מיר, אַז אונדז איז נישט געווען אָנגענעם צו אַרעסטירן מענטשן אין מיטן דער נאַכט. אָבער איר מוזט פאַרשטיין, אַז עס איז אַזאַ צײַט, ווען... — ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס צו דערקלערן, — ווען..., נו, איר מוזט דאָס פאַרשטיין. די סאָוועטן־מאַכט האָט אַ סך שונאים. מיר מוזן זיך פאַרזיכערן! און עס טרעפט, אַז אויך אומשולדיקע מענטשן ווערן געפּייניקט פאַר די זינד פון אַנדערע... אָבער וואָס קען מען טאָן? עס איז אַן איבערגאַנגס צײַט אַזאַ!...

— איך האָב צו אײַך גאָרנישט! — האָט די פרוי געענטפערט און ווידער לייכט אַ שמייכל געטאָן, — איך האָב באַלד באַמערקט, אַז איר זײַנט אַנדערש...

— איר האָט מיך פאַרגעדענקט? — האָט זיך מיכל דערפרייט.

— יאָ, איך האָב אײַך פאַרגעדענקט! — האָט זי געזאָגט. — איר האָט זיך אויסגעטיילט פון די אַלע אַנדערע.

— אַ דאַנק אײַך! — האָט מיכל אַ צופרידענער אָפּגעענטפערט, דערפילנדיק, אַז אַ שטיין איז אים פון האַרצן אַראָפּ.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט אַרויסגיין, זאָגנדיק:

— איך וועל גיין מאַכן טיי. איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן דעם פאַרגעניגן צו טרינקען אין מײַן הויז אַ גלאָז טיי!

— ניין, איך וועל אײַך נישט אָפּזאָגן! — האָט מיכל פייערלעך אויסגעשריגן.

זי האָט פריינדלעך אַ קוק געטאָן אויף אים און איז אַרויס. ער איז געבליבן אַליין אין שטוב. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אַלץ איז דאָ געווען ריין און ציכטיק, מיט דער אויסשטאַטונג און מעבלירונג פון יעדן געוויינלעכן, פוילישן קליין־בורזשוי.

ווען וועראַ איז צוריק אַריינגעקומען מיט אַ טאַץ אויף וועלכער עס זענען געשטאַנען צוויי גלעזער טיי און צוויי שעלעכלעך מיט היימיש־געבאַקענעם טאָרט, האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן אַזוי ווי ער וואָלט זי שוין פון לאַנג געקענט. ער איז איר אַנטקעגן־געקומען און צוגענומען פון איר דעם טאַץ, דערביי האָט ער אָנגערירט אירע הענט. דער אָנגענעמער ציטער, וואָס האָט אים זייער אָפט אַזוי פיל גליק פאַרשאַפט, איז אויך איצט דורך זיין לייב אַדורך.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש.

מיכל האָט געפרעגט:

— און וואָס איז געוואָרן מיט אייער מאַן? האָט איר עפּעס געהערט פון אים?

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיכלען מיט אַן אומצוטרוי. זי האָט אָבער באַלד אַ שמייכל געטאָן און אָפנהאַרציק זיך אים אָנפאַרטרויט:

— מיין מאַן איז אַוועק צו די דייטשן. אַ טאָג נאָך דעם וואָס דאָס קינד איז געשטאָרבן איז ער אַוועק. אָט, זעט, דאָס איז אַ בריוו וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט פאַר זיין איבערלויפן די גרענעץ! — זי האָט אַרויסגענומען פון אַ שופלאָד אַ בריוו. — איר לייענט נישט קיין פויליש?... מיין מאַן איז דאָ אין פוילן געבוירן געוואָרן. ער איז אָבער אַ דייטש. איך בין נישט קיין דייטשקע... ער איז אַוועק צו זיי, צו די נאַציס!... ער שרייבט מיר דאָ, אַז ער קער זיך מער מיט מיר נישט אָן, איך בין פריי... — זי האָט ביי די לעצטע ווערטער זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס אין אַ צווייטן צימער.

מיכל האָט געהערט איר כליפּען. ער איז אַריין אין יענעם צימער. דאָס איז געווען דער שלאָף־צימער, דער זעלבער שלאָף־צימער ווו זי איז מיט וואָכן צוריק געלעגן אַ קראַנקע מיט איר קינד. מיכל איז צוגעקומען צו איר און זי אַרומגענומען.

— וויין נישט, ווערא. דיין מאַן האָט נישט די ווערט, אַז דו זאָלסט נאָך אים וויינען!...

זיי האָבן זיך מיט אַמאָל דערפילט זייער היימיש און נאָענט, גלייך ווי זיי קענען זיך שוין פון אַ לאַנגער צייט אָן. זי האָט געזאָגט:

— איך ווייס, מיכאַל, אַז ער האָט דאָס נישט די ווערט!... אָבער ווען נישט די קריג וואָלט דאָך אַנדערש געווען. ער איז געווען גוט צו מיר. ער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ פּאָליאַק און נאָר לעצטנס, זינט היט־לער האָט אָנגעהויבן צו בושעווען, האָט ער זיך דערקלערט פאַר אַ דייטש און ער האָט וועגן אָפּפאָרן קיין דייטשלאַנד אָנגעהויבן צו טרוימען. ער האָט זייער פיל וועגן היטלערן גערעדט. ער האָט די פאַבריק זיינע פאַר־קויפט. עס איז געווען אַ קליינע טעקסטיל־פאַבריק. ער האָט מיר געוואָרנט, אַז ער קען מיך מיט זיך קיין דייטשלאַנד נישט נעמען ווייל איך בין אַ ייִדיש־קע. ער האָט געוואָלט דאָס קינד ביי מיר צונעמען... און דאָ האָט זיך די קריג אָנגעהויבן. מען האָט אים ווי אַ פּוילישן בירגער אין דער פּוילישער אַרמיי מאָביליזירט. ער איז אַ צופרידענער געגאַנגען אין דער אַרמיי און זיך אַפילו באַרימט, אַז ער וועט זיך אונטערגעבן צו די דייטשן. מען האָט אים אָבער געשיקט זיך שלאָגן קעגן די רוסן, און איך בין אַזוי צופרידן געווען וואָס זיין טרוים איז צערונען געוואָרן... דערנאָך, ווען די רוסן זענען אַריין אין שטאָט און די קריג איז אַריבער האָט ער זיך באַוויזן. ער האָט מיט מיר שוין מער נישט געלעבט. ער איז געקומען זען דאָס קינד. און איצט איז שוין אַלץ פאַרענדיקט. איך בין אַליין...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט. מיכל האָט זיך לעבן איר צוגע־זעצט און אירע הענט אין זיינע געהאַלטן. ער האָט זי געוואָלט טרייסטן, אָבער מער ווי „באַרויִק זיך, ווערא״, און „עס וועט זיין גוט, ווערא״, האָט ער איר זאָגן נישט געקענט. מען איז לאַנג געזעסן און מען האָט שוין מער וועגן גאָרנישט גערעדט. עס איז געווען שטיל. די ליכט אין דעם צימער איז געווען אַ טונקעלע. עס האָט אים אָנגעהויבן צו שלעפערן און ער האָט זיין קאָפּ צו איר ברוסט צוגעשפּאַרט. זי האָט אַרומגענומען זיין קאָפּ מיט ביידע הענט. ער האָט ווייזט אויס אַ דרימל געטאָן. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און דערזען איר געזיכט. זי האָט צו אים ליבלעך געשמייכלט.

— ביסט איינגעשלאָפן!

— געשלאָפן? — ער האָט זיך אָפּגערוקט פון איר און געקוקט איר אין די אויגן.

— יאָ, געשלאָפן... ווי אַ קינד, אַזוי געשלאָפן...

— ווי אַ קינד? — האָט ער איבערגעפרעגט און זיך צוריק צו איר צוגערוקט און זי אַרומגענומען.

זי האָט אים אַ קוש געטאָן. איר אָטעם איז געווען הייס און פאַרשי־

בורנדיק אָנגענעם. ער איז צוגעפאַלן מיט זיינע ליפּן צו אירע און זי אָנגע־הויבן שטאַרק קושן.

אויפן אַנדערן טאָג האָט אים דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר אַריינגערופן צו זיך. מיכל איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט געוווּסט, אַז ווען דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר רופט אים צו זיך איז דאָס צוליב אויספילן אַ נייע אויפ־גאַבע, וועלכע איז פאַרבונדן מיט זיין „קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע״־טעטי־קייט. ער איז איצט גערן געווען אָנצונעמען יעדן פאָרשלאַג און דורכצופי־ין יעדע אונטערנעמונג.

עס איז טאַקע געווען אַ נייע און וויכטיקע אויפגאַבע. אויף דער קי־לינסקעגאָ־גאַס, אַקעגן דער נייער געעפנטער סאָוועטישער פּאָלקשול האָט זיך געפונען אַ סינאַגאָגע. דורך די פענצטער פון די קלאַסן קוקן די שילער אַריבער צו דער סינאַגאָגע און זעען ווי יידן שטייען דאָרטן מיט די טלי־תים איבער די קעפּ און שאָקלען זיך... דאָס איז נישט דערלאָזבאַר! דער סם פון רעליגיע דרינגט אַזוי אַרום אַריין אין די קלאַסן ווו מען לערנט די קינ־דער מאַרקסיסטישן וויסן... וואָס איז מיכלס מיינונג, זאָל מען אינגאַנצן פאַר־מאַכן די סינאַגאָגע און צעטרייבן די יידן וואָס קומען אַהין, צי מען זאָל געפינען פאַר די דאַווענער אַן אַנדערע געביידע און זיי זיך הייסן אַריבער־ציען?...

מיכלס ענטפער איז געווען, אַז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק. מען דאַרף דאָס לאַנד באַהערשן שטופנווייז. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער דאַרף נישט מער קיין טעמפּלען, קיין קלויסטערס און קיין סינאַגאָגעס. מיט דער צייט וועט מען זיי אַלע פאַרמאַכן. אָבער דערווייל זאָל מען אַביסל צוגיין מיט איינזעעניש און מיט מער פאַרשטענדעניש, די רעליגיעזע מענטשן זענען דאָ נישט שעדלעך. זיי זשומען נאָר ווי פליגן, און פליגן איז גרינג צו כאַפּן מיט האָניק. עס איז טאַקע ריכטיקער ווען אָנשטאָט דער סינאַגאָגע זאָל אַקעגנאיבער דער סאָוועטישער שול זיך געפינען אַ קאָמוניסטישער יוגנט־קלוב. די געביידע פון דער שיל וועט זייער גרינג זיין צו פאַרוואַנדלען אין אַ קאָמוניסטישן קלוב. מען דאַרף אָבער קיין טומל נישט מאַכן. מען דאַרף ערגעץ אין די זייטיקע געסלעך אָפּזוכן אַ לאָקאַל און הייסן דער סינאַגאָגע זיך איבערקלייבן אַהין. יאָ, ער, מיכל, ער אַליין וועט עס טאַקע אַדורכפירן... ער וועט זיך נישט פאַרלאָזן אויף אַנדערע קאָמוניסטן, אויף זיינע מיטהעל־פערס. עס איז אַ דעליקאַטע אַרבעט. מען דאַרף די זאַך דורכפירן שטיל און שנעל.

אין דעם זעלבן טאָג, פֿאַרנאַכט־צו, ווען פֿרומע ייִדן נעמען זיך צוזאַ־מען דאַווענען מנחה, איז מיכל אַוועק אין דער סינאַגאָגע. עס איז געווען אַן אַלטמאָדיש געבויטע הויז, וואָס אויסער די צען געבאָטן, אויסגעקריצט און באַגילדט אויף צוויי ווייסע מאַרמאָרענע טאָוולען, איבערן אַריינגאַנג, האָט זיך דאָס הויז מיט גאָרנישט נישט אונטערגעשיידט פֿון אַלע איבעריקע הײַזער אויף דער גאַס. אינעווייניק איז אָבער געווען ליכטיק און שטיל. אַ פֿאַרבאָרגענע הייליקייט האָט אָנגעפּילט דעם זאַל אין וועלכן עס זענען געשטאַנען לאַנגע בענק. מענטשן זענען געזעסן אויף די בענק מיט אָנגעבויגענע קעפּ און אַרײַנגעקוקט אין סידורים. אייניקע האָבן זיך געשאָקלט, געזיפֿצט און געקרעכצט, און אייניקע האָבן שטיל געשעפּטשעט מיט זייערע ליפּן די תפילה.

אויבן־אָן, אויף אַ העכערונג, באַצירט מיט אַן אָרון־קודש פֿון געשניצטן האָלץ, אַרום וועלכן די וואַנט איז געווען באַמאָלט מיט אייל־פֿאַרבן און האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט די הייליקע שטאָט ירושלים מיט דער וואַנט פֿון דעם חרוב־געוואָרענעם בית־המקדש, דעם כותל־מערבי, דאָרט איז געשטאַנען אַן אַלטער ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד, ווייס און לויטער ווי שניי. אַן אַלטער ווייסער טלית, וועלכער איז שוין אַביסל פֿאַרגעלט געוואָרן פֿון אַלטקייט, האָט צוגעדעקט זײַן אײַנגעבויגענע פּלייצע. ער האָט מיט אַ הייזעריק־זיס־לעך קול געזאָגט די שמונה־עשרה: „ברוך אתה יהוה אלהינו ואלהי אבו־תינו אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב" — (געלויבט ביסטו גאָט, אונדזער גאָט, דער גאָט פֿון אונדזערע עלטערן, דער גאָט פֿון אַברהם, דער גאָט פֿון יצחק און דער גאָט פֿון יעקב) — עפּעס אַ מין שרעק איז אויף מיכלען אָנגעפֿאַלן. וואָס האָט ער צו די ייִדן? ווען שטערן זיי דען מיט זייער תפילה־טאָן? פֿאַרוואָס קענען זיי דאָ נישט בלייבן? צוליב וואָס זיי אַרויס־טרייבן פֿון דאַנען?...

עמיצער האָט אים באַמערקט. מען האָט באַלד דערקענט אין אים אַ פֿרעמדן. וואָס וויל ער דאָ, דער־אָ יונגער מאַן? פֿיליכט האָט ער יאָרצײַט? ער דאַרף קדיש זאָגן?...

אַ ייִד מיט אַ רויט בערדל און אַ שוואַרצער יאַרמעלקע אויפֿן קאָפּ איז צו אים צוגעקומען. ער האָט זיך פֿאַרנייגט און זיך פֿאָרגעשטעלט:

— איך בין דאָ דער שמש פֿון שיל. איך זע דאָ אײַך דאָס ערשטע מאָל, בעט איך אײַך, אַז איר זאָלט מיר פֿאַרציילן וואָס איך באַמי אײַך. איר האָט עפּעס אַ ווונטש, צי איר זײַנט גלאַט אַזוי אַרײַנגעקומען? צו מנחה האָט איר־

שוין פאַרשפּעטיקט און מעריב וועט מען זיך שטעלן דאַווענען אין אַ שעה אַרום!

מיכל האָט באַטראַכט דעם ייִדן. טרויעריקע אויגן האָט דער שמש געהאַט. עס האָט אים אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן. זיין שטאַרבנדיקער פאָטער האָט אויך אַזעלכע טרויעריקע אויגן געהאַט. ער האָט זיך געשטאַרקט און געזאָגט:

— איך דאַרף דעם גבאי פון שיל. איך האָב עפּעס מיט אים וועגן וואָס צו רעדן.

— דער גבאי? — האָט דער שמש איבערגעפרעגט און אָנגעוויזן מיט אַ לאַנגן אויסגעדאַרטן פינגער, — אָט זיצט ער דאָרט־אָ, אויבן־אָן. אַלעקסאַנדראָוויטש איז זיין נאָמען. אַ טייערער ייִד. אַ רוסישער ייִד. פון פּעטערבורג איז ער אַהער נאָך צוריק מיט דרייסיק יאָר אַראָפּגעקומען און די שיל דאָ אויסגעבויט. ער איז דאָ די גאַנצע צייט גבאי. קיין אַנדערן ווילן מיר נישט!

דער שמש איז אַוועק און באַלד איז צו מיכלען צוגעקומען אַ שטאָלצער, הויך און ברייט צעוואַקסענער ייִד מיט אַ קליין, גרוי בערדל און מיט אַ שטרענגן פּנים. זיין קול איז אָבער געווען מילד.

— דער שמש האָט מיר געזאָגט, אַז איר ווילט מיט מיר וועגן עפּעס רעדן.

— יאָ! — האָט מיכל געזאָגט, — קומט, ביטע, אַוועק אין אַ זייט. איך וויל נישט, אַז אַלע אַנדערע ייִדן זאָלן דאָס הערן.

— אַ סעקרעט? — האָט זיך דער גבאי צעלאַכט, — וואָס פאַר אַ סעקרעטן האָט דאָס אַ יונגער מענטש צו רעדן מיט אַן אַלטן ייִדן?...

ווען מען איז אַוועק אין אַ ווינקל פון שיל, האָט זיך מיכל פאָרגעשטעלט.

— מיין נאָמען איז קרוגער. איך קום צו אייך ווי אַ פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי־ און סאָוועטן־מאַכט. ביטע, איך וויל, אַז איר זאָלט נישט זיין פאַרצווייפלט. הערט מיך אויס און פאַרנעמט מיינע רייד!

— וואָס איז דען?... — האָט דער גבאי געפרעגט און זיין פּנים איז געוואָרן בלאַס.

— אַקעגנאיבער געפינט זיך אַ סאָוועטישע שול ווו מען לערנט קינדער לייענען, שרייבן, געשיכטע און מאַטעמאַטיק. מען לערנט די קינדער צו זיין פרייע מענטשן אָן שום אַבערגלויבנס און אָן שום רעליגיעזע באַווירקונגען. אייער סינאַגאָגע שטערט אָבער דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג

פון די קינדער. אייער דאַווענען, די אויסגעשרייען, וואָס טראָגן זיך פון דאַנען צו דער גאַס אַרויס, ווירקן שלעכט אויף די קינדערס דערציִונג. דער־יבער איז באַשטימט געוואָרן, אַז איר זאָלט זיך פון דאַנען אַרויסציִען. מיר דאַרפן האָבן אייער געביידע פאַר אַ קלוב פאַר יונגע קאָמוניסטן. פאַר אייך האָבן מיר שוין געפונען אַ לאָקאַל אין דעם גראַדנער געסל. מיר גיבן אייך דריי טעג, אַז איר זאָלט אַלץ פון דאַנען אַרויסנעמען און זיך איבערציִען אין דעם אָרט ווו מען הייסט אייך! געדענקט, איך רעד מיט אייך נישט פּריוואַט. איך רעד מיט אייך ווי אַ פאַרשטייער פון דער אָקופּאַציע־מאַכט!

אַלעקסאַנדראָוויטש איז געשטאַנען אַקעגן מיכלען אַן אויסגעצויגע־נער ווי אַ מת. ער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. ער איז געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן און נאָר די ציין אין זיין מויל האָבן אין אַ ציטער זיך צע־קלאַפּט. ער האָט געזאָגט:

— אַהאַ, איר זיינט דאָס, הייסט דאָס, אַ קאָמיסאַר?!... — און באַלד האָט ער צוריק זיינע אויגן אויפגעעפנט, אַ קוק געטאָן אויף מיכלען מיט אַ שרעק־לעכן כעס און אויסגעשריגן אויף אַ קול: — דרייסיק יאָר בין איך גבאי פון דער סינאַגאָגע. איך האָב די געביידע מיט מיינע אייגענע הענט געבויט. און איצט קומט איר אויפן גרייטן און איר הייסט מיר, אַז איך זאָל די סינאַגאָגע פאַרניכטן. פאַרוואָס? אויב עמיצן איז דאָ ענג אָדער נישט באַקוועם און מען מוז זיך אַרויסציִען, טאָ זאָל זיך אַרויסציִען די־אָ סאָוועטישע שולע אייערע! מיר וועלן פון דאַנען נישט אַוועק!...

די דאַווענענדיקע ייִדן זענען זיך אָנגעלאָפן, זיך אַרומגעשטעלט אַרום זייער גבאי, געמאַכט מיט די הענט און געשריגן:

— וואָס איז געשען, פּאַני אַלעקסאַנדראָוויטש?...

— וואָס וויל פון אייך דער־אָ יונגערמאַן?...

דעם גבאיס אויגן זענען געווען פול מיט טרערן. ער האָט מיט אַ שטילן כליפּע געזאָגט:

— ייִדן, מען וואַרפט אונדז אַרויס פון דאַנען! מען הייסט אונדז גיין!... איר זעט דעם־אָ יונגנמאַן? ער איז אַ ייִד אַ קאָמיסאַר, און ער הייסט אונדז גיין! ער זאָגט, אַז אין דעם פאַרוואָרפענעם גראַדנער געסל, אין עפּעס אַ שטאַל, זאָלן מיר זיך אַריבערציִען, ווייל מיר שטערן דאָ די „תּלמידים" זיי־נע פון דער סאָוועטישער שולע!... עס איז אַ גזירה, ייִדן! אוי ווי, אַז אַ קאָ־מיסאַר הייסט גיין מוז מען גיין!...

די דאַוועגענדיקע ייִדן האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיכלען מיט אויסגעשטרעקטע פויסטן און מיט יאָמערדיקע קללות:

— דו פושע־ישראל! דו אויסוווּרף! אַרויס פון דאַנען!...

מיכל האָט באַטראַכט די טומלענדיקע ייִדן. זיי זענען דאָך בלוט פון זיין בלוט און פלייש פון זיין פלייש. פאַרשטייען זיי דען נישט, אַז נישט ער וואַרפט זיי אַרויס, נאָר די פאַרטיי און די רעגירונג? ער איז נאָר דער פאַר־מיטלער, דער געצוווּנגענער קאָמיסאַר, וואָס פאָלגט אויס באַפעלן פון העכערע אינסטאַנצן. ער מוז אויספילן דעם באַפעל פון דער פאַרטיי און זיי מוזן אויספילן זיין באַפעל. אויב נישט וועט זיין שלעכט, אויב נישט קענען נאָך קעפּ פאַלן, בלוט וועט זיך גיסן... זאָלן די ייִדן דאַנקען גאָט וואָס ער, מיכל קרוגער, איז דער וואָס וואַרפט זיי אַרויס. ער פאַרשטייט דאָך זייער פּיין און זייערע יסורים. ער וועט זען גרינגער מאַכן די זאַך. ער וועט מילדערן זייער פאַרדראָס. ער וועט זיי העלפן מיט וואָס נאָר ער וועט קענען... אָבער טאָמער שיקט די פאַרטיי אַן אַנדערן אויף זיין אָרט, וועט דאָך זיין פיל, פיל ערגער... אַן אַנדערער וועט זיך מיט זיי נישט וועלן רעכענען. אַן אַנדערער וועט זיך נישט שטעלן מיט זיי אויסטענהן. אַן אַנדערער וועט, ווי אַ גראָבער סאָלדאַט, צעטרעטן מיט זיינע בלאָטיקע שטיוול די הייליקייטן וואָס די ייִדן היטן אַזוי פרום און ערלעך אָפּ. אַן אַנדערער וועט אַרויסוואַרפן די ספר־תורהס אויף דער גאַס, אַרעסטירן די ייִדן וואָס שטעלן זיך אים אַקעגן, און ער וועט נאָך אַפילו אפשר אויך אָנהויבן שיסן אין די פאַרצאַרנטע ייִדן, אָנגעבנדיק אַלס תירוץ, אַז ער האָט זיך געמוזט פאַרטיידיקן פון די אָנפאַלער וואָס האָבן באַדראָט זיין לעבן אין דער צייט ווען ער האָט געהאַלטן ביים אויספירן אַ פאַרטייִשע שליחות.

רויִק און דאָך ווי עמיצער וואָלט אַ סטרונע פון אַ האַרפע אין זיין נשמה אָנגערירט, אַזוי האָט מיכלס קול געקלונגען ווען ער האָט פאַר די אָרעמע ייִדן און זייער גבאי די זאַך אויפגעקלערט, זיי איינגעשטילט און זיי צו פאַרשטיין געגעבן, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר זיי אויב זיי וועלן זיך נישט בונטעווען, ווייל קעגן דער סאָוועטן־מאַכט איז גלייכער זיך נישט צו פאַרזינדיקן...

דער גבאי און די דאַוועגענדיקע ייִדן האָבן מיט געבויגענע קעפּ אויסגעהערט מיכלס רייד. זיי האָבן געפילט, אַז דער־אַ יונגער ייִד, וואָס איז פון מאָסקווע אַהער אַראָפּגעקומען און ער איז ביי דער אָקופּאַציע־מאַכט אַ וואַזשנער קאָמיסאַר, איז דאָך ערלעך און אָפּנהאַרציק מיט זיי. ער איז אַפילו

גאָר נישט אַזאַ שלעכטער מענטש ווי זיי האָבן פון אָנהייב־אָן געמיינט. אַי, ער איז אַ ייִד און ער איז דאָס דער וואָס באַפעלט זיי, אַז זיי זאָלן זייער באַליבטע סינאַגאָגע פאַרלאָזן? — נו, און ווען דאָס טוט צו זיי אַ גוי וואָלט דען געווען בעסער?... אַזוי־אָ זענען זיי געשטאַנען, די ייִדן, און געטראַכט. און מיכל איז צווישן זיי געשטאַנען און ער האָט אויך געטראַכט. און דאָ האָט אַ שוואַרצקייט זיך אָנגעזעצט אויף די שויבן פון די פענצטער. עס איז אַראָפּגעפאַלן די נאַכט אויף דער שטאָט. דערנאָך האָט אַ לבנה אין רויט־קייט זיך געצונדן, פון הימל אַראָפּגעפּלויגן און אין פענצטער פון דער מזרח־וואַנט אַרײַנגעקוקט. פון די ייִדן וואָס זענען געשטאַנען אַרום זייער גבאי און אַרום מיכלען האָט זיך איינער, אַן אַלטער מאַן אָפּגעטיילט. דאָס איז געווען דער רבֿ פון דער סינאַגאָגע, אַ ייִד מיט אַ שניי־ווייסער באָרד און פּיאות. ער איז הכנעהדיק צו צום אָרון־קודש און ער האָט מיט אַ צעבראָכן קול און אין אַ פאַרכישופטן ניגון זיך צעזונגען: „והוא רחום יכפר עון ולא ישחית"...

באַלד האָבן אויך די איבעריקע ייִדן מיכלען פאַרלאָזט. זיי זענען אַוועק צו זייערע ערטער, זיך אַוועקגעזעצט און זיך צעשאָקלט אַהין און צוריק און אויף אַ קול איבערגעחזרט דעם אָנהייב פון דעם מעריב־דאַווענען.

דער גבאי האָט זיך דאַן צו מיכלען געווענדט:

— דערלויבט אונדז אָפּצוהאַלטן אַן אַסיפה. איר מוזט דאָך פאַרשטיין, אַז איך אַליין קען נישט באַשטימען, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן אונדזער סינאַ־גאָגע. איך וויל זיך נאָכן דאַווענען צונויפרעדן מיט די ייִדן...

— גוט, גוט, בירגער אַלעקסאַנדראָוויטש, — האָט מיכל געזאָגט, — רעדט זיך צונויף און איך וועל שוין מאָרגן אין דער פרי קומען מיט אַ לאַסט־אויטאָמאָביל און איך וועל אײַך העלפן זיך אַריבערצוקלייבן.

— טאַקע מאָרגן?...

— יאָ, מאָרגן. וואָס שנעלער איר וועט אויספאָלגן דעם באַפעל, אַלץ בעסער וועט דאָס זײַן פאַר אײַך.

מיכל איז אַוועק.

אויף דער גאַס האָט ער נאָך געהערט די קולות און זיפצן פון די ייִדן, וועלכע האָבן געדאַוונט און געבעטן צו זייער גאָט, און דערבײַ מיט התלהבות אויסגעשריגן: „שמע ישראל יהוה אלהינו יהוה אחד" — (הער ישראל, גאָט איז אונדזער גאָט, גאָט איז איינער) — דער „אחד", דער „איינער", האָט

אים געקלונגען אין די אויערן און דער קלאַנג האָט אים באַגלייט די גאַנצע צייט, זיין גאַנצן וועג.

ער איז אַהיימגעקומען אין זיין פּראַכטפולן צימער פון דעם בעסטן און שענסטן שטאַטישן האָטעל „ריץ" און ער האָט זיך באַלד אויסגעטאָן. ער איז אַ מידער אַריין אין בעט. ער האָט אָבער נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. ער איז אַרויס פון בעט. ער איז צו צום שרייבטיש און זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די אַקסלען. אים האָט זיך געדוכט, אַז די ערד גליטשט זיך אַרויס פון אונטער זיינע פיס. ער פאַלט... ער האָט געטראַכט: ער מוז צוריקפאָרן קיין מאָסקווע, כאָטש אויף איין וואָך צוריק־פאָרן...

אויפן אַנדערן טאָג, אין דער פרי, איז מיכל צוגעפאָרן מיט אַ לאַסט־אויטאָמאָביל צו דער סינאַגאָגע. די שיל איז געווען פול געפּאַקט מיט ייִדן, וועלכע זענען געזעסן שטילע, איינגעוויקלטע אין זייערע ווייסע טליתים, און כאָטש עס איז געווען טאָג און ליכטיק, זענען דאָך אין דער געביידע געווען אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע לאָמפּן און עס האָבן געברענט זייער פיל חלבנע און וואַקסענע ליכט. עס האָט געהערשט אַ שטימונג פון שטילן טרויער. דאָ און דאָרט האָט אַ ייִד מיט אַ טלית איבערגעדעקט איבערן קאָפּ אַרויסגעלאָזט אַ וויינקלעכן אויסגעשריי און איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן.

מיכל האָט צווישן דער מאַסע ייִדן געזוכט דעם גבאי און אים נישט געקענט געפינען. יעדער ייִד איז איצט געווען ענלעך אויפן צווייטן. ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די רייען בענק און זיך איינגעקוקט אין די פּנימער וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון אונטער די טליתים. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. אַ פרעמדער צווישן די אייגענע איז ער דאָ געווען. נאָר שטומע בליקן האָט ער דאָ באַגעגנט. די בליקן ווילן אויסמיידן מיכלען. די בליקן קענען נישט קוקן אויף דעם קאָמיסאַר... און אָט איז אויבן־אָן, נישט ווייט פון דעם אָרון־קודש געשטאַנען אַ לאַנגע פיגור אויסגעצויגן ווי אַ מת, איינגאַנצן אין ווייסן. דאָס איז געווען אַלעקסאַנדראָוויטש, דער גבאי פון דער סינאַגאָגע.

מיכל איז צו אים צוגעקומען.

די פיגור האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, באַוויזן אַ סימן פון לעבן.

מיכל האָט געזאָגט:

— איך בין געקומען מיט אַ לאַסט־אויטאָמאָביל. איך וועל אייך העלפן אַרויסטראָגן אַלץ וואָס באַלאַנגט צו דער סינאַגאָגע.

די פיגור האָט פון אונטערן טלית אַ ברום געטאָן:

— מיר וועלן טאָן וואָס איר באַפעלט.

— איך וואַרט! — האָט מיכל צוווישן געגעבן.

— מיר וועלן נאָר זיך געזעגענען מיט דעם פּלאַץ אײדער מיר פאַר־לאָזן עס. דרײסיק יאָר דאָ מתפּלל געווען, דרײסיק יאָר, און איצט?...

מיכל האָט דעם גבאַיס פּנים נישט געזען. ער האָט נאָר געהערט זײַן קול. אין דעם קול זענען געווען טרערן. עס האָט זיך באַקומען אַזוי ווי גלײַך די טרערן וואָלטן געפּלאָסן נישט פון די אויגן נאָר פון דעם קול. דאָס יאָ־מערלעכע געוויין האָט געקענט אַרויסרופן מיטלײַד נישט נאָר פון אַ מענטשן נאָר אַפילו פון אַ שטײן. און מיכל איז דאָך נישט נאָר אַ קאָמיסאַר געווען, ער איז געווען אויך אַ מענטש. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ־אַ ווײגעשרײ האָט געקענט זיך אַרויסרײַסן נאָר פון אַ האַרץ פון אַן אײביק פאַרפאָלגטן, גע־שלאָגענעם, געטריבענעם און געפּײניקטן ייִדן. און ער, מיכל, האָט איצט געפילט, אַז ער באַלאַנגט מיט זײַן נשמה צו דעם ייִדישן פאָלק כאָטש זײַן האַרץ, זײַן מוח און זײַן טאַלאַנט באַלאַנגט צו די רוסן, ווײַל ער איז אַ רו־סישער שרײַבער און ווײַל ער איז אַ קאָמוניסט.

אָבער דערשטוינט און פאַרלוירן איז מיכל געוואָרן ווען ער האָט דער־שפּירט, אַז דעם גבאַיס געוויין האָבן באַלד אונטערגעכאַפּט די גאַנצע עדה ייִדן וואָס האָבן זיך געפונען אין שיל. מען האָט געכליפּעט און געזיפצט. טויט־מידע נשמות האָבן געזונקען צו דער ערד און זײער קלאָג און זײער ווײגעשרײ איז אויפגעגאַנגען צום טויער פון הימל...

און באַלד איז צוריק שטיל געוואָרן.

דער גבאַי איז צוגעגאַנגען צום אָרון־קודש און נאָך אים איז צוגעקו־מען דער אַלטער רב. דער גבאַי האָט צעעפנט די טירן פון דעם אָרון־קודש און דער רב האָט דער ערשטער פון דאָרט אַרויסגענומען אַ גרויסע ספר־תורה באַצירט מיט אַ זילבערנער קרוין. נאָך אים האָט דער גבאַי אַרויס־געכאַפּט אַ תורה און זי צוגעדריקט צו זײַן האַרץ. דער גאַנצער עולם אין שיל האָט זיך אַ וויג געטאָן. מען האָט זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און מען איז צו צום אָרון־קודש. יעדער אײנער האָט געכאַפּט אין זײַנע הענט וואָס עס האָט זיך געמאַכט, ווער אַ ספר־תורה, ווער אַ גמרא, ווער אַ פּאָר סידורים און ווער די זילבערנע לײַכטער, די זילבערנע מנורה און דעם גאָל־דענעם ווײַן־בעכער.

מען איז שטיל, מיט געבויגענע קעפּ אַרויס פון דער סינאַגאָגע און מען

האָט אָנגעלאָדן דאָס רעליגיעזע האָב און גוטס, די רעליקוויעס, אויף דעם לאַסט־אויטאָמאָביל. דער גבאי, דער רב און נאָך אַ פּאָר ייִדן זענען אַרויפּ־געקראָכן אויפן אויטאָמאָביל און זיך אַוועקגעזעצט לעבן דעם אָנוואַלגער פון די הייליקע רעליקוויעס. מיכל איז אויך אַרויף און זיך אַוועקגעזעצט צוזאַמען מיט די ייִדן. דער אויטאָמאָביל האָט מיט סקריפּע און פייף זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז אַוועקגעפאָרן.

אויפן פּלאַץ, אין דרויסן, לעבן דער אויסגעליידיקטער געביידע פון דער סינאַגאָגע זענען געבליבן שטיין מאַסן וויינענדיקע ייִדן און האָבן מיט שאָקלענדיקע קעפּ נאָכגעקוקט דער יאָגנדיקער מאַשין.

„גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט".

מיכל האָט געקוקט אויף דעם אַלטן רב, וועלכער איז געזעסן לעבן אים, געהאַלטן אַ ספר־תורה מיט אַ קרוין באַצירט, און זי געדריקט ווי אַ ציטערדיק קינד צו זיין האַרצן. ער האָט באַוווּנדערט די איינגעשפּאַרטע גלויביקייט און ליבע פון דעם אַלטן מענטשן צו זיין אַלטער תורה און ער האָט געטראַכט: „אַ פאָלק וואָס טוט אָן אַ קרוין אויף אַ תורה און נישט אויף קיין מענטשן, אַזאַ פאָלק קען קיינמאָל נישט אונטערגיין."

אויפן אַנדערן טאָג האָט מיכל אָנגעגעבן אַ ביטע צו דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר, אַז מען זאָל אים דערלויבן אַ צוויי־וואָכיקן אָפּרו כדי ער זאָל קענען פאָרן קיין מאָסקווע זיך זען מיט זיין ווייב און קינד.

זיין ביטע איז דערפילט געוואָרן.

.61

עס איז געווען ערב דעם פייערלעכן יום־טוב פון דעם ערשטן מאַי, ווען מיכל איז פון ביאַליסטאָק אַראָפּגעקומען צוריק קיין מאָסקווע, אויף זיין צוויי־וואָכיקן אורלויב.

ער האָט חוץ מיט באָריסן און מיטן גענעראַל איוואַנאָוון זיך מיט קיינעם נישט באַגעגנט. ער איז געווען מערסטנס מיט זיך אַליין. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די מאָסקווער גאַסן, שפּאַצירט איבער די אַלייען פון דעם „קולטור־ און אָפּרו"־פּאַרק, און גערוט אויף די בענק פון די גייע סקווערן און בולוואַרן.

פאַר דער צייט וואָס ער איז נישט געווען אין מאָסקווע, האָט זיך קסעניאַ דערווייטערט פון די פריינד זיינע. זי איז מער נישט געקומען אין די

הײמען פֿון באַריסן און דעם גענעראַל איוואַנאָוו און זי האָט אונטער פֿאַר־שידענע אויסרײדן אָנגעהויבן אויסמײדן זיך צו באַגעגענען מיט פּאָליאַן און מיט קאַטיאַן. זי האָט זיך אָפּגעפֿרעמדט פֿון זײ, זיך פֿאַרשאַפֿט נײַע פֿרײַנד, נײַע באַקאַנטע און זי האָט אַפֿילו נישט געוואָלט מיטגײן מיט מיכלען אין זײַן געזעלשאַפֿט... מיכל איז געווען צופֿיל פֿאַרטאָן מיט זיך, אַז ער זאָל באַ־מערקן די ענדערונג אין קסעניאַן. זי האָט זיך באַצויגן קאַלט נישט נאָר צו זײַנע נאָענטסטע פֿרײַנד נאָר אויך צו אים זעלבסט.

דעם ערשטן מאַי איז ער און קסעניאַ נישט געגאַנגען אין די רײען פֿון די מאַרשירנדיקע מאַסן איבערן רויטן פּלאַץ. דאָס מאָל האָבן זײ גענומען דאָס קינד מיט זיך און זענען אַרויס אויף דער גאַס זיך צוצוקוקן ווי אַנ־דערע מאַרשירן.

די גאַסן זענען געווען פֿול. עס איז געווען יום־טובדיק. מוזיק האָט געשפּילט. אַרבעטער פֿון די מאָסקווער זאַוואָדן, אויסגעפּוצטע אין זײערע שענסטע קלײדער זענען מיט רויטע פֿאָנען געגאַנגען. פּויערים פֿון די אַרו־מיקע קאָלכאָזן אין בונטע קלײדער האָבן זיך אין אַ טאַנץ אַוועקגעלאָזט. קינדער פֿון די שולן, סטודענטן פֿון די אוניווערסיטעטן און ספּאָרט־לײַט פֿון די שפּיל־פּלעצער האָבן אונטער דעם רויש פֿון מוזיק מאַרשירט און מיט געזאַנג און געשרײַ: „לעבן זאָל דער פֿאָטער סטאַלין" — זיך דורך די גאַסן אַדורכגעטראָגן. דערנאָך זענען די פּיעכאָטע, די פֿוסגײער־סאָלדאַטן, די אינפֿאַנטעריע פֿון דער רויטער אַרמײ מיט אַ מאַרשאָוון שפּאַן, ווי די פּרײ־סישע זשאַנדאַרמען, אויפֿן רויטן פּלאַץ אַרויף. זײ האָבן אין דער לופֿט גע־הויבן די פֿיס, גלײַך און אויסגעצויגן, און מיט קנאַק זײ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. אויפֿן מאַוזאָלײ איז געשטאַנען סטאַלין, מאָלאָטאָוו, קאַגאַנאָוויטש און מאַלענקאָוו. זײ האָבן באַגריסט דאָס מיליטער. עס האָט זיך צעטראָגן אַ בראַוווער טומל און עס האָט אָפּגעהילכט מיט דעם באַרימטן רוסישן אױס־געשרײַ: „הור־ראַ!, הוראַ!"... און ווידער האָבן זיך באַוויזן טאַנקען, טויזנטער נײַע, מאָדערנע טאַנקען, און נאָך זײ אַ קאָלאָנע האַרמאַטן מיט לאַנגע און מוראדיקע מײַלער, וואָס אָט־אָט וועלן זײ אַ שפּײַ טאָן מיט פֿײַער.

און באַלד האָט זיך דערהערט אַ הודען אין דער לופֿטן. דער הימל איז געוואָרן אָנגעפֿילט מיט טויזנטער פֿליִענדיקע שטאָלענע פֿײגל. און ווידער האָט זיך צעטראָגן דער רוסיש־פּאַטריאָטישער: הוראַ!... און די פֿאַרבלינעט־באַגײַסטערטע געשרײען: לעבן זאָל אונדזער פֿאָטער סטאַלין!...

רויטע פֿאָנען און סטאַלינס פּאָרטרעטן האָבן באַהערשט דעם גאַנצן

מאַי־פּאַראַד. און דערנאָך האָבן די הויך־רעדער צעטראָגן איבער דער גאַנ־צער שטאָט, איבער דעם גאַנצן לאַנד און איבער דער גאַנצער וועלט סטאַ־לינס כריפּעדיק קול: אָט זעט אונדזער גבורה! זאָל נאָר פּרוּוון און וואַגן עמיצער זיך צו זאַטשעפּען מיט אונדז! מיר וועלן אים דאַן שלאָגן אויף זיין אייגענער טעריטאָריע!...

דאָס ערשטע מאָל האָט זיך איצט מיכל דערפילט ווי אַ פרעמדער אויף דער־אָ שמחה. עפּעס איז אים נישט אָנגעגאַנגען דער גאַנצער פּאַראַד, דער טומל, די לאָזונגען און דאָס געזאַנג. קסעניאַ איז דאָס מאָל אויך געווען שטיל און באַשיידן און נישט אַרויסגעוויזן קיין שום ענטוזיאַזם פאַר דער פּייע־רונג. נאָר דאָס קינד, אַלינקאַ, האָט געפּאַטשט מיט די הענטלעך און נאָכגע־שריגן די אין התלהבות צעיוכעטע מאַסן: „לעבן זאָל סטאַלין". מיכל האָט געזאָגט צו קסעניאַן: — קום אַהיים!

קסעניאַ האָט אַ שמייכל געטאָן און צוגעשטימט: — גוט, קום אַהיים...

אויפדערנאַכט האָט באָריס איינגעלאַדן מיכלען און קסעניאַן מיטצו־פאָרן מיט אים און פּאָליאַן אין קרעמל אויף אַ פייערלעכן באַנקעט לכבוד דעם ערשטן מאַי. מיכל האָט געפונען אַן אויסרייד: דער קאָפּ טוט אים ווי. אויך גענעראַל איוואַנאָוו און קאַטיאַ האָבן געקלונגען. זיי האָבן פּראָפּוסקן פאַר מיכלען און קסעניאַן. עס איז זייער וויכטיק און עס איז אַ גרויסער כבוד בייצוזיין אויף אַ באַנקעט אין קרעמל. מיכל האָט אויך דאָס מאָל אָפּ־געדאַנקט און זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז זייער אויסגעמאַטערט, דער קאָפּ טוט אים ווי, און ער וויל דעם יום־טוב פייערן אינטים, ביי זיך אין דער היים, מיט זיין ווייב און קינד.

די צוויי וואָכן אורלויב זענען גיך אַריבערגעפלויגן. מיכל האָט זיך אויס־גערוט. ער האָט זיך איצט געפילט שטאַרק און רויק. ער האָט געבעטן קסע־ניאַן מיטצופאָרן מיט אים קיין ביאַליסטאָק, אָבער זי האָט קיין גרויסן חשק צו זיין פאָרשלאָג נישט אַרויסגעוויזן. — מיכאל, — האָט זי געזאָגט, — מיר האָבן אַ קינד און מיר קענען זיך שוין מער נישט אַרומשלעפּן אַהין און צוריק. איך קען נישט פאַרשליסן די דירה און זיך לאָזן קיין ביאַליסטאָק צו וווינען מיט דיר אין אַ האָטעל. און חוץ דעם, דו ביסט דאָך דאָרט נאָר צייטווייליק, און דאָ, אין מאָסקווע, איז אונדזער היים!

צופיל צוריידן איר צו פאָרן מיט אים קיין ביאַליסטאָק האָט מיכל נישט געוואָלט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט רעכט. — פילייכט איז טאַקע בעסער, אַז דו זאָלסט בלייבן דאָ, — האָט ער געזאָגט, — מאָסקווע איז אי־

בערגעפּולט מיט מענטשן וואָס האָבן נישט קיין דירות. אַפילו פּאָר אַזאַ־אַ „גרויסן קאָמיסאַר" ווי איך בין איצט, איז אַ שרעק, היינטיקע צייטן, צו פּאַרשליסן אַ דירה און אַוועקפאָרן. גענעראַל איוואַנאָוו און יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ זענען דאָך געווען צופרידן וואָס מיר זענען געבליבן אין זייער וווינונג ווען זיי זענען געהאַט געפאָרן קיין אויסלאַנד...

— זעסטו, מיכאַיל, — האָט קסעניאַ אַ צופרידענע אויסגערופן, — דער גענעראַל און קאַטיאַ, אַפילו זיי האָבן מורא געהאַט צו לאָזן די דירה פּאַרשלאָסן און זיך אַוועקפאָרן. נו, האָב איך דאָך רעכט!...

— יאָ, יאָ, דו האָסט רעכט, טייערע! — האָט מיכל אַ זאָג געטאָן און ער איז עפּעס אין זיך געווען צופרידן וואָס עס האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז קסעניאַ זאָל מיט אים נישט מיטפאָרן קיין ביאַליסטאָק.

פאַרן צוריקפאָרן האָט מיכל פּאַרבעטן צו זיך עטלעכע פון זיינע נאָענטע פריינד. אויף דער „וועטשערינקע" זענען איינגעלאַדן געוואָרן געציילטע מענטשן, אַ פּאָר שרייבער, אַ קריטיקער און גענעראַל איוואַנאָוו מיט זיין פרוי, און באָריס מיט פּאָליאַן.

איוואַנאָוו איז זייער פּאַרעלטערט געוואָרן, כאָטש אין זיין גענעראַלסקן אוניפאָרם האָט ער אויסגעזען בראַוו, אַזוי ווי שטענדיק. קאַטיאַ איז געווען די זעלבע מילדע פרוי מיט געזעצטע, אַריסטאָקראַטישע מאַנערן. זי האָט צו זיך אַרויסגערופן רעספּעקט און מען האָט זי נאָר געוואָלט רופן ביי איר פולן נאָמען: יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, כאָטש זי האָט אַלע מאָל דערמאָנט, אַז מען זאָל זי רופן פּראָסט און קורץ: קאַטיאַ. זי האָט איצט אָפּגערעדט וועגן איר זון, וועלכער דאַרף שוין אינגיכן ענדיקן די מיליטערישע אַקאַדעמיע און וועט וואַרשיינלעך באַקומען דעם ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן, כאָטש אָפיציעל באַקומט יעדער געענדיקטער קאַדעט דעם ערשטן אָפיצירן־ראַנג אַלס לייטענאַנט. פּעטיאַ איז אָבער אַן אויסגעצייכנטער און פּאָרגעשריטענער בחור מיט אַ ממש געבוירענעם טאַלאַנט צו מיליטער־דינסט און דערפאַר וועט מען געוויס פּאַר אים און פּאַר נאָך אַ פּאָר קאַדעטן אַזעלכע ווי ער מאַכן אַן אויסנאַם און זיי שענקען אַ העכערן ראַנג. דער גענעראַל איז איצט גאָרנישט געווען באַגייסטערט פון זיין וויבס באַרימערייען. די מלחמה מיט פינלאַנד האָט אים זייער אַנטוישט. אַ פּיצעלע מדינהלע האָט זיך נישט געלאָזט באַזיגן פון דעם מעכטיקן גרויסן סאָוועטן־רוסלאַנד... היינט וואָס וועט זיין אויב עס וועט אויסקומען צו האַלטן מלחמה מיט אַ גרעסערער מלוכה ווי פינלאַנד?... ווי אַ מיליטער־מאַן און דיפּלאָמאַט האָט

אים די פראַגע געמאַטערט. ער איז געווען זייער פּראַקטיש און ער האָט פיינט געהאַט פוסטע באַרימערייען.

באַריס האָט אויסגעזען אינגאַנצן ווי אַן אַסקעט. ער איז געקומען נישט אויסגעפּוצט. ער האָט אין פיל הינזיכטן קאָפּירט סטאַלינען אין זיין קליידן זיך, אין זיין רעדן און אין זיין בייזן שווייגן. ער האָט שוין אַפילו זיך פאַר־לאָזט אַ פּאָר אַראָפּהענגענדיקע שיטערע וואָנצעס און גענומען רויכערן אַ פּיפּקע. ער איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שווייגנדיקער און אַ בייזער. די פּאָר שרייבער און דער קריטיקער האָבן זיך פאַר אים געשראָקן, מורא גע־האַט אין זיין אַנוועזנהייט צו רעדן פריי. אָבער פאַליאַ האָט שוין דערפאַר גערעדט און געזשומעט אי פאַר זיך אי פאַר איר בייז־שווייגנדיקן מאַן.

מיכל האָט באַמערקט, אַז אין מיטן דער הוליאַנקע איז באַריס אַרויס אין אַ צווייטן צימער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז באַריס וויל מיט אים רעדן. מיכל איז אַריינגעקומען אין דעם צווייטן צימער און דאָרטן געטראָפן באַ־ריסן זיצן אין אַ ווייכן שטול פאַרטראַכט מיט דער פאַרלאָשענער פּיפּקע אין האַנט. ווען באַריס האָט אים דערזען איז זיין פאַרטונקלט פּנים אַביסל אויפ־געשיינט געוואָרן און ער האָט זיך געצוווּנגען אַ שמייכל צו טאָן.

— פאָרסט שוין צוריק קיין ביאַליסטאָק, מיכאַל?

— יאָ, באַריס, די צוויי וואָכן אורלויב זענען פאַרבייגעלאָפן שנעל.

— שרייבסט?

— נישטאָ קיין צייט!

— אַ שאָד. מען דאַרף זען, אַז דו זאָלסט זיך פון דיין אַמט באַפרייען.

— קענסטו עפּעס טאָן פאַר מיר?

— ווייסט דאָך, איך בין שטענדיק גרייט דיר צו העלפן. עס איז אַ שאָד, וואָס אַזאַ־אָ מענטש ווי דו זאָל גאָר פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּאַרטיי־ביור־ראָקראַט. דיין זאַך איז דאָך קונסט, דו ביסט אַ שרייבער! מען רעדט וועגן דיר ווי וועגן אַ גרויסן שרייבער און דו פאַרנעמסט זיך גאָר מיט דער רוח ווייסט וואָס...

— עס איז נישט מיין שולד, באַריס. די פּאַרטיי האָט מיך מאָביליזירט קעגן מיין ווילן.

— איך ווייס דאָס. די פּאַרטיי האָט דיך מאָביליזירט. נו, די פּאַרטיי וועט דיך מוזן דעמאָביליזירן!

— אָ, איך וועל זיין צופרידן, באַריס.

— זאָג מיר נאָר, מיכאַל, — האָט באַריס פּלוצים געפרעגט, — איז

קסעניאָס מוטער אַ פאַרלעסלעכע פרוי? און איר מאַן?... דו קענסט זיי דאָך.

— צוליב וואָס פרעגסטו דאָס פלוצים?

— איך מיין, אַז דעם זומער, זאָל פּאָליאַ, קאַטיאַ און דיין קסעניאַ פאָרן אין דאָרף זיך אָפּרוען... איך האָב געהערט זאָגן, אַז קראַסנע־באָר איז אַ שיין דאָרף. פאַראַן דאָרטן אַ סך גערטנער, אַ פּראַכטפולער טייך און דער קלימאַט איז דאָרטן זייער אַ געזונטער. צוליב וואָס זיך שטיקן דאָ אין מאָס־קווע דעם גאַנצן זומער?

— פּילייכט איז דאָס אַ גוטע אידייע, באָריס. אָבער קסעניאַ וועט דעם זומער שטיין אין מאָסקווע. איך האָב זי געוואָלט נעמען מיט זיך קיין ביאַ־ליסטאָק האָט זי זיך אָפּגעזאָגט, ווייל ווערדליק מען הערט טרעפן זיך פאַלן, אַז ווען מען לאָזט איבער אַ דירה און מען פאָרט אַוועק אויף אַ לענגערער צייט קען מען די דירה אָנווערן...

— מאַך זיך נישט נאַריש, מיכאַיל, צו דיר וועט מען דאָס נישט טאָן. חוץ דעם, איך וועל שוין זען, אַז דו זאָלסט וואָס שנעלער באַפרייט ווערן פון דיין אַמט און זיך אומקערן צוריק קיין מאָסקווע, אַזוי אַרום וועט דיין דירה נישט שטיין אַ פאַרשלאָסענע זייער לאַנג. נו, אַזוי בלייבט דאָס, מי־כאַיל. זאָלן אונדזערע ווייבער היינטיקן זומער פאַרווילן אין דאָרף און מיר וועלן דאָ ווי אין די אַלטע גוטע צייטן אַביסל אַ הוליע טאָן „פּאָ כאָלאָס־טיאַצקי"....*

מיכל האָט אים באַטראַכט. ער האָט אין באָריסעס פנים גאָרנישט נישט אַרויסגעלייענט אַזוינס וואָס זאָל אָנדייטן אויף אַ זאָרג אָדער אַ צופרידנקייט. זיין פנים איז געווען שטאַר, בייזלעך און נאָר די אויגן האָבן געגלאַנצט און געברענט פאַרדעכטיקט.

מיכל האָט געפרעגט:

— וואָס איז דיר פלוצים איינגעפאַלן, אַז אונדזערע ווייבער זאָלן דעם זומער פאַרברענגען אין דאָרף? צוליב וואָס ווילסטו זיי אַוועקשיקן פון מאָסקווע? זיי שטערן דיר דאָ?...

— יאָ, זיי שטערן! — ער האָט פלוצים נערוועז אָנגעצונדן די פּיפּקע און אָנגעהויבן צו רויכערן... ער האָט זיך אָנגעבויגן צו מיכלען און שטיל אים אַריינגערוימט אין אויער אַריין, — עס וועט זיין אַ קריג! סטאַלין גע־טרויט מער נישט היטלערן. מיר מוזן אָנהויבן כל־זמן עס איז נישט שפּעט.

* „פּאָ כאָלאָסטיאַצקי" — ווי אומפאַרהייראַטע, ווי בחורים.

דאָס פאָלק טאָר וועגן דעם נישט וויסן. עס דאַרף זיין שאַ... געוויס וועט היטלער באָמבאַרדירן מאָסקווע, ווייל מיר וועלן דאָך באָמבאַרדירן בערלין און מיר וועלן איינצייטיק אַטאַקירן דאָס דייטשישע מיליטער אויף אַלע גרענעצן וואָס מיר האָבן מיט זיי. דאָס איז סטאַלינס פּלאַן. וואָס מיינסטו מיכאַיל, עס איז נישט שלעכט, האַ? איך מיין, אַז עס איז אַפילו גענִיאַל. זעסטו שוין ווי קלוג סטאַלין איז. פריִער האָט ער געמאַכט מיט היטלערן אַ פרידן־פּאַקט. באַרישע מענטשן פון דער בורזשואַזער וועלט זענען אָנגעפאַלן אויף סטאַלינען מיט באַשולדיקונגען, אַז ער האָט זיך פאַרקויפט צו היטלערן. זיי האָבן נישט געקענט פאָרויסזען, די אידיאָטן, די סטראַטעגיע פון אונדזער קלוגן און כיטרען פירער. אָט איצט וועלן מיר דערלאַנגען אַ גוטן קלאַפּ דעם פאַשיזם. אַזוי דאַרף דאָס זיין. גראַד דאַן ווען מען דערוואַרט נישט דאַרף מען געבן דעם שונא אַ טויט־קלאַפּ און אים איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרניכטן!

מיכל איז געבליבן ווי אַ געפּלעפּטער זיצן אין זיין שטול אַקעגן באַריסן. ער איז קוים צו זיך געקומען פון איבערראַשונג. ער האָט געפרעגט מיט אַ ציטער אין זיין קול:

— נו, און מען איז זיכער, אַז מיר וועלן זיגן?

— אונדזער אַוויאַציע, אונדזער אַרטילעריע און אונדזער פּיעכאָטע זענען די בעסטע אין דער גאַנצער וועלט.

— אָבער מיט פינלאַנד האָבן מיר דאָך געהאַט שוועריקייטן!

— וואָס פאַר אַ שוועריקייטן? — איז באַריס אין כעס געוואָרן, — מיר האָבן דאָך פינלאַנד באַזיגט! די רויטע אַרמיי אונטער דער פירערשאַפט פון סטאַלינען קען באַזיגן די גאַנצע וועלט!

— גענעראַל איוואַנאָוו ווייסט אויך וועגן דעם וואָס דו האָסט איצט מיט מיר גערעדט?

— ער ווייסט, ער מוז דאָס וויסן, כאָטש מיט זיין מיינונג וועלן מיר זיך נישט רעכענען. די הויפּטזאַך איז דאָס וואָס סטאַלין מיינט! איוואַנאָוו איז נאָר אַ גענעראַל, אַ גוטער גענעראַל. אין קרעמל האָט מען אים ליב. אָבער זיין זאַך איז נאָר אויסצופאָלגן און אויספילן יעדן באַפעל וואָס סטאַלין וועט אים געבן.

מיכל האָט געשטוינט און זיך געוווּנדערט:

— דערפאַר ווילסטו, הייסט עס, פאַרשיקן אונדזערע ווייבער אין דאָרף?

באַריס האָט אין אײלעניש אָפּגעענטפערט:

— פאַרשטײט זיך, דערפאַר... עס וועט זײַן אַ קורצע קריג. אפשר אַ חודש אָדער צוויי, נישט מער. אין דאָרף וועט זײַן זיכערער. היטלער וועט דאָך נישט גײן באָמבאַרדירן אַ דאָרף וואָס האָט קײן שום מיליטערישן און סטראַטעגישן ווערט נישט!

— און טאָמער הײבט גאָר אָן היטלער אַן אַטאַקע קעגן אונדז אומגע־ריכט, נאָך פריִער אײדער מיר וועלן דאָס באַוויזן צו טאָן?...

— נײן, היטלער וועט דאָס נישט טאָן. ער גלײבט סטאַלינען!

— אָבער אויב סטאַלין גלײבט נישט היטלערן מער, קען דאָך זײַן, אַז היטלער האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט און ער זאָל דערפאַר גאָר אָנהײבן אַ מלחמה קעגן אונדז אומגעריכט, נאָך פריִער אײדער מיר וועלן דאָס באַווײַזן צו טאָן קעגן אים?

— אָ, זײַ נישט קײן נאַר, מיכאַיִל. דו ביסט אַ שרײַבער, דו קענסט צוטראַכטן אַ מעשה, אָבער קײן פּאָליטיק פאַרשטײסטו נישט!

אַוועקגעפאָרן פון מאָסקווע איז מיכל מיט אַ שווערער שטימונג.

אין דעם גאַנצן וועג פון מאָסקווע ביז ביאַליסטאָק האָט ער אַרויסגע־קוקט פון דעם פענצטער פון וואַגאָן און געזען ווי עס פאָרן דורך עשאַלאָנען מיט מיליטער און מיט אַמוניציע אויפן וועג קײן מערב ווו די גרענעצן זע־נען צווישן די רוסן און די דײַטשן. אין דער זעלבער צײַט האָט ער אָבער אויך באַמערקט ווי עס גײען פאַרבײַ טראַנספּאָרט־צוגן מיט פוטער, צוקער, ווײץ און אויל. אויף די טראַנספּאָרט־צוגן זענען געווען די אויפשריפטן: בערלין, מינכען, דרעזדען, האַמבורג און ברעסלאַו. דאָס זענען געווען די סחורות וואָס רוסלאַנד האָט געשיקט קײן דײַטשלאַנד אין אײנקלאַנג מיט דעם סטאַלין־היטלער אָפּמאַך. עס איז געווען אַ מין ווידערשפּרעכיקײט אין וועלכער מיכל האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו פונאַנדערקלײַבן.

אין ביאַליסטאָק איז אַלץ געווען רויִק.

מיכל האָט איצט געאַרבעט אָן שום ענטוזיאַזם אין דעם „קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע״־אָפּטײל פון דער פּאַרטײ. ער האָט זײַן גאַנצע פאַרצווײגטע טעטיקײט איבערגעגעבן צו זײַנע געהילפן און אַלײן זיך פאַרנומען מיט פוסטעווען איבער די גאַסן. ער האָט אָנגעהויבן צו באַזוכן פאַרשידנאַרטי־קע, פאַרדעכטיקטע רעסטאָראַנען, געגאַנגען אין קינאָ־טעאַטערס און פאַר־בראַכט זײער פיל צײַט מיט וועראַ גרינהויז אין איר וווינונג. זי האָט זיך איצט אויפגעפירט לײַכטזיניק. נאָך דעם וואָס דאָס קינד איז איר געשטאָרבן

און דער מאַן איז אַנטלאָפן צו היטלערן, איז שוין פאַר איר דאָס גאַנצע לעבן אויסגעקומען ווערטלאָז. זי האָט פאַרבראַכט מיט מיכלען, כאָטש זי האָט געוווסט, אַז אין מאָסקווע האָט ער אַ ווייב און אַ קינד, און דאָ, אין ביאַליס־טאָק איז ער נאָר צייטווייליק. אָבער עס מאַכט דאָך נישט אויס מיט וועמען צו פאַרברענגען, ווייל אויב נישט ער וועט דאָך זיין אַן אַנדערער קאָמיסאַר. און דער־אָ מיכאַל איז דאָך אַ ווילער בחור. עס איז אָנגענעם מיט אים צו פאַרברענגען און ער האָט דערצו נאָך אַ לייכטע האַנט, געלט איז ביי אים אַזוי ביליק, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען שטיינדלעך פון גאַס וועלכע מען קען אָן שום שוועריקייטן און אומזיסט צונויפקלייבן.

מיכל האָט זיך געריכט פון טאָג צו טאָג, אַז עס וועט אָנקומען פון קרעמל די באַשטימונג, אַז ער איז באַפרייט פון זיין הויכן פאָסטן און ער מעג שוין צוריק קומען קיין מאָסקווע. עס זענען אָבער אַוועק וואָכן און קיין שום באַשטעטיקונג, אַז ער זאָל צוריקפאָרן איז פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי נישט אָנגעקומען. מיכל האָט שוין פאַרלוירן דאָס געדולד. ער האָט אויפגעהערט צו גלויבן אין דער גאַנצער געשיכטע וואָס באַריס האָט אים געהאַט דערציילט, די געהיימניש, אַז עס גרייט זיך אַ קריג. ער האָט שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז באָריס איז אינגאַנצן פן זינען אַראָפּ. ער איז איבערגעמאַטערט פון זיין אַרבעט אין דעם קרעמל, פון נישט דער־שלאָפן און פון שרעק זיך נישט צו פאַרזינדיקן פאַר סטאַלינען.

אין איינעם אַ טאָג האָט מיכל באַקומען אַ בריוו פון קסעניאַן, אַז זי מיטן קינד און פאָליאַ מיט קאַטיאַן זענען איצט אין דאָרף און לעבן ביי איר מוטער אין הויז וועלכע איז איצט פאַרגרעסערט און פאַרשענערט מיט אַ צוגעבויטן פליגל. זיי פילן זיך דאָ זייער גוט און זיי וועלן שוין דאָ פאַר־בלייבן איבער דעם גאַנצן זומער.

מיכל איז געוואָרן זייער אומרויִק. ער איז אַוועק צום פאַרטיי־סעקרע־טאַר זיך אָנפרעגן צי עס איז נישטאָ פאַר אים אַ באַשטימונג פון דעם צענ־טראַל־קאָמיטעט, אַז מען באַפרייט אים פון דער אַרבעט און אַז ער מעג צוריקפאָרן קיין מאָסקווע. דער סעקרעטאַר האָט צו אים געשמייכלט און אים גוטברודעריש געקלאַפּט אין דער פּלייצע.

— איך דאַרף דיר דאָ האָבן, טאָוואַרישטש קרוגער. איי׳ל זיך נישט מיט דיין אָפּפאָרן!

מיכל האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פעטן מענטשן מיט אַ פּנים פון אַ צופרידענעם חזיר און האָט אויסגעשריגן:

— טאָוואַרישטש סעקרעטאַר, חכמה זיך נישט מיט מיר! זאָג, עס איז אָנגעקומען אַ באַשטימונג, יאָ צי ניין?

— עס איז אָנגעקומען, אָנגעקומען, — האָט דער פעטער פּאַרטיי־סעקרעטאַר רויִק און צופרידן געענטפערט, — שוין דריי טעג, אַז די באַשטימונג פאַר דיר איז אָנגעקומען. איך האָב אָבער געוואָלט דיך דאָ פאַרהאַלטן נאָך אויף אַ פּאָר וואָכן. עס זעט זיך דאָ פאַר אַ סך אַרבעט אין די נאָענטסטע טעג, וויכטיקע אַרבעט...

— צום טייוול מיט דער וויכטיקער אַרבעט! — האָט מיכל אויסגעשריגן נערוועז, — דער קרעמל ווייסט בעסער פון דיר וואָס איך דאַרף טאָן. איך וועל דיך אָנקלאָגן!...

דאָס חזירישע פּנים פון דעם סעקרעטאַר איז פּלוצים בלאָס געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיכל האָט עפּעס אַ צד אין קרעמל. ער האָט שולדיק און ווייך, אַזש מיט אַ חזיריש קוויטשל זיך געבעטן:

— מיכאַיִל גריגאָרעוויטש, זײַ נישט אין כּעס... נו, וואָס קומט מיר, אַז דו געפעלסט מיר, איך האָב דיך ליב און איך האָב געוואָלט זאָלסט נאָך דאָ בלײַבן מיט מיר אַביסל לענגער! איך האָב דיך ליב און איך האָב נישט געוואָלט אָנווערן אַזאַ גוטן טוער ווי דו!... גיי זוך איצט עמיצן, וואָס זאָל דיך פאַרבײַטן. איך זע דאָך דאָ קיין איינעם נישט וואָס זאָל קענען זײַן דער אָנפירער פון „קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע"־אָפּטייל. זיי זענען דאָ אַלע כּאַמעס, און דו ביסט אַ געלערנטער! אַ שאָד, כ'לעבן, אַ שאָד דיך אַוועקצולאָזן פון זיך.

מיכלען האָט דער כּעס נאָכגעלאָזט. ער האָט אויסגעצויגן זײַן האַנט צום סעקרעטאַר און געזאָגט:

—איך האָב צו דיר גאָרנישט. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו אַרבעטן אונטער דײַן אָנפירונג. אָבער מײַן שעפערישקייט איז דאָך זייער וויכטיק. שוין אַריבער אַ יאָר, אַז איך שרייב גאָרנישט. איז דען דער ווונטש פון דער פּאַרטיי, אַז איך זאָל ווערן אויס שרײַבער?...

— דו האָסט געוווּנען, מיכאַיִל!

דער סעקרעטאַר האָט שטאַרק געדריקט זײַן האַנט.

.62

דער מאָסקווער צוג האָט פאַרשפּעטיקט. עס איז געווען אַן אַנדער צוג וואָס איז אָפּגעגאַנגען קיין מינסק, האָט ער באַשטימט פאָרן קיין מינסק און דאָרט זיך איבערזעצן אויפן שנעלצוג וואָס פאָרט קיין מאָסקווע. עס האָט אים געטריבן וואָס גיכער און גיכער צו פאַרלאָזן די שטאָט און פאָרן אַהיים. זאָל עס זיין דורך מינסק, מיט אַ לענגערן וועג, אַבי וואָס גיכער אַרויספאָרן פון ביאַליסטאָק און זיך דערשלאָגן צו מאָסקווע.

עפּעס האָט ער געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז עס איז נישט גוט, עס וועט עפּעס געשען, כאָטש פון דעם גאַנצן אויסערלעכן אויסזען אין דעם אַרום איז קיין סימן נישט געווען, וואָס זאָל אים באַאומרויִקן. אויפדערנאַכט האָט ער זיך צעלייגט אויף זיין געלעגער, אין דער קופּע פון וואַגאָן, און געפּרוּווט אַנטשלאָפן ווערן. אויסער אים זענען אין דעם וואַגאָן, פאַר וויכטיקע פאַרטייִשע־ און רעגירונגס־טוער, געווען זייער פיל אַנדערע פּאַסאַזשירן, אַמערסטנס מיליטער־לייט, אָפיצירן און קאָמיסאַרן. אָבער אין זיין קופּע איז חוץ אים קיינער נישט געווען. ער האָט זיך געפילט עלנט און אומבאַקוועמלעך צו זיין איינער אַליין אין דער קופּע. עס איז אפילו אויף אים אָנגעפאַלן אַ מורא. ער האָט לאַנג אַנטשלאָפן ווערן נישט געקענט. און ווען די אויגן האָבן זיך אים אָנגעהויבן צוקלעפּן האָט ער באַלד אָנגעהויבן צו חלומען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מען קלאַפּט אין פויקן און מען וואַרפט שטיינער. פון הימל פאַלן זיי, די שטיינער און מענטשן שרייען, מענטשן לויפן... ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ באַגאָסענער אין אַ קאַלטן שווייס.

עס איז שוין מער נישט געווען קיין חלום. עס איז געווען ווירקלעכקייט. עס האָט איצט אָנגעהויבן צו באַגינען אויף טאָג. דער צוג האָט זיך געטראָגן פאָרויס און דער ערב פרימאָרגן איז געווען מילכיק־ווייס. אין הימל זענען נאָך געהאַנגען איינציקע שטערנס וועלכע האָבן געגלאַנצט מיט דער שיין פון זילבערנע פייערלעך. הינטער די שטערנס זענען געפלויגן אַ טוץ ברוינע שטאָלענע פויגל מיט צעשפּרייטע פליגל אויף וועלכע עס האָבן זיך געצייכנט טויט־שוואַרצע האַקנקרייצן, די סוואַסטיקאַ, דער סימבאָל פון דעם דריטן רייך, דעם פאַשיזם און היטלערס נאַצי־פּאַרטיי. די עראָפּלאַנען האָבן נאָכגעיאָגט דעם לויפנדיקן צוג און געשליידערט מיט באָמבעס, וועלכע האָבן זיך אויפגעריסן אין די פעלדער. אין די קופּעס פון די וואַגאָנעס האָט

געהערשט אַ בהלה, אַ כאַאָס, אַ צעטומלעניש און אַ געוויין. מען האָט גע־שריגן: „ס'אַ מלחמה!”. די סאָלדאַטן, די צוג־באַגלייטערס פון דער ג.פּ.או. זענען אַרומגעלאָפן פאַרשמייעטע איבער די וואַגאָנעס און באַפוילן: „האלט זיך רויִק. קיין שום פּראָוואָקאַציעס וועלן נישט געדולדעט ווערן! מיר וועלן שיסן יעדן איינעם וואָס וועט וואָגן צו פאַרשפּרייטן פאַלשע קלאַנגען! קוקט נישט אַרויס דורך די פענצטער!”.

מיכל איז אַרויס פון זיין קופּע אין דעם קאָרידאָר פון צוג. ער האָט באַמערקט אַן אָפיציר פון דער ג.פּ.או. און ער איז צו אים צוגעגאַנגען, דער־ביי האָט ער, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, אַ וויש געטאָן מיטן אַרבל זיין אָרדן וועלכער איז געהאָנגען אויף זיין ברוסט. דער אָפיציר האָט דאָס באַ־מערקט און מיט חשיבות זיך אויסגעצויגן פאַר אים. מיכל האָט געזאָגט:

— איך בין ווי עס ווייזט אויס שטאַרק געשלאָפן. איך בין ערשט־אָ אויפגעשטאַנען און איך ווייס נישט וואָס דאָ קומט פאָר!

— מיר ווייסן נאָך אויך נישט! — האָט דער אָפיציר אָפּגעענטפערט.

— אָט וועלן מיר צופאָרן צו מינסק וועלן מיר זיך דערוויסן וואָס עס קומט פאָר!...

— מינסק?... — האָט זיך מיכל געוווּנדערט, — ווען וועלן מיר זיין אין מינסק?

— אין אַ שעה אַרום!

— אין אַ שעה אַרום? עס איז גיכער ווי איך האָב זיך דאָס פאָרגע־שטעלט!

— יאָ, אויב אַלץ וועט נאָר צוגיין גוט, וועלן מיר אין אַ שעה אַרום זיין אין מינסק.

— איך וויל גלויבן, אַז אַלץ וועט זיין גוט. — ער האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער און צוגעגעבן, — איר זעט, טאָוואַרישטש לייטענאַנט, די עראָפּלאַנען פליִען אַוועק!...

— יאָ, זיי פליִען אַוועק, — האָט דער ג.פּ.או.־לייטענאַנט באַשטעטיקט. ער האָט אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ דורכן פענצטער און געקוקט צום הימל, — זיי פליִען אַוועק!...

עס איז געוואָרן רויִק. מען האָט שוין מער נישט געהערט קיין געשרייען און קיין געוואַלדן. דער צוג האָט זיך אַלץ געטראָגן פאָרויס און פאָרויס אָן אַ שום אָפּשטעל. אין די פענצטער פון די וואַגאָנעס האָט אָנגעהויבן אַריינ־צוקוקן אַ פריילעכע פרימאָרגן־זון און האָט באַגריסט די פּאַסאַזשירן מיט

הויפּנס גאָלדענע שטראַלן. מענטשן האָבן זייערע פּעק און טשעמאָדאַנעס פון די פּאָליצעס אַראָפּגענומען און מען איז געווען גרייט צו פאַרלאָזן דעם צוג. נאָך אַ האַלבע שעה, נאָך צען מינוט און מען וועט שוין זיין אין מינסק. אָט זעט מען שוין די שיינע דערפער פון הינטער מינסק. עס הוידען זיך די הויכע זאַנגען פון קאָרן און ווייץ אַרום די דערפער אין די פעלדער. היינט־מאָרגן וועט מען שוין דאָס ברויט אַראָפּנעמען. פּויערים און פּויערטעס וועלן זיך מיט די ווייסע קאָסעס אין די פעלדער באַווייזן און אָנהייבן שניידן. אויף איין פעלד וועט זיך אויך אַ קאָמביין באַווייזן און זיך פאַרמעסטן מיט די מענטשן אין דער אַרבעט. אָבער, שאַ... וואָס איז דאָס? אַ פייער!... עס ברענט! דער וואָקזאַל ברענט! מינסק איז אין פייער! דער צוג האָט פאַרלאַנגזאַמט זיין געלאַף. ער האָט אָנגעהויבן צו גיין פּאַמעלעך. און פּלוצים איז ער געבליבן שטיין. אַלע פּאַסאַזשירן זענען באַפאַלן די צעעפנטע פענצטער פון די קופּעס. אייניקע זענען אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. מען האָט שוין ווידער אָנגעהויבן צו שרייען, געוואַלדעווען און וויינען.

דער צוג האָט ווייטער נישט געקענט גיין. מען קען נישט צוקומען נעבטער צו מינסק. מען איז געווען פינף מייל פון דער שטאָט. וואָס זאָל מען טאָן? מען האָט זיך געמוזט שלעפּן צופוס! קיין אויטאָמאָביל, קיין וואָגן, גאָרנישט זעט מען נישט. מען איז געווען אין מיטן פעלד. דאָך, מען האָט געמוזט גיין פאָרויס צו די פלאַמען פון דער ברענענדיקער שטאָט.

עס האָבן זיך געשלעפּט מאַסן מענטשן, יונג און אַלט, מענער, פרויען און קינדער. מען האָט זיך געשלעפּט מיט די פּעק אויף די פּלייצעס, מיט די טשעמאָדאַנעס אין די הענט. און וואָס עס איז געשען ווייסט נאָך אַלץ קיינער נישט.

מיכל האָט מיט זיך קיין סך זאַכן נישט געהאַט. ער האָט אין איין האַנט געטראָגן אַ טשעמאָדאַן אין וועלכן עס איז געווען אַן אָנצוג, אַ פּאָר שיך און עטלעכע פּאָר וועש. אין דער אַנדערער האַנט האָט ער געטראָגן אַ לעדערנעם פּאָרטפעל וועלכער איז געווען אָנגעפּילט מיט פּערזענלעכע דאָקומענטן, מאַנוסקריפּטן, צייטונגען, ביכער און זשורנאַלן.

ווען מיכל האָט זיך צוגעשלאָגן צו די הויפּטגאַסן פון מינסק איז שוין געווען מיטאָג־צייט. ער איז געווען הונגעריק און מיד. ער האָט געזוכט אַ רעסטאָראַן, אָבער אַלץ איז געווען פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום וואָקזאַל, נאָר פּלוצים האָבן זיך ווידער באַוויזן אין הימל די דייטשישע „מעסערשמידן” און די „פּאָקסן”. די ערד האָט אַ ציטער גע־

טאָן. עס זענען געפאַלן באָמבעס אויף די גאַסן, געצונדן און צעשמעטערט מויערן. עס האָבן זיך געהערט געשרייען פון פאַרוואונדעטע מענטשן. עס זענען שוין געווען פיל געהרגעטע. מען איז געלאָפן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס. מען האָט זיך צעלייגט אויף דער ערד.

איצט האָט מען שוין געוווסט, אַז עס איז אַ מלחמה. די הויכרעדער פון די ראַדיאָס האָבן געשריגן. מען האָט פון מאָסקווער קרעמל איבערגעגעבן, אַז דײַטשישע טרופּן זענען אַריבער די גרענעצן און אָן שום וואָרענונג האָבן זיי אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מיכל איז אויך געלאָפן צוזאַמען מיט אַלע פאַרבייגייער. ער איז עטלעכע מאָל געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווידער געלאָפן. די עראָפּלאַנען פון די דײַטשן זענען נאָך אַלץ איבער דער שטאָט געפלויגן און געוואָרפן באָמבעס. ער האָט זיך דערשלעפּט צו אַ קעלער. עס איז דאָרט געווען פול מיט מענטשן, צום מערסטן ווײַבער און קינדער. קוקנדיק אויף די וויינענדיקע קינדער און די היסטערישע פרויען האָט ער זיך פאַרשעמט. „וואָס טו איך דאָ?" — האָט ער זיך געפרעגט.

ער איז אַרויס פון קעלער. די היטלער־עראָפּלאַנען זענען נאָך אַלץ אַרומגעפלויגן. קיין רוסישע עראָפּלאַנען וואָס זאָלן זיי אַנטקעגנפליען און באַקעמפן האָט מען נישט געזען. פון צייט צו צייט האָט מען נאָר געהערט די קנאַלן פון די אַנטי־לופט קאַנאָנען און מען האָט געזען ווי סנאַריאַדן רייסן זיך אויף אין הימל, אָבער טרעפן נישט אין די עראָפּלאַנען.

— גאָטעניו, — האָט מיכל אַ טראַכט געטאָן, — ווו זענען אַהינגעקומען אַלע סאָוועטישע עראָפּלאַנען וואָס זענען אין די הונדערטער געפלויגן דעם 1טן מאַי איבער די הימלען פון מאָסקווע, מינסק און קיִעוו? ווו זענען די טויזנטער טאַנקען וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף די 1טע־מאַי־פּאַראַדן? ווו זענען די רומפולע און דרייסטע רויטאַרמייִשע פּאָלקן?... סטאַלין האָט דאָך אונדז פאַרזיכערט, אַז קיין מאָל וועט אונדז קיין שום שונא נישט טרעפן אין אַ נישט־צוגעגרייטן צושטאַנד אָדער אין אַ פאַרלעגנהייט. סטאַלין האָט דאָך געזאָגט, אַז אויב עס וועט זײַן אַ מלחמה וועט דאָס זײַן אויף דעם שונאס טעריטאָריע!...

און דאָ לויפן גאָר איינצלנע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי. מען רײַסט פון זיך אַראָפּ די שליפן, די בענדלעך, די שטערן און יעדן סימן, יעדן צייכן פון דער רויטאַרמייִשער אָנגעהעריקייט. מען וואַרפט דאָס געווער. מען שטעלט אָפּ ציוויל־געקליידטע מענטשן. מיט גוואַלד רײַסט מען

פון זיי אַראָפּ די ציווילע רעקלעך, די היטלען און די שליאַפּעס. פאַרשטעלטע אין ציווילע קליידער לויפן די „העלדן" און שרייען:

— דייטשישע טאַנקען זענען שוין הינטער דער שטאָט!

— הירשן און לייבן טראָגן היטלערס טרופּן אויף זייערע פּלייצעס!

— די דייטשן יאָגן אונדז!

— די דייטשן שלאָגן אונדז!

— ס'אַ בליץ־קריג!...

אין דעם־אָ טומל און פּאַניק האָט אויך מיכל אָנגעהויבן צו לויפן. און אין געדאַנק האָט זיך אים געטומלט אַ פראַזע: מאָסקווע, מאָסקווע, זיך דערשלאָגן צו מאָסקווע!... און פּלוצים איז ער געבליבן שטיין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך געכאַפּט: נישטאָ דער טשעמאָדאַן און נישט דער פּאָרטפּעל! ער האָט ווי עס ווייזט אויס איבערגעלאָזט די זאַכן אין קעלער ווען ער איז מיטן מענטשן־שטראָם זיך געלאָפן באַהאַלטן. זאָל ער צוריק לויפן צום קעלער? ער געדענקט דאָך אַפילו נישט ווו דער קעלער געפינט זיך! ער איז אַ פרעמדער אין דער שטאָט, ער ווייסט נישט די גאַסן. און דאָ רייסן זיך נאָך אַלץ די באָמבעס. די שטאָט ברענט און מענטשן לויפן. איז וואָס שטייט ער אין מיטן גאַס? ער וויל אַז עס זאָל אים הרגענען?...

מער האָט ער שוין טראַכטן נישט געקענט. ער האָט געמוזט לויפן ווייטער און ווייטער, ווו נאָר די אויגן האָבן אים געטראָגן.

און אָט איז דער וואָקזאַל. אַ פלאַם־פייער איז דאָס און נישט קיין וואָקזאַל מער. קיין צוגן וועלן שוין פון דאַנען נישט אָפּגיין. מען זאָגט, אַז הינטער דער שטאָט זענען יאָ פאַראַן צוגן. מערסטנס זענען דאָס פראַכט־צוגן. עס איז אַ צען מייל פון מינסק, אין דער ריכטונג צו מאָסקווע. עס איז פאַראַן אַ באַפעל צו עוואַקויִרן פרויען, קינדער און אַלטע לייט. קיין יונגע מענטשן וועט מען אין די צוגן נישט אַריינלאָזן, יונגע מענטשן מוזן זיך שוין גיין מעלדן אין דעם מיליטער־קאָמיסאַריאַט. יעדער איינער מוז זיך מעלדן, סיי די היגע, מינסקער איינוווינער, און סיי פרעמדע, וואָס געפינען זיך דאָ צייטווייליק אָדער פאַרבייפאָרנדיק. איז ווו איז דאָס דאָ דער מיליטערישער קאָמיסאַריאַט?...

מיכל האָט זיך געלאָזט איבער די גאַסן זוכן דעם אַנשטאַלט.

דאָס שיסן און דאָס באָמבאַרדירן האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. אָט האָבן זיך שוין אויך באַוויזן דריי סאָוועטישע עראָפּלאַנען אין הימל. דאַנקען גאָט! אָבער פאַרוואָס נאָר דריי עראָפּלאַנען? די דייטשישע עראָפּלאַנען זענען דאָך

אין די הונדערטער. ע"ע, זע נאַר, זע, די דייטשישע עראָפּלאַנען אַנטלויפן! די רוסישע יאָגן זיי נאָך! בראַוואָ!...

עס איז געוואָרן שטיל.

אַ גאַס איז אין רוינען צעוואַלגערט און צעשמעטערט. רעגירונגס־קראָמען זענען געשטאַנען מיט צעוואַלגערטע ווענט, צעהאַקטע פענצטער און אַראָפּגעריסענע טירן. קליידער, ברויט, ניי־מאַשינען, פּוטער, צוקער און אייזערנע בעטן, — אַלץ איז צעוואָרפן און אויסגעמישט מיט שטיינער און ברענענדיקע הילצערנע באַלקנס. דורכגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגעכאַפּט פון צווישן דעם אָנוואַלגער אַלץ וואָס עס האָט זיך געמאַכט. צום מערסטנס האָט מען געכאַפּט ברויט. מען האָט זיך באַוואָרנט מיט ברויט. קיינער האָט נישט געשטערט צו „ראַבעווען" די צעשמעטערטע רע־גירונגס־קראָמען.

אויך מיכל האָט אָנגעהויבן צו זוכן צווישן דעם שטיינער־אָנוואַלגער עסנוואַרג. ער האָט געפונען אַ ווייס ברויט און אַ שטיק ווורשט. דאָס ברויט און ווורשט זענען געווען שמוציק. מיכל האָט אַפילו נישט געטראַכט איצט אָפּצוטרייסלען דעם זאַמד און דאָס אַש. ער האָט צעריסן דאָס ברויט מיט די הענט אויף צווייען און ער האָט אָנגעהויבן עסן. ער איז געשטאַנען אין מיטן גאַס און געקנאַקט מיט די ציינער דעם ווורשט מיט דעם ברויט. קיי־נער פון די פאַרביילויפנדיקע האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. קיינער האָט אַפילו נישט באַמערקט זיין גאָלד־שיינענדיקן אָרדן אויף דער ברוסט פון זיין רעקל. אויס מיוחס. אַלע זענען איצט אין דער זעלבער לאַגע: דער־שראָקענע, הונגעריקע און דורשטיקע.

כאָטש ניין, דאָרשטיק איז קיינער נישט געווען. די וואַסער־רערן זענען פון דער באָמבאַרדירונג געפּלאַצט. די פייערלעשער־קראַנען אויף די גאַסן זענען צעשמעטערט. דאָס וואַסער רינט איבער די גאַסן און טרינקט, מענטשן, וויפל נאָר אייער האַרץ איז ווילִיק צו טרינקען.

אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען און זיך אַביסל אָפּגערוט, האָט מיכל דאָס פאַרבליבענע ברויט און ווורשט אַריינגעלייט אין די קעשענעס און זיך גע־לאָזט גיין ווייטער. ער האָט אָנגעטראָפן אויף די גאַסן פיל יונגע מענטשן וואָס זענען געגאַנגען צום מיליטערישן קאָמיסאַריאַט זיך מעלדן. ער איז זיי נאָכגעגאַנגען. אים האָט איצט שוין מער נישט געאַרט וואָס ער האָט זיי־נע זאַכן פאַרלוירן. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט מיט זיך אין בו־

זעם־קעשענע פון רעקל זיין פּאַרטיי־בילעט, זיין פּאַספּאָרט און אַנדערע וויכ־טיקע דאָקומענטן וואָס באַשטעטיקן ווער ער איז. קיין פּראָסטער סאָלדאַט וועט ער דאָך נישט זיין. לויט זיין צושטאַנד וועט ער זיין אַן אָפיציר פון אַ מיטעלן ראַנג. פּילייכט וועט ער ווערן אַ שלאַכט־קאָמאַנדיר? ניין, מען וועט אים געוויס באַשטימען פאַר אַ פּאָליטישן קאָמיסאַר! אָבער דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען מען נעמט אים איצט נישט אין מיליטער. ער וואָלט זיך בעסער געוואָלט דערשלאָגן צו מאָסקווע. כאָטש צוליב וואָס מאָסקווע?... ער וואָלט זיך באַדאַרפט דערשלאָגן צום דאָרף קראַסנע־באָר. צום דאָרף איז נענטער... עס געפינען זיך דאָרט קסעניאַ און זיין קינד, זיין זון אַלינקאַ, אַלעקסאַנדער!... און פּאָליאַ איז דאָרט אויך דאָ, און קאַטיאַ, יעקאַטערינאַ פּעטראָווגאַ!... מאַמעניו, וואָס וואָלט ער איצט נישט געגעבן, אַז ער זאָל זיי זען!... אַך, ווען ער זאָל האָבן פליגל צו פליען!... יאָ, און באָריס, איצט קער ער שוין פון סטאַלינען אויף קיין איין רגע נישט אָפּטרעטן. ער איז שוין די גאַנצע צייט אין קרעמל. געוויס פאָרט ער שוין אַפילו נישט אַהיים נעכ־טיקן!... און דער גענעראַל? גענעראַל איוואַנאָוו איז דאָך זיכער איצט אויפן פראָנט!... און אפשר איז דער פראָנט איצט אויך הינטער מאָסקווע?... ווער ווייסט, מיט אַזאַ מאָדערנער מאָרד־טעכניק... עס איז משוגע צו ווערן...

צום מיליטערישן קאָמיסאַריאַט האָט זיך מיכל דערשלאָגן פאַרנאַכט־צו. עס איז געשטאַנען אַ גרויסע אומגעלומפּערטע דריי־שטאָקיקע געביידע מיט אויסגעזעצטע שויבן און אַראָפּגעריסענע טירן. אין די זאַלן און צימערן האָבן זיך געוואַלגערט איבערגעקערט מעבל און פאַרשיידענע פּאַפּירן. ביים אַריינגאַנג זענען געהאַנגען שמוציק־געוואָרענע אַפישן, וואָס האָבן געמאָלדן, אַז דער מיליטערישער קאָמיסאַריאַט איז געצוווּנגען געווען זיך צו עוואַ־קואירן אַזש צוואַנציק מייל פון מינסק אין דעם דאָרף ליפּאַ, נישט ווייט פון דעם שטעטל סמאָליוויטשי. יעדער מאַנספּאַרשוין אין עלטער פון 17 ביז 47, וואָס געפינט זיך איצט אויף דער טעריטאָריע פון דער שטאָט מינסק און אין דער מינסקער געגנט מוז זיך לאָזן אין דער ריכטונג פון סמאָליוויטשי, אָפּזוכן דעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט און זיך מעלדן, כדי אַריינצוטרעטן אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און פאַרטיידיקן דאָס סאָוועטישע, סאָ־ציאַליסטישע פּאָטערלאַנד קעגן דעם אָנגרייפנדיקן שונא, די דייטשישע פאַ־שיסטן. יעדער איינער וואָס וועט נישט אויספילן דעם באַפעל וועט געשאָסן ווערן ווי אַ פאַררעטער און דעזערטיר.

עס זענען געשטאַנען אַרום די אַפישן אין די הונדערטער יונגע און

מיטליאָריקע מענטשן. מען האָט געקנייטשט מיט די אַקסלען, זיך אַרומגע־קוקט און מען האָט פּלוצים באַקומען לשון:

— גיי זוך דעם ווינט אין פעלד!

— אַליין איז מען ווי פּחדנים אַנטלאָפן און אונדז סטראַשעט מען מיט שיסן!

— ברידערלעך, אַז דאָס פֿאָטערלאַנד רופט מוז מען גיין!...

— געהערט אַ לשון? דייטשישע, נאַציִשע פֿאַשיסטן! פֿריִער האָט מען גאָר דאָס וואָרט פֿאַשיסט דערמאָנען נישט געטאָרט, אַ פֿריינדשאַפט־אָפּמאַך אַזאַ מיט היטלערן געהאַט!...

— עך, ברידערלעך, ליגט זיך שלאָפן, געפינט אַ ווינקעלע ווו ווער עס וויל. מיר וועלן דאָך אין דער נאַכט נישט גיין זוכן דעם מיליטער־קאָמיסאַריאַט. ווי זאָגט מען דאָס: דער אין דער פרי איז קליגער פון דער נאַכט!...

— ריכטיק, מאָרגן וועלן מיר גיין זוכן דעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט!...

יעדער איינער האָט זיך אָפּגעזוכט אַ ווינקל און זיך געלייגט שלאָפן. אייניקע האָבן זיך איינגעאָרדנט אין הויף און אין גאָרטן אַקעגן דעם מויער.

מיכל האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ בוים, אויף דער גאַס. לעבן אים האָט זיך צוגעזעצט אַ בחור מיט אַ קאַווקאַזישן אויסזען. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַן אוקראַיִנער, אַן אַגראָנאָם לויט זיין פאַך, און אַז זיין נאָמען איז קריוואָטשאַפּקאַ. דער־אַ מאָדנער פאַרשווין מיטן מאָדנעם נאָמען קרי־וואָטשאַפּקאַ, וואָס באַטייט אַן אויסגעקרימט היטל, איז געווען בראַוו און איִיפגעלייגט. ער האָט באַלד מיכלען געטרייסט:

— ניטשעוואָ, טאָוואַרישטש (זאָרג נישט, חבר), עס וועט נאָך זיין גוט. דער רוח איז גאָרנישט אַזוי געפערלעך ווי עס ווייזט זיך אונדז אויס. איך גלויב נאָך נישט, אַז דאָס איז טאַקע אַן אמתע קריג... עס איז נאָר אַזוי... אַ מיספאַרשטענדעניש... וועסט זען, מען וועט זיך איבערבעטן!...

מיכל האָט אַ דאַנקבאַרן שמייכל געטאָן. דער בחור איז אים געפעלן געוואָרן. ער איז אָבער געווען זייער מיד און ער האָט נישט געהאַט קיין ווילן צו ריידן. ער איז איינגעשלאָפן זיצנדיק אָנגעשפּאַרט אין בוים. קרי־וואָטשאַפּקאַ איז אויך גיך אַנטשלאָפן געוואָרן. איבער זיי האָט זיך געשפּרייט אַ טיף־בלויער הימל מיט זייער פיל גאָלד־פינקלענדיקע שטערן. עס איז געווען אַ „שטילע״, אַ זומערדיקע נאַכט.

.68

אויפגעכאַפּט האָט זיך מיכל פאַרטאָג ווען די דייטשישע עראָפּלאַנען זענען ווידער אָנגעפלויגן און האָבן ווידער באַוואָרפן די שטאָט מיט באָמבעס. ער האָט פאַר זיך דערזען זיין נייעם פריינד קריוואָטשאַפּקאַ, ווי ער שטייט אַזאַ אויפגעלייגטער און אַ צופרידענער מיט אַ שמייכל אויף זיינע שיינע, כמעט מיידלשע ליפּן. די שטאָט האָט געברענט, מויערן זענען איינגעפאַלן, מענטשן זענען דערהרגעט געוואָרן און ער, קריוואָטשאַפּקאַ, איז זיך געשטאַנען און מיט פאַרגעניגן צוגעשמייכלט. ער האָט זיך מיט אַ פריילעכער און יום־טובדיקער אויפגעלעבטקייט געווענדט צו מיכלען:

— „וואָינאַ", מלחמה!... איצט גלייב איך שוין טאַקע, אַז עס איז אַן אמתע קריג!

מיכל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט פאַרדראָס.

— איז וואָס איז דאָס אויף דיר אַזאַ פרייד?

קריוואָטשאַפּקאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד. אַ בנעימות־דיקע, מיידלשע שעמעוודיקייט איז געווען צעלייגט אויף זיין שיינעם קאָווקאַזישן געזיכט. עפּעס אַ מין פּרויאישע שיינקייט האָט אין זיך געהאַט דער־אַ שלאַנקער און שטאָלצער בחור. ער האָט געזאָגט צו מיכלען:

— נו, און אַז איך וועל וויינען וועט דען ווערן אויס מלחמה?

עס זענען געלאָפן מענטשן מיט קלומעקעס אויף די פּלייצעס. מען איז געלאָפן ווי פאַרסמטע מייז. מען האָט נישט געוואָלט בלייבן אין שטאָט. עס האָבן זיך געטראָגן אויסגעשרייען:

— די דייטשן האָבן שוין פאַרנומען ביאַליסטאָק און לעמבערג!

— דייטשישע טאַנקען שטייען שוין הינטער דער שטאָט, הינטער מינסק!

— זיי אַרעסטירן, זיי הרגענען, זיי לאָזן אויס זייער כעס צו די ייִדן!

— מען זעצט די ייִדן אַריין אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אין געמאָס!

די מערסטע אַנטלויפנדיקע איינוווינער זענען געווען ייִדן, אַלטע ייִדן, ווייבער און קינדער. קיין יונגע האָט מען נישט געזען. די יינגערע ייִדן זענען אָפּגעטראָטן פון דער שטאָט צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי.

מיכל האָט געפרעגט:

— ווו זענען אַלע יונגעלייט וואָס זוכן דעם מיליטער־קאָמיסאַריאַט?

איך זע דאָ קיינעם נישט! פּיליכט שלאָפן זיי נאָך אין דער געבײדע? מען דאַרף אַרײַנגיין און זיי אויפוועקן.

קריוואָטשאַפּקאָ האָט קינדעריש געשמייכלט.

— נאָר דו איינער. אַלע זענען זיך צעלאָפן נאָך אין מיטן דער נאַכט צוזאַמען מיט די אָפּטרעטנדיקע טיילן פון דער רויטער אַרמיי!

— אָפּטרעטנדיקע טיילן? — האָט זיך מיכל געוווּנדערט, — פאַרוואָס זאָל מען אָפּטרעטן?... פאַרוואָס זיך נישט שלאָגן?...

— דאָס איז דאָך עס... קיינער וויל זיך נישט שלאָגן, נישטאָ פאַרוואָס!

— וואָס הייסט, נישטאָ פאַרוואָס?...

— אָ, ביסט נאָך צו יונג. און דו, ווי איך זע, דו האָסט געהאַט אַ צו גוט לעבן, דערפאַר פאַרשטייסטו נישט פאַרוואָס קיינער וויל זיך נישט שלאָגן. נישט נאָר טרעט אָפּ די רויטע אַרמיי, נאָר טויזנטער סאָלדאַטן זע־נען זיך שוין צעלאָפן. מען וואַרפט דאָס געווער, מען טוט זיך איבער אין ציווילע קליידער, מען וויל לעבן!... קיינער וויל נישט שטאַרבן!... און דיר, מיין פריינד, דיר ראָט איך, אַז דו זאָלסט שוין דיין צאַצקע, דיין אָרדן, פון דיין רעקל אַראָפּנעמען. דיינע דאָקומענטן האַלט אויך צוגעגרייט אַזוי, אַז כ'אָמער איז שלעכט זאָלסטו זיי באַלד פאַרניכטן... נו, און איצט קום!

— וווּהין?...

— איך ווייס אַליין נישט וווּהין. מענטשן לויפן, זעסט דאָך! צי אפשר זאָלן מיר דאָ בלייבן?

— אָ, ניין, קריוואָטשאַפּקאָ. איך בין אַ ייִד, דערצו נאָך אַ קאָמוניסט. די דייטשן וועלן מיך אויף דעם ערשטן בוים אויפהענגען!

— דו, אַ ייִד?... — האָט זיך קריוואָטשאַפּקאָ געחידושט, — דו זעסט גאָר נישט אויס ווי אַ ייִד!... — און ער האָט באַלד צוגעגעבן, — דערווייל, טאָוואַרישטש קרוגער, זענען דאָך די דייטשן נאָך דאָ נישטאָ. און איך מיין, אַז ביז עס איז נאָך דאָ אין מינסק אַ שטיקל געדעכעניש פון סאָוועטן־מאַכט זאָלסטו נאָך דיין אָרדן פון דיין ברוסט נישט אַראָפּנעמען. אַ פּאַרטיי־מענטש און נאָך מיט אַן אָרדן דערצו איז אַ גרויסע שישקע. פּיליכט וועלן מיר באַ־געגענען אַ וואָגן אָדער אַן אויטאָמאָביל. פאַר אַ מענטשן מיט אַן אָרדן האָט מען רעספּעקט. מען קען אונדז מיטנעמען. פאָרן איז פאָרט בעסער ווי גיין צופוס. און טאָמער קומען אָן די דייטשן איז אויך נישט קיין שרעק. דו ביסט נישט קיין ייִד און נישט קיין קאָמוניסט. איך וועל שווערן, אַז דו ביסט אַ רוס, אַן אמתער קאַצאַפּ! אָט זע איך גאָר אויס ווי אַ קאַווקאַזער, כאָטש איך

בין אַן אוקראַינער! וואָס פאַר אַ משוגעים האָבן דאָס אויסגעטראַכט ראַסן? מענטשן האָבן זיך נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק אויסגעמישט, ווען זיי האָבן געוואַנדערט און זיי זענען איבערגעגאַנגען פון איין שטח צום צווייטן און פון איין לאַנד צום צווייטן. ייִדן האָבן זיך אויסגעמישט מיט עגיפּטער, באַבילאָנער, גריכן, רוימער און מיט אַנדערע פעלקערשאַפטן, כאָטש זיי זע־נען געבליבן ייִדן. דאָס זעלבע איז מיט די רוסן און אוקראַינער. מיר האָבן אין זיך מאָנגאָליש, טאָטעריש, שוועדיש, דייטשיש און פראַנצויזיש בלוט. דאָס זעלבע איז מיט די דייטשן און מיט אַנדערע פעלקער! איז וואָס דולדט ער דאָרט אַ קאָפּ דער־אַ משוגענער היטלער וועגן אַ ריינער ראַסע?...

— קריוואָטשאַפּקאָ, איצט איז נישט די צייט צו פילאָסאָפירן! — האָט מיכל אויסגעשריגן, — מען דאַרף די זאַך באַטראַכטן ניכטער. דו, קריוואָ־טשאַפּקאָ, קענסט דאָך באַווייזן מיט דאָקומענטן ווער דו ביסט. איך קען דאָך מיינע דאָקומענטן נישט באַווייזן!

— אויב די דייטשן וועלן אַריין אין שטאָט און מיר וועלן נישט באַ־וויזן צו אַנטלויפן איז שוין גלייכער, אַז מיר זאָלן ביי זיך נישט האָבן קיין שום דאָקומענטן.

מען האָט זיך געלאָזט גיין מיטן שטראָם פון די אַנטלויפנדיקע אייג־ווינער. די דייטשישע „מעסערשמידן" און „פאָקסן" האָבן אָן אויפהער באָמ־באַרדירט די שטאָט און זי צוגעגרייט פאַר דעם אַריינמאַרש פון טאַנקען און אינפאַנטעריע. מיכל און קריוואָטשאַפּקאָ זענען נישט געלאָפן ווי אַנדערע אין אַ ווילדער פּאַניק, נאָר זיי זענען געגאַנגען געלאַסן ווי אויף אַ שפּאַציר, ווויסנדיק, אַז ווייט לויפן קען מען נישט, מען ווערט גיך מיד און מען בלייבט שטעקן אין וועג... פּלוצים האָט מיכל אַ פרעג געטאָן ביי זיין נייעם פריינד:

— איך פאַרשטיי דיך נישט, קריוואָטשאַפּקאָ. פאַרוואָס ביסטו אין מיטן דער נאַכט נישט אַוועק צוזאַמען מיט די אָפּטרעטנדיקע רויטאַרמייער, אַזוי ווי די איבעריקע האָבן דאָס געטאָן?

— איך האָב דיך נישט געוואָלט איבערלאָזן אַליין!

— האָסט דאָך מיר געקענט אויפוועקן.

— עס איז מיר אַ שאָד געווען. דו ביסט זייער געשמאַק געשלאָפן!

מיכל האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס פאַר אַן אינטערעס האָסטו מיט מיר? דו קענסט דאָך מיר נישט!

— מוז מען דען קענען אַ מענטשן כדי אים צו העלפן?

— ווער ביסטו?

— איך האָב דיר דאָך געזאָגט. איך בין אַן אומפּאַרטײַיִשער. לויט מײַן פֿאַך בין איך אַן אַגראָנאָם. לויט מײַן נאַציאָנאַליטעט בין איך אַן אוקראַי־נער. לויט מײַן גלויבן בין איך... אַך, דו וועסט עס נישט פֿאַרשטיין. איך בין אַ קריסט, אָבער איך האַלט אויך פֿון דער ייִדישער רעליגיע און פֿון דער מוסולמענישער. אַלע רעליגיעס זענען פֿאַר מיר אַלצאיינס אויב נאָר זיי האַלטן, אַז עס איז דאָ נאָר איין גאָט און זיי אַלע גלויבן אין דעם איין־און־איינציקן גאָט. איך בין אַ גלויביקער. איך ווייס, אַז גאָט איז איינער. איך גלויב אָבער אויך אין דעם מענטשן, אין דעם בן־אָדם, וואָס גאָט האָט באַ־שאַפֿן. דער מענטש איז באַשאַפֿן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, אָבער קיי־נער ווייסט נישט גאָטס געשטאַלט, קיינער ווייסט נישט דעם סוד, צי גאָט איז ווייס, שוואַרץ, ברוין, רויט, געל אָדער ער באַשטייט פֿון אַלע קאָלירן צוזאַמען. דערפֿאַר טאַקע דאַרפֿן אַלע מענטשן זײַן גלײַך צווישן זיך, זיך ליב האָבן און זיך העלפֿן, אַרויסהעלפֿן איינס דעם צווייטן. גאָט איז אַן „אל רחום וחנון“, — האָט ער מיט אַ טשיקאַוון אַקצענט אַרויסגערעדט די העב־רעיִשע פֿראַזע, — עס איז אַ גאָט פֿון גוטסקייט און מיטלייד. און איך גלייב אין גוטסקייט און מיטלייד. דאָס איז מײַן רעליגיע. איך זאָג דאָס דיר איצט, מיכאַיִל קרוגער, אין אַ צײַט פֿון קריג, ווען מען ווייסט נישט ווער עס וועט אומקומען און ווער עס וועט איבערלעבן. צוריק מיט אַ פּאָר טעג וואָלט איך פֿאַר דיר מורא געהאַט אַזוי צו רעדן, אָבער איצט האָב איך פֿאַר דיר נישט מורא, כאָטש, ווי איך פֿאַרשטיי, ביסטו ביי דער סאָוועטן־מאַכט אַ גרויסער קאָמיסאַר און דו האָסט די מאַכט מיך צו אַרעסטירן און אַפֿילו צו שיסן. איך האָב פֿאַר קיין קאָמיסאַר שוין מער נישט קיין מורא, און דאָס איז מײַן פֿרייד. איך ווייס, מיכאַיִל, אַז דו האָסט געטראַכט וועגן מיר שלעכטס. דו האָסט געמיינט, אַז איך פֿריי זיך וואָס עס איז אַ מלחמה. ניין, קיין שום מלחמות פֿרייען מיך נישט, אָבער...

עס האָט אַ ציטער געטאָן די ערד אונטער זייערע פֿיס. אַ הויז איז אויפֿגעריסן געוואָרן. אַ רויטער פֿלאַם־פֿײַער האָט דעם הימל באַדעקט. מען איז געפֿאַלן צו דער ערד און מען איז געבליבן ליגן לאַנג ביז עס איז שטיל געוואָרן. מען האָט זיך אויפֿגעהויבן און מען איז געגאַנגען ווײַטער.

מיכל האָט געטראַכט וועגן זײַן נײַעם פֿרײַנד: עפּעס אַן אויסטערלישער מענטש. מיכל האָט גאָר זיך נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז נאָך אַזוי פֿיל יאָרן פֿון באָלשעוויסטיש־קאָמוניסטישער „קולטור“ און פּראָפּאַגאַנדע, זאָלן אין

סאָוועטן־פאַרבאַנד זיך גאָר געפינען יונגע מענטשן מיט אַזעלכע געדאַנקען און גלויבנס. ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַזעלכע מענטשן עק־סיסטירן נאָך אויף דער וועלט. און נישט נאָר ער אַליין איז אַנדערש, נאָר אַפילו זיין נאָמען איז אַנדערש, — קריוואָטשאַפּקאַ, דאָס מיינט דאָך אַ קרום היטל. נו, און אונטער דעם היטל, דער קאָפּ פון דעם־אָ קריוואָטשאַפּקאַ איז דאָך אַנדערש: זיין אַרט דענקען, זיין רעדן איז גאָר אַנדערש. ער האָט דאָך אַפילו אין העברעיִש אַ פּראַזע אַריינגעוואָרפן, — אל רחום וחנון, — ווי קומט דאָס צו אַן אוקראַיִנישן דאָרפס־שייגעץ אַזאַ פראַזע?... ער האָט ביי אים געפרעגט:

— זאָג מיר נאָר, קריוואָטשאַפּקאַ, ווי קומט צו דיר העברעיִש?

— איך האָב געלערנט, אַליין זיך געלערנט, געוואָלט די ביבל לייענען אין אָריגינאַל. איך קען אויך אַביסל אַנדערע שפּראַכן, לאַטיין, גריכיש, ענג־ליש, פראַנצויזיש און דייטש. איך האָב געוואָלט וויסן דעם טעם פון יעדער שפראַך! אָבער מיין אויספיר איז, אַז עס דאַרף זיין נאָר איין שפּראַך. עס איז דאָך נישט וויכטיק אויף אַ וועלכער שפּראַך דער מענטש רעדט, וויכטיק איז וואָס דער מענטש טוט, גוטס אָדער שלעכטס.

— עס איז אַ פיינע טעאָריע. וואָס־זשע פאַר אַן איינציקע שפּראַך וואָלסטו געוואָלט פאַר אַלע מענטשן און אַלע פעלקער? געוויס עספּעראַנטאָ!

— אָ, ניין. איך האַלט נישט פון קיין אויסגעטראַכטער שפּראַך. מען קען אויסקלייבן פון די פיל גערעדטע, אַנטוויקלטע און קולטורעלע שפּראַכן, איינע, וואָס זאָל ווערן די וועלט־שפּראַך. אָבער די נאַציאָנאַלע שפּראַכן טאָרן נישט אָפּגעשאַפט ווערן. מיין טעאָריע איז, אַז אַ מענטש מיט ווירדע וועט דאַרפן רעדן און דענקען אויף צוויי שפּראַכן, אויף זיין נאַציאָנאַלער מוטער־שפּראַך, און אויף דער הערשנדיקער וועלט־שפּראַך.

— אַזאַ „פילאָסאָפיע"!... — האָט מיכל אַ לאַך געטאָן.

— עס איז אַ פילאָסאָפיע פון אַ וועלט־בירגער, — האָט קריוואָטשאַפּ־קאַ באַהויפּטעט, — עס מוז ווערן איין וועלט־רעגירונג און דאַן, נאָר דאַן וועלן שוין מער קיין שום מלחמות נישט זיין!

— דאָס איז אַן אוטאָפּיע.

— געוויס איז דאָס אַן אוטאָפּיע! — האָט קריוואָטשאַפּקאַ צוגעשטימט, — און סאָציאַליזם איז דען נישט קיין אוטאָפּיע? און דאָס גלויבן אין אַ „יענער וועלט" און אין אַ „תחית המתים" איז דען נישט קיין אוטאָפּיע? און דאָך, מיליאָנען קלוגע און געבילדעטע מענטשן גלויבן אין דעם. און די

ערראָפּלאַנען וואָס פליִען אין דער לופטן און וואַרפן באָמבעס און פאַרניכטן שטעט און הרגענען אומשולדיקע מענטשן?... צוריק מיט אַ יאָר פּופציק־זעכציק איז דאָך דאָס אויך געווען נאָר אַן אוטאָפּיע!... אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט אין אונדזער וועלט קאָמפּליצירטע שלעכטס מערער שאַנסן פאַר עקסיסטענץ ווי אײנפאַכע גוטס!

מיכל האָט נישט געענטפערט. ער איז גיך מיד געוואָרן פון אַרומשלעפן זיך איבער די גאַסן, פון פאַלן, זוכן אַ באַהעלטעניש נאָך יעדער באָמבאַרדי־רונג, און פון בלאָנדזשען, נישט וויסנדיק ווי אַזוי מען קריגט זיך אַרויס פון דער ברענענדיקער שטאָט. ער האָט געטראַכט וועגן קסעניאַן און וועגן קינד. קיין אָפיציעלע ידיעות וועגן די דײַטשישע טרופן געפינען זיך זענען נישט געווען. מענטשן האָבן אין זייער פאַרצווייפלונג גערעדט פאַרשיידנס. דאָס וואָרט „בליץ־קריג״, אַ ניי וואָרט, האָט אַרויסגעקלונגען מיט שרעק פון יעדן ריידנדיקן מענטשן. עס האָט זיך באַקומען, אַז די דײַטשן נעמען אײַן שטאָט נאָך דער צווייטער. זיי מאַרשירן פאָרויס און די רויטע אַרמיי שטעלט זיך נישט אַקעגן, גיט נישט קיין ווידערשטאַנד. איז אויב עס וועט אַזוי־אָ אָנגיין ווייטער וועט שוין היטלער זיין אין אַ וואָך אַרום אין מאָסקווע.

מען איז קוים אַרויס פון שטאָט. אַ פּאָר מייל ווייטער האָט זיך געפונען די טורמע. אַ פליגל פון דער טורמע האָט געברענט. מען האָט אויפגעריסן די שלעסער פון די אייזערנע טירן פון די קאַמערס און מען האָט די אַרעסטאַנטן אַרויסגעטריבן אין דעם גרויסן תפיסה־הויף. עס זענען געווען העכער טויזנט אַרעסטירטע. מען האָט זיך דערוווּסט, אַז מען פירט זיי איבער אין אַ זיכערן אָרט, און דערפאַר האָבן פיל פאַרבייגייענדיקע און פאַרביילויפנדיקע מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן ביז מען וועט די אַרעסטירטע אַרויספירן און דאַן וועט מען זיי נאָכגיין. מען האָט געגלויבט, אַז די קאָמיסאַרן פון דער טורמע ווייסן דעם מאַרשרוט צו אַ זיכערן פלאַץ. עס איז געווען בעסער נאָכצוגיין די אַרעסטאַנטן איידער צו בלאָנדזשען אָדער פאַרבלייבן אין שטאָט.

אין דעם גרויסן תפיסה־הויף האָט מען די אַרעסטירטע גרופּירט און סאָרטירט אין באַזונדערע קאָלאָנעס. אין איין ריי פאַרוווּנדעטע און קראַנקע, אין אַ צווייטער ריי קרימינעלע פאַרברעכער, און אין אַ דריטער ריי די פּאָליטישע פאַרברעכער.

די עלטסטע פון דער טורמע און זייערע אַרויסהעלפער, די וואַך און די סאָלדאַטן פון דער ג.פּ.או. זענען געווען נערוועז. זיי האָבן זיך געאײַלט

וואָס שנעלער אַוועקצוגיין, כל־זמן עס איז שטיל און עס פֿליִען נישט קיין דייטשישע עראָפּלאַנען און וואַרפֿן נישט קיין באָמבעס. מען האָט פֿון הויף אָנגעהויבן אַרויסצופֿירן די אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען געווען אַרומגערינגלט און באַוואַכט פֿון סאָלדאַטן. ציווילע מענטשן פֿון שטאָט, מענער, ווייבער און קינדער, זענען נאָכגעגאַנגען דער קאָלאָנע אַרעסטאַנטן. מען איז אַרויף אויפֿן שאָסיי, דעם שפּאָגל־נייעם אַספֿאַלטירטן אויטאָמאָביל־וועג, וואָס פֿירט פֿון מינסק קיין מאָסקווע.

אָבער נישט אַלע אַרעסטאַנטן האָט מען פֿון דעם תּפֿיסה־הויף אַרויסגעפֿירט. די קראַנקע און פֿאַרוווּנדעטע האָט מען איבערגעלאָזט, און די פּאָליטישע האָט מען דאָ אויפֿן אָרט צעשאָסן. עס איז געווען אַ שרעק צו קוקן ווי די קאָמיסאַרן צעשיסן קאַלטבלוטיק לעבעדיקע מענטשן. ביי די פֿאַרבייגייענדיקע און אַנטלויפֿנדיקע פֿון שטאָט, וואָס האָבן דאָס געזען האָט דאָס בלוט געזאָטן פֿון כּעס און בושה. אָבער יעדער איינער איז אַליין געווען אין אַזאַ מוראדיקן צושטאַנד און געזוכט צו ראַטעווען זיין אייגן לעבן, אַז לאַנג טראַכטן פֿון דעם געשעענעם ביין־ווונדער האָט מען נישט געקענט. עס זענען ווידער אָנגעפֿלויגן דייטשישע עראָפּלאַנען. דאָס מאָל זענען זיי געפֿלויגן זייער נידעריק און האָבן נישט געוואָרפֿן קיין באָמבעס, נאָר געשאָסן פֿון מאַשין־געווער איבער די קעפּ פֿון דער קאָלאָנע אַרעסטאַנטן און פֿון די אַנטלויפֿנדיקע ציווילע בירגער.

— לאָזשיטע!... לייגט זיך!...

מען איז זיך צעלאָפֿן און מען האָט זיך געלייגט אויף דער ערד, ווער ווו עס האָט נאָר געפֿונען פֿאַר זיך אַ באַהעלטעניש, אין אַ גרוב, אונטער אַ שטיין, לעבן אַ בוים. ווען די עראָפּלאַנען זענען אַוועקגעפֿלויגן און עס איז צוריק געוואָרן רויִק, זענען די אַרעסטאַנטן צוריק געגאַנגען צו זייער קאָלאָנע, און די נאָכגייענדיקע, הינטער זיי, די פֿרייע מענטשן פֿון שטאָט וואָס זענען אויס מורא פֿאַרן דייטש אַנטלאָפֿן, האָבן זיך איצט אויסגעמישט מיט די אַרעסטאַנטן. די סאָלדאַטן פֿון דער ג.פּ.או. און אויך די קאָמיסאַרן, עלטסטע, און אַנדערע וויכטיקע טורמע־באַאַמטע זענען פּלוצים זייער גוטע געוואָרן. איין מאָל, נאָך אַ באָמבאַרדירונג, ווען מען איז זיך צעלאָפֿן און דערנאָך צוריק געקומען, האָט דער הויפּט־שעף פֿון טורמע געמאָלדן, אַז אין אַזאַ־אָ סכּנה קען ער זיך נישט אונטערנעמען צו ברענגען אַלע אַרעסטאַנטן צו אַן אַנדערער תּפֿיסה, ווו מען וועט זיין באַשיצט פֿון די דייטשישע עראָפּלאַנען, דערפֿאַר נעמט ער אויף זיך די רעכט צו דערקלערן אַן אַמנעסטיע

פאַר אַלע אַרעסטירטע. עס איז אַ צייט ווען יעדער איינער דאַרף טראַכטן פאַר זיך זעלבסט. אויב עמיצער פילט, אַז ער קען זיך ראַטעווען, טאָ זאָל ער עס טאָן! ער האָט באַפוילן די סאָלדאַטן פון דער וואַך זיך נישט מאַכן וויסנדיק, ווען מען וועט באַמערקן, אַז אַן אַרעסטאַנט שטייט אָפּ.

עס איז אָבער געווען אַ וווּנדער איבער וווּנדער. דאָס איז אפשר געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע צו באַצייכענען אַ פאַקט, ווען אַרעס־טאַנטן זאָלן נישט וועלן אויסנוצן די מעגלעכקייט צו ווערן פריי. קיינער האָט נישט געוואָלט אָפּשטיין. מען האָט זיך געפילט זיכערער אונטער דער שוץ פון די באַוואָפנטע סאָלדאַטן. נאָך יעדן מאָל וואָס די דייטשישע עראָ־פּלאַנען זענען אָנגעפלויגן און באָמבאַרדירט די שטאָט און די געגנט אַרו־סער דער שטאָט איז מען זיך צעלאָפן, און ווי נאָר די עראָפּלאַנען זענען אַוועק אָוי האָט מען זיך ווי עלנטע שעפעלעך צוריקגעקערט און זיך גע־זאַמלט אין אַ סטאַדע אונטער דער שוץ און וואַך פון די טורמע־סאָלדאַטן.

פאַרנאַכט־צו, ווען מען איז שוין געווען ביי אַ צוואַנציק מייל ווייטער פון שטאָט האָט זיך באַוויזן אַ וואַלד. מען איז אַריין אין וואַלד. די עלטסטע טורמע־באַאַמטע האָבן דערקלערט, אַז מען וועט דאָ בלייבן איבערנעכטיקן. מען האָט זיך צעזעצט אונטער דיביימער. מען איז אַריינגעקראָכן צווישן די קוסטעס. אייניקע האָבן אַפילו באַוויזן אונטערצוגראָבן די ערד אַלס באַ־שיצונג. עס איז געוואָרן פינצטער. פון צייט צו צייט איז צווישן די ביימער די פינצטערניש אויפגעריסן געוואָרן מיט דער באַלייכטונג פון אַ ווייטן פייער. מען האָט געזען די שטאָט מינסק אין פייער.

מיכל מיט קריוואָטשאַפּקאָן האָבן זיך צוזאַמען אַוועקגעלייגט שלאָפן אונטער אַ בוים. עס האָבן זיך געהערט קרעכצן און זיפצן, אַ געוויין פון אַ קינד און אַ שווער כראָפּען פון די אַרעסטאַנטן.

— עך, רוסלאַנד, רוסלאַנד! — האָט קריוואָטשאַפּקאָ אַ זיפץ געטאָן, — אומגליקלעך רוסלאַנד!...

— נישט געזאָרגט, מיין פריינד! — האָט מיכל זיך אָפּגערופן, — עס האָבן פיל שונאים געלויערט אויף רוסלאַנד און עס האָט זיך זיי נישט איינ־געגעבן. נעם נאַפּאָלעאָנען... רוסלאַנד מיט אירע גרויסע שטחים, מיט אירע פראָסטיקע ווינטערן און טיפע שנייען, וואָס נאָך זיי קומען שטייענדיקע בלאָטעס, איז אַ פעסטונג וואָס קיינער קען נישט באַזיגן.

— דאָס נישט־צעטיילטע רוסלאַנד קען מען נישט באַזיגן, — האָט

קריוואָטשאַפּקאַ געענטפערט, — אָבער דאָס איז נישט נאָר די שטאַרקייט פון רוסלאַנד נאָר אויך די שוואַכקייט.

— איך פאַרשטיי נישט וואָס דו מיינסט, קריוואָטשאַפּקאַ.

— מענטשן זענען געוווינט צו שעצן אונדזער מוטער־רוסלאַנד ווי די גרעסטע מדינה אין דער וועלט, ווייל רוסלאַנד, מיינען זיי, פאַרנעמט אַ שטח אַזוי גרויס ווי אַ זעקסטל פון דער גאַנצער וועלט. עס איז אָבער נישט־יושרדיק און נישט לאָגיש צו טראַכטן אַזוי. האָט דען נישט יעדעס פאָלק, ווי קליין און נישטיק עס זאָל נישט זיין, קיין רעכט אויף זעלבשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקייט? אַז מען זאָגט רוסלאַנד מיינט מען דאָך די גאַנצע אימפעריע און מען זעט נישט, אָדער מען וויל נישט זען, אַז אוקראַינע איז נישט רוסלאַנד, אַז קאַווקאַז און קרים זענען נישט רוסלאַנד, אַז גאַנץ טורקעסטאַן און סיביר באַלאַנגען דאָך צו פיל אָריענטאַלישע נאַציעס און פעלקער. זאָלן נאָר די פאַרשקלאָפטע פעלקער פרוון אויסנוצן די לאַגע פון אַ גרויסער מלחמה, אין וועלכער דער קרעמל וועט זיין פאַרפלאָנטערט, און צוריק אָפּנעמען פאַר זיך דאָס וואָס די רוסישע צאַרן האָבן פון זיי פאַרכאַפּט און צו רוסלאַנד פאַרקנעכטעט און אין קאָלאָניעס פאַרוואַנדלט. אָט אַ שטייגער זאָלן די קאַלמיקן, טשוואַשן, טונגוסן, קאַמטשאַדאַלן און גאָלדן צוריקנעמען אוראַל און סיביר און זיך צעטיילן מיט דער טעריטאָריע און ווידער פאַר זיך שאַפן אייגענע זעלבשטענדיקע מלוכות! און זאָלן די סאַרדן, אוזבעקן, קירגיזן, טורקמענער און טאַדזשיקן צוריק אָפּנעמען דעם מיטעלן מזרח, דעם געוועזענעם טורקעסטאַן און דאָרט צוריק אויפשטעלן זייערע זעלבשטענדיקע, באַזונדערע אָריענטאַלישע מלוכות! און די טאָטערן זאָלן צוריק דערקלערן קרים און קאַזאַן פאַר סעפּאַראַטע און אומאָפּהענגיקע טאָטערישע מדינות! דערנאָך זאָלן אויך די פעלקער פון קאַווקאַז, די גרוזינער, אַרמענער, גליזגינער, אָסיטינער, אַבכאַזער און אַנדערע זייערע נאַציאָנאַלע און מלוכהשע אומאָפּהענגיקייט פאַרווירקלעכן! און ווייסרוסלאַנד, און אוקראַינע ווילן דאָך אויך זיין זעלבשטענדיק און אומאָפּהענגיק פון רוסלאַנד! די אוקראַינישע ערד איז שוין מיד צו טראָגן אויף זיך די פרעמדע רוסן. קיין פרייער אוקראַינער איז קיין מאָל נישט וויליק צו זיין אַ רוסישער קנעכט! נו, אויב דאָס זאָל נאָר אַמאָל געשען, און איך גלויב, אַז דאָס וועט דאָך מוזן אַמאָל געשען, דאַן וועט שוין רוסלאַנד בלייבן בלויז רוסלאַנד. עס וועט שוין מער נישט זיין קיין מעכטיקע, קיין אומענדלעכע, אומבאַזיגטע רוסלאַנד, אַ זעקסטל פון דער גאַנצער וועלט! עס וועט זיין אַ רוסלאַנד, אַזאַ

לאָמיר זאָגן, נישט גרעסער פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד אָדער איטאַליע. עס וועט זיין אַ רוסיש רוסלאַנד אָן פרעמדע, פאַרשקלאַפטע טעריטאָריעס און פעלקער.

— אַ, ניין! קריוואָטשאַפּקאַ! — האָט מיכל אַן איבעררואַשטער פון דעם געהערטן אויסגערופן, — דו ביסט שוין צו ווייט פאַרקראָכן. פון איין אוטאָפּיע גייסטו אַריבער צו אַ צווייטער. פריִער האָסטו גערעדט וועגן אַ וועלט־רעגירונג מיט אַ וועלט־בירגערטום. און איצט רעדסטו גאָר וועגן סעפּאַראַטע, קליינע, זעלבשטענדיקע, נאַציאָנאַלע רעגירונגען. עפּעס קלעפּט זיך דאָ נישט ביי דיר!... און לאָמיר אָננעמען, אַז דער־אַ משוגעת וואָס דו האָסט איצט פאַר מיר אַרויסגעפּלאָפּלט וואָלט אַמאָל פאַרווירקלעכט געוואָרן, און יעדעס פאָלק וואָלט פון דעם גרויסן און מעכטיקן סאָוועטן־פאַרבאַנד אָפּגעריסן פאַר זיך אַ שטיק טעריטאָריע, וואָלט דאָך דאָס געמיינט אַן אָנהייב פון אַן איביקער בירגער־קריג!...

דאָ האָט קריוואָטשאַפּקאַ ווידער אַ זיפץ געטאָן:

— אַן קריג קען מען גאָרנישט פועלן. זינט די וועלט שטייט איז נאָר קריג און קריג. אַפילו דער ערשטער מענטש האָט זיך מיט גאָט צעקריגט. דערנאָך האָבן זיך זיינע זין צעקריגט און קין האָט זיין ברודער הבל דערהרגעט.

— דו ביסט שוין ווייטער ערגעץ פאַרפאָרן מיט דיינע רייד, קריוואָטשאַפּקאַ!

— נו, בין איך פאַרפאָרן... איך קען זיך נישט העלפן! ווייסטו גאָר וואָס, מיכאַיִל, לאָמיר בעסער שלאָפן!

— פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף בעסער שלאָפן און אויפהערן צו רעדן נאַרישקייטן. זעסט שוין אַליין, קריוואָטשאַפּקאַ, אַז עס קלעפּט זיך ביי דיר נישט!

— עס קלעפּט זיך שוין גראָד יאָ! — האָט קריוואָטשאַפּקאַ אַ באַגייסטערטער פלוצים אויסגעשריגן, — דו, מיכאַיִל, דו הער זיך נאָר צו מיט קאָפּ: עס איז דאָ אַן אויסוועג, אַז מען זאָל אַלע פּראָבלעמען לייזן אויף אַ פרידלעכן אופן און מלחמות זאָלן פאַרשווינדן ווערן פון דער וועלט. מיין טעאָריע איז, אַז פאַרשטייער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, פעלקער און ראַסן זאָלן זיך צונויפקומען אויף אַ וועלט־קאָנגרעס און צעעפענען די געאָגראַפישע קאַרטע פון דער גאַנצער וועלט און מען זאָל אָנמערקן פאַר יעדער נאַציע, פאָלק, ראַסע און אַפילו שבט אַ באַשטימטע טעריטאָריע מיט אַן

אַבסאָלוטער רעכט פון נאַציאָנאַלער, טראַדיציאָנעלער, קולטורעלער און רע־ליגיעזער מלוכהשער אומאָהענגיקייט און זעלבשטענדיקייט. און דאַן דאַרפן אַלע די־אָ נאַציאָנאַלע מלוכות פון זיך אויסטיילן פאָרשטייער, וואָס זאָלן שאַפן אַ וועלט־ראַט און דער־אָ וועלט־ראַט דאַרף שאַפן אַ וועלט־רעגירונג. די וועלט־רעגירונג דאַרף פאַר זיך אויסבויען אַ וועלט־שטאָט אויף אַ נישט־באַוווינטן אינדזל, אָדער אין אַ נישט־באַוווינטן מדבר, אַ שטייגער אין דעם מדבר סיני. פון דאָרט דאַרף די וועלט־רעגירונג אָנפירן מיט אַ קאָאָרדי־נירטן פּלאַן פון עקאָנאָמיע, פינאַנסן און וווילטעטיקייט, לויט אַ גערעכטער פּראָפּאָרץ, פאַר אַלעמען גלייך. וואָס וועט דאָס געבן? — יעדע איינציקע מלוכה וועט זיין אי זעלבשטענדיק אי אַ מיטגליד פון דער וועלט־רעגירונג, אויך יעדער מענטש וועט זיין אי אַ בירגער פון זיין לאַנד אי אַ בירגער פון דער גאַנצער וועלט. און די הויפּטזאַך, עס וועט זיין אַ גערעכטע פאַרטיי־לונג פון די רייכטימער, רוישטאָפן, אויסגעאַרבעטע פּראָדוקציע און אַגרי־קולטור־פּראָדוקטן. עס וועט נישט זיין קיין קאָנקורענץ און קיין יאָגעניש נאָך מערק. און דאָס, נאָר דאָס וועט שאַפן די אַטמאָספער פון שלום אויף דער וועלט, פון אַן אייביקן שלום!...

— ווייסטו וואָס, קריוואָטשאַפּקאָ, דו האָסט זייער שיינע טרוימען, און ביי מיר ביסטו אַפילו גערעכט. אָבער געדענק, אַנדערע מענטשן וועלן פון דיינע טרוימען זיך אויסלאַכן אין דעם בעסטן פאַל. אין ערגסטן פאַל וועט מען דיר אָננעמען פאַר אַ משוגענעם!

— גוטע מענטשן וועלן אפשר פון מיר לאַכן, און שלעכטע מענטשן וועלן מיך האַלטן פאַר אַ משוגענעם. מען זאָגט אָבער, אַז עס לאַכן די גוטע און די נאַראָנים. נו, און די שלעכטע און קלוגע מענטשן, וועגן זיי איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן. מיר זעען דאָך שוין וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן, מיר זענען די עדות! אָבער דאָס וואָס די גוטע און נאַרישע מענטשן וועלן נאָך אַמאָל אויפטאָן, דאָס וועלן מיר נישט זען, ביין, נישט מיר, אַנדערע וועלן בעסערע צייטן דערלעבן!

די לעצטע ווערטער האָט שוין מיכל נישט געהערט. אַ הונגעריקער און אַ פאַרמאַטערטער איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן. קריוואָטשאַפּקאָ האָט זיך צוגערוקט צו אים און ער האָט אויך געפּרווט אנטשלאָפן ווערן.

און ווען די זון איז שוין הויך געשטאַנען איבערן וואַלד, די שטראַלן האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך די גרינע בלעטער פון דיביימער, האָט זיך

דאָן צעטראָגן אַ טומל פון אין־פּאַניק שרײַענדיקע און לויפנדיקע מענטשן. מיכל און קריוואָטשאַפּקאַ האָבן זיך אויפגעכאַפּט.

— וואָס איז?...

— וואָס איז געשען?...

— לויפט ברידער! ראַטעוועט זיך, ווער עס קען נאָר!...

— די קאָמיסאַרן, די שעפן און די סאָלדאַטן פון דער ג.פּ.או. זענען אין מיטן דער נאַכט אַנטלאָפן און אונדז דאָ איבערגעלאָזט פאַרן דײַטש אויף פאַרצוקונג!...

— מיר זענען איינע אַליין, מיר ווייסן נישט ווו צו גיין, וווהין צו לויפן, מיר זענען ווי די פאַרלאָזטע שעפעלעך!...

— איז וואָס טוט מען?...

— נישט געזאָרגט, די דײַטשן זענען דאָך אויך מענטשן!...

— די דײַטשן? עהע!... נישט הײַנטיקע דײַטשן!...

מען איז אַרויס פון וואַלד און מען האָט דערזען פון ווײַטנס דעם אַספאַלטירטן וועג, דעם שליאַך וואָס ציט זיך פון מינסק ביז צו מאָסקווע. אָפּטרעטנדיקע רויטאַרמייער־אָפּטיילן, טאַנקן און אַבאָזן האָבן זיך געשלעפּט איבער דעם שליאַך און נאָך זיי ציווילע מענטשן אין די טויזנטער. די שטימונג איז געווען, אַז מען דאַרף גיין אַהין, אין דער ריכטונג, וווּ די רויטע אַרמיי טרעט אָפּ און וווהין די באַפעלקערונג עוואַקויִרט זיך. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז מען זאָל אונטערוואַרטן ביז די רויטאַרמייער וועלן זיך שוין מער אויפן וועג נישט באַווייזן, ווײַל די דײַטשן וועלן געוויס נאָכיאָגן די אָפּטרעטנדיקע, עס קען פאָרקומען אַ שלאַכט און עס וועלן פאַלן אומשולדיקע קרבנות.

מיכל האָט וואַרטן נישט געוואָלט. ער איז גרייט געווען אָנצויאָגן די אָפּטרעטנדיקע רויטאַרמייער. זיי זענען אָבער געווען צו ווײַט פון וואַלד און קריוואָטשאַפּקאַ האָט אים געוואָרנט: „וועסט זיי נישט אָניאָגן. וועסט נאָך בלײַבן איינער אַליין!"... טרערן האָבן זיך מיכלען געשטעלט אין די אויגן, זעענדיק ווי די רויטאַרמייער פאַרשווינדן אין דער ווײַטקייט, און דער אָרום ווערט פּוסט און ליידיק. און דאָ האָט זיך דערהערט אַ ברומען און אַ געקלאַפּ פון פאָרנדיקע, אָנקומענדיקע טאַנקען. עס זענען געווען אַ סך טאַנקען, אין די הונדערטער. דער געברום איז געוואָרן אַלץ רוישיקער און די טאַנקען נענטער. מען האָט שוין דערזען די צייכנס, שוואַרצע האָקן־קרייצן. מען האָט שוין אַפילו דײַטלעך דערזען די טיפע און ברוינע העלמס

פון די דייטשישע סאָלדאַטן וואָס זענען געגאַנגען הינטער די טאַנקען. דער־שראָקענע זענען אַלע צוריק אַריין אין וואַלד. ווייבער האָבן געטוליעט זייע־ר'ע קינדער צו די ברוסטן, ייִדן האָבן געשעפּטשעט תפילות, קריסטן האָבן זיך געצלמט און די פאַרלאָזענע אַרעסטאַנטן זענען געשטאַנען אין אַ פאַר־לעגנהייט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

קריוואָטשאַפּקאָ האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט גיך צו מיכלען אַ זאָג געטאָן:

— ווער שוין פּטור פון אַלע דיינע דאָקומענטן און פון דיין אָרדן!

דערנאָך האָט ער אין דער הויך אַ געשריי געטאָן:

— ברידער און שוועסטער, מיר וועלן זיך אַלע מעלדן ווי אַרעסטאַנטן צו די דייטשן. קיין קאָמיסאַרן, קאָמוניסטן און ייִדן זענען צווישן אונדז נישטאָ! מיר זענען אַלע אַרעסטאַנטן! מען האָט אונדז אַלעמען פון דער מינס־קער טורמע אַרויסגעפירט און דאָ איבערגעלאָזט. געדענקט, מיר זענען אַלע אין אַ סכנה! זאָל איינער דעם אַנדערן העלפן און גאָט וועט זיין מיט אונדז!...

מיכל האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס אַלע האָבן זיך געזאַמלט אַרום קריוואָטשאַפּקאָן, און ער האָט אומבאַמערקט אויסגעגראָבן אַ גרוב אונ־טער אַ בוים, אויסגעליידיקט אַלע זיינע קעשענעס, אַראָפּגעריסן דעם אָרדן פון זיין ברוסט און ער האָט אַלץ אין דעם גרוב אַריינגעלייגט, מיט ערד פאַרשאָטן און מיט די פיס צוגעטראָטן. ער האָט נאָך אַפילו באַוויזן אויס־צוקריצן מיט אַ מעסערל זיינע איניציאַלן „מ" און „ק" אויפן בוים.

די דייטשע טאַנקען מיט די האַקן־קרייצן זענען פאַרבייגעפאָרן דעם וואַלד אַקעגנאיבער אויף דעם אַספאַלטירטן שליאַך. איין טאַנק האָט זיך אויסגעטיילט און זיך פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג צום וואַלד מיט אַן אָנגעשטעלט מויל פון אַ קאַנאָן, וואָס וועט באַלד אָנהויבן צו שפּייען מיט פייער. אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד און געבליבן ליגן פאַר־ציטערטע. קריוואָטשאַפּקאָ און נאָך צוויי מענטשן, וואָס מען האָט אויסגע־טיילט פון די אַרעסטאַנטן זענען אַרויס פון וואַלד האַלטנדיק ווייסע טיכלעך אין זייערע הענט. דער טאַנק איז געבליבן שטיין. עס איז אַרויסגעקראָכן אַ דייטש אָנגעטאָן אין אַן אָפיצירישער אוניפאָרם. ער האָט באַטראַכט די דריי „פאַרשטייער" און אַ האַווקע געטאָן:

— ווער זיינט איר? וואָס ווילט איר?

קריוואָטשאַפּקאָ האָט געזאָגט:

— מיין הער, מיר זענען אַרעסטאַנטן וואָס האָבן געשקלאַפּט אין דער

מינסקער טורמע פון די פֿאַרשאָלטענע קאָמוניסטן. נעכטן האָט מען אונדז אַהער געבראַכט און אונדז דאָ איבערגעלאָזט. די קאַמיסאַרן און די וואַך זענען זיך צעלאָפן פֿאַר שרעק און מיר זענען דאָ אַליין. מיר באַגריסן אײַער קומען! איר זײַנט ווילקאָם! ביטע, באַשיצט אונדז!

דער דײַטש האָט צוגעלייגט זײַן האַנט צום שטאָלענעם העלם און אַ קלאַפּ געטאָן די אַפּצאַסן פֿון זײַנע שטיוול.

— יאַ וואָלי!...

דערנאָך איז ער צוגעקומען צום וואַלד און אַרײַנגעקוקט. די אַרעס־טאַנטן, אָפּגעריסענע, שמוציקע און פֿאַרמאַטערטע האָבן זיך אויפֿגעהויבן און פֿאַרשטעלט די ווײַבער און קינדער, און די מענער נישט־אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען געבליבן ליגן אויף דער ערד. דער דײַטש האָט אַ רעווע געטאָן:

— אין נאָמען פֿון דעם פֿיורער אַדאָלף היטלער זענען אַלע אַרעסטאַנטן פֿון די סאָוועטישע טורמעס פֿריי־געשפּראָכן! איר קענט גיין וווהין איר ווילט! הייל היטלער!

ער האָט זיך אויסגעקערעוועט, אַרײַן אין טאַנק און איז אַוועק דער־יאָגן זײַנע טרופּן.

ווען די דײַטשישע טאַנקען זענען פֿאַרשוווּנדן פֿון דעם האָריזאָנט האָט זיך אין וואַלד ווידער אָנגעהויבן אַ טומל. אייניקע האָבן געוואָלט גיין פֿאַ־רויס, אייניקע צוריק אין שטאָט און אייניקע האָבן באַשטימט צו בלײַבן אין וואַלד און צוװאַרטן ביז די לאַגע וועט אויסגעקלאָרט ווערן.

.64

פֿאַר מיכלען האָט שוין איצט קיין זין נישט געהאַט ווײַטער צו גיין. ער האָט באַשטימט גיין צוריק אין שטאָט. קריוואַטשאַפּקאַ האָט אויך קיין אַנדער אויסוועג נישט געזען. אויך אַנדערע מענטשן האָבן נאָכגעטאָן זייער בײַשפּיל און האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין שטאָט.

מינסק האָט נאָך אַלץ געברענט. גאַסן זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין חורבות. אייניקע גאַסן זענען געשטאַנען מיט טליענדיקע הײַזער. אין די אָרעמע גאַסן מיט די הילצערנע הײַזער זענען געבליבן בלויז האָלאָוועש־קעס און נאָר די רויטע ציגלנע קוימענס זענען געבליבן גאַנצע און האָבן אויסגעזען ווי מצבות אויף שוואַרצע קברים. אומעטום ווו דער דײַטש איז

געווען איז געבליבן אַ חורבן און טויט. עס האָבן זיך געוואַלגערט טויטע, געהרגעטע. די ברוקירטע גאַסן זענען געווען אויפגעריסן פון באָמבעס און דאָרט ווו די שטיינער און אַספאַלט זענען געבליבן גאַנץ איז פאַרגאָסן בלוט געווען און מען איז געגאַנגען און געטראָטן אין מענטשלעך בלוט. אָבער אייניקע גאַסן זענען דאָך געבליבן גאַנצע און נישט געשעדיקטע.

די פריִער רווישיקע, לענגסטע און שענסטע גאַס פון מינסק, וועלכע מען האָט גערופן די סאָוועטישע גאַס, איז איצט פוסטלעך געווען. דאָס שיי־נע רעגירונגס־הויז איז איצט געשטאַנען מיט אַ צעמזיקטן האַלבן פליגל און פון לענינס דענקמאָל איז דער קאָפּ און קערפּער צעשמעטערט געוואָרן און נאָר די פיס זענען געבליבן שטיין אויף דעם פּעדעסטאַל. עס האָבן זיך אַרומגעדרייט דייטשישע קאָנוואָיען מיט אויטאָמאַטן אין די הענט, און אויך דייטשישע אָפיצירן געאָר־עמט מיט רוסישע מיידלעך.

עס איז געווען צו שטוינען און ממש אומגלויבלעך צו זען ווי אַזוי רו־סישע מיידלעך, און קען זיין אַפילו קאָמוניסטקעס, האָבן אויפן צווייטן טאָג פון דער נאַצי־הערשאַפט פאַרראָטן זייער פאָטערלאַנד און זיך אונטערגע־וואָרפן אונטער זייערע באַצווינגער אויף אַזוי פיל, אַז מען האָט אומפאַר־שעמט און חוצפּהדיק ביז עקל מיט די דייטשן זיך געקושט און ליבע־אָר־גיעס פאַרפירט.

די רוסישע און ווייסרוסישע באַפעלקערונג, צוזאַמען מיט די אוקראַי־נער און פּאָליאַקן, וואָס זענען פאַרבליבן אין שטאָט און אַנטלויפן נישט גע־וואָלט, זענען אין אַ בונד מיט די פּויערים פון די דערפער און קאָלכאָזן אַרום דער שטאָט, אַרויסגעקומען מיט ברויט און זאַלץ צו באַגעגענען די דייטשישע טרופּן. מען האָט זיך געבוקט און געצלמט און זיך געפרייט: „דאַנקען גאָט, איצט וועלן מיר שוין באַפרייט ווערן פון סטאַלינס קאָל־כאָזן!״ און: „מיר וועלן שוין מער נישט זיין קיין שקלאַפן אין די קאָמוניס־טישע פאַבריקן!״.

קיין יידן איבער די גאַסן האָט מען נישט געזען, אָבער דאָס זידל־וואָרט „זשיד״ האָט מען איצט אויף טריט און שריט געהערט. עס האָט זיך באַקומען ווי אַ כישוף: נישט סטאַלינען האָט די באַפעלקערונג באַשולדיקט אין דעם אויסברוך פון דער מלחמה, נאָר סתם יידן!... דער כישוף איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס די פאַרגרעבטע רוסישע באַפעלקערונג האָט טאַקע אויף אַן אמת געגלויבט, אַז נישט סטאַלין און נישט היטלער האָבן די מלחמה פאַרפירט, נאָר די יידן. — פאַרוואָס?... — אָן אַ פאַרוואָס!...

מיכל און קריוואָטשאָפּקאָ האָבן אָפּגעזוכט אַ פּאַרלאָזטן צימער פון אַ האַלב־חרוב הויז און זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט.

קיינער האָט מיכלען דאָ אין שטאָט נישט געקענט.

מיט דער צייט איז זיין אָנצוג אויף אים זיך צעפאַלן. די שיך זענען צעריסן געוואָרן. ער האָט זיך אויפגעהערט צו ראַזירן און איז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט אַ בלאָנדער שיטערער באָרד. ער האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַן אמתן רוסישן וואַגאַבונד, אַזאַ וואָס מען רופט אין רוסיש מיט דעם קליינגעוודיקן נאָמען: בראָדיאַגאַ!

אויך קריוואָטשאָפּקאָ האָט אויפגעהערט אויסצוזען ווייבלעך־שיין. מיט זיין פאַרלאָזטער שוואַרצער באָרד און די גלאַנציקע אויגן האָט ער אויסגעזען ווי אַ גזלן.

מיכל האָט נאָך געהאַט ביי זיך אַביסל געלט אוןביידע פריינד האָבן שפּאָרזאַם געלעבט. די דייטשן האָבן ביים אָנהייב צוגעזאָגט צו פונאַנדערלאָזן די קאָלכאָזן און צוריקקערן די ערד און דאָס קאָלכאָזנע פאַרמעגן צו די פויערים. זיי האָבן אויך צוגעזאָגט אַרבעט פאַר די נויטבאַדערפטיקע. אָבער זיי האָבן זיך נישט געאיילט זייער צוזאָג צו פאַרווירקלעכן. דערווייל האָבן זיי צוריק געעפנט די קינאָ־טעאַטערס, אַ פּאָר קלויסטערס און אַ לאָקאַל וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „טאַנץ־קלוב" און וואָס אין דער אמתן איז דאָס געווען אַ באָרדעל. דאָס סאָוועטישע פּאַפּירן־געלט איז נאָך אָנגעגאַנגען צוגלייך מיטן נייעם געלט, די דייטשישע מאַרקן פון דריטן רייך. ווער עס האָט געהאַט געלט האָט געלעבט אַ גוטן טאָג און האָט אַפילו געקענט פריי, צוזאַמען מיט די דייטשן, פאַר זיך קויפן אַ שעה ליבע מיטן שענסטן מיידל וואָס דער „טאַנץ־קלוב" האָט פאַרמאָגט.

מיכל און קריוואָטשאָפּקאָ זענען מערסטנס געזעסן ביי זיך אין צימער און זיך גענודיעט, געוואַרט אויף אַ נס... זיי האָבן נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. מען האָט געהאָפט, אַז די רויטע אַרמיי וועט באַלד צוריקקומען, אָבער ווערדליק די דייטשישע ראַדיאָ־באַריכטן, און אויך דאָס וואָס דאָס נייע רוסישע צייטונגל פון די קאָלאַבאָראַטאָרן האָט געשריבן, האָט זיך באַקומען, אַז די דייטשן שטייען שוין הינטער מאָסקווע און לענינגראַד און אַז אַ העלפט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז שוין אונטער דער דייטשישער הערשאַפט. מיכל האָט נישט געוווסט צי ער זאָל גלייבן די דייטשישע „נאַכריכטן" און דאָס פאַרקויפטע און פאַררעטערישע רוסישע צייטונגל, צי נישט. זיין ביסל געלט האָט שוין געהאַלטן ביים צאַנקען און ער האָט

באַשטימט זיך צו באַשליסן אויף עפּעס דראַסטישעס. קריוואַטשאַפּקאַ איז געוועזן רויִקער און מער באַרעכנט. ער איז געווען אַ בחור. ער האָט נישט געדאַרפט טראַכטן וועגן אַ ווייב און אַ קינד, וואָס געפינען זיך איצט ערגעץ אין אַ דאָרף, און וועדליק די דייטשישע „נאַכריכטן" מוז שוין אויך דאָס דאָזיקע דאָרף איצט זיין אָקופּירט.

— מען דאַרף זוכן אַ וועג צו אַנטלויפן! — האָט מיכל געזאָגט.

— אַלע וועגן זענען מיט דייטשישע פּאַטרולן פאַרנומען. מען קען איצט נישט לויפן, מיר וועלן זיך צו ערגעץ נישט דערשלאָגן. די דייטשן וועלן אונדז אָננעמען פאַר שפּיאָנען און צעשיסן!

— מיין ווייב און קינד, איך ווייס נישט צי זיי זענען נאָך אַלץ אין דאָרף, צי צוריק אין מאָסקווע. וואָס איז מיט זיי איצט?...

— זאָגסט דאָך, אַז דיין ווייב איז אַן אוקראַיִנערן. דייטשן טשעפּען נישט קיין אוקראַיִנער און רוסן, סיידן מען איז פּאַרטיזאַנער און מען קעמפט קעגן זיי!

— מיין ווייב איז אַ קאָמוניסטקע, מיין קינד, פון אַ יידישן טאַטן...

— איך פאַרשטיי דיין צער, מיכאַיל, אָבער שטאַרק זיך. לאָמיר זיך אַרומקוקן, פיליכט וועלן מיר זיך עפּעס דערוויסן, פיליכט וועלן מיר אָנטרעפן אויף מענטשן, אַזעלכע ווי מיר... מען מוז אויסגעפינען דעם וועג, אַ פרייעם וועג, פיליכט דורך די פּאָליעסיער וועלדער.

— מען זאָגט דאָך, אַז פּאַרטיזאַנער זענען פאַראַן אין די וועלדער. מען קעמפט קעגן די דייטשן!

— ווער ווייסט צי דאָס איז אַן אמת? לאָמיר צוואַרטן נאָך אַ פּאָר טעג!

און אַזוי־אָ האָט זיך דאָס געצויגן ביז אין איינעם אַ טאָג, גייענדיק איבער די גאַסן, האָבן די צוויי אָפּגעריסענע „בראָדיאַגעס" דערזען אַ נייעם אויפרוף צעקלעפּט אויף די ווענט און טעלעפאָן־סלופּעס פון די גאַסן. דער אויפרוף איז געווען געדרוקט אין דריי שפּראַכן, אין רוסיש, אין יידיש און אין דייטש. עס איז געמאָלדן געוואָרן אַז אַלע יידן פון יעדן עלטער און געשלעכט מוזן אין צייט פון דריי טעג פאַרלאָזן זייערע וווינונגען און דאָס גאַנצע פאַרמעגן זייערס. זיי מוזן קומען זיך באַזעצן אין דער געשאָפענער געטאָ, אונטער דער שטאָט. מען וועט יעדע פּערזאָן פון יידישער אָנגעהעריקייט פאַרשרייבן אין אַ בוך און אַרויסגעבן אַ געלן „מגן דוד", אַזאַ געלע לאַטע מיט אַ נומער. אין דריי טעג אַרום, אויב מען וועט פּאַקן אַ יידן אויף דער גאַס אָן דעם געלן „מגן דוד" אויף דער ברוסט, און אויסער דער גע־

געטאָ, ווען מען דעם ייִדן באַלד שיסן אויפֿן אָרט. די רוסן, ווײַסרוסן, או־קראַיִנער און פּאָליאַקן וואָס לעבן אין שטאָט זענען געבעטן מיטצואַרבעטן מיט דער דײַטשישער געסטאַפּאָ. יעדער אײנער פֿון קריסטלעכער און אַרי־שער אָפּשטאַמונג, וואָס וועט וועלן אויסבאַהאַלטן אַ ייִד, וועט געשאָסן ווערן ווי אַ פֿײַנד פֿון דריטן רײַך.

מיכל האָט ביטער אַ קוק געטאָן אויף קריוואָשעפּקאָן. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. די אויגן זענען אים פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן.

— זיך דערוואָרט...

— נישט געזאָרגט, מײַן פֿרײַנד. עפּעס וועט מוזן אונטערקומען. גאָט וועט אונדז נישט פֿאַרלאָזן.

— אונדז?... צוליב וואָס דאַרפֿסטו לײַדן?... דו ביסט דאָך נישט קײן ייִד?

— אָבער דו, מיכאַיל, דו ביסט דאָך אַ מענטש צוגלײַך מיט מיר.

— אַ ייִד איז נישט קײן מענטש! היטלער האָט באַפֿוילן אונדז אויס־ראָטן!...

— מיכאַיל, איך בעט דיך, זײַ נישט געפֿאַלן. קײנער דאַרף נישט וויסן ווער דו ביסט... וועסט זען, מיר וועלן אַנטלויפֿן, מיר וועלן זיך אַרויסראַ־טעווען פֿון דאַנען.

— מיר?... און זײ אַלע, די טויזנטער ייִדן וואָס וועלן זײַן פֿאַרשפּאַרט אין געטאָ, וואָס וועט מיט זײ זײַן?... האָסטו דען נישט געהערט, אַז ביאַ־ליסטאָק אין ייִדן־רײַן געוואָרן, און אין אומאַן, אין לובלין און אין וואַרשע האָט מען שוין אין די טויזנטער ייִדן אויסגעשאָכטן!... וואָס־זשע בין איך בילכער פֿון זײ?!...

— ביסט משוגע, מיכאַיל! וואָס פֿאַר אַ רײד איז דאָס? קענסטו דען זײ מיט עפּעס העלפֿן? דו קענסט נישט! דערפֿאַר איז דײַן חוב זיך אַלײן העלפֿן, דו דאַרפֿסט לעבן!

אַ גאַנצע וואָך האָט זיך מיכל געמאַטערט צווזעענדיק ווי די פֿאַרבלי־בענע ייִדן, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפֿן, שלעפּן זיך מיט פּעקלעך אונטער די אָרעמס אויפֿן וועג פֿון שטאָט אַרויס, אין דער ריכטונג צו דער געטאָ. מען האָט געטראָגן פּיצלעך קינדער אויף די הענט, מען האָט גע־פֿירט אַלטע מענטשן און שוואַנגערע פֿרויען אויף מיסט־וועגעלעך צו דער געטאָ־צו. רוסן און אוקראַיִנער, ווײַסרוסן און פּאָליאַקן זענען געשטאַנען אין די גאַסן און זיך צוגעקוקט צו די אומגליקלעכע און נאָך פֿון זײ געשפּאָט.

געשאָטן זאַלץ אויף די ווונדן, געגאָסן נאַפט אין דעם טייוולשן פייער און געשריגן:

— אַך, זשידקעס, געקומען אַ סוף צו אייער קאָמיסאַרסקע געוועלטי־קונג!

— כאַ, כאַ, כאַ!... אַלע זשידעס וועלן שוין איצט טראָגן אָרדנס פון דער פאַרדינסטפולער געלער לאַטע!

— שלאָגט די זשידעס און ראַטעוועט רוסלאַנד!...

און עס האָבן זיך אויסגעטיילט אייניקע ווילדע בויאַנעס און האָבן אָנ־הויבן שלאָגן די אומגליקלעכע ייִדן. מיכל און קריוואָטשאַפּקאָ זענען גע־שטאַנען מיט פאַרקלעמטע הערצער און נישט געוואָגט אָפּצושטעלן די צע־ווילדעוועטע פאַרשוינען. מיכל איז ווי אַ וואַנזיניקער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און געקוקט פאַרביטערט ווי ייִדן גייען געהאָרכזאַם אין געטאָ אַריין. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט מער נישט געוואָלט געניסן פון דער פרייהייט וואָס יעדער נישט־ייִד האָט געהאַט אונטער דער היטלער־דייטשי־שער אָקופּאַציע־מאַכט. ער האָט זיך אויך געלאָזט גיין מיטן שטראָם פון די דערשלאָגענע און פאַרפאָלגטע ייִדן אין דער געטאָ אַריין. קריוואָטשאַפּקאָ האָט אַ מאַך געטאָן אויף אים מיט דער האַנט און אים פאַרלאָזט.

קריוואָטשאַפּקאָ איז געגאַנגען און זיך אַלעמאָל אומגעקוקט צו מיכ־לען, געהאָפט, אַז יענער וועט זיין מיינונג בייטן, זיך אָפּשטעלן. אָבער מיכל האָט פאַרגעזעצט דאָס גיין פאָרויס. ער האָט געשוועבט ווי אַ שאָטן, ווי אַ מענטש וועלכן מען האָט פאַרכישופט און ער פאָלגט אויס עמיצנס שפרוך און ווילן. קריוואָטשאַפּקאָ האָט געמאַכט נאָך עטלעכע טריט, זיך אומגעקערט און געבליבן שטיין. ער האָט נאָכגעקוקט ווי מיכל ווערט פאַרשוווּנדן. ער האָט געזען ווי מיכלס פיגור ווערט איינגעהויקערט, איינגעשרומפּן און גע־בויגן. עס איז שוין נישט געווען מער דער שטאָלצער מיכאַיל, נאָר עפּעס אַ פיגור פון אַן עלטערן, פאַרפאָלגטן ייִדן. קריוואָטשאַפּקאָ האָט דאָס מער צוקוקן נישט געקענט. ער האָט אָנגעהויבן לויפן, נאָכלויפן דעם שאָטן פון אַ מענטשן, ווי לאַנג ער זעט אים נאָך. ער איז געלאָפן און געשריגן:

— מיכאַיל, וואַרט, וואַרט, איך גיי מיט דיר!...

ער האָט אים דעריאָגט און אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט. מיכל האָט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף אים גלייך ווי ער וואָלט אים נישט דער־קענט. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— זײ געזונט, קריוואָטשאַפּקאָ. דו ביסט אַ גוטער מענטש. איך וועל דיך נישט פאַרגעסן ווי לאַנג איך וועל לעבן!

— איך גײ מיט דיר, מיכאַיל.

— צוליב וואָס? דו ביסט דאָך נישט קײן ייִד, דו דאַרפסט נישט לײדן!

— איך גײ צוליב סאָלידאַריטעט מיט דיר און צוליב פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער וועלט, ווײל מען האָט דערלאָזט, אַז היטלער זאָל טאָן מיט מענטשן דאָס וואָס ער טוט!

— ווידער אַן אוטאָפּיע, מײן פרײנד!

— און חוץ דעם, — האָט קריוואָטשאַפּקאָ געזאָגט, — איך בין אײנער אַלײן, איך האָב קײנעם נישט. וואָס וועל איך זיך אַרומדרײען?... איך וועל בעסער גײן מיט דיר!

מיכל האָט אים באַטראַכט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— נו, גוט. קום מיט מיר...

די געטאָ.

עטלעכע גאַסן אויסער דער שטאָט, אַקעגנאיבער דעם זומפּיקן וואַלד וואָס מען רופט „פּאָליעסיאַ”. אין די דירות פון דער געטאָ זענען אַרײנגע־קוועטשט מענטשן, ייִדן. עס איז ענג און שמוציק. מען זיצט אויפן הוילן פּאָל. עס זיצן ווײבער און קינדער, אַלטע מענער און יונגע בחורים. דאָ ווו מען זיצט, דאָ עסט מען און דאָ שלאָפט מען.

מיכל און קריוואָטשאַפּקאָ האָבן זיך אויך אַרײנגעקוועטשט אין אײנער פון די איבערגעפּולטע דירות פון דער געשאָפענער געטאָ. עס האָט גע־הערשט אַ דערשטיקעניש ממש נישט אויסצוהאַלטן. אין מיטן דער נאַכט זענען פיל מענטשן אַרויס אין דרויסן און זיך געלײגט אין גאַס אויף דער הוילער שטײנערדיקער ערד שלאָפן.

מיכל און קריוואָטשאַפּקאָ זענען אויך אַרויס פון שטוב. זײ האָבן אויס־געזוכט אַ פּיצעלע לאַנקע וועלכע איז געווען רײן פון שטײנער און באַוואַקסן מיט אַ נידעריקן ווילדגראָז. זײ האָבן זיך אַוועקגעלײגט. אויך דאָ, אין דעם ווילדגראָז איז געווען דושנע און הײס. עס איז געווען אַ בלוילעכע נאַכט. די לופט איז געווען דורכזיכטיק און טרוקן. די שטעכיקע דראָטן אַרום די גאַסן פון דער געטאָ האָבן געשײנט פון די פּראָזשעקטאָרן וואָס די דײטשישע וואַך האָט געוואָרפן מיט אַ גלי פון צעפלאַקערטע פאַסן. ווען די דײטשן האָבן זיך איבערצײגט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, האָבן זײ די פּראָזשעקטאָרן פאַר־לאָשן. אין געטאָ איז געוואָרן שטיל. שרעק לאָזט נישט שלאָפן. אָבער עס

טרעפט, אַז אויך שרעק ווערט פאַרמאַטערט און דאַן ווערט דער מענטש טעמפּ און הייבט אָן צו שלאָפן. די מענטשן פון געטאָ זענען טעמפּ געוואָרן. פון אָנהייב־אָן האָט מען נישט געקענט שלאָפן, און איצט שלאָפט מען, די גאַנצע געטאָ שלאָפט.

מיכל און קריוואָטשאַפּקאָ זענען נאָך ווי עס ווייזט אויס אינגאַנצן נישט אָפּגעטעמפּט געוואָרן. זיי האָבן אין די נעכט גערעדט און געפּלאַנעוועט. עפּעס האָט זיי די געטאָ פאַרט געגעבן... יעדן פרימאָרגן האָט מען געפירט אויף אַרבעט צו דער באַן, ביים צורעכטמאַכן די רעלסן, און אין וואַלד ביים זעגן האָלץ און עס פירן צו דער באַן. אַזוי אַרום האָט מען ביסלעכווייז אויס־געקוקט די וועגן, אויסגעשמעקט און זיך דערוווּסט די ריכטונג ווו די פּאַר־טיזאַנער געפינען זיך און ווו די רעגולערע רויטע אַרמיי האַלט דעם פראָנט.

מערער צו פאַרבלייבן אין געטאָ האָט שוין קיין זינען נישט געהאַט. פאַר יעדער נישט פּינקטלעכער אויספילונג פון אַ דייטשישן באַפעל האָט מען באַלד אויפן אָרט געשאָסן אָדער געהאַנגען.

אָט האָט מען אַ ייִדן געשאָסן, ווייל ער איז נישט אַזוי גיך צוגעלאָפן ווען אַן אָפיציר האָט אים אַ רוף געטאָן. און אַ קינד, אַ בלאָנד מיידעלע, האָט זיך מיט אַ ליאַלקע געשפּילט. די ליאַלקע איז געווען פון רויטן פּליוש געמאַכט און האָט אויסגעזען ווי אַ בערעלע. איז אַ דייטשישן אָפיציר באַפאַלן אַ חשק די ליאַלקע צוצונעמען פון קינד. ערגעץ אין בערלין האָט ער אַ ווייב מיט אַ קינד, וועט ער דאָס צוגענומענע בערעלע פון דעם ייִדישן מיי־דעלע אַוועקשיקן אַלס מתנה צו זיין דייטשיש ייִנגעלע. דאָס ייִדישע קינד איז אָבער געווען „ווילד". עס האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, אַז ווען אַ דייטש הייסט געבן, מוז מען אים פאָלגן. דאָס בלאָנדע ייִדישע מיידעלע האָט מיט אירע קלייניקע הענטעלעך געהאַלטן פעסט די ליאַלקע און זיך געאַמפּערט מיט דעם גרויסן, בלאָנדן דייטש. דער פיין־געבילדעטער אַריער האָט מיטן גאַנצן כוח אַ ריס געטאָן דאָס בערעלע פון דעם ייִדישן קינדס הענטעלעך. דאָס מיידעלע איז אומגעפאַלן און באַלד זיך צוריק אויפגעהויבן. דאָס קינד איז נאָכגעלאָפן דעם דייטש און מיט אַ וויינענדיק קול אים נאָכגעשריגן: — גנב, גנב, גיב מיר אָפּ דאָס בערעלע!...

דער דייטש האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווילד, ווי אַ צערייצטע חיה אַ קוק געטאָן אויף דעם וויינענדיקן קינד, און מיט אַ ריטשע: „דאָנער וועטער נאָך איין מאָל, פאַרפלוכטע יודען" — האָט ער אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און דערשאָסן דאָס קינד. דאָס מיידעלע איז געבליבן ליגן אין אַ קאַלוזשע

בלוט מיט אַן אָפן מײלעכל און מיט אַ פּאָר זיך װוּנדערנדיקע בלויע אײגע־לעך, װאָס האָבן געפּרעגט, אײדער זײ האָבן זיך צוגעמאַכט: „פאַרוואָס קומט דאָס מיר?‟. דער דײַטש האָט אַ שפּײ געטאָן, זיך אויסגעקערעוועט און קאַלט־בלוטיק אַװעקגעגאַנגען מיט דעם בערעלע אין דער האַנט.

אין דער װאָך־קוואַרטיר האָט דער דײַטש דאָס בערעלע אין אַ קעס־טעלע אַרײַנגעלײגט, עס אַרומגעוויקלט מיט שײן־שמעקעוודיקן און װײכן פּאַפּיר און דערבײַ אויך אַ בריװעלע צוגעשריבן, אַ בריוועלע פול מיט צאַר־טע װערטער צו זײַן װײַב: „מײַן ליבע גרעטכען, איך שיק פּאַר אונדזער האַנסעלע אַ פּרעזענט, דאָס קלײנע, שײנע רוסישע בערעלע. זאָל ער זיך מיט דעם שפּילן אין דער פרײַער צײַט. פאַרגעס נישט, מײַן טײַערע, צוצו־נעמען אַ לערערין פון פּיאַנאָ־מוזיק פאַר אונדזער האַנסעלע. די קריג װעט זיך גיך ענדיקן מיט אַ זיג איבער די קאָמוניסטן און ײִדן. װען איך װעל אַהײמקומען, װײַל איך אַז האַנסעלע זאָל שוין קענען שפּילן בעטהאָווענען. דו וױיסט דאָך, אַז בעטהאָווען איז מײַן ליבסטער קאָמפּאָזיטאָר. איך קוש דיך און אונדזער זון. הײל היטלער. דײַן איבערגעגעבענער מאַן, פּריץ האַרמשטאַט.‟

מען האָט דעם־אַ דײַטשישן אָפיציר אויפן צווייטן טאָג דערהרגעט. װער עס האָט אים דערהרגעט האָט זיך די געסטאַפּאָ נישט דערוווּסט. אָבער צען ײִדן האָט מען דערפאַר אויפגעהאַנגען אין געטאָ, אויף צען טעלעפאָן־סלופּעס. זײ זענען אַ גאַנצע װאָך געהאַנגען, זיך געשאָקלט פון דעם װינט און מיט אַרויסגעשטאַרטשעטע גלעזערנע אויגן און אַראָפּגעהאַנגענע, אויסגע־שטרעקטע צונגען האָבן זײ צו די געטאָ־ײִדן אַראָפּגעקוקט און געוואָרנט: פאָלגט דעם דײַטש!

און באַלד נאָך דעם, װאָס די דײַטשן האָבן די צען ײִדן געהאַנגען, האָט זיך פאַרשפּרײט אַ קלאַנג, אַז מען װעט אַלע אַלטע ײִדן און קלײנע קינדער אַרויסשיקן פון געטאָ און זײ פאַרשיקן ערגעץ אין אַ לאַגער. װאָס דאָס מײנט, האָבן שוין אַלע געוווּסט: גאַז־קאַמערן, טויט!

ליגנדיק אין דעם װילדגראָז, אין מיטן דער נאַכט, האָט מיכל צו קרי־וואָטשאַפּקאַן געזאָגט:

— אונדזער שרײַבער, מאַקסים גאָרקי, האָט געהאַט געזאָגט: „דאָס וואָרט מענטש קלינגט שטאָלץ‟. און איך מײן, אַז ער האָט נישט געהאַט רעכט. דאָס וואָרט „מענטש‟ קלינגט גאָרנישט אַזוי שטאָלץ, װען מען זעט װאָס אײן מענטש טוט צו אַ צווייטן. נישט די רעליגיע און נישט די ציווי־

ליזאַציע האָבן דעם מענטשן בעסער געמאַכט. ער ווערט גאָר וואָס אַ טאָג ערגער.

קריוואָטשאַפּקאַ האָט דאָך זיין גלויבן אין אַ צוקונפט פון גוטסקייט נישט געוואָלט אויפגעבן. ער האָט מיכלען געטרייסט:

— עס איז נאָך נישט עק וועלט, כאָטש היטלער האָט פּראָקלאַמירט, אַז זיין דריטער רייך וועט דויערן טויזנט יאָר. גלייב מיר, אַז מערער ווי אַ צוויי אָדער דריי יאָר וועט ער זיך נישט האַלטן. די ערד קען צו לאַנג אויף זיך קיין שלעכטס נישט פאַרטראָגן!

— נו, און אויב מען וועט שוין היטלערן פאַרניכטן, — האָט מיכל מיט ביטערניש צוגעשטימט, — וועט שוין דען די וועלט ווערן בעסער? ווייסטו דען נישט, אַז אויך פאַר היטלערן זענען געווען ברואים אין מענטשן־געשטאַלט וואָס האָבן געפּריידיקט, אַז מען דאַרף אַלע יידן אויסקוילען. און ויפל זענען געווען אַזעלכע גוטע און פרומע קריסטן וואָס האָבן זייער האַס צו יידן געפּריידיקט, ווייל די יידן האָבן כלומרשט זייער גאָט געקרייציקט?...

קריוואָטשאַפּקאַ האָט אויפגעציטערט. אַלע זיינע טומלדיקע אידייען, פאַנטאַזיעס און אוטאָפּיעס וועגן איין וועלט, איין שפּראַך און מענטשן־פאַרברידערונג האָט ער פאַרבונדן אויך מיט זיין טיפן קריסטלעכן גלויבן פון ליבע און גערעכטיקייט, און דערפאַר האָבן אים מיכלס ווערטער וויי־געטאָן. ער האָט געוווּסט דעם אמת וועגן די אולטראַ־קריסטלעכע פּרומאַקעס, וועלכע פאַרשוועכן און פאַרקריפּלען די שיינע קריסטלעכע רעליגיע מיט זייערע ווילדע אויסטראַכטענישן אויף יידן. ער האָט געזאָגט:

— איך שעם זיך פאַר אַזעלכע קריסטן. די נאַרישע פּרומאַקעס און ווילדע אינקוויזיטאָרס האָבן קיין כבוד דעם קריסטנטום נישט געבראַכט. איך מיין, אַז ווער עס לייגט אַרויף אויף יידן די שולד פון יעזוסעס קרייציקונג האַנדלט אידיאָטיש. דער גאַנצער זין פון יעזוסעס לעבן איז דאָך געווען דער טויט. יעזוסעס מיסיע איז זאָך באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געדאַרפט געהרגעט ווערן און מיט זיין בלוט אויסלייזן די זינד פון דער מענטשהייט. ווער עס זאָל אים נישט געוועזן הרגענען, די יידן, די רוימער, צי די ציגיינער, האָט דאָך אויסגעפילט דעם ווילן פון יעזוסן, געהרגעט צו ווערן, און מיט דעם אַליין שוין געלייגט דעם גרונד פאַר דעם אויפקום פון אַ קריסטלעכער רעליגיע. ווייל וואָלט געווען יעזוס געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אַזוי ווי יעדער פּראָסטער מענטש, וואָלט דאָך דאַן די קריסטלעכע רעליגיע קיין שום זין נישט געהאַט. ווען יעזוס וואָלט נישט גע־

וואָלט געקרייציקט ווערן, וואָלט דאָך דאָס נישט געשען, ווייל ער האָט דאָך געהאַט די מאַכט פון גאָט איבער די מענטשן. הייסט וואָס איז דאָס פאַר אַן אידיאָטישקייט צו באַשולדיקן יידן, רוימער, ציגיינער, אָדער טערקן, אַז זיי האָבן כלומרשט אַ גאָט מיטן נאָמען יעזוס דערהרגעט?... דאָס איז אידיאָטיש, פאַרברעכעריש און אַפילו שעדלעך פאַרן קריסטנטום. פאַרשטייען זיי דען נישט, די פרומאַקעס, אַז דער זין פון קריסטנטום איז אַז אַפילו ווען אַ מענטש באַגייט אַ זינד זאָל מען אים פאַרגעבן, און נאָך מער, מען זאָל טאָן אַזוי ווי יעזוס האָט אונדז געלערנט: אַז מען שלאָגט דיך אין איין באַק, זאָלסטו אונטערשטעלן די צווייטע באַק?

— היפּאָקריטסטוואָ! — האָט מיכל אויסגעשריגן, — ווייז מיר נאָר איין קריסט וואָס האָט כאָטש איין מאָל אין זיין לעבן דעם־אַ קריסטלעכן געבאָט אויסגעפּילט? זיי טוען דאָס פאַרקערטע, זיי פאַלן אָן אויף שוואַכע און עלנטע, זיי באַליידיקן, זיי שלאָגן, זיי הרגענען, זיי פאַרגיסן אומשולדיק בלוט, זיי דערשטיקן, זיי ברענען!... אָ, אַזוי איז דאָס אויף אַלע געביטן און אומעטום. אַזוי איז דאָס אין רעליגיע און אַזוי איז דאָס אין פּאָליטיק. מען פּריידיקט שיינע אידייען אין דעם בוך און מען פירט זיך אויף פאַרברעכעריש אין לעבן. מיט האַס אין האַרצן רעדט מען וועגן ליבע, און מיט אַ מעסער אין דער האַנט רעדט מען וועגן פרידן!... ליגנס, ליגנס, נאָר ליגנס!...

עס איז געוועזן שטיל.ביידע זענען געלעגן, געשוויגן און געקוקט אויפן הימל. עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט פאַלט דער הימל צו דער ערד און עס ווערט אויס וועלט... מען איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

פאַרטאָג, ווען די דייטשן האָבן די געטאָ־יידן געפירט אין וואַלד אַריין צו זעגן און האַקן האָלץ, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט האָבן אויף צו באַהייצן די לאָקאַמאָטיוון, וועלכע האָבן געשלעפּט הינטער זיך הונדערטער וואַגאָנען מיט טויזנטער דייטשישע סאָלדאַטן צו די פראָנטן, האָבן מיכל און קריוואָטשאַפּקאָ אויסגענוצט אַ גינסטיקן מאָמענט, ווען די דייטשישע וואַך האָט זיך פאַרקוקט, און זיי זענען נעלם געוואָרן. זיי זענען געלעגן באַהאַלטן דעם גאַנצן טאָג פאַררוקט אין אַ פלאָנטער פון קוסטעס, גראָז און נאָדל־ביימער. פאַרנאַכט, ווען מען האָט די יידן פון דער אַרבעט אין וואַלד צוריק אין געטאָ געפירט, און דער וואַלד איז געוואָרן ליידיק און שטיל, זענען מיכל און קריוואָטשאַפּקאָ פון זייער באַהעלטעניש אַרויס און זיך געלאָזט גיין...

מען איז אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען, אין דער ריכטונג צו מזרח, אַלץ טיפער און טיפער אין די זומפּיקע געגנטן פון דעם פּאָליעסיאַ־וואַלד, האָפנדיק,

אַז מען וועט זיך אַרויסדרייען פון די דייטשן און מען וועט זיך דערשלאָגן צו פרייהייט, כאָטש פרייהייט האָט געהייסן אַריינצופאַלן אין די הענט פון די רויטע פאַרטיזאַנער אָדער פון דער רעגולערער רויטער אַרמיי. נישט מיכל און נישט קריוואָטשאַפּקאַ האָבן אין זייערע נשמות געקענט געפינען געפילן פאַר אַ דיקטאַטאָרישן רעזשים. און אויב זיי האָבן ביי זיך געפּועלט צו אַנטלויפן פון איין פייער און זיכן אַ צווייטן, איז דאָס געווען נאָר דער־פאַר, ווייל אין דעם מאָמענט איז דאָס צווייטע פייער געווען אַ מילדערערס און עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס סאָוועטיש־קאָמוניסטישע פייער טראָגט דאָך אין זיך אַ קליין ביסעלע יושר און גערעכטיקייט.

פּלוצים איז מיכל געבליבן שטיין.

— וואָס איז? — האָט קריוואָטשאַפּקאַ אים געפרעגט.

— איך טראַכט! — האָט מיכל טרויעריק געענטפערט, — איך טראַכט, אַז ביים איבערציילן די צוריקגעבראַכטע ייִדן אין געטאָ, וועלן זיך די דייטשן כאַפּן, אַז צוויי זענען בעת דער אַרבעט אין וואַלד אַנטלאָפן. און דו ווייסט דאָך וואָס די דייטשן טוען אין אַזאַ פאַל. פאַר יעדן אַנטלאָפענעם ייִדן פון דער געטאָ, שיסן זיי צוויי אַנדערע, אומשולדיקע, ייִדן.

— איך ווייס, מיכאַיל, מיר האָבן פּליכט נישט געהאַט די מאָראַלישע רעכט דאָס צו טאָן. מיר ראַטעווען אונדזערע לעבנס און מיר טראַכטן נישט, אַז אנדערע וועלן איבער דעם ליידן.

— האָסט רעכט, קריוואָטשאַפּקאַ! — האָט מיכל מיט אַ פאַרשטיינערט קול געזאָגט, — עס איז דאָ אַ מאָראַלישע רעכט, אָבער... — ער האָט ווײַ־טער גאָרנישט געזאָגט.

מען האָט פאַרגעזעצט גיין אַלץ טיפער און טיפער אין וואַלד.

די נאַכט האָט זיך נאָך נישט געענדיקט און דער וועג איז געווען אַ ווייטער און אַן אומקלאָרער.

.65

אומגעריכט ווי די היישעריקן, האָבן זיך די דייטשישע מחנות ווי אַ מבול אַ לאָז געטאָן איבער אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, פאַרכאַפּט אַ העלפט פון גרויסרוסלאַנד, צוגעקומען צו מאָסקווע און לענינגראַד און דאָ געבליבן שטיין. פון די טויערן פון די צוויי הויפּטשטעט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די דייטשן מיליאָנען רוסן און האָבן פאַרפירט אַ בלוטיקן געשלעג. הינטער

לעניגראַד זענען די דײַטשן געבליבן שטעקן ווי אַ רייף אַרום אַ פּאַס. אינגאַנצן אַרומרינגלען מאָסקווע האָבן זיי נישט געקענט. גענעראַל איוואַנאָוו איז באַשטימט געוואָרן אַלס אײנער פון די הויפּטן פון די מאָסקווער פאַרטיידיקונגס־קרעפטן. דער קלוגער און בראַווער גענעראַל האָט אַ שפּאַר־געטאָן אויף די דײַטשן מיט אַזאַ קראַפט, אַז זיי האָבן אַ ציטער געטאָן און האָבן אָנגעהויבן לויפן אויף צוריק.

סטאַלין איז אַרויס פון זײַן אונטערערד־פעסטונג אין קרעמל און ווי אַ העלד זיך באַוויזן אויף דער אויבערפלאַך.

סטאַלינס פעסטונג פון אונטער דער ערד האָט געהאַט אַ טונעל מיט פאַרשיידענע געהיימע אַרויסגענג צום אַנטלויפן און מיט פאַרשיידענע מעכאַנישע אײנריכטונגען וואָס האָבן פאַר אים מעגלעך געמאַכט נאָכצושפּירן דעם גאַנג פון די געשעענישן אויבן, אויף דער ערד. ער האָט פּחדניש איבערגעוואַרט אַלע געפאַרן און דערנאָך זיך באַוויזן אין קרעמל און אויף די גאַסן פון מאָסקווע. ער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן מאַרשאַל און אין דעם־אָ הויכן מיליטערישן ראַנג זיך זעלבסט באַשטימט אַלס דער הויפּט פון אַלע סאָוועטישע מיליטערישע כוחות. דאָס פאָלק איז געשטאַנען אויף די גאַסן און באַגײַסטערט באַגריסט זײַער „פאָטער, פירער, העלד און רעטער”.

אין קרעמל איז סטאַלין געזעסן אַן אויפגעלייגטער, זיך געריבן זײַנע גרויסע אומגעלומפּערטע הענט פאַר פרייד און קנאה, זיך געגלעט זײַנע שוואַרצע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס, וועלכע זענען אין די לעצטע וואָכן היפּשלעך גרוי געוואָרן, און ער האָט גערעדט האַרטע כאָרכלדיקע ווערטער צו איוואַנאָוון:

— גענעראַל, נאָך איין זיג אַזאַ און איך גיב דיר דעם טיטל מאַרשאַל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דערווייל גיב איך דיר דעם צייכן פון דעם גאָלדענעם שטערן אַלס העלד. גיי, שלאָג און טרייב די דײַטשן ווײַטער!... — דערבײַ האָט סטאַלין געטראַכט, אַז אויב ער וועט טאַקע געבן איוואַנאָוון דעם טיטל מאַרשאַל, וועט ער זיך מוזן נעמען נאָך אַ העכערן טיטל: גענעראַליסימוס!... ווײַל, ער טאָר דאָך נישט אָנהאַלטן דעם זעלבן ראַנג פון יעדן אײנעם וואָס באַקומט פון אים באַפעלן. עס מוז פאַרבלייבן אַ דיסטאַנץ צווישן אים און אַנדערע זײַנע אונטערטעניקע, ווי קלוג, געבילדעט און וויכטיק זיי זאָלן נישט זײַן.

סטאַלין האָט זיך שטאַרק געערגערט בײַם רעדן. ער האָט זיך אָפּטמאָל

פּאַרהיקעט און זיין קאַווקאַזיש־גרוזינישער אַקצענט האָט געקאַליעטשעט די שיין־קלינגעוודיקע רוסישע ווערטער.

גענעראַל איוואַנאָוו איז געשטאַנען פאַר סטאַלינען אויסגעצויגן און געטראַכט: אָט אַ פּחדן, ווען ער איז צעטראָגן קרישלען זיך ביי אים די ווערטער. ער קען נאָך אַלץ קיין פיינעם רוסיש נישט רעדן, כאָטש דער גרויס־רוסישער שאָוויניזם שטעקט אין אים מער ווי אין אַן אמתן רוס.

דער גאַנצער קרעמל־אַפּאַראַט און פילע הויכע געסט וואָס זענען ביי־געווען ביי דער צערעמאָניע האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, ווען סטאַלין אַליין, מיט זיינע אומגעלומפּערטע גרויסע הענט, האָט אָנגעטשעפּעט דעם גאָלדענעם שטערן אויף איוואַנאָווס ברוסט.

נאָך דער צערעמאָניע האָט זיך איוואַנאָוו מיט באָריסן געטראָפן אין יועסטיבול. עס האָט געזאָלט פאָרקומען אַ קליינער באַנקעט לכבוד דעם זיג. צום מערסטנס זענען אין דעם וועסטיבול געשטאַנען מיליטעריש־געקליידעטע מענטשן און נאָר אַ קליינע צאָל ציווילע. מען האָט זיך אַרומגעדרייט, גערעדט צווישן זיך וועגן די געשעענישן אויף די פראָנטן און מען האָט געוואַרט ביז מען וועט צוריקרופן אין זאַל צו די געדעקטע טישן.

באָריס איז געווען אויסגעדאַרט. אין מיטן קאָפּ זענען אים די האָר געווען אויסגעקראָכן. זיינע אויגן האָבן געברענט און זיין קערפּער האָט זיך פון צייט צו צייט אַ טרייסל געטאָן ווי אין קאָנוווּלסיעס. אויף זיין ברוסט האָבן געציטערט און זיך געטרייסלט מיט אַ שטילן געקלאַנג דריי אָרדנס: אַ לענין־אָרדן, אַן אָרדן פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן און אַן אָרדן פון דעם רויטן שטערן. די אָרדנס האָבן אָפּגעשיינט אין זיין בלייך אויסגעצויגן פּנים און אונטערגעשטראָכן דעם גאַנצן טרויער זיינעם. ער איז צוגעקומען צו איוואַנאָוון.

גענעראַל איוואַנאָוו האָט אים אַרומגענומען און שטרענג געזאָגט:

— שטאַרק זיך, באָריס!

באָריס איז נאָך אַלץ געווען אונטער דעם שאָק פון דעם פּלוצלינגדיקן און אומגעריכטן טויט פון זיין זון. ער האָט זיך באַקלאָגט:

— געלאָזט אַ קינד איינעם אַליין אויף די גאַסן, נישט געהאַט אַפילו קיין איין מינוט צייט אַהיימצוקומען און זען וואָס ער טוט. אויף זיין לוויה אַפילו נישט געגאַנגען, ווייל איך האָב דאָך נישט געקענט אָפּטרעטן פון סטאַלינען אַפילו אויף איין רגע. זעסט, איוואַן, נאָך אַן אָרדן האָט מיר סטאַ־

לין געשאָנקען, ווען איך האָב אים דערציילט, אַז מײַן זון איז געפֿאַלן... דער־אָ רויטער שטערן איז פֿאַר מײַן געהרגעט קינד!

— יאָ, באָריס, — האָט גענעראַל איוואַנאָוו געענטפֿערט, — סטאַלין טיילט איצט אָרדנס און מעדאַלן אויף רעכטס און אויף לינקס, כאָטש וואָס קען מען טאָן, עס איז דאָך אַ קריג, און אין אַ קריג איז ווי אין אַ קריג... מענטשן ווערן געהרגעט! און מײַן זון? ערשט היינט איז ער אַוועק אויפֿן פֿראָנט. אַ לייטענאַנט. אַ צוציק איז ער דאָך נאָך, און שוין אַ לייטענאַנט! שוין אויפֿן פֿראָנט! אַנטשולדיק, באָריס. איך ווייס, אַז דאָס איז פֿאַר דיר נישט קיין טרייסט, אָבער וואָס קען מען טאָן, טאָוואַרישטש מײַנער?...

— ווען פֿאַליאַ זאָל כאָטש געווען דאָ זײַן, — האָט זיך באָריס ווידער געקלאָגט, — אַך, ווער האָט זיך דען געקענט ריכטן, אַז די מלחמה וועט זײַן אויף אונדזער ערד?... נו, און פֿון דאָרף קומט אַפֿילו קיין פּאָסטקאַרטל נישט אָן! דו, איוואַן, האָסט אויך גאָרנישט נישט באַקומען פֿון דאָרף?... אי־בערגעריסן די פֿאַרבינדונג. ווער ווייסט צי דאָס דאָרף איז נאָך אין אונ־דזערע הענט, צי ביי די דייטשן... וואָס וועט דאָרטן זײַן מיט פֿאַליאַן, מיט דײַן ווײַב, גענעראַל, און מיט קסעניאַן?... אַך, ווען פֿאַליאַ וועט זיך דער־וויסן, אַז אונדזער זון איז געהרגעט געוואָרן וועט זי דאָס נישט אויסהאַלטן... איך האָב איר ווייניק גוטס געגעבן. איר גאַנצער פֿאַרמעגן איז געווען אונ־דזער זון!

— גענוג, גענוג, באָריס, שטאַרק זיך, זיי אַ מאַן! — האָט אים דער גענעראַל געטרייסט.

— און וואָס איז מיט מיכאַילן? מען ווייסט נישט?...

— ניין, באָריס, מען ווייסט נישט! מיכאַיל האָט נישט געסטאַיעט, ער איז ווי אין וואַסער אַרײַן! און אפֿשר איז ער ביי די דייטשן אַ געפֿאַנגענער?...

עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג. מען האָט גערופֿן די געסט צום באַנקעט.

אויפֿן אַנדערן טאָג איז גענעראַל איוואַנאָוו אַרויסגעפֿאָרן פֿון מאָסקווע צום פֿראָנט.

אין אַלע צייטונגען האָט מען באַשריבן די העלדישקייטן פֿון סטאַלי־נען און מען האָט באַוווּנדערט זײַן קלוגע סטראַטעגיע. וועגן גענעראַל אי־וואַנאָוון זענען נאָר אַ פּאָר שורות געווען, אַז ער איז באַלוינט געוואָרן פֿון סטאַלינען מיט אַ גאָלדענעם שטערן און געקראָגן דעם נאָמען: העלד פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. מען האָט צוגעגעבן אין די פּאָר שורות, אַז גענעראַל אי־

וואַנאָוו האָט געהאָלפֿן מאַרשאַל סטאַלינען פֿאַרטיידיקן מאָסקווע און אָפּטרייבן די דייטשן. עס זענען געווען דערמאָנט אויך פֿיל אַנדערע מיליטערישע און ציווילע הויכע באַאַמטע וואָס זענען פֿאַר זייער איבערגעגעבנקייט און העלדישקייט באַלוינט געוואָרן מיט אָרדנס און מעדאַלן, צווישן די דערמאָנטע איז אויך באָריס גאַרבער געווען.

גענעראַל איוואַנאָוו האָט זיך נישט געיאָגט נאָך קיין כבוד. ער איז געווען אַ געטרייער זון פֿון דעם גרויסן רוסישן פֿאָלק, אַ פּאַטריאָט פֿון זיין לאַנד און ער האָט קיין שום אַכט נישט געלייגט אויף סטאַלינס באַרימערייען, אַז נאָר ער האָט אַלץ אויפֿגעטאָן און אַז נאָר אַדאַנק אים האָבן די דייטשן געליטן הינטער מאָסקווע זייער מפּלה.

איוואַנאָוו איז אַרויס אויפֿן פֿראָנט און גענומען מיט זיין אַרמיי וויטער טרייבן די היטלערישע דייטשן. פֿון מאָסקווע זענען די דייטשן אַוועק, הינטער לענינגראַד זענען זיי געבליבן שטיין און איבער אַ העלפֿט פֿון דעם גרויסן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָבן זיי זיך נאָך אַלץ צעשפּרייט און געהערשט. דער קאַמף האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבן.

דאָס רוסישע פֿאָלק, די אוקראַינער, די ווייסרוסן און אַלע איבעריקע פֿעלקערשאַפֿטן פֿון דעם גרויסן רוסלאַנד האָבן זיך אויפֿגעהויבן און זיך געשטעלט קעגן דעם דייטש. די זעלבע פּויערים וואָס זענען געקומען אַנטקעגן די היטלערישע אַרמייען מיט פֿרייד און מיט זאַלץ און ברויט, די זעלבע פּויערים האָבן איצט זיך קעגנגעשטעלט דעם דייטש. די זעלבע סאָלדאַטן פֿון דער רויטער אַרמיי וואָס האָבן ביים אָנהייב פֿון דעם דייטשישן אַריינמאַרש געוואָרפֿן די ביקסן און זיך נישט געוואָלט שלאָגן, די זעלבע סאָלדאַטן האָבן איצט ביזן לעצטן אָטעם קעגן דייטש געקעמפֿט.

וואָס איז געשען?

דער קלוגער טייוול האָט זיך באַנאַרישט!

היטלער האָט אַנטוישט. די האָפֿענונג צו באַפֿרייען זיך פֿון די קאָלכאָזן איז נישט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. די פֿאַשיסטישע דיקטאַטור איז נאָך שטאַרקער, שטרענגער, מערדערלעכער און אוממענטשלעכער פֿון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור. היטלערס געסטאַפּאָ איז מוראדיק ערגער פֿון סטאַלינס ג.פּ.או. היטלערס הערשאַפֿט איז ברוטאַלער פֿון סטאַלינס. די פֿרייהייט נאָך וועלכער די סאָוועטישע פֿעלקער האָבן אַזוי געבענקט איז זיי נישט געגעבן געוואָרן. עס האָבן זיך פֿאַרמערט די שקלאַפֿן־לאַגערן און די

בייטש פון די דייטשישע אָקופּאַנטן האָט אומרחמנותדיק געשלאָגן די נאָך מער פאַרשקלאַפטע ווי פריִער אַרבעטער און פּויערים.

ניין, נישט דאָס האָבן די פעלקער פון דעם גרויסן רוסלאַנד דערוואַרט ווען זיי האָבן זיך ביים אָנהייב פון קריג נישט געוואָלט קעגנשטעלן און פאַרטיידיקן זייער לאַנד. זיי האָבן נישט געוואָלט אויסבייטן דאָס שלעכטע אויף ערגערס. זיי האָבן געוואָלט אמתע פרייהייט, זאַטקייט און מענטשלעכ־קייט. און אויב דער דייטש קען דאָס זיי נישט געבן, וועלן זיי אים פון זייער לאַנד אַרויסטרייבן, זיי וועלן זיך שלאָגן מיטן דייטש אַזוי לאַנג ביז זיי וועלן אים פאַרניכטן.

גענעראַל איוואַנאָוו איז מיט זיין אַרמיי צו צו וואָראָניעזש און פאַר־פירט אַ גרויסע שלאַכט. די דייטשן האָבן זיך דאָ געזאַמלט אין די טויזנ־טער מיט שווערע טאַנקען, אַרטילעריע און אַוויאַציע. זיי זענען דאָ זייער פאַרביטערט געווען. זיי האָבן געשטורעמט די רויטע אַרמייער אָן אויפהער. ביים טייך דאָן האָבן די רויטע אַרמייער אויפגעריסן אַלע בריקן, אָבער די דייטשן האָבן מיט קליינע שיפעלעך זיך געלאָזט איבערן טייך. די רויט־אַרמייאישע אַרטילעריע האָט די שיפעלעך צעשאָסן און עס האָבן זיך באַ־וויזן אַנדערע. אויך גרעסערע שיפן מיט דאַמף און מיט זעגלען זענען אי־בערן דאָן געשווומען, און פאַנטאָנע בריקן האָט דער דייטש זייער שנעל צו־נויפגעשטעלט. די סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי האָבן די בריקן און שיפן פאַרניכטעט. די וואַסערן פון דעם דאָן־טייך זענען געווען רויט פון דייטשיש בלוט. קערפּערס פון דייטשישע סאָלדאַטן האָבן זיך געטראָגן מיטן פלוס פון טייך. אָבער היטלער האָט נישט געשאָנעוועט קיין מענטשן־פלייש. ער האָט אונטערגעוואָרפן נייע און נייע דיוויזיעס. די דייטשן זענען אַריבער דעם דאָן און זענען צוגעטראָטן צו וואָראָניעזש. פון וואָראָניעזש האָבן זיך די דייטשישע טרופן אַ שפאַר געטאָן צו סטאַלינגראַד צו הילף די קאַמעראַדן זייערע, וועלכע האָבן שוין פון פריִער נאָך זיך געשלאָגן אַרום דער שטאָט, וואָס האָט געטראָגן סטאַלינס נאָמען.

גענעראַל איוואַנאָוו האָט דערפילט, אַז דאָ איז דער סוף פון זיין אַר־מיי. ער איז אַריינגעלאָפן אין שטאַב, געכאַפּט דעם טעלעפאָן און זיך פאַר־בונדן מיטן קרעמל. ער האָט גערופן סטאַלינען, דעם קאָמאַנדיר פון אַלע מיליטערישע כוחות. עמיצער האָט געענטפערט: „סטאַלין איז פאַרנומען. ער קען נישט צוקומען צום טעלעפאָן".

איוואַנאָוו איז אין כעס געוואָרן און זיך צעשריגן:

— אין דער מאַמען אין דיינער!... גיי שוין און זאָג סטאַלינען, אַז איך מוז מיט אים רעדן. עס האַלט ביי אַ קאַטאַסטראָפע!...

אין אַ ווייך־געבעטער שטול, איבערגעצויגן מיט רויטן סאַמעט, איז סטאַלין געזעסן אין זיין פאַרבראַנירטן צימער אין קרעמל, געקוקט אויף אַ קאָלאָסאַל גרויסן גלאָבוס און געטיטשעט מיט אַ פינגער אויף דעם אָרט ווו די שטאָט וואָראָניעזש איז געווען און באַצייכנט דעם פונקט מיט אַן אָריינ־געשטעקט רויט פענדעלע. פון וואָראָניעזש האָט סטאַלין געצויגן זיין פינ־גער צו אַ בלוי געקרימט פּאַסיקל וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם טייך דאָן. דערנאָך האָט ער פאַרקערעוועט זיין פינגער צו דער אַמאָליקער שטאָט צאַריצין, וועלכע ער האָט געהייסן, אַז מען זאָל דעם נאָמען צאַריצין פאַרבייטן אויף דעם נאָמען סטאַלינגראַד. דאָ, אויף דעם פונקט איז סטאַ־לינס פינגער אַ פאַרציטערטער געבליבן שטיין. ער האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט און איז צום טייך וואָלגאַ, ביי וועלכן די שטאָט צאַריצין־סטאַלינ־גראַד געפינט זיך, צוגעקומען. ער האָט צעשפּרייט די פינגער פון זיין אומ־געלומפּערטער האַנט און ער האָט אָפּגעמאָסטן די שטרעקע פון וואָראָניעזש ביז סטאַלינגראַד און איז פּלוצים אַ דערשראָקענער פון זיין אָרט אויפגע־שפּרונגען און זיך צעגוואַלדעוועט:

— ניין, סטאַלינגראַד וועל איך נישט אָפּגעבן! אַ שטאָט וואָס טראָגט מיין נאָמען טאָר נישט פאַלן! פאַלט סטאַלינגראַד, דאַן איז גאַנץ רוסלאַנד פאַרלוירן!

אין אַ זייט איז געשטאַנען באָריס אַ בלאַסער און געקוקט מיט פאַר־ליבטע און ווילדע, טרויעריקע בליקן צו סטאַלינען. ער איז געשטאַנען ווי אַ שאָטן און געשוויגן. פּלוצים האָט סטאַלין זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אים און אַ געשריי געטאָן:

— באָריס, וואָס זאָגסטו?!

באָריס איז געווען צו סטאַלינען ווי אַ ליבער הונט, וועלכן מען קען אי גלעטן, אי שלאָגן. אַ גוטער הונט באַליידיקט זיך נישט אויף זיין באַלע־באָס. אַ גוטער הונט שטעקט אַרויס די צונג און לעקט דעם באַלעבאָס די האַנט אַפילו ווען די האַנט שלאָגט אים. סטאַלין האָט געשעצט באָריסן פאַר זיין שטילער הינטישער געטריישאַפט. ער האָט געוווסט, אַז אויף באָריסן קען מען זיך פאַרלאָזן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין זיין צייט האָט ער זיך פונקט אַזוי אויפגעפירט אין דער אָנוועזנהייט פון לענינען ווי באָריס

פירט זיך אויף אין זיין אַנוועזנהייט. ער האָט אין באַריסן געזען אַ טייל פון זיך זעלבסט און דאָס איז אים געפעלן. ער האָט ווידעראַמאָל געפרעגט:

— וואָס זאָגסטו, באַריס?!

באַריס האָט שולדיק אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— איר האָט רעכט, טאָוואַרישטש סטאַלין. אַ שטאָט וואָס טראָגט אייער נאָמען טאָר נישט פאַלן!

סטאַלין האָט אַ בייזן קוק געטאָן אויף אים און איז אַוועק שרייענדיק:

— אידיאָט, וואָס זאָגסטו איבער מיינע ווערטער? איך פרעג דאָך ביי דיר אַ מיינונג!

באַריס האָט זיך נישט באַליידיקט. ער האָט געוווסט, אַז סטאַלין וויל, אַז מען זאָל זיין איינשטימיק מיט אַלץ וואָס ער ווינטשט. זייער אָפט איז סטאַלין אין כעס געווען פאַרוואָס מען חזרט איבער מאַלפּיש זיין ווילן, זיין פאַרלאַנג און זיינע רייד. ער באַליידיקט אַפילו זייער גראָב דערפאַר. אָבער זאָל נאָר עמיצער וואַגן זיך קעגנצושטעלן זיין ווילן און זיינע קאַפּריזן?...

— טאָוואַרישטש סטאַלין, — האָט באַריס זיך אָפּגערופן, — מען האָט מיר ערשט־אָ איבערגעגעבן, אַז גענעראַל איוואַנאָוו איז ביים טעלעפאָן. ער וויל מיט אייך פּערזענלעך רעדן.

— איך האָב איצט קיין צייט נישט. גיי און ענטפער, אַז איך בין פאַר־נומען.

— עס איז דרינגענד, עס האַלט ביי אַ קאַטאַסטראָפע, זאָגט ער, דער פראָנט... די דייטשן שפּאַרן, ער וויל הילף, שיקט אַרויס טאַנקען, אַרטילע־ריע און אַוויאַציע. אויך סאָלדאַטן פעלן, כאָטש אַ צוויי־דריי דיוויזיעס!

— ווו איז ער ווו, אין וואָראָניעזש? — האָט סטאַלין אַ קריץ געטאָן מיט די ציין, — זאָג אים, אַז ער זאָל זיך האַלטן! קיין שום הילף קען איך אים נישט שיקן. אַלע כוחות מוזן גיין אויף צו פאַרטיידיקן סטאַלינגראַד. זאָל ער מאָביליזירן אויפן אָרט פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך די גאַנצע באַפעלקערונג. זאָל ער זיך שלאָגן ביזן לעצטן רויטאַרמייער און נישט אָפּטרעטן. איך וועל אים דעם קאָפּ אַראָפּנעמען אויב ער וועט מיין באַפעל נישט אויספאָלגן.

באַריס איז אַרויס פון סטאַלינס צימער און איז צו צום טעלעפאָן ביי וועלכן עס איז אַ פעטלעכער אינטעליגענטער מענטש געשטאַנען אין אַן אוניפאָרם פון אַ פאָלקאָווניק. באַריס האָט פון אים איבערגענומען דאָס טע־

לעפאָן־טרייבל און אַריינגעשריגן: „גענעראַל איוואַנאָוו, דאָס בין איך, באַריס, באַריס גאַרבער!“

— באַריס? — האָט זיך אין טעלעפאָן דערהערט איוואַנאָווס אויפגערעגטע שטימע, — וואָס מאַכסטו, באַריס?!

— גוט, זייער גוט, גענעראַל! און וואָס הערט זיך ביי דיר?

— נישט גוט, זייער נישט גוט!...

— יאָ, פּאָלקאָווניק מאַטפייעוו האָט מיר געזאָגט, אַז דו ווילסט מיט סטאַלינען רעדן פּערזענלעך. סטאַלין איז אָבער איצט זייער פאַרנומען. אַנטשולדיק! איך בין באַפולמעכטיקט פון סטאַלינען דיר איבערצוגעבן זיין באַפעל: האַלט זיך! קיין הילף קען ער דיר נישט שיקן! אַלע כוחות ווערן געשיקט אויף צו פאַרטיידיקן סטאַלינגראַד!

אין שטאַב פון דעם וואָראָניעזשער פראָנט, פון וואַנען איוואַנאָוו האָט זיך פאַרבונדן מיטן קרעמל, האָט געהערשט אַ צערודערונג. מען האָט געוווּסט, אַז גענעראַל איוואַנאָוו איז ביי זיך אין דעם פּריוואַטן בלינדאַזש און ער רעדט איצט מיטן קרעמל. מען האָט געוואַרט אויף הילף. גענעראַל איוואַנאָוו איז אַרויסגעלאָפן פון זיין בלינדאַזש צום אונטערערדישן זאַל וווּ אַלע שטאַב־אָפיצירן זענען געווען פאַרזאַמלט. ער איז געווען צעטראָגן. דער שראַם אויף זיין שטערן איז רויט געוואָרן. זיינע אויגן האָבן געברענט. זיין גאַנצער אויסזען האָט אין זיך געהאַט די ביטערקייט פון אַ צערייצטער חיה. ער האָט געשריי געטאָן:

— מיר וועלן אָפּטרעטן!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ קיילעכדיקן טיש. אַרום אים האָבן זיך אויסגעזעצט אַנדערע גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס, קאָמאַנדירן פון בריגאַדעס און דיוויזיעס. די מאַיאָרן, קאַפּיטאַנען און אַדיוטאַנטן פון די גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס זענען געשטאַנען אַרום דעם טיש. דאָ איז אויך געווען גענעראַל איוואַנאָווס זון, פּיאָטער, וועלכער האָט שוין באַקומען דעם ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן און ער האָט אָנגעפירט מיט דער אויסשפּירונג פון דעם שטאַב.

דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופן אַ גענעראַל, אָנגעטאָן אין אַ שווערן שטאָלענעם העלם. זיין פּנים איז געווען שוואַרץ און פאַרוואַקסן מיט אַ גרויליקער שטעכיגע פון נישט ראַזירן זיך אַ לאַנגע צייט. די קליידער זענען געווען שמוציק און פאַרשוויצט. דער שטויב איז געווען נישט נאָר אויף זיין אָנטאָן נאָר אַפילו אויף זיין פּנים, אין זיינע אויגן און אין זיין מויל. ער

האָט אַלע מאָל זשעדנע געטרונקען. עס איז קענטלעך געווען, אַז ער איז ערשט געקומען פון דער ערשטער ליניע, פון דעם סאַמע פייער. ער האָט גערעדט גיך און מיט אימפעט:

— זייער שלעכט! מיין דיוויזיע איז איינגאַנצן צעקלאַפּט. דער מאַיאָר כּאַכלאָוו איז דערהרגעט, אַ גוטער קאָמאַנדיר געווען, נישטאָ אים מיט וועמען צו פאַרבייטן. דער פּאָליטישער קאָמיסאַר איז אין געפענגעניש. איך אַליין האָב זיך קוים מיטן לעבן אַרויסגעראַטעוועט. וואָס זאָגט סטאַלין?...

— סטאַלין האָט מיט מיר נישט געוואָלט רעדן. ער האָט איבערגעגעבן דורך זיינס אַן אָנגעטרויטן מענטשן, אַז ער איז אין כּעס! ער הייסט זיך האַלטן!... דער באַפעל איז אָבער נישט קיין דאָקומענטירטער און איך האָב אים פערזענלעך פון סטאַלינס מויל נישט געהערט אַרויסרעדן. אַזאַ באַפעל קען איך נישט אויספאָלגן. נישטאָ זיך מיט וואָס צו האַלטן. מען קען ווייטער נישט!...

אַ צווייטער גענעראַל, אַ קאָמאַנדיר פון אַ טאַנקען־דיוויזיע, אַן אויסגערוטער און אַ ריין־ראַזירטער מיט פּיצינקע וואָנסעלעך אונטער אַ לאַנגער נאָז, האָט געזאָגט:

— פינף טאַנקען געבליבן אין דער גאַנצער דיוויזיע. וואָס קען איך טאָן מיט פינף טאַנקען? דערצו נאָך זענען זיי מיט קליין־קאַליבערדיקע קאַנאָנען, און סנאַריאַדן האָט מען מיר צוגעשיקט פאַר גרויס־קאַליבערדיקע קאַנאָנען! שטייען זיי, די פינף טאַנקען, ווי די פּגרים און רירן זיך נישט, נישטאָ מיט וואָס צו שיסן!

אַ פּאָלקאָווניק מיט אַ גרויער באָרד און אַ פּאָר ברילן אויף דער נאָז האָט אַראָפּגענומען זיין קאַרטוז, זיך אַ וויש געטאָן דעם פאַרשוויצטן גרויען קאָפּ און פעסט דערקלערט:

באַפעל איז באַפעל. מען טאָר נישט אָפּטרעטן. מען דאַרף זיך שלאָגן ביזן לעצטן מענטשן!

איוואַנאָווס זון, דער יונגער קאַפּיטאַן, האָט אונטערגעשטיצט דעם פּאָלקאָווניק. ער האָט זיך פאַרגעסן, אַז דער פאָטער איז אים דאָ נישט קיין „פּאַפּאַ" נאָר אַ גענעראַל, און ער האָט אויסגעשריגן: — פּאַפּאַ!... — ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און געזאָגט פאַרשעמט: — טאָוואַרישטש גענעראַל, צוליב וואָס אָפּטרעטן? מיר האָבן נאָך גענוג מענטשן, מיר קענען זיך נאָך האַלטן!

— ביז ווען, קאַפּיטאַן, קענען מיר זיך האַלטן? — האָט איוואַנאָוו אויף־

זיין זון מיט שטאָלץ אַ קוק געטאָן שטעלנדיק אים די פראַגע, און נישט וואַרטנדיק, אַז ער זאָל ענטפערן פאַרגעזעצט, — שטאַרבן איז נישט קיין קונסט. לעבן־בלייבן דאָס איז די קונסט פון אַן אמתן העלד. מיר וועלן אָפּ־טרעטן, מיר וועלן אַריינלאָזן די דייטשן אין וואָראָניעזש און דערנאָך וועלן מיר זיי הינטנאָרום אַ קלאַפּ טאָן. — און ער האָט פּאַטערלעך צוגעגעבן, — דו, פעטיאַ, פאָר שוין אַרויס מיט אַ גרופּע רויטאַרמייער אין די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער און אָרגאַניזיר די מאַסן. זאָל מען אַרויס מיט העק, מיט גראַבליעס, לאָפּעטעס און שטעקנס. זאָל מען באַפאַלן די דייטשן וואָס וועלן זיך באַווייזן אויף די גאַסן און זיי שלאָגן, שלאָגן ביז צום טויט. אַלטע פויערים און ווייבער, אַלע דאַרפן אַרויסגיין פאַרטיידיקן זייער לאַנד פון די דייטשישע מערדער! — און דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו אַלע פאַר־זאַמלטע אָפיצירן, — די באַראַטונג איז געענדיקט. אָרגאַניזירט אַ פּולקאַמע אָפּטרעטונג. זאָלן די דייטשן זען ווי מיר אַנטלויפן פון זיי...

די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט וואָראָניעזש אָן שום ווידערשטאַנד. זיי האָבן זיך רעכט נישט באַפעסטיקט און שוין איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון דעם „פיורער" זיך לאָזן מיט אַ מאַרש אויף סטאַלינגראַד, קומען צו הילף די טרופּן וואָס שלאָגן זיך דאָרט און מיט שטורעם נעמען די שטאָט.

דער „פיורער" אַדאָלף היטלער, מיט זיינע געבאַרגטע טשאַרלי טשאַפּ־לינישע וואָנצעלעך אונטער דער לענגלעכער, און גאַרנישט דייטשישער נאָז, און מיט זיינע קעציישע אויגן וואָס זאָגן עדות, אַז עס שטראָמט אין אים נישט קיין ריין דייטשיש בלוט, ער האָט געקוקט אויף דער מאַפּע פון דעם גרויסן רוסישן לאַנד און ער האָט גאָרנישט נישט געזען אויסער איין פּונקט: סטאַלינגראַד! ווי נאָר ער האָט באַקומען די נאַכריכט, אַז זיינע אַרמייען זענען אַריבער דעם דאָן און געפינען זיך שוין אין דער שטאָט וואָראָניעזש, אַזוי האָט ער טעלעגראַפיש באַפוילן, אַז מען זאָל שוין זיך לאָזן צו דער וואָלגאַ און מען זאָל צוזאַמען מיט די טרופּן וואָס שטייען ביי די טויערן פון סטאַלינגראַד שוין און טאַקע באַלד מיט שטורעם איינגעמען די שטאָט.

די מאַפּע איז געהאַנגען אויף דער וואַנט פון זיין ליכטיק־געררוימען קאַבינעט מיט די פילע גרויסע פענצטער וועלכע האָבן אַריבערגעקוקט צו די אַלפּן־בערג. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט פון דער מאַפּע צו אַ פענצ־טער און אַריבערגעקוקט צו די בערג. ער האָט זיך איבערגעטראָגן אין זיין פאַנטאַזיע צו דער שטאָט סטאַלינגראַד, אַ שטאָט וואָס טראָגט דעם נאָמען

פון אַ פֿאַרהאַסטן מענטשן, זײַנס אַ קאָנקורענט, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן אין גרויסקייט און אין געניאַליטעט מיט אים, דעם פֿיורער פֿון דריטן רײַך, וועמעס מיסיע איז צו באַפֿרײַען די וועלט פֿון ייִדן, ציגײַנער און אַנדערע אומווערדיקייטן אין געשטאַלט פֿון אַ מענטש, און דערבײַ אויפֿשטעלן די גלאָריע און הערשאַפֿט פֿון די דײַטשן איבער אַלע פֿעלקער, נאַציאָנען און ראַסן: דײַטשלאַנד איבער אַלעס!... נו, און דער גרוזינישער כאַם, דזשוגאַש־ווילי, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן סטאַלין, ווײַל דאָס אויסכאַפּן פֿון אים די אידייע פֿון באַהערשן די וועלט?... אָ, ניין! נישט קאָמוניזם וועט הערשן איבער דער גאָרער וועלט, נאָר דער דײַטשישער נאַציזם וועט הערשן אי־בער דער גאָרער וועלט! אַזוי ווי איך דאָס, איך, אַדאָלף היטלער, הייל היטלער!... ער האָט זיך פּלוצים צעלאַכט און צופֿרידן, מיט אַ נערוועזן זשעסט, ווי עפּעס אַ קליינשטעטלדיקער ייִדישער הענדלער, זיך אַ רייב גע־טאָן די הענט און אַ געשריי געטאָן: — קאַפּוט סטאַלינגראַד!...

עס זענען בײַגעווען דער פּעט־בײַכיקער גערינג און דאָס קליינע פֿאַר־זעענישל געבעלס. זיי האָבן זיך בײדע אויסגעצויגן ווי מאַלפּעס מיט די אויסגעשטרעקטע לאַפּעס פֿאָרויס און אין אַ פֿאַרכליִנעטן עקסטאַז אויסגע־שריגן: — הייל היטלער!...

סטאַלין האָט זײַן צאָרן אויסגעגאָסן צו יעדן איינעם וואָס איז לעבן אים געווען און דערנאָך האָט ער טעלעפֿאָניש אַרויסגערופֿן צו זיך איוואַ־נאָוון. קיין פֿאַרבינדונג מיטן פֿראָנט איז אָבער נישט געווען. ער האָט גע־שריגן, אַז ער וועט איוואַנאָוון אַליין מיט זײַנע אייגענע הענט שיסן, דער־פֿאַר וואָס ער האָט אָן זײַן וויסן אָפּגעגעבן די שטאָט וואָראָניעזש צו די דײַטשן. און דערווײַל, דערווײַל האָט סטאַלין צוגעשיקט די בעסטע און שטאַרקסטע קרעפֿטן צום סטאַלינגראַדער פֿראָנט און באַפֿוילן, אַז קיינער טאָר קיין מאָל נישט די שטאָט פֿאַרלאָזן און אַפֿילו אויף קיין איין שפּאַן נישט אָפּטרעטן. אין דער פֿאַרדרייעניש מיטן פֿאַרטיידיקן סטאַלינגראַד האָט סטאַלין גאָר אינגאַנצן פֿאַרגעסן אין וואָראָניעזש, ווי אַ דורכפֿאַל, ווײַל עס איז גיך אָנגעקומען פֿון פֿראָנט אַ באַריכט, אַז גענעראַל איוואַנאָווס אַרמײ האָט אַרומגערינגלט וואָראָניעזש, אַרײַנגענומען די דײַטשן אין אַ קלעם, זיי אויסגעהונגערט, אויסגעמאַטערט און זיי געלאָזט אָן אַ צופֿלוס פֿון אַמו־ניציע און דערנאָך זיי גענומען אויסקוילען און פֿאַרניכטן. עס איז געווען אַ גלענצנדיקע סטראַטעגיע. איצט איז שוין די רויטע אַרמײ צוריק אין וואָ־ראָניעזש און די דײַטשן זענען דאָרט אַלע אויסגעהרגעט.

סטאַלין איז צופרידן געווען מיט דעם זיג. ער האָט איוואַנאָוון אַלץ מוחל געווען. ער האָט אים אַפילו געגעבן דעם צוגעזאָגטן טיטל: מאַרשאַל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער אים שיקן צו פאַרטיידיקן סטאַלינגראַד האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט איוואַנאָוון מיט זיינע אַרמייען אַריבערגעוואָרפן אויף אַן אַנדערן פראָנט.

.66

מאַרשאַל איוואַנאָוו האָט געקראָגן די נויטיקע צוגאָבן וואָס האָבן אים געפעלט, פרישע דיוויזיעס אינפאַנטעריע, נייע טאַנקען־דיוויזיעס, אַרטי־לעריע און אַפילו אַ גענוגנדיקע צאָל עראָפּלאַנען. דער וועג פון דעם נייעם פראָנט איז געלעגן אין דער ריכטונג פון דעם גרויסן באַרימטן דאָרף קראַס־נע־באָר. דאָ, אין דעם דאָרף האָט זיך געפונען יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, קאַטיאַ, זיין ווייב. געוויס איז זי נאָך דאָ, אין דעם דאָרף, סיידן?... איוואַנאָוו האָט פון זיך געטריבן יעדן שלעכטן געדאַנק. ער האָט געוווסט, אַז אויב עס זאָל מיט זיין ווייב עפּעס שלעכטס געשען, וועלן פאָליאַ און קסעניאַ מיט איר קינד דאָס שלעכטיקייט פון די דייטשן אויך נישט אויסמיידן.

און ווו איז איצט מיכאַיל? — האָט מאַרשאַל איוואַנאָוו פּלוצים אַ טראַכט געטאָן, — אַ שאָד דער בחור!... ער איז גאָר אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען!...

עס האָבן זיך געצויגן אויף צענדליקער מיילן דאָס בראַווע מיליטער פון דעם באַרימטן מאַרשאַל איוואַנאָוו. די דייטשן האָבן פון איוואַנאָוון גע־כאַפּט קלעפּ הינטער מאָסקווע און צעשלאָגן געוואָרן אין וואָראָניעזש, און איצט האָבן זיי אין שרעק געציטערט פאַר זיין נאָמען. זיי האָבן שוין גע־הערט, אַז גענעראַל איוואַנאָוו האָט באַקומען אַ העכערן ראַנג און ער רופט זיך שוין מאַרשאַל איוואַנאָוו. זיי האָבן געוווסט אַז ווו נאָר דער מאַרשאַל באַווייזט זיך מיט זיינע רויטאַרמייער אַזוי ווערט פאַרפירט אַזאַ שלאַכט, אַז קיין שום דייטש קען דעם רוסישן דרוק נישט אויסהאַלטן. דערפאַר האָבן די דייטשן מאַנעווורירט און זיך אויסגעהיט זיך צו באַגעגענען מיט איוואַ־נאָווס אַרמיי און אַריינטרעטן אין אַן אָפענעם שלאַכט. מאַרשאַל איוואַנאָוו איז פון דער־אָ נייער דייטשישער טאַקטיק נישט געווען צופרידן. ער האָט איינגעזען, אַז אַזוי־אַרום ווערט די קריג פאַרצויגן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער האַרבסט מיט די שווערע רעגנס און מיט

די טיפע בלאָטעס. די וועגן זענען געווען צעווייקטע, צעפּאָרענע און צע־קרימטע. אין רוסלאַנד זענען קיין מאָל נישט געווען קיין גוטע וועגן. דאָס פאַרויסרוקן זיך צום פראָנט און זוכן די דייטשישע אַרמייען כדי צו פאַר־פירן מיט זיי אַ שלאַכט איז געוואָרן שווערער. די פּאָלקן און דיוויזיעס פון איוואַנאָווס אַרמיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין עטלעכע דערפער און געב־ליבן שטעקן איבערוואַרטנדיק ביז די רעגנס וועלן אויפהערן, עס וועט זיך צוטריקענען און מען וועט קענען גיין ווייטער.

איוואַנאָוו מיט זיין זון האָבן זיך באַזעצט אין דעם איינציקן צווײ־שטאָ־קיקן הויז וואָס האָט זיך אין עפּעס אַ קליין פאַרוואָרפן דערפל געפונען. דאָס דערפל איז געלעגן אין אַ טיפן טאָל, ביי אַ רוישיק טייכל, און אַלע הייזקעס זענען דאָ געווען הילצערנע און נידעריקע און האָבן זיך געבאָדן אין אַ פאַרביקייט פון טויזנטער פאַרשיידנאַרטיקעביימער, קוויטן און גראָזן.

דאָס־אַ איינציקע צווײ־שטאָקיקע הויז אין דעם־אַ פאַרוואָרפענעם דערפל האָט אַמאָל באַלאַנגט צו איינעם אַ רוסישן גראַף אַקימאָוו, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט דעם וואָס ער האָט געגאָלטן ווי אַן אַגראָ־נאָם און ער האָט זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע עקספּערימענטן. ער איז געשטאָרבן אין די ערשטע יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט־פאַרכאַפּונג און ער האָט איבערגעלאָזט צוויי טעכטער, די פופצן־יאָריקע נאַטאַשאַ און די עלף־יאָריקע סאָניאַ. די ביידע מיידלעך האָבן פון זייער פאָטער געירשנט די ליבע צום דאָרף, צום גאָרטן און צום פעלד.

די סאָוועטן־רעגירונג האָט דאָס הויז ביי די מיידלעך נישט צוגענומען. זענען ביידע קינדער שוין פאַרבליבן אין דעם הויז און זענען מיט דער צייט געוואָרן פּראָסטע פּויערטעס, קאָלכאָזניצעס. אָבער זיי האָבן פאָרט גע־לעבט אין זייער אייגענעם פּריצישן הויז און מען האָט פאָרט געדענקט, אַז זיי זענען די טעכטער פון דעם באַרימטן אַמאָטאָר־אַגראָנאָם, דעם גראַף אַקימאָוו. דערפאַר האָט מען פאַר זיי צופיל רעספּעקט געהאַט און זיי זע־נען געוואַקסן פאַרפרעמדט און אָפּגעזונדערט אין דעם דערפל. איצט איז שוין נאַטאַשאַ אַלט געווען זיבן און דרייסיק יאָר און האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרוועלקטע ליליע, כאָטש אַ שיינע, אָבער פאָרט אַ פאַרזעסענע אַלטע מויד. סאָניאַ איז אַלט געוואָרן דריי און דרייסיק יאָר, און כאָטש פאַר אַ רוסיש מיידל וואָס האָט נאָך ביז די יאָרן נישט חתונה געהאַט האָט זי געהייסן אַ

פאַרזעסענע מויד, איז זי דאָך געווען שיין און פריש און האָט געקענט באַ־וירקן אַ מאַנספּאַרשוין.

מאַרשאַל איוואַנאָוו איז נישט געווען פון די וואָס וועלן זיך פאַרקוקן אויף אַ רויט־האָריקער שיינהייט וואָס קען מיט אירע ליידנשאַפטלעכע בליקן אויפלעבן אַ שטיין. ער האָט צופיל צייט געווידמעט דער מלחמה־פי־רונג און אויב עס האָט זיך געטראָפן אַ רגע וואָס זיין סטראַטעגישער גע־דאַנקען־גאַנג האָט אים פאַרלאָזט האָט ער דאַן געטראַכט וועגן קאַטיאַן, זיין ווייב, וועלכער ער האָט שווייגנדיק אָבער זייער שטאַרק ליב געהאַט און איז באַזאָרגט געווען פאַר איר גורל.

פּיאָטער איז נאָך געווען צו יינגלש צו טראַכטן וועגן ליבע... ער איז געווען געראָטן אין טאַטן מיט זיין פאַרהאַרטעוועטקייט און זיין שטרעבן צו מאַכן אַ קאַריערע. אין זיין אײדעלן באַנעמען זיך מיט מענטשן, איז ער אָבער איינגאַנצן געווען ענלעך צו זיין מוטער. ער האָט געהאַט ערשט פאַר־ענדיקט די מיליטער־אַקאַדעמיע אין דעם ראַנג פון אַ לייטענאַנט, שוין דורכגעמאַכט עטלעכע שלאַכטן און באַקומען די אויפגאַבע פון אַ קאָמאַנדיר איבער די אויסשפּירער און דעם ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט שוין איצט געהאַט דעם ראַנג פון אַ מאַיאָר, אָבער דער פאָטער זיינער, וועלכער איז דער קאָמאַנדיר פון דער גאַנצער צענטראַלער פראָנט־ליניע, באַלוועט אים נישט. ער וועט זיך נאָך מוזן גוט אונטער־גאַרטלען ביז ער וועט צום ראַנג פון אַ מאַיאָר דערגרייכן.

ווען מאַרשאַל איוואַנאָוו האָט באַשטימט, אַז ער און זיין זון וועלן זיך באַזעצן צייטווייליק אין דעם איינציקן צווייי־שטאָקיקן הויז פון דעם־אָ דערפל, האָט ער באַלד שטרענג באַפוילן די צוויי מיידלעך זיך פאַרנעמען פון דעם ערשטן שטאָק און זיך איינאָרדענען אויפן צווייטן. אין די צימערן פון ערשטן שטאָק האָט איוואַנאָוו איינגעאָרדנט זיין שטאַב־קוואַרטיר. דאָ האָט ער געאַרבעט און דאָ האָט ער גענעכטיקט.

דער רעגן האָט געגאָסן אָן אויפהער. דער פּאַטרול אין די געסלעך פון דעם דערפל איז געשטאַנען און זיך געוויקט אין דעם רעגן. פּיאָטער איז געשטאַנען ביי אַ פענצטער און אַרויסגעקוקט צו דער גאַס. פלוצים האָט ער זיך אָפּגעקערעוועט פון פענצטער און איז צו צום פאָטער וועלכער איז גע־שטאַנען איבערגעבויגן איבער אַ מאַפּע, וועלכע איז געלעגן צעשפּרייט אויפן טיש. ער האָט געזאָגט:

— דער פּאַטרול אין דרויסן איז אויסגעווייקט פון נעץ. אין אַזאַ־אָ

רעגן צו שטיין אין דרויסן איז ערגער ווי צו ליגן אין די אָקאָפּעס אויפן פראָנט.

איוואַנאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויפן זון. ער האָט שטרענג אַ זאָג געטאָן:

— איך קעמף קעגן די דייטשן און נישט קעגן דער נאַטור. דער רעגן איז פון גאָט, און דאָ איז מיין מאַכט באַגרענעצט!

פּיאָטער האָט נישט געוווּסט צי דער פּאָטער שפּאַסט צי ער מיינט דאָס ערנסט. ער האָט קיין מאָל נישט געהערט, אַז דער פּאָטער זאָל דערמאָנען גאָטס נאָמען. און דאָ פּלוצים... ער האָט געזאָגט:

— אַ סך קראַנקע פּאַראַן. די צאָל קראַנקע זענען מער ווי די פאַרווונדעטע!

איוואַנאָוו איז אַוועק פון דער מאַפּע און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט דערזען די רויטאַרמייער וואָס שטייען אין דעם מבול־רעגן אויף זייערע פּאָסטנס, אויסגעווייקטע און ציטערן אַזש פון קעלט. ער האָט אין כעס אַ געשריי געטאָן:

— און, פאַרפלוכטע דייטשן! אַריין זענען זיי צו אונדז מיט אַ בליץ־קריג, פאַר דריי חדשים אַ האַלבע מדינה פאַרכאַפּט, אָבער צוריק קריכן זיי ווי טשערעפּאַכעס! עס געפעלט זיי דאָס רוסישע ברויט, די רוסישע וואָדקאָ און די רוסישע ווייבער!... איך זע, אַז זיי וועלן דאָ ווינטערן.

— און ווינטער, פּאַפּאַ, וועלן זיי דאָ אויספרירן... מיט נאַפּאָלעאָנען איז דאָך אויך אַזוי געווען. די פראַנצויזן האָט מען ווינטער־צייט אַזוי צעשלאָגן, אַז...

— אַהאַ, טעאָריעס, לעקציעס פון פּראָפעסאָרן, פּאָליט־קאָמיסאַרן, און געדאַנקען פון ביכער אַרויסגעלייענט! — האָט איוואַנאָוו אומצופרידן געזאָגט, — מען פאַרגעסט, אַז דאַן איז נאָך אַזאַ טעכניק ווי איצט נישט געווען. אָט איז סוואָראָוו געקראָכן איבער די אַלפּן, אַפילו געווינטערט אין די בערג און קיינער אין דער וועלט האָט אַפילו קיין פּיפּס נישט געטאָן. אומגעריכט האָט זיך סוואָראָוו באַוויזן הינטער די פּלייצעס פון די פראַנצויזן! אַהאַ, עס איז געווען אַ גרויסע סטראַטעגיע... אָבער פּרווו נאָר איצט אָנצוווענדן אַזאַ־אַ סטראַטעגיע? די טעלעפאָנען און די ראַדיאָס וועלן זיך באַלד איבער אַלע עקן וועלט צעקלינגען און צעפּויקן דיין פּלאַן. ער, איצט איז נישט אַמאָל. איצט מיט די עראָפּלאַנען, טאַנקען און אונטערוואַסער־שיפן זענען שוין די אַמאָליקע סטראַטעגיעס געגליכן צו אַ קינדער־שפּיל!

— אָבער, פּאַ...

— וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט מיך דאָ נישט רופן פּאַ... מיר זענען אויפן פראָנט, איך בין דיין קאָמאַנדיר. עד, געווען אַ באַ־רישקייט דיך צו לאָזן אין מיין שטאַב.

— טאָ שיק מיך אָפּ. שיק מיך אין אַן אַנדער אַרמיי, אויף אַן אַנדערן פראָנט!

— נו, נו, נו, זיך שוין צעזשומעט!... — האָט איוואַנאָוו מילד אַ זאָג געטאָן, — איך וויל דיך דאָ האָבן לעבן זיך. דו קענסט אַ גוטן דייטש ריידן. דערפאַר טאָקע האָב איך דיר די קאָמאַנדע איבער די אויסשפּירער אָנגע־טרויט!

יאָ, דער פראָנט איז נישט די היים. פּיעסטשען זיך פאַרן טאַטן קען ער דאָ נישט. נו, און מען דאַרף נישט! ער איז דאָך שוין מער נישט קיין יינגל. ער איז אַ מאַן, אַ קאַפּיטאַן פון מאַרשאַל איוואַנאָווס אַרמיי. ער האָט זיך אויסגעצויגן פאַרן פאָטער און געזאָגט:

— טאָוואַרישטש מאַרשאַל, אין דער צייטונג „רויטאַרמייִשער שטערן" וואָס מיר האָבן היינט באַקומען איז אָפּגעדרוקט דעם טאָוואַרישטש סטאַ־לינס באַפעל וועגן דער פאַרטיידיקונג פון סטאַלינגראַד. סטאַלין זאָגט דאָרט אויספירלעך, אַז סטאַלינגראַד איז דער וויכטיקסטער סטראַטעגישער פונקט פון דעם גאַנצן סאָוועטישן פאַרבאַנד, ווייל אויב די דייטשן זאָלן פאַרכאַפּן סטאַלינגראַד וועלן זיי דאַן האָבן אין זייערע הענט דעם שליסל פון דעם גאַנצן סאָוועטישן פאַרבאַנד!

— גיב מיר די צייטונג! — האָט איוואַנאָוו אַן אויפגעקאָכטער אויס־געשריגן.

דער זון האָט אים דערלאַנגט די צייטונג. איוואַנאָוו האָט שנעל דורכ־געלייענט סטאַלינס באַפעל און אַ שליידער געטאָן די צייטונג צו דער ערד. ער האָט זיך אָבער באַלד אָנגעבויגן און אויפגעהויבן די צייטונג, זי אויס־געגלעט און אַוועקגעלייגט אין אַ זייט. פּאָטער האָט אויפן פאָטער געקוקט מיט אַן אומפאַרשטענדלעכן און אַן איבערגעשראָקענעם בליק. איוואַנאָוו האָט אַ וויז געטאָן מיט אַ פינגער אויף דער מאַפּע, וועלכע איז געלעגן צע־שפּרייט אויפן טיש. ער האָט מיט דעם פינגער אָנגעוויזן אויפן פּונקט וואָס האָט באַצייכנט די שטאָט סטאַלינגראַד און דערנאָך אָנגעהויבן צו פירן מיטן פינגער איבער די קאָלירטע צייכנס מיט די סימנים פון וועגן, טייכן, בערג, שטעט און דערפער, ווי אויך די באַצייכענונגען פון אַלע פּאָזיציעס און

פראָנטן ווו די סאָוועטישע און דייטשישע מיליטערן געפינען זיך. ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס איז סטאַלינגראַד מערער סטראַטעגיש פון מאָסקווע, וואָראָניעזש, קיִעוו, מינסק, כאַרקאָוו אָדער אָדעס? איז דאָס פילייכט ווייל די געוועזענע שטאָט צאַריצין איז לויטן קאַפּריז פון סטאַלינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סטאַלינגראַד? וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן!... נאָר פון סטאַלינגראַד קען מען זיך צעשפּרייטן איבער גאַנץ רוסלאַנד? נו, און פון מאָסקווע קען מען זיך נישט צעשפּרייטן איבער גאַנץ רוסלאַנד?... און פון אַנדערע שטעט?... יעדער וועג איז אַ וועג און יעדע שטאָט האָט אַ ווערט. און אַז מען וויל איז אַלץ ביי אַ מאַרשירנדיקער אַרמיי אַ סטראַטעגישער פונקט. און אַז מען וויל עקסיסטירן גאָר נישט מער, אין די מאָדערנע מלחמות, קיין שום סטראַטעגישע פונקטן, ווייל פון יעדן פונקט, אויב דער שונא איז נאָר שטאַרק, קענען דעם שונאס אַרמייען זיך צעשפּרייטן און פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע לאַנד און אונדז באַזיגן. הייגט וואָס פאַרשיט אונדז דאָס פאַטערל אונדזערס די אויגן מיט אַ זאָג, אַז סטאַלינגראַד און נאָר סטאַלינגראַד איז דער וויכטיקסטער און סטראַטעגישסטער פונקט פון אַלע פראָנטן?... די סטראַטעגיע, מיין זון, באַשטייט איצט נישט אין דעם אָדער אין יענעם פונקט, אין דער אָדער יענער שטאָט, נאָר בלויז אין אונדזערע מיליטערישע קרעפטן און אין אונדזער ווילן זיך צו שלאָגן, און אין אונדזער גלויבן אין דער גערעכטער זאַך וואָס מיר טוען. אויב מיר וועלן זיין מיליטעריש שטאַרקער, אויב דער גלויבן און דער ווילן פון דעם רוסישן סאָלדאַט איז אַ שטאַרקערע פון דעם דייטשישן, דאַן וועלן מיר זיגן, נישט געקוקט אויף דעם צי סטאַלינגראַד וועט יאָ פאַלן צי נישט!...

— אָ, טאָוואַרישטש מאַרשאַל, מיר זענען שטאַרקער פון די דייטשן. מיר וועלן זיגן!

איוואַנאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן.

— מיר מוזן זיגן, מיר האָבן דאָך קיין אַנדער אויסוועג נישט!

פאַרנאַכט־צו האָט דער רעגן אויפגעהערט צו גיסן. מען האָט געביטן די פּאַטרולן איבער די גאַסן. אַ פאַרסאָפּעטער סאָלדאַט איז אַריינגעקומען, ער האָט געהאַלטן אַ גלאַנציק ווייס פּאַפּיר אָפּגעדרוקט מיט אומפאַרשטענדלעכע בוכשטאַבן און מיט היטלערס אַ פּאָרטרעט אויף דעם. דאָס איז געווען איינער פון אַ גרופּע אויסשפּירער וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ טעטיקייט. דער סאָלדאַט האָט זיך אויסגעצויגן פאַרן מאַרשאַל מיט דער

האַנט צו זיין העלם און געבעטן אַ דערלויבעניש צו רעדן מיטן קאַפּיטאַן. איוואַנאָוו האָט דערלויבט. דער סאָלדאַט האָט זיך אויסגעקערעוועט צו פּיאַ־טערן און אים דערלאַנגט דעם גלאַנציק ווייסן פּאַפּיר. ער האָט דערביי ראַ־פּאָרטירט:

— טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן, אונדזער אויסשפּיר־גרופּע איז אַוועק צען מייל פאָרויס. מיר האָבן קיינעם נישט באַגעגנט, נאָר איין דייטש, אַ גע־הרגעטן, געפונען אין אַ זייט פון וועג. קיין שום דאָקומענטן האָט ער נישט געהאַט. קיין געלט אויך נישט. נאָר דאָס־אָ פּאַפּיר אין זיינס אַ קעשענע גע־פונען. נו, און אין אַלגעמיין איז אַלץ שטיל און רויק. נישט געהערט אַפילו קיין איין שאָס!

— קענסט גיין! — האָט פּיאַטער געזאָגט.

— טאַק טאָטשנאָ, טאָוואַרישטש קאַפּיטאַן! — האָט דער סאָלדאַט אויס־געקנאַקט און זיך באַלד אויסגעדרייט צו איוואַנאָוון נישט אַראָפּלאָזנדיק די האַנט פון העלם, — טאָוואַרישטש מאַרשאַל, דערלויבט מיר אַוועקגיין!

— איך דערלויב! — האָט איוואַנאָוו געזאָגט און דאָס האַרץ האָט אים געפרייט זעענדיק ווי שטרענג דיסציפּלינירט דער סאָלדאַט איז.

דער סאָלדאַט איז אַרויס און פּיאָטער האָט זיך געווענדעט צום פאַ־טער:

— טאָוואַרישטש מאַרשאַל, ווידער אַ ליסטאָווקע. די זעלבע רוטינערע פּראָפּאַגאַנדע פון די נאַציס כדי אונטערצוהאַלטן דעם מוט און די אויסגע־האַלטנקייט פון די סאָלדאַטן.

— מוט און אויסגעהאַלטנקייט! דאָס דאַרף אויך די רויטע אַרמיי פאַר־מאָגן! און איבערהויפּט אַ גענעראַל...

— וואָס מיינסטו מיט דעם צו זאָגן, פּאַפּאַ? אַך, אַנטשולדיק, טאָוואַ־רישטש מאַרשאַל!

פון אַ שטיק צייט האָט עפּעס געדריקט און געעגבערט ביי איוואַנאָוון אין דער נשמה, און איצט האָט ער שוין מער אויסהאַלטן נישט געקענט. ער האָט, צעוויייטיקט, פאַר זיין זון אַ סוד אַנטפּלעקט:

— גענעראַל וולאַסאָוו, מיינס אַ גוטער פריינד געוועזן, אַ גוטער קאָ־מוניסט און אַ גוטער מענטש. זיין אַרמיי האָט צוזאַמען מיט מיינער העל־דיש פאַרטיידיקט מאָסקווע און די דייטשן פאַרטריבן. און מיט אַמאָל: ער האָט פאַרלוירן דעם מוט און די אויסגעהאַלטנקייט... ער איז אַריבער צו די דייטשן מיט זיין גאַנצער אַרמיי!... פאַרוואָס האָט ער דאָס געטאָן? פאַר־

וואָס, ווײַל איך וויסן!... און נאָך פריִער איז אויך אַן אַנדער גענעראַל אַרי־בער צו די דייטשן, גענעראַל יאָכים שולץ, דער קאָמאַנדיר פון דער ווײַט־מיזרחדיקער רויטער אַרמיי. יאָ, דאָס איז שוין געווען פון לאַנג, נאָך פאַר דעם קריג. אין דעם פאַל איז נאָך עפּעס פאַרשטענדלעכעס געווען. אַ רוסיש־געבוירענער דײַטש, איז אַוועק פון אונדז צו זײַן נאַציע!... אָבער וולאַסאָוו, אַ הונדערט־פּראָצענטיקער גרויסרוס, אַ מענטש מיט אַ ריינער רוסישער נשמה, פאַרוואָס האָט ער זיך צו די דייטשן פאַרקויפט? פאַרוואָס, ווײַל איך וויסן!...

— פאַרוואָס? — האָט פּיאָטער איבערגעחזרט און באַלד „געפונען" דעם ענטפער, — ווײַל ער איז אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער!

איוואַנאָוו האָט אַ טראַכט געטאָן: „די קינדער ווייסן נאָר איינס: קאָנ־טער־רעוואָלוציאָנער! אָבער אַנאַליזירן אַ מענטשן, אַרײַנקוקן אין זײַן נשמה, אים פּרוּוון צו פאַרשטיין, דאָס נישט!" — ער איז צו צום בעט און זיך אַרײַנגעלייגט מיטן אָנטאָן. פּיאָטער איז צו אים צוגעקומען מיטן גלאַנציקן ווייסן פּאַפּיר אין דער האַנט און ער האָט אָנגעוויזן אויף היטלערס בילד.

— מען זאָגט, אַז היטלער האָט נאָר איין אויג, דאָס צווייטע איז אַ גלעזערנס!...

— ווער זאָגט דאָס?

— די רויטאַרמייער רעדן צווישן זיך אַזוי.

— אונדזערע סאָלדאַטן? דאָס איז גוט! און וואָס נאָך זאָגן זיי?...

— אַז היטלער האָט אויך אַ הילצערנעם פוס.

איוואַנאָוו האָט זיך צעלאַכט.

— נו, און וואָס נאָך?

— אַז זײַן נאָמען איז גאָר נישט היטלער, נאָר שיקלגרובער! און אַז ער איז געווען אַ יעפרייטאָר און איז געוואָרן אַ פיורער, און אַז ער איז אַ ממזר, אַ בייסטרוק!

— אַלץ איז ריכטיק! — האָט איוואַנאָוו צופרידן געזאָגט.

— די רויטאַרמייער ווילן וויסן צי די דייטשן האָבן ליב היטלערן?

— און וואָס מיינסטו, פּיאָטער, האָבן די דייטשן ליב זייער פיורער?...

— איך מיין, אַז יאָ, פאָ...

דערמאָן מיך, פּיאָטער, איך וויל מאָרגן זאָגן דעם פּאָליטישן קאָמיסאַר פון דער אַרמיי, אַז ער זאָל אינסטרויִרן אַלע פּאָליטישע קאָמיסאַרן פון די בריגאַדעס, דיוויזיעס, קאָרפּוסן און פּאָלקן, אַז מען זאָל אויסנוצן די צייט

וואָס מיר שטייען אין די דערפער און מען זאָל אויפקלערן פאַר די רויט־אַרמייער ווער היטלער איז, און ווי אַזוי ער איז צו דער מאַכט געקומען. און דערווייל, קאַפּיטאַן, אַ גוטע נאַכט! מען דאַרף זיך אויסשלאָפן כל־זמן מען קען. אָט וועלן זיך ווידער אָנהייבן שלאַכטן און דאַן וועט קיין צייט נישט זיין צו שלאָפן.

פּיאָטער האָט זיך אויסגעצויגן, צוגעשטעלט די האַנט צום דאַשעק פון זיין היטל און געענטפערט:

— אַ גוטע נאַכט, טאָוואַרישטש מאַרשאַל!

67.

אין דעם גרויסן דאָרף קראַסנע־באָר האָבן זיך די דייטשישע טרופּן פאַרפעסטיקט און צוריקטרעטן נישט געוואָלט. זיי האָבן אויפגעריסן אַלע בריקן איבערן טייך וואָס פאַרבינדט דאָס דאָרף „קראַסנע" מיטן דאָרף „באָר" און שאַפט אַזוי אַרום איין גרויס פאַראייניקט דאָרף. די פויערים פון איין טייל דאָרף האָבן נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיט די פויערים פון צווייטן טייל דאָרף. אַרום און אַרום האָבן די דייטשן אויסגעגראָבן טיפע גרובנס, אויסגעגאָסן אין זיי פון בעטאָן און צעמענט גאַנצע הייזער און דערנאָך זיי מיט ערד פאַרשאָטן. קראַסנע־באָר איז געוואָרן אַרומגערינגלט מיט אַ קייט אונטערערדישע, בעטאָנירטע וווינונגען אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען גאַנצע פּאָלקן מיט דייטשן.

בראָנירטע טאַנקען זענען אומגעפאָרן אין דאָרף און געהיט די אָרדענונג. דער שטאַב פון גענעראַל יאָכים שולץ האָט זיך געפונען אין דער רויט־ציגעלנער געביידע, דאָרט ווו עס איז פריִער געווען דער דאָרף־סאָוועט, די פאַרוואַלטונג פון קאָלכאָז און דער קאָמיטעט פון דער דאָרפישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

גענעראַל שולץ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע מערדערישע טאַטן אין די ערשטע טעג ווען ער האָט מיט זיין מיליטער פאַרנומען דאָס דאָרף. ער האָט אַרעסטירט אַלע פירנדיקע קאָמוניסטן וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן פון דאָרף אָדער זיך אויסבאַהאַלטן. ער האָט זיי איינציקווייז צעהאָנגען אויף די ביימער, די ווערבעס, וועלכע זענען געשטאַנען אויף ביידע זייטן טייך. ער האָט אַרויסגעטריבן אַלע פויערים פון ביידע טיילן דאָרף, פון קראַסנע און באָר, און ער האָט זיי געהייסן קוקן אויף די געהאַנ־

גענע. ער האָט געהאַלטן אַ הייסע שטורמישע רעדע פאַר די פויערים, זיי געוואָרנט פאַרצוזעצן די אַרבעט אין קאָלכאָז און צושטעלן שפּייז פאַר דער דייטשישער אַרמיי. ווער עס וועט סאַבאָטירן, נישט וועלן פאַרזעצן די אַרבעט אין קאָלכאָז אַזוי ווי פריִער אונטער דער קאָמוניסטישער מאַכט, דער וועט געהאָנגען ווערן אויף אַ בוים אַזוי־אַ ווי די געהאַנגענע וואָס זיי זעען איצט פאַר זייערע אויגן.

זיין רעדע איז געווען אין דייטש און אַן אָפיציר, זיין אַדיוטאַנט, אַ רוס וואָס האָט יאָרן־לאַנג געלעבט אין דייטשלאַנד, האָט די רעדע פאַר די פויערים איבערגעזעצט אין רוסיש. אַן עלטערער פויער, אויסגעפּוצט אין זיינע יום־טובדיקע קליידער, איז צווישן דעם פאַרזאַרגטן המון געשטאַנען אַ צופרידענער, זיך געווישט זיינע גרויע וואָנצעס מיטן אַרבל פון זיין רעקל, דערנאָך צי געדרייט מיט די פינגער אַרויף, זיי זאָלן שטיין שטאָלץ. ער האָט אויסגעשריגן:

— איך בין איינער פון די פויערים וואָס זענען אַרויס אין אַ דעלעגאַציע צו באַגעגענען די דייטשישע סאָלדאַטן וועלכע זענען אונדז געקומען באַפרייען פון דער באָלשעוויסטישער קנעכטשאַפט! מיר זענען אייך אַקעגנגעקומען מיט זאַלץ און מיט ברויט! — און ער האָט זיך געווענדעט צום אָפיציר, — זעץ איבער פאַרן געערטן גענעראַל מיינע ווערטער און דערנאָך וועל איך רעדן ווייטער.

דער איבערזעצער האָט נישט באַוויזן צו עפענען דאָס מויל, ווי גענעראַל שולץ האָט אַ רעווע געטאָן אין דייטש:

— דו, אַלטער שווייך, ווי האָסטו געוואָגט צו רעדן אָן מיין דערלויבעניש?! איך וועל אייך דאָ אַלעמען לערנען רעספּעקט פאַר אַ דייטש! — און ער האָט זיך געווענדעט צו צוויי סאָלדאַטן פון דער וואַך, — נעמט אים און ציט אים אַרויף אויף דעם נעקסטן בוים און זאָלן די כאַמעס וויסן, אַז רעדן דאַרף מען נאָר דאַן ווען מען באַקומט אַ דערלויבעניש צו רעדן! אָ, איך וועל זיי אויסלערנען אָרדענונג!...

מען האָט דעם אַלטן געכאַפּט, אַרויפגעוואָרפן אַ שטריק אויף זיין האַלדז און דאַן ערשט האָט דער איבערזעצער דערקלערט דעם גענעראַלס אומצופרידנקייט און געוואָרנט, אַז מער זאָל קיינער אַליין קיין וואָרט נישט רעדן אין דער אָנוועזנהייט פון אַ דייטש, סיידן מען וועט אים הייסן רעדן.

פאַרגליווערטע זענען די איינוווינער פון דאָרף געשטאַנען און צוגע־

קוקט זיך ווי מען הענגט־אויף אַ ווערב דווקא אַ געוועזענעם קולאַק, אַ רייכן מאַן, אַזאַ וואָס איז מיט פרייד אַרויס באַגעגענען די דייטשן.

צווישן די בייגעוועזענע איז אויך געשטאַנען קסעניאַס מוטער, קסעניאַ מיט איר פינף־יאָריקן זון אַלעקסאַנדער, און אירע חברטעס, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט איר געוווינט אין איר מוטערס הויז: פּאַליאַ און קאַטיאַ.

דערשלאָגענע זענען זיך די מענטשן־מאַסע צעגאַנגען, יעדער איינער צו זיין היים. פּאַליאַ, ווי נאָר זי איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון שטוב, אַזוי האָט זי אָנגעהויבן צו חלשן. יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ און קסעניאַ האָבן זי געמונטערט. קסעניאַס מוטער האָט געוואָלט לויפן רופן אַ דאָקטער, נאָר דער מאַן אירער, דער קאָלכאָזנער מעכאַניק, האָט נישט געלאָזט.

— דער דאָקטער קען נאָך צעפּויקן, אַז איינע פון אונדזערע מאָסקווער געסט האָט געחלשט. דאָס וועט דערגיין צו די דייטשן און עס וועט זיך אָנהייבן אַ פרעגעניש ווער די געסט זענען און וואָס טוען אין מאָסקווע זייערע מענער.

מען האָט קוים פּאַליאַן דערמונטערט און זי אין בעט אַריינגעלייגט. אָבער זי האָט געהאַלטן אין איין בעטן זיך:

— קאַטיאַ, קסעניאַ, לאָמיר נאָך היינט אין מיטן דער נאַכט אַנטלויפן פון דאַנען!... די דייטשן קענען זיך נאָך דערוויסן ווער מיר זענען און אונדז אויך אויפהענגען אויף די ווערבעס אַרום דעם טייך!...

— וווהין זאָלן מיר לויפן, נאַריש קינד, — האָט יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט, — די דייטשן האָבן דאָך נאָך צוריק מיט אַ חודש מאָסקווע פאַרנומען.

— ס'אַ ליגן, איך גלויב נישט! — האָט פּאַליאַ געוויינט.

קסעניאַס מוטער און איר שטיף־פאָטער האָבן נישט געוווּסט, אַז פּאַליאַ איז נישט קיין קריסטלעכע. זיי האָט זיך גאָר אויפן געדאַנק נישט געלייגט, אַז זי איז אַ יידיש קינד. קסעניאַ איז דאָ געווען אין אַ גרעסערער געפאַר ווי אירע חברטעס. יעדער איינער אין דעם דאָרף האָט זי געקענט, מען האָט געוווּסט, אַז איר מאַן איז אַ באַרימטער רוסישער שרייבער, אָבער ער איז דאָך אַ קאָמוניסט און דערצו נאָך אַ ייד... עמיצער פון די באַלייִדיקטע פּויערים וואָס האָט געטראָגן אַ האַס אויף דער סאָוועטן־מאַכט האָט אין יעדער רגע געקענט אינפאָרמירן די דייטשן וועגן קסעניאַן מיט איר קינד פון אַ יידן, אַ קאָמוניסט, אַן אויסוואורף, וועלכער האָט די היגע פּויע־

רים פאַרשקלאַפט, זיי מיט אַ ייִדישער כיטרעקייט אין קאָלכאָז פאַרנאַרט און דערפאַר אַן אָרדן אַלס מתנה פון דעם קרעמל באַקומען.

אָבער עס האָט פאַסירט אַזוי, אַז די פרייד פון די פויערים, וועלכע האָבן געהאָפט, אַז די דייטשן וועלן זיי פון דעם קאָלכאָזנעם יאָך באַפרייען, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער האַס צו די דייטשן, וועלכע האָבן זיי אין דער־אָ האָפענונג אַנטוישט. די ברוטאַלע אויפפירונג פון דעם גענעראַל שולץ האָט געפירט צו דעם, אַז אַפילו די גרעסטע שונאים פון דעם קאָמוניסטישן רעזשים זענען איבער נאַכט געוואָרן פריינד פון דער סאָוועטישער סיסטעם.

עס זענען אַריינגעקומען שכנים פון די נאָענטסטע הייזער, שכנים וועלכע האָבן געקענט קסעניאַן און געוווּסט, אַז די צוויי חברטעס אירע, וועלכע זענען מיט איר צוזאַמען אַראָפגעקומען אויפן זומער אין דעם דאָרף, זענען געהויבענע און גאָר וויכטיקע פערזענלעכקייטן. די שכנים האָבן פאָרגעלייגט זייער הילף, געמאַכט פלענער ווי אַזוי אויסצובאַהאַלטן קאַטיאַן און פאָליאַן. מען האָט געהאַט פון דאָרף, נאָך איידער די דייטשן זענען באַפאַלן דאָס לאַנד, צוגענומען אַלע בחורים און מיטליאָריקע מענער אין דער רויטער אַרמיי. פיל פויערים האָבן ביי זייערע עלטערן איבערגעלאָזט זייערע ווייבער און קינדער. איז דער פלאַן געווען אַזאַ, אַז פאָליאַ און קאַטיאַ זאָלן פון איצט אָן איינשטיין אין צוויי פאַרשיידענע הייזער און עס זאָל הייסן, אַז זיי זענען די ווייבער פון די פויערים וועלכע מען האָט מיט גוואַלד אין דער רויטער אַרמיי מאָביליזירט. גראָד אַזעלכע פרויען פון מענער וואָס די סאָוועטן־מאַכט האָט מיט גוואַלד מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי האָבן די דייטשישע רוצחים נישט געטשעפעט.

אַזוי האָבן זיך געצויגן שווערע טעג פאַר פאָליאַן און פאַר יעקאַטערינאַ פעטראָוונאַן. איבערגעטוענע אין פראָסטע דאָרפישע קליידער ווי יעדע פויערטע האָבן זיי געטאָן שטוב־אַרבעט ביי זייערע גוט־האַרציקע אַדאָפטירער, און קיינעם האָט גאָר נישט געקענט אויפן זינען קומען, אַז איינע פון די צוויי פרויען איז דאָס ווייב פון דעם באַרימטן העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, מאַרשאַל איוואַנאָוו, און די צווייטע איז דאָס ווייב פון דעם ייִד באָריס גאַרבער, וועלכער איז איינער פון די מאַכטפולע יונגען, די האַלב־געהיימע ראַטגעבער, צובאָמקער און אַרויסהעלפער פון דעם „פאָטער" סטאַלין אין אַלע זיינע טעטיקייטן, אַוואַנטורעס און פאַרברעכנס...

אָבער קסעניאַ, זי האָט זיך ווי אַ פראָסטע דאָרפישע פרוי קליידן נישט

געוואָלט. זי, די געבוירענע דאָרפס־שיקסל, האָט זיך איצט פון אירע גרויס־שטאָטישע עלעגאַנטע קליידער באַפרייען נישט געוואָלט. זי האָט אויך קיין שום שטוב־אַרבעט נישט געטאָן און זי האָט זיך אויפגעפירט אַזוי, גלייך ווי איר קומט אַ גוט און אַ זאָרגלאָז לעבן. זי האָט נישט געוואָלט מורא האָבן פאַר די גרויזאַמע נאַצי־דייטשן.

מיט אירע חברטעס האָט זיך קסעניאַ טעגלעך געזען, גערעדט צו זיי און זיי אַפילו געטרייסט מיט האָפענונגען, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן. אָבער אין אירע ווערטער האָט זיך געפילט דער טאָן פון זעלבסטצו־פרידנקייט און זאָרגלאָזיקייט.

איינמאָל, ווען דער אַלטער פויער מיט זיין באַנדורע אין די הענט איז געזעסן אונטער אַ בוים און געזונגען זיינע אַלטע רוסישע לידער און דער־ביי צוגעשפּילט אויף דער באַנדורע, איז פאַרבייגעגאַנגען דער דייטשישער גענעראַל יאָכים שולץ מיט זיין סוויטע אַדיוטאַנטן, וואַך־פּאַטרולן און אי־בערזעצער. אַלע פויערים און פויערטעס וועלכע זענען געשטאַנען אַרום דעם אַלטן באַנדוריסט האָבן זיך נידעריק גענייגט און געבוקט פאַרן הער גענעראַל. דער אַלטער פויער־באַנדוריסט האָט מיט אַ צעשפּרייטער דלאָ־ניע פון זיין אַלטער אויסגעדאַרטער האַנט פאַרשטילט די קלאַנגען פון די סטרונעס. גענעראַל שולץ האָט זיך אָפּגעשטעלט און פלוצים אין אַ קלאָרן און קאָרעקטן רוסיש באַפוילן:

— שפּיל, אַלטער באַנדוריסט, שפּיל און שרעק זיך נישט!...

דערשטוינטע און איבערגעשראָקענע ביז צום טויט האָבן די מענטשן פון דאָרף אויף דעם דייטשישן גענעראַל אַ בליק געטאָן. זיי האָבן דאָך נישט געקענט וויסן, אַז שולץ איז געבוירן געוואָרן און דערצויגן געוואָרן אין רוסלאַנד כאָטש ער איז אַ דייטש. זיי האָבן אויך נישט געוווּסט, אַז דאָס איז דער זעלבער שולץ וואָס איז אַמאָל געווען אַ הייסער קאָמוניסט און ער איז אַפילו געווען דער געהילף פון דעם שעף פון דער אָדעסער, אַמאָליקער „טשע־קאַ", וועלכע מען האָט שפּעטער פאַרביטן מיטן נאָמען „ג.פּ.או." און נאָך שפּעטער מיטן נאָמען „נ.ק.וו.ד.". זיי האָבן אויך נישט געוווּסט, אַז דאָס איז דער זעלבער יאָכים שולץ וועלכער איז געהאַט געווען אַ סאָוועטי־שער גענעראַל, אַ קאָמאַנדיר פון דער באַזונדערער וויַיט־מיזרחדיקער רויטער אַרמיי, און ער איז דאָס דער וואָס איז קיין יאַפּאַן אַנטלאָפן און פון יאַפּאַן קיין דייטשלאַנד און דאָרט צו היטלערס דינסט צוגעשטאַנען.

— שפּיל, אַלטער באַנדוריסט! — האָט גענעראַל יאָכים שולץ ווידער־

האַלט זײַן באַפּעל, הנאה האָבנדיק זיך צוצוקוקן אויף די דערשראָקענע פּויערים און פּויערטעס וועלכע זענען געפּלעפּט געוואָרן פון זײַן פּלוצלינג־דיקן רוסיש־ריידן.

דער אַלטער פּויער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן די רוסישע „דאַליאַ", דעם רוסישן „שיקזאַל". נאָך דעם ווי ער האָט אַ פּיר געטאָן איבער די סטרונעס מיט זײַנע אויסגעדאַרטע לאַנגע פינגער און די פאַרכישופטע קלאַנגען האָבן זיך פון דער באַנדורע אַ ריס געטאָן, האָט ער זיך צעזונגען מיט זײַן אַלט־ציטערדיק זיס קול:

„עך טי דאַליאַ, מאָיאַ דאַליאַ"...

דער גענעראַל איז געשטאַנען, באַטראַכט דעם אַלטן באַנדוריסט און פּלוצים אין אײַנקלאַנג מיט אים אָנגעהויבן צו זינגען דאָס ליד וועגן דעם רוסישן שיקזאַל. און מיט אַמאָל האָט ער אויפגעהערט זינגען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די דאָרפס־מענטשן און אַ רעווע געטאָן אין אַ באַפּעל:

— זינגט, רוסישע שווײַנען, זינגט אַלע צוזאַמען!...

און אויף זײַן באַפּעל האָבן אַלע אין שרעק און מיט טרערן אין די אויגן אונטערגעכאַפּט דאָס געזאַנג, די ווערטער פון דעם רוסישן פאָלקס־ליד: „עך טי דאַליאַ, מאָיאַ דאַליאַ!"...

— שטיל זאָל זײַן, גענוג! — האָט דער גענעראַל ווידער אַ רעווע געטאָן און באַטראַכט יעדן איינעם פון די פאַרזאַמלטע אַרום דעם באַנדוריסט. זײַנע אויגן זענען געפאַלן אויף קסעניאַס געזיכט און זיך פאַרהאַלטן ווי צוגעשמידטע. זי האָט מיט איר שיינקייט און מיט איר גרויסשטאָטישער עלעגאַנץ ווי אַ דימענט פון אַ בלאָטע אַרויסגעשײַנט. שולץ איז געווען איבערראַשט. ווי קומט דאָ אַהער אַזאַ גרויס־שטאָטישע פרוי, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט אָנגעטאָן זײַן מאָנאָקל אויפן רעכטן אויג און זיך פאַרנייגט פאַר קסעניאָן. — פרײַלין!...

קסעניאַ האָט זיך אָפּגעטײלט פון די פּויערים און פּויערטעס און איז צו אים צוגעקומען. זי האָט שטיל אָבער אָן שום מורא געזאָגט:

— קסעניאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, איז מײַן נאָמען.

— קסעניאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, יאַוואָל, זייער אָנגענעם, קסעניאַ!... ווי איך זע זענט איר דאָ נישט קיין היגע, נישט קיין דאָרפישע.

— יאָ אַ היגע און נישט קיין היגע! — האָט קסעניאַ קאָקעטיש אַ זאָג געטאָן, — פון מאָסקווע צו גאַסט אַראָפּגעקומען צו מײַן מוטער, געוואָלט דאָ מיט מײַן קינד דעם זומער פאַרברענגען.

— אַך, אַזוי?... — האָט זיך שולץ געחידושט און אַ ליבן שמייכל געטאָן. באַלד אָבער האָט אַ פלאַן פון אַ היגטישער כיטרעקייט אים באַהערשט. ער האָט אויף קסעניאַן געקוקט מיט פאַרבענקטקייט פון אַ חיהשן „ער” וואָס האָט דערשמעקט די „זי”. פון חיה איז ער באַלד צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם אַריער, דעם אויבערמענטש. צו דערגרייכן וואָס מען וויל גילט דאָך אויך אַ ליגן. און ער האָט מיט אַ געמאַכטן באַדויער געזאָגט: — עס טוט מיר לייד, פראַו קסעניאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, וואָס איך מוז דאָס אייך זאָגן. מאָסקווע איז געפאַלן, כמעט אינגאַנצן פאַרניכטעט. אונדזער מיליטער איז איצט אין מאָסקווע. עס וועט נעמען פיל צייט ביז מען וועט דאָרטן איינפירן רו און אָרדענונג...

קסעניאַ האָט אים באַטראַכט. אירע שיינע אויגן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן. זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ. זי האָט שטיל אַ שעפּטשע געטאָן:

— גאָט מיינער, וואָס וועט איצט זיין?

גענעראַל שולץ האָט אַרויסגעכאַפּט אַ ווייס טיכעלע פון זיין מונדיר און דאָס געגעבן קסעניאַן. זי האָט זיך געווישט די טרערן. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און זי אַוועקגעפירט פון דעם פּלאַץ.

— זאָרגט נישט, מיר וועלן אייך דאָ נישט לאָזן פאַלן!

קסעניאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אויף אים מיט בעטנדיקע אויגן.

— העלפט מיר, איך בעט אייך. מיין דירה, מיינע קליידער, מיין גאַנץ פאַרמעגן איז אין מאָסקווע. פיליכט איז מיין דירה נישט צעשטערט? גיט מיר אַ דערלויבעניש זיך צוריקצוקערן קיין מאָסקווע!

— עס איז אוממעגלעך, מאַדאַם!

— איר זאָגט דאָך, אַז אייער מיליטער איז אין מאָסקווע...

— יאָ, אָבער... — און פּלוצים האָט ער כיטרע אַ קוק געטאָן אויף איר און געפרעגט, — אייער מאַן איז געבליבן אין מאָסקווע? וואָס איז זיין באַשעפטיקונג?...

אַן אויפגעטרייסלטע פון דער־אָ פראַגע האָט קסעניאַ די אויגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט און געזאָגט:

— איך האָב נישט קיין מאַן.

זיין באַדויער האָט ווי אַ מאַסקע פאַרשטעלט זיין סאַטיספאַקציע און צופרידנקייט.

— איר זענט אַן אַלמנה?...

— ניין, נישט קיין אַלמנה, און נישט קיין געגטע... איך האָב נישט קיין מאַן... געהאַט אַ חבר, אַ פֿרײַנד אַזאַ... נו, איר וועט דאָס נישט פֿאַרשטיין... איר, דײַטשן, זענט דאָך מענטשן פֿון אַן אַנדער קולטור. בײַ אונדז, איז דאָ געווען אײַנגעפֿירט „פֿרײַע ליבע". אַז מען האָט נישט געוואָלט, האָט מען נישט באַדאַרפֿט חתונה האָבן, מען האָט גלאַט אַזוי, ווי חברים, ווי פֿרײַנד צוזאַמענגעלעבט... מען איז נישט געווען אָפּהענגיק איינס פֿון אַנדערן. מען האָט געקענט יעדן טאָג זײַן פֿרײַ... אָט, איז ער אײנמאָל אַוועקגעפֿאָרן און שוין מער צוריק נישט געקומען. נו, בין איך איצט פֿרײַ... און איך בין אַפֿילו צופֿרידן וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, ווײַל איך האָב אים דאָך קיינמאָל נישט ליב געהאַט. איך בין געווען צו יונג, ווען איך האָב אים באַגעגנט, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך בין אין אים פֿאַרליבט.

— זאָ?... — האָט דער גענעראַל ליבלעך אַ שמייכל געטאָן, — איך פֿאַרשטיי אַזאַ לאַגע גאַנץ גוט. איך בין אַ דײַטש, אָבער איך בין דאָ אין רוסלאַנד געבוירן און געוואַקסן. ווי איר זעט, רעד איך דאָך אַ קאָרעקטן און אַ שיינעם, אַן אינטעליגענטישן רוסיש. איך ווייס אַלץ וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. און אין דײַטשלאַנד איז אויך „פֿרײַע ליבע" אײַנגעפֿירט. אין דער גאַנצער וועלט הייבן אָן די נײַע פֿאָרמען פֿון לעבן־שטײַגער צו לאָזן וואָרצלען.

— אָך, ניין!!... — האָט קסעניאַ אויסגעשריגן, כאַפּנדיק זיך וואָס ער מיינט מיט די רייד, אַז „פֿרײַע ליבע" איז אויך אין דײַטשלאַנד אײַנגעפֿירט, — אַזעלכעס וועט שוין מיט מיר מער קיינמאָל נישט פּאַסירן!

— אַנטשולדיקט, טויזנט מאָל אַנטשולדיקונג בעט איך בײַ אײַך! — האָט שולץ געזאָגט און זיך פֿאַר איר אַ בייג געטאָן, — איר האָט מיך שלעכט פֿאַרשטאַנען! — ער האָט געקוקט אויף איר מיט דער פֿריִערדיקער מענטשן־היהשער בענקשאַפֿט. ער האָט זיך געליבט אין איר געזיכט איבער וועלכן עס האָבן ווידער געפֿלאַסן טרערן. ער האָט געזאָגט: — באַרויִקט זיך און קומט מאָרגן אַרײַן צו מיר. איך וועל זען, פֿילײַכט וועל איך עפּעס פֿאַרט קענען טאָן פֿאַר אײַך, אַז איר זאָלט קענען צוריקפֿאָרן קיין מאָסקווע. אָבער איך וואָלט געווען גליקלעך ווען איר זאָלט וויליק זײַן דאָ צו פֿאַרבלײַבן. גלייבט מיר, פֿרײַלין קסעניאַ, איך בין גאָרנישט אַזאַ שלעכטער מענטש ווי די פּויערים דאָ שטעלן זיך פֿאָר. איך פֿאַרשטיי גוט דעם רוסישן מענטש, כאָטש איך בין אַ דײַטש. נישט אומזיסט האָב איך כמעט מײַן גאַנץ לעבן

דאָ אין רוסלאַנד געפּטרט... דאָס לעבן, פריילין קסעניאַ, האָט מיך גאָרנישט געבאַלעוועט. זעט, איך בין שוין אַ מאַן אין די פופציקער, און איך בין נאָך אַלץ אַליין, עלנט, נישט קיין קרובים, נישט קיין ווייב און נישט קיין קינדער. איך האָב קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן וועגן זיך זעלבסט. שטענדיק איז דער גרויסער און הייליקער אידעאַל און גלויבן געקומען צוערשט. אַזוי איז דאָס געווען אין מיינע יונגע יאָרן, דאָ אין רוסלאַנד און אַזוי איז דאָס געוואָרן ווען איך בין קיין דייטשלאַנד אָנגעקומען. קאָמוניזם, פאַשיזם און דער רוח ווייסט וואָס!... עס איז אַלץ דאָס זעלבע!... גלויבט מיר, קסעניאַ, איך בין אַ מענטש וואָס ליידט אויך אַזוי ווי אַן אַנדערער... איך פאַרשטיי אייך און איך וויל אייך העלפן.

אַהיימגעקומען איז קסעניאַ אינגאַנצן אַ באַרויִקטע. איר האָט געוווּנדערט, וואָס דער גענעראַל האָט אויף זיך געזאָגט, אַז ער איז אין די פופציקער. ער זעט דאָך אויס פיל יינגער... און ער איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטער... ער פילט דאָך אויס נאָר זיינע פליכטן. און וואָס האָבן די קאָמוניסטן געטאָן? אויך דאָס זעלבע! מיכאַיל איז אַביסל אַנדערש געווען. מיכאַיל?... ווו איז ער איצט?... אַ שאָד!... אָבער קיין וויטיק, קיין פאַרדראָס און קיין בענקשאַפט פילט זי נישט אין איר האַרצן. פיליכט האָט זי אים טאַקע גאָר קיינמאָל נישט ליב געהאַט?... ליבע!... וואָס האָט זי דען וועגן ליבע געוווּסט, ווען זי האָט זיך מיט מיכאַילן באַקענט?... גאָרנישט!...

עס איז ווי יעדן אָוונט אַריינגעקומען אין שטוב פּאָליאַ און קאַטיאַ. קסעניאַס מוטער האָט דאָס מאָל, ווי אַלע מאָל, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר צום טיש און זיך געזעצט מיט איר טאָכטער און מיט די געסט טרינקען טיי און זיי דערביי אויסרעדן דאָס האַרץ, זיי טרייסטן מיט גוטע ווערטער. קסעניאַס שטיף־פאָטער, אַן אָנגעהאָרעוועטער ביים צורעכטמאַכן די טראַקטאָרן און די לאַסט־אויטאָמאָבילן, איז אין צווייטן צימער שווער געשלאָפן און זיין כראָפּען האָט ווי אַ צושפּיל צו די ווייבערישע רייד זיך געטראָגן איבער דער גאַנצער שטוב. קסעניאַ האָט געזאָגט.

— מאָסקווע איז געפאַלן. די דייטשן זענען שוין אין מאָסקווע!

פּאָליאַ און יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָבן אויף איר געקוקט מיט נייגעריקייט און אויפרעגונג. זיי האָבן געפילט, אַז עפּעס איז מיט קסעניאַן געשען. די מעשה וועגן דעם ווי דער דייטשישער גענעראַל יאַכים שולץ האָט דעם באַנדוריסט געהייסן שפּילן און זינגען און ער אַליין האָט אויך אין דער רוסישער שפּראַך מיטגעזונגען, האָט זיך איבער ביידע זייטן טייך

פון דעם גאַנצן דאָרף צעטראָגן. און אויך ווי דער גענעראַל האָט ביז גאָר פריינדלעך און „פאַרליבט“ מיט קסעניאַן גערעדט, האָט מען איבערן דאָרף, פון שטוב צו שטוב, צעטראָגן. ווי פייער־פלאַקערדיקע פייגל וואָלטן איבער דעם דאָרף אומגעפלויגן און די נייעס צעפּויקט, אַזוי האָט מען גערעדט אין יעדן דאָרפיש הויז:

— געהערט?...

— יאָ, געהערט!...

— קסעניאַ און דער גענעראַל...

— יאָ, דער גענעראַל און קסעניאַ...

יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט אַ געשריי געטאָן:

— עס איז אַ ליגן! מאָסקווע איז נישט געפאַלן. מען האָט די דייטשן פון מאָסקווע אָפּגעטריבן! גלייב נישט, קסעניאַ, וואָס דער דייטש רעדט דיר איין!

קסעניאַ האָט אָבער געוואָלט גלייבן אין אַלץ וואָס דער דייטשישער גענעראַל האָט איר געזאָגט, און דערפאַר האָט זי געענטפערט:

— איך זאָג דיר, קאַטיאַ, אַז דאָס איז אַן אמת! אָט וועל איך מאָרגן גיין צום גענעראַל און איך וועל אַפילו פון אים באַקומען אַ פּראָפּוסק אויף צו פאָרן קיין מאָסקווע, און פיליכט וועל איך אויך אייך קענען העלפן...

— ניין, קסעניאַ, טו דאָס נישט! — האָט זיך ביי איר פאַליאַ געבעטן, — די דייטשן וועלן זיך נאָך דערוויסן וועגן מיר זענען...

— אַז דו ווילסט נישט, דאַרף מען נישט, — האָט קסעניאַ אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, — פיליכט איז טאַקע גלייכער, אַז דו זאָלסט זיך וואַליקער וואַרפן אין די אויגן פאַר די דייטשן, כאָטש דו זעסט גאָרנישט אויס ווי קיין ייִדישקע, דאָך, אייער נאַציע איז אַזאַ, אַז מען דערקענט אייך באַלד, אַפילו ווען איר ווילט זיך פאַרשטעלן פאַר נישט־ייִדן. איר קענט פון זיך נישט אַנטלויפן!...

— קסעניאַ! — האָט פאַליאַ אויסגעשריגן מיט פאַרדראָס, און שוין מער קיין וואָרט נישט געקענט זאָגן. זי איז ווי אַ פאַרשטיינערטע געבליבן זיצן אויפן אָרט.

קסעניאַס מוטער האָט פאַליאַן אַרומגענומען און זי געטרייסט.

— גאָלובושקאָ טייערע, קסעניאַ האָט דאָך נישט געמיינט דיך צו באַ־ליידיקן!

יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— קסעניאַ, איך בעט דיך, גיי נישט צו דעם גענעראַל. ער וועט דיר קיין שום פּראָפּוסק נישט געבן. גלייב מיר, איך קען זיי, די דייטשן... ער וועט דיך נאָר אויסנוצן. זיי זענען כיטרע ליגנערס!

— דו, קאַטיאַ, פאַררעד מיר נישט די ציין, — האָט קסעניאַ פּלוצים אַ זאָג געטאָן, — אַלע זענען ליגנערס! ווער עס קען, דער נאַרט! דיין מאַן, קאַטיאַ, און דיין מאַן, פאַליאַ, און מיכאַיל, אַלע, אַלע זענען ליגנערס!... וואָס מיינסטו, פאַליאַ, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן דעם באַנקעט אין קרעמל? אָ, ניין, איך וועל די־אָ חתונה דאָרטן קיינמאָל נישט פאַרגעסן!... אַ גרויסער מענטש, נאָך גרעסער פון אַ גענעראַל האָט מיך פאַרנאַרט צו זיך... נו, איז דען נישט אַלציינס צי אַ גרוזינער צי אַ דייטש וועט מיך אויסנוצן?... — זי האָט זיך צעשריגן: — דו, פאַליאַ, מיט וויפל מענער ביסטו שוין איבער־געשלאָפן?... האָסט זיך אַפילו באַרימט פאַר מיר!... נו, און מיט מיכאַילן, דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט, אַז אויך מיט אים ביסטו זיך דורכגעשלאָפן!... און דו קאַטיאַ, יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, אַ טאָכטער פון אַ גראַף, אַ דוואָ־ריאַנין האָט זיך פאַרקויפט צו אַ פּראָסטן רוסישן קאַצאַפּ, נאָר דערפאַר ווייל ער איז אַ גרויסער קאָמיסאַר, אַ וויכטיקער מיליטערמאַן, אַ קאַריע־ריסטישער קאָמוניסט. אַן אַריסטאָקראַטקע איז געגאַנגען שלאָפן מיט אַ פּראָסטן זשלאָב, פאַרוואָס? פאַר ליבע? אָ, ניין!... און וואָס ביסטו אַזוי מי־כאַילן געטריי?... אַהאַ, ווייל ער איז יונג און שיין!... נו, און איצט גיט איר מיר אַ לעקציע פון מאָראַל, איצט איז שוין אָבער צו שפּעט. איר זעט דאָך, אַז דער גאַנצער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז שוין ביי די דייטשן אין די הענט! — זי האָט אויסגעזעצט אין אַ היסטערישן געלעכטער: — ראַטעוועט זיך, ווער עס קען!...

פאַליאַ האָט זיך אויך אויפגעהויבן. זי האָט געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— פאַרפאַלן! דער וואָס האָט געקענט לעבן מוז אויך קענען שטאַרבן! איך האָב נישט קיין מורא.

עפּעס האָט זיך ביי קסעניאַן אין בויך אַ דריי געטאָן, גלייך ווי די קיש־קעס האָבן זיך דאָרט איבערגעקערט. זי איז געוואָרן געל. באַלד איז זי צו זיך געקומען. זי האָט אַ שפּרונג געטאָן צו פאַליאַן און זי אַרומגענומען.

— טייערע, האָב נישט קיין מורא, איך וועל דיך נישט פאַרראַטן!

ווען פאַליאַ און קאַטיאַ זענען אַוועק און קסעניאַ מיט איר מוטער זע־נען איינע אַליין געבליבן, האָט די מוטער ביי איר געפרעגט:

— זאָג מיר דעם אמת קסעניאַ, איז שוין טאַקע אויס סאָוועטן־מאַכט?...

— אויס, מאַמאַ, אויס מיט דער סאָוועטן־מאַכט!...

די מוטער איז אַוועק אין אַ צווייטן צימער מיט אַ געוויין און קסעניאַ איז אַ רויִקע זיך געגאַנגען לייגן שלאָפן.

אויפן אַנדערן טאָג איז זי אַוועק צום גענעראַל.

יאָכים שולץ האָט נאָך איידער ער האָט זיך באַגעגנט מיט קסעניאַן אין גאַס, לעבן דעם דאָרפישן באַנדוריסט, שוין געהאַט אַ באַפעל זיך צוריקצוקערן קיין בערלין אויף זיין נייעם אַמט, ווייל ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער דירעקטאָר פון די רוסישע אַרכיוון, דאָקומענטן און פאַרמעגנס ביי דער „געסטאַפּאָ". עס האָט געזאָלט הייסן, אַז דאָס איז אַ פרידלעכער און רעספּעקטירטער אַמט פון אַ מין וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער. די דייטשישע אַרמייען, די ס־ס־טרופּן און די געסטאַפּאָ האָבן געהאַט פאַרכאַפּט אין די אָקופּירטע שטעט און דערפער פון רוסלאַנד, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, קרים, קאַווקאַז און מאָלדאַוויע זייער פיל געהיימע קאָמוניסטישע און רעגירונגס־דאָקומענטן. מען האָט באַדאַרפט האָבן אַ מענטשן, וואָס זאָל זיך קענען פונאַנדערקלייבן אין די רוסישע קאָמוניסטישע אויסדרוקן, קאַנצעלאַריע־שפּראַך און געהיימע קאָדן. קיין בעסערער קאַנדידאַט ווי שולץ האָט זיך צו דעם־אָ אַמט נישט געפּאַסט. דערפאַר איז טאַקע דער גענעראַל אין יענעם טאָג געווען גוט אויפגעלייגט.

גענעראַל שולץ, כאָטש ער האָט נאָך אויסגעזען יונג און בראַוו, האָט ער זיך שוין דאָך פון אַ לענגערער צייט אָנגעהויבן צו פילן געעלטערט און ד'ערצו נאָך איינזאַם. דער נייער אַמט, אויף וועלכן ער איז באַשטימט געוואָרן, וועט פאַר אים שאַפן אַ מעגלעכקייט, אַז ער זאָל פאַר זיך איינפירן אַ שטילע רויִקע היים. ער האָט געגלייבט אין דעם זיג פון די דייטשן איבער רוסלאַנד. ער האָט געגלייבט אין אַ נאָענטן פרידן. עס האָט זיך אים געבענקט נאָך אַ שטילער רו, נאָך אַ וואַרימער געמיטלעכער היים, מיט אַ ווייב און קינד. פון די פיל דייטשישע מיידלעך און ווייבלעך וואָס ער האָט געקענט איז אים קיין איינע צום האַרצן נישט געווען, און גראַד קסעניאַ, די רוסישע פרוי מיט אַ קינד אָן אַ מאַן, איז אים געפעלן געוואָרן.

ווען קסעניאַ איז צו אים געקומען אויפן צווייטן טאָג האָט ער אויף איר מער נישט געקוקט מיט אַ חיהשן באַגער. ער איז געווען רויִקער און ער איז זיך באַגאַנגען מיט איר מיט פיל טאַקט. דער ווילן זי צו האָבן איז געווען אין קעגנזאַץ פון נעכטן, ווען ער האָט צוליב דעם צוועק פאַר איר־

אַ ליגן געזאָגט. איצט האָט זיך אים געוואָלט רעדן מיט איר אָפֿן און איר זאָגן דעם אמת. ער האָט דערשפּירט, אַז גראָד דאָס איז דער ריכטיקער וועג צו איר האַרץ.

— אַנטשולדיק, קסעניאַ! — האָט ער איינפֿאַך געזאָגט, — עס איז אַ ליגן, מאָסקווע איז נישט אין אונדזערע הענט, כאָטש מאָסקווע איז היפּש־לעך צעשטערט, אָבער מיר האָבן געמוזט אָפּטרעטן. איך גלייב אָבער, אַז מאָסקווע, ווי גאַנץ רוסלאַנד, וועט זיין גאָר גיך דייטשלאַנדס!... דערווייל קיין פּראָפּוסק, קיין שיין, צו פֿאָרן קיין מאָסקווע קען איך דיר נישט געבן. איך קען גאָרנישט נישט טאָן פֿאַר דיר אין דעם־אַ מאָמענט!

קסעניאַ איז געזעסן אַנטקעגן אים אַ רויִקע, כאָטש דאָס האַרץ האָט איר שטאַרק געקלאַפּט. זיין באַנעמונג, זיין אינטים רעדן צו איר איז איר געפֿעלן.

— אַ דאַנק פֿאַר דער אָפֿנהאַרציקייט, גענעראַל!

— רוף מיך שולץ, אָדער אַפֿילו יאָכים, אויב דו ווילסט!

— אָ, ניין! — האָט זי מיט צוריקגעהאַלטנקייט געזאָגט.

— פֿאַרוואָס? הער זיך צו, קסעניאַ. איך האָב ווייניק צייט. נאָך מאָרגן מוז איך אָפּפֿאָרן פֿון דאַנען. — ער האָט גענומען איר האַנט אין זיינער און זי זייער איידל געגלעט, — איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר גלייבן. און אויב דו וועסט נישט זיין איינשטימיק מיט מיר, וועל איך דיך נישט צווינגען מיין ווילן צו טאָן. עס וועט מיר זייער וויי־טאָן, אויב דו וועסט נישט איינ־שטימיק זיין מיט מיינע ווונטשן און מיט מיינע געפֿילן. עס איז אַ ווונטש מיינער, דער איינציקער ווונטש אפשר, וואָס איך וויל, אַז ער זאָל פֿאַר־ווירקלעכט ווערן אָן שום צוואַנג... מען רופֿט מיך צוריק קיין בערלין. דאַנ־קען גאָט, פֿאַר מיר זענען שוין אַלע מלחמות פֿאַרענדיקט. פֿון איצט אָן, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וועל איך האָבן אַ שטילע, אַ רויִקע און אַ רעספּעקטירטע טעטיקייט. פֿאָר מיט מיר קיין בערלין, קסעניאַ. איך צווינג דיך נישט, איך בעט דיך נאָר, פֿאָר מיט מיר!...

קסעניאַ האָט אויף אים געקוקט מיט אַזאַ נייגער ווי אויף עפּעס אַ ווונדער פֿון דער וועלט. דאָס ביסל פּסיכאָלאָגיע וואָס זי האָט געהאַט גע־לערנט אין דער מאָסקווער הויכשול, ווען זי האָט געוואָלט זיין אַ דאָקטער, האָט איר ווינציק וואָס געהאָלפֿן. אָבער די פֿיל איבערגעזעצטע אַלטמאָדי־שע בולוואַר־ראָמאַנען, וואָס זי האָט געהאַט באַוויזן אין מאָסקווע צו לייע־נען, האָבן איר געמאַכט צו גלייבן, אַז אַזאַ טיפּ מענטש ווי דער דייטשישער

גענעראַל איז פּאַרט מעגלעך צו באַגעגענען און אַז זײַנע רייד זענען ער־לעכע און איבערצײַגנדיקע. זי האָט זיך געצווונגען צו גלייבן אין זײַן אויפֿ־ריכטיקייט. אויב אין די ראָמאַנען איז מעגלעך, אַז אַ פּרינץ זאָל קומען און פֿאַרנעמען אַ דאָרפֿיש מיידל צו זיך אין פּאַלאַץ און פֿאַר איר חתונה האָבן, איז פֿאַרוואָס איז נישט מעגלעך, אַז אַ דייטשישער גענעראַל זאָל אין איר פֿאַרליבט ווערן און ער וויל זי מיטנעמען מיט זיך קיין בערלין?...

זי האָט אים געגלייבט, אָבער זי האָט זיך נאָך שוואַך געוועהרט קעגן אים.

— איך האָב דאָך אַ קינד, איך קען מײַן קינד נישט פֿאַרלאָזן!...

שולץ האָט אין די ווערטער דערפֿילט אַ האָפֿענונג. ער האָט איר האַנט צוגעטראָגן צו זײַנע ליפּן און זי אַ קוש געטאָן.

— איך בין נישט קעגן דײַן קינד. דו פֿאָר נאָר מיט מיר, באַקען זיך מיט מיר נעענטער. איך וועל פֿאַר דיר געזעצלעך חתונה האָבן און דײַן קינד וועט זײַן אויך מײַנס. זאָג יאָ. איך האָב קיין צייט נישט, טײַערע. איך קען נישט וואַרטן. מאָרגן פֿאַרטאָג פֿאָר איך אָפּ.

קסעניאַ האָט איר האַנט פֿון זײַנער נישט אַרויסגענומען. עס איז איר אַפֿילו געווען אָנגענעם וואָס ער האַלט איר האַנט. זי האָט נאָר געזאָגט:

— אַזוי פּלוצים...

— עס איז אַ באַשערטע זאַך, טײַערע.

— דו גלייבסט אין באַשערטקייט? — האָט זי דרייסט און היימיש בײַ אים געפֿרעגט.

— יאָ, איך גלייב אין אַלע באַשערטקייטן!...

פֿאַרטאָג איז שולץ צוגעפֿאָרן מיט זײַן אויטאָמאָביל צו דער שטוב פֿון קסעניאַס עלטערן. צוויי דייטשישע קאַוואַלעריסטן, אויף אָדלער־פֿערד האָבן דעם אויטאָמאָביל באַגלייט. קסעניאַ מיטן קינד אויף די הענט איז אַרויס־געקומען פֿון הויז. דער גענעראַל האָט זי דערזען און ער איז אַרויסגע־שפּרונגען, יונג־בחוריש, פֿון דער מאַשין און איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען. ער האָט איבערגענומען פֿון אירע הענט דאָס שלאָפֿנדיקע קינד און זיך צו־רי‌ק אַרײַנגעזעצט אין דעם אויטאָמאָביל. קסעניאַ האָט זיך געזעצט לעבן אים. דער שאָפֿער האָט געגעבן גאַז און די מאַשין האָט זיך אַ ריס געטאָן און אָנגעהויבן זיך יאָגן איבער די גאַסן פֿון דאָרף אַרויס, אויפֿן וועג צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע, ווו אַ געפּאַנצערטער צוג איז געשטאַנען און גע־וואַרט ביז דער גענעראַל וועט אָנקומען. די צוויי קאַוואַלעריע־רײַטערס זע־נען די גאַנצע צייט נאָכגעלאָפֿן דעם אויטאָמאָביל אַלס וואַכזאַמע באַשיצער.

דאָס דאָרף קראַסנע־באָר איז נאָך געהאַט געשלאָפֿן. דאָס דאָרף איז געווען פֿאַררעכנט אין אַ פֿראָנט־זאָנע און דערפֿאַר האָט קיין שום איינוווי־נער אין דער־אָ פֿריִער שעה נישט געטאָרט עפֿענען קיין טיר און זיך באַ־וויזן אויף דער גאַס. קיינער פֿון די דאָרפֿישע איינוווינער האָט נישט גע־טאָרט וויסן וואָס עס האָט זיך אין דעם פֿרימאָרגן אָפּגעשפּילט. נאָר דער פֿאַרוואָלקנטער הימל האָט אַלץ צוגעזען און די ביימער פֿון די גערטנער זע־נען עדות געווען. און דאָך איז שוין אַ קלאַנג פֿון שטוב צו שטוב דערגאַנ־גען און אַ געשיכטע וועגן אַן אויסטערלישער „ליבע" דערציילט. און גע־ענדיקט האָט זיך די־אָ געשיכטע מיט אַ שטויגענדיקער שושקעריי:

— געהערט?... קסעניאַ איז דאָך מיטן גענעראַל אַנטלאָפֿן!...

— מיטן דייטש?...

— יאָ, מיט דעם אויסוואורף!...

פֿון דאָרף ביז צו דער אייזנבאַן־סטאַנציע, ווו דער געפּאַנצערטער צוג איז געשטאַנען און אויפֿן גענעראַל געוואַרט, איז געווען אַ גוטע צוויי שעה רייזע. אין דער צייט זענען אָנגעפֿלויגן סאָוועטישע עראָפּלאַנען און האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן באָמבעס ערגעץ אין פֿעלד ווו די דייטשישע פּאָזיציעס זע־נען געווען. פֿון די קעגן־לופֿט־קאַנאָנען האָט מען אויף די עראָפּלאַנען גע־שאָסן... די דאָרפֿישע באַפֿעלקערונג האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו די לופֿט־אַטאַקעס און לופֿט־אַלאַרמס. מיט צופֿרידנקייט איז מען זיך געלאָפֿן באַהאַלטן אין די קעלערס פֿון אונטער די הייזער און מען האָט שטיל גע־רעדט:

— אונדזערע עראָפּלאַנען!

— רוסלאַנד לעבט נאָך!

— פֿילייכט וועט מען פֿאַרט די דייטשן באַזיגן!

אַ באָמבע האָט געטראָפֿן אין גענעראַל שולצס אויטאָמאָביל, ווען מען איז געווען האַלב וועג פֿון דאָרף צו דער אייזנבאַן־סטאַנציע. די באָמבע האָט צעשמעטערט דעם אויטאָמאָביל. דער גענעראַל, קסעניאַ און דאָס קינד האָבן זיך געוואַלגערט טויטע אין פֿעלד, אַרויסגעשלײדערטע פֿון דעם ברע־נענדיקן אויטאָמאָביל. די צוויי דייטשישע באַשיצער אויף די פֿערד זענען באַלד צוריקגעלאָפֿן אין דאָרף, און אין אַ גאַלאָפּ זענען זיי צו צום שטאַב און האָבן איבערגעגעבן דעם נייעם קאָמאַנדיר, פּאָלקאָווניק פֿאָן שמאַלץ, וועלכער האָט פֿאַרנומען דעם גענעראַל שולצס פּלאַץ, די טרויעריקע נאַכ־ריכט.

שפּעטער האָט מען די דריי קערפּערס צוריק אין דאָרף געבראַכט. מען האָט געוואָלט האַלטן סוד, אָבער עס האָט זיך נישט איינגעגעבן. אַלע האָבן וועגן דער געשעעניש געוווּסט.

.68

די גאַנצע צייט וואָס מיכל און קריוואָטשאַפּקאַ האָבן געבלאָנדזשעט אין די פּאָליעסיער וועלדער, האָבן זיי זיך צו קיין שפּור פון פּאַרטיזאַנער נישט דערנענטערט. מען האָט דאָ און דאָרט געטראָפן בלאָנדזשענע מענטשן איינצלנע און גרופּעסווייז, וועלכע זענען אויך פון די דייטשן אַנטלאָפן און האָבן אויך געזוכט דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער אָדער צו די פּאָזיציעס וווּ מען זאָל אַריבער צו דער רויטער אַרמיי.

עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַרום מיכלען און קריוואָטשאַפּקאַן ביי אַ צוואַנציק מענטשן. איין גרופּע, בלאָנדזשענדיקע, איז באַשטאַנען פון צוויי מענער און איין פרוי. זיי זענען די גאַנצע צייט געגאַנגען אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, זיך אויפגעפירט אַרויסרופנדיק און געשטאָלצירט מיט דעם וואָס זיי זענען געוועזענע אַרעסטאַנטן, קרימינעלע פאַרברעכער.

קריוואָטשאַפּקאַ האָט די דריי געפרעגט:

— פאַרוואָס זענט איר מיט די דייטשן נישט פאַרבליבן? די דייטשן משפּטן נישט קיין קרימינעלע, נאָר קאָמוניסטן און ייִדן! איר זענט אַ גוטער שטאָף פאַר דער דייטשיש־פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. זיי וואָלטן אייך גערן צוגענומען צו זיך פאַר קאָלאַבאָראַטאָרן!

די פרוי, אַ רויט־האָריקע שיינהייט מיט אַ צעכראַסטעטן בוזעם, האָט אַ מאָדנעם קנאַק געטאָן מיט דער צונג און אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג און געזאָגט:

— מיך האָבן די סאָוועטן אַרעסטירט פאַר פּראָסטיטוציע. זיי האָבן מיך געוואָלט איבעראַנדערשן, די אויסוווּרפן. אָבער איך בין דאָך פאָרט אַ רוסישע. סאָוועטן, קאָמוניסטן, באָלשעוויקעס, דאָס זענען דאָך אַלץ רוסן, מענטשן פון מיין לאַנד! אָבער מיט די פרעמדע פאַרכאַפּערס, מיט די דייטשן וועל איך זיך נישט גיין לייגן!...

איינער פון די צוויי קרימינעלע, אַ יונג מיט אַ פּירקאַנטיקן פּנים און אַ פּאָר אויגן וואָס זענען אים טיף אַריין אונטערן שטערן און פון דאָרט אַרויסגעשטעקט ווי צוויי שטיקלעך שוואַרצע קוילן, האָט זיך צעלאַכט.

— מאַניאַ, אָבער מיט מיר לייגסטו זיך!...

זי האָט אַ שפּיי געטאָן און אויסגעשריגן:

— וואָס באַרימסטו זיך, דו פּאַרשיווער קאַרמאַנשטשיק? אַפילו קיין גנב ביסטו דאָך אויך נישט קיין רעכטער! מען האָט דיר אומזיסט און אומנישט אין דער טורמע עסן געגעבן. ביסט דאָ, אין וואַלד, אַ גאַנצער קנאַקער געוואָרן!... אין שטאָט וואָלט איך דאָך אויף אַזאַ עיפּוש ווי דו זיך נישט אומגעקוקט!...

דער יונג האָט בייז אַ זאָג געטאָן:

— אָט וועסטו זען, מאַניאַ, לאָמיר נאָר צו אַ שטאָט זיך דערשלאָגן, איך וועל אַ באַנק באַראַבעווען!

דער צווייטער יונג, אַ מיטלוווקסיקער, מיט אַ פּאָר פּאַרדרייטע וואָנצעס, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיט שאַרפע שפּיצן, איז אַביסל פאַרזאָרגט געווען.

— עס איז מלחמה, מען הרגעט מענטשן אומזיסט און אומנישט, און דו, מישקאַ, דו רעדסט גאָר וועגן אַ באַנק באַראַבעווען! — און צו קריוואָטשאַפּקאַן האָט ער געזאָגט: — וואָס מיינסטו וואָלטן די דייטשן מיט אונדז געטאָן? זיי וואָלטן אַזעלכע געזונטע יונגאַטשעס ווי מיר זענען דאָס, באַלד געשיקט אויפן פראָנט!... דו האָסט דען נישט געהערט?... די דייטשן האָבן דאָך שוין אָרגאַניזירט אַ „רוסישע באַפרייונגס־אַרמיי" פון געפאַנגענע, דעזערטירן און קרימינאַלן. ניין, ברודער, כאָטש איך בין טאַקע פיל מאָל געזעסן אַרעסטירט פאַר קרימינעלע פאַרברעכנס, אָבער קיין פאַררעטער פון מיין לאַנד בין איך נישט. אמת, איך בין טאַקע אַ גנב, אָבער איך בין אַ רוס, און אויב זיך שוין יאָ שלאָגן און גיין געהרגעט צו ווערן, וועל איך בעסער גיין אין דער רויטער אַרמיי!...

— פּאַווקאַ איז גערעכט, — האָט מישקאַ געזאָגט, — איך קען זיך אָבער נישט אויסדריקן אַזוי שיין ווי ער. ער איז אַ געבילדעטער, דער־אַ פּאַווקאַ סוואָלאָטש, און איך ווייס נישט פאַרוואָס ער איז אַ גנב געוואָרן. ער וואָלט דאָך אַ גרויסער קאָמיסאַר געקענט ווערן!

— אַ קאָמיסאַר?... העם!... — האָט פּאַווקאַ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז צו מאַניאַן צוגעגאַנגען, זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער טאַליע און זי אָפּגעפירט אין אַ זייט.

אַלע האָבן געזען ווי ער האָט דאָס מיידל אַ וואָרף געטאָן אויף דער

ערד. זי האָט אויסגעזעצט אַ ווילדן געלעכטער און מיט נאָך אַ ווילדערער הנאה האָט זי דאָס קלײדל פֿאַרריסן...

— סײַדן דער טיִיול האָט אַזעלכע מענטשן באַשאַפֿן? אַפֿילו פֿאַר די ביימער אין דעם וואַלד וואָלטן זיי זיך באַדאַרפֿט שעמען, בפֿרט נאָך פֿאַר מענטשן!

קיינער האָט אויף קריוואָטשאַפּקאַס באַמערקונג נישט געענטפֿערט.

מען איז געגאַנגען ווייטער, פֿאָרויס, צוריק, אין אַ זייט און ווידער פֿאָרויס. מען האָט געבלאָנדזשעט און עס האָט זיך געדוכט, אַז קיין עק צו דעם אַרומשלעפּן זיך אין וואַלד איז נישטאָ.

נאָך אין די ערשטע פֿאַר טעג, ווען מיכל און קריוואָטשאַפּקאַ זענען פֿון די דײַטשן אַנטלאָפֿן, האָט קריוואָטשאַפּקאַ אַן אײַנגעשפּאַרטער זיך געדריײט אין וואַלד נישט ווײַט פֿון דעם אַספֿאַלטירטן טראַקט, דעם נײַעם וועג וואָס ציט זיך פֿון מינסק ביז מאָסקווע. מיכל האָט נערוועז און אומצופֿרידן זיך געבעטן בײַ אים:

— קום ווײַטער! די דײַטשן וועלן אונדז דאָ באַמערקן. מען דאַרף גיין טיפֿער אין וואַלד, דאָרט ווו די זומפּן און נישט נאָענט צום וועג ווו מיליטערישע אויטאָמאָבילן פֿאָרן אַרום!

— האָסט רעכט, מיכאַיל, אָבער מיר גייען נישט ווײַטער ביז מיר געפֿינען נישט דאָס פּלאַץ ווו דו האָסט דײַן אָרדן מיט דײַנע דאָקומענטן באַגראָבן!

— צוליב וואָס דאַרפֿסטו מײַן אָרדן מיט מײַנע דאָקומענטן?

— צוליב וואָס? נאַר דו אײנער, איצט, אויב די דײַטשן זאָלן אונדז פּאַקן, איז מיט די דאָקומענטן אָדער אָן די דאָקומענטן, וועלן זיי אונדז שיסן. אָבער טאָמער דערשלאָגן מיר זיך צו פּאַרטיזאַנער אָדער צו רויט־אַרמייער טײלן, דאַן אָן דאָקומענטן קען מען אונדז נאָך אָננעמען פֿאַר שפּיאָנען, פֿאַררעטער און אין בעסטן פֿאַל פֿאַר בראָדיאַגעס, וואַגאַבונדן! אָבער מיט די דאָקומענטן וועט פֿאַר אונדז זײַן גרינגער... און... — ער האָט פֿאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן — דו האָסט אַפֿילו נישט באַמערקט, אַז איך האָב אויך מײַנע דאָקומענטן אונטער דעם זעלבן בוים באַגראָבן און צוויי גרויסע שטיינער דאָרט אַוועקגעלייגט, כאָטש איך האָב געזען ווי דו האָסט די ערשטע בוכשטאַבן פֿון דײַן נאָמען מיט אַ מעסער אויף דעם בוים אויסגעקריצט.

— אַך, דו!... — האָט מיכל אויסגעשריגן, — דו ביסט אַ דורכגעטרײ־

בענער פּראַקטישער מענטש, כאָטש דו טראָגסט זיך אַרום מיט מיסטעריע־זע, פֿאַנטאַסטישע און אוטאָפּישע אידעאַלן.

— יאָ, איך פֿלי אין די הימלען מיט מיינע רעליגיעזע און וועלטלעכע אידעאַלן וואָס איך טראָג אין מיין פֿאַנטאַזיע, אָבער אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָב איך ליב צו פֿילן גאָטס ערד אונטער מיינע פֿיס. עס איז זיכערער...

די שפּייז־רעזערוון האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויסצולאָזן און דאָ זע־נען נאָך אַלעמאָל זייער נידעריק איבערן וואַלד אָנגעפֿלויגן דייטשישע עראָ־פּלאַנען, אַזוי נידעריק, אַז זיי האָבן אַזש אָנגערירט די קרוין־שפּיצן פֿון די הויכע גרינע סאָסנעס און די ווייסע בעריאָזעס. מען האָט שוין באַשטימט אויפֿצוגעבן דאָס זוכן און זיך לאָזן אין אַן אַנדער ריכטונג, ווייטער און טיפֿער אין וואַלד, ווען קריוואָטשאַפּקאָ האָט מיט פֿרייד אויסגעשריגן: „אָט איז דער בוים!". עס איז געווען דער בוים מיט די צייכנס „מ" און „ק" און מיט די צוויי שטיינער. מיכל און קריוואָטשאַפּקאָ האָבן גיך אויסגעגראָבן זייערע דאָקומענטן מיט דעם אָרדן און צופֿרידענע האָט מען זיך געלאָזט גיין אין אַן אַנדער ריכטונג.

מען איז געווען פֿאַרמאַטערט און הונגעריק. די באַגעגנטע מענטשן אין וואַלד זענען אויך געווען אין דער זעלבער לאַגע. פֿון צייט צו צייט האָט מען זיך דערנענטערט צו אַן אַרויסגאַנג פֿון וואַלד און ווען מען האָט דערזען אַ דאָרף, האָט מען איינגעשטעלט דאָס לעבן און מען איז אַוועק איבער די היי־זער בעטלען און אַפֿילו ראַבעווען עסנוואַרג. צום גליק האָט מען זיך ביז איצט אויף קיין שום דייטשישע פּאַטרולן נישט אָנגעשטויסן.

אָפּגעגעסן דאָס אָנגעבעטלטע און געראַבעוועטע ברויט און פֿאַרשיי־דענע דאָרפֿישע שפּייז, וואָס מען האָט נאָר אין אַ פּויערישער שטוב געפֿו־נען, האָט מען געפּרוווט כאַפּן אַ דרימל, ליגנדיק באַהאַלטן אין דעם הויכן קאַמיש וואָס וואַקסט אַרויס פֿון דעם זומפּיקן וואַלד־באָדן. און ווען מען האָט זיך אויפֿגעכאַפּט האָט מען געזען, אַז מען איז אַרומגערינגלט פֿון דייטשן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן אין די הענט. דערשראָקן און צעדולט האָט מען געקוקט אויף די דייטשן. עמיצער האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן געשריי. אָבער באַלד איז מען געקומען צו זיך. קיין שום דייטשן זענען גאָר נישטאָ. עס זענען ביימער. און די הענט מיט ביקסן זענען צווייגן פֿון די ביימער. עס איז גאָר געווען אַ ווּיסטער מיראַזש, אַ געדאַכטעניש פֿון אויסגעווייטיק־טע און אָפּגעשוואַכטע מוחות.

מען איז געגאַנגען ווייטער.

מישקאָ „קאַרמאַנשטשיק״, מישקע דער קעשענע־גנב, האָט פון ערגעץ דערטאַפּט אַ קאָמפּאַס און ער האָט זיך דערפאַר געמאָלדן פאַר אַן עלטסטן, אַ „פירער״. דער קאָמפּאַס האָט געוויזן די ריכטונג אויף מזרח, און ער, מישקאָ, האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— פּאָשלי נאַ וואָסטאָק! (מען דאַרף גיין צום מזרח!).

קײנער האָט זיך נישט געשטעלט קעגן דעם יונג מיטן פירקאַנטיקן פּנים, בפרט נאָך, אַז ער האָט געהאַט אַ קאָמפּאַס, אַ זאַך וואָס איז זייער וויכטיק ווען מען בלאָנדזשעט אַרום אין אַ וואַלד און מען ווייסט זיך נישט ווו צו קערעווען. עס איז געווען אַלציינס ווער דער „פירער״ זאָל נישט זיין, אַבי מען זאָל זיך נאָר צו ערגעץ צושלאָגן.

מיט אַמאָל האָט זיך פון וואַלד אַרויסגעזען אַ רחבותדיקע פּאַשע־לאָנקע און אויפן האָריזאָנט האָט זיך בולט באַוויזן אַ דאָרף. מישקע האָט אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער אויף מיכלען און קריוואָטשאַפּקאַן:

— דו און דו, איר ביידע גייט אין דאָרף און ברענגט עסנוואַרג! פון היינט אָן, — האָט ער געזאָגט, — וועט ביי אונדז זיין אָרדענונג. ווען עמען איך וועל הייסן דער וועט גיין קריגן שפּייז פאַר דעם גאַנצן אָטריאַד!

— אָטריאַד? — האָט זיך קריוואָטשאַפּקאָ קעגנגעשטעלט, — דאָס מיינט דאָך אַ מיליטערישע איינהייט! וואָס פאַר אַן אָטריאַד?...

— אַ פּאַרטיזאַנער אָטריאַד! — האָט דער גנב אויסגעשריגן, — און איך בין דער עלטסטער, דער פירער פון דעם אָטריאַד!

— ווען האָט מען דען אַזאַ אָטריאַד אָרגאַניזירט, און ווער האָט דאָס דיך פאַר אַן עלטסטן איבער אונדז אויסגעקליבן? — האָט שוין אויך מיכל זיך אָנגערופן.

עס האָט זיך באַוויזן אַ רעוואָלווער אין מישקאָס הענט. ער האָט מיט אַ ציין־קריצעניש אַ געשריי געטאָן:

— נו, גוט, מיר וועלן אָפּשטימען. ווער איז קעגן מיר זאָל אויפהייבן אַ האַנט! קײנער האָט קיין האַנט נישט אויפגעהויבן. מען האָט מורא געהאַט פאַר אַ קויל אין קאָפּ. דער קרימינאַל מישקאָ קאַרמאַנשטשיק איז אַזוי אַרום איינשטימיק אויסדערוויילט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון דעם ערשט־געשאַפענעם נייעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

מיכל און קריוואָטשאַפּקאָ האָבן שוין איצט געמוזט אויספאָלגן דעם „קאָמאַנדירס״ באַפעל. זיי האָבן זיך ביידע אַרויסגעלאָזט פון וואַלד און זענען אַוועק אין דער ריכטונג צום דאָרף.

דער דאָרף איז געלעגן צעשפּרייט אויף אַ בערגל און האָט מיט זיינע קליינע, הילצערנע הייזער אויסגעזען ווי אַ פּלאַץ מיט צעוואַקסענע שוואַמען. מיכל און קריוואָטשאַפּקאָ האָבן פּאָרזיכטיק און איינגעבויגן זיך דערנענטערט צום דאָרף און זיך אַרומגעקוקט צי קיין דייטשן זענען דאָרט נישטאָ. ביי דער ערשטער כאַטע האָט מיכל אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר. עס איז אַרויסגעקומען אַן עלטערער פּויער מיט אַ צעשפּרייטער באָרד ווי אַ לאָפּעטע. מיכל און קריוואָטשאַפּקאָ האָבן מיט ברייטע זשעסטן אַ פּיר געטאָן פון קאָפּ צו דעם רעכטן אַקסל און זיך אַ בייג געטאָן. נאָכן איבערצלמען זיך האָבן זיי זיך מיט אַ כליפּע צעזונגען:

— פּאַדאַיטיע, כריסטאַ ראַדי!... (גיט עפּעס, אין יעזוסעס נאָמען!...).

דער פּויער האָט אין די־אָ צוויי אָפּגעריסענע מענטשן דערקענט, אַז זיי זענען סאָוועטישע „פּאַרטיזאַנער״, און ער האָט מיט פרייד זיי געהייסן אַריינקומען.

עס זענען אָנגעלאָפן פון אַנדערע הייזער פיל פּויערים און פּויערטעס. מען האָט אָנגעהאָדעוועט די צוויי „פּאַרטיזאַנער״ מיט ברויט, מיט מילך און מיט קעז. מען האָט זיי געגעבן צוויי זעק מיט ברויט, קאַרטאָפל, פלעשלעך מילך, שטיקער קעז און אַביסל ריינע וועש און מען האָט זיי גיך אַרויסבאַגלייט.

— גייט אייך, קינדערלעך, וואָס שנעלער אַוועק פון דאַנען, כל־זמן די דייטשן זענען נישטאָ. זיי כאַפּן זיך זייער אָפט אַריין צו אונדז אין דאָרף. זיי האָבן אונדז געוואָרנט, אַז טאָמער וועלן מיר העלפן פּאַרטיזאַנער וועלן זיי דאָס גאַנצע דאָרף אונדזערס אונטערצינדן און אונדז אַלעמען צעשיסן! גייט אייך, קינדערלעך, וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען און ברענגט אויף אונדז נישט אָן קיין אומגליק!...

מיכל און קריוואָטשאַפּקאָ האָבן געוואָלט אויספרעגן די פּויערים ווי ווייט דער פראָנט איז עס פון דאַנען און וואָס מען הערט וועגן דער טעטיקייט פון די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, און פילייכט ווייסן זיי עפּעס וועגן דער רויטער אַרמיי. אָבער די איבערגעשראָקענע פּויערים, וועלכע האָבן אָנגענומען מיכלען און קריוואָטשאַפּקאַן פאַר אמתדיקע פּאַרטיזאַנער, האָבן רעדן נישט געוואָלט. זיי האָבן נאָר אונטערגעטריבן די צוויי פרעמדע:

— גייט אייך, קינדערלעך!...

— איר זענט דאָך רוסישע מענטשן, ברענגט נישט קיין אומגליק אויף אונדז!

— יעדן טאָג באַווייזן זיך אַנדערע פּאַרטיזאַנער, רוסישע מענטשן, מיר העלפן זיי מיט וואָס מיר קענען. מיר בעטן אייך, האָט רחמנות אויף אונדז און גייט שוין אַוועק. די דייטשן קענען נאָך אָנקומען און דאַן זענען מיר אַלע פאַרפאַלן.

קריוואָטשאַפּקאָ האָט זיך נאָכן עסן ווידער אַמאָל איבערגעצלמט, גע־כאַפּט דעם זאַק אויף די פּלייצעס און געזאָגט צו מיכלען:

— קום! לאָמיר נישט טאָן קיין שלעכטס די־אָ גוטע מענטשן!

מיכל האָט אויך געכאַפּט דעם אָנגעפּילטן זאַק אויף די פּלייצעס, אָפּ־געדאַנקט די דאָרפס־לייט פאַר זייער גוט־האַרציקייט, און איז אַרויס נאָך קריוואָטשאַפּקאַן.

די מענטשן אין וואַלד האָבן באַגעגנט מיכלען און קריוואָטשאַפּקאַן מיט גרויס פאַראַד. זיי האָבן ווי הונגעריקע וועלף זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די געבראַכטע זעק. אָבער דער „עלטסטער" פון דעם געשאַפענעם „פּאַר־טיזאַנישן" אָטריאַד, מיט זיין רעוואָלווער אין האַנט האָט באַלד אָרדענונג איינגעפירט.

— איך וועל צעטיילן דאָס עסנוואַרג פאַר אַלעמען גלייך!

אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר זיין רעוואָלווער. מען האָט שווייגנדיק צוגעשטימט. און דאָ האָט זיך קריוואָטשאַפּקאָ אָפּגערופן באַזונדערס פיי־ערלעך:

— טאָוואַרישטש אַטאַמאַן, דערלויב מיר עפּעס צו זאָגן!

מישקאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם שלאַנקן קריוואָטשאַפּקאָ. ער האָט איצט מער קיין שום האַס צו אים נישט געהאַט. דער פאַנטאַסטיש־אָריענטאַלישער טיטל „אַטאַמאַן", אַנשטאָט עלטסטער, אָדער פירער, איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן.

— זאָג, קריוואָטשאַפּקאָ, וואָס דו ווילסט!

— לאָמיר זיך דאָ נישט פאַרהאַלטן לאַנג. די פּויערים פון דאָרף זאָגן, אַז עס קען נאָך באַלד אָנקומען אַ דייטשישער פּאַטרול. עס איז נישט זיכער דאָ. מען דאַרף גיין טיפער אין וואַלד. דאָרט וועט מען זיך אָפּרוען און עסן.

עמיצער האָט אַ געשריי געטאָן:

— אים איז גוט, ער האָט זיך שוין אָנגעפרעסן אין דאָרף, קען ער אונדז ראָטן צו גיין ווייטער אָן עסן!

— שטיל זאָל זיין! — דער דער „אַטאַמאַן" אויסגעשריגן, — קריוואָ־טשאַפּקאָ האָט רעכט. מען דאַרף זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פון דאַנען.

מען איז געגאַנגען ווייטער אויף מזרח. טיף אין וואַלד האָט מען זיך אָוועקגעזעצט. מישקאַ „אַטאַמאַן“ האָט צעטיילט יעדן איינעם צו שטיקער ברויט, קעז און צו ביסלעך מילך. די מענטשן האָבן געגעסן זשעדנע, געקוקט איינס אויפֿן אַנדערן מיט גרויסע, נייגעריקע אויגן, געמאָסטן יענעמס שטיק ברויט, באַטראַכט די אייגענע פּאָרציע, צי מען האָט אים נישט אָפּגענאַרט, און ווידער זיך איינגעביסן מיט די ציין און געקייט. דאָס פֿאַרבליבענע שפּייז האָט מישקאַ איבערגעגעבן צו זיין חבר פּאַווקאַ, אַז יענער זאָל עס טראָגן. קיין אַנדערן מענטשן האָט מישקאַ די שפּייז נישט אָנגעפּאַרטרויט.

נאָכן אָפּרוען זיך און שטילן דעם הונגער האָט קריוואָטשאַפּקאַ, איינזעענדיק, אַז ער האָט געוווּנען אַ שטיקל אויטאָריטעט אין די אויגן פֿון דעם זעלבסט־געקרוינטן עלטסטן, זיך צוגערוקט צו אים און געזאָגט:

— מישקאַ, פֿאָלג מיך, לאָמיר מאַכן אַ מיטינג און אַזוי צו זאָגן לעגאַליזירן אונדזער געשאַפֿענעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. מיר וועלן טאַקע דיך אויסקלייבן פֿאַר אונדזער עלטסטן, מיטן טיטל אַטאַמאַן. עמיצן וועלן מיר אויסקלייבן פֿאַר דיין געהילף, און דערצו וועלן מיר אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פֿון אונדזער טעטיקייט. פֿאָלג מיר, טו וואָס איך בעט דיך, און זאָל קיינער נישט זאָגן, אַז דו האָסט זיך אַליין, מיט דער מאַכט פֿון דעם רעוואָלווער אין דיינע הענט, באַשטימט פֿאַר אַן עלטסטן איבער אונדז. נו, און וועגן אונדזער טעטיקייט. ווייסט דאָך, אַז אויסער דיר האָט קיינער נישט קיין געווער. און מיט דעם איינעם רעוואָלווער וואָס דו האָסט קענען מיר ווייט נישט אַוועקגיין... און פֿילייכט וויל זיך עמיצער אָפּטיילן פֿון אונדז? מען דאַרף קיינעם נישט צווינגען! און וויפֿל מענטשן זענען מיר איצט? מען דאַרף מאַכן אַ ליסטע. און טאָמער קומען נאָך צו אַנדערע? אַלץ דאַרף מען אויספּלאַנעווען, אויב מען וויל זיין אַן אמת־אָרגאַניזירטער פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד!...

— האָסט רעכט, קריוואָטשאַפּקאַ, — האָט מישקאַ געזאָגט און אויסגעשריגן, — ברידער, עס איז דאָ אַ פֿאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן מאַכן אַ מיטינג און אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פֿון אונדזער טעטיקייט. איך דערקלער דעם מיטינג אָפֿן! איך בין דער פֿאָרזיצער פֿון דעם מיטינג, און דו מיכאַיִל, ווי איך הער ביסטו דאָך אַ שרייבער, אַ פֿאַרפֿאַסער פֿון ביכער, טאָ נאַ, אָט האָסטו דיר אַ שטיק פּאַפּיר מיט אַ בלייפֿעדער און זיי דער סעקרעטאַר פֿון אונדזער ערשטן לעגאַלן פּאַרטיזאַנישן מיטינג!

מיכל האָט גענומען דאָס פּאַפּיר מיטן בלײַער און זיך געהאָרכזאַם צו־געזעצט צו מישקאַן און געפרעגט:

— טאָוואַרישטש אַטאַמאַן, וואָס איז דער טאָג־אָרדענונג?

— יאָ, — האָט מישקאַ געזאָגט, — דער טאָג־אָרדענונג!... נו, גוט. פאַרשרײַב! ערשטנס: די לעגאַליזירונג פון אונדזער פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. צווייטנס: ווער איז דער פירער, מיטן טיטל „אַטאַמאַן" פון דעם אָטריאַד. דריטנס: וועגן דיסציפּלין. פערטנס: אַ פּלאַן פון טעטיקייטן!

אַלע האָבן געשוויגן. קיינער האָט קיין וואָרט קעגן דעם טאָג־אָרדע־נונג נישט געזאָגט. נאָר פלוצים האָט פּאַווקאַ אַ דריי געטאָן זײַנע פאַר־שפּיצטע וואָנסעס און געזאָגט:

— מיר האָבן דאָ איין פרוי. איך האַלט זי לעבן זיך און וויל זיך מיט קיינעם נישט טיילן. מיט דיר, מישקאַ, האָב איך זיך נאָך געמוזט רעכענען. אָבער איצט, אַז עס איז אַ פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד ביי אונדז געגרינדעט געוואָרן און מיר לעבן ווי אין אַ קאָמונע, איז דאַרף מען זיך הייסט עס מיט אַלע טיילן. נו, מיר האָבן אין אונדזער פּאַרטיזאַנקע נאָר איין פרוי און עס איז אוממעגלעך זי פאַר אַלעמען צו טיילן. איז אָט איז מיין פראַגע: דאַרף מאַניאַ באַלאַנגען נאָר צו מיר, צי איך דאַרף זיך מיט אַלעמען טיילן?... ענט־פער אויף מיין פראַגע, אַטאַמאַן!

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ געלעכטער. פּאַווקאַס רייד זענען געווען אי וויציק אי ערנסט. מען האָט געשריגן, געוואַלדעוועט און זיך געחכמהט:

— זאָל מאַניאַ ווערן אונדזער קעכין!

— צו וואָס אַ קעכין? זי איז אַ כוואַט אַ מיידל, זי קען זיך שלאָגן צו־גלייך מיט אונדז!

— און איך דאַרף אַ ווייב!... מיר פעלט אַ... זאָל איך אַזוי לעבן!...

— זיך טיילן, יעדע נאַכט זאָל זי מיט אַן אַנדערן שלאָפן!...

מישקאַ „אַטאַמאַן" האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אַ געשריי גע־טאָן:

—שטיל זאָל זיין! — ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און בייז געשריגן, — דיסציפּלין און אָרדענונג זאָל ביי מיר זיין! און איצט הערט: איך בין אייער אַטאַמאַן, דער אַטאַמאַן פון דעם ניי־אָרגאַניזירטן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אויפן נאָמען... נו, וואָס פאַר אַ נאָמען זאָלן מיר דעם אָטריאַד געבן?... לאָמיר זאָגן אויפן נאָמען פון מאַקסים גאָרקי! אַ גוטער רוסישער מענטש איז גאָרקי, אַ נאַש בראַט, אַ בראָדיאַגאַ אַמאָל געווען!...

נו, און פּאַווקאַ סוואָלאָשטש איז מיין געהילף! און מאַניאַ איז אונדזער ראַט־געבערין!... — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיכלען, — פאַרשרייב, אַז אַלע זענען איינשטימיק מיט מיין פאָרשלאָג!

מיכל האָט זיך געקווענקלט. ער האָט אָבער דערפילט אויף זיך די צוויי שוואַרצע קוילן פון מישקאַס אויגן. זיין פירקאַנטיק פּנים איז געווען פול מיט צאָרן אָנגעגאָסן און רויט ווי אַ בוראַק. זיך שטעלן קעגן דעם־אַ פאַר־שוין האָט ער נישט געוואַגט. ער האָט פאַרשריבן וואָרט ביי וואָרט אַלץ דאָס וואָס מישקאַ האָט אים געהייסן.

— אונדזערע טעטיקייטן! — האָט דער זעלבסטגעקרוינטער „הער־שער" מיטן טיטל „אַטאַמאַן" געזאָגט, — וויפל זענען מיר דאָ פאַראַן? צוויי און צוואַנציק מענטשן און נאָר איין רעוואָלווער און אַ קאָמפּאַס!... ס'איז נישט גוט! אונדזער ערשטע אויפגאַבע איז צו באַפאַלן אַ דייטשישן פּאַטרול מיט שטעקנס, מיט שטיינער און אַפילו מיט די הוילע הענט. מען וועט די באַפאַלענע דייטשן דאַרפן שלאָגן, בייסן, שטיקן און הרגענען. מען וועט ביי זיי צונעמען זייער געווער, און דאָס וועט זיין דער אָנהייב פון אונדזער וואָפן־זאַמלונג. נו, טאָוואַרישטשי פּאַרטיזאַנער, האָב איך רעכט? ווער וויל זאָגן „ניין"?...

זאָגן „ניין" האָט קיינער נישט געוואַגט. דערפאַר האָבן אַלע זיך צע־שריגן: יאָ, דו האָסט רעכט, טאָוואַרישטש אַטאַמאַן!...

— לעבן זאָל אונדזער מישקאַ, אונדזער קלוגער אַטאַמאַן!...

מיכל האָט פאַרשריבן: מיט גרויס פרייד האָט די פאַרזאַמלונג איינ־שטימיק אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון מישקאַ אַטאַמאַן, וועגן באַקומען וואָפן דורך אָנפאַלן אויף דייטשישע פּאַטרולן.

— און איצט, נאָך צוויי לעצטע פראַגן פון דעם טאָג־אָרדענונג, — האָט מישקאַ געזאָגט, — און איך וועל דערקלערן דעם מיטינג פאַר גע־שלאָסן. ווי איך האָב שוין פריִער געזאָגט, איז מאַניאַ באַשטימט פאַר אונד־זער ראַטגעבערין, און ווער עס וועט זי באַלעסטיקן מיט ליבע־גלוסטעניש קעגן איר ווילן, דער וועט באַצאָלן מיט זיין קאָפּ!...

מאַניאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און שעלמיש אַ קוק געטאָן אויף די אָפּגעריסענע מענטשן און אַ שפּיי געטאָן:

— טפו!... קיינער וועט מיך נישט באַלעסטיקן! האָסט נישט וואָס צו זאָרגן, טאָוואַרישטש אַטאַמאַן! אויב איך וועל נישט וועלן וועט קיינער צו מיר זיך נישט טשעפּען, און אויב איך וועל יאָ וועלן וועל איך מיט זיך טאָן

דאָס וואָס מיר וועט זיין צום האַרצן! און דו, מישקאַ, כאָטש דו ביסט איצט דער פירער, דער אַזוי גערופענער אַטאַמאַן פון דעם אַזוי גערופענעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, זאָג איך דיר, אַז ביי מיר אין די אויגן ביסטו נאָך אַלץ מישקאַ דער קאַרמאַנשטשיק, און קיין דעה איבער מיר האָסטו נישט. זאָל מער די פראַגע אויף די מיטינגען פון אָטריאַד נישט באַהאַנדלט ווערן. פאַווקאַ, אַ רוח אים אין די זייטן, האָט אַ וויץ געמאַכט, און די־אַ אייזלען מיינען דאָס ערנסט!...

מישקאַ האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט פון מאַניאַס אַרויסטרעטונג. ער איז אין זיין פאַרגרעבטקייט געווען זייער קלוג און כיטרע און ער האָט געוווסט ווי אַזוי צו פאַרווישן אַ זאַך אַזוי, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט. ער איז דערפאַר באַלד אַריבער צו באַהאַנדלען די לעצטע פראַגע פון דעם טאָג־אָרדענונג. ער האָט אויסגערופן:

— ווער עס וויל נישט בלייבן מיט אונדז אין דעם געשאַפענעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אויפן נאָמען פון מאַקסים גאָרקי, דער קען אַוועקגיין! אָבער עס מוז געטאָן ווערן שוין, נאָך איידער דער מיטינג איז פאַרענדיקט!

אַלע האָבן געשוויגן. קיינער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם־אַ כלומרשטן פאַרטיזאַנישן אָטריאַד. מען האָט נישט געוואָלט, ווייל מען האָט נישט געוווסט וווהין זיך צו קערעווען און וווהין צו גיין. מען האָט זיך געוואָלט האַלטן צוזאַמען, נישט זיין עלנט. און אַזוי ווי שאָף דאַרפן האָבן אַ פּאַסטוך, אַזוי האָבן די מענטשן באַדאַרפט האָבן אַ פירער. זיי האָט ווייניק געקימערט ווער דער פירער איז און מיט וואָס פאַר אַ טיטל ער איז באַקרוינט. די הויפּטזאַך איז דאָס וואָס דער פירער איז אַ שטרענגער מענטש, אַ באַלעבאָס מיט אַ שטאַרקער האַנט. דער מענטש פון דער רוסישער ערד האָט אָן אַ הערשער איבער זיך קיין מאָל לעבן נישט געקענט. אַ רוס, אַז ער האָט צווישן זיינע אייגענע מיט־מענטשן קיין הערשער נישט געפונען האָט ער זיך צו אַ פרעמדן געווענדעט און זיך ביי אים געבעטן: „קום און הערש איבער אונדז". די געשיכטע פון די רוסישע צאַרן באַשטעטיקט דאָס...

אָבער דאָ איז געשען אַ נס.

אַ מענטש וואָס איז געבוירן געוואָרן און דערצויגן געוואָרן אויף דער רוסישער ערד האָט גאָר מער קיין הערשער איבער זיך נישט געוואָלט. ער האָט געוואָלט זיין פריי. ער האָט נאָר נישט געוווסט דעם וועג צו דער פרייהייט. ער האָט אים נאָך געזוכט... אָבער ער האָט שוין פון לאַנג אָן געוואָגט צו וועלן זיין פריי!... און דער־אַ מענטש איז געווען, מיכל, מיכאַיל

קרוגער!... ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעטראָגן דעם אָפּגעשריבענעם פּאַ־פּיר צו מישקאַ דעם "אַטאַמאַן" און געזאָגט:

— דאָס איז דער פּראָטאָקאָל. אַלע דײַנע ווערטער זענען דאָ מיט שוואַרץ אויף ווייס פאַרשריבן. דאָס איז איצט אַ געזעץ! און איך וויל איצט געניסן פון דעם־אָ געזעץ. איך גיי אַוועק! עס איז אַזוי ווי דו האָסט געזאָגט, אַטאַמאַן: „עס מוז געטאָן ווערן שוין, נאָך אײדער דער מיטינג איז פאַר־ענדיקט".

עס איז געווען שטיל. מען האָט געקוקט אויף דעם אָפּגעריסענעם יונג מיט דעם קויטיקן, פאַרוואָקסענעם פּנים און מען האָט אים נישט פאַרשטאַ־נען: וווהין וועט ער דאָס גיין אײנער אַלײן? ער וועט דאָך אומקומען!

קריוואָטשאַפּקאַ איז צוגעקומען צו מיכלען און אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף זײַן פּלייצע. עס האָט זיך געפילט צער אין זײַנע ווערטער.

— מיכאַיל, טו דאָס נישט, גיי נישט אַוועק!...

מיכל האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך געלאָזט גיין. זײַן באַשלוס צו פאַרלאָזן די־אָ קאָמפּאַניע פאַרדעכטיקטע מענטשן איז געווען אַן ענד־גילטיקער, אָבער באַווירקן קריוואָטשאַפּקאַן, אַז ער זאָל מיט אים מיטגיין האָט ער נישט געוואָגט. ער איז געגאַנגען און געפילט אינסטינקטיוו ווי דער רעוואָלווער אין דעם גנבס האַנט צילט זיך צו זײַן נאַקן. אָט־אָט וועט אַ קויל אים אָניאָגן. אָבער עס האָט אים אָנגעיאָגט עפּעס וואָס איז נאָך געווען ערגער פון אַ רעוואָלווער־קויל, אַ וואָרט פון דערנידעריקונג און טיפער באַליידיקונג.

פּאַווקאַ, דער פאַרשוין מיט די פאַרשפּיצטע וואָנסעס, האָט אים נאָכ־געשריגן:

— טרוס, פּחדן, פּייגלינג! דערהערט, אַז מען וועט זיך דאַרפן שלאָגן מיט די דײַטשן האָט ער זיך דערשראָקן! אַזוי־אָ זענען זיי די־אָ פאַרשיווע ייִדן, די זשידעס, דאָס רוסישע ברויט עסן זיי, אָבער שלאָגן זיך פאַר רוס־לאַנד ווילן זיי נישט!...

מיכל איז געגאַנגען ווײַטער. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט. אין זײַנע אויערן האָבן געקלונגען די נאָכגעשרייען: „טרוס, פּחדן, פּייגלינג, פאַרשיווער זשיד".

עס האָט געברענט די שקיעה. פון צווישן די ביימער האָט זיך געזען דער עק הימל צו וועלכן די זון איז פאַרגאַנגען אין אַ רויט־בלוטיקן פּײַער. עס איז געוואָרן קאַלט אין וואַלד. מיכל האָט אײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די

אָקסלען און ציטערנדיק פון קעלט איז ער געגאַנגען ווייטער. אָבער די נאָכגעשרייען: „טרוס, פּחדן, פּייגלינג און פאַרשיווער זשיד" האָבן נישט אויפגעהערט אים צו באַגלייטן. פּלוצים איז אים געוואָרן הייס. אַ שווייס איז גערונען פון זיין פּנים. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אומגעקערט זיך און אַ קוק געטאָן צו דעם קרימינאַל מיט די פאַרשפּיצטע וואָנצעס.

— דו, פּאַווקאַ גנב, דו ביסט אַ העלד ווי יעדער איינער אין דיין גלייכן! שטילערהייט, פון הינטן אַרום קענסטו באַפאַלן. אין דער פּלייצע קענסטו יענעם אַ מעסער אַריינשטעכן. ווען מען זעט נישט, קענסטו עפּעס צוגנבענען!... דו ביסט אַ טרוס, אַ פּחדן, אַ פּייגלינג און אַ פאַרשיווער כאַם! אַפילו דיינע פאַרדרייטע, פאַרשפּיציקטע וואָנצעס האָסטו זיך פאַרלאָזט כדי צוצוגעבן צו דיין פאַרשיוון שרעקעוודיקן פּנים אַביסל קוראַזש! אַ גו, קום נאָר אַרויס מיט די הוילע הענט!... איך רוף דיך אַרויס זיך שלאָגן מיט מיר!... וואָס וואַרטסטו? אַהאַ, האָסט מורא!...

אַ געפּלעפּטער איז פּאַווקאַ געבליבן שטיין און ער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. אויף אַזאַ געוואַגטקייט פון דעם־אָ ייִד, דעם רוסישן שרייבער, דעם פּאַפּירענעם אינטעליגענט, האָט ער זיך נישט גערעכנט.

קריוואָטשאַפּקאַ האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון דער־אָ צעטומלעניש און געזאָגט צו דעם זעלבסט־געקרוינטן פירער פון די „פּאַרטיזאַנער":

— אַטאַמאַן, מישקאַ, הער מיך אויס. כל־זמן דער מיטינג איז נאָך נישט געשלאָסן, האָב איך אויך צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן זיך און וועגן מיין אָרט אין לעבן, אַזוי ווי דער בראַווער מיכאל האָט דאָס געטאָן. איך גיי אויכעט אַוועק! דאָסווידאַניע!...

.69

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיכל און קריוואָטשאַפּקאַ זיך געשלעפּט איבערן וואַלד, אַלץ ווייטער און ווייטער פון די באַנדיטן מישקאַ און פּאַווקאַ מיט זייער פּראָסטיטוטקע מאַניאַ, און מיט זייערע פאַרשקלאָפּטע פאַרבליבענע זיבעצן מענטשן. עס איז אַ שאָד געוועזן וואָס אין דער־אָ באַנדע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן צו רופן „פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד" האָבן זיך געפונען איניקע ערלעכע, פיינע און לייטישע מענטשן, וועלכע האָבן אויס מורא

און שוואַכקייט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך און האָבן זיך געלאָזט באַהערשן פון דעם קרימינעלן דריילינג: מישקאַ, פּאַווקאַ און מאַניאַ.

בייטאָג האָבן זיך מיכל און קריוואָטשאַפּקאַ באַהאַלטן אין די בושעס און אין דעם קאַמיש וואָס האָט געוואַקסן אין דער וואַלדישער זומפּיקייט און מען איז איינגעשלאָפן. אויפדערנאַכט איז מען ווידער געגאַנגען.

מען האָט פאַרלוירן דעם חשבון פון טאָג און נאַכט, פון וואָך און חודש. מען האָט נישט געוווּסט וויפל צייט מען האָט שוין געבלאָנדזשעט אין וואַלד, זינט מען האָט די „פּאַרטיזאַנישע" באַנדע מיט מישקאַ דעם „אַטאַמאַן" פאַרלאָזט. מען האָט אָבער דערהערט פון צייט צו צייט שיסערייען און מען האָט פאַרשטאַנען, אַז מען געפינט זיך ערגעץ נאָענט פון אַ פראָנט, פון די פּאָזיציעס ווו די רוסן און דייטשן האָבן זיך איינגעגראָבן און באַפעסטיקט, צוּוואַרטנדיק אויף באַפעלן אָנצוהייבן די אַטאַקעס, אָדער איבערוואַרטנדיק די שטורמישע רעגנס וואָס האָבן ווי אַ מבול אַזוי אומגעריכט אַ גאָס געטאָן.

די פּלוצימדיקע רעגנס האָבן שטאַרק געטראָפן מיכלען און קריוואָטשאַפּקאַן. מען האָט נישט געקענט גיין נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. עס איז נאָך געווען אַ גליק וואָס קריוואָטשאַפּקאַ, אַלס אַגראָנאָם, האָט זיך אויסגעקענט אויף פיל געוויקסן און ער האָט אויסגעזוכט עסבאַרע וואָרצלען, שוואָמען, ניס און יאַגאָדעס, וועלכע זענען אין אַ גענוגנדיקער צאָל געוואַקסן אין די וועלדער פון דער פּאָליעסיע און ווייטער, אין די וועלדער פון דעם שוואַרץ־ערדיקן רוסלאַנד. מען האָט אויך פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ שטיין אָדער אַ שטעקן אין אַ פויגל און אַ האָז, און אַז עס האָט זיך איינגעגעבן דער „יאַגד" האָט מען געהאַט געבראָטנס צום עסן.

אויפגעהאַלטן האָט מען זיך אין די טעג פון די רעגנס אין אַ „הויז" וואָס מען האָט אַליין אויסגעבויט פון ביימער־צווייגן, גראָז, קאַמיש, אָראָפּגעפאַלענע בלעטער און קאָרע פון ביימער. דאָס „הויז" איז געווען אַזוי הויך און גרויס, אַז מען האָט דאָרטן געקענט נאָר ליגן אויסגעצויגן. דאָך איז מען געווען צופרידן פון דעם, ווייל עס האָט זיי גוט געדינט אין די טעג פון דעם גאָס־רעגן.

ליגנדיק אין דעם־אָ „הויז" אויסגעצויגן אויף דער קאַלטער ערד האָט שוין מיכל חרטה געקראָגן אויף זיין טאַט, פאַרוואָס ער האָט זיך פון דער פּאַרטיזאַנישער באַנדע אָפּגעריסן און זיך געלאָזט איינער אַליין אויף גאַטס באַראָט. נאָך גוט וואָס קריוואָטשאַפּקאַ האָט אים נאָכגעפאָלגט. וואָס וואָלט ער איצט געטאָן איינער אַליין אין דעם אומענדלעכן וואַלד? וואָס וואָלט פון

אים געוואָרן? עס איז אים באַפֿאַלן אַ בענקשאַפֿט נאָך מענטשן, נאָך אַ גע־זעלשאַפֿט. ער האָט געטראַכט וועגן קסעניאַן און וועגן אַלינקאַן, זיין זון. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז לעצטנס האָט ער פֿאַרנאַכלעסיקט זיינע באַציִונגען צו קסעניאַן און צום קינד. ער האָט נישט געשריבן קיין בריוו צו דער צייט און נישט גיך געענטפֿערט אויף די בריוו וואָס ער האָט פֿון קסעניאַן באַ־קומען. ער האָט נאָר געשיקט געלט פֿון ביאַליסטאָק קיין מאָסקווע, גלייך ווי נאָר דאָס געלט וואָלט געווען וויכטיק אין אַ צוזאַמענלעבן פֿון מענטשן, פֿון מאַן און ווייב, וואָס האָבן זיך ליב. ניין, לעצטנס האָט ער קסעניאַן גאָר נישט אַזוי ליב געהאַט ווי אין די ערשטע יאָרן... פֿאַרוואָס?...

ער האָט אַ טאָרע געטאָן קריוואָטשאַפּקאַן.

— שלאָפֿסט, קריוואָטשאַפּקאָ?

— ניין, מיכאַיִל, איך שלאָף נישט! — האָט קריוואָטשאַפּקאָ געענט־פֿערט און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים.

— פֿאַרוואָס זשע רעדסטו צו מיר נישט? עס איז לאַנגווייליק, און איך טראַכט...

— איך, מיכאַיִל, איך טראַכט אויך!

— וועגן וואָס טראַכסטו?

— עט, דו ווייסט דאָך מיינע טראַכטענישן, וועגן דער וועלט...

— און איך, קריוואָטשאַפּקאָ, טראַכט, אַז מיר האָבן נישט געטאָרט זיך אָפּטיילן פֿון די אַזוי גערופֿענע פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן נישט גוט געטאָן.

— האָסט נישט רעכט, מיכאַיִל. מיר האָבן זייער גוט געטאָן. וואָלט דאָס געווען אַן אמתער פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד, דאַן איז עפּעס אַנדערש. אָבער פֿון די באַנדיטן, פֿון דעם ווילדן גנבֿ מישקאָ, זיין פֿריינד פּאַווקאָ און זייער מויד, האָבן מיר זיך געמעגט אָפּטיילן, און עס דאַרף אונדז נישט באַנג טאָן!

— יאָ, זיי זענען טאַקע באַנדיטן, — האָט מיכל אַ זיפֿץ געטאָן, — אָבער זיי זענען דאָך פֿאָרט מענטשן, און זיי האָבן געהאַט אַ ציל. זיי האָבן גע־וואָלט זיך באַגעגענען מיט אמתע פּאַרטיזאַנער אָדער מיט די טיילן פֿון דער רויטער אַרמיי און דאַן צוזאַמען קעמפֿן קעגן די דייטשן.

— יאָ, פֿון אָנהייב אָן האָט עס טאַקע געשיינט אַזוי צו זיין. שפּעטער אָבער, ווען דער־אָ מישקאָ קאַרמאַנשטשיק האָט זיך זעלבסט דערקלערט פֿאַרן עלטסטן, איז שוין נישט מעגלעך געווען צו דערוואַרטן עפּעס גוטס.

עס האָט אַ בליץ אויפֿגעשיינט דעם וואַלד. עס האָבן זיך געהערט

שאָסן פון מאַשין־געווער. דער אָפּגעשוואַכטער רעגן האָט זיך ווידער פאַרשטאַרקט. מיכל האָט זיך צוגערוקט צו קריוואָטשאַפּקאַן, אים אַרומגענומען. קריוואָטשאַפּקאַ האָט זיך אַ הייב געטאָן. ער האָט מיטן קאָפּ זיך אַ שפּאַר־אָן געטאָן אין דער סטעליע פון דעם „הויז" און ער האָט מיט באַדויער אַ קוק געטאָן אויף מיכלען.

— עך, דו, כאָטש דו ביסט אַ קאָמוניסט, צאַנקט נאָך אין דיר אַ פונק פון גוטסקייט. דער קאָמוניזם האָט דיר אָבער זייער פיל צעקריפּלט. ווען אַ מענטש זוכט גוטס אַפילו אין שלעכטיקייט, אַזאַ מענטש וועט סוף־כל־סוף פאַרבלייבן אַ קריפּל אויף זיין גאַנץ לעבן. גוטס קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך גוטס, און פון קיין שלעכטע מענטשן קען מען קיין ביישפּיל נישט נעמען, ווייל אַפילו ווען זיי טוען אַמאָל אַ גוטע זאַך טוען זיי דאָס מיט אַ געוויסער אויסרעכענונג, אַז זיי און נאָר זיי זאָלן פון דעם עפּעס געניסן. דאָס גוטס וואָס זיי טוען איז אַ טייל פון דער שלעכטיקייט וואָס וועט נאָך דעם קומען.

מיכל האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט. ער האָט לאַנג געטראַכט. דער רעגן האָט נאָך געהאַלטן אין איין גיסן. ער האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— דיינע רייד, קריוואָטשאַפּקאַ, הייבן מיר אָן צו ווערן קלאָרער און פאַרשטענדלעכער.

קריוואָטשאַפּקאַ האָט זיך אויך צוריק געלייגט. ער האָט געענטפערט:

— קלאָרער און פאַרשטענדלעכער, אָט דאָס זענען גוטע ווערטער, ריכטיקע רייד! אַלץ פאַרשטיין און באַנעמען קען דאָך קיינער נישט. קלאָרער און פאַרשטענדלעכער, דאָס זענען רעלאַטיווע באַגריפן. קיין אַבסאָלוטקייט עקסיסטירט נישט אין שכל, נישט אין דער פאַנטאַזיע און נישט אין דער נאַטור. אַלץ איז רעלאַטיוו!... — ער האָט נישט דערזאָגט דאָס וואָס ער האָט נאָך געוואָלט מיכלען זאָגן און איז אַוועק מיט זיינע געדאַנקען איבער די לאַבירינטן פון פילאָסאָפיעס און אידייען.

די רעגנס האָבן אויפגעהערט. אַזוי ווי זיי זענען פּלוצים געקומען אַזוי זענען זיי פּלוצים אַוועק. די פּראָסטיקע פאַרטאָגן און די ווינטן האָבן גיך די ערד צוגעטריקנט. בייטאָג האָט די זון געשיינט און דורך די ביימער מיט די אָראָפּגעפאַלענע בלעטער דעם וואַלד באַלויכטן, און צעוואַרעמט די פאַרטריקנטע, צוגעפרוירענע ערד. עס איז געוואָרן בלאָטיק.

מיכל און קריוואָטשאַפּקאַ זענען געווען אויסגערוטע און האָבן געהאַט מער מוט אין זיך. די באַנייטע שיסערייען האָבן עדות געזאָגט, אַז דער

פֿראָנט איז ערגעץ נאָענט און מען דאַרף גײן אין דער ריכטונג פֿון די גע־הערטע שאָסן. אָבער דער ווידער־קול אין וואַלד איז געווען אָפּנאַרעריש, די קלאַנגען פֿון די שיסערייען האָבן זיך ווידערהאַלט פֿון קעגנזײטיקע ריכטונגען פֿון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דער אמתער קלאַנג פֿון די שיסערייען. מען האָט לאַנג געבלאָנדזשעט. מען איז געגאַנגען אַהין און צו־ריק, ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעוווינט צו די ווידער־קולן און מען האָט אָנגעהייבן אונטערצושיידן אַן אמתן שאָס פֿון אַ ווידער־קול. מען האָט גע־כאַפּט די ריכטונג און מען איז געגאַנגען אויפֿן רוף פֿון די שיסערייען.

מיט יעדן שפּאַן פֿאָרויס האָט מען געפֿילט, אַז עס דערנענטערט זיך שוין דער סוף פֿון דער וואַנדערונג. מען האָט נישט געטראַכט וואָס עס וועט זיין ווען מען וועט דערזען די פּאָזיציעס פֿון די דײַטשן אָדער די רוסן. מען האָט געוואָלט וואָס גיכער צוקומען צו זיי אויף דאָן: וואָס עס וועט זיין באַשערט, דאָס וועט זיין. דער אינסטינקט פֿון אַ באַשעפֿעניש איז אַזאַ, אַז ער וויל בלייבן לעבן און ער היט זיך, ער איז פּאָרזיכטיק. איז מען געגאַנ־גען פֿון בוים צו בוים. זיך אָפּגעשטעלט הינטער אַ בוים, זיך אַרומגעקוקט און דאַן איז מען געגאַנגען ווייטער, פֿאָרויס.

דער וואַלד האָט זיך אומבאַמערקט פֿאַרענדיקט. אויפֿן ראַנד, צווישן די ביימער, זענען געשטאַנען קאַנאָנען פֿון שווערער אַרטילעריע. קיין לע־בעדיקן מענטשן לעבן די קאַנאָנען האָט מען נישט געזען. מיכל און קרי־וואָטשאַפּקאָ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און געבליבן ליגן. „ווער איז דאָ, דער דײַטש צי דער רוס?". די קאַנאָנען זענען געשטאַנען שווייגנ־דיקע און זיך נישט אַריינגעמישט אין דעם געפּעכט פֿון ביקסן און מאַשינ־געווער שיסערייען וועלכע האָבן זיך געטראָגן פֿון אַ זײַטיקער ריכטונג, ערגעץ דאָ נישט ווייט, ווו די קאַנאָנען זענען געשטאַנען.

— דאָס איז אַ פּאָזיציע־צושטאַנד און נישט קיין שלאַכט. ערגעץ דאָ נישט ווייט דאַרפֿן זיין אָקאָפּעס, ווו סאָלדאַטן האָבן זיך איינגעגראָבן און וואַרטן אויף אַ באַפֿעל. די קאַנאָנען שטייען גרייטע און וואַרטן אויך אויף אַ באַפֿעל צו עפֿענען אַ פֿייער און צו דעקן דעם אָנגריף.

— זענען מיר ווי באַלד אַזוי פֿאַרקראָכן צו די דײַטשן הינטערן רוקן, — האָט קריוואָטשאַפּקאָ אין אַ טרויעריק־סאַרקאַסטישן טאָן געענטפֿערט.

— אָט דאָ ליגט איצט דער הונט באַגראָבן... ווי אַזוי קריכט מען דורך אומבאַמערקט די פּוסטע שטרעקעס צווישן איין קאַנאָן און דעם צווייטן? מען דאַרף זיך גוט אײַנקוקן און צוּוואַרטן ביז עס וועט ווערן פֿינצטער. אָט

זע איך, אָט דאָ לינקס, צווישן די־אָ צווײ קאַנאָנען אַ פּעלד באַוואַקסן מיט קלעווער. און ווייטער, קוק זיך נאָר גוט צו, אין דער ריכטונג פון די בערג־לעך, מיר דאַכט, אַז איך זע אַ דאָרף!...

— יאָ, אַ דאָרף, קריוואָטשאַפּקאַ.

— איז אָט, אין דער־אָ ריכטונג דאַרפן מיר זיך לאָזן קריכן אויף אַלע פיר, ווען עס וועט ווערן פינצטער. קוק זיך גוט צו, מיכאַיל, לאָמיר פאַר־געדענקען די ריכטונג.

— גוט, קריוואָטשאַפּקאַ, איך קוק זיך גוט צו צו דער ריכטונג...

מען איז אַזוי־אָ אָפּגעלעגן אין דעם גראָז, אונטער אַ בוים, דעם גאַנצן טאָג ביז עס איז פינצטער געוואָרן. מען האָט צוגעלייגט די אויערן צו דער ערד, געמיינט, אַז מען וועט עפּעס הערן אַ געשפּרעך פון די סאָלדאַטן, וואָס באַדינען די קאַנאָנען און ליגן געוויס איינגעגראָבן אין דער ערד נישט ווייט פון די קאַנאָנען. אָבער מען האָט די גאַנצע צייט גאָרנישט געהערט און קיינעם נישט געזען. אַלץ איז פאַרדעכטיקט דאָ געווען. קריוואָטשאַפּקאַ האָט געזאָגט:

— נאַראָנים וואָס מיר זענען. ווען עס איז געווען ליכטיק האָבן מיר זיך באַדאַרפט צורוקן אַביסל נעענטער און זען צי די קאַנאָנען זענען נישט קיין אונטערגעשאָסענע. פּילייכט איז דאָס אַ פאַרלאָזטע פּאָזיציע און קיי־נער איז גאָר דאָ נישטאָ.

— עס איז אוממעגלעך! — האָט מיכל געענטפערט, — דאָ איז אַן אַרטילערישע פּאָזיציע און לויט אַלע סימנים אַ שטאַרק באַפעסטיקטע און אין אַ גוטער אָרדענונג. עס איז מיר נאָר נישט קלאָר וועמעס פּאָזיציע דאָס איז, אונדזערע צי אַ דייטשישע.

— פאַרשטייט זיך, אַז אַ דייטשישע. מיר זענען דאָך אויף דער טערי־טאָריע וואָס איז אָקופּירט פון די דייטשן.

— מיר האָבן אָבער פיל געבלאָנדזשעט און מיר ווייסן נישט אין אַ וועלכער ריכטונג מיר זענען אַוועק. מיר האָבן געקענט גרינג און אומבאַ־מערקט פאַרבייגיין די „סטיקעס", די פּוסטקייטן פון צווישן די פראָנט־לי־ניעס, און אַזוי אַרום זאָלן מיר פּילייכט צוקומען הינטן אַרום צום פראָנט פון דער רויטער אַרמיי.

— דאָס וואָלט אַ נס געווען! — האָט קריוואָטשאַפּקאַ אויסגעשריגן מיט אַ געשטיקטן קול, — עהע, מיכאַיל, ווי איך זע, קומעקעסטו עפּעס יאָ אין מיליטער־זאַכן.

— איך האָב זיך אַמאָל געלערנט אין אַ מיליטער־אַקאַדעמיע, כאָטש מיר האָט קיין מיליטערישע קאַריערע נישט געשמעקט, עס איז געווען אַ צופאַל אַזאַ... נו, איז פאַרט עפּעס פון דער לערע אין מיין זכרון פאַרבליבן. נו, און אין אוניווערסיטעט איז דאָך אויך איינגעפירט אַן אָבליגאַטאָרישער מיליטערישער לימוד. דו, ווייסט דאָך גוט, קריוואָטשאַפּקאַ, אַז עס מאַכט נישט אויס צי דו שטודירסט מעדיצין, ליטעראַטור, אַגראָנאָמיע אָדער טעכ־נאָלאָגיע, דו מוזסט אָפּגעבן עקזאַמענעס אויף מיליטערישער דיסציפּלין צוגלייך מיט די עקזאַמענעס פון דעם פאַך אויף וועלכן דו שטודירסט, אַן דעם קען מען דאָך נישט פאַרענדיקן קיין הויכשול. איך האָב דעם ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן אין רעזערוו. און דו, קריוואָטשאַפּקאַ?...

— איך האָב דאָך אויך אין דעם אַגריקולטור־אינסטיטוט געמוזט אוי־סער זריעה,ביימער, פלאַנצן, גראָזן און באָדן אויך די מיליטערישע מאַ־כערייקע דערלערנען. איך האָב אָבער די מיליטערישע קעגנשטאַנדן נישט גענומען ערנסט, מען האָט מיר דערפאַר שיעור מיין דיפּלאָם נישט געגעבן. קוים מיט בויך־ווייטיקן האָב איך אָפּגעגעבן די מיליטערישע עקזאַמענעס און באַקומען דעם ראַנג פון אַ לייטענאַנט אין רעזערוו. פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דעם האָט מען מיר געגעבן מיין דיפּלאָם אַלס אַגראָנאָם. און איך וויל דיר פאַרזיכערן, מיכאַיל, אַז אַן אַגראָנאָם בין איך אַ גוטער.

— איך צווייפל נישט, קריוואָטשאַפּקאַ!

מען איז געלעגן שטיל און מען האָט אַביסל צוגעוואַרט. עס איז געוואָרן שטאָק־פינצטער. מען האָט אָנגעהויבן זיך צו רוקן אויפן בויך און צו קריכן פאָרויס אויף אַלע פיר. מען איז געקראָכן און מען איז באַלד געבליבן ליגן שטיל. מען האָט זיך צוגעהערט, אַרומגעקוקט און מען איז געקראָכן ווייטער. מען איז אַריבער דעם ראַנד פון וואַלד, צווישן דער פוסטער שטרעקע פון צוויי קאַנאַנען. מען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט קריכן אין הוילן פעלד. פּלוצים איז די הוילקייט אָנגעצונדן געוואָרן מיט אַ העלער שיין. פאַסן ליכט פון אַ פּראָזשעקטאָר זענען אין דער פינצטערער נאַכט געפלויגן, געבליבן הענ־גען אין הימל און זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. עס האָבן זיך דערהערט אַ ריי שאָסן פון אַ מאַשין־ביקס און עס איז צוריק געוואָרן פינצטער און שטיל.

מיכל איז געלעגן לעבן קריוואָטשאַפּקאַן און שווער געסאָפּעט. קריוואָ־טשאַפּקאַ איז געלעגן שטיל און נישט געאָטעמט. מיכל האָט אָנגעהויבן קריכן ווייטער. קריוואָטשאַפּקאַ האָט זיך פון אָרט נישט גערירט.

עס איז געווען פינצטער. מיכל האָט אַרום זיך גאָרנישט נישט געזען. ער האָט אויך לעבן זיך זיין פריינד נישט געפילט ליגן. ער האָט שטיל אַ רוף געטאָן: — קריוואָטשאַפּקאַ! — קיין ענטפער איז נישט געקומען. פּלוצים האָט מיכל דערהערט אַ געשפּרעך. ווי אויף כוואַליעס פון לופט אַזוי דייטלעך האָבן זיך צו זיינע אויערן דערטראָגן דייטלעכע רוסישע ווערטער:

„לייג זיך שלאָפן, סערזשאַנט, וואָס פאַר אַ רוח וועט דען דורכן פראָנט וואַגן צו קריכן? עס האָט זיך דיר, סערזשאַנט, נאָר אויסגעוויזן!"

און באַלד איז געקומען אַן ענטפער:

„דאָך דאַרף מען זיין אויף דער וואַך! געוויס האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזן, אַז עמיצער קריכט אַהער. איך האָב צוויי שאָטנס געזען. עך, ברידערלעך, וויפל איז דער שיעור צו ליגן אין דעם־אָ גרוב? עס ווערט נימאס!"...

מיכל האָט פון פרייד זיך צעוויינט און אויסגעשריגן:

— קריוואָטשאַפּקאַ, דאָס זענען אונדזערע, רוסישע, די רויטע אַרמיי!...

— און נאָך העכער, צו דער ריכטונג פון וואַנען ער האָט דעם געשפּרעך פון רוסישע סאָלדאַטן געהערט, האָט ער זיך צעשריגן: — טאָוואַרישטשי, בראַטסי, מיר זענען אייגענע, שיסט נישט! מיר רוקן זיך נענטער צו אייך, שיסט נישט, טאָוואַרישטשי, ברידער!...

אַ קול פון גרוב האָט געפרעגט, שטרענג:

— וואָס פאַר אַן אייגענע, פון וואַנען, ווער זענט איר?!...

מיכל האָט געוויינט און געשריגן:

— העלפט, צוויי מענטשן זענען מיר דאָ. מיין חבר איז דאַכט זיך פאַרוווּנדעט, ער שוויגט, העלפט אונדז, טאָוואַרישטשי, חברימלעך, ברידער, העלפט אונדז!...

אַ טונקעלע שיין פון אַן עלעקטרישער האַנט־לאָמפּ איז געפאַלן אויף מיכלס געזיכט. אַ שטרענג קול האָט באַפוילן:

— הייב אויף די הענט און קום פאָרויס!

מיכל האָט אויפגעהויבן די הענט און איז געגאַנגען פאָרויס אין דער ריכטונג פון דער טונקעלער שיין. לעבן אַ בערגל האָט אים עמיצער אַ שלעפּ געטאָן פאַרן קאַרק און אים אַריינגעצויגן אין אַ גרוב. ער איז געבליבן זיצן צווישן צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן אין די הענט. איינער, וועמען די סאָלדאַטן האָבן טיטולירט אַלס סערזשאַנט, האָט אַ פרעג געטאָן:

— ווער ביסטו?

— מיין נאָמען איז קרוגער. מען רופט מיך מיכאַל קרוגער. איך בין

אַ רוסישער שרײַבער, אַ קאָמוניסט. אַן אָרדן־טראָגער. אָט האָב איך מיט זיך אַלע דאָקומענטן און מײַן אָרדן. איך האָב אַלץ אָפּגעהיט, די גאַנצע צײַט אָפּגעהיט, ווען איך בין געלאָפן פון די דײַטשן.

— ביסט לאַנג געלאָפן! — האָט דער סערזשאַנט פּאַרדעכטיקט געזאָגט און זיך געווענדעט צו אײנעם פון די רויטאַרמײער, — פיר אים צום לײטענאַנט!

מיכל האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. ער האָט אַן אײַנגעשפּאַרטער זיך צעשריגן:

— מײַן חבר, קריוואָטשאַפּקאַ, ער איז געווען מיט מיר די גאַנצע צײַט! ער איז געוויס פאַרווונדעט. איך בעט אײַך, ראַטעוועט אים. ער קען נאָך אָפּגײן מיט בלוט!

דער סערזשאַנט האָט זיך געקווענקלט. דערווײַל איז אַ רויטאַרמײער פון דער אָקאָפּע אַוועק רופן דעם לײטענאַנט און אים זאָגן, אַז מען האָט געפּאַקט עפּעס אַ פאַרדעכטיקטן פאַרשוין... אַנגעבויגן אין דרײַען האָט זיך אין דער אָקאָפּע דורכגעדרוקט אַ פיגור און געבליבן שטײן אַקעגן מיכלען. דאָס איז געווען דער לײטענאַנט. ער האָט אויסגעהערט די גאַנצע פּאַסירונג און באַלד געזאָגט:

— מיכאַיל קרוגער? איך האָב אײערע ביכער געלײענט! קומט מיט מיר, טאָוואַרישטש קרוגער, איך וועל אײַך אָפּפירן צום שטאַב פון דער אַרמײ!

— אַ דאַנק אײַך, טאָוואַרישטש לײטענאַנט, — האָט מיכל מיט אַ ציטערדיק קול אָפּגעענטפערט, — איך מוז אָבער וויסן וואָס מיט מײַן פרײַנד איז געוואָרן. ער ליגט דאָ ערגעץ נישט ווײַט פון דער אָקאָפּע. איך וועל נישט רוען ביז וואַנען איך וועל נישט וויסן וואָס עס איז מיט אים געשען!

— גיט אים אַ רוף, — האָט דער לײטענאַנט געזאָגט, — אויב ער לעבט און ער איז נישט שטאַרק פאַרווונדעט וועט ער ענטפערן.

מיכל האָט אויסגעשריגן רופנדיק: — קריוואָטשאַפּקאַ! האַ־האָ־האָ! קריוואָטשאַפּקאַ!...

עס איז געווען שטיל. קײן שום ענטפער איז נישט געקומען.

דער לײטענאַנט האָט אַ זאָג געטאָן:

— טאָוואַרישטשי, צוויי וואָלונטירן דאַרף איך. ווער פון אײַך וועט זיך אונטערנעמען אַרויסצוקריכן פון דער אָקאָפּע און אַ זוך טאָן אין דעם

גראָז, אַרום און אַרום, פּילייכט וועט זיך איינגעבן צו געפינען דעם געבלי־בענעם דאָרטן?

— דערלויבט מיר, טאָוואַרישטש לייטענאַנט. איך געדענק די ריכטונג אין וועלכער איך האָב פון מיין מאַשין־ביקס געשאָסן, ווען איך האָב פאַר־דעכטיקטע שאָרכן דערהערט און צוויי שאָטנס אין דעם גראָז באַמערקט.

— וואָס קאַק! — האָט דער לייטענאַנט אַ געשריי געטאָן, — שנעל קריך אַרויס און ברענג מיר דעם מענטשן!...

דער סערזשאַנט איז אַרויס פון דעם גרוב. מען האָט געהערט ווי ער איז פון יענער זייט, ער קריכט איבער דער ערד און שאַרט מיט די הענט. עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. דערנאָך האָט זיך ווידער דער־טראָגן אַ קריכן איבער דער ערד. דאָס מאָל איז דאָס קריכן געווען לאַנג־זאַם און שווער. מען האָט געקענט פילן, אַז דער סערזשאַנט שלעפּט עפּעס מיט זיך אַ מין שווערע מאַסע. באַלד האָט זיך אין דער אָקאָפּע אַריינגע־וואָרפן דער סערזשאַנט צוזאַמען מיט אַ צווייטן מענטשן. דער מענטש איז געלעגן אויף דער ערד און דער סערזשאַנט איז געשטאַנען איבער אים און שווער געסאָפּעט.

מיכל האָט זיך איבערגעבויגן איבער דעם קערפּער און אַ שווייגנדיקער זיך איינגעקוקט אין דעם פּנים. ער האָט שטיל אַ זיפץ געטאָן: „קריוואָ־טשאַפּקאַ, פריינד מיינער!“ און זיך באַלד אָפּגעקערעוועט פון דעם טויטן. ער האָט די טרערן געשלונגען אין זיך. די נשמה האָט אין אים געוויינט.

.70

דער וועג צום שטאַב איז געווען אַ ווייטער און אַ שווערער. דאָס קליינע דאָרף ווו דער שטאַב פון דער אַרמיי האָט זיך געפונען איז געווען אין דער לאַנקע און די בלאָטעס נאָכן רעגן האָבן זיך נאָך דאָ נישט אויסגעטריקנט. דער וואָגן מיט די צוויי פערד האָט זיך געשלעפּט לאַנגזאַם איבער דעם צערונענעם וועג. מיכל איז מיט דעם לייטענאַנט געזעסן אין וואָגן און אַקעגן זיי איז געזעסן אַ רויטאַרמייער וועלכער האָט געהאַלטן אַן אָנגעלאָדענע ביקס. אַ צווייטער סאָלדאַט, וועלכער איז געזעסן אויף דער קאָזלע און האָט אָנגעטריבן די פערד, האָט אויך געהאַלטן לעבן זיך אַן אָנגעלאָדענע ביקס. דער לייטענאַנט האָט זיך באַצויגן פריינדלעך צו מיכלען, דאָך האָט זיך מיכל געפילט ווי אַ געפאַנגענער וועמען מען מוז אָפּפירן צו דער הויפּט־קוואַר־

טיר פֿון שטאָב. וואָס זיין גורל וועט זיין ווייסט ער נישט. יעדנפֿאַלס האָט ער איצט וועגן זיין גורל נישט געטראַכט. קריוואָטשאַפּקאַ איז אים געשטאַנען פֿאַר די אויגן, און אינעווייניק, אין אים, האָט זיין נשמה קריוואָטשאַפּקאַן באַוויינט. ער האָט דערפֿאַר נישט באַמערקט ווי עס איז געוואָרן טאָג און ווי מען איז אַריינגעפֿאָרן אין דעם בילד־שיינעם דאָרף מיט די איינשטאָקיקע הילצערנע הייזער, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויסגעטיילט אַן איין־און־איינציק צוויי־שטאָקיק הויז.

דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיכל איז געבליבן זיצן אין וואָגן אַ באַוואַכטער פֿון די צוויי רויטאַרמייער, וועלכע זענען מיט אים מיטגעפֿאָרן. דער לייטענאַנט איז אַריין אין הויז. ער האָט זיך דאָרט לאַנג געזאַמט. אויבן, פֿון צווייטן שטאָק, האָט זיך צעעפֿנט אַ פֿענצטער. אַ מילדער פֿרויען־געזיכט האָט זיך אין דעם פֿענצטער באַוויזן. מיכל האָט אויף זיך דערפֿילט דעם וואַרעמען גלעט פֿון אַ מיידלשן בליק. ער האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ און זיך באַגעגנט מיט אירע אויגן. זי האָט גלייך אין זיין פּנים אַריינגעקוקט. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. באַלד איז אַרויסגעקומען דער לייטענאַנט. מיכל איז אַראָפּ פֿון וואָגן. דער לייטענאַנט האָט געזאָגט:

— קום מיט מיר. דער מאַרשאַל איז ערשט אויפֿגעשטאַנען. זיין אַדיוטאַנט האָט געהייסן דיך אַריינפֿירן. ער האָט דעם מאַרשאַל איבערגעגעבן דיינע דאָקומענטן.

מיכל האָט זיך געלאָזט גיין צום הויז. דער לייטענאַנט איז אים נאָכגעגאַנגען האַלטנדיק זיין אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער אין האַנט. מיכל האָט געעפֿנט די טיר. אַ סאָלדאַט איז געשטאַנען אויסגעצויגן אויף דער וואַך. דער אַדיוטאַנט פֿון דעם מאַרשאַל איז אים געקומען אַקעגן און אַן אויסטערלישע סודותדיקייט האָט פֿון זיין פּנים אַראָפּגעשמייכלט. ער האָט מיכלען אָנגעוויזן אויף אַ טיר און געזאָגט:

— טאָוואַרישטש קרוגער, פּאַזשאַלויסטאַ, דער מאַרשאַל וואַרט אויף אייך!

פֿון דעם־אָ אויפֿנאַם האָט ביי מיכלען זיך עפּעס אַ ריס געטאָן אין האַרצן. דער לייטענאַנט האָט פֿאַרשעמט אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער אין קאַבור און געבליבן אַ צוגעקאָוועטער צום אָרט. מיכל האָט מיט האַרץ־קלאַפּעניש צעעפֿנט די טיר. מאַרשאַל איוואַנאָוו איז אים געקומען אַקעגן מיט צעשפּרייטע הענט.

— מיכאַיל!...

— טאָוואַרישטש מאַרשאַל!...

ביידע מענער האָבן זיך אַרומגענומען און זיך געשטיקט מיט טרערן פון פרייד.

— —

ערשט איצט האָט מיכל דערפילט ווי שוואַך און צעשרויפט ער איז. ער האָט זיך אויסגעבאָדן, אַרומגעראַזירט און איבערגעטאָן ריין וועש און איז אַריין אין בעט, אויף אַ ווייך און זויבער־ציכטיקן געלעגער. זיין קער־פער, אויסגעמאַטערט פון וואַלגערן זיך אין די וועלדער און שלאָפן אויף דער הוילער ערד, האָט באַלד ווי ער האָט דערפילט די אָנגענעמקייט פון אַ באַקוועמען געלעגער, נאָכגעגעבן. מיכל איז אָפגעשלאָפן צוויי טעג און צוויי נעכט אָן אויפהער.

אויפגעכאַפּט האָט זיך מיכל אַ געזונטער און אַן אויסגערוטער. ער איז געווען שטאַרק הונגעריק. אויף אַ בענקל, לעבן בעט, איז געזעסן סאָניאַ. ער האָט דערזען דאָס מיידל און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז איוואַנאָוו האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר די באַלעבאָסטעס פון דעם הויז, פאַר די צוויי שוועסטער, און דאָס איז די יינגערע, סאָניאַ. דאָס צימער, אויפן צווייטן שטאָק, אין וועלכן ער געפינט זיך איצט, האָט מען אים אָפּ־געגעבן. עס איז איצט זיין צימער. איז וואָס טוט דאָ דאָס מיידל? ער האָט נישט געוווסט וואָס צו זאָגן, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: — גוט מאָרגן!...

אויך זי האָט געפרוווט אַ שמייכל טאָן. זי האָט געפרעגט: — ווי פילט איר, טאָוואַרישטש קרוגער?...

מיכל האָט אין איר דערקענט אַ מענטשן, אַ פרוי צו וועלכער ער האָט אַ טיפע בענקשאַפט. ער האָט זי שוין ערגעץ אַמאָל געזען. עס איז נישט זי, אָן אַנדערע... אָבער זי איז ווי די אַנדערע... זי איז אים געפעלן. און פלוצים האָט ער אַ ציטער געטאָן. „מאַרוסיאַ", דאָס האַרציקע מיידל, מאַריאַ, וועמען די „טשע־קאַ" אין אָדעס האָט מיט יאָרן צוריק דערשאָסן, די פאַר־טיזאַנקע, די אידעאַליסטישע קאָמוניסטקע, זי איז דאָ ווידער מיט אים. ער האָט זיך אַ רייב געטאָן דעם שטערן. סאָניאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און צוגעלייגט איר וואַרימע האַנט צו זיין קאָפּ, און איצט שוין ערנסט און מיט אומרו געפרעגט:

— ווי פילט איר, טאָוואַרישטש קרוגער?

ער האָט גענומען איר האַנט אין זײַנער, אַרײַנגעקוקט אין אירע אויגן.

— איך פֿיל אויסגעצייכנט, טאָוואַרישטש סאָניאַ! וואָס איז דען, מען האָט געמיינט, אַז איך בין קראַנק?

— יאָ, מאַרשאַל איוואַנאָוו האָט געמיינט. איר שלאָפֿט שוין צוויי טעג אָן אויפֿהער...

— צוויי טעג?

— יאָ, צוויי טעג און צוויי נעכט. עס איז שוין דאָ געווען אַ דאָקטער, אײַך באַטראַכט, געזאָגט, אַז איר זענט געזונט, נאָר מיד און מען זאָל אײַך לאָזן זיך אויסשלאָפֿן. דאָך, האָט דער דאָקטער געזאָגט, אַז פֿון צײַט צו צײַט זאָל מען אַרײַנקומען אַהער און אַ קוק טאָן צו אײַך. ער האָט געזאָגט, אַבי איר האָט נישט קיין היץ וועט אַלץ זײַן גוט!

— אַזוי?... — האָט זיך מיכל געוווּנדערט, — און דאָס אַלץ איז פֿאַר־געקומען ווען איך בין געשלאָפֿן?...

— יאָ, און מאַרשאַל איוואַנאָוו האָט מיר געהייסן אַכטונג געבן אויף אײַך און אים מעלדן ווען איר וועט אויפֿשטיין. — זי האָט אַרויסגעצויגן איר האַנט פֿון זײַנער, — איך וועל גיין מעלדן.

— אָ, ניין... טאָוואַרישטש...

— סאָניאַ, רופֿט מען מיך!

— יאָ, סאָניאַ!... איך בעט אײַך, גייט נאָך נישט. איך וויל זיך פֿריִער אָפּראַזירן, אַרומוואַשן, און איך בין שטאַרק הונגעריק. אַ גוטע גלאָז טיי, פֿריש ברויט, און פּיליכט עפּעס צובײַסן, איך ווייס אַליין נישט וואָס, אַלץ וואָס איר האָט נאָר, ברענגט אַהער, איך וועל אַלץ עסן!

סאָניאַ האָט גליקלעך אַ שמייכל געטאָן.

— אויסגעצייכנט. מײַן עלטערע שוועסטער, נאַטאַשאַ, וועט פֿאַר אײַך צוגרייטן אַלץ וואָס איר ווילט. זי איז אַ גוטע קעכין. דער מאַרשאַל לויבט איר קאָכן. איר גרייט זיך צו און איך וועל גיין מעלדן, איך מוז דאָך מעלדן, ווייל איר האָט דאָך נישט וואָס אָנצוטאָן. מען דאַרף אײַך ברענגען נײַע קליידער. אײַערע אַלטע קליידער האָט מען פֿאַרברענט.

ער האָט זיך געליבט אין דעם מיידל, אין אירע רייד און אין איר באַ־נעמונג. זי האָט געהאַט שוואַרצע פֿינקלדיקע אויגן און גאָלדיק־בלאָנדע האָר פֿאַרפֿלאָכטן אין צוויי צעפּ. איר פּנים איז געווען רויטלעך און פֿול מיט זון־שײַן, אירע הענט מיט לאַנגע פֿינגער זענען געווען ווי בײַ אַ פּיאַנאָ־שפּי־

לערין. זי האָט געטראָגן אַן איינפאַך ציצן קליידל, און אינגאַנצן איז זי גע־וועזן פול מיט חן.

— זאָל זיין ווי איר זאָגט! — האָט ער צוגעשטימט צו אירע רייד.

סאָניאַ איז אַרויס פון צימער און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט און איז אַוועק אין וואַש־צימער. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער אין דעם צימער געטראָפן פיאָטערן. ער האָט געקוקט אויף דעם יונגן בחור און זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַזוי האָט מאַרשאַל איוואַנאָוו געוויס אויסגעזען צו־ריק מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר. דאָס זעלבע שטרענגע און אין זיך קאָנ־צענטרירטע געשטאַלט, אָבער יינגער, זייער יינגער... דער זון איז אַקו־ראַט ווי דער טאַטע. און נאָך מער האָט מיכלען איצט געחידושט די מאָדנע אוניפאָרם מיט די גאָלדענע עפּאָלעטן אויף די אַקסלען. ווען ער וואָלט נישט געוווּסט, אַז דאָס איז פיאָטער, מאַרשאַל איוואַנאָווס זון, וואָלט ער געמיינט, אַז אַן אָפיציר פון דער אַלטער צאַרישער אַרמיי שטייט פאַר אים. וואָס פאַר אַ מאַסקאַראַד איז דאָס?...

פיאָטער האָט אויסגעצויגן די האַנט צו מיכלען און אים באַגריסט.

— טאָוואַרישטש קרוגער, איך בין אַזוי צופרידן, אַזוי צופרידן... פּאַ־פּאַ איז אויך צופרידן! מיר האָבן דיך זייער אָפּט דערמאָנט, געמיינט, אַז... נו, אַזאַ צופאַל!... גוט וואָס דו ביסט צוריק מיט אונדז. פּאַפּאַ וויל, אַז דו זאָלסט מיט אונדז בלייבן. ער האָט אַ גוטן פּאָסטן פאַר דיר. ער וועט דיך נישט אַוועקלאָזן פון זיך. נעם, טו זיך אָן און קום אַראָפּ אונטן, אין עס־זאַל. דער מאַרשאַל וואַרט מיט אומגעדולד אויף דיר.

מיכל האָט אַ קוק געטאָן אויפן בענקל, אויף וועלכן עס איז געלעגן אָנגעגרייט פאַר אים אַ מיליטערישער אנצוג פון אַ נייעם סטיל מיט גאָל־דענע פּאַגאָנעס אויף די אַקסלען פון דעם מונדיר. לעבן בענקל זענען גע־שטאַנען שפּאָגל־נייע שיינענדיקע שטיוול. פון דעם בענקל האָט ער איבער־געטראָגן זיינע אויגן צו פיאָטערן און ביי אים געפרעגט:

— איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָ קומט פאָר! פאַרוואָס אַזאַ־אַ מאַס־קאַראַד?

— אַך, מיכאַיל, — האָט זיך פיאָטער געכאַפּט אים דערקלערן, — איך זע שוין, אַז דו ווייסט גאָרנישט, אַז די גאַנצע רויטע אַרמיי וועט אין צייט פון אַ האַלב יאָר מוזן אַבסאָלוט בייטן די אוניפאָרם. לויטן באַפעל פון גע־נעראַליסימאָ סטאַלין, קערט זיך די רויטע אַרמיי אום צו דער אַלטער, צאַ־רישער, אוניפאָרם. דאָס גיט צו פּרעסטיזש דעם אָפיציר און קאָמאַנדיר

אין די אויגן פון דעם סאָלדאַט פון דער רויטער ארמיי. אויך דער אוסטאַוו און דער סטאַטוט פון דער רויטער אַרמיי איז געענדערט געוואָרן אין גאַנג פון דער מלחמה. מיר האָבן פיל געלערנט אין די שלאַכטן מיט די דייטשן. די דיסציפּלין איז פאַרשטאַרקט געוואָרן. די שלאַכט־פעיִקייטן פון די רויטאַרמייאישע סאָלדאַטן איז געהעכערט. דאָס וואָרט פון קאָמאַנדיר, זיין באַפעל איז פאַרן סאָלדאַט אַ געזעץ, וואָס ער מוז אויספילן אויטאָמאַטיש, אָן שום איבערטראַכטונג. אַ סאָלדאַט טאָר נישט טראַכטן, אַ סאָלדאַט מוז נאָר אויספילן דאָס וואָס זיין עלטסטער הייסט אים.

פיאָטער האָט גערעדט מיט אַזויפיל שטאָלץ און ליבע וועגן די קאָרדינאַלע ענדערונגען אין דער רויטער אַרמיי, אַז מיכל האָט אַזש אומגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— הייסט עס, קערן מיר זיך אום צוריק צום אַלטן. פריִער האָבן מיר די גאָלדענע פּאַגאָנעס אַראָפּגעריסן פון די צאַרישע אָפיצירן און גענעראַלן, און איצט טוען מיר זיי אַליין אָן!

— אָ, ניין, מיכאַיל, ביסט נישט געווען מיט אונדז דאָ די גאַנצע צייט און דערפאַר איז דיר שווער צו כאַפּן דעם ריטם פון דער געענדערטער לאַגע. די גאָלדענע פּאַגאָנעס האָבן דאָך פריִער געטראָגן נאָר צאַרישע אָפיצירן און גענעראַלן, דאָס מיינט פּריצים, קאַפּיטאַליסטן און אייניקע אינטעליגענטן פון דעם מיטל־קלאַס. איצט אָבער טראָגן דאָך די גאָלדענע פּאַגאָנעס פּראָלעטאַריער, אַרבעטער און פּויערים, סאָוועטישע אינטעליגענטן, קאָמוניסטן, בויער פון סאָציאַליזם. אויף אונדזערע היטלען טראָגן מיר דאָך נישט קיין צאַרישע קאָקאַרדע, נאָר אַ רויטן שטערן, דעם סימבאָל פון דער וועלט־רעוואָלוציע און וועלט־קאָמוניזם.

— און סטאַלין רופט זיך שוין גענעראַליסימאָ?...

פיאָטער האָט שטרענג אַ זאָג געטאָן:

— דער העכסטער סאָוועט האָט פאַר סטאַלינען דעם ראַנג באַשטימט!

— פאַרשטייט זיך, — האָט מיכל צוגעשטימט און אַ שמייכל געטאָן.

— גוט, איך וועל זיך נעמען אַנטאָן, אָבער זאָג נאָר, איך פאַרשטיי דאָך אַפילו נישט אין די צייכנס פון די־אַ גאָלדענע עפּאָלעטן.

— פּוסטיאַקי, ס'אַ קלייניקייט! — האָט פיאָטער אַ צופרידענער אויסגעשריגן דערזעענדיק ווי מיכל ציט אויף זיך אַרויף די בלויע הויזן מיט די רויטע קאַנטן אין די זייטן, — זע, מיינע פּאַגאָנעס זענען פון גאָלד און אין מיטן אַ רויטער פּאַס און פיר שטערנדלעך. דאָס מיינט, אַז איך האָב דעם

ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן. דיינע פּאַגאָנעס זענען אויך די זעלבע. אַ העכערער לייטענאַנט האָט דריי שטערנדלעך. אַ לייטענאַנט האָט צוויי שטערנדלעך. אַ יינגערער לייטענאַנט האָט איין שטערנדל. זעסט, עס איז זייער איינפאַך. נו, און וועגן די העכערע ראַנגן, מאַיאָרן, פּאָלקאָווניקעס און גענעראַלן, זייערע פּאַגאָנעס זענען נאָך שענערע און עס איז זיי אויך זייער גרינג צו אונטערשיידן. — און דאָ האָט זיך זיין פּנים צעשיינט ווי ביי אַ נאַריש־נאַיוו קינד, — אָך, מיכאיל, וועסט דעם פּאַפּאַ נישט דערקענען אין זיין נייער מאַרשאַל־אוניפאָרם. ער זעט אויס אַזוי גרויסאַרטיק, אַז עס כאַפּט אַזש אָן אַ ציטער. איך אַליין פאַרגעס זיך אָפט, אַז דאָס איז מיין פאָטער און איך שטיי פאַר אים אויסגעצויגן און „פאַד קאָזעריאָק", פּינקטלעך אַזוי ווי עס איז באַשריבן אין דעם נייעם אוסטאַוו פון דער רויטער אַרמיי.

מיכל האָט זיך אָנגעטאָן, אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל און זיך נישט דערקענט. ער האָט דערזען אַ קאַוואַליער, עפּעס אַ מין בראַוון אָפיציר פון אַ שטורמישער אייזן־דיסציפּלינירטער אַרמיי. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „פילייכט איז טאַקע אַזוי בעסער. אַ שטרענגע אוניפאָרם בינדט דעם מענטש, לאָזט אים נישט זיין צעכראַסטעט, און דער מענטש הייבט אָן צו פילן אין זיך אַ זעלבסטווירדע, דיסציפּלינירטקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער מיסיע צו וועלכער ער איז באַשטימט".

ער איז אַרויס צוזאַמען מיט פאָטערן פון צימער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ. אַקעגן איז אים געקומען סאָניאַ. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאַרגאַפט אַ זאָג געטאָן:

— אָך, דאָס זענט איר, טאָוואַרישטש קרוגער?

— איבערראַשט? — האָט ער איבערגעפרעגט, — יאָ, דאָס בין איך!

— מיין גאָט, ווי אַזוי קליידער קענען ענדערן אַ מענטשן!...

— נאָר אויסערלעך, סאָניאַ. אינעווייניק איז דער מענטש דער זעלבער...

— איך פאַרשטיי וואָס איר מיינט, טאָוואַרישטש קרוגער.

נאָכן עסן האָט מאַרשאַל איוואַנאָוו אַריינגערופן מיכלען צו זיך אין צימער, וועלכער האָט געדינט פאַר דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם שטאַב פון זיין אַרמיי. עס איז געווען ליכטיק און שטיל. פון צייט צו צייט האָבן זיך צו דער שטילקייט דערטראָגן טויבע אָפּקלאַנגען פון אַ גאָר ווייטער שיסעריי. פון צווייטן שטאָק האָט זיך דורכגעריסן אַ מעלאַנכאָליש פּיאַנאָ־שפּיל. דאָס האָט סאָניאַ זיך צוגעכאַפּט צו דער אַלטער פּיאַנאָ און געשפּילט עפּעס

אַזוינס וואָס זי האָט נאָך פֿון אירע קינדער־יאָרן פֿאַרגעדענקט. איוואַנאָוו איז געזעסן געמיטלעך אין זײַן שטול, אָנגעטאָן אין דער פּולער אוניפֿאָרם, מיט אַ ברוסט באַהאַנגען איבער דער גאַנצער ברייט מיט פּילע אָרדנס, מעדאַלן און עמבלעמעס. זײַן גאַנצע ברוסט האָט געשײַנט מיט אַ געמיש פֿון רויטן עמאַל, געלן גאָלד און ווײַסן זילבער. די גאָלדענע פּאַגאָנעס אויף זײַנע ברייטע אַקסלען זענען געווען מיט פּורפּורענע זיגזאַגן באַצירט און אין מיטן צוויי גרויסע פֿינקלדיקע דימענטענע שטערן. איוואַנאָוו האָט איצט אויסגעקוקט אַ סך עלטער און נאָך מער שטרענגער ווי ער איז אין דער אמתן געווען. זײַן הוילער קאָפּ און דער שראַם איבערן שטערן האָבן געמאַכט אַן אײַנדרוק. עס איז געווען אָנגענעם און דאָך מוראדיק צו קוקן אויפֿן מאַרשאַל. עס האָט זיך געדוכט, אַז מען זעט פֿאַר זיך אַ מאָנומענט פֿון אַ היסטאָריש־באַרימטן שלאַכטמאַן! מען האָט געמוזט פֿאַר אים האָבן רעספּעקט.

מיכל איז געזעסן אַנטקעגן דעם מאַרשאַל און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער לעבט איצט אַ צווייט לעבן. ער איז שוין געהאַט געשטאָרבן און ער איז צוריק לעבעדיק געוואָרן. עפּעס געדענקט ער אַלץ פֿון זײַן פֿריערדיק לעבן, ווי דורך אַ נעפּל, אַ חלום, אָדער אַ מיראַזש. ער וויל זיך דערמאָנען אין קסעניאַן, אין קינד, אין אַלינקאַן, אַלעקסאַנדערן, זײַן זון, אָבער ער קען זיך נישט פֿאָרשטעלן זייערע געשטאַלטן, זייער אויסזען און זייער באַנעמונג. און דאָך נאָגט אין אים אַ בענקשאַפֿט נאָך זיי. אויך באָריס, פּאָליאַ און יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ קומען אים אויפֿן געדאַנק, אָבער אויך זיי זעט ער נאָר ווי דורך אַ שווערן נעפּל. דערפֿאַר אָבער געדענקט ער גוט קריוואָטשאַפּקאַן. „עך, קריוואָטשאַפּקאַ, קריוואָטשאַפּקאַ!! ווען איך נאָך אַמאָל טרעפֿן אויף מײַנע וועגן אַזאַ גוטן פֿרײַנד ווי דו?".

און נישט נאָר געטראַכט האָט מיכל, נאָר אויך גערעדט. און איוואַנאָוו האָט אים אויסגעהערט און דערנאָך געזאָגט:

— דאָס איז קריג, מיכאַיל. דו און איך, און באָריס, און אונדזערע ווײַבער און קינדער, און טויזנטער, און מיליאָנען מענטשן זענען קרבנות פֿון דער קריג. איז וואָס קענען מיר טאָן, אַז זינט די וועלט שטייט איז נאָר קריג!... מען מוז מאַכן אַ סוף! מען מוז פֿאַרענדיקן!

— ווי אַזוי? — האָט מיכל אַ פֿאַרצווייפֿלטער געפֿרעגט.

איוואַנאָוו האָט זיך געביסן די ליפּן און צום סוף געזאָגט:

— דורך קריג!

— אַ סוף מאַכן צו קריג דורך פירן אַ קריג?...

— קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ! אָט, זאָל זיך נאָר אָנהייבן דער צווייטער פראָנט. טשווירטשיל און רוזוועלט זאָגן צו. אָבער זיי איילן זיך נישט.

— איך ווייס גאָרנישט. אַזוי לאַנג קיין צייטונג אין די אויגן נישט געזען.

— אָ, מיכאַיל, עס איז נישט קיין גרויסע חכמה, נישטאָ וואָס צו וויסן. איך וועל הייסן אַרויפשיקן צו דיר אין צימער אַלע צייטונגען פאַר דעם לעצטן חודש און אויך ביכער, בראָשורן, באַפעלן, אוקאַזן און צירקולאַרן. פאַר אַ פאָר טעג וועסטו זיך מיט דעם אַלעם באַקענען און וועסט אַריין אין קורס פון די געשעענישן און אַנטוויקלונגען. — און מיט אַמאָל האָט ער געביטן דעם טאָן און די טעמע פון דעם געמיטלעך־פריינדלעכן געשפּרעך. ער איז צוריק אין דעם ווירדיקן און שטרענגן מאַרשאַל פאַרוואַנדלט געוואָרן. ער האָט געזאָגט: — מיכאַיל, איך דאַרף האָבן אַ גוטן פּאָליטישן קאָמיסאַר פאַר מיין אַרמיי, אַזאַ וואָס זאָל קענען מיט זיין וואָרט און טאָט ווירקן אויף די נשמות פון מיינע סאָלדאַטן און אָפיצירן, אַזוי אַז זיי זאָלן שפּרינגען אין פייער און זיך וואַרפן אין וואַסער. איך מיין נישט, מיכאַיל, אַז נאָר ווען דער סאָלדאַט און אָפיציר וועלן זיך שלאָגן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, וועלן מיר די קריג געווינען. עס זענען פאַראַן אויך פיל אַנדערע מיטלען. איך שאַנעווע דאָס לעבן פון יעדן איינעם וואָס איז אונטער מיין באַפעל. אַ העלד איז ביי מיר נישט דער וואָס גייט אויף אַ זיכערן טויט, נאָר דער וואָס ווייסט די קונץ צו בלייבן לעבן נאָך יעדער שלאַכט. אַ גוטער פּאָליטישער פירער, אַ גוטער קאָמיסאַר, קען דאָס געבן צו פאַרשטיין מיינע רויטאַרמייאישע סאָלדאַטן און אָפיצירן. דער פּאָליט־קאָמיסאַר פון מיין אַרמיי איז אַ שוואַכלינג, אַ נישט־געבילדעטער כאַם. איך וויל אים אָפּשיקן פון מיר צוריק אין רעזערוו. זאָל מען טאָן דאָרטן מיט אים וואָס מען וויל. — ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צום שרייבטיש, געזוכט עפּעס אין די פּאַפּירן און דערלאַנגט אַ קאָפּיע פון אַ דאָקומענט צו מיכלען. — איך האָב דיך באַשטימט פאַר דעם נייעם פּאָליטישן קאָמיסאַר פון מיין אַרמיי! דו ביסט דער פּאַסיקער מענטש, דו ביסט דער וועמען איך דאַרף פאַר מיין אַרמיי. דו האָסט בילדונג. דו ביסט אַ שרייבער מיט גרויסע פאַנטאַזיעס. דו ביסט אַ גלענצנדיקער רעדנער. דו ביסט אַ גוטער קאָמוניסט. און די הויפּטזאַך, דו ביסט אַ מענטש מיט אַ וואַרימער נשמה און אַ

גוט האַרץ. אַזאַ ווי דו קען נעמען אַ מאַסע! אַזאַ ווי דו קען מיטרייסן די מאַסע מיט זיך! דו ביסט אַ מוסטער פון אַ פּאָליטישן קאָמיסאַר!

מיכל האָט געקוקט אויפן פּאַפּיר און אים האָט געשווינדלט אין די אויגן. אויף אַזאַ הויכן אַמט האָט ער זיך נישט גערעכנט. אמת, עס איז קריג און יעדער מענטש וואָס זשיפּעט און האַלט זיך נאָך אויף די פיס מוז גיין אין דער אַרמיי און זיך שלאָגן אַזוי לאַנג ביז מען וועט די היטלערישע בייזע שלאַנג פאַרניכטן. ער איז גרייט צו נעמען אַ ביקס און זיך שטעלן אַקסל צו אַקסל מיט יעדן קעמפנדיקן סאָלדאַט. אָבער אַ קאָמיסאַר, אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר, און דערצו נאָך פון אַ גאַנצער אַרמיי, ניין, דאָס איז נישט פאַר אים.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אויסגעצויגן פאַרן מאַרשאַל ווי אַן אונטערטעניקער, און אויף אַ שטרענגן מיליטערישן דיסציפּלינירטן אופן געזאָגט:

— טאָוואַרישטש מאַרשאַל, מיין גאַנץ לעבן האָב איך נאָר געשריבן און גערעדט. איצט וויל איך ווי יעדער איינער קעמפן. איך וויל אַ ביקס אין מיינע הענט. איך וויל זיין אויפן פראָנט אַזוי ווי יעדער סאָלדאַט, וואָס קעמפט קעגן די נאַציס!...

איוואַנאָוו האָט אויף אים בייז אַ קוק געטאָן.

— האָסט אַ באַפעל און פאָלג אים אויס! — און באַלד האָט ער ווייכער צוגעגעבן, — דער פראָנט איז איצט אומעטום. אין דער מלחמה איז נישטאָ קיין הינטערלאַנד. די דייטשישע עראָפּלאַנען פליען אַן אויף שטעט וואָס ליגן גאָר ווייט פון דער פאָדערשטער פראָנט־ליניע און פון די פּאָזיציעס, און זיי וואַרפן אַראָפּ באָמבעס אויף פרידלעכע מענטשן און פאַרניכטן זיי. אַ קעמפער, מיכאַיל, איז נישט נאָר דער וואָס האַלט אַ ביקס אין דער האַנט, נאָר אויך דער מענטש אין דער פאַבריק וואָס נייט קליידער און קאָוועט געווער פאַרן קעמפער, און אויך דער קאָלכאָזניק וואָס גרייט צו שפּייז פאַר די קעמפנדיקע סאָלדאַטן. און דער פּאָליטישער קאָמיסאַר, מיט זיין גייסט, מיט זיין מוט און ביישפּיל, אים קומט די גלאָריע פאַר יעדן זיג וואָס די רויטע אַרמיי האַלט־אָפּ איבער די שונאים! און דו, מיכאַיל, דו רעדסט גאָר וועגן אַ ביקס... — ער האָט זיך פּלוצים צעלאַכט, — אַ ביקס וועסטו דאָך אויך האָבן. אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר, אַ גענעראַל און אַפילו אַ מאַרשאַל טראָגט שטענדיק מיט זיך אַ ביקס, אַ רעוואָלווער און אַפילו אַ גראַנאַט. עס איז אַ מלחמה און נישט קיין קינדער־שפּיל!

מיכל האָט געפילט, אַז איוואַנאָוו האָט רעכט. דאָך האָט ער זיך נאָך גע־פרווט אָפּבעטן:

— איך האָב דאָך נאָר אַ ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן. ווי קען איך מיט אַזאַ ראַנג פאַרנעמען אַזאַ־אַ הויכן פּאָסטן? איך ווייס, אַז אַ פּאָליט־קאָמיסאַר פון אַן אַרמיי האָט דעם ראַנג פון אַ גענעראַל און נישט נידעריקער פון אַ פּאָל־קאָווניק.

— אָט דאָס איז נאָר אין פרידן־צייט, מאַיאָר קרוגער! אָבער אין קריג־צייט קען אַ מאַיאָר אויך פאַרנעמען אַזאַ פּאָסטן.

— מאַיאָר?...

— יאָ, מאַיאָר!... און נאָכן ערשטן שלאַכט, וואָס עס שטייט איצט אונדז פאָר, אַזוי באַקומסטו דעם ראַנג פון אַ פּאָדפּאָלקאָווניק. לייען דעם באַפעל!

מיכל האָט גענומען פון איוואַנאָווס הענט אַ געשריבענעם פּאַפּיר, אים גיך איבערגעלייענט און זיך באַלד אויסגעצויגן אין אַ סטרונע.

— באַפעל איז באַפעל! דערלויבט מיר, טאָוואַרישטש מאַרשאַל, צו־טרעטן צו מיינע פליכטן.

— אָט דאָס האָב איך ליב. גיי, טאָוואַרישטש מאַיאָר, נעם זיך צו דער אַרבעט!...

מיכל האָט זיך אויסגעדרייט פון לינקס אויף רעכטס, לויט דער פּולער דיסציפּלין און רעספּעקט פאַר דעם עלטסטן און זיך געלאָזט גיין. ווען ער איז שוין געווען ביי דער טיר האָט ער דערהערט איוואַנאָווס קול.

— מיכאַיל!...

ער האָט זיך אומגעקערט. דער מאַרשאַל איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

— איך וויל דיר ווינטשן דערפאָלג, מיכאַיל.

— אַ דאַנק, טאָוואַרישטש מאַרשאַל!

— ניין, דאָס מאָל רוף מיך נישט מאַרשאַל.

— אַ דאַנק, טאָוואַרישטש איוואַנאָוו!

— אַזוי איז בעסער. גיי, מיכאַיל, רו זיך אויס. איך וועל הייסן צו דיר אַרויפשיקן אַנדערע פּאַפּירן. און אויך אַלע צייטונגען, באַפעלן און אַלע אי־בעריקע מאַטעריאַלן. שטודיר זיי דורך, און זיי גרייט!

— איך פאָלג אויס דיין באַפעל, טאָוואַרישטש מאַרשאַל!

— גיי געזונט, מאַיאָר!

עטלעכע טעג איז מיכל געווען פאַרנומען צו דערלערנען אַלע פּאַפּירן,

דאָקומענטן, געאָגראַפֿישע מאַפּעס, אוסטאַוון און באַפֿעלן. מיטאָג־צייט און צום אָוונט־ברויט האָט ער זיך געטראָפֿן מיטן מאַרשאַל און זײַן זון. איוואַנאָוו האָט זיך מיט אים איבערגעוואָרפֿן מיט אַ פּאָר לײַכטע באַמערקונגען און אַפֿילו נישט געפֿרעגט ווי אַזוי זײַן צוגרייטונג איז.

סאָניאַ איז עטלעכע מאָל דעם עס־צימער פֿאַרבײַגעגאַנגען. מיכל האָט אויף איר אַ ביסטרן קוק געטאָן, פֿרײַנדלעך צו איר געשמייכלט און באַלד אין איר פֿאַרגעסן.

.71

ווען מיכל איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט זײַן צוגרייטונג איז ער אַרויסגעפֿאָרן צום פֿראָנט און באַזוכט די אָקאָפּעס ווו די רויטאַרמייער האָבן זיך אײַנגעגראָבן און געפֿירט אַ נודנע אויסוואַרטנדיקע פּאָזיציע־קריג. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סאָלדאַט מיט אַ גרוילעך־פֿאַרוואַקסענער באָרד, דער־שפּירט אין אים אַ טיפּישן שטאָטישן אַרבעטער, געוויס אַ באַווײַבטער מענטש, אַ טאַטע פֿון עטלעכע קינדער. און איצט זיצט ער מיט דער ביקס אין דער האַנט, און ווײַל דער פֿראָנט איז שטיל האָט ער צייט צו טראַכטן. מיכל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און זיך צוגעזעצט לעבן אים.

— וועגן וואָס טראַכטסטו, סאָלדאַט?

דער רויטאַרמייער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן מאַיאָר און שטיל געענט־פֿערט:

— אַט אַזוי זיך... גאָרנישט...

מיכל האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּיראָסן.

— פֿאַררויכער, טאָוואַרישטש!

עס האָבן זיך צוגערוקט נאָך סאָלדאַטן און גענומען פּאַפּיראָסן פֿון דעם פּעקל. דער עלטערער סאָלדאַט האָט געפֿרעגט:

— און פֿאַרוואָס רויכערסטו נישט, מאַיאָר?

— עט! — האָט מיכל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — איך האָב קיין מאָל נישט גערויכערט!

— אַזוי, — האָט זיך אָפּגערופֿן אַ יינגערער סאָלדאַט, — אויפֿן פֿראָנט מוז מען רויכערן. ווען עס איז אַן אַטאַקע, דאָס איז עפּעס אַנדערש, דאַן איז קיין צייט נישטאָ צו רויכערן. אָבער אין אַ פּאָזיציע, ווען עס איז שטיל מוז מען רויכערן. אויב נישט קען מען דאָך פֿון אומעט און טראַכטן אויסגיין.

דער עלטערער סאָלדאַט האָט צוגעגעבן:

— דער מאַיאָר איז ווייזט אויס דאָס ערשטע מאָל אויפן פראָנט, נאָך קיין פולווער נישט געשמעקט. ער וועט איבערלעבן אַביסל שרעק, אַזוי ווי מיר, וועט ער שוין מוזן רויכערן!

מיכל האָט אַ גלעט געטאָן דעם סאָלדאַטס ביקס, אַ קוק געטאָן אים אין די אויגן און געזאָגט:

— שוין געווען אין שרעק נישט איין מאָל. שוין קאַלטס און וואַרעמס געהאַט. ביי די דייטשן געווען. אַנטלאָפן פון זיי. עד, ברידערלעך!...

מען האָט אים אַרומגערינגלט. ער איז באַלד אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון די רויטאַרמייער ווי אַ העלד. מען האָט זיך צוגעהערט צו אים, געקוקט אים אין מויל און זיינע ווערטער אונטערגעכאַפּט. מען האָט אים געגלויבט.

— אַלע ליידן!...

— אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן.

מיכל האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און געזאָגט:

— איך בין אייער נייער קאָמיסאַר, דער פּאָליטישער קאָמיסאַר פון דער אַרמיי!

— פון דער גאַנצער אַרמיי? — האָט דער עלטערער סאָלדאַט איבערגעפרעגט.

— יאָ, פון דער גאַנצער אַרמיי!

— דער עלטסטער פון אַלע קאָמיסאַרן און פּאָליטרוקן פון די בריגאַדעס, דיוויזיעס, באַטאַליאָנען, פּאָלקן און ראָטעס? — האָט אויך דער יינגערער סאָלדאַט זיך געוווּנדערט.

— יאָ, דער עלטסטער קאָמיסאַר איבער אַלע קאָמיסאַרן פון דער אַרמיי!

— און וווהין האָט מען פאַרשטעקט אונדזער אַלטן פּאָליט־קאָמיסאַר?

— אים האָט מען אָפּגעשיקט אין רעזערוו!

— אַזוי, אָפּגעשיקט... — האָט דער עלטערער סאָלדאַט געזאָגט, — ניכאַי וואָלט מען אויך אונדז אָפּגעשיקט אין רעזערוו. שוין דערעסן געוואָרן צו זיצן אויף איין אָרט, אונטער דעם הוילן הימל און אין די־אַ וויסטע אָקאָפּעס!

— יאָ, עס ווערט נימאָס! — האָט מיכל צוגעשטימט, — אָבער וואָס קען מען טאָן, מען מוז נאָך צוּוואַרטן, מען קען קיין מלחמה נישט פירן אין

אײלעניש. אָט זעט איר דאָך, היטלער האָט געמיינט, אַז מיט אַ בליץ־קריג, איינס און צוויי, און ער וועט באַזיגן רוסלאַנד. און וואָס איז געוואָרן? מיר טרייבן אים צוריק! ער איז געבליבן שטעקן אין די בלאָטעס און איצט מוז ער נאָך דאָ אויך ווינטערן, און ווינטער, ברידערלעך, וועלן די דייטשן פרירן ווי די מייז. קיינער קען זיך נישט ווערן קעגן אַ רוסישן מענטשן אום ווינטער. מיט נאַפּאָלעאָנען איז דאָך אויך אַזוי געווען!

עס האָבן זיך אָנגעקליבן אַרום מיכלען זייער פיל רויטאַרמייער. דער נייער פּאָליטישער קאָמיסאַר איז זיי געפעלן געוואָרן. ער איז אַן אייגענער מענטש, אַ באַרעדעוודיקער און אַ גוטמוטיקער, און ער האָט אַפילו נישט קיין הויכן ראַנג. ער איז אַ סך בעסער פון דעם אַלטן שטרענגן פּאָליטישן קאָמיסאַר, פּאָלקאָווניק קאַראַ־מאָוו.

דער ערשטער באַזוך אויפן פראָנט איז געווען אַ געלונגענער.

עס האָט זיך באַלד צעשפּרייט דער קלאַנג איבער אַלע טיילן פון מאַרשאַל איוואַנאָווס אַרמיי, אַז דער נייער פּאָליטישער קאָמיסאַר, דער מאַיאָר מיכאַיִל קרוגער, איז אַן אייגענער יאַט, אַ פּראָסטער און אַ צוגעלאָזענער, און אַפילו אַ „טשודאַק”, ער רויכערט נישט, ער צעטיילט זיינע פּאַפּיראָסן צווישן די רויטאַרמייער, ער האָט ליב צו זיצן צוזאַמען מיט די פּראָסטע סאָלדאַטן אין זייערע אָקאָפּעס און זיי דערציילן מעשיות...

די דיסציפּלין און באַוווסטזיין פון די סאָלדאַטן אין דער אַרמיי איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. מאַרשאַל איוואַנאָוו איז געווען צופרידן פון מיכלס אַרומפאָרן איבערן פראָנט, פון זיינע שמועסן מיט די סאָלדאַטן און פון זיין גאַנצער טעטיקייט.

אין איינעם אַן אויפדערנאַכט, ווען מיכל האָט זיך פון אַ באַזוך אויפן פראָנט צוריקגעקערט, האָט אים סאָניאַ באַגעגנט ביי דער טיר און אין איִרע אויגן איז אַ טיפער טרויער געווען.

— וואָס איז געשען? — האָט מיכל געפרעגט.

— גאָרנישט, מיכאַיִל גריגאָרעוויטש, טו זיך איבער און קום אַראָפּ עסן וועטשערע. דער מאַרשאַל וויל, אַז אַלע זאָלן זיין ביים טיש, אַלע זאָלן היינט עסן צוזאַמען. — זי האָט דאָס געזאָגט מיט אַ וויינענדיקן קול און איז באַלד אַוועק.

מיכל האָט זיך גיך אַרומגעוואַשן, איבערגעטאָן און ער איז אַראָפּ אין עס־זאַל.

דער טיש איז געווען באַדעקט מיט אַ זויבער־ווייסן טישטעך. אַ גרויי־

טער גלאַנציקער סאַמאָוואַר מיט אַן אָנגעשוואָלענעם בויך איז געשטאַנען אויפן טיש און געזעצט פון זיך מיט דאַמף ווי אַ לאָקאָמאָטיוו. אין קריש־טאָלענע שיסעלעך איז געווען אָנגעלייגט היימיש־געמאַכטע וואַרעניע פון ווײַנשל וואָס האָבן געוואַקסן אויף די ביימער פון סאָד אַרום דעם הויז. די טיי איז געווען מיט גרויסע שטיקער לימענע און אין דינע געשליפענע גלעזער אָנגעגאָסן. אין טעלערס מיט אויסגעמאָלטע וויניעטקעס זענען גע־לעגן אָנגעשניטן רייפּטלעך ווורשט און גאַנצע פּולקעס היגנער־פליש. ערשט געבאַקענע בולקעלעך זענען אויף אַ גרויסן טאַץ געשטאַנען און האָבן מחיה־דיק געשמעקט. אַרום טיש זענען געזעסן איוואַנאָוו און פּיאָטער. אַקעגן זיי די צוויי שוועסטער, די באַלעבאָסטעס פון דעם הויז, דאָס מאָל אויסגעפּוצטע נישט אויפן דאָרפישן שטייגער, נאָר גרויסשטאָטיש. עס האָט זיך געפילט עפּעס אין דער־אָ אַטמאָספער פון יום־טובדיקער אָנגעצויגנקייט אַ מין אויסטערלישע סודותדיקייט.

מיכל האָט זיך אַוועקגעזעצט. עס איז אים אויסגעקומען צו זיצן נאָענט צו סאָניאַן. ער האָט מיט זיינע קניעס אירע אָנגערירט. זי האָט געגעסן שטיל, נישט געקוקט אויף קיינעם.

סאָניאַס שוועסטער, נאַטאַשאַ, האָט דאָס מאָל געטראָגן ברילן, און אין איר ווייס קאָפּטעלע מיטן הויכן קאָלנער האָט זי אויסגעזען ווי אַ לערערין פון אַ פאָלקשול. זי האָט פון צייט צו צייט צוגערוקט דעם טעלער מיט ווורשט און פליש צו אַן אַנדערן און מיט אַ שווערן זיפץ זיך געבעטן:

— עסט, עסט, אויפן פראָנט וועט איר דאָך נישט האָבן די מעגלעכ־קייט ווי דאָ! אַך, אַך, צו וואָס האָט מען דאָס אויסגעטראַכט מלחמות?...

מיכל האָט אַ קוק געטאָן אויף איוואַנאָוון מיט אַ ווונק פון אַ פראַגע: „איז דאָס אמת, מיר גייען פון דאַנען אַוועק?" און דער מאַרשאַל האָט פאַר־שטאַנען מיכלס בליק און געזאָגט: — יאָ, מיר רירן זיך פון דאַנען. נאָך היינט אויף דער נאַכט וועט זיך דער גאַנצער פראָנט רירן. און מיר וועלן מאָרגן פאַרטאָג דאָס דאָרף פאַרלאָזן... געגנוג געררוט!...

סאָניאַ האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ געוויין איז זי אַוועק צו זיך אין צימער. נאַטאַשאַ האָט די ברילן אַראָפּגענומען פון דער נאָז און זיך גע־ווישט די אויגן.

— אַלע מאָל קומען אַנדערע צו אונדז אין דאָרף, מען שטייט אַ ווײַלע און מען גייט אַוועק. צוליב וואָס זיך צוגעוווינען צו מענטשן, ווען זיי בלייבן נישט דאָ?...

איוואַנאָוו האָט זיך אויפֿגעהויבן. ער איז געווען אומעטיק און ווײַכער ווי שטענדיק. דער גאַנצער פּלאַן פֿון דער אָפּענסיווע איז שוין געווען אַדורכגעטראַכט און איצט האָט ער באַקומען פֿון קרעמל אַ דערלויבעניש צו ענדיקן די פּאָזיציע און איבערגיין אין אַן אָנגריף. די אָנגעשטרענגטקייט און אַנגעצויגנקייט פֿון פֿיל וואָכן אַרבעט איבער דעם פּלאַן האָט זיך געענדיקט. די לעצטע טעג האָט ער גערוט, געהאַט צייט צו טראַכטן וועגן זײַן ווײַב און זײַנע פֿרײַנד. ער האָט אַביסל נאָכגעגעבן זײַנע געפֿילן. ער האָט געזאָגט:

— קומט אַרויף צום מיידל, מען דאַרף זי באַרויִקן. מיר וועלן זי בעטן, אַז זי זאָל עפּעס פֿאַר אונדז שפּילן.

סאָניאַ איז געזעסן בײַ דער אַלטער פּיאַנאָ אַ פֿאַרשעמטע און זיך געבעטן בײַ די אָנוועזנדיקע:

— איך בין נישט קיין שפּילערין. קינדווײַז זיך געלערנט אַביסל שפּילן אויף דער פּיאַנאָ. שוין יאָרן, אַז איך האָב זיך צו דעם אינסטרומענט נישט צוגערירט. די אַרבעט אין פֿעלד איז וויכטיקער און נוצלעכער. זעט, די פֿינגער מײַנע זענען דאָך נישט פֿאַר קיין פּיאַנאָ־שפּילערין!

אַ טייל אמת איז געווען אין אירע ווערטער. עס איז אָבער נישט געווען דער גאַנצער אמת. דאָס מיידל האָט טאַקע דאָס דאַרף מיטן קאָלכאָז און די פֿעלד־אַרבעט ליב געהאַט. אָבער די אַלטע צעפּאָרענע פּיאַנאָ אירע האָט זי קיין מאָל נישט פֿאַרלאָזט. ווען נאָר זי האָט געהאַט אַ פֿרײַע צײַט, אַזוי האָט זי זיך צוגעכאַפּט צו דער פּיאַנאָ און פֿאַנטאַזירנדיק מיט פֿאַרביקע קלאַנגען האָט זי איר יונגמיידלשע לײַדנשאַפֿט אין זיך דערשטיקט.

איוואַנאָוו האָט איר געבעטן:

— שפּיל, סאָניאַ, טו מיר צוליב, איך בעט דיך!...

סאָניאַ האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן מאַרשאַל. קען זײַן, אַז איר פֿאָטער איז געווען עפּעס ענלעך צו איוואַנאָוון און דערפֿאַר האָט זי אים צוליב געטאָן. זי האָט גענומען אַן אַקאָרד און זיך באַלד אַרומגעקוקט. זי האָט זיך באַגעגנט מיט מיכלס אויגן און באַלד זיך צוריק אומגעקערט צו דער פּיאַנאָ און אָנגעהויבן צו שפּילן.

איוואַנאָוו האָט באַמערקט איר בליק. ער האָט שוין געוווּסט, אַז סאָניאַ וויל זיך צובינדן צו מיכלען. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער אַליין איז שוין צו אַלט און פֿאָטער, דער זון זײַנער, איז נאָך צו יונג. מיכל איז אַקוראַט איר גלײַכן... אָבער זי ווייסט דאָך, אַז מיכל האָט אַ ווײַב מיט אַ קינד!... דאָך, אַ מיידל אין די יאָרן. עס בענקט זיך איר... און די עלטערע, נאַטאַשאַ, אין איר האָבן

זיך שוין, ווי עס ווייזט אויס, אַלע בענקעניִשן איבערגעברענט און זי האָט שלום געמאַכט מיט איר צושטאַנד, זי וויל נישט אָדער זי קען מער נישט בענקען נאָך אַ מאַן...

מיכל האָט געהערט דאָס פּליסן פון די מעלאָדישע קלאַנגען וואָס סאָניאַ האָט מיט אירע לענגלעכע פינגער איבער די קלאַווישן אויסגעקלאַפּט. עס האָט אים אָנגעהויבן צו נאָגן אויף דער נשמה און אַ טרויער איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך נישט געקענט כאַפּן, פאַרוואָס עס קלאַפּט אַזוי ביי אים אין האַרצן און פאַרוואָס עס ווילט זיך אים צוגיין צו דעם מיידל, וואָס דערמאָנט אים אַזוי אין דער טרויעריק פאַרשניטענער מאַריוסיאַ די פאַרטיזאַנקע, דאָס מיידל וואָס האָט אים פאַר איר טויט געגעבן אַזוי פיל נייעם גליק פון דערהויבנקייט אין לעבן. עס האָט זיך אים געוואָלט צוגיין צו סאָניאַן, זי אַרומנעמען און זי אָנהייבן קושן, שטאַרק, שטאַרק קושן. און באַלד איז גאָר קסעניאַ פאַר זיינע אויגן אויסגעוואַקסן, קסעניאַ און אַלינקאַ, אַלעקסאַנדער, זיין זון... אָבער ער זעט זיי נישט, ער געדענקט נישט זייערע געזיכטער. נעפּלדיקע געשטאַלטן שוועבן פאַר זיינע אויגן.

דער ערשטער האָט איוואַנאָוו פאַרלאָזט דעם צימער. ער האָט געזאָגט, אַז עס איז גוט זיך אויסצושלאָפן, ווייל מאָרגן שטייט פאַר אַ שווערער טאָג. פּיאָטער און מיכל האָבן אים נאָכגעפאָלגט. די עלטערע שוועסטער, נאַטאַשאַ, איז אויך אַוועק צו זיך אין צימער.

סאָניאַ איז געבליבן אַליין. זי האָט זיך געלייגט שלאָפן. זי איז אָבער באַלד אַראָפּ פון בעט און איז צו צו דער טיר און זי האַלב צעעפנט. זי איז געשטאַנען און געוואַרט. אין איר שוועסטערס צימער איז געווען פינצטער. אַקעגנאיבער, אין דעם צימער ווו מיכל איז איינגעשטאַנען איז נאָך געווען ליכטיק. זי האָט געהערט ווי ער פאַרעט זיך, ער לייגט צונויף זיינע זאַכן און ער גרייט זיך צו פאַר מאָרגן. יאָ, מאָרגן פאַרלאָזט מיכל דאָס הויז. ער און אַלע פאַרלאָזן מאָרגן דאָס הויז און דאָס דאָרף. עטלעכע טעג וועלן אין דעם דאָרף קיין מיליטער־מענער נישט זיין, דערנאָך וועלן זיך ווידער באַווייזן מענטשן אין מיליטערישע קליידער. עס וועלן אָבער זיין אַנדערע, נישט מיכל, נישט פּיאָטער און נישט מאַרשאַל איוואַנאָוו...

עס איז איר באַפאַלן אַ שרעק: „און אפשר וועלן שוין מער קיין מיליטער־מענער אין דעם דאָרף זיך קיין מאָל נישט באַווייזן?”. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט איר שוועסטער, נאַטאַשאַ, אַן אָפּגעלעבטע, זי דערוואַרט שוין מער גאָרנישט און זי וויל שוין מער גאָרנישט פון לעבן. ווי אַ ווונד וואָלט אין

איר לייב געפּלאַצט, אַזוי האָט עס איר ווי געטאָן. זי האָט באַשטימט: „זי וועט נישט זיין ווי די שוועסטער. באַלד ווי די מלחמה וועט זיך נאָר ענדיקן און די בחורים וועלן זיך אין דאָרף אַהיימקערן, אַזוי וועט זי זיך אין דעם ערשטן פּראָסטן פּויער־יונג איינליבן און פאַר אים חתונה האָבן. מער וואַרטן און איבערקלייבן און בלייבן ביי גאָרנישט, אַזוי ווי איר שוועסטער, וועט זי נישט.‟

מיכל האָט פאַרענדיקט צונויפליייגן אַלע זיינע זאַכן און גענומען זיך אויסטאָן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין בעט און זיך נישט געלייגט. ער האָט צוגעוואַרט. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי שטיל געעפנט. ער האָט אַ קוק געטאָן אין קאָרידאָר. אַקעגנאיבער איז געווען סאָניאָס צימער. ווייטער, אַ טיר לעבן אַ טיר, איר עלטערער שוועסטערס צימער. ער האָט פאַרלאָשן די ליכט. ער איז אַרויסגעגאַנגען און האָט פאַרמאַכט די טיר פון זיין צימער הינטער זיך. די דרויסנדיקע שיין פון דער נאַכט האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן צו דער האַלב־צעעפנטער טיר, ביי וועלכער סאָניאַ איז געשטאַנען. ער האָט זי דייטלעך געזען. ער איז צוגעקומען.

— שלאָפסט נישט?

זי האָט אים פאַרשטעלט דאָס מויל מיט איר האַנט. ער האָט זי אַרומגענומען, זי אָפּגעשטויסן פון דער טיר און מיט איר אין איר צימער אַריין. זי האָט זיך אויסגעדרייט פון זיינע אָרעמס און פאַוואָליע און פאָרזיכטיק די טיר צוגעמאַכט. זי איז צוריק צוגעקומען צו אים. מען איז געזעסן אין בעט און געשוויגן. ער האָט זי אַרומגענומען און זי אָנגעהויבן קושן... זי האָט אים צוריק שטאַרק און ליידנשאַפטלעך געקושט. ער האָט זיך צוגעלייגט אין בעט און זי אַ צי געטאָן צו זיך. זיין באַנעמונג איז געווען ווילד און אומגעדולדיק. ער האָט פון איר דאָס העמד אַראָפּגעריסן און זי געקושט איבערן גאַנצן לייב. זי האָט זיך אים אונטערגעגעבן. פון יענער זייט וואַנט האָט זיך דערהערט אַ הוסט. מיכל האָט זיך איינגעהערט. ער האָט שטיל געפרעגט: — דיין שוועסטער?...

סאָניאַ האָט אים אַ לייכטן שטויס געטאָן פון זיך. זי האָט געענטפערט:
— נאַטאַשאַ האָט אַלץ געהערט!...

ער האָט געשוויגן. ער האָט זיך געפילט ווי אַ גנב, וועמען מען האָט געכאַפּט ביי אַ פאַרברעכן. ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן. ער האָט געזאָגט:
— איך גיי צו זיך.

סאָניאַ האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, אים אַ שטאַרקן צי געטאָן צו זיך און אים אין אויער אַ שעפּטשע געטאָן:

— גיי צו איר. זי וואַרט...

אַ שוידער איז איבער זיין לייב אַדורך. אויף זיין שטערן איז אַרויס אַ קאַלטער שווייס. צו אַזאַ סיטואַציע איז ער נישט געווען גרייט. ער האָט צע־טומלט געענטפערט:

— ניין, סאָניאַ, איך קען נישט...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק צו זיך.

אויפן אַנדערן טאָג, ביים פרישטיק, וועלכער איז געווען גאָר פרי און נישט ווי געוויינלעך, האָט זיך מיכל געפילט נישט באַקוועם. אים האָט זיך געדאַכט, אַז נאַטאַשאַ קוקט אויף אים מיט פאַרוואורף. סאָניאַ האָט זיך גע־שעמט צו קוקן אין זיין זייט.

געזעגנט האָט מען זיך מיט אַ בענקשאַפט און אַן אומפאַרשטענדלעכן פאַרדראָס. איוואַנאָוו און פיאָטער זענען געווען צופיל פאַרנומען און זיי האָבן נישט באַמערקט, אַז עפּעס איז צווישן די צוויי שוועסטער און מיכלען פאָר־געקומען.

עס איז געווען קאַלט. אַ ווינט האָט אין פעלד געבלאָזן, עפּעס אַ מין משוגענער ווינט. אָט האָט ער געבלאָזן פון מזרח צו מערבֿ צו און אָט האָט ער געבלאָזן פון דרום צו צפון. די ערד איז געווען פאַרדאַרט מיט שטיקער רודעס פון פאַרפרוירענער בלאָטע. דער גאַנצער פראָנט האָט זיך אַ ריר גע־טאָן און זיך גערוקט פאַמעלעך נאָר זיכער פאָרויס. עס זענען פאָרגעקומען קליינע שלאַכטן און דער דייטש האָט די קליינע שלאַכטן אויסהאַלטן נישט געקענט, די פאַשיסטישע טרופּן האָבן זיך געצויגן צוריק. דער שטאַב פון דער אַרמיי האָט נאָכגעפאָלגט די אָנגרייפנדיקע רויטאַרמייִשע כוחות. מען איז געפאָרן אין געפאַקטע לאַסט־אויטאָמאָבילן איבער די מאַנאָטאָנע סטע־פּעס. עס האָט אָנגעהויבן שנייען און עס האָט באַלד אויפגעהערט. מען איז געפאָרן טאָג און נאַכט און אויסער הוילע, נאַקעטע פעלדער מיט זינגעוודי־קע דראָטן פון טעלעגראַפן־סלופּעס איז גאָרנישט נישט געווען. די דייטשן האָבן זיך אָפּגעצויגן צוריק, צוגעגרייטע, באַצייטנס, און אין אַ שטרענגער אָרדענונג. זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך אַלץ, און ווען נישט די צעלעכערטע פאַר טאַנקען, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין פעלד און די עטלעכע אָקאָפּעס, וואָס מען האָט אויפן וועג באַגעגנט, וואָלט שווער געווען צו גלויבן, אַז פון דאַנען האָט מען ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק די דייטשן פאַרטריבן.

מיכל האָט שוין געוווּסט, אַז אויב דער פראָנט וועט זיך נישט פּאַרקע־רעווען אומגעריכט אין אַן אַנדער זײַט, וועט מען דאַן מוזן דורכשפּרײַזן דאָס דאָרף קראַסנע־באָר. וואָס עס טוט זיך איצט אין דעם־אָ דאָרף האָט קיינער נישט געוווּסט. די „ראַזוועטקאַ", די אויסשפּירונגס־אָפּטייל, מיט וועלכער פּיאָטער האָט אָנגעפירט, האָט זיך נאָך אַלץ נישט דערוווּסט צי דאָס דאָרף איז באַפעסטיקט צי נישט. יעדנפאַלס האָט איוואַנאָוו זיך פּאַרגרייט און באַ־וואָרנט אַרומצורינגלען דאָס דאָרף און עס נעמען אַזוי אַז קיין קרבנות פון דער פרידלעכער באַפעלקערונג זאָלן נישט זײַן. די האָפענונג, אַז זײַן פרוי איז נאָך אַלץ דאָרט און זי לעבט האָט אין אים געטליעט, און מיט יעדן מײַל וואָס מען איז געווען נעענטער האָט זיך דער פונק אין אים צעפלאַקערט און פאַרשטאַרקט זײַן האָפענונג. ער האָט איצט באַפוילן זיך צוצואײַלן.

פוסגייער מיט מאַשין־ביקסן, קאַוואַלעריע רייטנדיק אויף פערד, שווע־רע אַרטילעריע מיט קאַנאָנען און גאַהוביצעס געשלעפּטע פון טראַקטאָרן, געפּאַנצערטע טאַנקען און אַבאָזן מיט שפּײַז, קליידער און מעבל, אַלץ האָט זיך געצויגן איבער די הוילע סטעפּעס, אויפן וועג צו דעם גרויסן און שיי־נעם דאָרף קראַסנע־באָר.

קאַפּיטאַן פּיאָטער איוואַנאָוו האָט וועגן זײַן מוטער נישט געטראַכט, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז אין דעם דאָרף קען זײַן זאָל ער זיך דערוויסן וועגן איר גורל. ער האָט ליב געהאַט די מוטער, ער האָט צו איר געהאַט אַ צאַרטן געפיל. די פאַרהאַרטעוועטקייט פון פּאָטער האָט אָבער אַרײַנגעטראָגן אַ צעמישעניש אין זײַן קינדערישער נשמה. פון געבוירן־אָן איז ער געוווינט געווען צו זען זײַן פאָטער ווי ער איז אַרומגערינגלט פון פיל הויכע מילי־טער־לײַט, דיפּלאָמאַטן און פאַרשיידענערליי קאָמיסאַרן. יעדער איינער פון זיי האָט זײַן פאָטער געשעצט און רעספּעקטירט ווי אַ העלד. פּיאָטער האָט אויך געוואָלט זײַן אַזאַ העלד ווי זײַן פאָטער. אין דער מיליטערישער אַקאַ־דעמיע האָט מען אים אויסגעמושטירט אַזוי אַז דאָס ביסל אײַדלקייט, וואָס ער האָט געירשנט פון זײַן מוטער איז פון אים אינגאַנצן פאַרטריבן געוואָרן. ער איז דערצויגן געוואָרן ווי אַ יונגער קאָמוניסט און אַ פּאַטריאָט פון זײַן לאַנד, וווּ דער קולט צו דינען דעם אָפּגאָט סטאַלין איז געווען ליבער און וויכטיקער ווי די צוגעבונדנקייט צו טאַטע־מאַמע. עס איז קיין חידוש נישט געווען, וואָס דער יונגער און בראַווער רויטאַרמייִשער קאַפּיטאַן, דער שעף פון דער „ראַזוועטקאַ", האָט איצט מער געטראַכט וועגן די פאַרשטייענדיקע שלאַכטן און וועגן אַרויסהייבן זיך מיט אַ העכערן ראַנג, און אַנטשעפּען אויף

זיין יונגער ברוסט נאָך איין שיינענדיקע צאַצקע, אַן אָרדן צי אַ מעדאַל, ווי וועגן זיין מוטער.

מיכל איז געפאָרן אין אַ קליין שפּרינגענדיק און פליִענדיק אויטאָמאָבי־לעכל צוזאַמען מיט צוויי סאָלדאַטן וואָס האָבן אים באַדינט. ער האָט שוין געוווסט, אַז כאָטש דער צווייטער פראָנט האָט זיך נאָך אַלץ נישט אָנגעהויבן, דאָך העלפן די אַמעריקאַנער זייער פיל דער רויטער אַרמיי מיט אַמוניציע און וואָפן, מיט באַקליידונג און שפּייז. אָט דאָס קליינע, איבערגעפּאַרבטע, טאַנצנדיקע אויטאָמאָבילעכל. איז איינס פון די פיל טויזנטער „פּרעזענטן״ פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק צו דער רוסישער רויטער אַרמיי. מען רופט דאָס אויטאָמאָבילעכל „דזשיפּ״. נו, דאָס איז נישט קיין שלעכטע הילף פון די אַמעריקאַנער פאַר דער רויטער אַרמיי.

פאָרנדיק אין דעם „דזשיפּ״ האָט מיכל אָפט געטראַכט וועגן דעם פלירט מיט סאָניאַן. אים האָט זיך דערמאָנט ווי סאָניאַ האָט אים געשיקט צו איר שוועסטער... אויף אַזעלכעס האָט ער זיך פון איר נישט געריכט. ער וואָלט אין זיין לעבן נישט געגלויבט, אַז זי און נאַטאַשאַ זענען נישט פריי געווען פון סעקסועלער זינד... פאַרוואָס האָט ער די גאַנצע צייט געמיינט, אַז זיי זענען אַנדערש פון אַלע? פאַרוואָס האָט ער זיי געהאַלטן פאַר בעסערע פון אַנדערע, פאַר מיידלעך מיט אַ געוויסן און אַ געפיל פון מאָראַל?...

נו, און וואָס מיינט דאָס געוויסן און געפיל פון מאָראַל? עס איז נאָר אַ טערמין אַזאַ... פילייכט איז זייער געוויסן און זייער געפיל גאָר בעסער און שענער און אַפילו ערלעכער ווי פון פיל אַנדערע מענטשן. קיין שלעכטס טוען זיי דאָך קיינעם נישט! זיי ווילן נאָר געניסן פון דעם וואָס יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש איז באַרעכטיקט צו געניסן! פילייכט האָט ער נישט געטאָן גוט, וואָס ער איז צו נאַטאַשאַן נישט געגאַנגען און איר דאָס ביסעלע באַרעכטיק־טע „גליק״ נישט געגעבן?... און באַלד האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן קסע־ניאַן. זי איז דאָך פאַקטיש זיין ווייב, ער האָט דאָך אַ קינד מיט איר, אַ זון, איז ווי אַזוי פירט זי זיך אויף איינע אַליין, און דערצו נאָך אין אַן אַרומרינג־לונג פון איידעלע, פאָעטיש־פילאָסאָפישע און מוזיקאַלישע מערדער, דייטשי־שע אָפיצירן און גענעראַלן?... נו, און ער אַליין, ער, מיכאַיל קרוגער, ווי האַלט עס מיט זיין אייגענער אויפפירונג, מיט זיין געוויסן און מיט זיין מאָ־ראַל?...

פאָרנדיק ווייטער און ווייטער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן מער בולטע סימנים פון געוועזענע בלוטיקע שלאַכטן. דאָ און דאָרט האָבן זיך

געוואַלגערט געהרגעטע דײַטשן, װעלכע מען האָט אין אײַלעניש, בײַם אָפּ־טרעטן, נישט באַוויזן מיט זיך מיטצונעמען. אונטערגעשאָסענע טאַנקען, איבערגעקערטע אויטאָמאָבילן און אָפּגעבריענטע דערפלעך, — דאָס איז געוואָרן די פּאַנאָראַמע פון סטעפּ טאָג־אײַן טאָג־אויס.

מען איז שוין געווען גאָר נאָענט פון קראַסנע־באָר. מיכל האָט די געגנט גוט געקענט. אָט זענען די קאָלכאָזנע פעלדער, ער דערקענט זיי אַפילו אין זייער נאַקעטקייט. מען קען שוין אַפילו מיטן אויג זען ווי אויפן האָריזאָנט שיילט זיך אויס דאָס דאָרף און אַפילו דער טײַך וואָס צעטיילט דאָס דאָרף אויף צוויי טיילן. עס פֿאַלט אַ ווײַסער פּוכיקער שניי. דער טײַך איז אָבער נאָך נישט פאַרפרוירן. די בריקן זענען אויפגעריסן. דאָס וואַסער פון טײַך לויפט גיך־גיך... ווו איז דאָס גרויסע ציגלנע הויז? אָט דאַכט זיך דאָרט... רעכטס... עס איז דאָרט געווען דער פּאַרטיי־קאָמיטעט, דער דאָרפישער סאָוועט און די קאָלכאָזנע פאַרוואַלטונג. און ווו איז די ווײַסע שטוב פון קסעניאַס מוטער, דאָס ווײַסע הויז מיט די בלויע לאָדנס?... ניין, מען איז נאָך צו ווײַט, אַז מען זאָל עס פון דאַנען קענען זען. איז קסעניאַ און דאָס קינד דאָרט? פאַרשטייט זיך, אַז זי איז דאָרט! זי איז דאָרט אין דער מוטערס ווײַסן הויז מיט די בלויע לאָדנס, זי און אַלינקע, אַלעקסאַנדער, זײַן זון. זיי וואַרטן אויף אים. ער קומט צו זיי ווי אַ העלד, אַ באַפרײַער!... נו, איצט וועט ער זיך שוין נעמען אין די הענט... זאָל זיך נאָר די קריג ענדיקן. ער וועט זיך שוין מער קיין מאָל אין זײַן לעבן פון קסעניאַן און פון זײַן קינד נישט דערווײַטערן אַפילו אויף קיין איין טאָג. ער וועט זיך מער פון זיי נישט שיידן. גענוג, שוין צײַט אָנצוהייבן צו לעבן רויִק און שטיל, און אײַנפירן אַ פונדאַמענטאַל פאַמיליען־לעבן.

די שאָסן וועלכע זענען געווען שטילע און דומפּיק־טויבלעכע זענען מיט אַמאָל געוואָרן גרויזאַמע, שרײַענדיקע און שרעקלעכע. עס איז אָנגעגאַנגען אַ שלאַכט. דער שטאָב פון איוואַנאָווס אַרמיי איז ווײַטער נישט געגאַנגען. מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און וואַרטן.

די באַפעסטיקטע דײַטשן האָבן לײַכט דאָס דאָרף קראַסנע־באָר נישט געוואָלט אָפּגעבן. אָבער עס האָט זיך שוין געהאַט אַרײַנגעכאַפּט אַ פּאַניק אין זייערע רייען. זיי האָבן געוווּסט, אַז עס איז צוגעקומען צום דאָרף די אַרמיי פון מאַרשאַל איוואַנאָוו, איינע פון די אַרמייען וואָס האָט זיי פון היינטער מאָסקווע פאַרטריבן און אין וואָראָניעזש זיי אַרומגערינגלט, אויסגעהונגערט און דערנאָך אַלעמען ביז דעם לעצטן סאָלדאַט פאַרניכטעט. אַ

שרעק איז באַפאַלן די דייטשן. דאָך האָבן זיי זיך נאָך אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן.

די נאַכט האָט אַראָפּגענידערט אויפן דאָרף און דער אַרומיקער געגנט. אין דעם שאָטן פון דער נאַכט האָט זיך פון אָרט גערירט די גאַנצע אַרמיי פון מאַרשאַל איוואַנאָוו. פון דריי ריכטונגען האָט זיך די אַרמיי אַ שפּאַר געטאָן. די טאַנקען־דיוויזיעס האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו דעראָבערן און פאַרניכטן די דייטשישע פאַרפעסטיקונגען און דערביי פאַרזיכערן, אַז די איינוווינער פון דאָרף זאָלן נישט ליידן פון דער אַטאַקע. עס איז געווען אַ געפערלעכע און אַ ביז גאָר שווערע אויפגאַבע. מאַרשאַל איוואַנאָוו האָט שטרענג באַפוילן, אַז אין דאָרף גופא זאָל קיין שום שלאַכט נישט פאָרקוניען און דאָס גאַנצע פייער פון די טאַנקען זאָל קאָנצענטרירט ווערן נאָר אויף די דייטשישע פאַרפעסטיקונגען אַרום דעם דאָרף. צו דער טאַנקען־דיוויזיע איז צוגעגעבן געוואָרן אויך אַ פּאָלק פוסגייער. איין טייל פון דער אַרמיי האָט געהאַט די אויפגאַבע נאָכצויאָגן די דייטשן און זיי טרייבן אַלץ ווייטער און ווייטער. אַ באַזונדערע בריגאַדע איז אַרומגעגאַנגען דאָס דאָרף און זיך פאַרפעסטיקט, וואַרטנדיק אויף אַ סיגנאַל זיך אַריינצורייסן אין דאָרף גופא. די איבעריקע טיילן פון דער איוואַנאָוו־אַרמיי זענען אַוועק ווייטער און זייער אויפגאַבע איז געווען צו פאַרשפּאַרן דעם וועג פאַר אָנקומענדיקע פרישע דייטשישע כוחות.

עס איז געווען שטאָק פינצטער. דער וועג איז געווען אַ שווערער. מען האָט זיך גערוקט אין דער נאַכט שפּרינגענדיק איבער די צעלעכערטע פעלדער פון אויפגעריסענע סנאַריאַדן, אָנשטויסנדיק זיך אויף אַרונטערגעשאָסענע עראָפּלאַנען און פאַרברענטע טאַנקען. די דייטשן, וועלכע האָבן אַ צייט געשוויגן נאָך זייער בייטאָגיקער מפּלה האָבן זיך צוריק באַפעסטיקט און האָבן גענומען שיסן און שיקן ראַקעטן. די רויטאַרמייִשע טיילן האָבן אויף דער שיסעריי נישט געענטפערט. מען האָט זיך גערוקט פאָרויס און מען האָט צוגעאײַלט דעם מאַרש. ווען די דייטשן האָבן דערשפּירט ווי עס רוקט זיך אין דער פינצטער אַ גאַנצע מענטשן־מאַסע ווי אַ באַרג און עס קומט נישט קיין ענטפער אויף זייערע שיסערייען, נאָר דער באַרג רוקט זיך שווייגנדיק אַלץ פאָרויס און פאָרויס, איז אויף זיי אָנגעפאַלן נאָך אַ גרעסערע מורא, ווי ווען די רויטאַרמייער זאָלן יאָ ענטפערן אויף די שיסערייען.

און מיט אַמאָל האָבן זיך צעטראָגן קולות: „ווּפעריאָד!”... — פאָרויס!...

— און אַ בראַוועס, רוסישער, „הוראַ־אַ!” פון טויזנטער סאָלדאַטן האָט אַ

הילך געטאָן און אַ פּײַער פון אַלע מינים אַרטילעריע און אינפאַנטעריע האָט זיך אָנגעצונדן מיט קנאַל און קנאַק, מיט רויש און טומל. דאָס פײַער האָט געהאַגלט צוויי שעה צײַט אָן אויפהער און דערנאָך איז שטיל געוואָרן.

עס האָט גענומען בלויען צו טאָג. טויזנטער דײַטשישע סאָלדאַטן זענען געלעגן טויטע און פאַרוווּנדעטע אַרום דעם דאָרף. נאָך מערער זענען געווען אַרומגערינגלט און האָבן זיך אַליין איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט. די אַלע פאַרפעסטיקונגען וואָס די דײַטשן האָבן אַזוי קונציק און זאָרגזאַם געבויט זענען געווען צעשטערט. דער וועג איז געוואָרן פרײַ. די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען דאָס דאָרף.

אויף דער ציגלנער געביידע ווו עס איז דער שטאַב פון דער דײַטשישער אַרמיי געווען, און אַמאָל די אָפּיציעלע סאָוועטישע רעגירונגס־ און פאַרטיי־פאַרוואַלטונג, איז צוריק אַרויפגעצויגן געוואָרן די פאָן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די סאַפּיאָרן פון דער רויטער אַרמיי האָבן איבער דעם טײַך אין דער גיך צײַטווײַליקע בריקן אויפגעשטעלט און פון ביידע זײַטן דאָרף האָבן זיך אַ שאָט געטאָן מענטשן צו דער ציגלנער געביידע, ווו עס האָט זיך איצט דער שטאַב פון מאַרשאַל איוואַנאָווס אַרמיי באַזעצט.

עס איז געפאַלן אַ ווײַסער פּוכיקער שניי און זיך געלייגט אויף די גאַסן, אויף די דעכער פון די הײַזער און אויף די ביימער. דאָס דאָרף אין דער־אַ פרישער ווײַסקייט האָט אויסגעזען באַנײַט און פריילעך. טיר און טויער האָבן זיך צעעפנט און פויערים, צום מערסטנס אַלטע לײַט, ווײַבער און קינדער, זענען פריילעכע און מיט טרערן אין די אויגן אַרויס אויף די גאַסן צו באַגעגענען די רויטאַרמייער, די זיגער און באַשיצער. עס האָט זיך באַוויזן דער אַלטער פויער מיט זײַן באַנדורע און הינטער אים אַ כאָר פון פויערים און פויערטעס. מען האָט געשפּרייזט צום שטאַב מיט געזאַנג און טאַנץ און מיט עמערס וואַסער, מיט לעבלעך ברויט און טעפּלעך זאַלץ אין די הענט.

72.

פאָליאַ און יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ זענען צוזאַמען מיט אַלע פויערים און פויערטעס פון דאָרף אַרויס פון די הײַזער, ווו גוטע מענטשן האָבן זיי אויסגעהאַלטן און אויסבאַהאַלטן, באַגעגענען די רויטע אַרמיי. זייער פרייד איז געווען גרויס. איצט איז מען פרײַ, איצט וועט מען קענען צוריקפאָרן קיין מאָסקווע, צוריק אַהיים.

זינט די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן צוריקטרייבן די דייטשן, איז איינגעפירט געוואָרן, אַז דער עלטסטער פון די רויטאַרמייִשע כוחות, צוזאַמען מיט זיין קאָמיסאַר, זאָל אין דרויסן, לעבן שטאַב, האַלטן אַ רעדע פאַר די באַפרייטע איינוווינער. מאַרשאַל איוואַנאָוו, און אויך מיכל, זענען געווען זייער אומגעדולדיק און נערוועז. זיי האָבן געוואָלט וואָס גיכער אָפּפּטרן דעם מיטינג מיט אַ פּאָר קורצע רעדעס און דערנאָך זיך לאָזן זוכן זייערע ווייבער, וועלכע מוזן נאָך געוויס דאָ, אין דעם דאָרף, זיך געפינען. אויף אַ טריבונע, וואָס די רויטאַרמייער האָבן שנעל אויף דער גאַס אויפגעשטעלט האָט זיך באַוויזן איוואַנאָוו אין זיין פּאַראַדנער מאַרשאַל־אוניפאָרם און אויך מיכל, אַן אויסגעפּוצטער און אַ העלדיש־שטראַלנדיקער. איוואַנאָוו האָט אויסגעשריגן עטלעכע באַגייסטערטע לאָזונגען און באַלד צוגעטיילט מיכלען דעם כבוד צו האַלטן אַ רעדע. מיכל האָט צענומען זיינע הענט און זיך אַ בייג געטאָן צו די מאַסן פּויערים און פּויערטעס, ווי ער וואָלט זיי אַלע געוואָלט אַרומנעמען און צודריקן צו זיין האַרץ.

— מיינע ברידער און שוועסטער, קאָלכאָזניקעס און קאָלכאָזניצעס פון דעם פּראַכטפולן שיינעם און גליקלעכן דאָרף קראַסנע־באָר! די רויטע אַרמיי, אונטער דער געניאַלער פירערשאַפט פון אונדזער פאָטער סטאַלין, און דעם העלדישן זון פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, מאַרשאַל איוואַנאָוו, די רומפולע רויטע אַרמיי האָט צעשלאָגן די באַפעסטיקטע דייטשן אַרום אייער דאָרף!...

אַלע איינוווינער פון דאָרף האָבן באַלד מיכלען דערקענט. עס האָט זיך באַלד אַ טראָג געטאָן אַ מורמל און אויף פריידיקע כוואַליעס האָבן זיך ווערטער געטראָגן פון מויל צו מויל: „מיכאַיִל, נאָש מיכאַיִל, אונדזער מיכל, טאָוואַרישטש קרוגער, מיכאַיִל, אונדזער קאָמיסאַר!”... און עס האָט אַ דונער געטאָן: „הוראַ־אַ! הוראַ־אַ!”

און אין מיטן פון דער פרייד האָט אַ פרוי געחלשט און מען האָט זי פון פּלאַץ אַהיים געטראָגן. און ווידער האָט זיך אַ מורמל דערהערט און ווידער האָבן כוואַליעס פון מויל צו מויל ווערטער געטראָגן, נאָר דאָס מאָל ווערטער פולע מיט טרויער, מיט בושה און פאַרדראָס: „פּראָסיאַ האָט געחלשט, קסעניאַס מוטער, זי האָט נישט אויסגעהאַלטן... עד־עד, אַ ווייטיק און אַ שאַנדע!”... און אין דעם טומל האָבן זיך צוויי פרויען אַ לאָז געטאָן מיט צעשפּרייטע הענט פאַרויס צו דער טריבונע.

— איוואַן!...

— מיכאַיל!...

אין דעם באַפרייטן דאָרף קראַסנע־באָר האָבן איצט די איינוווינער גערעדט מערער וועגן מיכלען און וועגן דעם שענדלעכן טויט פון קסעניאַן מיטן קינד צוזאַמען מיטן דייטשישן גענעראַל יאָכים שולץ ווי וועגן דער באַפרייונג פון זייער דאָרף פון אונטער דער דייטשישער קנעכטשאַפט. די פּערזענלעכע טראַגעדיע פון אַן איינצלנעם מענטשן האָט מערער געווירקט אויף זייערע מוחות ווי דער שוידער און די צעשטערונג וואָס די קריג האָט מיט זיך געבראַכט.

פּאָליאַ און קאַטיאַ האָבן זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן פון מיכלען דעם אמת. זיי האָבן אים נאָר דערציילט, אַז קסעניאַ מיטן קינד זענען געוועזן קרבנות פון אַ באָמבאַרדירונג, ווען אַן עראָפּלאַן האָט דאָס דאָרף אַטאַקירט. יעדנפאַלס האָט נישט פּאָליאַ און נישט יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ געהאַט די שטימונג און מוט צו דערציילן מיכלען אַלע איינצלהייטן פון דער טראַגע־דיע... פּאָליאַ איז געווען פאַרטאָן מיט איר אייגענעם אומגליק און טרויער. איוואַנאָוו האָט איר שוין געהאַט דערציילט, אַז איר זון איז דערהרגעט גע־וואָרן ווען די דייטשן האָבן געפּרווט פאַרכאַפּן מאָסקווע. ער האָט איר אויך דערציילט, אַז איר מאַן, באָריס, איז זייער געעלטערט און דערשלאָגן, און נאָר זיין אַרבעט אין קרעמל, האַנט ביי האַנט מיט סטאַלינען, האַלט אים אויף די פיס... פּאָליאַ האָט זיך געאיילט וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן דאָס דאָרף און צוריקפאָרן קיין מאָסקווע. קאַטיאַ איז געווען גליקלעך וואָס זי האָט זיך געטראָפן מיטן מאַן און זון און זי האָט אויסגעמיטן מיט מיכלען צו רעדן וועגן זיין אומגליק.

מאַרשאַל איוואַנאָוו איז געווען זייער אויפגעבראַכט ווען ער האָט זיך דערוווסט די גאַנצע געשיכטע, וואָס עס האָט מיט קסעניאַן פּאַסירט. ער האָט שוין אויך געוווסט, אַז דאָס גאַנצע דאָרף רעדט איצט וועגן דעם און ער האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל נישט אָנקומען צו מיכלען. ער האָט גע־זוכט אַן אויסוועג ווי אַזוי צו באַפרייען מיכלען פון זיינע יסורים און פּיין און פון דער שאַנדע, אויב נאָר ער זאָל זיך דערוויסן דעם גאַנצן אמת... צום סוף האָט ער אַן אויסוועג געפונען. ער האָט מיכלען געשיקט מיט אַ פּערזענלעכן ראַפּאָרט צום קרעמל וועגן דעם נייעם זיג און וועגן די צאָל געפאַנגענע וואָס מען האָט גענומען. דערביי האָט שוין מיכל אין דער באַ־גלייטונג פון צוויי רויטאַרמייער אויך געהאָלפן פּאָליאַן און קאַטיאַן זיך צו־ריקקערן קיין מאָסקווע.

די אויסרעכענונג איז געווען אַזאַ, אַז ווען מיכל וועט זיך צוריקקערן צום פראָנט וועלן אַריבער אַ פּאָר חדשים. פאַר דער צייט וועט ער אין זיין טראַגעדיע פאַרגעסן, אָדער זיך צוגעוווינען צו דעם געדאַנק, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין פרוי און קינד. פאַר דער צייט וועט דאָך שוין אויך דער פראָנט אַריבערגעטראָגן ווערן ווייט פון דעם דאָרף. דער שטאָב וועט זיך געפינען ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט. עס וועט מער גאָרנישט נישט זיין אַזעלכס וואָס זאָל אים דערמאָנען און וויי טאָן.

איוואַנאָווס אויסרעכענונג איז געווען אַ גוטע. אָבער עפּעס איז געווען הּעכערס פון דער לאָגיק.

פאַרן אָפּפאָרן קיין מאָסקווע האָט מיכל באַשטימט צו באַזוכן דאָס הויז ווו ער האָט אַזוי פיל שטורעמדיקע און אויך גליקלעכע טעג און נעכט פאַרבראַכט, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַהער געשיקט געוואָרן „אויס־צוגלייכן דעם צעבויגענעם שטעקן פון דער גענעראַלער פּאַרטייִשער לי־ניע און איינצופירן אָרדענונג און יושר אין דעם קאָלכאָז וואָס ער האָט באַ־דאַרפט אויף סניי שאַפן”. דאַן האָט ער זיך מיט קסעניאַן און מיט איר מו־טער באַקאַנט.

זינט די רויטע אַרמיי האָט דאָס דאָרף באַפרייט פון די דייטשן האָט פראַסיאַ מער זיך אויף דער גאַס נישט באַוויזן. זי האָט אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט מענטשן. נאָר איין מאָל האָט זי מיכלען געזען און קיין ווערטער פאַר אים נישט געהאַט, נאָר טרערן. דער מאַן אירער, דער מעכאַניק פון דעם קאָלכאָז, האָט זיך פאַר איר אַנטשולדיקט און געזאָגט צו מיכלען:

— זי איז קראַנק. דער ווייטיק איז צו גרויס. איך בעט דיך, רעד איצט נישט צו איר. דערמאָן נישט... עס טוט שטאַרק וויי!...

און איצט איז ער געקומען צו איר נישט צו רעדן וועגן דעם וואָס עס טוט זיי ביידן אַזוי וויי. ער איז געקומען נאָר זיך צו געזעגענען מיט איר. זי האָט זיך דאָך פאַרט עפּעס מיט אים אָנגעקערט...

— זייט געזונט, מאַמאַשאַ! — האָט מיכל געזאָגט און זי אַרומגענומען, — איך פאָר צוריק קיין מאָסקווע. דער פראָנט רוקט זיך פאָרויס און ווען איך וועל זיך צוריקקערן צום פראָנט וועט שוין דאָ אונדזער שטאָב נישט זיין, און ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען. נו, זייט געזונט, מאַ־מאַשאַ, און דערמאָנט מיך נישט צום שלעכטן.

— דיך דערמאָנען צום שלעכטן? פאַרוואָס?...

זי איז געװען גרוי און פֿון איר אַמאָליקער שײנקײט איז נאָר אַ שאָטן געבליבן. זי האָט פֿאַרהאַלטן זײַן האַנט אין אירער.

— דו, מיכאַ״ל, דו געדענק נאָר אונדז נישט צום שלעכטן. איך װײס, קסעניאַ האָט נישט באַדאַרפֿט דאָס טאָן צו דיר... זײַ איר מוחל!...

ער האָט זײַן האַנט פֿון אירער אַרויסגעריסן און געבליבן שטײן צעטומלט. ער האָט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. ער האָט נאָר דערשפּירט, אַז עפּעס איז נישט גלאָט געװען מיט קסעניאַס טויט. עפּעס האָט מען אויסבאַהאַלטן פֿון אים, נישט דערצײלט דעם גאַנצן אמת. מען האָט זיך פֿאַרשװוירן קעגן אים. פֿאַליאַ, יעקאַטערינאַ פּעטראָװנאַ און אַפֿילו איװאַנאָװ. זײ װײסן עפּעס און זײ װילן אים נישט זאָגן. זײ װײסן װי אַזױ און פֿאַרװאָס קסעניאַ מיטן קינד זענען אומגעקומען, און זײ װילן אים דעם אמת נישט זאָגן. מאַרשאַל איװאַנאָװ האָט צוגעטראַכט אַ ראַפּאָרט, װאָס ער װיל צום קרעמל שיקן דורך אים, גלײַך װי קײן אַנדער װעג פֿאַרן ראַפּאָרט צו דערגרײכן דעם קרעמל איז שוין גאָר נישטאָ. נו, און אויך די פּרויען, פֿאַליאַ און קאַטיאַ װעט ער קײן מאָסקװע באַגלײטן. אַ שײנע פֿאַנטאַזיע... מען טוט אַלץ אַבי אים פֿון דאַנען אַװעקצושיקן, אַבי פֿון אים אויסצובאַהאַלטן עפּעס אַזױנס װאָס ער טאָר נישט װיסן. אָ, נײן, ער װעט זיך נישט לאָזן נאַרן... ער האָט אויסגעשריגן:

— פֿאַרװאָס זאָל איך קסעניאַן מוחל זײַן? שװײַגט נישט, רעדט!

די צעבראָכענע פֿרוי איז געװען זיכער, אַז מיכל װײסט אַלץ. זי האָט זיך נישט פֿאַרגעשטעלט, אַז פֿאַליאַ און יעקאַטערינאַ־פּעטראָװנאַ װעלן אים דעם אמת נישט דערצײלן. און דאָס גאַנצע דאַרף האָט דאָך געקלונגען מיט קסעניאַס אַנטלויפֿן מיטן דײַטשישן גענעראַל און מיטן אומגליק װאָס צו זײ איז געשען. מען האָט אַפֿילו גערעדט, אַז דאָס איז אויף זײ געקומען אַ שטראָף פֿון גאָט... איז דאָס דען מעגלעך געװען, אַז מיכל זאָל פֿון דעם אַלעמען נישט װיסן? אָ, געװיס װײסט ער! זי מוז אָבער מאַכן לײַכטער איר טאָכטערס פֿאַלן...

— מיכאַ״ל, דו ביסט דאָך אַ קלוגער און אַ גוטער. דו האָסט דאָך בײַ כער געשריבן, דו פֿאַרשטײסט דאָס לעבן. זײַ איר מוחל, עס איז נישט געװען איר שולד... װען נישט די מלחמה װאָלט אַלץ גוט געװען. זי האָט דיך ליב געהאַט... — זי האָט אויסגעזעצט מיט אַ געװײן, — דער דײַטש, גענעראַל שולץ, האָט זיך אָנגעזעצט אויף איר. ער האָט איר לעבן נישט געלאָזט. ער האָט זי גענאַרט, אַז מאָסקװע איז שוין פֿאַרנומען און אַז גאַנץ

רוסלאַנד איז שוין קאַפּוט. זי האָט זיך פאַרלוירן. אַ שרעק איז איר באַפאַלן. און דו ביסט לעבן איר נישט געווען. דו ביסט געווען דאָרט ווו די דייטשן האָבן ייִדן געקוילעט, פאַרגאַזט און פאַרברענט. מיר האָבן דאָ געהערט וואָס אין װאַרשע, ביאַליסטאָק, מינסק און קיִעוו האָבן די דייטשן צו די ייִדן געטאָן... קסעניאַ איז פאַרצווייפלט געווען. זי האָט מורא געהאַט. זי האָט זיך געמוזט אונטערגעבן דעם דייטש. איז מיט אים אַוועק... דאָס קינד האָט זי מיט מיר אַפילו לאָזן נישט געוואָלט. זי האָט ליב געהאַט דאָס קינד, זייער ליב געהאַט, האָט זי עס מיטגענומען מיט זיך און איז אַוועק... אויפן וועג האָט אַ באָמבע פון די סאָוועטישע עראָפּלאַנען דעם גענעראַלס אויטאָמאָביל צעשמעטערט. מען האָט זיי אַלע דריי דערנאָך צוריק אין דאָרף געבראַכט, טויטע האָט מען זיי געבראַכט, דעם גענעראַל, קסעניאַן און דאָס קינד... אָ, גאָט!...

מיכל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פּאָל און מיט די הענט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. ער איז אַזוי־אָ געלעגן לאַנג און געשוויגן.

פּראָסיאַ האָט זיך אָפּגעקערעוועט אין אַ ווינקל און שטיל געוויינט.

דערנאָך האָט זיך מיכל פון פּאָל אויפגעהויבן און אָן אַ „זייַ געזונט“ פאַרלאָזט דאָס הויז.

ער איז געקומען אין שטאַב. אין דעם מאַרשאַלס צימער זענען איצט אויך פּאַליאַ און קאַטיאַ געווען. איוואַנאָוו האָט פאַר זיי אַרויסגעפּאַרטיקט אַלע בויטיקע פּאַפּירן כדי זיי זאָלן קענען פון דער פראָנט־זאָנע אַרויספאָרן און זיך צו מאָסקווע דערשלאָגן. מיכל האָט געעפנט די טיר פון צימער און געבליבן שטיין אויף דער שוועל. מען האָט דערזען זיין פאַראומערט געזיכט און מען האָט פאַרשטאַנען: ער ווייסט שוין אַלץ... ער איז באַלד צוגעקומען צו איוואַנאָוון, זיך פאַר אים אויסגעצויגן און מיט אַ פאַרביטערט האַרץ געזאָגט:

— טאָוואַרישטש מאַרשאַל, איך בעט דיך, שיק מיך נישט קיין מאָסקווע. שיק מיך גלייך צו דער פאָדערשטער ליניע, צום ערשטן פייער פון פראָנט!

זיין גאַנצער קערפּער האָט אין אים אַ ציטער געטאָן און נישט וואַרטנדיק אויף דעם מאַרשאַלס ענטפער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול לעבן איוואַנאָווס שרייבטיש.

מאַרשאַל איוואַנאָוו איז צו אים צוגעקומען און ער האָט אים פאָטערלעך אַרומגענומען און געזאָגט:

— ניין, מיכאַיל, דו האָסט נישט רעכט. דער פּראָנט מיט דעם ערשטן פייער ווו דער טויט לויערט איז נישט די לייזונג פאַר דיינעליידן. דו וועסט נאָך זיין אויפן פראָנט און דו וועסט נאָך קעמפן. איך ווייס, אַז דו ביסט אַ העלד און אַ פּאַטריאָט, אָבער איצט רעדט פון דיר אַרויס נישט דיין העלדישקייט און נישט דיין פּאַטריאָטישקייט. עס רעדן פון דיר אַרויס דיינע ווייטיקן און דיין פאַרדראָס. פאָלג מיך, פאַר קיין מאָסקווע און רו זיך אָפּ. דער גורל פון אַ מענטשן איז נישט אָפּהענגיק פון אים זעלבסט. אַ מענטש דאַרף קענען אויפנעמען וואָס אים איז באַשערט. איך גיב דיר אַ צוויי־חדשימדיקן אורלויב. פאַר, מיכאַיל, רו זיך אויס און קום צו זיך!...

פּאָליאַ און יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ זענען אויך צו אים צוגעשטאַנען און זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך נעמען אין די הענט און פאַרגעסן אין אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט, ווייל ער איז נאָך יונג און דאָס לעבן און די צוקונפט איז נאָך פאָרויס. אמת, ער האָט געליטן אַ גרויסע אבידה, אָבער דאָך איז נאָך אַלץ כדאַי צו לעבן אויף דער וועלט...

.73

מאָסקווע, די הויפּטשטאָט פון דעם לאַנד פון די סאָוועטן, איז ווינטער־צייט געווען נאָך מער פּראַכטפול און גרויסאַרטיק ווי אין זומער־צייט. ווייס ווי אַ טויב און שיין ווי אַ חלום איז מאָסקווע אין שניי אַ פאַרשאָטענע געווען. די ווענט פון קרעמל זענען באַמאָלט געווען מיט בילדער פון הייזער און גאַסן מיט ביימער און אין דער הויך, איבער דעם קרעמל, זענען געהאַנגען צעשפּרייטע נעצן אין וועלכע עס זענען געווען אַנגעטשעפּעט ביימער־צווייגן און דעקאָרירטע הילצערנע הייזקעס. אויך דער רויטער פּלאַץ איז געווען פאַרמאַסקירט און אָנגעשטעלט מיט כלומרשטע הייזער.

כאָטש מען האָט שוין אָפּגעשטעלט די אָפענסיווע פון די דייטשן און מען האָט זיי שוין אַפילו געטריבן צוריק, זענען זיי נאָך אַלץ געווען שטאַרק און חוצפּהדיק. זייערע עראָפּלאַנען, די „מעסערשמידטן" און די „פּאָקכן" זענען נאָך אַלץ געפלויגן טיף אין לאַנד און אַראָפּגעוואָרפן באָמבעס אויף שטעט און דערפער, זוכנדיק צו פאַרניכטן די סאָוועטישע מיליטערישע אינדוסטריע און די סאָוועטישע רעגירונגס־אַנשטאַלטן. אָבער סיי די פּאַבריקן און סיי די רעגירונגס־געביידעס, און איבערהויפּט דער קרעמל, זענען געווען אַזוי מייסטעריש און קונציק פאַרשלייערט, געענדערט און פאַרמאַס־

קירט, אַז די דייטשישע עראָפּלאַנען האָבן זיך געמוזט לאַנג דרייען איבער די שטעט און זוכן דעם טאַרגעט, דעם פּונקט וואָס זיי ווילן באָמבאַרדירן. פון לאַנג דרייען זיך און זוכן דעם נויטיקן פּונקט, וואָס זיי האָבן געזאָלט צעשטערן, האָט זיי געדראָט אַליין אַרונטערגעשאָסן צו ווערן, און דערפאַר האָבן זיי אין זייער משוגע־געוואָרענעם כעס אָן אַ שום ציל אַראָפּגעשליידערט די באָמבעס ווו נאָר עס האָט זיך זיי איינגעגעבן און זיי זענען ווי ווילדע פייגלינגען באַלד צוריקגעפלויגן צו זייערע באַזעס. טויזנטער ציווילע מענטשן, אַלטע לייט, פרויען און קינדער זענען פון דער מערדערלעכער דייטשישער באָמבאַרדירונג אומגעקומען. טויזנטער הייזער זענען פון דער דייטשישער באָמבאַרדירונג פאַרברענט און פאַרניכטעט געוואָרן. הונדערטער טויזנטער מענטשן זענען געבליבן אויף דער גאַס אָן אַ ״אַך איבערן קאָפּ.

ווען פּאָליאַ איז צוריקגעקומען קיין מאָסקווע האָט זי דאָ ערשט דערפילט דעם גרויסן ווייטיק אירן און די פּוסטקייט אין איר לעבן. זי האָט געטראָפן אַן איינזאַמע און אַ קאַלטע שטוב. דער מאַן אירער, באָריס, איז איצט נאָך מער ווי אין פרידן־צייט געווען פאַרטאָן און פאַרקאָכט אין זיין געהיימער טעטיקייט, אין קרעמל. ער איז זעלטן אַהיים געקומען. ער האָט אין די געפערלעכע מלחמה־טעג מערער פאַרבראַכט אין די טיפע קעלערס פון קרעמל ווי ביי זיך אין דער היים. זיין פּנים איז געוואָרן געל און קרענקלעך, זיינע האָר גרוי, און ער האָט זיך שוין געמוזט אָנשפּאַרן אויף אַ שטעקן. ער האָט געשוויגן, זיך נישט פאַרקלאָגט אויף זיין קרענק, וואָס עסט אים אינעווייניק, קריכט אַריין אין זיין מאַרך און אין זיינע ביינער, און וועט אָט־אָט אים אַזוי טרעפן, אַז ער וועט פאַלן פון די פיס. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט פּאָליאַן. איצט ווען ער האָט דעם זון פאַרלוירן און זיינע בעסטע, אינטימע פריינד, מיכל און איוואַנאָוו, זענען ווייט פון אים געווען, האָט ער דערפילט ווי נויטיק און ליב איז צו האָבן פּאָליאַן אין דער היים. און פּאָליאַ, זי האָט נאָך דעם וואָס זי האָט פאַרלוירן איר קינד, איר איינציקן טרייסט, זי האָט איצט געפילט אַ גרויסע צוגעבונדנקייט צו באָריסן און איר האָט וויי געטאָן, וואָס ער מוז אַ קראַנקער אָפּפּטרן זיינע טעג און נעכט אין די באַהעלטענישן פון די געהיימע אונטערערדישע געביידעס פון קרעמל.

אויך יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ איז איצט אין דער־אָ גרויסער מיליאָניקער שטאָט מאָסקווע געווען עלנט און איינזאַם. קיינער איז צו איר גאַסט־

פריינדלעך הויז נישט געקומען. אַלע אירע פריינד און גוטע באַקאַנטע זע־נען געווען אין קריג, ווייט פון מאָסקווע. ווער עס איז אין שטאָט געבליבן איז געווען פאַרנומען מיט אַרבעט פאַרן פראָנט און עס איז נישט געלעגן אין זינען צו באַזוכן אַן עלנטן פריינד. עס איז קאַטיאַן געווען אומעטיק און פוסט אויף דער נשמה. ווי אַ צאַנקנדיק ליכט אַזוי האָט זי אויסגעזען אַרומ־דרייענדיק זיך איינע אַליין איבער די פיל צימערן פון איר גרויסאַרטיקער דירה. אין איר זענען קיין מאָל די רעליגיעזע געפילן נישט אָפּגעטעמפּט געוואָרן, כאָטש זי איז געוואָרן אַן אידעאַליסטישע קאָמוניסטקע. זי האָט די רעליגיעזע געפילן נאָר געטריבן פון זיך כדי צו קענען באַרעכטיקן איר פלאַץ אין דער געזעלשאַפט פון איר מאַן און זון. איצט האָט זי נישט גע־האַט פאַר וועמען זיך אויסצובאַהאַלטן. זי האָט פון אַ פאַרשטעקט אָרט אַרויסבאַקומען אַן איקאָנע מיט די געשטאַלטן פון דער מוטער מאַריאַ און דעם זון אירן, יעזוס, אויף די הענט. די ראַם פון דער איקאָנע איז געווען באַצירט מיט אויסגעהאַמערטן גאָלד און זילבער. זי האָט די איקאָנע אויפ־געהאַנגען אין אַ ווינקל פון איר שלאָף־צימער און זיך אַוועקגעשטעלט קעגן איר מיט פאַרלייגטע הענט און געבעטן:

„מיין מאַן, איוואַן איוואַנאָוויטש, און מיין זון פּיאָטער איוואַנאָוויטש, זאָלן זיי בלייבן לעבן!... טוט דעם נס, איך בעט אייך, יעזוס גאָט און מוטער מאַריאַ".

און דאָס לעבן אין שטאָט, נאָך יעדער באָמבאַרדירונג, איז אַנגעגאַנ־גען צוריק ווי געוויינלעך. מען האָט די טויטע באַגראָבן. די פאַרניכטעטע הייזער האָט מען אַרומגעצוימט מיט שיינע באַמאָלטע ברעטערנע ווענט, אַזוי אַז דער חורבן זאָל זיך פאַר די אויגן נישט וואַרפן.

נאָך איינזאַמער און עלנטער פון פּאָליאַן און קאַטיאַן איז מיכל געווען ווען ער איז אַרויס פון צוג און האָט אָנגעהויבן צו גיין איבער די מאָסקווער גאַסן. אין איינער פון די לעצטע באָמבאַרדירונגען, ווען די דייטשישע פּי־לאָטן האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן מיט זייערע עראָפּלאַנען און זיי האָבן נאָך אַלץ אַרומגעזוכט דעם „פאַרשווונדענעם" קרעמל, האָבן זיי פאַרט צו אַ פּונקט, ערגעץ נאָענט פון קרעמל זיך דערנענטערט און דאָרט זייערע באָמבעס אויסגעלאָדן. די באָמבעס האָבן געטראָפן אין די נייע אויסגעבויטע הייזער פון דער גאַס, נישט ווייט פון קרעמל, אַקעגן דעם רויטן פּלאַץ. אַ באַרג מיט שטיינער איז געבליבן פון די מאָדערנע דירות וועלכע זענען גע־ווען אויסגעשטאַט מיט פאַרמעגלעכן האָב און גוטס. אונטער דעם אָנוואַל־

גער פון שטיינער, שטאָל און האָלץ איז מיכלס דירה, זיין מעבל און זיינע פיל שריפטן, ביכער און מאַנוסקריפטן באַגראָבן געוואָרן. אַנשטאָט דעם שיינעם גרויסאַרטיקן מויער איז איצט געווען אַ הויכע וואַנט פון ברעטער. באַמאָלט מיט אַ וואַלד פון פאַרשיידנאַרטיקעביימער און אַ ווייסער שניי פאַלט איבער זיי...

מיכל איז געשטאַנען פאַר דער־אַ פאַנאָראַמע ווי פאַר אַ דענקמאָל, וואָס האָט נאָר דערמאָנט. אַז אַמאָל איז דאָ געווען אַ הויז מיט פיל דירות און מיט אַ סך מענטשן. ער האָט דאָ, אין דעם הויז, איינציקע זייער גליקלעכע טעג און נעכט פון זיין לעבן פאַרבראַכט, און איצט איז ער אַליין, עלנט און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

ער האָט געהאַט צוויי לאַנגע חדשים אורלויב, און ער האָט נישט גע־ווּוסט וואָס ער זאָל מיט זיך טאָן אין די־אַ צוויי חדשים. וווּהין זאָל ער זיך אַהינטאָן?... ער האָט געוואָלט ערגעץ לויפן, אַנטלויפן פון מענטשן און פֿי־לייכט אַנטלויפן פון זיך זעלבסט... ער האָט זיך נישט געוואָלט מער טרעפן מיט קיינעם פון זיינע פריינד און באַקאַנטע. ער האָט געוואָלט בלייבן נאָר מיט זיך זעלבסט און טראַכטן, דענקען...

ער איז אַוועק אין דעם אָפיצירישן הויז פון דער רויטער אַרמיי. עס איז דאָ טאָג און נאַכט געווען פול מיט פריילעכע לעב־יונגען, אָפיצירן וועל־כע זענען פאַרבייגעפאָרן מאָסקווע צוריק צום פראָנט, נאָך אַן אורלויב, נאָך אַ געהיימען וויזיט אין פאַרבינדונג מיטן קריגס־מיניסטעריום, אָדער נאָך אַ צייט ליגן פאַרוווּנדעט און קראַנק אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל.

מען האָט פאַר די אָפיצירן אין דעם קלוב געגעבן לעקציעס, געוויזן פילמען און געשפילט טעאַטער. עס איז דאָ אויך געווען אַ רייכע ביבליאָ־טעק, אַ פיינער מוזיי, אַן אויסגעצייכנטער רעסטאָראַן און אַ מאָדערנער האָ־טעל. אומעטום איז געווען פול מיט יונגע און מיטליאָריקע מיליטער־לייט, אין זייערע פּאַראַדנע מונדירן מיט די שיינענדיקע גאָלדענע און זילבערנע פּאַגאָנעס אויף די אַקסלען, און באָמבלדיקע, צאַצקענדיקע אָרדנס און מע־דאַלן אויף די ברוסטן. דער האָטעל איז געווען איבערגעפּולט מיט אָפיצירן. מיכלען האָט זיך קוים איינגעגעבן צו קריגן אַ צימער אויף דעם אַכטן און העכסטן שטאָק פון דעם אָפיצירישן האָטעל.

ער האָט צעפּאַקט זיינע זאַכן און זיך באַלד אַריינגעלייגט אין בעט. עט־לעכע טעג איז ער געווען איינער אַליין מיט זיך און מיט זיינע אייגענע

געדאַנקען אין דעם צימער און איז נאָר אַרויסגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע ווען דער הונגער האָט אים געמאַטערט.

אײנמאָל האָט ער דערזען אויף די ווענט פון רעסטאָראַן אַן אַפּיש מיט שרײַענדיקע בוכשטאַבן: „דער לעני־ן־אָרדן־טרעגער, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, וועט הײַנט אָוונט אין דעם ביבליאָטעק־זאַל לײענען אַ לעקציע אויף דער טעמע: רוסלאַנד וועט קײן מאָל נישט באַזיגט ווערן פון די שונאים. רוס־לאַנד וועט די גרויסע פּאַטריאָטישע קריג געווינען. עס האָט מיכלען אַ צי־געטאָן פון אָרט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זײגער. באַלד וועט זיך די לעקציע אָנהײבן. ער איז אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ און איז אַרײַן אין זאַל. אַלע ערטער זענען שוין געווען אָנגעפּולט. עס זענען נאָך געבליבן עט־לעכע בענקלעך פרײַ, בײַם אַרײַנגאַנג, לעבן דער טיר. מיכל האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף אַ בענקל. פון אַ זײַטיקער טיר האָט זיך באַוויזן פּראָפעסאָר מאַסלאָוו און איז צו צו אַ סטענדער, אויף דער בינע. ער איז געווען אַלט און פולבלעך, מיט אַ צעוואַקסענעם בויך און מיט אַ געפלעקטן כאַקי־מונ־דיר אויף וועלכן עס האָט געשײַנט אַ לעני־ן־אָרדן. מיכל האָט אים קוים דערקענט. מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן אים די אָפיצירן באַגעגנט. ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטיל און ביסלעכווײַז געהעכערט זײַן קול, גע־מאַכט מיט די הענט און אין זײַן רעדן און אין זײַנע זשעסטן איז געווען אַזוי פיל מאַיעסטעטישע אַקטיאָרישקײט, אַז עס האָט געמוזט פאַרכאַפּן דעם צוהערער.

„סטאַלין, אונדזער פאָטער, דער גרויסער סטראַטעג, גענעראַליסימאָ סטאַלין האָט אונדז אין פרידן־צײַט געפירט פון זיג צו זיג, און אויך איצט, אין מלחמה־צײַט פירט ער אונדז פון זיג צו זיג" — האָט פּראָפעסאָר מאַס־לאָוו געמאַכט דעם אויספיר פון זײַן קונציקער רעדע וועלכע ער האָט אַזוי שײן און אַקטיאָריש אויסגעשפּילט. עס האָט זיך אַ וויג געטאָן דער זאַל פון די אַפּלאָדיסמענטן. מיכל האָט אויסגענוצט דעם טומל פאַר אַ געלעגנהײט זיך אַרויסצוכאַפּן. ער האָט פון אָנהײב־אָן געהאַט אַ חשק צוצוגײן צום פּראָ־פעסאָר און אים באַגריסן, אויסשטרעקן צו אים די האַנט, און מיט אַמאָל האָט אים אַן איבל אַ שלאָג געטאָן ווי צום ברעכן און ער איז אַרויס. ער האָט איצט, ווי קײן מאָל נישט, פאַרשטאַנען, אַז דער־אַ פּראָפעסאָר רעדט נישט דאָס וואָס ער מײנט. דער פּראָפעסאָר איז נישט מער ווי אַ ביליגער פּאַיאַץ פון דעם קרעמלס באַלאַגאַן.

ער איז אַרײַן צו זיך אין צימער און זיך צוריק אַרײַנגעלײגט אין בעט.

ער האָט גענומען אַ בוך אין האַנט און געוואָלט לייענען. עס האָט זיך אָבער נישט געלייענט. ער האָט איינגעבורעט דעם קאָפּ אין קישן, געוואָלט אַנט־שלאָפן ווערן, אָבער ער איז שלעפעריק נישט געווען. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. פויל און בייז, וואָס מען שטערט אים, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון בעט און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי צעעפנט. אַ באַדינער פון האָטעל אין אַ רויטאַרמייִשער אוניפאָרם איז געשטאַנען און צעהיצט, ווי פון אַ מאַשין־ביקס, אַ שאָס געטאָן מיט ווערטער:

— טאָוואַרישטש מאַיאָר, דרינגנד, אַ טעלעפאָן, גייט שוין אַראָפּ אין קאַנצעלאַריע, עס איז זייער וויכטיק און זייער דרינגנד!

— גיי! — האָט מיכל אַ געשריי געטאָן, — איך קום באַלד אַראָפּ.

דער סאָלדאַט איז אַוועק און מיכל האָט אַ טראַכט געטאָן: „ווער קען מיך רופן, און וואָס איז דאָס אַזוי וויכטיק און דרינגנד?" — ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז שוין פון עטלעכע טעג זוכט מען אים אַרום און מען האָט קוים אויסגעפונען ווו ער איז.

די ערשטע טעג פון זייער צוריקקומען קיין מאָסקווע, איז נישט פאַ־ליאַ און נישט קאַטיאַ אימשטאַנד געווען צו דענקען וועגן מיכלען. שפּע־טער, ווען זיי זענען צו זיך געקומען און זיך פון באַריסן דערוווּסט, אַז דאָס הויז ווו מיכל האָט געהאַט געוווינט איז פאַרניכטעט געוואָרן נאָך אַן אָנפאַל פון די דייטשישע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, האָבן זיי זיך שטאַרק דער־שראָקן. זיי האָבן באַריסן דערציילט וועגן אַלע איבערלעבונגען וואָס מיכל האָט אַדורכגעמאַכט, און וועגן דעם לעצטן קלאַפּ וואָס ער האָט באַקומען דורכן אומגליקלעכן און שענדלעכן טויט פון קסעניאַן און זיין קינד. און איצט ווען ער האָט זיך קיין מאָסקווע צוריקגעקערט אויף אַ צוויי־חדשימדיקן אורלויב און ער וואָלט דאָ אפשר זיך אָפּגערוט און צו זיך געקומען, האָט אים דאָ דערוואַרט אַ נייע אומאָנגענעמלעכקייט. ער איז געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ער איז געבליבן עלנט, איינער אַליין, און ווער ווייסט וואָס ער קען נאָך מיט זיך אָפּטאָן נאָך די אַלע שרעקלעכע איבערלעבענישן.

באָריס איז שוין אַזוי אויך געווען קראַנק. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן און פאַראומערט געטראַכט, דערנאָך געזאָגט:

— אַ שאָד, דער בחור וועט פאַרפאַלן, פאַרלוירן גיין.

— ווו איז ער אַהינגעקומען? — האָט יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, וועל־בע האָט באַזוכט פאַליאַן און באָריסן, אויסגעשריגן, — אום גאָטס ווילן,

באָריס, שטײ נישט אָנגעלענט אויף דײַן שטעקן. טו עפּעס, מען מוז אים אָפּזוכן!

אויך פּאָליאַ איז צוגעשטאַנען צום מאַן:

— באָריס, מיר זענען שוין אַזוי אויך געשטראָפט, דעם זון פאַרלוירן...

— עס האָבן זיך אַ גאַס געטאָן טרערן פון אירע אויגן, — מיכאַ:ל איז דאָך דײַן אײנציקער חבר! עס אַרט דיך גאָרנישט פאַר אים? דו ווייסט דאָך ווו צו זוכן און ווהין זיך נאָכצופרעגן. זוך אים אָפּ!

באָריס האָט נישט געענטפערט. עס האָט אים עפּעס אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן און עס האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין זײַן שטעקן און זיך אַ וואַקל געטאָן. פּאָליאַ און קאַטיאַ האָבן אים צוגעפירט צו אַ שטול. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט טיף אין דער שטול און איז מיט אַמאָל אײַנגעשרומפּן געוואָרן. ער האָט קוים אויסגערעדט:

— פּאָליאַ, רוף אַ דאָקטער!

פון קרעמל איז אָנגעקומען אַ דאָקטער מיט אַ קראַנקן־שוועסטער. מען האָט אים באַלד פאַרנומען אין שפּיטאָל. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען באָריסן צוריק אַהײם געבראַכט. ער האָט אויסגעזען אויסגערוט און אַפילו געזונט, נאָר די פיס האָבן אים מער נישט געדינט. אַ סאַניטאַר האָט געבראַכט אַ מעטאַלענע ווײַסע שטול מיט צווײ גרויסע רעדער בײַ די זײַטן. מען האָט באָריסן אַרײַנגעזעצט אין דער־אַ שטול. דער דאָקטער האָט געזאָגט:

— פּאַראַליטש! דאָס מײנט געלײמט אויף די פיס. אויב ער וועט נאָר זײַן רו:ק און זיך נישט גריזשען, קען ער אַזוי־אַ אָפּלעבן אין דעם־אַ שטול ביז אַ טיפער עלטער!

דער דאָקטער, די קראַנקן־שוועסטער און דער סאַניטאַר זענען אַוועק. פּאָליאַ איז צוגעקומען צום שטול, זיך אָנגעבויגן און אַ קוש געטאָן באָריסן. זי איז געווען זײער רו:ק. זי האָט געזאָגט:

— איך בעט דיך, באָריס, זאָרג נישט און גריזשע זיך נישט. דו האָסט מיך, איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער ווײַב. עפּעס אַ מין ווײכקײט האָט זיך באַוויזן אין זײַנע אויגן. ער האָט זי צוריק אַ קוש געטאָן.

— צו וואָס זאָל איך זיך גריזשען און צו וואָס זאָרגן? מײַן קאַריערע איז שוין פאַרענדיקט! איך בין פאַרזיכערט מיט אַ גוטער פּענסיע, און... — ער האָט צופרידן אַ שמײכל געטאָן, — און איך בין פאַרזיכערט פון פּחד

און שרעק, אַז מען זאָל מיך נאָך אַמאָל אַרעסטירן, און ווי אַ „קאָנטער־רע־וואָלוציאָנערן הונט" צעשיסן. אָ, ניין, פון איצט אָן, בין איך אַ פרייער מענטש און איך האָב מער נישט וואָס צו זאָרגן און וואָס מורא צו האָבן!...

פאָליאַ האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— באָריס, רעד נישט אַזוי...

— דו, פאָליאַ טייערע, שרעק זיך נישט פאַר מיינע רייד. קיינער האָט דאָך קיין מאָל וועגן מיר נישט געהערט. איך בין אַ שוואַרצער שאָטן געוועזן, ביי די ווענט און אין די ווינקעלעך זיך געדרוקט, און אויסער סטאַלינען האָט דאָך מיר קיינער קיין מאָל נישט באַמערקט, און קיינער האָט קיין שום אַכט אויף מיר נישט געלייגט. און איצט, אַ געליימטן אין אַ שטול, מיט דריי אָרדנס אויף דער ברוסט, וועלן שוין אַלע מיך באַמערקן. מען וועט זאָגן: „אַ העלד פון דער רעוואָלוציע, אַן אינוואַליד מיט אַ פיינער פענסיע און מיט אַן אייגן הויז הינטער מאָסקווע. יאָ־יאָ, אַן אייגן הויז הינטער מאָסקווע האָט אָט דער־אָ אינוואַליד, און דערצו נאָך אַ נישקשהדיק יונג שיין ווייבל, וואָס שטופט די שטול און פירט אים אַרום. אַך, ווי גליקלעך דער־אָ באָריס גאַרבער איז איצט!"...

פאָליאַ האָט געמיינט, אַז באָריס רעדט פון זינען. אַ דערשראָקענע האָט זי אָפּגערופן קאַטיאַן און איר געבעטן באַלד קומען. יעקאַטערינאַ פעטראָוונאַ איז געקומען צולויפן.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז באָריס איזביים קלאָרן זינען. ער האָט פאַר פאָליאַן און קאַטיאַן באַוויזן אַ בריוו, וואָס סטאַלין פערזענלעך האָט צו אים אין דעם קרעמלס שפיטאָל איבערגעגעבן. עס איז געווען געשריבן נאָך עטלעכע וואַרעמע ווערטער פון לויב און באַדויערונג וואָס באָריס מוז איבערגיין אויף פענסיע אין אַזאַ צייט ווען דאָס לאַנד און ער, סטאַלין פערזענלעך, נויטיקן זיך אין זיין טעטיקייט. אַלס באַלוינונג פאַר געטרייער און איבערגעגעבענער פיל־יאָריקער אַרבעט אויפן געביט פון קאַמף קעגן אַלע שונאים פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און דער סאָוועטישער רעגירונג, ווערט אים געשאָנקען אַ הויז מיט אַ גאָרטן אַרום הויז, הינטער מאָסקווע.

איצט, ווען די שרעק איז אַריבער און מען איז שוין געווען זיכער, אַז קיין שום שלעכטס קען שוין ווייטער מיט באָריסן נישט געשען, האָט מען זיך ווידער דערמאָנט אין מיכלען.

— וווּ איז ער?...

— וואָס איז מיט אים געשען?...

— עס קען נישט זיין, אַז מיכאַ:ל זאָל די גאַנצע צייט זיין אין מאָסקווע און ער זאָל אַפילו קיין איינציק מאָל קיינעם נישט באַזוכן און אַפילו קיין איין מאָל קיינעם אויפן טעלעפאָן נישט אָפּרופן!...

— ניין, אַזאַ חזיר איז ער נישט!...

— מען מוז אים אָפּזוכן.

באָריס האָט פּראַקטיצירט זיך צו באַוועגן אין זיין שטול אָן פּאָליאַס הילף, אָן איר אונטערשטופּן די שטול. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַר די ווייסע מעטאַלענע רעדער און האָט זיך געדרייט איבערן צימער אין אַ קאַראַהאַד און אַזוי־אָ זיך צוגעשלעפּט צום טעלעפאָן. ער האָט אָפּגערופן פיל מיליטערישע און געהיימע אַנשטאַלטן. פון אומעטום האָט מען אים וואַ־רעם און פריינדלעך געענטפערט. אַלע הויכע קאָמיסאַרן האָבן שוין געוווּסט, אַז ער איז שוין אַן אינוואַליד און אויף פּענסיע, און מען וועט אים שוין מער אין קרעמל נישט זען. צי מען איז אים מקנא געווען, צי מען איז געווען צו־פרידן וואָס מען האָט אים שוין פון קרעמל אַרויסגעפּטרט, „פריינד" און „שונאים", אַלע האָבן צו אים האַרציק און זיס גערעדט, אים געוווּנטשן גליק אין זיין ניי הויז, וואָס סטאַלין האָט אים געשענקט, הינטער מאָסקווע, און ווו ער קלייבט זיך גאָר אינגיכן אַריבערצופאָרן. מען האָט צוגעזאָגט צו קומען צו אים צו גאַסט, אים געטרייסט און געלויבט, און ווען מען האָט זיך דער־וווּסט אין וואָס זיין בקשה באַשטייט זענען אַלע געווען גרייט אים צו דינען.

פאַרנאַכט־צו איז שוין אָנגעקומען אַן ענטפער. מאַיאָר מיכאַ:ל קרוגער שטייט איין אין דעם האָטעל פון דעם אָפיצירן־הויז פון דער רויטער אַרמיי.

ווען מיכל האָט דורכן טעלעפאָן דערהערט דאָס קול פון באָריסן, און זיך דערוווּסט אין אַ וועלכן צושטאַנד ער געפינט זיך איצט, איז ער באַלד געקומען.

איצט איז זיין פערזענלעכער וויטיק פאַרגעסן געוואָרן.

ער איז געזעסן קעגן זיין חבר און זיך געוווּנדערט: באָריס זאָרגט זיך גאָרנישט! אַן אַנדער מענטש געוואָרן! ערשט איצט, אַ פּאַראַליזירטער און אַ צוגעבונדענער צו זיין שטול אויף רעדער איז ער צוריק אויפגעלעבט גע־וואָרן, צוריק דער זעלבער „באָריס דער שטאַרקער" ווי אין זיינע יינגלשע יאָרן, אַמאָל אין אָדעס.

— אַך, באָריס, באָריס!...

— און דו, מיכאַ:ל, דאַרפסט אויך נישט זאָרגן. בלייב דאָ, מיכאַ:ל. גיי נישט מער אין האָטעל. איך וויל דיר דאָ האָבן לעבן זיך. איצט האָב איך אַ

סך פרייע צייט. זיי דאָ מיט אונדז ביז דיין אורלויב וועט זיך ענדיקן. וועסט אונדז העלפן זיך איבערציִען אין מיין אייגן הויז, הינטער דער שטאָט!...

דאָס נייע הויז אין וועלכן מען האָט באַריסן באַזעצט איז ווירקלעך געווען גרויס און שיין. און כאָטש עס איז געווען ווינטער און דער גאָרטן איז געווען מיט אַ טיפן שניי באַדעקט האָט דאָך די שטילע און ווייסע דאָרפישע שיינקייט ווי מיט אַ כישוף געווירקט און באַרוּיקט יעדנס געמיט. די דייטשישע עראָפּלאַנען, וואָס זענען נאָך אַלץ פון צייט צו צייט אָנגעפלויגן אויף מאָסקווע און געוואָלט אַנטפּלעקן דעם קרעמל, האָבן איצט מער אויף די פּאַרשטעט און אַרומיקע דערפער קיין שום אַכט נישט געלייגט. דאָ, אין דעם דאָרפישן הויז מיטן גאָרטן איז געווען אַזוי שטיל און פרידלעך גלייך ווי קיין מלחמה וואָלט גאָר נישט געווען.

עס האָט גענומען אַ צייט ביז מען האָט אַריבערגעפירט דאָס גאַנצע מעבל פון דער מאָסקווער דירה אין דעם נייעם הויז פון דעם הינטער מאָסקווער דאָרף.

מיכל איז געווען די גאַנצע צייט פאַרנומען מיט העלפן פּאָליאַן אויסשטעלן דאָס מעבל. באָריס איז אַרומגעפאָרן אויף זיין שטול מיט די צוויי ווייסע גרויסע רעדער איבער די פיל גרויסע צימערן און מיט אַ באַגייטער אויפלעבונג אָנגעוויזן ווו און וואָס צו שטעלן. ער האָט געשריגן, געלאַכט און זיך געטומלט. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס און געוואַלדיקע בייגעריקייט צו היימישער איינאָרדענונג. עס איז געווען אַ נייע דערשיינונג אין אים און עס האָט די אַרומיקע אי געפרייט אי געשראָקן צוזוזען די ענדערונג אין באָריסן זינט זיין פּאַראַליזירונג.

מיכל האָט זיך אָנגעשטעקט פון באָריסן. ער האָט געשעצט דעם מוט אין דעם־אָ פאַרהאַרטעוועטן מענטשן, וועלכער האָט אָנגענומען זיין פאַרקריפּלטן צושטאַנד ווי אַ געשעענעם פאַקט מיט וועלכן מען מוז זיך איינלעבן און אַפילו אָנהייבן צו געניסן פון דער מנוחה וואָס די לאַגע האָט פאַר אים געשאַפן. מיכל האָט אויך אָנגעהויבן זיך איינצולעבן און זיך צוגעוווינען מיט דעם געשעענעם, מיט זיין גורל... ער האָט אויך אָנגעהויבן צו געניסן פון דער רו און געמיטלעכקייט וואָס דאָס שטילע דאָרפישע הויז מיט דעם פראַכטפולן גאָרטן האָבן אויף אים אָנגעוואָרפן. ער האָט צוריק אָנגעהויבן צו שאַפן.

אין די שיינע לבנה־נעכט איז ער געזעסן איינער אַליין ביי אַ שרייבטיש, לעבן אַ פענצטער וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום ווייסן פאַרשנייטן

גאָרטן און געשריבן, געאַרבעט לאַנגזאַם און פֿאַרקלערט ביז מידקייט. עס איז געווען אַ נייער ראָמאַן, געבויט אויף איינעם פֿון זיינע פֿיל אויטאָביאָ־גראַפֿישע עפּיזאָדן פֿון זיין ערשט נישט לאַנג פֿאַרבייגעלאָפֿענעם לעבן. און די געשיכטע איז געווען וועגן דעם לעבן און טויט פֿון זיין נייעם פֿריינד, דעם אַגראָנאָם און „טשודאַק" קריוואָטשאַפּקאָ.

אין די טעג, ווען אין דעם פּראָסטיקן הימל איז די זון געהאַנגען און זיך געשפּיגלט מיט אירע שטראַלן אין די קרישטאָלענע אויאָרן פֿון דעם ווייסן שניי, פֿלעגט פֿאָליאַ אַרויספֿירן באַריסן פֿון הויז, אים איבערזעצן פֿון זיין שטול אין אַ שליטן און אים שלעפּן איבער די אַלייען פֿון דעם זון־באַ־גאָסענעם גאָרטן. פֿאָליאַ האָט זיך איצט איינגאַנצן געווידמעט צו איר צו־שטאַנד צו וועלכן דער שיקזאַל האָט איר דערפֿירט. נישט קיין ווייב מער, נאָר אַ געטרייע און אַן איבערגעגעבענע קראַנקן־שוועסטער צו איר מאַן איז זי איצט געוואָרן. זי האָט דעם אורטייל אויף זיך גענומען אָן שום באַקלאָגן זיך.

אַזוי איז די צייט געפֿלאָסן.

אין איינעם אַ פֿאַרטאָג איז מיכל אַרויס פֿון שטוב. ער איז אַרומגע־גאַנגען איבערן פּאַרק. דער צוויי־חדשימדיקער אורלויב איז אַריבער. ער האָט שוין געדאַרפֿט זיך צוריק אומקערן צום פֿראָנט, און זיין נייעם ראָ־מאַן וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט און שוין אָפּילו אָנגעהויבן צו שרייבן, האָט ער פֿאַרענדיקן איצט נישט געקענט. עס איז אים געווען אַ שאָד. ער האָט ליב געהאַט דעם העלד פֿון דעם ראָמאַן. ער האָט געוואָלט אויסבילדן אין דעם ראָמאַן אַ טיפּ פֿון אַ נייעם, אַ בעסערן מענטשן, אָבער... מלחמה! ער מוז צוריקפֿאָרן צום פֿראָנט. ער וועט שוין דעם ראָמאַן ענדיקן שפּעטער, נאָך דער מלחמה, אויב ער וועט נאָר בלייבן לעבן.

אין גאָרטן האָט זיך באַוויזן פֿאָליאַ, שלעפּנדיק אַ שליטן אין וועלכן באַריס איז געזעסן אַן איינגעהילטער אין אַ פֿוטער. אין דער פֿאַרטאָגיקער שטילקייט איז דער גאָרטן מיטן הויז אין אים צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן אין אַ ווייס־שניייקער קרישטאָלקייט. אַלץ האָט געזונקען אין דער אייגענער פּראַכט. אַלץ האָט געלויכטן מיט אַ שיין ווי נישט פֿון דער וועלט. ווי אַ זילבערנער שפּיגל איז געווען דער הימל און אַ ליכט האָט מיט גאָלד גע־ברענט. דאָס ליכט פֿון שפּיגל האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין דער לויטערקייט פֿון ווייסן שניי אויף דער ערד. עס האָט געבלאָזן אַ קליין ווינטעלע און אַ שאָקל געטאָן די פֿאַראייזיקטע ביימער. מיכל האָט דערשפּירט דעם אָנקו־

מענדיקן פרילינג, כאָטש דער פראָסט און די קעלט זענען נאָך ביז גאָר ווינטערדיק געווען. דער שליטן האָט זיך דערנענטערט. מיכל איז זיי גע־גאַנגען אַנטקעגן.

— גוט מאָרגן, באָריס, גוט מאָרגן פּאָליאַ!...

— גוט מאָרגן, גוט יאָר! — האָט באָריס אַ פריילעכער אָפּגעענטפערט,

— מען דאַרף נישט קאַרגן קיין טעג!

— איצט איז דאָ אַ מחיה! — האָט פּאָליאַ געזאָגט, — עס איז אַזוי שטיל און אַזוי שיין...

— און אין פרילינג וועט דאָ זיין נאָך שענער! — האָט מיכל צוגע־געבן.

— אָ, מיכאַיל, דו האָלסט שוין ביי פרילינג. מיך אַרט נישט, אַז דער ווינטער וועט זיך נאָך אַביסל ציִען. עס איז דאָ אַזוי גוט, אַזוי גוט...

— ניין, באָריס, מיך אַרט יאָ דער ווינטער, כאָטש דאָ, ביי דיר איז אַ גן־עדן! אָבער אויפן פראָנט?... שטעלסט זיך פאָר אום ווינטער אויפן פראָנט?... אַהאַ... געמיינט, אַז אין דעם ווינטער וועט מען שוין דעם דייטש באַזיגן, מען וועט אים איינפרירן און שלאָגן ביז צום טויט, אַזוי ווי אַמאָל... אָבער עס איז נאָך דערוויל נישט אַזוי. דער דייטש פרירט טאַקע און טויזנטער שטאַרבן אויס פון קעלט, אָבער היטלער שיקט צו אַלץ פרישע און נייע סאָלדאַטן צו די פראָנטן. און... דאָס זעלבע מיר. מיר שיקן אויך אונטער נייע און פרישע דיוויזיעס צו די פראָנטן. דער רוסישער סאָלדאַט פרירט אויך אום ווינטער, און אויפן פראָנט איז ווי אויפן פראָנט. די קויל איז אַ נאַר, זי טרעפט, די קויל, אָן שום איבערקלייב, סיי ווינטער און סיי זומער. עס איז מלחמה, באָריס, אַ גרויסע מלחמה!...

— מיכאַיל, איך בעט דיך, רעד איצט נישט וועגן דער מלחמה...

— אַנטשולדיק, באָריס!

ער האָט אָנגענומען מיט אַ האַנט דעם שטריק פון שליטן און גע־האָלפן פּאָליאַן שלעפן באָריסן.

פון איצט אָן איז דאָס געוואָרן אַ געוווינהייט, אַז אין די פרימאָרגנדיקע שפּאַצירן זאָל מיכל העלפן פּאָליאַן שלעפן דעם שליטן אין וועלכן באָריס איז געזעסן איינגעהילט אין פוטער.

איינמאָל, ווען מיכל און פּאָליאַ זענען געגאַנגען נאָענט איינס לעבן אַנ־דערן און געשלעפּט דעם שליטן האָבן זיי פּלוצים דערהערט ווי באָריס האָט אויסגעשריגן: „איך קוק אויף אייך און איך טראַכט"...

דער שליטן איז געבליבן שטיין. מיכל און פּאָליאַ האָבן אַ קוק געטאָן אויף באָריסן מיט חידוש. זײַנע אויגן האָבן געשײַנט. ער האָט זיך געביסן די ליפּן. עס איז קענטיק געווען, אַז ער שלאָגט זיך מיט דער דעה צי ער זאָל זאָגן דאָס וואָס ער דענקט צי ער זאָל בעסער דאָס פֿאַרשווײַגן. און פּלוצים האָט ער זיך צעלאַכט.

— איר זענט נאָך ביידע יונג!... — און אַזוי ווי ער האָט זיך פּלוצים צעלאַכט אַזוי איז ער פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער מיט אַ ביטערן ערנסט פֿאַרגעזעצט: — איך וואָלט גאָרנישט געהאַט קעגן, אויב איר וואָלט... — ער האָט נישט פֿאַרענדיקט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער שניי־באַדעקטער ערד. דערנאָך האָט ער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל. באַלד האָט ער אַ קוק געטאָן ביידן אין די אויגן אַרײַן און שטיל געזאָגט: — פֿאַרצײַט מיר... מײַנט נישט, אַז איך בין פֿון זינען אַראָפּ. איך פֿאַרשטיי נאָר מײַן לאַגע איצט. איך באַקלאָג זיך אָבער נישט, און איך וואָלט נישט געווען אײַפֿערזיכטיק ווען איר ביידע זאָלט צוזאַמען זײַן, איר ביידע און איך מיט אײַך...

מיכל און פּאָליאַ האָבן געשוויגן. זיי האָבן באַמערקט ווי צוויי טראָפּנס טרערן זענען געבליבן שטעקן אין זײַנע אויגן און האָבן זיך באַלד אַ קײַקל געטאָן אַראָפּ איבער זײַן געזיכט. עס איז געווען שוידערלעך צו קוקן. מיכל האָט זיך אָפּגעקערעוועט. אים האָט אָנגעהויבן צו שטיקן אין האַלדז. ער האָט קוים אַרויסגערעדט די ווערטער:

— באָריס, איך פֿאָר אַוועק, צוריק צום פֿראָנט פֿאַר איך, נאָך מאָרגן!

— איך ווייס, אַז דו פֿאָרסט צוריק צום פֿראָנט, מיכאַ:ל, דערפֿאַר האָב איך דאָך אַזאַ נאַרישקייט געזאָגט.

פּאָליאַ איז צוגעפֿאַלן צו באָריסן און אים אַרומגענומען.

— באָריס, שטאַרק זיך, איך בעט דיך!...

— גוט, גוט, פּאָליאַ, באַרו:יק זיך. פֿיר מיך אַרײַן אין שטוב. עס איז מיר קאַלט און איך בין שטאַרק מיד.

דעם טאָג איז באָריס געזעסן שטיל אין זײַן שטול מיט די צוויי גרויסע רעדער און געלייענט אַ בוך. עס איז געווען אַן איבערזעצונג פֿון גיו דע מאָפּאַסאַנס אַ בוך מיט די פֿיל קורצע געשיכטעס, און דאָס וואָס באָריס האָט געלייענט, איז געווען אַ מעשה וועגן אַ יונגן־מאַן וואָס איז געקומען פֿון קריג אָן פֿיס און זײַן יונג ווײַבל צוזאַמען מיט זײַן געטרייען חבר האָבן אים אַ געליימטן אַרומגעפֿירט אין זײַן שטול מיט די רעדער איבער אַ פּאַרק

פאַר אַ שפּאַציר. דערנאָך האָט זיין חבר חתונה געהאַט פאַר זיין ווייב און אים האָט מען נישט פאַרלאָזט, מען האָט זיך מיט אים געניאַנטשעט דאָס גאַנצע לעבן, און אַזוי־אָ זענען אַלע דריי גליקלעך געווען.

אויפן אַנדערן טאָג האָט זיך מיכל מיט זיינע פריינד געזעגנט און איז צוריקגעפאָרן צום פראָנט.

.74

אויף פיל פראָנטן האָט מען דעם דייטש געשלאָגן, פון די פּאָזיציעס אַרויסגעשטופּט און געטריבן. אָבער פון סטאַלינגראַד האָט זיך דער דייטש נישט גערירט, ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, זיך איינגעגראָבן מיט די נעגל און זיך איינגעביסן מיט די ציין און זיך צוריק טרייבן נישט געלאָזט.

דער צווייטער פראָנט פון די אַליאירטע האָט זיך שוין אָנגעהויבן. דאָס האָט צוגעגעבן מער קוראַזש צו די רוסישע סאָלדאַטן און מער פאַרלוירנקייט אין די רייען פון די דייטשישע אַרמייען. אָבער מיט סטאַלינגראַד האָט דאָס נישט געהאַט צו טאָן. ביי סטאַלינגראַד האָט מען זיך געשלאָגן ווי די משוגעים.

סטאַלין האָט געהאַלטן אַ רעדע. ער האָט זיך באַרימט, אַז „עס וועט נאָך זיין אַ יום־טוב אויף אונדזער גאַס". אָבער היטלער האָט אין סטאַלינס יום־טוב גלויבן נישט געוואָלט. ער האָט זיך צוגעאיילט מיט אַ פאַרזיכערונג, אַז „פון סטאַלינגראַד וועלן מיר קיין מאָל נישט אַרויס. דאָס זאָג איך אייך, איך, דער מענטש וואָס האָט אייך קיין מאָל נישט גענאַרט".

סטאַלינען האָבן היטלערס פאַרזיכערונגען געשראָקן. אַ משוגעת איז אויף אים אָנגעפאַלן, אַ קרענקלעכע מאַניע האָט אים פאַרפאַלגט און געמאַטערט. ער האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל און אַן איינרעדעניש, אַז אויב עס וועט פאַלן סטאַלינגראַד קען נאָך אויך פאַלן גאַנץ רוסלאַנד און ער וועט דאַן פאַרלירן נישט נאָר זיין „טראָן" נאָר אויך זיין קאָפּ. ער איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט געוווסט, אַז סטראַטעגיש איז נישט וויכטיק וואָס פאַר אַ שטאָט עס פאַלט, מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו, אָדעס אָדער סטאַלינגראַד. דאָס הייסט דאָך נישט, אַז מיטן פאַלן פון דער אָדער יענער שטאָט קען דאָס גאַנצע לאַנד אויך פאַלן. דאָך האָט ער מורא געהאַט סטאַלינגראַד אָפּצוגעבן אַפילו אויף איין טאָג. ער האָט געטראַכט: רוסלאַנד איז רייך אין מענטשן. עס זאָלן מיר אַפילו קאָסטן הונדערט מיליאָן געהרגעטע רויטאַר־

מייער, אָבער סטאַלינגראַד, די שטאָט וואָס טראָגט מיין נאָמען וועל איך היטלערן אַפילו אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעבן.

אין זיין פאַרצווייפלונג האָט דאָך עפּעס אַ קלאָרער געדאַנק אין זיין קרענקלעכן מוח אויפגעוואַכט. ער האָט פאַררופן אַ באַראַטונג פון צען מי־ליטערישע אויטאָריטעטן, צען אַרמיי־פירער. אין דער זעלבער צייט האָט ער צו מאַרשאַל איוואַנאָוון אַ שטרענגן באַפעל געשיקט: גיי מיט דיין אַרמיי אויף סטאַלינגראַד און באַוויז אַ נס!

מאַרשאַל איוואַנאָוו האָט אָפּגעצויגן זיין אַרמיי פון די פראָנטן און פּאָ־זיציעס ווו ער האָט מיט דערפאָלג געשלאָגן די דייטשן און איז אַוועק אויף סטאַלינגראַד דאָרט זיך אָנצושליסן אין דעם פאַרביטערטן קאַמף.

און אין קרעמל איז אין דער צייט אין אַ געהיימען זיצונג־זאַל אָנגע־גאַנגען אַ געהיימע מיליטעריש־סטראַטעגישע באַראַטונג.

סטאַלין איז אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק אַ נערוועזער און זיינע גרויסע אומגעלומפּערטע הענט האָט ער אַריינגעשטעקט אין די הויזן־קע־שענעס כדי זיי זאָלן אים נישט שטערן. ער איז שוין געווען אינגאַנצן גרוי און געעלטערט, אָבער זיין געשטופּלט פּנים איז געווען שוואַרץ און בייז און זיינע אויגן האָבן געברענט און געגליט. עס האָט זיך געטראָגן אַ שטורמי־שער ווולקאַן פון זיינע פייערדיקע אויגן פולע מיט האַס און מיט שרעק. דאָס פייער האָט אָנגעצונדן זיין בייז פּנים, פאַרדעקט מיט זיך זיין פּחדניש־קייט און אים פאַרגעשטעלט ווי אַ מאַן, אַ העלד, פאַר וועמענס טריט די גענעראַלן און מאַרשאַלן האָבן געציטערט. באַלד האָט ער שאַרף אָפּגעהאַקט זיינע טריט און איז צו צום טיש ביי וועלכן עס זענען געזעסן די צען אַרמיי־פירער. אויפן טיש איז געלעגן צעשפּרייט אַ גרויסע געאָגראַפישע מאַפּע פון סטאַלינגראַד און די געגנטן אַרום. סטאַלין האָט אַרויסגענומען די רעכטע האַנט פון זיין הויזן־קעשענע און מיט אַ פינגער אויף אַ פּונקט פון דער מאַפּע אָנגעוויזן.

— דאָס איז דאָס פּלאַץ וואָס מען מוז אַ קלאַפּ טאָן. איין גוטן קלאַפּ אין דעם־אָ פּונקט און די דייטשן וועלן נאָכגעבן.

— דאָס טוען מיר דאָך די גאַנצע צייט, טאָוואַרישטש סטאַלין! — האָט אַ גענעראַל מיט אַן אויסזען פון אַ גאָר יונגן מענטשן אָפּגעענטפערט און אויך אַ וויז געטאָן מיט אַ פינגער אויף דעם זעלבן פּונקט, דערביי האָט ער מיט זיין האַנט אָנגערירט סטאַלינס האַנט.

סאַטלין האָט מיט שרעק און עקל אָפּגעכאַפּט זיין האַנט פון דער מאַ־פּע און אַ געשריי געטאָן:

— זייער וויניק טוט איר! איר זענט נישט פעיִק, איר ווייסט נישט ווי אַזוי זיך צו שלאָגן. איר זענט אַ שמאַטע נישט קיין גענעראַל!

דעם יונגן גענעראַל האָט זיך זייער געוואָלט אויסשרייען: „אַנו, פּרווו דו, לאָמיר זען וואָס פאַר אַ העלד דו ביסט. דו ביסט אַ קלוגער ווען דו זיצסט דאָ באַהאַלטן אין דעם געהיימען אונטערערד־מויער פון דעם קרעמל און גיסט באַפעלן. דו באַוויז נאָר דיין שוואַרץ געשטופּלט פּנים אויפן פראָנט פון דער שטאָט וואָס טראָגט דיין נאָמען. גיי פּרווו זיך שלאָגן פאַר דיין שטאָט מיט די משוגע־געוואָרענע דייטשן און דאַן וועלן מיר זען וואָס פאַר אַ העלד דו ביסט". ער האָט אָבער געזאָגט:

— טאָוואַרישטש סטאַלין, מיר שלאָגן אָן אויפהער די דייטשן. מיר טרעטן קיין שפּאַן נישט צוריק. מיר פּילן אויס דיין באַפעל פּינקטלעך. מיר בראָקן די דייטשן, מיר צעמאָלן זיי ווי פלייש אין אַ יאַטקע. אָבער היטלער שיקט אונטער אַנדערע דיוויזיעס און אַנדערע פּאָלקן. היטלער זשאַלעוועט נישט קיין מענטשן־פלייש. מיר הרגענען זיי און זיי זענען נאָך אַלץ דאָ. נייע, פרישע פלייש־מאַסן קומען אונטער!...

— גענוג! — האָט סטאַלין געזאָגט און זיך פאַרטראַכט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַ מענטש אין דער גאַנצער פּאַראַדנער מאַרשאַלסקער או־ניפאָרם מיט אַ גאַנצער ברוסט אָנגעטשעפּעטע אָרדנס און מעדאַלן. דער מאַרשאַל האָט געהאַט אַ צעקנייטשט פּנים און אַ הוילן, ליסן קאָפּ. זיינע אויגן זענען אָבער געווען גרויס און ליכטיק און חכמה האָט פון זיי אַרויס־געשטראַלט. סטאַלין האָט אים געפרעגט: — מאַרשאַל שאַגאַנאָוו, וואָס איז אייער מיינונג?

דער אַלטער מענטש האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך מיליטעריש אויס־געצויגן. זיין קול איז געווען אַלט, אָבער די ווערטער זענען געווען זיכערע און ריכטיקע.

— טאָוואַרישטש גענעראַליסימאָ! איך מוז צוגעבן, אַז אויף מיין פראָנט איז דאָס זעלבע בילד. טויזנטער רוסישע זין, רויטאַרמייאישע סאָלדאַטן ווערן געהרגעט יעדן טאָג אין און אַרום סטאַלינגראַד. אמת, איר פאַרלאָזט אונדז נישט. איר וואַרפט אונדז אונטער אַלץ נייע און נייע קרעפטן. אָבער זיי ווערן אויך אויסגעהרגעט! די סאָלדאַטן אונדזערע שלאָגן זיך אין דער שטאָט און אַרום דער שטאָט וואָס טראָגט אייער נאָמען נישט נאָר ווי העלדן,

נאָר ווי לייבן. אין דער געשיכטע פון מלחמות זענען נאָך נישט באַשריבן געוואָרן אַזעלכע קאַמפן און אַזעלכע העלדישקייטן, ווי אונדזערע רויטאַרמייאישע סאָלדאַטן ווייזן אַרויס. אָבער ביז וואַנען איז דער שיעור? ביז וואַנען וועט מען זיך האַלטן אין איין קוילען און שעכטן? עס מוז נעמען אַ סוף, מען דאַרף אָנווענדן עפּעס אַן אַנדער מין מעטאָד, אַן אַנדערע טאַקטיק, אַן אַנדערע סטראַטעגיע!...

סטאַלין האָט אַ רעווע געטאָן אַ בייזער און אַן אויפגעקאָכטער:

— דו באַקלאָגסט זיך? ביסט נישט צופרידן?!

דער אַלטער מאַרשאַל האָט אַ ציטער געטאָן.

— ניין, טאָוואַרישטש סטאַלין, גענעראַליסימאָ סטאַלין, איך האָב גאָר נישט געמיינט, ע.ע.ע. פּיליכט,... עס איז דאָך אַ באַראַטונג. איר ווילט דאָך אַ מיינונג, אַן עצה...

— איך פרעג ביי אייך נישט קיין עצות!

— אָבער איר האָט דאָך אונדז אַהער פון די פראָנטן אַרויסגערופן אויף אַ באַראַטונג! — האָט שוין מאַרשאַל שאַגאַנאָוו זיך אָנגענומען מיט מוט און חוצפה, ביים אָפּענטפערן סטאַלינען, און זיך צוריק געזעצט.

— איז וואָס איז אויב איך האָב אייך פון די פראָנטן צו זיך גערופן? — האָט סטאַלין אויף זיינע גענעראַלן און מאַרשאַלן ווי אויף פאַרזינדיקטע שול־קינדער געשריגן, — איך פאָדער נאָר באַריכטן פון אייך און נישט קיין עצות. איך וועל שוין אַליין מאַכן דעם אויספיר! — און פלוצים האָט ער אַ קוק געטאָן דעם אַלטן מאַרשאַל אין די אויגן אַריין און אויסגעשריגן — ביסט אַלט, צו אַלט. איך וועל אַ יינגערן אויף דיין פּלאַץ שיקן און דו בלייב אין דער היים. גענוג שוין פאַר דיר! — דערנאָך האָט ער זיך איינגעקוקט אין זיין קנייטשנדיק פנים און אַ ווילדער כעס האָט אים באַהערשט. ער האָט געקלאַפּט מיטן פויסט אין טיש און געשריגן: — נו, גוט. גיב אַן עצה. אָבער זאָג מיר נישט, אַז מען דאַרף אָפּגעבן סטאַלינגראַד כדי די דייטשן צו באַזיגן. פאַררוף זיך נישט אויף ביישפּילן פון דער געשיכטע, ווייל איך בין די געשיכטע, איך אַליין מאַך געשיכטע, איך און ווייטער קיינער נישט!

דער אַלטער מאַרשאַל האָט געשוויגן.

סטאַלין האָט מיט שפּאָט זיך צעלאַכט.

— אַהאַ, אַהאַ, זעסט, נישטאָ קיין ווערטער. ווייסט, אַז איך האָב רעכט!

— ניין, איר האָט נישט רעכט!

— וואָס? איך האָב נישט רעכט? — האָט סטאַלין אַ דערשראָקן־פאַר־חידושטער געפרעגט.

— ניין, טאָוואַרישטש סטאַלין, — האָט מאַרשאַל שאַגאַנאָוו ווידער־האָלט, — דו האָסט נישט רעכט!

עס איז געוואָרן שטיל. די אַרמיי־פירער האָבן זיך איבערגעקוקט צע־טומלט, און כאָטש מען האָט זיך נישט צוזאַמענגערעדט, האָט מען זיך איצט מיט די בליקן פאַרשטאַנען, און מען האָט באַשטימט צו גיין אויף אַ ריזיקע און ברעכן סטאַלינס ווילן און אים צווינגען צו בייטן זיין אויסראָטערישע טאַקטיק, וואָס פילייכט וועט ער דורך דעם סטאַלינגראַד נישט פאַרלירן, אָבער די אַנדערע מעטאָדן, וואָס זיי ווילן פאָרשלאָגן זענען בעסערע און זיכערע, און מען וועט דערביי נישט פאַרלירן אַזויפיל מענטשלעכע לעבנס. דער גענעראַל מיטן אויסזען פון אַ גאָר יונגן מענטש האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ ציטער אין קול געזאָגט:

— טאָאָווארישטש סטאַלין, איך האַלט, אַז מאַרשאַל שאַגאַנאָוו איז גע־רעכט. מיר זענען אַהער גערופן געוואָרן אויף אַ באַראַטונג און אונדזער חוב איז צו זאָגן אונדזערע מיינונגען און צו געבן עצות. איר מעגט זיי נישט אָננעמען, אָבער מיר האָבן אַ רעכט אויף אונדזערע מיינונגען און שטאַנד־פונקטן.

— אַ רעוואָלט? — האָט סטאַלין אַ געשריי געטאָן, — איך וועל אייך אַלעמען!... — ער האָט נישט פאַרענדיקט דעם געדאַנק, נאָר ווידער גע־שריגן, — נו, גוט, איך וועל הערן! זאָג, וואָס איז דיין מיינונג?

— מיין מיינונג, טאָוואַרישטש גענעראַליסימאָ איז, — ער האָט זיך אַ בייג געטאָן איבער דער מאַפּע און אָנגעוויזן אויף אַ ליניע, — אַז אָנהייבנ־דיק פון דעם־אָ פונקט מוזן מיר אָפּטרעטן, און, איר זעט, די־אָ בריק אי־בער וועלכער עס קומען צו עשאַלאָנען מיט דייטשישער פאַרשטאַרקונג? אָט דאָ־אָ דאַרפן מיר אַרומגיין די דייטשן און זיי אַרומרינגלען. אמת, מיר וועלן טאַקע אָפּטרעטן און איבערלאָזן די שטאָט אין די דייטשישע הענט אויף אַ צוויי אָדער דריי טעג, טאַקע נישט מער ווי אויף צוויי אָדער דריי טעג, טאָ־וואַרישטש סטאַלין. דערנאָך אָבער, ווען די דייטשן וועלן מיינען, אַז מיר אַנטלויפן פון זיי, וועלן מיר זיך פלוצים צוריק אַ קערעווע טאָן, — ער האָט געפירט מיטן פינגער און באַוויזן אַלע פונקטן אַרום און אַרום סטאַלינגראַד, — און זיי פאַרמאַכן אינעווייניק. ווי אַ רייף אַרום אַ פאַס אַזוי וועלן מיר זיי אַרומרינגלען, און דאַן וועלן מיר זיי, די דייטש־ישע חיות, שניידן און בראָקן

ווי הייפטלעך קרויט!... עס וועט זיין אונדזער אַנטשיידענער זיג און מיט גאָר ווייניק מענטשלעכע פאַרלוסטן!...

סטאַלין האָט געשוויגן. די נאָזלעכער פון זיין שוואַרצער נאָז האָבן זיך אָנגעבלאָזן. דאָס געשטופּלטע פּנים איז געוואָרן רויט. ער האָט איינגעהאַלטן זיין כּעס און געפרעגט:

— הייסט עס, גענעראַל, אַז מיין פּלאַן איז נישט גוט? אייערער איז בעסער?

— נישט אַזוי, טאָוואַרישטש סטאַלין. אייער פּלאַן איז אויסגעצייכנט. אָבער איך מיין, אַז מיין פּלאַן, און פּיליכט וועלן נאָך די איבעריקע אַרמיי־פירער אַריינטראָגן קאָרעקטיוון, דאַן וועט אונדזער פּלאַן זיין מער פּראַקטישער.

— אַזוי?... סטאַלין האָט אַ פייר געטאָן מיט די אויגן איבער די קעפּ פון זיינע צען־אַרמיי־פירער און אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער אויפן אַלטן מאַרשאַל, — און דו מאַרשאַל שאַגאַנאָוו, וואָס זאָגסטו?...

— איך בין איינשטימיק מיטן גענעראַל!

— מיטן גענעראַל, צי מיטן גענעראַליסימאָ? — האָט סטאַלין סאַרקאַסטיש איבערגעפרעגט.

דער מאַרשאַל האָט געשוויגן.

סטאַלין האָט מיט גרימצאָרן אַ שיפּע געטאָן: — ענטפער, אַז איך פרעג!

דער מאַרשאַל האָט אַלץ געשוויגן.

די שטימונג איז געווען אַ מוראדיקע, אַ קאַטאַסטראָפאַלע. די באַראַטונג איז דאָך געווען אַ געהיימע. סטאַלין האָט איינציקווייז אָפּגערופן די־אַ צען אַרמיי־פירער, די גענעראַלן און מאַרשאַלן, פון די פראָנטן. קיינער אויף די פראָנטן האָט נישט געהאַט קיין מינדסטן חשד, אַז זייערע פירער זענען אָפּוועזנד און אַז אין דעם מאָמענט זענען זיי גאָר איצט אויף אַ באַראַטונג אין קרעמל מיט סטאַלינען. אויך די פאַמיליעס פון די־אַ צען אַרמיי־פירער, זייערע ווייבער, קינדער, קרובים און פריינד האָבן וועגן דעם נישט געוווסט. אין קרעמל גופא האָט יעדער איינער געציטערט אַפילו פון געדאַנק צו וועלן אַ טראַכט טאָן וועגן און ווען און וועמען סטאַלין נעמט ביי זיך אויף און ווען און מיט וועמען סטאַלין באַראַט זיך... אַלץ איז צוגעגאַנגען מיסטעריעז, שטרענג אין געהיים. די וועכטער ביי די טויערן פון קרעמל האָבן אַריינגעלאָזט נאָר די מענטשן וועלכע האָבן געהאַט ספּעציעלע דערלויבענישן אויף

אַריינצודרינגען אינעווייניק. אויף אַרויסצובאַקומען זיך פון קרעמל האָט מען געמוזט האָבן אַנדערע ספּעציעלע דערלויבענישן. קיינער איז נישט אַרויסגעקומען פון קרעמל דורך דעם זעלבן טויער דורך וועלכן ער איז אַריינגעקומען. די־אָ אַלע באַוואָרענישן האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז קיינער זאָל נישט וויסן ווער און ווען עס איז אַריין אין קרעמל, אַרויס פון קרעמל, אָדער פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם קרעמל...

די צען אַרמיי־פירער האָבן געוווּסט, אַז פון זייערע ענטפערס הענגט אָפּ דער גורל פון זייער זיין אָדער נישט זיין. זיי האָבן געוווּסט, אַז קיינער וועט אַפילו קיין פּיפּס נישט טאָן וועגן זייער פאַרשווינדן ווערן פון דער וועלט. דאָך זענען זיי געזעסן און געשוויגן, זיך פון די ערטער נישט גע־רירט, זיי האָבן געוואַרט...

סטאַלין איז אַוועק פון טיש. ער האָט האַסטיק און שווער געשפּאַנט אי־בערן צימער אַהין און צוריק. ער האָט איצט איין האַנט פאַרלייגט אויף הינטן און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער נערוועז צעשפּיליעט אַ קנאָפּ פון זיין מונדיר און אַריינגעשטעקט די דלאָניע פון דער האַנט צווישן מונ־דיר און אונטערוועש. ער האָט געהאַלטן די האַנט ביים האַרצן. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט שטאַרק. ער האָט זיך זייער געשראָקן. ער האָט צוגעהאַלטן דאָס האַרץ, אַז עס זאָל נישט אַרויסשפּרינגען... ער האָט געפּרוּווט זיך באַ־רויקן. דערנאָך איז ער צוריק צוגעקומען צום טיש און אין דער פּאָזע, מיט איין האַנט אויפן האַרצן און מיט דער צווייטער האַנט אונטער זיך, איז ער געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער. צי סטאַלין האָט דאָס געוואָלט צי ניין, אָבער זיין פיגור איז איצט געווען ווי אַ קאַריקאַטור אויף נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטס גרויסאַרטיקייט. דערפאַר איז זיין געזיכט געווען אַן עכטע קאָפּיע פון אי־וואַן גראָזניס מטורפדיקער אַבסאָלוטקייט. ער האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט זיינע שוואַרצע אויגן און ווי שטענדיק, ווען ער האָט זיך געערגערט, מיט אַ שלעכטן רוסיש, אין וועלכן דער גרוזינישער אַקצענט איז בולטער געווען, האָט ער זיך צעשריגן:

— אַלע זענט איר שונאים פון דער רעוואָלוציע, אַלע פאַרקויפטע און געקויפטע סאַבאָטאַזשניקעס און טראָצקיסטן. איך וועל אייך אַלעמען אי־בערלעבן, אַלעמען, אַלעמען, אַזוי ווי טראָצקין, בוכאַרינען, זינאָוויעוון, קאַ־מעניעוון און אַלע איבעריקע, וועלכע האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען מיין טאַלאַנט, מיין חכמה און מיין געניאַליטעט!...

ער איז אַוועק פון טיש, ווידער געשפּרייזט איבערן צימער און איז באַלד צו צו דער טיר. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— סטאַלינגראַד וועל איך קיינמאָל היטלערן נישט אָפּגעבן, קיינמאָל נישט, אַפילו נישט אויף קיין איין טאָג, אַפילו נישט אויף קיין איין שעה! סטאַלינגראַד איז מיין שטאָט! מיליאָנען קעמפער וועלן פאַלן פאַר מיין שטאָט און שטאַרבן, אָבער די שטאָט אַליין, מיין שטאָט, וועט קיינמאָל נישט פאַלן און זיך נישט אונטערגעבן! — ער האָט פּלוצים פאַרגלאָצט די אויגן און אין אַ הייליק־משוגענעם עקסטאַז האָט ער ווי אַ ביבלישער נביא פאָרויס־געזאָגט: — און עס וועט זיין, אַז די געשיכטע פון דעם קאַמף פאַר דער שטאָט פון סטאַלינען, דעם פאָטער און פירער פון די פּראָלעטאַרישע פעלקער, וועט מיט גאָלדענע אותיות פאַרשריבן ווערן אויף דור־דורות, און די געפאַלענע העלדן פאַר מיין שטאָט וועלן באַזונגען ווערן מיט ליוב און באַוווּנדערונג, און מיין נאָמען וועט ווערן געהייליקט און געזאַלבט!... — און פּלוצים איז ער ווי פון הימל צוריק צו דער ערד אַראָפּגעפאַלן. ער האָט אויפגעציטערט. ער האָט פאַרשעמט געקוקט אויף זיינע גענעראַלן און מאַרשאַלן, אויף די צען אַרמיי־פירער וועלכע ער האָט פון די פראָנטן צו זיך, אין געהיים, אַראָפּגערופן. די פאַרשעמטקייט זיינע האָט אים נאָך מער אין כעס אַריינגעטריבן. ער האָט געוווּסט, אַז ער זעט אויס לעכערלעך און נישטיק אין די אויגן פון זיינע אַרמיי־פירער. עס האָט אים געקרענקט און באַנג געטאָן פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי באַרימעריש יינגלש און נאַריש אויפגעפירט.

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. פאַרפאַלן...

ער קען נישט דערלאָזן, אַז די־אַ מענטשן זאָלן אַרויס פון קרעמל און צעפּויקן פאַרן פאָלק דאָס אַלץ וואָס איצט איז פאָרגעקומען. דער כעס איז געוואַקסן אין אים. און מיטן וווקס פון זיין כעס איז פאַרלוירן געגאַנגען די פאַרשעמטקייט און די באַטראַכטקייט, אַז ער האָט זיך אויפגעפירט נאַריש און דעספּאָטיש, און אַז גערעכט זענען דווקא זיי, די גענעראַלן און די מאַרשאַלן, און נישט ער, סטאַלין. עס האָט זיך צוריק צוואַקסן אין אים דער באַרג פון זיכערקייט און זעלבסטגלויבן. דער באַרג איז געווען אַ הויכער, אַ פינצטערער און אַ שפּיציקער. אויפן שפּיץ פון באַרג האָט געשיינט אַ רויטער פלאַם. פון פלאַם איז אויפגעגאַנגען אַ גאָלדענער פינף־עקידיקער שטערן. דער באַרג איז די גאַנצע וועלט וואָס ער וועט איינעמען, און דער

שטערן, דאָס איז ער אַליין, סטאַלין. איז ווי וואָגט מען גאָר צו זאָגן, אַז ער, סטאַלין, האָט נישט רעכט?...

ער האָט מיט ביטול אַ קוק געטאָן אויף די צען אַרמיי־פירער און אויסגעשריגן:

— סוואָלאָטשי! אויסווורפן!...

ער האָט צעעפנט די טיר און איז אַרויס פון דעם באַראַטונגס־צימער.

75.

אויף די פראָנטן זענען אָנשטאָט די צען אומגעבראַכטע אַרמיי־פירער אָנגעקומען אַנדערע גענעראַלן און מאַרשאַלן. די סאָלדאַטן און אָפיצירן האָבן זייערע נייע פירער אויפגענומען מיט גרויס פאַראַד און באַגייסטערטן גלויבן, אַז זיי זענען בעסערע ווי די געוועזענע.

מאַרשאַל איוואַנאָווס אַרמיי, וועלכע איז אין איילעניש איבערגעוואָרפן געוואָרן אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט און האָט איבעראַנייס, נאָך אַ צייט אָפּרוען זיך, מיט פרישע כוחות זיך אַ וואָרף געטאָן אין שלאַכט, די אַרמיי האָט אָפּגעהאַלטן גרויסע זיגן, אַרויסגעשלאָגן די דייטשן פון עטלעכע פאַר־שטאַרקטע פּאָזיציעס און מיט דעם אַריינגעטראָגן אַן אויפלעבונג אין די רייען פון די קעמפנדיקע רויטאַרמייער אויף אַלע פראָנטן און פּאָזיציעס. מען האָט איצט מער ווי פריִער געגלייבט אין אַ זיג איבער די דייטשישע נאַצי־מערדער.

דער צוג, וואָס האָט געטראָגן מיכלען צום פראָנט, האָט זיך אָפּגע־שטעלט ערגעץ אין אַ פעלד און איז ווייטער נישט געגאַנגען. די פּאַסאַ־זשירן, מערסטנס מיליטערלייט וועלכע האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע טיילן אויפן פראָנט פון זייערע אורלויבן, נאָך אַ צייט ליגן פאַרוווּנדעט אָדער קראַנק אין אַ ווייטן שפּיטאָל, זענען געווען מיטליאַריקע מענטשן, סאָלדאַטן און אָפיצירן, וועלכע האָבן שוין געהאַט „געשמעקט פּולווער" און זיי זענען דערפאַר ערנסטע און שווייגנדיקע געווען. עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן בראַווירט מיט זייער העלדישקייט, אָנגעטשעפּעט אויף זייערע מונדירן צייכנס און בענדלעך, וועלכע האָבן עדות געזאָגט וויפל וווּנדן זיי האָבן אין די שלאַכטן באַקומען. זיי האָבן באַרימעריש געהוליעט, געלאַכט און געטומלט. זיי האָבן געחוזקט פון יעדן איינעם וואָס האָט נישט געהאַט אַזעלכע צייכנס און בענדלעך. און אויב אַ מענטש, אַ סאָלדאַט צי

אַפּילו אַן אָפיציר, איז זיי נישט געפעלן געווען, אויב עס האָט זיך זיי אויס־געוויזן, אַז דער אָדער יענער, מיט אַ בלייך פּנים, מיט אַן אינטעליגענטישן אויסזען אָדער מיט אַ לענגלעכער נאָז, איז אַ פּחדן, און אויב זיי האָבן דעם מענטשן חושד געווען, אַז ער איז נאָך דערצו אַ ייִד, דאַן האָבן די־אָ פּאַר־שוינען זיך געקליגט אויף יעדער נידערטרעכטיקייט כּדי צו דערנידעריקן דעם מענטשן, אים קליין און צונישט מאַכן.

איינער, אַזאַ־אָ פּאַרשוין איז געווען דער לייטענאַנט יעפּים קאַלוגין. עס איז געווען אַ הפקר־יונג, מיט אַ פלאַטשיק פּנים און בלאָנדע האַרטע האָר ווי אַ בינטל מעשענע דראָטן. דער טאָן פון זיין רעדן איז געווען אַ קאַלטער און די אויגן וואָס האָבן געקוקט אויף מענטשן זענען געווען אויך קאַלטע. נאָך אין וואַגאָן פון צוג האָט זיך דער־אָ יונגער לייטענאַנט צוגעזעצט צו מיכלען און מיט זיינע קאַלטע אויגן אים באַטראַכט. ער האָט דער־זען פאַר זיך אַן איידל פּנים פון אַ בלאַסן אינטעליגענט און ער האָט קאַלט געזאָגט:

— מאַיאָר, דו פאָרסט צום פראָנט? דו ווייסט, מען שיסט דאָרט!

מיכל האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם יונג און זיך נישט באַליידיקט.

— איך ווייס, לייטענאַנט, אַז מען שיסט דאָרט.

— מען קען נאָך דערהרגעט ווערן! — האָט דער לייטענאַנט זיך אַ רייץ געטאָן.

— איך ווייס... — האָט מיכל מיט אַ שמייכל געענטפערט.

— הו... אַ העלד ביסטו!... — האָט דער לייטענאַנט נישט אויפגעהערט צו חוזקן פון מיכלען, — וואַרט אויס, אָט וועלן מיר צום פראָנט קומען, וועלן מיר שוין זען וואָס פאַר אַ העלד דו ביסט.

— און דו ביסט אַ העלד? — האָט מיכל איבערגעפרעגט און זיך דער־ביי פאַרווילט איינקוקנדיק זיך אין דעם פאַרגרעבטן און בראָוון לייטענאַנט.

— אַ העלד צי נישט אַ העלד; אָבער צוויי מאָל פאַרוווּנדעט געווען, היינטער קורסק און הינטער כאַרקאָוו. צוויי מאָל פאַרוווּנדעט געווען. איך האָב געוואָלט צוריק אין מיין טייל פאָרן, אָבער אין שפּיטאָל איז אַ ייִד דער הויפּט־דאָקטער געווען. ער האָט מיך נישט געוואָלט צוריקשיקן אין מיין טייל און מיך צום רעזערוו קיין מאָסקווע אָפּגעשיקט. און אין רעזערוו־פּאָלק איז אויך אַ ייִד אַ קאָמאַנדיר. ווו נאָר אַ וואָרעם ערטעלע, אַביסל ווייטער פון פראָנט, אַזוי פאַרכאַפּט דאָס אַ ייִד!

— ס׳אַ ליגן, לייטענאַנט. דו רעדסט ווי אַ כאַם!

דער לייטענאַנט האָט זיך אויפגעהויבן און אַ כאַפּ געטאָן מיכלען פאַרן מונדיר.

— דו אינטעליגענטישע נשמה, דו מיינסט, אַז דו ביסט אַ מאַיאָר האָב איך פאַר דיר מורא, זיך איבערגעשראָקן? איך בין צוויי מאָל פאַרוווּנדעט געװען, בלוט פאַרגאָסן! און דו? וואָס קערסטו זיך דען אָן מיט ייִדן, וואָס נעמטו זיך אָן פאַר זיי?... אַלע ייִדן זענען אין טיל, אין הינטערלאַנד. אַלע ייִדן ספּעקולירן, האַנדלען, לעבן אַ גוטן טאָג, און מיר רוסן קעמפן און ליידן!...

מיכל האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך מיט עקל. ער האָט געהאַט חשק אויפצוהייבן די האַנט און אים דערלאַנגען אַ פּאַטש. עס האָט זיך אָבער פון דעם לייטענאַנט געטראָגן אַ גערוך פון בראָנפן און אין זיינע קאַלטע אויגן האָט זיך אָן אומעט באַוויזן. מיכלען האָט זיך אויף אַ ווײַלע געדאַכט, אַז די אויגן זענען אים קענטלעך. ניין, נישט נאָר די אויגן, נאָר דער גאַנצער פּאַרשוין איז אים אַ קענטלעכער. ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען ווו ער האָט דעם־אָ יונג געזען. ער האָט צו אים מיטלייד געקראָגן און געזאָגט:

— וועסט זיך אויסניכטערן, לייטענאַנט, וועל איך מיט דיר דאַן רעדן.

דער לייטענאַנט האָט זיך אָבער נישט באַרויִקט. ער איז מיכלען געשפּרונגען אין פּנים און געשריגן:

— ווי איך זע, ביסטו נישט קיין קאַדראָווער אָפיציר, נישט קיין פּראַבּטעוויק. דו ביסט אַ שטאַבּנער אָפיציר, אַ שטאַבּנע מויז, געוויס אַ פּאָליטרוק צי פּילייכט אַ קאָמיסאַר!...

— יאָ, אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר בין איך, און פון מאַרשאַל איוואַנאָווס אַרמיי! — האָט מיכל געזאָגט, — אויב דו וועסט אַריינפאַלן אין מאַרשאַל איוואַנאָווס אַרמיי וועל איך שוין פון דיר מאַכן אַ מענטש!

דער לייטענאַנט איז מיט אַמאָל ניכטער געוואָרן. ער האָט אַנטציקט אויסגעשריגן:

— איך פאַר טאַקע אין רשות פון מאַרשאַל איוואַנאָווס אַרמיי! — און גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען קיין קריג צווישן אים און מיכלען, האָט ער אויסגעשריגן: — טאָוואַרישטש מאַיאָר, גוט וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט. מיר וועלן שוין ביידע צוזאַמען זוכן די אַרמיי. איך וועל זיך שוין האַלטן לעבן דיר, טאָוואַרישטש מאַיאָר!

— געוויס וועלן צו אונדז צושטיין נאָך אַנדערע סאָלדאַטן און אָפיצירן וואָס זוכן די אַרמיי, — האָט מיכל פאַרגעביק געענטפערט.

— ניין, קיינער וועט צו אונדז נישט צושטיין. איך האָב זיך שוין נאָכ־

געפרעגט. אַלע זענען אָרגאַניזירט אין גרופּעס אונטער קאָמאַנדאָס פון אָפי־צירן. זיי פאָרן אַלע צום צעטיילונגס־פּונקט פון סטאַלינגראַדער פראָנט. קיין ענדגילטיקע באַשטימונגען האָט קיינער נישט פון זיי. נאָר איך און דו האָבן באַשטימונגען און מיר דאַרפן נישט אָנקומען צום צעטיילונגס־פּונקט פון פראָנט.

— אָ, לייטענאַנט, — האָט מיכל אַ שמייכל געטאָן, — האָסט זיך נישט צוגעהערט וואָס איך האָב דיר געזאָגט. מיין באַשטימונג אויף מיין פּאָסטן איז נישט קיין נייע, און רעכן מיר נישט צו צו דיין קאַטעגאָריע. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך בין דער קאָמיסאַר פון מאַרשאַל איוואַנאָווס אַר־מיי. איך דין אין דער אַרמיי נאָך פון פריִער, איידער מען האָט די אַרמיי צום סטאַלינגראַדער פראָנט אַריבערגעוואָרפן.

— אָך, אַזוי גאָר?... — האָט דער לייטענאַנט איבערגעפרעגט און זיך צוריק צוגעזעצט צו מיכלען, — און מיך שיקט מען אויפן אָמט פון קאָמאַנ־דיר פון די אויסשפּירער איבער דער גאַנצער אַרמיי. אַ שפּרונג, האַ?... מען האָט נישט געקענט, האָט מען מיר געזאָגט, געפינען קיין אַנדערן מיט קיין העכערן ראַנג פאַר אָט דעם־אָ הויכן פּאָסטן. מען האָט געזאָגט, אַז עס איז דרינגנד. נישטאָ דאָרט קיין קאָמאַנדיר פון די אויסשפּירער אין דעם אַרמיי־שטאַב. איך ווייס נישט צי מען האָט דעם קאָמאַנדיר פון די אויסשפּירער דערהרגעט, פאַרוווּנדעט צי אין געפאַנגענשאַפט גענומען. איך ווייס נאָר, אַז עס איז געווען אַ דרינגנדיקע פאָדערונג פאַר אַן אָפיציר מיט אַן אויס־שפּירערישער געניטקייט און שלאַכטישער דערפאַרונג. נו, האָט מען אויפן הייסן מאָמענט מיך אונטערגעפּאַקט, און מיך געשיקט. דאָס האָט מיר אָפּ־געטאָן אַ שפּיצל דער קאָמאַנדיר פון דעם אָפיצירישן רעזערוו־פּאָלק, דער פאַרשיוועער ייִד אַבראַמאָוויטש. נו, פאַרפאַלן. איך וועל זיך שוין מוזן ווידער שלאָגן. אָבער גלייב מיר, טאָוואַרישטש קאָמיסאַר, אַז איך וועל נאָך גיך האָבן דעם ראַנג פון אַ מאַיאָר, אַזוי ווי דו, וועסט נאָך זען וואָס יעפים קאָ־לוגין קען אויפטאָן!...

מיכל האָט שוין נישט געהערט די פּלוידערייען פון דעם לייטענאַנט. ער האָט איצט געטראַכט וועגן פּיאָטערן, דעם מאַרשאַלס זון. ער איז דאָך דער קאָמאַנדיר, דער עלטסטער איבער דעם אויסשפּיר־אָפּטייל פון דעם אַרמיי־שטאַב. איז וואָס איז מיט אים געשען?...

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ אין מיטן פעלד. מען האָט גע־מוזט אַרויס פון צוג און גיין צופוס אויפן וועג צו סטאַלינגראַד. און וויפל

וועט מען דאַרפן גיין? פּיליכּט טאָג און נאַכט! און ווו איז דער פראָנט? ווו זוכט מען די אַרמיי?... פון איצט אָן איז דאָך שוין אַלץ סוד־סודות. קיין אַד־רעס פון אַ גאַס מיט אַ נומער פון אַ הויז גיט מען דאָ קיינעם נישט. מען מוז זוכן און געפינען.

דער וועג צו סטאַלינגראַד איז געווען דורך אַן אויסגעטריקנטן סטעפּ, אָן אַ סימן פון שניי. דער פרילינג איז שוין דאָ געווען אין פולן בלי. עס זענען געגאַנגען סאָלדאַטן גרופּנווייז, געפירט פון סערזשאַנטן און אָפיצירן. עס זענען געפאָרן אָבאָזן געשפּאַנטע אין פערד. עס האָבן זיך געשלעפּט שווערע קאַנאָנען און גאַהוביצעס געשלעפּטע פון בראָנירטע טראַקטאָרן. עס זענען געלאָפן אויטאָמאָבילן און לאַסט־מאַשינען געפאַרבטע אין גרין און ברוין מיט געשטרייכלטע און געדרייטע גרויע פּאַסן לויטן אויסזען פון דער אַרומיקער נאַטור.

דער לייטענאַנט האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אַ גרופּע סאָלדאַטן און זיי באַכגעשריגן:

— עהעי! איר, אָדלערס! וווהין שפּאַנט איר?

— צום פראָנט! — האָט זיך עמיצער פון די סאָלדאַטן אָפּגערופן.

— פון אַ וועלכער אַרמיי?

— דער רוח ווייסט! מען פירט אונדז און מיר גייען!

אויך מיכל האָט זיך אָנגעהויבן נאָכצופרעגן ביי דורכגייענדיקע טיילן.

— פון אַ וועלכער אַרמיי זיינט איר?

— פון דער צוויי הונדערט פערציקסטער! — האָט אַן אָפיציר אים גע־ענטפערט.

— איז דאָס מאַרשאַל איוואַנאָווס אַרמיי? — האָט זיך מיכל נאָכגע־פרעגט.

— ניין, פּושקינס! — האָט דער אָפיציר געלאַכט און עס איז נישט געווען קלאָר צי ער מיינט דאָס ערנסט צי ער שפּאַסט.

מיכל און דער לייטענאַנט זענען געגאַנגען שווייגנדיק אין דער ריכ־טונג צו וועלכער עס האָבן זיך געצויגן די אָבאָזן, די אַרטילעריע און די גרופּעס פוסגייער. דער לייטענאַנט האָט געזאָגט:

— נו, מיר וועלן זיך שוין צו ערגעץ דערשלאָגן.

מיכל האָט געענטפערט:

— צוליב וואָס צו ערגעץ ווען מיר דאַרפן סטאַלינגראַד!

דער לייטענאַנט האָט צוריק אָנגעהויבן צו חוזקן פון מיכלען:

— און אפשר, מאַיאָר, וועלן מיר קיין טאַשקענט אַנטלויפֿן, צי קיין סאַמאַרקאַנד אָדער בוכאַראַ?... איך בין שוין דאָרט געווען, אַפֿילו דאָרט אויסגעוואַקסן. עס איז זייער ווײַט... — און ער האָט יעכידנע צוגעגעבן, — דאָרט איז נישטאָ קיין פֿראָנט, מען הערט דאָרטן נישט שיסן און מען קען דאָרטן רויִק עסן פּילאָף, שאַשליק, אורויק און ראַכאַד לאַקום!...

מיכלען האָט אַ דריי געטאָן די קישקעס אין בויך. ער איז געווען הונגעריק, און דער־אָ זשלאָב רעדט אים נאָך אין דער גאַל. ער האָט אים געוואָלט אָפּזידלען, אָבער אים האָט געדאַכט, אַז טאַקע ערגעץ דאָרט, אין סאַמאַרקאַנד צי אין בוכאַראַ האָט ער אָט דעם־אָ צעהוליעטן בחור מיטן פּלאַטשיקן אויסזען, ווי ער וואָלט געווען נישט קיין מענטש נאָר אַ נישט־געהובלעוועטע ברעט, אַמאָל־אַמאָל, לאַנג־לאַנג צוריק געזען. און דערפֿאַר האָט ער נאָר ביטער אַ וואָרטשע געטאָן:

— קריך מיר נישט אויף די נערוון, לייטענאַנט!

— יעפּים קאַלוגין איז מײַן נאָמען! און וואָס איז דײַנער, קאָמיסאַר?

— פֿאַר דיר בין איך אין דעם מאָמענט נישט קיין קאָמיסאַר נאָר אַ מאַיאָר. און זאָל דיר מײַן נאָמען ווייניקער אינטערעסירן, — האָט מיכל בייז געזאָגט, — און, איך בעט דיר, הער זיך אויף צו באַרימען פֿאַר מיר מיט דײַן טאַשקענט, סאַמאַרקאַנד, בוכאַראַ און אַנדערע אַזיאַטישע פּלעצער וווּ דו האָסט זיך דאָרט אַמאָל אַרומגעוואַלגערט. איך בין דאָרט געווען און געזען אַזעלכע ווי דו!...

ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי ער איז צוריק מיט אַ יאָר צוואַנציק געפֿאָרן זוכן זײַנע צוויי קלענערע ברידערלעך און זײַן שוועסטערל. ערגעץ אין אַ רעגירונגס־קינדערהיים פֿאַר היימלאָזע האָט ער זיי געפֿונען און זיי קוים דערקענט. עפּעס נישט ווי קיין מענטשן זענען זיי געווען, נישט קיין קינדער, נאָר וועזנס מיט שטאַרע פּנימער, מיט קאַלטע אויסזענס און אַזעלכע פּלאַטשיקע ווי נישט קיין געהובלעוועטע ברעטער. אַ פֿרעמדקייט צו אים האָט פֿון די קינדער געוויייעט. און זיי האָבן אים אויך ווי אַ פֿרעמדן, קאַלט, אָן שום געפֿילן אויפֿגענומען. ער איז דאַן אַוועקגעפֿאָרן אַ באַליידיקטער און אָן אַנטוישטער. נישט ער האָט שוין מער געהאַט אָן אינטערעס זיך ווידער אַמאָל צו טרעפֿן מיט זיי און נישט זיי האָבן אַרויסגעוויזן אָן אינטערעס זיך צו טרעפֿן מיט אים. דער־אָ לייטענאַנט, דער־אָ יעפּים קאַלוגין, איז געוויס אַ דערציִיגלינג פֿון איינעם פֿון די פֿאַרוואָרפֿענע אין די אַזיאַטישע מדבריות קינדער־היימען. ווילדע ברואים האָט מען דאָרטן דערציִיגן, מענטשן

אַן האַרץ, אַן נשמה און אַן געפילן. דאָס איז דער סטאַליניסטישער דור: קאָמו־ניסטן אָנשטאָט מענטשן.

דער לייטענאַנט האָט זיך צו מיכלען ווידער געטשעפּעט.

— דו ווייסט, אַז אויפן פראָנט זענען קיין בעטן מיט קיין מאַטראַצן נישטאָ. מען שלאָפט דאָרט אויף דער הוילער ערד.

מיכל האָט אים נישט געהערט. ער האָט געטראַכט:

„מיין חוב איז אָבער געווען נישט צו פאַרגעסן אין זיי!... זיי זענען דאָך פאַרט מיין אייגן פלייש און בלוט... איך האָב זיך נישט באַדאַרפט רעכענען מיט דעם וואָס זיי האָבן קיין מאָל אויף מיינע בריוו נישט געענטפערט. איך האָב נישט געטאָרט פאַרלירן די פאַרבינדונג מיט זיי. איך האָב נישט גע־האַט קיין רעכט אין גאַנצן פון זיי זיך אָפּזאָגן און אין גאַנצן אין זיי פאַר־געסן!"

דער לייטענאַנט האָט זיינע געדאַנקען צעשלאָגן מיט אַ פּלוצימדיקער פראַגע:

— מאַיאָר, איך האָב דאָך דיר געפרעגט, וואָס איז דיין נאָמען! מיר גייען צוזאַמען צום פראָנט, מען קען זאָגן צום טויט, און דו ווילסט מיר אַפילו דיין נאָמען נישט זאָגן.

מיכל האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער.

— אַך, דו, פּריטשעפּקאַ!... זיך צוגעטשעפּעט צו מיר ווי אַ קלישט! נו, גוט. מיכאַיל איז מיין נאָמען, מיכאַיל קרוגער!

דער לייטענאַנט איז געבליבן שטיין. ער האָט אים באַטראַכט. עפּעס האָט ער אַמאָל געהערט וועגן אַזאַ נאָמען. נאָך לאַנג צוריק, אין די קינדער־יאָרן, האָט ער וועגן דעם־אַ נאָמען עפּעס געהערט. אָבער ער געדענקט נישט פאַרוואָס ער האָט דעם נאָמען דאַן געהערט און אין צוזאַמענהאַנג מיט וואָס...

מיכל האָט געזאָגט:

— וואָס שטייסטו, לייטענאַנט, קום! פּילייכט וועלן מיר זיך צו אַ דערפל דערשלאָגן. איך בין הונגעריק און דאָרשטיק.

— אַ דערפל!... — האָט דער לייטענאַנט מיט חוזק געזאָגט, — און אויף דער ערד קען מען דען נישט זיצן און עסן? באַקוועמלעכקייטן ווילסטו? פּילייכט אַ ווייכן שטול דיר ברענגען? הע, עס איז דאָ נישט מאָסקווע. נעם אַראָפּ דעם רוקזאַק פון דיינע פּלייצעס. און אין מיין רוקזאַק איז נאָך אויך עפּעס דאָ. אַ פלאַש בראָנפן האָב איך אויך. מיר וועלן אויסטרינקען און אַ הוליע טאָן אויף וואָס די וועלט שטייט!...

מען האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ זייט פון וועג, אויף דער הוילער ערד. דער לייטענאַנט האָט געזאָגט:

— דו ווייסט, מאַיאָר, דיין נאָמען איז מיר עפּעס באַקאַנט. נישט אומ־זיסט טשעפּע איך זיך צו דיר. מיכאַיל קרוגער, זאָגסטו, איז דיין נאָמען...

מיכל האָט צעבונדן זיין רוקזאַק, אַרויסגענומען ברויט, ווורשט און אַ טערמאָ מיט נאָך וואַרעמער זיסער טיי. ער האָט אָנגעהויבן עסן און דערביי אָן שום וועזן געזאָגט צום לייטענאַנט:

— מיין נאָמען איז דיר באַקאַנט, ווייל דו האָסט געוויס געלייענט מיי־נע ביכער. איך בין אַ שרייבער...

— דו שרייבסט ביכער? — האָט זיך דער לייטענאַנט געוווּנדערט, — איך האָב פיינט ביכער! קיין מאָל קיין ביכער נישט געלייענט. נאָר אין דער מיליטערישער שולע האָב איך דעם אוסטאַוו פון דער רויטער אַרמיי און אַנדערע מיליטערישע ביכער געמוזט לייענען. יאָ, און די ביקס, די מאַ־שין־ביקס, דעם קוילנוואַרפער, פושקעס, קאַנאָנען, טאַנקען, טראַקטאָרן, אויטאָמאָבילן און עראָפּלאַנען דאָס האָט איך שטודירט און וועגן די זאַכן האָב איך ביכער געלייענט. אָבער דיין נאָמען האָב איך אין די ביכער קיין מאָל נישט באַמערקט. איז וואָס פאַר אַ שרייבער ביסטו?...

— איך האָב געשריבן ראָמאַנען, געשיכטעס פון לעבן.

— כאַ, נאַרישקייטן... זיך קיין מאָל מיט אַזעלכע זאַכן נישט אינטע־רעסירט!

עס האָט אין הימל עפּעס אָנגעהויבן זשומען. פון צווישן די וואָלקנס האָבן פּאַמעלעך זיך אַרויסגערוקט עטלעכע עראָפּלאַנען און זענען פּינקט־לעך ווי אויף אַ פּאַראַד אַזוי שווימענדיק אין דער לופטן זיך געטראָגן. און באַלד זענען אָנגעפלויגן נאָך און נאָך עראָפּלאַנען. זיי זענען געווען זייער פיל און עס איז שווער געווען פון אָנהייב־אָן צו דערקענען צי זיי זענען סאָוועטישע אָדער דייטשישע.

פון אונטער די פליגלען פון די עראָפּלאַנען האָבן אָנגעהויבן אַרויס־צופאַלן שוואַרצע פּינטעלעך און אָט פאַלן זיי צו דער ערד. אַ ווייסע שוים, אַ דאַמף און אַ שטיק פייער האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד. עס האָבן זיך דערהערט מוראדיקע קנאַקן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ערד ציטערט, וויגט זיך און קערט זיך איבער. אַלץ איז געפלויגן אין דער לופטן: די צע־שפּרייטע רוקזעק, דאָס ברויט, דער ווורשט, דער טערמאָ מיט טיי און די פלאַש מיט בראָנפן. מיכל און דער לייטענאַנט זענען געלעגן צעשפּרייט

אויף דער ערד. זיי האָבן עפּעס געוואָלט כאַפּן מיט די הענט. זיי האָבן זיך איינגעגראָבן מיט די פינגער אין דער ערד. זיי האָבן געפילט ווי די ערד דרייט זיך און פליט. די ערד איז אויבן און דער הימל איז אונטן. און די אויפרייסן פון די סנאַריאַדן וואָס די דייטשישע עראָפּלאַנען וואַרפן אַראָפּ דויערט און דויערט. מיכל און דער לייטענאַנט זענען געווען באַשאָטן מיט ערד. די ערד איז זיי אַריין אין מויל, אין די אויערן, אין דער נאָז און אונטער די קליידער, איבערן גאַנצן לייב. און אָט האָט די ערד אויפגעהערט צו ציטערן און זיך צו דרייען און איז געבליבן ליגן רויִק. קיין שום עראָפּלאַנען זענען שוין מער נישט געווען אין דער לופטן. אַלץ איז צוריק שטיל.

מיכל האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן פון זיך צו טרייסלען דעם שטויב.

— אַך, אין דער מאַמען אין זייערער, פאַרשאָלטענע דייטשן, טפו!...

דער לייטענאַנט האָט געקוקט אויף מיכלען און געקוועלט.

— העי, דו שילסט זיך ווי אַ זשלאָב. אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט ווי אַלע געצערטלטע אינטעליגענטן. צום סוף זע איך, אַז דו ביסט דאָך אַן אונדזעריקער!

— און דו, העלד, — האָט מיכל געזאָגט, — טרייסל פון זיך אָפּ די ערד און דעם שטויב און לאָמיר גיין. עס ווערט שפּעט. מען מוז זיך נאָך היינט צום שטאַב פון דער אַרמיי דערשלאָגן.

— אַ שאָד, געבליבן אָן עסן! — און באַלד האָט דער לייטענאַנט מיט אַ באַזונדערער פריילעכקייט געזאָגט, — מאַיאָר, זאָרג נישט, איך וועל שוין זען ערגעץ צו קריגן וואָס צו עסן.

מען איז געגאַנגען ווייטער. צוויי וועגענער פון אַן אָבאָז האָבן געברענט און געהרגעטע פערד, לעבן די וועגענער, זענען געלעגן מיט פאַררייסענע פיס און מיט די מאָרדעס צו דער ערד. אויף אַ טאַנק האָט זיך געוואַלגערט מיט די גוסעניצעס אַרויף און מיט דעם טורעם אַראָפּ. אַ האַנט פון דעם טאַנקיסט האָט זיך פון דעם טורעם אַרויסגעשטעקט און דאָס פרישע בלוט האָט נאָך פון דער האַנט גערונען. דער טאַנקיסט איז געבליבן אינעווייניק. ער איז געווען טויט. אַרום דעם טאַנק זענען געלעגן עטלעכע געהרגעטע רויטאַרמייער. מען איז געגאַנגען גיך. מען האָט זיך געאײַלט. פּלוצים האָט מען פאַר זיך דערזען אַ געדיכטן שוואַרצן רויך. פון צייט צו צייט האָט מען פון צווישן רויך טאַנצנדיקע פייערלעך דערזען און טויבע אויפרייסן דערהערט.

— דאָס איז דאָס, דער פראָנט!...

און דאָס וואָס מען האָט ווייטער דערזען איז געווען אומגלויבלעך. מען שטייט בײַ אַן אָפּגרונט פון אַ גרויסן באַרג. ערטערווייז איז דער באַרג משופּעדיק, ערטערווייז שטעקן פון אים אַרויס שטיקער פעלדזן און ערטערווייז איז דער באַרג אָפּגעהאַקט און גלאַט ווי אַ וואַנט. אונטן איז די וואָלגאָ. דער וואָלגאָ־טייך איז רויִק, גלאַט, שפּיגלדיק און ברייט. אויפן אַנדערן ברעג פון דעם טייך איז די ערד באַוואַקסן מיט קוטשעראַווע גרינקייטן. עס זעען זיך ווייסע הייזקעס פון דער פאַרשטאָט. עס הייבן זיך אָן אויסמאָלן פון דער ווייטקייט גאַסן מיט הויכע מויערן. דאָס איז סטאַלינגראַד.

און פּלוצים איז אויסגעוואַקסן אַ סאָלדאַט מיט אַ רויטאַרמײיִשער אוניפאָרם און מיט אַ מאַשין־ביקס אין די הענט. אויפן אַרבל פון זיין מונדיר האָט ער געטראָגן אַ רויטן באַנד מיט אַ ווייסן אויפשריפט: פּאַטרול. ער האָט זיך געווענדעט צו מיכלען און דערנאָך צום לייטענאַנט:

— טאָוואַרישטש מאַיאָר, און דו טאָוואַרישטש לייטענאַנט, קומט מיט מיר!

מיכל האָט באַטראַכט דעם רויטאַרמייער.

— פון שטאַב?...

— קומט גיכער, כל־זמן די דייטשן האָבן אונדז נישט באַמערקט! — האָט דער סאָלדאַט געענטפערט, — שוין געווען אַביסל שטיל, און היינט ווידער. מען ווייסט דאָ קיין מאָל נישט ווען די דייטשן הייבן אָן און ווען זיי ענדיקן.

דער לייטענאַנט האָט צוגעגעבן:

— און ווען מיר הייבן אָן ווייסן דאָך די דייטשן אויך נישט! אמת, מאַיאָר?

— אמת, אמת, לייטענאַנט. נו, קום, לאָמיר גיין.

מען האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון דעם באַרג. מען איז געקראָכן פאַרזיכטיק איבער שמאָלע שטעגן וועלכע זענען אין דעם באַרג אויסגעהאַקט געווען. דערנאָך האָט מען אין אַ שפּאַלט דערזען אַ הויז באַדעקט מיט צווייגן פוןביימער און פאַרשטעלט פון אַלע זייטן מיט שטיינער. מען איז אַריין אין דעם הויז.

.76

אַן אָפיציר אין ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן, אַן עלטערער מענטש מיט קליי־נינקע פינקלדיקע אייגעלעך, אַ רירעווודיקער ווי קוועקזילבער האָט זיי באַגעגנט.

— אייערע דאָקומענטן!

מיכל און דער לייטענאַנט האָבן באַוויזן זייערע דאָקומענטן. דער אָפי־ציר האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ.

— איר וועט דאָ מוזן איבערנעכטיקן. מען איז שוין דאָ היינט געווען פון איוואַנאָווס שטאַב. מען איז צוויי מאָל דאָ היינט געווען און מען איז צוריק אַוועק. איך אַליין קען אייך נישט זאָגן ווו דער שטאַב געפינט זיך. דעם אמת געזאָגט, איך ווייס נישט. אין אַלגעמיין ווייסט דאָ קיינער גאָר־נישט נישט. מען האָט דאָ פאַרקאָכט אַזאַ קאַשע, אַז דער רוח ווייסט וואָס דאָ קומט פאָר. אָט, נאַט אייך אַ פעלד־בינאָקל און קוקט אַרויס דורכן פענצ־טער.

מיכל האָט אַ קוק געטאָן. איצט האָט זיך בולט באַוויזן די שטאָט. דער הימל איז רויט און עס איז שווער צו באַשטימען צי די רויטקייט איז פון דעם זון־פאַרגאַנג אָדער פון די פייערן אין די גאַסן וואָס ברענען אַן אויפהער און זעצן מיט שוואַרצע קנוילן רויך. די גאַסן זענען ברייטע. מויערן ווייסע און ברוינע. אָט איז אַ גאַס פול מיט אַ שטיינער־אָנוואַלגער אָנשטאָט היי־זער און נאָר קוימענס שטייען גאַנצע. און אָט איז אַ פּאַרק מיטביימער. די גאַסן זענען פּוסט און דאַך פילט זיך, אַז אין די רואינען פון די גאַסן קאָכט מיט לעבן. עס גיט אַ יאָג פאַרביי אַ טאַנק און ער סטייעט נישט. עס לויפט דורך אַ מענטש און ער פאַלט. עס באַווייזט זיך אַ פייערל פון אַ הויז און עס ווערט פאַרלאָשן. דאָס איז סטאַלינגראַד און דאָ שלאָגט מען זיך, דאָ לעבט מען און דאָ שטאַרבט מען. ווו געפינען זיך די דייטשן און ווו די רוסן, דאָס ווייסט קיינער נישט. מען איז צוזאַמען, אויסגעמישט ווי אַ קאַשע. אַ משוגענער פראָנט. אַזעלכס איז דאַך אוממעגלעך...

מיכל האָט איבערגעגעבן דעם בינאָקל צום לייטענאַנט.

— נו, יעפים, קוק זיך דו איין אין דער־אַ קאַרטינע!...

דער לייטענאַנט האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיטן בינאָקל ביים פענצ־טער און אַריבערגעקוקט צו סטאַלינגראַד.

דער רירעווודיקער אָפיציר, דער „באַלעבאָס" פון דעם הויז וואָס איז

אויסבאַהאַלטן אין אַ שפּאַלט פֿון דעם באַרג, האָט פֿאַרגעזעצט זיך צו באַ־קלאָגן:

— אין איין הויז געפֿינט זיך אַ דײַטש און אין אַ צווייטן אַ רוס. אַמאָל טרעפֿט, אַז אין איינעם און אין דעם זעלבן הויז געפֿינען זיך אי זייערע אי אונדזערע. מען שיסט פֿון איין צימער אין צווייטן, מען שיסט אַזוי לאַנג ביז מען ווערט געהרגעט, און זיגן זיגט קיינער נישט. נו, זאָגט־זשע אַליין, מאַיאָר, איז דאָס דען אַ מלחמה? עס איז גלאַט אַזוי, מען הרגעט זיך!... אָט איז אַפֿילו דער שטאַב פֿון איוואַנאָווס אַרמיי ערגעץ אין מיטן שטאָט פֿאַר־גראָבן אין אַ קעלער. אַזוינס איז נישט געהערט געוואָרן. און ווו איז די גאַס? און ווי אַזוי קומט מען אַהין? דאָס ווייסט קיינער נישט! מיך האָט מען דאָ אַוועקגעשטעלט צו היטן און שפּירן. צען סאָלדאַטן האָט מען מיר געגעבן און מען זאָגט מיר: זיי אַ העלד! וואָס קען איך אויפֿטאָן מיט צען סאָלדאַטן? גאָרנישט! מען זאָגט, אַז איך טו יאָ עפּעס אויף. איך שיק אַרויס מײַנע סאָל־דאַטן באַגעגענען די ניי־געקומענע צום פֿראָנט און זיי ווײַזן די ריכטונג. אַזעלכע פֿונקטן ווי מײַנער, זײַנען דאָ, ביים צוטריט פֿון פֿראָנט, זייער פֿיל. מיר טוען וואָס מיר קענען. נישט שטענדיק ווייסן מיר וווהין צו שיקן די ניי־געקומענע סאָלדאַטן און אָפֿיצירן. דאַן מוזן מיר זיי פֿאַרהאַלטן דאָ ביי זיך ביז מען וועט קומען נאָך זיי. נו, וואָס זאָגט איר, מאַיאָר, איז דאָס וויכ־טיק? איך שעם זיך פֿאַר די וואָס שלאָגן זיך. מען זאָגט, אַז איך בין אַלט, זעכציק יאָר בין איך, בין איך שוין טאַקע אַזוי אַלט, אַז מען האָט מיך גע־דאַרפֿט פֿאַרשטעקן אין דעם־אַ באַרג און מיך נישט לאָזן זיך שלאָגן פֿאַר דער שטאָט אין וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן און געוואַקסן, מײַן פֿאַ־מיליע דאָ געהאַט, דאָ געאַרבעט און דאָ געלעבט. צאַריצין האָט אַמאָל גע־הייסן די שטאָט, און היינט הייסט זי סטאַלינגראַד. פֿאַר מיר אָבער איז דער נאָמען נישט וויכטיק. פֿאַר מיר איז וויכטיק די שטאָט, וואָס איך האָב אַזוי ליב, די שטאָט ביי דער וואָלגאַ, און איך וואָלט זיך געוואָלט שלאָגן פֿאַר דער שטאָט און נישט זיצן פֿאַרשטעקט אין דעם־אַ הויז.

מיכל האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט באַלד ליב באַקומען דעם באַ־רעדעוודיקן עלטערן מענטשן.

— נישט געזאָרגט, קאַפּיטאַן, איר טוט אַ וויכטיקע זאַך, איר ווייסט אַפֿילו נישט, אַז איר ראַטעוועט פֿיל לעבנס מיט אײַער טעטיקייט. ווען נישט אײַער פּונקט וואָלטן מיר נאָך פֿילייכט אַלץ געבלאָנדזשעט און אַ

דייטשישע קויל וואָלט אונדז פאַרטשעפּעט נאָך איידער מיר וואָלטן זיך צו אונדזער שטאַב דערשלאָגן.

— יאָ, יאָ, אַזוי זאָגן טאַקע אַלע! דערלויבט מיר זיך פאָרצושטעלן. מיין נאָמען איז וואַסילי יעגאָרעוויטש פּאַניושין. אין פרידן־צייט אַ בוכהאַלטער פון אַן אוניווערסאַלן מאַגאַזין, אַן „אוניווערמאַג", געווען, טאַקע דאָ אין סטאַלינגראַד.

— אָ, זייער אָנגענעם. מיין נאָמען איז מיכאַיל גריגאָרעוויטש קרוגער.

— קרוגער, זאָגט איר, אַה? מיכאַיל קרוגער, דער שרייבער, פאַרשטייט זיך, דער שרייבער מיכאַיל קרוגער. גאָט מיינער, ווי אַזוי האָב איך אייך באַלד נישט דערקענט? איך האָב דאָך פיל מאָל געזען אייער בילד אין די צייטונגען און אין די זשורנאַלן. איך האָב געלייענט אייערע ביכער! אַך, אַך... וואָס שטיי איך? איר זענט דאָך געוויס הונגעריק. מיר האָבן דאָ פון אַלדאָס גוטס. אַפילו קאָנסערווירטע פּושקעס מיט האָניק און מילך האָבן מיר דאָ. די אַמעריקאַנצעס באַזאָרגן אונדז מיט עסנוואַרג איבערן קאָפּ. אַי, אַמעריקע! אַ רייך און אַ גליקלעך לאַנד איז דאָס!... — און ער האָט זיך פּלוצים צע־שריגן: — מאַטיאַ, גרייט שוין צו עסן, געזשאַרעטע קאָטלעטן, געבראָטענע קאַרטאָפלעס, און וואָדקאַ פּערוועי סאָרט!...

עס איז אַריין מאַטיאַ, דער קוכער, אַ לאַנגער אויסגעדאַרטער סאָל־דאַט מיט אַ ווייסן קאָלפּעק אויפן קאָפּ. ער האָט עפּעס נאַרישוואַטע גע־שמייכלט און איבערגעחזרט:

— קאָטלעטן, קאַרטאָפל און וואָדקאַ! איין מינוט, קאַפּיטאַן, באַלד וועט אַלץ זיין אויפן טיש.

— וועסט צוגרייטן פאַר דריי מענטשן דעם טיש.

— גוט, פאַר דריי מענטשן, קאַפּיטאַן!

מאַטיאַ איז אַרויס. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער טיש איז שוין געווען געגרייט פאַר דריי מענטשן.

פאַרטאָג זענען געקומען פּאַטרולן פון אַלערליי שטאַבן. מען האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם פאַרמאַסקירטן הויז, זיך געזעצט צום טיש טרינקען טיי און וואָדקאַ און מען איז אַוועק. עס זענען אַלץ געווען מענטשן פון פאַר־שיידענע טיילן, מענטשן וועלכע האָבן זיך מיט גרויס קונץ און געפערלע־כער ריזיקע אַרויסגעשמוגלט פון סטאַלינגראַד און געקומען אַהער צום אַזוי גערופענעם הינטערלאַנד פון דעם סטאַלינגראַדער פראָנט. דער פאַר־שמייעטער „באַלעבאָס" פון הויז, וועלכער האָט אין זיין קאַפּיטאַנסקער

אוניפֿאָרם נאָך אַלץ אויסגעזען אַזוי ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געווען אַ בוכ־האַלטער אין אַן אוניווערסאַלער קראָם און נישט קיין הויפּט פֿון אַ מאַס־קירטן זאַמלפּונקט, ער האָט זיך ביי יעדערן אָנגעפֿרעגט:

— קען עמיצער פֿון אייך, קינדערלעך, צופֿירן צום שטאַב פֿון מאַר־שאַל איוואַנאָווס אַרמיי צוויי אַדלערס, אַ מאַיאָר און אַ לייטענאַנט?! זיי שלאָפֿן נאָך אין צווייטן צימער. איך וועל זיי גיין אויפֿוועקן.

דער ענטפֿער איז אָבער געווען:

— וועק זיי נישט, פּאַטערל, זאָלן זיך מענטשן אויסשלאָפֿן. צו וואָס זיך איילן? זיי וועלן נאָך באַוויזן צו שטאַרבן!

אָבער דער אַלטער קאַפּיטאַן האָט נישט אָפּגעלאָזט.

— ערנסט, קינדערלעך, מען דאַרף זיי דורכפֿירן.

— צוליב וואָס זיי פֿירן? — האָט זיך איין סאָלדאַט געחכמהט, — אָט וועל איך זיי געבן דעם אַדרעס און זיי וועלן שוין אַליין טרעפֿן. פֿאַרשרייב, קאַפּיטאַן: די שטאָט סטאַלינגראַד, די גאַס, — צעהאַקטע, דאָס הויז, — אַן אַראָפּגעשאָסענער נומער.

עס האָט זיך באַוויזן מיכל. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די פֿריילעכע און זאָרגלאָזע רויטאַרמייער מיט זייער לייטענאַנט אין דער שפּיץ און ער האָט זיך געוווּנדערט: יעדע גאַס און יעדע הויז אין סטאַלינגראַד איז אַ פֿראָנט ווו מען שלאָגט זיך ביז צום טויט. גאַנץ סטאַלינגראַד איז אַ קאָכי־קער ווולקאַן, אַ גיהנום. אַרויסרייסן זיך פֿון סטאַלינגראַד און צוקומען אַהער, צו דעם „הינטערלאַנד‟, איז דאָס זעלבע ווי אַ זעלבסטמאָרד צו באַ־גיין, ווייל פֿון יעדן ווינקל, פֿון יעדער לאָך און פֿון יעדן בוידעם קוקט אַרויס אַ דייטשישער סנייפּער און עס לויערט מיט טויט. און אָט האָבן זיי זיך דורכגעריסן דורך אַלע דראָט־פֿאַרצוימונגען, מינירטע וועגן און מאַס־קירטע נעצן. מען האָט אויסגעפֿילט די אויספֿירונג־שליחות. מען איז אַריין אויף אַ ווילע אין דעם געהיימען הויז וואָס געפֿינט זיך באַהאַלטן אין אַ שפּאַלט פֿון אַ באַרג און מען וועט באַלד דאַרפֿן צוריקגיין און ווידער אַמאָל אַדורכמאַכן דעם געפֿערלעכן וועג, וואָס איז פֿאַרזייט מיט בלומען־קראַנצן פֿון שרעק, פּיין און טויט. שטייט מען גאָר איצט דאָ אַזוינע זאָרג־לאָזע און מען חכמהט זיך... אָהאָ, מיט אַזעלכע יונגען קען מען קיין קריג נישט פֿאַרלירן. מיט אַזעלכע יונגען וועט מען סטאַלינגראַד קיין מאָל דעם דייטש נישט אָפּגעבן.

דער סאָלדאַט וואָס האָט זיך געחכמהט און געגעבן דעם שפּאַסיקן אַד־

רעס האָט באַמערקט מיכלען און איז פּלוצים ערנסט אַנטשוויגן געוואָרן. באַלד אָבער האָט ער אַן איבערראַשטער זיך אַ לאָז געטאָן צו מיכלען און אויסגעשריגן צופרידן:

— קאָמיסאַר!... מאַיאָר קרוגער! צוריק געקומען אונדזער קאָמיסאַר!...

מיכל האָט דעם סאָלדאַט נישט געקענט. עס איז אָבער געווען נאַטיר־לעך, אַז די טויזנטער סאָלדאַטן פון איוואַנאָווס אַרמיי זאָלן זייער פּאָליטישן קאָמיסאַר יאָ קענען און פאַרגעדענקען, ווייל ער האָט דאָך מיט זיי פיל מאָל אין די אָקאָפּעס פאַרבראַכט און אויף מיטינגען פאַר זיי פּאַטריאָטישע רע־דעס געהאַלטן.

באַלד איז אויך דער לייטענאַנט פון פּאַטרול צוגעקומען צו מיכלען און זיך פאָרגעשטעלט:

— לייטענאַנט סלאָנימאָוו, דריטער געהילף פון דער אויסשפּירער־אָפּטייל פון דער ג.־ר.־אַרמיי!

— ג.־ר.־אַרמיי? — האָט זיך מיכל געחידושט אויף דעם נייעם נאָמען, וואָס מאַרשאַל איוואַנאָווס אַרמיי האָט באַקומען, — וואָס מאַכט דער מאַר־שאַל?

— אָ, גוט, זייער גוט.

— און זיין זון, קאַפּיטאַן פּיאָטער איוואַנאָוו?

— אָ, איר וועט אים שוין איצט נישט דערקענען. ער האָט באַקומען דעם טיטל „העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד" און דעם ראַנג פון אַ פּאָלקאָוו־ניק!

— ווי אַזוי?... פאַרוואָס?... — האָט זיך מיכל געוווּנדערט.

— ער האָט פינף גאַסן אַרומגערינגלט און זיי אַלע אויפגעריסן. אונ־טער די שטיינער זענען געבליבן טויזנטער דייטשן. אָ, דאָס איז געווען אַ ווירקלעכע העלדישקייט. די דייטשן האָבן אונדז געהאַלטן אָנגעשטרענגט און אין אַ קלעם. זיי האָבן יעדע רגע געשאָסן אויף אונדז. און איצט ליגן זיי באַגראָבן, זיי קענען שוין מער נישט שיסן אויף אונדז. מיר האָבן אָפּ־געכאַפּט דעם אָטעם. עס איז איצט אַביסל לייכטער געוואָרן פאַר אונדז זיך צו באַוועגן. זיי שיסן נאָך טאַקע, די פאַרבליבענע רעשטלעך דייטשן, פון זייערע באַהעלטענישן אויף אונדז, עס איז שוין אָבער נישט דאָס וואָס פריִער. נאָך אַ פּאָר אַזעלכע העלדישקייטן ווי פּאָלקאָווניק פּיאָטער איוואַ־נאָוו האָט באַוויזן און מיר וועלן שוין אפשר די דייטשן אינגאַנצן פון סטאַ־לינגראַד אַרויסשלאָגן. אָ, מאַיאָר, ווען איר וועט זען פּיאָטערן וועט איר

אים נישט דערקענען. ער האָט זיך פֿאַרלאָזט אַ פּאָר וואָנצעס מיט אַ מין ציגן־בערדעלע... אָ, ער איז אַן אמתער העלד, און גלייבט מיר, ער וועט אַוועק נאָך ווייטער פֿון זיין טאַטן...

מיכל האָט גליקלעך אַ שמייכל געטאָן.

— דער טאַטע ראַזירט זיך ווייל ער וויל אויסזען יינגער, און דער זון פֿאַרלאָזט זיך אַ בערדל ווייל ער וויל אויסזען עלטער. אָט אַזוי איז די וועלט, שטענדיק פֿעלט עפּעס דעם מענטשן!...

עס איז אַריינגעקומען יעפֿים קאַלוגין, אַן אויסגעוואַשענער, אַ פֿריש־ראַזירטער און אַ זשלאָבעוואַטער. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— גוט מאָרגן, מלאכים! איך זע, אַז איר שטייט שוין גרייט אונדז מיט־צונעמען אין אייער סטאַלינגראַדער גן־עדן!... אָבער וואַרט אַביסל, אַן קיין ליטער בראָנפֿן קען מען זיך נישט פֿונאַנדערקלייבן דאָ און וויסן „ווער איז ווער״. העי, מאָטיאַ! ברענג אַריין אַ פֿלאַש בראָנפֿן, די אמתע רוסקאַיאַ וואָד־קאַ!... און ברענג אַ טוץ גלעזער מיט זיך. איך וויל טרינקען מיט מיינע נייע מלאכימלעך לחיים!...

מיכל האָט געלאַכט.

— נעמט אים נישט ערנסט, טאָוואַרישטשי, ער איז אַ גוטער יונג, ער ער איז צוויי מאָל געווען פֿאַרוווּנדעט און ער מיינט, אַז ער האָט דערפֿאַר אַ רעכט צו זיין אַביסל זשלאָבעוואַטע. זייט מיט אים באַקאַנט. דאָס איז לייטענאַנט יעפֿים קאַלוגין!

אַלע האָבן אַרומגערינגלט דעם נייעם לייטענאַנט און מען האָט אים פֿריילעך באַגריסט. סאָלדאַטן פֿון פֿראָנט האָבן געהאַט אַ חוש צו פֿילן און דערשמעקן אַ ניי־געקומענעם צום פֿראָנט, צי ער איז גוט אָדער שלעכט, צי ער איז אַ העלד אָדער אַ פּחדן. דער לייטענאַנט איז זיי געפֿעלן געוואָרן. ער איז אַ נאַש־בראַט, אַן אייגענער.

— ווּעלקאָם צו סטאַלינגראַד, לייטענאַנט, ווּעלקאָם צו אונדזער פֿראָנט!

— אָ, דו לייטענאַנט, דו וועסט שוין די דייטשן באַגראָבן!

— און אויב איך וועל זיי נישט באַגראָבן, — האָט יעפֿים קאַלוגין זיך געקליגט, — וועלן זיי מיר באַגראָבן!

— הע, — האָט איינער אויסגעשריגן, — פֿלייש איז וואָלוול אין סטאַ־לינגראַד!...

מאָטיאַ דער קוכער איז אַריין מיט אַ טאַץ אויף וועלכער עס זענען גע־

שטאַנען עטלעכע גלעזער און אַ פלאַש בראַנפן. מען האָט צעכאַפּט די גלע־זער, אָנגעגאָסן אין זיי די וואָדקאַ און מען האָט געהויבן טאָסטן.

— צום געזונט!

— פאַר אַ זיג!

— פאַר סטאַלינען!

— פאַר דעם מאַרשאַל!

— פאַר אַ זיג איבער אַלע שונאים פון אונדזער מאַטיושקאַ ראָסיאַ!...

מען האָט אָנגעהויבן טרינקען.

פון יענער זייט הויז האָבן זיך דערהערט שווערע טריט און אַ פײַנפּר־לער קרעכצן. דער „באַלעבאָס" פון הויז, קאַפּיטאַן וואַסילי פּאַניושין האָט אַ זיפץ געטאָן: — „אַך, גאָט מײַנער!" — ער האָט זיך געוואָלט איבערצלמען נאָר באַלד אַ פאַרשעמטער די האַנט אַראָפּגעלאָזט. ער האָט געזאָגט: — „ווידער פאַרוווּנדעטע געבראַכט!" — ער איז צו צו דער טיר און זי צע־עפנט.

עס זענען אַרײַנגעקומען פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, אײנציקווייז, אין צווייען און אין דרייען האָבן זיי זיך פון פראָנט אַהער פאַרשלעפּט. ווער עס האָט נאָר געקענט אַרויסקריכן פון פייער און נישט וואַרטן ביז ער וועט מיטן בלוט אָפּרינען, דער האָט דעם פראָנט פאַרלאָזט און זיך דערשלעפּט צו דעם געהיימען פונקט פון וואַנען מען וועט שפּעטער אָפּשיקן אין אַ שפּי־טאָל. עס זענען געווען סאָלדאַטן און אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי מיט באַנדאַזשירטע הענט, פיס און קעפּ. עס זענען געווען גרויע און פאַרשטויב־טע מענטשן מיט גלייכגילטיקע, אויסגעמאַטערטע פּנימער. איינער האָט געבעטן אַ טרונק. מאַטיאַ דער קוכער האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער און יענער האָט זשעדנע זי אויסגעזשליאָקעט. אַ צווייטער, אַ פאַרוווּנדעטער אין אַ פוס, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, האָט זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט אויפן פאָל און אָנגעהויבן קרעכצן. דורך דעם ווייס־קויטיקן באַנדאַזש איבער דער וווּנד האָט זיך דאָס בלוט דורכגעזויגן. דער אַלטער קאַפּיטאַן האָט גע־פרווּט די וווּנד אים איבערבינדן מיט אַ ריינעם באַנדאַזש און ער האָט דערביי אַזש ווייַנענדיק געשריגן:

— ווײ, ווײ, ביז אַ דאָקטער וועט קומען וועט דער מענטש דעם פוס פאַרלירן!

עס איז געוואָרן שטיל און נישט אָנגענעם.

דער ערשטער האָט פאַרלאָזט דאָס הויז דער זשלאָבעוואַטער לייטע־

נאָנט יעפּים קאַלוגין. נאָך אים זענען מיכל מיט די איבעריקע אויך אַוועק.

דער באַרג איז געבליבן הינטער זיי.

מען איז געקראָכן אויף אַלע פיר איבער אַ פּוסטן זאַמדיקן פּלאַץ. די וואָלגאַ האָט שטיל מיט אירע וואַסערן זיך געטראָגן און עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז אַ געזאַנג טראָגט זיך פון דעם טייך, אַ שטילער מאָנאָטאָנער און מעלאַנכאָלישער געזאַנג. עס האָט געגנאָגט דאָס האַרץ. עטלעכע קליינע שי־פעלעך זענען ביים ברעג געשטאַנען צוגעבונדן צו אַ פעלדז וועלכער האָט זיך שפּיציק פון וואַסער אַרויסגעריסן און געוואָלט דעם הימל דערגרייכן. די שיפעלעך זענען געווען גרויע און זיי האָבן זיך געוויגט און געשאָקלט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען טראָגט זיך אין אַ מדבר. מען האָט דערגרייכט די שיפלעך און מען האָט זיך אין איינעם פון זיי אַריינגעזעצט. אַ סאָלדאַט האָט דעם שטריק פון פעלדז אָפּגעבונדן און דאָס שיפעלע האָט זיך איבערן וואַסער־אַראָפּ מיטן פלוס געטראָגן. אַ צווייטער סאָלדאַט האָט באַלד געכאַפּט די וועסלעס און אָנגעהויבן פלייסיק צו רודערן. דאָס שיפעלע האָט זיך אַ דריי געטאָן און איז אַוועק אין דער ריכטונג צום צווייטן ברעג. דער לייטענאַנט סלאָבימאָוו האָט געזאָגט:

— אויב די דייטשן וועלן אונדז נישט באַמערקן וועלן מיר נאָך היינט זיין אין שטאָב.

קיינער האָט נישט געפרעגט און קיינער האָט נישט געענטפערט וואָס עס וועט זיין אויב די דייטשן וועלן יאָ דאָס איינזאַמע שיפעלע איבער דעם וואָלגאַ־טייך באַמערקן. דער ענטפער איז געווען אַ קלאָרער און אַן איינפאַכער: טויט! — רעדן וועגן דעם האָט זיך נישט געוואָלט.

מען איז צוגעשוווּמען צום צווייטן ברעג. מען איז אַרויס פון דעם שי־פעלע און מען איז איצט אַריין אין אַ מין הויכער קוטשעראַווער גרינקייט. עס האָט זיך אָנגעהייבן די פאָרשטאָט פון סטאַלינגראַד, אַ גאָרטנדיקע געגנט פון עפּל־ביימער, קוסטעס וויינטרויבן און אַ סך, אַ סך ווייסינקע הייזער. דאָס איז געווען די איינציקע געגנט דורך וועלכער מען האָט געקענט גרינ־גער אַריינדרינגען אין שטאָט. די אַנדערע געגנטן פון דער פאָרשטאָט זע־נען נאָך געווען פול אָנגעפּיקעוועט מיט נאַצי־דייטשן.

מען האָט זיך גערוקט און געלאָפן פון הויז צו הויז. עס האָבן זיך גע־הערט איינצלנע שאָסן און אויפרייסן. פון ווייטן האָט מען דערזען אַ בריק. מען האָט בולט געזען ווי איבער דער בריק איז אַדורך אַ צוג. רויטע פענצער מיט ווייסע קרייזן און מיט שוואַרצע האַקנקרייצנס אין די קרייזן, זענען פון

די וואַגאָנען־פענצטער אַרויסגעהאַנגען געווען. קיינער האָט דעם צוג נישט באַשאָסן. מיכל האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט דאָ פאָר. ער האָט געטראַכט: פאַרוואָס לאָזט מען אַ דייטשישן עשאַלאָן מיט סאָלדאָטן אַדורך? ווו איז די רויטע אַרמיי, די אויסשפּירער, די אינפאַנטעריע, די אַרטילע־ריע?...

מען איז אַריין אין שטאָט. די דייטשן האָבן זיי וויזט אויס באַמערקט. אַ האָגל מיט פייער האָט זיך אַ שאָט געטאָן איבער זייערע קעפּ. מען איז צוגעלאָפן צו אַ צעשטערט הויז ביי אַ וועלכן איין וואַנט איז נאָך געווען גאַנץ. אויף דער וואַנט איז אַ פּאָרטרעט פון אַ מיידל געהאַנגען... מען האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אונטער די שטיינער פון דעם הויז. מען איז געקראָכן צווישן דעם שטיינערדיקן אָנוואַלגער און מען האָט זיך געפּרוּווט איינאָר־דענען באַקוועם, זיך באַשיצן פון די פלי̇ענדיקע קוילן. דער פּאָרטרעט פון דער וואַנט מיט דעם אויסגעמאָלטן מיידל, דאָס איינציקע שטיק באַצירונג וואָס עס איז פון דעם הויז נאָך גאַנץ געבליבן, האָט אַראָפּגעקוקט צו די שטיינער צווישן וועלכע די סטאַלינגראַדער פּאַרטיידיקער זענען איצט גע־לעגן איינגעזונקען, און האָט צו זיי געשמייכלט און זיי צוגעגעבן מוט: „שלאָגט זיך ברידערלעך, נעמט נקמה פאַר מיר, פאַר מיין טאַטע־מאַמע און פאַר דעם צעוואַלגערטן הויז". עס איז געוואָרן שטיל. מען האָט זיך אַרומ־געקוקט. מען האָט דעם פּאָרטרעט אויף דער וואַנט דערזען. יעפים קאַלוגין האָט אַ פייף געטאָן:

— פיו...ץ... אַ שיינע באַרישניאַ!...

— יאָ, לייטענאַנט, — האָט מיכל געזאָגט, — דער פּאָרטרעט אירער הענגט, און זי?... ווער ווייסט צי זי לעבט! קען זיין, אַז זי ליגט דאָ באַ־גראָבן אונטערן אָנוואַלגער פון די שטיינער.

— דאָ וועלן מיר שוין מוזן איבערוואַרטן ביז עס וועט פינצטער ווערן, — האָט לייטענאַנט סלאָנימאָוו דערקלערט, — עס לוינט זיך נישט ריזיקירן.

— וואָס קען מען דען אַנדערש טאָן? — האָט מיכל געענטפערט, — ווי אַזוי דו פאַרשטייסט, לייטענאַנט, אַזוי וועלן מיר טאָן. דו ביסט איצט דער עלטסטער איבער אונדז, ווייל מיר ווייסן דאָך אַן דיר נישט וווהין צו גיין.

— אַ דאַנק, מאַיאָר! פאַרלאָזט זיך אויף מיר.

— העי, קרוגער! דו האָסט אַ ווייב? — האָט יעפים קאַלוגין געפרעגט.

— מוזט דאָס וויסן, לייטענאַנט?

— ניין, עס איז נישט מיין זאַך. סע ווילט זיך מיר נאָר רעדן. איך האָב פֿיינט ווען עס איז שטיל. איך שרעק זיך. הערסט, מאַיאָר, ווען מען שיסט האָב איך נישט קיין מורא, נאָר ווען עס איז שטיל שרעק איך זיך...

— אַזוי... דו שרעקסט זיך אויך?... גוט אַזוי. אַ מענטש דאַרף זיך שרעקן. ס׳אַ קלייניקייט. אַבי נאָר מען פֿאַרלירט זיך נישט. מען דאַרף זיין ביים פֿולן פֿאַרשטאַנד. מען דאַרף וויסן פֿאַרוואָס מען קעמפֿט, דאַן ווערט די שרעק פֿאַרשוווּנדן, דאַן קען אַפֿילו אַ שרעקעוודיקער מענטש אַ העלד ווערן!

— דו רעדסט שיין, מאַיאָר. נישט אומזיסט האָט מען דיך פֿאַר אַ פּאָ־ליטישן קאָמיסאַר באַשטימט.

— און דו, יעפּים, דיר דאַרף מען אויך קיין פֿינגער אין מויל נישט אַריינלייגן. זאָג מיר נאָר, פֿון וואַנען שטאַמסטו, ווער ביסטו, ווו ביסטו גע־בוירן?

— עהע, ס׳איז אַ פֿאַרפּלאָנטערטע געשיכטע. געווען נאָך אַ פּיצל קינד, אַ קיילעכדיקער יתום, ווען מען האָט מיך אין אַ קינדערהיים פֿאַרשיקט. דאָרט זענען פֿיל אַזעלכע ווי איך געווען. מען האָט אונדז אַלעמען אונטער איין מאַשינקע, אונטער נומער איינס, אָט אַזוי ווי די שאָף, געשוירן. די בעז־גראַמאָטנע דערצי׳ערינס און דערצי׳ערס האָבן צעדרייט און פֿאַרפּלאָנטערט אונדזערע נעמען און אונדזערע געבורט־שטעט. ווען מען איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר האָט מען אַ פּאַספּאָרט געגעבן און אַוועקגעשיקט. ווער מען האָט דען אינטערעסירט וואָס אין פּאַספּאָרט שטייט געשריבן? איז דען נישט אַלצאיינס צי מען הייסט איוואַן אָדער סטעפּאַן?... אַז קיינער געדענקט נישט קיין טאַטע־מאַמע און נישט קיין געבורט־אָרט! דו ווייסט, מאַיאָר, ווען די צייט איז געקומען און מען האָט מיך באַדאַרפֿט אַוועקשיקן פֿון דעם קינ־דערהיים אין אַ מיליטערישער שולע, האָב איך געוויינט, טאַקע ריכטיק געוויינט. דער קינדערהיים איז דאָך געווען פֿאַר מיר אַלץ...

פּלוצים האָט ער זיך אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט אין שטערן און אויסגעשריגן:

— איצט ווייס איך שוין פֿאַרוואָס דיין נאָמען איז מיר באַקאַנט. געווען אַ מיידל אין דעם קינדערהיים. איך בין אין איר געווען אַביסל פֿאַרקאָכט... איר נאָמען איז אויך געווען קרוגער, מאַניאַ קרוגער!...

מיכלען האָט אָנגעהויבן צו שטעכן אין די שלייפֿן. ער האָט אומגעדול־דיק געפֿרעגט: — און וואָס איז געוואָרן?

— עהע, — האָט דער לייטענאַנט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — איך האָב זי פאַרלוירן, כמעט איינגאַנצן אין איר פאַרגעסן, ווען מען האָט מיך אַוועקגעשיקט זיך לערנען אין דער מיליטערישער שולע. איך בין נישט פון די וואָס בענקען לאַנג נאָך אַ מיידל. מען קען זיי קריגן, די מיידלעך, ווען מען דאַרף זיי, וויפל מען וויל...

איצט איז שוין מיכל נישט אָפּגעטראָטן פון אים. ער האָט געוואָלט וויסן מער איינצלהייטן: — זי האָט געהאָט ברידער?

— יאָ, איינעם אַ לאַנגן דראַנג. אַ קראַנקער געווען. שטענדיק גע־הוסט. ער איז געשטאָרבן. דער צווייטער, איז אַ תמעוואַטער געווען. ער איז שטענדיק געווען הונגעריק און ער האָט זיך מיט אַלעמען געשלאָגן. מען האָט אים פאַרשיקט אין אַן אַנדער קינדערהיים, אין אַן איזאָלאַטאָר.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיכלען און זיך באַלד אָפּגעקערעוועט פון אים.

מיכל האָט אים אַ טאָרע געטאָן פאַרן אַקסל: — פאַרוואָס ביסטו אַנט־שוויגן געוואָרן? דערצייל ווייטער!

דער לייטענאַנט האָט מיטאַמאָל איינגעגראָבן זיין קאָפּ צווישן די שטיי־נער און זיך צעשריגן:

— העי, מאַיאָר, דו ביסט טאַקע אַ קאָמיסאַר פון מאַרשאַל איוואַנאָווס אַרמיי, אָבער דו פרעגסט מיך אויס אַזוי, גלייך ווי דו וואָלסט געווען אַן אויספאָרשער פון דער מיליטערישער קאָנטער־ראַזוועטקע, אָדער פון דער מאָסקווער נ.ק.וו.ד.!...

— איך האָב דיר פאַר דער צונג נישט געשלעפּט, — האָט מיכל זיך אָפּגערופן, — דו אַליין האָסט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן אַ מעשה. האָסט געזאָגט, אַז דיין מיידלס פאַמיליע־נאָמען איז געווען קרוגער, דער זעלבער פאַמיליע־נאָמען ווי מיינער, נו האָט עס מיך פאַראינטערעסירט...

מיכל האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין פאַרן זשלאָבעוואַטן לייטע־נאַנט, אַז דאָס מיידל און די ברידער אירע, וועגן וועלכע ער האָט דער־ציילט, האָבן אַ בלוטיק־נאָענטע קרובהשאַפט מיט אים. ער האָט שוין מער פרעגן נישט געוואָלט.

— צוליב וואָס דאָס פרעגן, — האָט ער געטראַכט, — דערווייל איז מלחמה און מען ליגט דאָ איינגעלייגט אין די שטיינער פון אַ חרוב הויז. ווער ווייסט צי מען וועט זיך גאָר צום שטאַב דורכשלאָגן? ערגעץ דאָ נישט ווייט

זענען אײַנגעלײגט דײַטשן און זײ לויערן אויף אונדז. דער טויט איז דאָ אויף יעדן שריט און טריט.

מען איז אַזוי־אַ אָפּגעלעגן צווישן דעם אָנוואַלגער פון די שטײנער די גאַנצע צײַט ביז עס איז טונקל געוואָרן. דערנאָך האָט מען זיך אײַנציקווײַז אַרויסגערוקט פון דער חורבה און מען האָט זיך געלאָזט גײן איבער די פינצטערע גאַסן.

.77

מאַרשאַל איוואַנאָווס אַרמײ האָט געהאַמערט די דײַטשן, זײ צעשלאָגן און ווען די שלאַכטן פון גאַס צו גאַס און פון הויז צו הויז זענען אַריבער, עס איז שטיל געוואָרן, און עס האָט זיך געדוכט, אַז איצט איז שוין די ענדע און אַן ענדגילטיקער זיג איז שוין פאַרזיכערט. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צו די דײַטשן איז צוגעשיקט געוואָרן נאָך אַ גרעסערע פאַרשטאַרקונג און מען מוז ווידער אָנהײבן די שלאַכט פון דאָס נײַ. עס האָט זיך באַקומען ווי אַ שרעקלעכער פאַרכישופטער קרײַז, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרפּלאָנטערטן קנויל פון וועלכן מען וועט זיך גאָר קײנמאָל אין לעבן נישט אויספּלאָנטערן.

איוואַנאָוו איז געווען פאַרצווײפלט. אים האָט ווײ־געטאָן צו וויסן, אַז נאָך יעדער אַרויסקריכונג, נאָך יעדער אַטאַקע און נאָך יעדער שלאַכט ווערן רוסישע מענטשן צעמאָלן ווי פלײש, מען פאַלט אין די טויזנטער, מען זיגט און מען איז נאָך אַלץ אויף אײן אָרט, די דײַטשן זענען נאָך אַלץ אין די גאַסן און אין די הײַזער פון דער שטאָט.

זינט מיכל איז צוריקגעקומען איז איוואַנאָוו אויפגעלעבט געוואָרן. ער האָט זײער זעלטן באַקומען בריוו פון זײַן ווײַב. עס איז געווען שווער אין דעם סטאַלינגראַדער כאַאָטישן פלאָנטער אָנצוהאַלטן אַ קאָרעספּאָנדענץ. עס האָט פיל מאָל געטראָפן, אַז די רוסישע בריוו זענען צו די דײַטשן אַרײַנגע־פאַלן און די דײַטשישע בריוו זענען צו די רוסן אַרײַנגעפאַלן. מען האָט דער־פאַר באַשטיצט אין גאַנצן נישט שיקן קײן בריוו אַהײם צו די נאָענטע און געליבטע. מיליטער־באַפעלן, אינסטרוקציעס און אינפאָרמאַציעס זענען נאָר דורך ראַדיאָ און מיט פאַרשטעלטע, שיפרירטע קאָדן געשיקט געוואָרן. דער לעבעדיקער גרוס וואָס מיכל האָט אים פון זײַן ווײַב געבראַכט, האָט אַביסל רו אַרײַנגעבראַכט אין זײַן געמיט.

איוואַנאָוו איז אויך געווען צופרידן וואָס מיכל האָט זיך צוריקגעקערט, ווייל ער האָט באַדאַרפט אַ פריינד, וואָס יאָגט זיך נישט נאָך קיין מיליטערישן כבוד און נאָך קיין מיליטערישע קאַריערעס און האָט נישט קיין שום מיליטערישע אַמביציעס. דאָס איז מיכל זיכער געווען. דער זון זייַנער, פיאָטער, האָט שטאָלצירט מיט זייַנע מיליטערישע פאַרדינסטן און ער האָט נישט פאַרשטאַנען זייַן אַלטן פאָטער, וואָס היט זיך פאַר שטורעמדיקע אַטאַקעס און טראַכט נאָר צו פלענער ווי אַזוי אַרומצוגייַן דעם שונא און אים אונטנאַרומער אַ קלאַפּ־טאָן. איוואַנאָוו האָט אָנגעקוואָלן פון זייַן העלדישן זון, וואָס האָט אַזוי יונג צו אַזאַ הויכקייט דערגרייכט, נאָר אַדאַנק זייַנע אייגענע, געוואַגטע שטורעם־אַטאַקעס פנים צו פנים מיטן דייטש. עס האָט אים אָבער ווייַ־געטאָן דאָס וואָס דער זון איז מיט אים נישט איינשטימיק אין געוויסע סטראַטעגיעס און וואָס ער איז באַגייסטערט פון יעדן וואָרט וואָס סטאַלין זאָגט אַרויס, נישט אַריינטראַכטנדיק זיך אַפילו אין דעם זין פון דעם וואָרט. ער האָט נישט געקענט צוזען ווי זייַן בראַווער זון איז געדאַנקלעך און נשמהדיק פאַרשקלאַפט צו סטאַלינען. אים איז געפעלן געווען זייַן זונס איבערגעגעבנקייט צום פירער. עס מוז זייַן אַ דיסציפלין און אַ רעספעקט צום פירער, אָבער נישט קיין בלינדע פאַרקנעכטשאַפט. מען דאַרף נישט טראַכטן וועגן סטאַלינען ווי וועגן אַ גאָט, וואָס קען קיינמאָל נישט מאַכן קיין שום טעות. סטאַלין איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, אַפילו אַ פירער און אַפילו קליגער פון אַלע, דאָך מיינט דאָס נישט, אַז ער מוז שטענדיק זייַן גערעכט און אַז ער קען גאָר קיינמאָל קיין טעות נישט מאַכן. אויך סטאַלין קען דאָך אַמאָל אָפטאָן נישט קיין קלוגע זאַך!...

פיאָטער האָט זייַן נייעם געהילף, דעם לייטענאַנט יעפים קאַלוגין, פאַרשיקט אַלס הויפט פון אַן אויסשפירער־אָפּטייל אין אַ שטאַב פון איינער פון די אַרמייאישע דיוויזיעס. דער לייטענאַנט האָט זיך געפילט געטראָפן. ער האָט זיך געשעמט צו קוקן מיכלען אין די אויגן, ווען ער האָט זיך מיט אים באַגעגנט.

— אַזוי איז דאָס, קאָמיסאַר, געשיקט האָט מען מיך דרינגנד, מיך צוגעאײַלט, עס האָט געהייסן, אַז איך וועל זייַן דער קאָמאַנדיר פון די אויסשפירער איבער דער גאַנצער אַרמיי, און איצט, נאַ דיר גאָר אַ דיוויזיע!...

מיכל האָט אים אַרומגענומען. דאָס בלוט האָט אין אים אַ קאָך געטאָן. עפּעס היימיש און אייגנס האָט זיך געפילט אין דעם־אָ פאַרגרעבטן בחור. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער איז זייַן קלענערער ברודער. יענעם האָט מען

דאָך אין דער היים געראָפן „חײמל״ אין ייִדיש און „יעפים״קאַ אין רוסיש, און „קאַלוגין״, דאָס האָט מען אים דאָרט אין דעם קינדער־היים דעם פאַמיליע־נאָמען פון קרוגער אויף קאַלוגין פאַרביטן. אי, ער האָט דערציילט אַ מעשה וועגן אַ מיידל מיט אירע צוויי ברידער, דאָס האָט ער פון ווילדקייט און פאַרשייטקייט די־אַ מעשה אויסגעטראַכט... מיכל האָט אָבער נישט געהאַט קיין האַרץ ביי דעם־אַ בחור ווידעראַמאָל אויסצופרעגן אַלע איינצלהייטן פון זיין לעבן. ער האָט געטריבן פון זיך דעם געדאַנק, אַז דאָס קען זיין זיין ברודער. ער האָט אים נאָר געזאָגט:

— ס׳אַ קליינקייט, יעפים, וואָס פאַר אַ ראַנג און וואָס פאַר אַ פּאָסטן מען פאַרנעמט. די הויפּטזאַך איז צו זיגן און צו בלייבן לעבן!...

— דאָסווידאַניע, קאָמיסאַר!...

— דאָסווידאַניע, טאָוואַרישטש לייטענאַנט!...

דער שטאָב פון מאַרשאַל איוואַנאָווס אַרמיי האָט זיך געפינען אין סאַמע צענטער פון שטאָט, אין אַ טיפן קעלער פון אַ געוועזענער בעקעריי. ווי אַזוי איוואַנאָוו מיט זיין שטאָב איז אַריינגעדרונגען אין שטאָט, וועלכע איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט און אין אַלע גאַסן באַזעצט מיט דייטשן איז אוממעגלעך געווען צו פאַרשטיין. נאָר איין פרייען צוטריט צו סטאַלינגראַד האָט די אַרמיי געהאַט, אי דאָס האָבן די דייטשן אויך דעם צוטריט באַשאָסן אַזוי אַז עס איז געווען שווער צוצוברענגען עסנוואַרג און אַמוניציע. עס איז נאָך שווערער געווען צוצוקומען מיט פרישע דיוויזיעס וועלכע סטאַל׳ין האָט ברייטהאַרציק צוגעשיקט איוואַנאָוון צו הילף. אַרויס פון שטאָט צום הינטערלאַנד איז אויך געווען נישט פון די גרינגע זאַכן.

איינמאָל, נאָך אַ גרויסער שלאַכט, ווען איוואַנאָוו האָט געמיינט, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער און אַנטשיידענער קאַמף פאַר סטאַלינגראַד און מען וועט שוין קענען פון איצט־אָן די דייטשן טרייבן ווייטער, האָט ער באַמערט, אַז פרישע קרעפטן זענען צו די דייטשן אָנגעקומען און די אויסגעמאַטערטע און מיט בלוט־אָפּגייענדיקע רויטאַרמייער האָבן געמוזט צוריקטרעטן און ווידעראַמאָל פאַרנעמען די אַלטע פּאָזיציעס אין די האַלבע און אין גאַנצן חרובע געביידעס פון דער שטאָט. די טויזנטער געפאַלענע רויטאַרמייאישע סאָלדאַטן זענען געלעגן אין די גאַסן און מען האָט זיי אַפילו נישט געקענט אַפּראַמען.

איוואַנאָוו איז די נאַכט נישט געשלאָפן. ער איז געזעסן ביי אַ ברענענדיקער חלבנער ליכט מיט דער מאַפּע פון שטאָט און געגנט און מיט רויטע

און בלויע בלייערס געצייכנט און דערנאָך עפּעס צו זיך אין אַ בלאָקנאָט פאַרשריבן.

אויפן אַנדערן טאָג האָט ער צו זיך אַריינגערופן מיכלען און פיאָטערן און צו זיי געזאָגט:

— איך פאָר קיין מאָסקווע!

— מען רופט דיך אַרויס, פאַ? — האָט דער זון געפרעגט און פלוצים בלאַס געוואָרן.

— עס איז אַ סוד. קיינער דאַרף נישט וויסן! דו, פאָלקאָווניק, — האָט ער געזאָגט צום זון און אים אַרומגענומען, — דו נעמסט איבער די גאַנצע אָנפירונג ביז איך וועל זיך צוריק אומקערן!

— טאַק טאָטשנאָ, צום באַפעל, טאָוואַרישטש מאַרשאַל! — האָט פיאָטער באַגייסטערט אויסגעשריגן.

איוואַנאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן, געקוקט אויף דעם ציגענעם בערדל וואָס דער זון האָט זיך פאַרלאָזט און אויף די פאַרדרייטע וואָנצעלעך זיינע. ער האָט געזאָגט:

— אָבער זיי נישט איבערהיציק, פאָלקאָווניק, רייס זיך נישט אין קיין אומנוציקע אַטאַקעס, ביז איך וועל צוריקקומען, סיידן דער שונא וועט דיר אָנבינדן אַן אַטאַקע!

— איך וועל פאָלגן, פאַ... אַנטשולדיק, איך וועל פאָלגן, טאָוואַרישטש מאַרשאַל!

— און דו, מיכאַיל, איך בעט דיך, קוק דאָ מיטביידע אויגן!...

— איך וועל קוקן, טאָוואַרישטש מאַרשאַל.

אַן אָרדענאַרעץ האָט אַריינגעבראַכט אַ סאַמאָוואַר וועלכער האָט געקאָכט און געזאָטן. ער האָט אויך געבראַכט ברויט מיט פּוטער און האָניק. ער איז אַרויס און מאַרשאַל איוואַנאָוו, זיין זון און מיכל האָבן זיך צוגעזעצט צום טיש עסן. פון דרויסן האָבן זיך דערטראָגן שווערע קאַנאָנענשאָסן. די סנאַריאַדן האָבן זיך געריסן און אויפגעריסן ערגעץ אין דער וויטקייט און דער אָפּהילך פון די אויפרייסן האָט צעטרייסלט די ערד.

איוואַנאָוו האָט געזאָגט:

— איך געדענק דאָס ווי היינט. עס איז געווען אין 1918, און טאַקע דאָ, אין דער־אָ שטאָט, וועלכע האָט דאַן געהייסן צאַריצין. דער פּאָליטישער קאָמיסאַר פון פראָנט איז דאַן געווען סטאַלין, און דער קאָמאַנדיר פון אַ געוויסער דיוויזיע איז געווען וואָראָשילאָוו. איך האָב אָנגעפירט מיט איי־

נעם פון וואָראָשילאָווס פּאָלקן. דער קאָמאַנדיר איבער דער גאַנצער רויטער אַרמיי איז געווען טראָצקי!... אַך, קינדער, ווען איר וואָלט געזען טראָצקין רייטנדיק אויף זײַן ווײַס פערד!... ווי אַ לייב איז ער געווען!...

— צוליב וואָס דערמאָנסטו דאָס טראָצקין, פּאַפּאַ?

איוואַנאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויפן זון בײַזלעך.

— אַז באַטשאַלסטוואָ רעדט, דאַרף מען הערן, פּאָלקאָווניק!

פּיאָטער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— יעסט, טאָוואַרישטש מאַרשאַל.

איוואַנאָוו האָט אַ ווינק געטאָן מיט דער האַנט, אַז ער זאָל זיך צוריקזעצן, און ער האָט ווײַטער דערציילט:

— טראָצקי האָט דאַן באַזייטיקט סטאַלינען און וואָראָשילאָוון פאַר זייער נאַכלעסיקייט און פאַר זייערע מפּלות. לענין איז איינשטימיק געווען מיט טראָצקין און דערפאַר האָט סטאַלין געטראָגן אַ כעס אויף טראָצקין. אָבער לענין האָט פאַרט געהאַט אַ שוואַכקייט צו סטאַלינען און ער האָט אים מוחל געווען זײַנע פעלערן און ער האָט געפּועלט בײַ טראָצקין, אַז סטאַלין זאָל זיך צוריקקערן צום פראָנט. טראָצקי איז געווען קלוג און פאַרגיביק. ער האָט איינגעשטימט מיט לענינען און דערלויבט סטאַלינען זיך צוריקצוקערן קיין צאַריצין. טראָצקי מיט סטאַלינען וואָלטן געקענט פאַרבלייבן גוטע פרײַנד, אָבער סטאַלין אין זײַן פאַרביסנקייט האָט קיינמאָל נישט געוואָלט מוחל זײַן טראָצקין פאַרוואָס ער האָט אים פון דעם צאַריצין־פראָנט איין מאָל באַזייטיקט.

— פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן די ווײַסע דאַן פון צאַריצין פאַרטריבן און פאַרניכטעט, — האָט איוואַנאָוו פאַרגעזעצט, — אין דעם זיג האָט געהאַט אַ האַנט טראָצקי נאָך מער ווי סטאַלין. איך בין דאַן אין איינער פון די שלאַכטן פאַרוווּנדעט געוואָרן, און אָט דעם־אָ שראַם, — ער האָט געוויזן אויף זײַן שטערן, — האָב איך דאָ, אין שלאַכט פאַר צאַריצין באַקומען, און ווען איך זאָל נישט זײַן באַשיידן וואָלט איך געזאָגט, אַז אויב מען האָט שוין יאָ געוואָלט בײַטן דעם נאָמען צאַריצין אויף אַן אַנדער נאָמען, וואָלט די שטאָט גיכער געדאַרפט הייסן: טראָצקיגראַד און אפשר אַפילו: איוואַנאָווגראַד. אָבער ווען לענין איז קראַנק געוואָרן און סטאַלין האָט מיט פאַרשײדענע כיטרעקייטן, פאַלשקייטן און טעראָר פאַרכאַפּט די מאַכט, און טראָצקין פאַרשיקט, האָט ער דאַן אויס נקמה צו טראָצקין, אונטערשטרייכנדיק,

אַז ער פֿאַרגעסט נישט, אַז גראָד דאָ, אין צאַריצין האָט טראָצקי אים באַ־לײדיקט, געביטן דעם נאָמען פֿון צאַריצין אויף סטאַלינגראַד.

רעדנדיק אַזוי וועגן יענע היסטאָרישע געשעענישן האָבן זיך אין מאַר־שאַל איוואַנאָווס אויגן אָנגעצונדן אַזעלכע ליכטיקע פֿײַערלעך, וועלכע מען קען באַמערקן נאָר ביי מענטשן וואָס דערמאָנען זיך מיט בענקשאַפֿט פֿון פֿאַרגאַנגענע צייטן, ווען דער שטערן פֿון זייער גלאָריע האָט אָנגעהויבן צו באַגינען.

מיכל און פּיאָטער האָבן געקוקט אויפֿן מאַרשאַל און אין זייערע בליקן איז געווען שרעק. זיי האָבן נישט געוואָגט זיך אָקעגנצושטעלן זיינע רייד. אָבער זייערע בליקן האָבן געפֿרעגט: וואָס רעדט ער?... צו וואָס וויל ער צופֿירן?...

און אָט האָט מען זיך דערוואָרט צו וואָס זיינע רייד האָבן געפֿירט. אי־וואַנאָוו האָט פֿאָרגעזעצט:

— מיר איז אויסגעקומען אייניקע מאָל צו באַזוכן לעונינען אין זיין ווי־לע אין דעם אונטער מאָסקווע דאָרף גאָרקי. איך האָב נישט איין מאָל מיט לעונינען גערעדט וועגן זיין מיינונג און אָפּשאַצונג פֿון די שטילע און פֿאַר־ביסענע אינטריגעס וואָס סטאַלין האָט אָנגעהויבן צו פֿירן קעגן טראָצקין, און לענין האָט דאַן אַ בייזן מורמל געטאָן: „סטאַלין איז אַ פֿאַרדאָרבענער און אַן ענג־האַרציקער". און איך האָב נאָך לענינס טויט זיך אויך דערוווּסט וועגן זיין צוואה, אין וועלכער ער האָט געוואָרנט, אַז מען זאָל באַזייטיקן סטאַלינען פֿון זיין באַלעבאַטעווען אין דער רעגירונג און אין דער פּאַרטיי. לענין האָט זיך אין דער צוואה מודה געווען, אַז אים טוט באַנג וואָס ער האָט סטאַלינען געהאָלפֿן זיך אַרויסרוקן און אַז דאָס איז פֿון זיין זייט געווען אַזאַ היסטאָרישער פֿעלער, וואָס ער קען זיך נישט פֿאַרגעבן.

און פֿאַרענדיקט האָט מאַרשאַל איוואַנאָוו מיט די ווערטער:

— איך וויל, קינדער, אַז איר זאָלט מיר גלייבן און דערפֿאַר וועל איך אייך געבן אַ דאָקומענטאַלן באַווייז.

ער האָט צעשפּילעט זיין מונדיר און פֿון אַ זייטיקער קעשענע, וועלכע איז געווען געהיים איינגענייט אין דעם אונטערשלאַק פֿון מונדיר, האָט ער אַרויסגענומען אַ דין זשאַמשענע פּאָרטמאָנע און פֿון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ פֿאָטאָסטאַט פֿון אַ דאָקומענט. זיין האַנט האָט אַ ציטער געטאָן און זיין קול איז געוואָרן אָנגעשטרענגט און שעפּטשענדיק:

— מערער אויסבאַהאַלטן דעם־אָ דאָקומענט קען איך נישט און וויל

נישט. איך וויל נאָר, קינדער, אַז איר זאָלט איבערלייענען דאָס וואָס לענין האָט מיט זיין אייגענער האַנט געשריבן. דאָס איז אַ פאָטאָסטאַט פון אַ פאָר שטעלן פון לענינס צוואה. און ווייסט איר ווער עס האָט געמאַכט די־אָ פאָ־טאָגראַפיעס פון לענינס צוואה? נאַדיעזשדאַ קרופּסקאַיאַ, לענינס פרוי! זי האָט די קאָפּיעס פון לענינס צוואה צו איניקע אָנגעטרויטע מענטשן, צו זי־כערע פריינד פון לענינען, צעשיקט. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. ראַטעווען די לאַגע האָבן מיר שוין נישט געקענט. מיר זענען דאַן געווען צו יונג און צו נאַיוו, און אויך צו איינגעליבט אין לעבן. מיר האָבן נישט גע־וואַגט זיך צו שטעלן קעגן דעם כיטרן געשטופּלטן פויגל וואָס איז אין קרעמל, אין דער ג.פּ.או. און אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דעם אַרמיי־שטאַב פאַרפלויגן און דאָרט זיינע נעסטן געשאַפן. און אָט לייענט וואָס לע־נין האָט געשריבן קעגן דעם־אָ געשטופּלטן פויגל. — ער האָט געשעפּטשעט מיט די ליפּן די ווערטער, ווי אַ תפילה:

„...וואָס שייך דער אָנפירונג, איז דער פּעיִקסטער פון אַלע טראָצקי. זיין מעלה איז — דער איבערפלוס פון דעמאָקראַטישקייט!"

„...און וואָס אָנבאַלאַנגט סטאַלינען, איז ער גראָב, אומלאָיאַל און איז נוטה צו מיסברויכן מיט דער מאַכט, וואָס די פּאַרטיי האָט אים געגעבן אין זיינע הענט. מען מוז סטאַלינען אַראָפּזעצן כדי אויסצומיידן אַ שפּאַלטונג אָדער אַפילו אַ קאַטאַסטראָפע. סטאַלין איז אַ ברוטאַלער קאַשעוואַר, אויב ער וועט האָבן די גאַנצע מאַכט, וועט ער נאָך פאַרקאָכן אַזאַ קאַשע, וואָס קיינער וועט זי נישט קענען אויפעסן. ער וועט אַלעמען אָפּסמען. און דער־פאַר בין איך קעגן דעם, אַז סטאַלין זאָל וועזן עס איז זיין אַן ערשטראַנגי־קער טוער אין דער פּאַרטיי, אין דער רעגירונג אָדער אין דעם מיליטער. ער האָט אָבער איין מעלה, און דאָס איז — דער איבערפלוס פון גלויבן אין דעם זיג פון קאָמוניזם. דערפאַר האָט ער זיך פאַרדינט, אַז מען זאָל אים צולאָזן צו אַ צווייטראַנגיקער שטעלע אין דער פּאַרטיי אָדער רעגירונג, אָבער נישט אין מיליטער"...

איוואַנאָוו האָט צוגעטראָגן דעם פאָטאָסטאַט צו דער ברענענדיקער חלבנער ליכט, וואָס איז געשטאַנען איינגעפּאַסט אין אַ זילבערנעם לייכטער אויפן טיש. ער האָט געזאָגט:

— קוקט זיך גוט צו צו דעם דאָקומענט, לייענט אים ווידעראַמאָל אי־בער און פאַרגעדענקט יעדעס וואָרט פון לענינען!

דערנאָך האָט ער דעם פאָטאָגראַפישן דאָקומענט פאַרברענט.

פּיאָטער האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער, דער דערצויגענער פון זיין געבוירן־אָן, אין גייסט פון בוקן זיך צו סטאַלינען ווי צו אַ גאָט, וואָס ווייסט און פאַרשטייט אַלץ און קען קיינמאָל קיין שום טעותן נישט מאַכן, ער האָט שוין איצט אַפילו זיין אייגענעם טאַטן גלייבן נישט געוואָלט, אַז אַלץ וואָס ער זאָגט איז אמת און אַז דער־אָ דאָקומענט וועלכן ער האָט ערשט־אָ אויפן פייער פון דער חלבנער ליכט פאַרברענט, איז טאַקע אַ ריכטיקער און נישט קיין פאַלשער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט ביטערקייט אויסגערופן:

— פּאַפּאַ, איך גלייב דיר נישט!...

איוואַנאָוו האָט נאָך פון פריִער געוווּסט, אַז דער זון וועט אים נישט פאַרשטיין און פיליכט אַפילו נישט וועלן גלייבן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיכלען. מיכלס געזיכט איז געווען דורכזיכטיק און פול מיט אַ מין בלוי־ווייסלעכער שיין. ער האָט אויסגעזען ווי אַ גייסט און נישט ווי אַ לעבעדיקער מענטש. איוואַנאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז מיכל גלייבט אים. מיכל איז מיט אים. ער האָט אָבער מורא פאַר פּיאָטערן דאָס אַרויסצווייזן.

איוואַנאָוו האָט געזאָגט:

— איך בין איינער פון די לעצטע עדות, וואָס ווייסט דעם אמת, וואָס און ווער דזשוגאַשווילי־סטאַלין איז. איך בין פון אים אַרויסגערופן קיין מאָסקווע, אין קרעמל, אויף אַ באַראַטונג. ער וועט פאָדערן פון מיר אַ באַריכט און איך וועל אים אָפנהאַרציק זאָגן, אַז זיין פּלאַן פון פאַרטיידיקן סטאַלינגראַד איז פּונקט אַזוי גוט ווי זיין געוועזענער פּלאַן פון פאַרטיידיקן צאַריצין. און ווען איך וואָלט איצט געהאַט די מאַכט אויף דעם פראָנט אַזוי ווי טראָצקי האָט דאַן געהאַט, וואָלט איך איצט אַזוי געהאַנדלט ווי טראָצקי האָט דאַן געהאַנדלט. איך וואָלט אים באַזייטיקט פון זיין אַמט אַלס פירער פון דער רויטער אַרמיי. איך וויל מער נישט דערלויבן צו אויסראָטן טויזנטער יונגע לעבנס פאַר אַ שטאָט וואָס האָט קיין שום ווערט נישט. מען מוז אויספּרווון אַנדערע מיטלען. עס זענען פאַראַן ביי אונדז גענוג גענעראַלן און מאַרשאַלן וואָס האָבן דערלערנט די קונסט פון פירן מלחמות. און ער, סטאַלין, וואָס האָט גאָרנישט נישט געלערנט, אַ מענטש וואָס זיצט פאַרשטעקט אין קרעמל און ווייסט גאָרנישט, מעג זיך אַמאָל צוהערן צו אַ פּראָפעסיאָנעלן סאָלדאַט. ווי גרויס און קלוג סטאַלין זאָל נישט זיין מעג ער דאָך אויסהערן אַן עצה פון זיינס אַ מאַרשאַל. מיר געפעלט נישט זיין סטראַטעגיע און איך וויל מער נישט אויספילן זיינע באַפעלן, אַפילו אַז איך זאָל וויסן, אַז ער איז גערעכט אין זיינע באַפעלן, ווי ער זאָגט, אַז דורך האַמערן

און קלאַפּן אויפֿן שונא אָן אויפֿהער קען מען געווינען! איך וויל, אַז ער זאָל אײן מאָל אין זײַן לעבן אויך זיך צוהערן צו דעם קול פֿון דעם סאָלדאַט, צום קול פֿון פּראָסטן אַרבעטער און פּויער. קײנער וויל נישט שטאַרבן!... איך האַלט נישט פֿון קײן טויטע העלדן. איך האַלט פֿון לעבעדיקע העלדן! דאָס איז מײַן טעאָריע: מיר זאָלן די מלחמה געווינען און בלײַבן לעבן!...

פּיאָטער איז צוגעשפּרונגען צום פֿאָטער און אים אַרומגענומען.

— רעד נישט אַזוי, איך בעט דיך!

— וואָס האָסטו מורא? נאַרישקײטן, נאַרישקײטן... ער קען מיט מיר טאָן נאָר דאָס וואָס ער האָט געטאָן צו די צען אַרמײ־פֿירער! אַז קײנער האָט גאָרנישט געהערט פֿון אַזאַ זאַך?... ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה!...

פּיאָטער איז אָפּגעשפּרונגען פֿון אים.

— עס איז אַ ליגן, קײנער האָט די צען אַרמײ־פֿירער נישט פֿאַרניכטעט! אויב סטאַלין האָט זײ אַראָפּגענומען פֿון די פֿראָנטן און זײ פֿאַרביטן מיט אַנדערע איז דאָס געווען צום בעסערן. זעסט דאָך אַלײן, אַז זינט דאַן האָט זיך די לאַגע פֿאַרבעסערט. מיר זיגן!...

— נאָך עטלעכע אַזעלכע זיגן און מיר וועלן בלײַבן אָן קעמפֿער!

מיכל האָט זיך אויפֿגעהויבן. ער האָט זיך געשטעלט צווישן פֿאָטער און זון און צעשפּרײט זײַנע הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּשטויסן אײנעם פֿון דעם אַנדערן.

— עס איז דאָ גאָרנישט פֿאָרגעקומען! לאָמיר זיך צוריק זעצן צום טיש און טרינקען אונדזער טײ! דער מאַרשאַל איז אַביסל נערוועז, אויסגעמאַטערט. דאָס פֿאַרן קײן מאָסקווע וועט אים אַביסל העלפֿן, אָפּפֿרישן, און ער וועט צוריקקומען אַ באַרויִקטער. און איך און דו, פּיאָטער, מיר האָבן גאָרנישט נישט געהערט און גאָרנישט נישט געזען. מיר דאַרפֿן פֿאַרגעסן אין אַלץ. מיר ווײסן גאָרנישט!...

— זײער קלוג, מיכאַיל! איך האָב שטענדיק אין דײַן קלוגשאַפֿט און אין דײַן טאַקטישקײט געגלײבט. נישט אומזיסט האָב איך דיך פֿאַרן פּאָליטישן קאָמיסאַר פֿון מײַן אַרמײ באַשטימט.

מען האָט זיך צוריקגעזעצט צום טיש און מען האָט פֿאַרגעזעצט טרינקען די טײ. דער סאַמאָוואַר איז גראָב־בײכיק געשטאַנען אויפֿן טיש און געקאָכט און געזאָטן. מען האָט געגאָסן פֿון סאַמאָוואַר אין די געשליפֿענע גלעזער די זודיקע וואַסער, צוגעגאָסן פֿון אַ קלײן מעשן טשײַניקל שוואַרצע אַראָמאַטישע טײ, מען האָט געטרונקען און פֿאַרביסן מיט ברויט מיט

פוטער פון אויבן באַשמירט מיט האָניק. דער מאַרשאַל האָט פּלוצים גוט־מוטיק אַ זאָג געטאָן:

— דער האָניק איז נישט שלעכט. נאָך דער מלחמה וועלן מיר זיך דאַרפן אויסלערנען פון די אַמעריקאַנצעס די קונסט פון קאָנסערווירן פאַר־שידענע שפּייזן. אַלץ איז אין אַמעריקע פאַרגרייט, פאַרטיק אין בלעכענע הערמעטיש־פאַרמאַכטע פּושקעס. עס איז נישט קיין שלעכטע זאַך. די אַמעריקאַנצעס ווייסן ווי אַזוי צו לעבן!...

מיכל און פּיאָטער האָבן אויף אים אַ קוק געטאָן און געשמייכלט.

און פון יענער זייט טיפן קעלער, דער אַמאָליקער בעקעריי און איצ־טיקן שטאַב פון דער נ.ר.־אַרמיי, האָבן זיך ווי געוויינלעך געטראָגן די אָפּ־הילכן פון די שיסערייען און די ערד־ציטערניש פון די אויפגעריסענע סנאַריאַדן.

אין סטאַלינגראַד האָט מען זיך געשלאָגן. איין טאָג האָט מען געשטור־רעמט אַ גאַס און אויפן צווייטן טאָג איז געווען שטיל. און אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען לאַנגע חדשים. קיין טויטע האָט מען שוין מער נישט געציילט.

מאַרשאַל איוואַנאָוו האָט אין געהיים דעם סטאַלינגראַדער פראָנט פאַר־לאָזט.

אין קרעמל, ביי זיך אין אַ פאַרשפּאַרטן און אַ געהיימען צימער, איז סטאַלין געזעסן און מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן געקוקט אויף מאַרשאַל איוואַנאָוון און אים אויסגעהערט אויפמערקזאַם. קען זיין, אַז סטאַלין האָט דאָס מאָל דערפילט, אַז פון אַלע זיינע פריינד וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים אין דעם יאָר 1918 געקעמפט פאַר צאַריצין, זענען נאָך געבליבן נאָר צוויי לעבעדיקע עדות: וואָראָשילאָוו און איוואַנאָוו. ער, סטאַלין, האָט דאַן אויף צו־להכעיס טראָצקין זיינס אויסגעפירט און נישט נאָר האָט ער דאַן אָפּגע־האַלטן אַ זיג איבער אַלע שונאים, נאָר ער האָט אַפילו אויסגעפירט, אַז מען זאָל די שטאָט צאַריצין אַ נאָמען געבן סטאַלינגראַד, פּונקט אַזוי ווי מען האָט די שטאָט פּעטערבורג אַ נאָמען געגעבן לענינגראַד. און איצט, אין דעם קאַמף קעגן היטלערן, אַזוי ווי פריִער אין דעם קאַמף קעגן טראָצקין, וועט ער אויך זיינס אויספירן. איוואַנאָוו מוז דאָס פאַרשטיין. ער געדענקט דאָך גוט, אַז איוואַנאָוו האָט אין יענע יאָרן געהאַלטן מיט אים און נישט געשטיצט טראָצקין. איז פאַרוואָס זאָל ער איצט אויך נישט האַלטן מיט אים?... יאָ, ער האָט שוין געהערט דעם אַרגומענט, אַז מענטשן פאַלן און אַז עס איז פאַראַן אַ וועג וויאַזוי צו זיגן מיט ווייניקער פאַרלוסטן. נאַריש־

קיטן!... עס זענען נישט פאַראַן קיין ניסים! אין אַ מלחמה שלאָגט מען זיך!...

איוואַנאָוו האָט גערעדט געמיטלעך און מיט דעם געהעריקן רעספּעקט און מיט דער געהעריקער דאָזע פון שרעק. ער האָט זיך אין דעם פאַל גע־פילט נישט זיכערער ווי אַלע אַנדערע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען גע־זעסן מיט סטאַלינען אויג אויף אויג און האָבן אינטים געשמועסט.

— אָבער, טאָוואַרישטש סטאַלין, איך געדענק דאָך אייער בויגעוודי־קייט אין דער פראַגע מיט די קאַלכאָזן, ווען איר האָט פאַרעפנטלעכט אייער גענייאַלן בריוו „קאָפּשווינדל פון דערפאָלג". דאַן האָט איר געהאַט אַ מוט צו גיין אויף צוריק כדי אַ צווייט מאָל אָנצוגרייפן. פאַרוואָס ווילט איר דעם זעלבן מעטאָד נישט אָנווענדן צו סטאַלינגראַד? דאָס פאָלק און די אַרמיי וועלן דאָס קענען געהעריק אָפּשאַצן!

— די סיטואַציע איז איצט אַן אַנדערע, מאַרשאַל איוואַנאָוו. מען קען נישט פאַרגלייכן אַ פּאָליטיק וועגן איינפירן אַ הונדערט־פּראָצענטיקע קאָ־לעקטיוויזירונג מיט אַ טאַקטיק פון פירן מלחמה פאַר אַ שטאָט, וועלכע איז סטראַטעגיש די וויכטיקסטע שטאָט פון דעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָ טאָר מען נישט אָפּטרעטן כדי אַ צווייט מאָל אָנצוגרייפן, דאָ מוז מען קלאַפּן אָן אויפהער און נישט לאָזן דעם דייטש אויף קיין איין מינוט זיך אַרומקוקן און דעם אָטעם כאַפּן! פאַרשטאַנען?...

— יאָ, גענעראַליסימאָ, אָבער...

— נישטאָ קיין „אָבער", מאַרשאַל!

— די גאַסן זענען פול מיט טויטע...

—אויך דייטשן וואַלגערן זיך טויטע איבער די סטאַלינגראַדער גאַסן.

— מען קען מיט ווינציקער...

— שוין געהערט די רייד, גענוג!... פאַר צוריק, און געדענק, אויף קיין איין האָר מיין פּלאַן נישט בייטן. פיל אויס אַלע מיינע באַפעלן אָן שום ענ־דערונגען. מיטן סטאַלינגראַדער פראָנט פיר איך פּערזענלעך אָן, און דו, מאַרשאַל איוואַנאָוו, ווי די אַנדערע אַרמיי־פירער פון דעם סטאַלינגראַדער פראָנט, איר אַלע זענט נאָר מיינע פאַרטרעטער דאָרט. קיין שום אַקאַדעמי־שע קונצן, קיין שום געלערנטקייט און קיין שום מיליטערישע אויטאָריטעטן אַנערקען איך נישט. איך בין אייער איינציקע אויטאָריטעט. און איך באַ־פעל: שלאָגט און שלאָגט! נישט אָפּטרעטן, אין קיין שום פאַל נישט אָפּטרעטן!...

— איך וועל פאָלגן, טאָוואַרישטש סטאַלין!

— אַט אַזוי איז בעסער. — ער האָט זיך אויפגעהויבן. איוואַנאָוו האָט זיך אויך אויפגעהויבן. סטאַלין האָט אומגעלומפּערט אַ מאַך געטאָן צו אים מיט אַ גרויסער האַנט. — זיץ, איך קום באַלד צוריק!

סטאַלין איז אַרויס און איוואַנאָוו איז געבליבן איינער אַליין אין דעם צימער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. עס איז געווען אַ ניי אויסגעבויטער צי־מער, מיט בראָנירטע ווענט פון גראָבן שטאָל, אַז קיין שום באָמבע זאָל זיי נישט קענען שעדיקן. די גלעזער פון די פענצטער, דיקע און אויסגעפּרווו־טע. זיי קענען ביישטיין יעדער קויל און אַפילו אַ באָמבע. און דער סעקרעט פון די שויבן איז אַזאַ, וואָס פון דאַנען זעט מען אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין דעם קרעמל־הויף, אָבער פון דעם הויף קען מען אין דעם צימער נישט אַריינקוקן. ער האָט זיך געוואָלט אַריינטראַכטן אין דער אויסשטאַטונג פון דעם צימער און נישט באַוויזן. סטאַלין איז צוריק אַריינגעקומען.

— פאַר דיין צוריקפאָרן צום פראָנט, מאַרשאַל, וויל איך מיט דיר אויסטרינקען. מיר זענען דאָך פאַרט די געציילטע וואָס געדענקען די גלאָ־ריע פון יענע טעג ווען מיר האָבן די וועלט געשטורעמט. אונדזער אַלטע גוואַרדיע באַשטייט שוין מער נישט ווי פון אַ פּאָר געציילטע מענטשן: איך, וואָראָשילאָוו, מאָלאָטאָוו, דו און נאָך אפשר אַ פּאָר!

איוואַנאָוו איז געווען גערירט. ער האָט געטראַכט: „פּיליכט האָב איך נישט רעכט? ער איז דאָך אַזוי פּאָפּולער ביי די מאַסן, מען האָט אים ליב און מען לויבט אים! אַט, אַפילו מיין אייגענער זון גלייבט אים מערער ווי מיר”...

עס איז אַריינגעקומען אַ מענטש אָנגעטאָן אין שוואַרצן. אַלץ איז אין דעם־אַ מענטש געווען שוואַרץ, שטום און פאַרזיגלט. ער האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט און ער האָט אַפילו מיט קיין אויג נישט קיין פּינטל געטאָן. ער האָט אַריינגעטראָגן צוויי גלעזלעך וואָדקאַ. די גלעזלעך האָבן ווי אונ־טערגעשפּרונגען, ווי אין אַ פריילעכן טאַנץ, אויפן ווייסן זילבערנעם טע־צעלע. סטאַלין האָט גענומען איין גלעזל. דאָס צווייטע האָט איוואַנאָוו גע־נומען.

— פאַר אייער געזונט! — האָט איוואַנאָוו געזאָגט.

— פאַר אַ זיג! — האָט סטאַלין אַ מורמל געטאָן און צוריק אַוועקגע־שטעלט דאָס גלעזל אויפן זילבערנעם טעצעלע, — איך טאָר נישט טרינ־קען. די דאָקטוירים האָבן מיר פאַרבאָטן. אָבער דו, מאַרשאַל, דו טרינק אויס פאַר מיין געזונט.

איוואַנאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף סטאַלינען. ערשט איצט האָט ער באַמערקט זײַנע אײַנגעפּאַלענע באַקן און די טיפֿע קנייטשן אויף זײַן שטערן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז סטאַלין איז ווירקלעך קראַנק. ער האָט אויסגע־רופֿן: „אַ, פֿאַר אײַער געזונט!” און באַלד אויסגעטרונקען.

סטאַלין איז צו צום פֿענצטער און אַרויסגעקוקט. עס זענען פֿאַרבײַ־געגאַנגען אײנצלנע מענטשן. מען איז אַרויס פֿון אײן אַנשטאַלט, פֿון אײן געבײַדע, מען איז אַרײַן אין אַ צווייטן אַנשטאַלט, אין אַ צווייטער געבײַדע. סטאַלין האָט צוגערופֿן איוואַנאָוון צו זיך און געזאָגט:

— באַטראַכט נאָר די מענטשן וואָס גייען דאָ פֿאַרבײַ. קיין אײן רעכ־טער מענטש. איך האָב זיך נישט אויף וועמען צו פֿאַרלאָזן! — ער האָט אַ הוסט געטאָן, — אַ שאָד, איוואַנאָוו, וואָס איך מוז זיך מיט דיר געזעגענען, דיך צוריקשיקן צום פֿראָנט. דו ביסט אַ קלוגער און אַ דורכגעטריבענער מענטש. אָט פֿאָרסטו אַוועק און איך בלײַב דאָ אַלײן. — ער האָט פּלוצים אַ ווײַז געטאָן מיט אַ פֿינגער אויף אַ פֿאַרבײַגײיענדיקן אין אַ מיליטערישן אוניפֿאָרם, — קוק זיך נאָר צו צו אָט דעם־אָ חזירישן פּנים. אַן אויסזען פֿון אַן אמתן חזיר האָט דער־אָ מענטש, און ער האָט אויף זיך אַרויפֿגעצויגן אַ מיליטערישן מונדיר און אים דאַכט זיך, אַז ער איז אַ קריגס־פֿירער!... אין דער אמתן איז ער אַ גרויסער שיכור און מער ווי אַ קאָזאַצקע טאַנצן קען ער נישט, און פֿאַרוואָס איך דולד אים ווייס איך נישט. ער האָט בײַ מיר מזל אָט דער־אָ פֿול־פּנימדיקער חזיר, זע נאָר, זע נאָר ווי ער גייט און קאָ־טשעט זיך ווי אַ פּעסל!... שטעל זיך נאָר פֿאָר, איוואַנאָוו, אַז אַזאַ־אָ שיכור זאָל מיך ירשענען!... וואָס וואָלט די וועלט געזאָגט?... אָדער נעם אָט דעם, — האָט סטאַלין אָנגעוויזן אויף אַן אַנדערן פֿאַרבײַגייער מיט אַ פֿינגער, — זע נאָר זײַן ציגן־בערדל וואָס ער האָט זיך פֿאַרלאָזט, המ, וואָס זאָגסטו אויף אים? אַן אמתער ראַבינער!... כאָטש ער איז נישט קיין ייִד, איך ווייס, ער איז גאָר אַן אַרמענער, נאָר אין מײַנע אויגן זעט ער אויס ווי אַ ייִדי־שער ראַבינער! וואָס זאָגסטו, איוואַנאָוו, נישט אַזוי?... צי נעם אָט דעם־אָ מיטן פֿאַרגליווערטן פּנים און מיט די אַלטמאָדישע פּענסנע אויף דער נאָז, ער טראַכט וועגן זיך שוין צופֿיל, ער מיינט, אַז ער ווייסט אַ סך, כאָטש ער האָט אַ פֿאַרשטיינערטן מאַרך. ער מיינט, אַז נאָר ער קען די אויסערן־פּאָ־ליטיק פֿירן. נו־נו, זאָל ער מיינען, איך וועל אים גאָר גיך מיט אַ ייִנגערן און אַ קליגערן פֿאַרבײַטן!

סטאַלין האָט זיך צעלאַכט. ער האָט אַ ווילדע הנאה געהאַט פון אַראָפּ־זעצן מיט רייד זיינע געהילפן. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו איוואַנאָוון:

— איצט זעסטו, אַז איך האָב זיך נישט אויף ווערמען צו פאַרלאָזן? אַ שאָד, אַ שאָד וואָס דו, מיין פריינד, גייסט פון מיר אַוועק!...

עפּעס איז געווען מאָדנע אין סטאַלינס אויפפירונג. ער איז געווען גוט, צו גוט צו איוואַנאָוון, דאָס מאָל. אין זיינע רייד האָט זיך געפילט אַ מין געמיש פון זיסער פּאַטיקע מיט ביטערער גאַל... דאָך איז דער איינדרוק ביים פאַרלאָזן דעם קרעמל ביי איוואַנאָוון געווען נישט קיין שלעכטער פון זיין פאַרברענגען מיט סטאַלינען.

פון קרעמל איז איוואַנאָוו גלייך צו זיך אַהיים געפאָרן. ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז כאָטש סטאַלין האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם וועט ער דאָך נאָכגעבן און ער וועט ענדערן די טאַק־טיק, לויט די אָנווייזונגען פון די מיליטערישע ספּעציאַליסטן. סטאַלין האָט דאָך שוין פיל מאָל געטאָן אַזוי. עס דאַרף נאָר געדויערן אַ צייט. סטאַלין האָט ליב, אַז אַלץ זאָל זיך באַקומען נאָר לויט זיינס אַן אייגענער איניציאַ־טיוו. ער גיט קיינעם קיין קרעדיט נישט. ער טוט אָפט מאָל זאַכן וואָס שטאַ־מען נישט פון זיינס אַן אָריגינעלן איינפאַל, ער טוט עס אָבער שפּעטער, ווען אים דאַכט, אַז מען האָט אין דעםווירקלעכן פאַרפאַסער פון דער זאַך שוין פאַרגעסן...

יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט באַגעגנט דעם מאַן מיט אַ ליבער באַ־גייסטערונג. זי האָט זיך געגרויסט און געריסט וואָס איר מאַן, דער פּראָס־טער פאָלקס־מענטש, האָט זיך אויף אַזוי פיל געביטן, אַז עס איז אים נישט צו דערקענען. נישט נאָר אַ העלד איז ער און אַלע צייטונגען רימען אים, נאָר ער האָט אויך אין זיך דערוואָרבן פיל נייע, שיינע און איידעלע מאַ־נערן, און דאָס, די אייגנשאַפט זיינע, מעג זי דאָך צושרייבן צו זיך, פאַר אירס אַ פאַרדינסט.

זי האָט אים אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— איוואַן, פילייכט קענסטו נאָך אויף אַ טאָג צוויי דאָ בלייבן?

— ניין, מיין טייערע, איך מוז נאָך מאָרגן פאַרטאָג צוריקפאָרן צום פראָנט!

— ווילסט אַפילו נישט באַריסן זען? קום, לאָמיר צופאָרן צו אים און פאַרברענגען מיט אים כאָטש איין שעה צייט! עס איז דאָך אַ רחמנות. אַ

יונגער מענטש זיצט אין אַ שטול און קען זײַנע פֿיס נישט רירן!... פֿון וואָס איז דאָס אים געקומען דער־אַ פּאַראַליז?...

— האָסט רעכט, קאַטיאַ, — האָט איוואַנאָוו שולדיק אַ זאָג געטאָן, — לאָמיר צופֿאָרן צו באָריסן.

ער האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן ביים קאָפּ.

זי האָט דאָס באַמערקט.

— וואָס איז, וואַניאַ?!

— אָ, גאָרנישט!... איך טראַכט נאָר, אַז איך האָב זיך פֿאַרלאָזט אויף פּיאָטערן, אים מיין קאָמאַנדשאַפֿט איבערגעגעבן... איך רוק אים אַרויס ווי ווייט מעגלעך. פֿילייכט איז דאָס צו אָפּאָרטוניסטיש!... פֿאַראַן גענוג פֿעיקע מענטשן אין מיין אַרמיי, אָבער מיין זון זע איך צום ערשטן און ערשט דער־נאָך די אַנדערע.

— אָ, טייערער, אַזוי דאַרף דאָס זיין. יעדער מענטש איז אַזוי! — איי־רע אויגן האָבן אויפגעשיינט און טרערן ווי פּערל זענען פֿון זיי אַראָפּגע־רונען, — אונדזער זון, פּעטיאַ, פּיאָטער, דאַכט זיך ערשט נישט לאַנג אַ קינד געווען, און שוין, איצט אַ פּאָלקאָווניק!...

איוואַנאָוו האָט זי אַרומגענומען און זי אַ קוש געטאָן. עפּעס אַ מין אומגעוויינלעכע צעהיצטקייט האָט זיך פֿון דעם קוש געפֿילט. זי האָט אים לייכט אַ שטויס געטאָן פֿון זיך און דערזען, אַז זיין גאַנץ פּנים איז רויט אַזוי, אַז באַלד־באַלד וועט דאָס בלוט פֿון דעם אַ זעץ־טאָן. ער האָט זיך אָפּ־קערעוועט פֿון ווייב און וואַקלענדיק זיך צוגעשאַרט צו אַ בענקל און זיך צוגעזעצט. ער האָט קוים אויסגערעדט:

— קאַטיאַ, איך פֿיל עפּעס נישט גוט!...

זי איז צוגעלאָפֿן צו אים.

— וואָס איז מיט דיר?...

— הער, קאַטיאַ... — ער האָט זיך אַ בייג געטאָן און האָט אָנגעהויבן כאָרכלען, — מען האָט מיך פֿאַרסמט, פֿאַרסמט... — ער האָט פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ, אַרויסגעשטעקט די צונג און זיך אַ וואַקל געטאָן. ער איז אַראָפּ־געפֿאַלן פֿון בענקל און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. ער איז געווען טויט.

דריי טעג איז מאַרשאַל איוואַנאָווס קערפּער געלעגן אין דעם קאָלאָ־נען־זאַל פֿון דעם מאָסקווער רעגירונגס־הויז. טויזנטער מענטשן זענען פֿאַר־בייגעגאַנגען דעם אָרון אין וועלכן דער מאַרשאַל, אין זיין פּאַראַדנער או־

ביפאָרם מיט אַלע זיינע אָרדנס און מעדאַלן, איז געלעגן. הונדערטער בו־קעטן בלומען זענען אַרום אָרון אַרומגעלייגט געווען. אַן ערן־וואַך פון אָפי־צירן זענען געשטאַנען און אים כבוד אָפּגעגעבן. אַלע צייטונגען האָבן מיט גרויס באַדויער און אין רירנדיקע ווערטער דעם פּלוצימדיקן טויט פון דעם גרויסן מאַרשאַל און העלד באַשריבן. יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט פון דעם אָרון אויף קיין רגע אָפּטרעטן נישט געוואָלט. לעבן איר איז געשטאַ־נען פּאָליאַ און ביי אַ זייט, אין אַ שטול מיט צווי ווייסע גרויסע רעדער איז געזעסן באָריס אַ בלאַסער און אַ פאַרטראַכטער. יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ איז געווען רויק־צעמישט. זי האָט נישט געוויינט. זי האָט נאָר געשעפּטשעט שטיל אַ תפילה און פון צייט צו צייט צו פּאָליאַן געזאָגט:

— מען האָט אים דערהרגעט, פאַרסמט, איך ווייס!...

און פּאָליאַ האָט געוויינט און שטיל זיך מיט איר חברטע געסודעט:

— קאַטיאַ, נעם זיך אין די הענט, איך בעט דיך, רעד נישט אַזוי!...

נאָך די דריי טעג איז די לוויה געווען. דער אָרון איז געלעגן אויף אַ געשטעל פון אַ קאַנאָן. פאָרויס איז געגאַנגען אַ מיליטערישער אָרקעסטער און געשפּילט אַ מיליטערישן טרויער־מאַרש. הינטערן אָרקעסטער איז גע־גאַנגען אַ פּאָלק רויטאַרמייער פוסגייער, הינטער זיי אַ ראָטע קאַוואַלעריע אויף שוואַרצע פערד, דערנאָך צען טאַנקען, און ביי די זייטן פון אָרון זע־נען געגאַנגען אָפיצירן מיט הילע ווייסע שווערדן אין די הענט און סאָל־דאַטן מיט רויטע פענער. הינטערן אָרון זענען געפאָרן עטלעכע אויטאָמאָ־בילן אין וועלכע עס זענען געזעסן יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ מיט פּאָליאַן און באָריסן און אויך פיל פריינד פון דעם טויטן, מיליטערישע און ציוויל־געקליידטע „קאָמיסאַרן". נאָך די אויטאָמאָבילן איז נאָכגעגאַנגען אַ מאַסע פון טויזנטער מענטשן.

.78

אַ נייער מאַרשאַל האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון דער ג.־ר.־איוואַנאָוס אַרמיי. סטאַלין האָט „אויסגעאַרבעט" אַ נייע טאַקטיק פון קאַמף. די שלאַכטן זענען אָנגעגאַנגען מיט אַן עקשנותדיקער פאַרביטערטקייט. אין איינעם פון אַזעלכע שלאַכטן איז מיכל פאַרוואונדעט געוואָרן און מען האָט אים קוים אַרויסגעשלעפּט פון אונטער אַ האָגל מיט שראַפּנעלן וועלכע זענען געפלויגן און זיך צעפּאַלן אין טויזנטער שפּליטערס, נאָך דעם ווי

דער סנאַריאַד האָט אויפגעריסן. מען האָט מיכלען אָפּגעשיקט מיט אַ מי־ליטערישן עשאַלאָן פון פאַרוואונדעטע אין אַ שפּיטאָל וואָס געפינט זיך ער־געץ ווייט פון פראָנט, אין דעם הינטערלאַנד.

מיכל איז געווען אַרומגעבונדן און אַרומגעוויקלט מיט ווייסער מאַר־ליע, אַזוי, אַז נאָר דאָס פּנים האָט זיך אַרויסגעזען. די לינקע זייט פון זיין לייב, די האַנט, דער פוס און דער קאָפּ זענען געווען אָנגעפילט מיט פּיצ־לעך אייזערנע שפּליטערס פון דעם שראַפּנעל. זיי זענען אַריין, די שפּלי־טערס, אין דער הויט און געבליבן שטעקן. איינציקווייז האָט מען יעדן שפּליטער באַזונדער פון זיין קערפּער אויסגעצופּט, אים אַרומגעוואַשן די וווּנדן און זיי צוריק אַרומגעבונדן.

ווען מען האָט אים אַריינגעבראַכט אין דער אָפּיצירישער פּאַלאַטע פון שפּיטאָל האָבן די פיל קראַנקע און פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן זיך געשטויסן און געדרייט מיט די קעפּ טרויעריק.

— אַ פאַרפאַלענער מענטש!...

פיל פון זיי זענען געווען מיט אָפּגעשאָסענע און צעלעכערטע הענט און פיס און דאָך האָבן זיי קוקנדיק אויף דעם פאַרוואונדעטן קאָמיסאַר, וואָס קען זיך פון אָרט נישט רירן און מוז ליגן ווי אַ מומיע איינגעבונדן, ווי אויף אַ געפערלעכן חולה, וואָס אַקעגן אים זענען זיי גאָר גליקלעכע. קיי־נער פון די מענטשן, וועלכע זענען געבליבן, ווער אָן אַ האַנט, ווער אָן אַ פוס און ווער מיט אַ צעלעכערטן קאָפּ, האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דער־אָ פּאָליטישער קאָמיסאַר אין דעם ראַנג פון אַ מאַיאָר איז גאָר אין דער אמתן לייכט פאַרוואונדעט, און נאָר ווייל די וווּנדן זענען אין פיל ער־טער און ער איז אַזוי פאַרבונדעוועט, אַז ער קען זיך נישט רירן, נאָר דאָס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז אַ געפערלעך־פאַרוואונדעטער און שוין אַ פאַרפאַלענער מענטש.

אין דער פּאַלאַטע, וווּ מען האָט מיכלען אַריינגעפירט, זענען געשטאַ־נען צוויי בעטן. אין איין בעט איז געלעגן אַ פּאָלקאָווניק מיט אַ פאַרבאַנ־דאַזשירטן פוס. דאָס צווייטע בעט איז געווען ליידיק. מען האָט מיכלען אין דעם בעט אַריינגעלייגט.

דער פּאָלקאָווניק, אַ מענטש אין די פערציקער, מיט אַ לאַנגן בלאָנדן טשוב, מיט גרויע אויגן ווי ביי אַ קאַץ און מיט געשלאָסענע, דינע ליפּן, האָט דערזעענדיק מיכלען אַ שאָקל געטאָן מיט זיין בלאָנדן טשוב און זיינע

ליפּן אויפגעשלאָסן. עס האָבן זיך באַוויזן פּאַרגעלטע און זייער שפּיציקע ציין. ער האָט אַ זיפּץ געטאָן:

— עך, ברודער, מיר ליידן! אַ רוסישער מענטש ליידט! אָבער נישט די ייִדן... זיי, זיי זענען ערגעץ אין טאַשקענט, זייער ווייט, ווו מען הערט נישט קיין שאָס, זיי האַנדלען, ספּעקולירן און לעבן אַ גוטן טאָג!...

מיכל האָט גאָרנישט געענטפערט.

דער פּאָלקאָווניק האָט געמיינט, אַז מיכל איז צו־שוואַך כּדי אונטער־צוהאַלטן דעם געשפּרעך, האָט ער אים דעם טאָג מער נישט באַאומרויִקט.

אויפן צווייטן טאָג האָט דער פּאָלקאָווניק ווידער אָנגעהויבן זיך צו באַקלאָגן. צוערשט האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף מיכלס געזונט, זיך אינ־טערעסירט צי ער פילט זיך היינט בעסער. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן מיט כּעס צו שיפּען:

— עך, ברודער, אַזוי איז דאָס, נאָר מיר, רוסישע מענטשן ליידן, אָבער די ייִדן גייט איצט גוט, מען זעט זיי נישט אויף די פראָנטן. אַ ייִד אָרדנט זיך איין נאָר דאָרט ווו עס איז באַקוועם און זיכער!...

מיכל האָט דאָס געזיכט פון דעם ריידנדיקן נישט געזען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז נישט אַ מענטש רעדט דאָס, נאָר אַ שלאַנג שיפּעט.

אויפן דריטן טאָג, ווען דער פּאָלקאָווניק האָט ווידער אָנגעהויבן זיך צו באַקלאָגן אויף די ייִדן מיט אויסגעטראַכטע, נאַרישע און בייזוויליקע אַרגומענטן, האָט שוין מיכל דאָס אויסהאַלטן מער נישט געקענט. ער האָט זיך געוואָלט אויסדרייען און אַ קוק טאָן צו דעם פּאַרשוין וואָס רעדט צו אים די בייזוויליקע און שלעכטע רייד. ער האָט נישט געקענט. ער האָט געמוזט ליגן נאָר אויף דער רעכטער זייט. ער האָט דערפאַר געזאָגט:

— איך קען זיך נישט אויסדרייען, איך וואָלט אָבער אַ בעלן געווען אַ קוק צו טאָן אויף דיין פּנים, פּאָלקאָווניק!

דער פּאָלקאָווניק איז אַראָפּ פון בעט. ער האָט גענומען די צוויי קו־ליעס, וואָס זענען לעבן זיין בעט געשטאַנען און זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי. ער איז צוגעקומען צו מיכלען און זיך אָנגעבויגן איבער אים. מיכל האָט זיך איינגעקוקט אין אים.

— איך האָב דיר נישט גוט פאַרשטאַנען, פּאָלקאָווניק, פּילייכט וועסטו איבערחזרן דיינע רייד...

— איך זאָג, — האָט דער פּאָלקאָווניק ווי אַ בייזע חיה אַ רעווע גע־

טאָן, — אַז נאָר מיר, רוסישע מענטשן לײַדן. קײן ייִדן זעט מען נישט אויפֿן פראָנט. ייִדן באַהאַלטן זיך אויס!

— ווער האָט עס דיר דערציילט?

— איך ווייס!

— דו ביסט אַ קאָמוניסט?

— פאַרשטייט זיך!

— איך מיין, אַז דו ביסט נישט גערעכט! אָט בין איך אַ ייִד, איך בין געווען אויפֿן פראָנט. זעסט, מען האָט מיך פאַרוואונדעט אַזוי ווי דיך!

— עס איז אַ ליגן, מאַיאָר, דו ביסט נישט קיין ייִד. ייִדן שלאָגן זיך נישט, ייִדן זענען פּחדנים, זיי באַהאַלטן זיך אויס!

אין מיכלען האָט געוואַקסן דער פאַרדראָס. ער האָט מער אויסהאַלטן דעם בזיון און אומרעכט נישט געקענט. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— בייג זיך אָן, פאַלקאָווניק, איך וויל דיך בעסער זען. — דער פאָל־קאָווניק האָט זיך אָנגעבויגן. מיכל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און האָט מיטן גאַנצן כוח אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אַריין. — דאָס האָסטו דיר, אויסוואורף, און זע, אַז ייִדן זענען גאָר נישט אַזעלכע פּחדנים ווי דו מאָלסט זיי!

דער פאַרוואונדעטער פאַלקאָווניק האָט פון שרעק און אומגעריכטקייט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן פּנים, פאַרגעסנדיק, אַז אָן זיינע קוליעס קען ער זיך נישט האַלטן אויף די פיס. די קוליעס זענען פון זיינע הענט אַרויסגע־פאַלן. ער האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט און איז אומגעפאַלן.

עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי. די סאַניטאַרן, קראַנקן־שוועסטערס און דאָקטוירים זענען זיך אָנגעלאָפן. מען האָט אויפגעהויבן דעם פאַלקאָוו־ניק פון פאָל, אים צוריק אין בעט אַרייַנגעלייגט. ער איז געלעגן און גע־ציטערט. עס האָט מיט אים געוואָרפן ווי אין אַ כאָלעריע. פּלוצים האָט ער זיך מיט שרעק צעשריגן:

— פירט מיך אַרויס פון דאַנען, איך וויל אין דער פּאַלאַטע מער נישט זיין!

אַ מיליטערישער דאָקטער, אין ראַנג פון אַ פּאָד־פאַלקאָווניק, האָט אים געפרעגט:

— פאַרוואָס? וואָס איז געשען?

אָבער דאָ האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי פון דעם צווייטן בעט. דאָס האָט מיכל אַזוי איצט היסטעריש געשריגן:

— פירט אים אַרויס פון דאַנען, איך וועל אים הרגענען!...

דער דאָקטער האָט עפּעס אַ ווייז געטאָן אויף זיין קאָפּ און אַ דריי־געטאָן מיטן ווייזפינגער: — פילייכט איז אַ שפּליטער פאַרבליבן אין זיין קאָפּ און ער איז דערפאַר... — ער האָט ווידער אַמאָל אַ דריי־געטאָן מיטן פינגער אַנווייזנדיק אויפן קאָפּ, — יאָ!... — און ער האָט זיך געווענדעט צו די סאַניטאַרן, — פירט איבער דעם פּאָלקאָווניק אין אַ צווייטער פּאַלאַטע.

מיכל איז געבליבן איינער אַליין.

די וווּנדן האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוהיילן און די בונדן אַרום זיין קאָפּ, אַרום זיין לייב און זיינע לינקע האַנט און פוס זענען שוין נישט גע־ווען אַזוי פיל ווי פריִער. ער האָט שוין איצט געקענט זיצן. ער האָט זיך אויפגעפירט רויִק. ער האָט ווייניק גערעדט מיט די דאָקטוירים און די קראַנקן־שוועסטערס. ער האָט זיך מיט גאָרנישט נישט אינטערעסירט, אויסער מיט ראַדיאָ־נייעסן פון די פראָנטן. ער האָט געהערט, אַז סטאַלינגראַד איז שוין אינגאַנצן באַפרייט און אַז מען טרייבט שוין די דייטשן אַזוי, אַז באַלד וועט מען זיי שוין אינגאַנצן אַרויסטרייבן און מען וועט זיי שוין אָנהויבן שלאָגן אויף זייער אייגענער טעריטאָריע. ער איז געוואָרן אויפגעלעבט און צופרידן. ווען דער דאָקטער איז אים געקומען באַזוכן האָט ער אים גע־פרעגט:

— ווען וועט מען מיך אויסשרייבן פון דאַנען?

ער איז געווען זייער אומגעדולדיק און דער דאָקטער האָט געהאַלטן, אַז ער איז נערוועז און נאָך זייער קראַנק. ער האָט געזאָגט:

— מאַיאָר, איז זענט דאָך אַן אינטעליגענטער מענטש, איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז איך האָב נישט קיין רעכט אייך אויסצושרייבן ביז וואַנען די ווונדן וועלן זיך אינגאַנצן נישט פאַרהיילן און ביז וואַנען איר וועט נישט ווערן פולקאָם געזונט!

— אַזוי, די ווונדן... אָבער, איך פיל זיך פולקאָם געזונט!

— פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך, — האָט דער דאָקטער אים נאָכגע־געבן, — אָבער דאָך מוזט איר האָבן אַביסל געדולד, נעמט זיך אין די הענט... און אויסער אַלץ מוזט איר דורכגיין אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, איי־דער איך וועל אייך אויסשרייבן. זאָגט נאָר, מאַיאָר, האָט איר אַ פאַמיליע, קרובים, פריינד?...

— איך האָב קיינעם נישט, דאָקטער!

— זעט איר, — האָט דער דאָקטער געזאָגט, — נאָך אַ חודש אמויי־

ניקסטן מוזט איר דאָ נאָך בלײַבן. איך גלייב נישט, אַז די מעדיציניש קאָמיסיע זאָל באַשטימען אייך צוריק צו שיקן אויפן פראָנט. די מלחמה האַלט שוין צו ענד און מען דאַרף אייך מער נישט. איר האָט זיך פאַרדינט אַביסל רו און געטרייש אַפּט. אָבער, אַז איר האָט קיינעם נישט... איך וועל רעקאָמענדירן, אַז מען זאָל אייך שיקן אין אַ סאַנאַטאָריע אויף אַ פּאָר חדשים. אַפּר וועט זיך אויסרוען, קומען צו זיך און איר וועט צוריק זיין אַ גוצלעבער מענטש.

מיכל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. אויף איין רגע איז זיין גאַנץ שטורמיש לעבן פאַר אים אויסגעוואַקסן. ער האָט זיך דערזען פון קינדוויז אָן ביז דעם טאָג ווען ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן און מען האָט אים אַהער אין דעם שפּיטאָל געבראַכט. ווי אין אַ טעאַטער, אַזוי האָט זיך פאַר זיינע אויגן אַ פאַרהאַנג אויפגעהויבן און ער האָט דערזען איין בילד נאָך דעם אַנדערן, מיט סצענעס און עפּיזאָדן, אין וועלכע עס זענען פאַרבייגעלאָפן זיין פאָטער און מוטער, זיינע צוויי ברידערלעך און דאָס שוועסטערל, בען־אַלי און בערטאָ, באָריס און פאַליאַ, און דערנאָך מאַריאַ, „מאַריוסיאַ די פאַרטיזאַנקע", ווען מען האָט אין דעם קעלער פון דער אַדעסער „טשע־קאַ" געשאָסן. אַ שוידער איז אַדורך דורך זיין לייב. נאָר אָט זענען פאַר זיינע אויגן געשטאַנען קסעניאַ מיטן קינד אויף די הענט. ער האָט זיך צעוויינט. די טרערן זענען פון זיינע אויגן געפלאָסן און ער האָט זיך דערפילט גרינגער, לייכטער און רויקער. עס זענען פאַר זיינע אויגן פאַרבייגעלאָפן מאַרשאַל איוואַנאָוו און זיין זון פיאָטער און זיין ווייב יעקאַטערינאַ פעטראָוונאַ. ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

„מאַרשאַל איוואַנאָוו איז טויט. זיין זון זעצט פאָר צו טאָן דאָס וואָס ער האָט נישט געקענט טאָן. קאַטיאַ איז אַליין, איינע אַליין"...

ער האָט אויפגעעפנט די אויגן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— דאָקטער, איך האָב יאָ עמיצן. זי איז מיר... זי איז אָן אייגענע. פאַרשרייבט דאָקטער, ביטע. שיקט צו איר אַ בריוו. דאָס איז דער אַדרעס: יעקאַטערינאַ פעטראָוונאַ איוואַנאָוואַ. מאָסקווע. טשערנישעווסקאַיאַ אוליצאַ 31/7.

דער דאָקטער האָט אויף אים געקוקט פאַרחידושט. ביז איצט האָט ער געלייקנט, אַז ער האָט גאָר עמיצן וואָס איז אים נאָענט און אייגן און צו וועמען ער זאָל וועלן שרייבן אַ בריוו. און פּלוצים האָט ער זיך אין עמיצן דערמאָנט, אין עפּעס אַ פרוי וואָס איז אים אייגן...

ער האָט געפרעגט:

— מאַיאָר, פאַרוואָס זאָלט איר אַליין צו איר נישט שרייבן? מיר זענען נישט ווייט פון מאָסקווע. פיליכט וועט זי קומען אַהער איך באַזוכן!

— יאָ, יאָ, זאָל זי קומען, שרייבט איר, אַז זי זאָל קומען, איך בעט אייך!

— אָבער פאַרוואָס זאָלט איר אַליין נישט שרייבן?

— איך קען נישט, דאָקטער, איך האָב קיין מוט נישט!

— נו גוט. באַרו־יקט אייך, איך וועל שרייבן!

פון איצט אָן האָט מיכל געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז קאַטיאַ וועט אים קומען באַזוכן אין שפּיטאָל. ס'איז דאָך נישט ווייט פון מאָסקווע, זי וועט מוזן קומען!... זיינע געדאַנקען זענען געווען פול מיט איר. ער האָט זי געזען אין דער געשטאַלט ווי ווען ער האָט זיך מיט איר דאָס ערשטע מאָל באַקענט, אין דער ווייטער שטאָט סאַראַפּול, וווּ איר מאַן איז דאַן דער הויפּט פון אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע געווען, און ער, מיכל, — אַ קאַדעט. אָבער ער האָט גאָר געוואָלט ווערן אַ שרייבער. יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, די יונגע און שיינע אַריסטאָקראַטישע ווייב פון דעם אַקאַדעמיע־שעף האָט אים מוט געגעבן, געגלייבט אין זיינע שרייבערישע פעיִקייטן און אַ ריכטיקן וועג אים אין לעבן אָנגעוויזן. איצט איז ערווידער אַזוי שוואַך און אומבאַהאָלפן און מיט פיל חלומות, אַזוי ווי דאַן. פיליכט וועט זי אים אויך איצט זיין געטריי און גלייבן אין זיינע מעגלעכקייטן?...

ער האָט אָנגעהויבן זען וויזיעס. ער האָט געזען ווי ער זיצט מיט קאַטיאַן געאָרעמט. זי רעדט צו אים אַזוי מילד. זי איז אַזוי שיין און רייצנדיק. זי איז זיין פרוי און איר האָט ער טאַקע אמת ליב. אָבער איר מאַן?... פּלוצים דערזעט ער אַ פעלד. עס שאָקלען זיך הויכע זאַנגען מיט גאָלדענע קערנדלעך פון ווייץ און קאָרן. און באַלד יאָגט אָן אַ ווינט און עס צינדט זיך אָן אַ פייער. דאָס גאַנצע פעלד ברענט. דערנאָך איז אַלץ הויל און פּוסט. איבערן אָפּגעברענטן פעלד גייט מאַרשאַל איוואַנאָוו. ער גייט אָן אויסגעפּוצטער אין זיין פּאַראַדנעם אוניפאָרם, מיט די גאָלדענע מאַרשאַל־עפּאָלעטן אויף די אַקסלען און מיט אַ פולער ברוסט אָרדנס און מעדאַלן. און מיט אַמאָל איז ער נישט געוואָרן. סטאַלין גייט גאָר איבער דעם אָפּגעברענטן פעלד. ער מאַרשירט מיט איין האַנט פאַרלייגט אויף הינטן און מיט דער צווייטער פאַרלייגט אין פראָנט, אויף דער ברוסט. זיין געשטופּלט פּנים איז בייז און זיינע שוואַרצע אויגן ברענען. עס צעעפנט זיך זיין מויל

און ער שרײַט בײז און אין כעס, מיט זײַן כאַרבלדיק־קאַווקאַזישן אַקצענט: טויט, טויט, טויט צו אַלע שונאים!...

מיכל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן קאָפּ און זיך אַ וואַלגער געטאָן אין בעט. ער האָט זיך געפּרוּווט צודעקן דעם קאָפּ מיטן קישן, כדי ער זאָל נישט הערן דאָס קול. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס שרײַט גאָר אַזוי די ראַדיאָ, און עס ווײַזט זיך אים נישט אויס, אַז ער הערט סטאַלינס געשרײען. ער האָט זיך באַרויִקט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פֿון בעט און געקוקט אויף דעם קלײנעם ראַדיאָ־קעסטעלע וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טישל לעבן זײַן בעט. יאָ, עס האָט טאַקע גערעדט סטאַלין. די רויטע אַרמיי האָט גענומען בערלין, די אַמעריקאַנער האָבן אָקופּירט מינכען.

— אַזוי, איז דאָס, אַן עק!... אויס מלחמה!

ער האָט אויסגעשאַלט די ראַדיאָ. עס איז געוואָרן שטיל. ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

— נאָך אַזאַ־אַ קריג וועט שוין מוזן זײַן אַ לאַנגער שלום! און דעמאָקראַטיע און פֿרײַהײַט וועט אויך מוזן זײַן! — און באַלד האָט ער אַ צווײפֿל געטאָן, — וועט דען סטאַלין דערלויבן, אַז פֿרײַהײַט און דעמאָקראַטיע זאָל הערשן אין דעם לאַנד? אָ, נײן!... פֿאַר דער פֿרײַהײַט וועט מען נאָך מוזן קעמפֿן! אָבער ווי אַזוי קען דאָס זײַן, אַז מען מוז דאָך האָבן פֿרײַהײַט כדי צו האָבן אַ מעגלעכקײַט צו קעמפֿן פֿאַר פֿרײַהײַט...

ער האָט געבעטן דער קראַנקן־שוועסטער, אַז מען זאָל אים ברענגען ביכער, ראָמאַנען און היסטאָריעס צום לײענען. ער האָט געשלונגען די ביכער און דערפֿילט אַ רוף אין זיך אויך צו נעמען אַ פּען אין דער האַנט און אָנהײבן שרײַבן, שאַפֿן... ער האָט געבעטן דער קראַנקן־שוועסטער, אַז מען זאָל אים אַרײַנברענגען פּאַפּיר און טינט און פּעדער. ער האָט אָנגעהויבן מאָלן אַ בילד פֿון אַ פֿאַנטאַסטיש שײן, שטיל און גליקלעך לעבן אויף דער ערד... דאָס בילד איז אָבער געווען גרוי און רוי און די מענטשן וועלכע ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען זענען געווען נישט רעאַליסטיש, זײ זענען ווי אויף שטאָלצן געגאַנגען און ווי קינדער זיך אויפֿגעפֿירט. ער האָט צעריסן דאָס געשריבענע און געטראַכט: „אײנס פֿון די בײדע, — אָדער איך בין נישט ראוי צו מאָלן אַ בילד פֿון אַ פֿרידלעכער, אַ פֿרײער און אַ גליקלעכער צוקונפֿט, אָדער עס איז נאָך נישט געקומען די צײַט צו מאָלן אַזאַ צוקונפֿט!”.

ער האָט אָנגעהויבן אַרומצוגײן איבערן שפּיטאָל און אַרויסווײַזן אַז

אינטערעס צו די אַנדערע קראַנקע און פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן און אָפּי־צירן.

דער דאָקטער האָט דאָס באַמערקט און זיך דערפריידט. ער איז צוגעקומען צו מיכלען און אים געזאָגט:

— טאָוואַרישטש מאַיאָר, איך מיין, אַז איך וועל אייך קענען אינגיכן אויסשרייבן. איר פּראָגרעסירט. איר זענט שוין באַלד אינגאַנצן געזונט.

— אָ, איצט אייל איך זיך נישט, — האָט מיכל געענטפערט, — זיך נישטאָ וואָס און צו וואָס זיך צו איילן.

אין דער פרי, ווען ער איז נאָך געלעגן אין בעט, איז דער דאָקטער אַריינגעקומען צו אים אַ צופרידענער און דאָס ערשטע מאָל אים ביי זיין נאָמען אָנגערופן:

— טאָוואַרישטש קרוגער, איר האָט אַ גאַסט!

מיכל איז אַראָפּ פון בעט. ער האָט אויסגעשריגן:

— קאַטיאַ!... יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ!...

— יאָ, יאָ, — האָט דער דאָקטער געזאָגט, — זי וואַרט אין מיין קאַבינעט. זאָל זי אַהער אַריינקומען צי איר וועט מיט מיר גיין?

— וואַרט, דאָקטער, איך וועל זיך נאָר אָפּראַזירן און אַרומוואַשן. זאָל זי דערנאָך אַהער אַריינקומען!

ווען יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט געעפנט די טיר איז ער איר אַקעגן געקומען. ער איז געבליבן שטיין פאַר איר ווי פאַר אַ פרעמדער. ער האָט זי פון אָנהייב נישט דערקענט. אירע גרויע האָר האָבן איר נישט געמאַכט עלטער נאָר אַנדערש. ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר און זי באַלד דערקענט. זי איז געווען די זעלבע צאַרטע, עלעגאַנטע און ליבלעכע אַריסטאָקראַטקע. דאָס איז געווען יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, קאַטיאַ, די זעלבע וואָס ער האָט אַזוי האַרציק און אַזוי ריין־פּלאַטאָניש געליבט.

זי האָט אים אויך באַטראַכט. זי האָט דערוואַרט צו זען פאַר זיך אַ ליידנדיקן און אַ געעלטערטן מענטשן. און דאָ זעט זי, אַז עס שטייט פאַר איר דער זעלבער יונגער מיכאל קרוגער, אַזוי ווי זי האָט אים פון פריער געקענט. קיין שום ליידן האָבן אים נישט געבראָכן. ער איז ווי יענער דאָרן, וואָס וועגן אים שטייט געשריבן, אַז ער האָט געברענט און איז נישט פאַרברענט געוואָרן.

באַלד האָבן זיי זיך אַרומגעכאַפּט און געבליבן שטיין אַזוי לאַנג. דערנאָך האָט יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ די ערשטע אים אַ שטויס געטאָן פון זיך.

— מיכאַל, לאָמיך דיך גוט באַטראַכטן!

ער האָט זי ווידער אַמאָל אַרומגענומען און זי שטאַרק געקושט.

— נישטאָ וואָס צו זען, קאַטיאַ, איך בין דער זעלבער מיכאַל קרו־גער ווי געווען!

— ווי פילסטו זיך, טײַערער?

— זייער גוט, קאַטיאַ, ליבינקע, זייער גוט! מען וועט מיך גיך אויס־שרײַבן. איך וועל זיך שטעלן פאַר אַ מעדיצינישער קאָמיסיע און איך מיין, אַז איך וועל זײַן פרײַ!...

— איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז מען זאָל דיך באַפרײַען, מיכאַל טײַערער, דו ביסט נישט קיין מיליטער־מאַן, דו ביסט אַ שרײַבער!...

— דו מיינסט אַזוי, קאַטינקאַ?...

— איך גלייב אַזוי, מיכאַלטשיק!...

מען האָט זיך אָוועקגעזעצט. מיכל האָט זיך געזעצט אין בעט און יע־קאַטערינאַ פעטראָוונאַ אויף אַ בענקל, אַקעגן אים. ער האָט איר האַנט אין זײַנער גענומען און זי צו זײַן האַרצן געדריקט. דערנאָך האָט ער איר צו־געטראָגן צו זײַנע ליפּן און זי אַ קוש געטאָן.

זי האָט אים אַרומגענומען און צוגעדריקט זײַן קאָפּ צו איר האַרץ.

— מיכאַל...

— וואָס איז, קאַטיאַ?...

— די מלחמה איז צו ענד. מײַן זון איז איצט שוין גאַר אַ גרויסער. ער איז ווי זײַן טאַטע, אַ מלחמה־מענטש. ער וועט שוין אַזוי גיך מיך נישט קענען זען. איך בין איינע אַליין... ווען דו וועסט זיך באַפרײַען, קום צו מיר, פאַרפאָר גלײַך צו מיר.

— גוט, קאַטיאַ, איך וועל אַזוי טאָן.

פּלוצים האָט זי זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט:

— מיכאַל, זאָג מיר דעם אמת. דו ביסט געווען אויפן פראָנט ווען איוואַן איז אַרויסגערופן געוואָרן צו סטאַלינען אין קרעמל. וואָס פאַר אַן אײַנדרוק האָט אויף דיר, אויף מײַן זון, און אויף אַלעמען, געמאַכט זײַן פּלוצימדיקער טויט?

מיכל האָט אַראָפּגעלאָזט זײַן קאָפּ, פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט שטיל געזאָגט:

— אַ שוידערלעכן אײַנדרוק... מען האָט באַדויערט דעם פאַקט. פיאָ־טער איז געווען געערט. ער האָט אָבער ווי אַ גוטער קאָמוניסט און אַ פּאַ־

טריאָט זיך אַריינגעוואָרפן אין שלאַכט און שלאָגנדיק די דייטשן האָט ער געפונען אַ טרייסט אין דעם פאָטערס פּלוצימדיקן טויט. מען האָט געשיקט אַן אַנדערן אויף מאַרשאַל איוואַנאָווס אָרט, אויך אַ מאַרשאַל... מען האָט באַלד אין דעם פאַרשטאָרבענעם פאַרגעסן... מיר דאַכט זיך, אַז נאָר מיר האָט זיך נישט געגלייבט, אַז דעם מאַרשאַלס טויט איז געווען אַ פּלוצימדי־קער און אַ נאַטירלעכער. איז דאָס אמת, קאַטיאַ?

— אמת, מיכאַילו!

זי האָט אים אַ קוש געטאָן און איז אַוועק.

עס האָט נאָך געדויערט אַ חודש צייט ביז די מעדיצינישע קאָמיסיע האָט אויסגעפונען, אַז מיכל איז פולקאָם געזונט, נאָר אַזוי ווי ער איז פון זיין באַרוף נישט קיין קאַדראָווער אָפיציר, און אַזוי ווי די מלחמה מיט די דייטשן האַלט ביים סוף, איז מעגלעך אים אינגאַנצן צו באַפרייען פון מי־ליטער.

.79

עס איז געווען אַ וואַרעמער און אַ זוניקער טאָג ווען מיכל איז אָנגע־קומען קיין מאָסקווע. ער איז גלייך אַוועק צו יעקאַטערינאַ פּעטראָווגאַן אַהיים. ער האָט זיך געפרייט מיטן לעבן און זיך געפרייט מיט זיין צוריק־געפונענער רו.

אויפדערנאַכט איז ער און קאַטיאַ אַרויס אין דרויסן. די גאַסן זענען געווען פול מיט מענטשן. עס האָט געהערשט פרייד און געלעכטער. פון דעם „פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו" האָט מען צום הימל אַרויפגעשאָסן הונדערטער פילקאָלירקע ראַקעטן אַלס צייכן פון די זיגן וואָס די רויטע אַרמיי האַלט אָפּ איבער היטלערס דייטשלאַנד. די ראַקעטן זענען זיך צע־פלויגן אין הימל און זיך צעשפּאַלטן און צעברעקלט אין טויזנטער רויטע, געלע און בלויע פייערן און זענען צוריק געפאַלן ווי אַ רעגן פון פייערדי־קע שטערן, שפּיזן און האַלבע לבנהס.

אויפן אַנדערן טאָג זענען זיי געגאַנגען באַזוכן באַריסן און פּאָליאַן. מען האָט באַשטימט גיין צופוס ביז צום וואָקזאַל. אויף אַ וואַנט איז מיט קרייד און מיט קויל געווען עפּעס אָנגעדראַפּעט. דאָס זענען געווען גרוי־סע אומגעלומפּערטע בוכשטאַבן, אויסגעלייגט אין אַ לאָזונג: „שלאָגט די יידן און ראַטעוועט רוסלאַנד".

מיכל האָט זיך פֿאַרהאַלטן. ער האָט באַמערקט אַ פּאָליציאַנט. דער הי־טער פֿון דער שטאָטישער אָרדענונג, דער מיליציאַנער, איז פֿאַרבײַגעגאַנגען און איבערגעלייענט דעם לאָזונג. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און איז אַוועק ווײַטער. מיכל האָט געוואָלט אָניאָגן דעם פּאָליציאַנט און אים פֿרעגן פֿאַרוואָס ער ווישט נישט אָפּ דעם מיאוסן אויפֿשריפֿט פֿון דער וואַנט. אָבער יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט אים צוגעהאַלטן פֿאַר דער האַנט.

— מען לייגט נישט קיין שום אַכט אויף אַזעלכע זאַכן. די פֿינצטערע כוחות האָבן זיך דערוואָרט אויף זייער יום־טוב. די פּאַרטיי און די רעגי־רונג גיט זיי נאָך. איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, אָבער אַזוי איז דאָס איצט, מי־כאַיל. מען קען איצט גאָרנישט נישט טאָן. די אַנטיסעמיטישע ליניע איז געוויס אַ צײַטווײַליקע. עס קען דאָך אַזוי נישט זײַן. עס וועט איבערגיין!...

מיכל האָט זיך פֿון אָרט נישט גערירט.

— עס איז אוממעגלעך, קאַטיאַ! מיר האָבן בלוט פֿאַרגאָסן אויף די פֿראָנטן. מיר האָבן זיך געשלאָגן האַנט בײַ האַנט קעגן די פֿאַשיסטן. מיר האָבן זיך געשלאָגן פֿאַר אַ בעסערע, אַ שענערע און אַ פֿרײַערע רוסלאַנד! צוליב וואָס דער־אַ אַנטיסעמיטיזם־קאָנצערט?...

— גוט געזאָגט, מיכאַיל, עס איז אַן אַנטסעמיטיזם־קאָנצערט און נישט מער. דער קאָנצערט וועט זיך ענדיקן און דאָס לעבן וועט צוריק אַנגיין ווי געוועזן!

— ווי געוועזן?... אָ, ניין. נישט פֿאַר דעם האָבן מיר זיך געשלאָגן און בלוט פֿאַרגאָסן. איך האָב געמיינט און געהאָפֿט אויף אַן ענדערונג, אַז עס וועט זײַן בעסער, פֿרײַער, און עס וועט הערשן גערעכטיקייט!

— דו נאַריש ייִנגל מײַנס! — האָט יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט און אים אַ שלעפּ געטאָן פֿאַרן אָרבל, — קום, מיר וועלן נאָך פֿאַרשפּעטיקן דעם צוג!

באָריס איז געוועזן איינער אַליין. אַ דינסט, אַן עלטערע פֿרוי, האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די צימערן און געראַמט, געווישט און געפּוצט דאָס מעבל. באָריס האָט איצט זייער געגניט און פֿלינק זיך אַרומגעטראָגן אין זײַן שטול מיט די צוויי גרויסע ווײַסע רעדער. ער איז צוגעפֿאָרן צו דער טיר און באַגעגנט מיכלען און קאַטיאַן. מיכל האָט נאָך געטראָגן זײַן מיליטע־רישן אוניפֿאָרם. ער האָט אויסגעזען ווי איינער פֿון די פֿיל מיליטערישע העלדן, וואָס האָבן לעצטנס אָנגעהויבן צוריק אַהיים צו קומען פֿון די שפּי־טעלער און פֿון די פֿראָנטן.

— מיכאַיל, טייערער, אַבי מען לעבט און מען זעט זיך! — האָט באָריס אויסגעשריגן.

— יאָ, מען לעבט און מען זעט זיך! — האָט מיכל געענטפערט און געדריקט זיין האַנט, אים באַטראַכט און געפרעגט, — ווו איז פאַליאַ?

באָריס האָט זיך באַגריסט מיט קאַטיאַן און דערנאָך ערשט נישט־ווילנדיק געענטפערט:

— עס איז נישט דאָס וואָס פריִער, מיכאַיל. עס פעלן אויס פיל שפייזן. מען מוז שטיין אין לאַנגע רייען נאָך ברויט, נאָך פוטער און נאָך אַנדערע זאַכן. פריִער פלעגט מען מיר אַלץ אַהיים צושיקן, איצט איז דאָס אוממעגלעך. מען מוז אַליין גיין נאָך אַלץ און שעהען־ווייז שטיין אין אַ ריי. פאַליאַ איז ערגעץ אין אַ ריי לעבן אַ שפייז־קראָם!

— איז פאַרוואָס שיקסטו נישט דיין דינסט?

— עע, זי פאַרשטייט זיך נישט אויס אויף די פּאַיאָק־קאַרטלעך. אַלע מאָל וועלן מיר שיקן זי אין אַ קראָם, גיט זי אַוועק די וויכטיקסטע קופּאָנען פאַר מינדערוויכטיקע פּראָדוקטן. מען קען זיך אויף איר נישט פאַרלאָזן. פאַליאַ מוז אַליין גיין...

— זיך דערלעבט...

— איך באַקלאָג זיך נישט. אָט וועט די מלחמה זיך ענדיקן און עס וועט צוריק ווערן ווי געווען!

— ווי געווען? — האָט מיכל סאַרקאַסטיש אויסגערופן.

— נאָך בעסער! — האָט באָריס צוגעגעבן נישט אונטערכאַפּנדיק מיכלס סאַרקאַזם.

— דו מיינסט אַזוי, באָריס?

— איצט ווייס איך גאָרנישט!...

מיכל האָט פאַרשטאַנען, אַז באָריס ווייסט אַלץ נאָר ער וויל נישט נאָכגעבן. ער האָט געזען זיין צושטאַנד און ער האָט אים נישט געוואָלט ערגערן.

עס איז אָנגעקומען פאַליאַ. זי האָט געבראַכט מיט זיך עטלעכע פּעקלעך: ברויט, פוטער, וווּרשט, אייער און אַ פלאַש שטאַרקן, זעקס און נייַנציקער בראָנפן. זי איז געווען פאַרשוויצט און אירע באַקן האָבן געפלאַמט. זי האָט אויסגעזען שיין, ווי אַ געמאָלענע מאַדאָנע. דער איינציקער חסרון פון איר שיינקייט איז באַשטאַנען אין דעם וואָס דאָס איז געווען, און גראָד איצט, אַ טיפּיש ייִדישע, סעמיטישע שיינקייט. אַ טרויער האָט זיך אַריינ־

געגנבעט אין אירע שײנע אויגן און מיכלען האָט געדאַכט, אַז ער זעט אין זײ דעם טרויער פון צוויי טויזנט יאָר גלות װאָס ייִדן לײדן... פּאַליאַ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיכלען מיט אַ געוויין: — אוי, מיכאַיל, מיכאַילו!...

מען האָט זיך געזעצט צום טיש.

מיכל האָט געפרעגט בײ באָריסן צי ער ווײסט װעגן דעם אַנטיסעמי־טיזם, װאָס האָט זיך לעצטנס עפנטלעך באַוויזן. באָריס האָט דאָס דער־קלערט ווי אַ צײטווײליקע מלחמה־דערשײנונג און ווי אַן אַרײנדרינגונג פון היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

— אָבער די פּאַרטײ און די רעגירונג דולדן דאָס! — האָט יעקאַטערי־נאַ פּעטראָוונאַ געזאָגט.

— אויסגעטראַכטע זאַכן! — האָט זיך באָריס אַ בײזער געטאָן, — מײן ווײב מײנט אויך אַזוי. עפּעס אַ שיכורער כאַם האָט זי אײנמאָל באַלײדיקט, זי אָנגערופן „חייקע” אָדער „סאַרע”, איז זי שוין אַהײם געקומען אַ צע־טראָגענע, אַז עס הערשט אַן אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד.

פּאַליאַ איז אָנגעפאַלן אויפן מאַן.

— דו, באָריס, זיצסט דאָ און דו זעסט גאָרנישט! — זי האָט זיך גע־ווענדעט צו מיכלען, — מען האָט מיך שוין עטלעכע מאָל אָנגערופן „פּאַר־שיוואַיאַ זשידאָווקאַ”, נישט געקוקט אויף דעם װאָס פיל פון די קאָליגאַנעס װאָס האָבן מיך באַלײדיקט האָבן געוווּסט ווער איך בין. זײ ווײסן גוט, אַז איך בין באָריס גאָרבערגס ווײב, און אַז ער איז אַ פּאַרדינסטפולער קאָמו־ניסט, אַן אינוואַליד, און סטאַלינס אַ רעכטע האַנט געווען...

— גענוג, גענוג! — האָט זיך באָריס צעשריגן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די צײטונג און אָנגעוויזן אויף דער ערשטער זײט, — זעט װאָס מען שרײבט: אין פּאַלעסטינע, אויף די גאַסן פון ירושלים און תּל־אביב שלאָגן זיך ייִדן קעגן די ענגלענדער פאַר זײער זעלבשטענדיקײט, פאַר זײער רעכט און פרײַהײט. די סאָוועטן־מאַכט און די קאָמוניסטישע פּאַרטײ באַגריסט די ייִדן װאָס קעמפן פאַר זײער נאַציאָנאַלער פרײַהײט און אומאָפּהענגיקײט!...

— ער האָט זיגעריש אַ קוק געטאָן אויף אַלעמען און געפרעגט, — נו, איז דאָס אַן אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון אונדזער פּאַרטײ און רעגירונג?...

מיכל האָט אַ כאַפּ געטאָן די צײטונג און עטלעכע מאָל איבערגעלײענט דאָס קלײנע אַרטיקעלע און דערנאָך די צײטונג אַ שלײדער געטאָן מיט כּעס.

— דאָס איז אַ מין צווײטע בּיראָבּידזשאַנער אָפּערע!... דאַן האָט מען

יידן איינגערעדט צו פאָרן קיין ביראָבידזשאַן און מען האָט זיי דערנאָך דאָרט אַרעסטירט און צעשאָסן ווי יידישע נאַציאָנאַליסטן. איצט וויל מען אונדז איינרעדן, אַז מען איז סאָלידאַריש מיט די יידן וואָס קעמפן אין פּאַלעסטינע פאַר זייער רעכט! צוליב וואָס טוט מען דאָס? איז דאָס נישט צוליב דעם, אַז מען זאָל אונדז דערנאָך באַשולדיקן אין סימפּאַטיע צום ציוניזם און מען זאָל דערפאַר האָבן אַ לעגאַלע רעכט אונדז ווי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אויסצוראָטן און אָפּמעקן פון דער ערד?... און אויב אַפילו, אַז עס זאָל זיין אמת, אַז אונדזער פּאַרטיי און אונדזער רעגירונג שטיצן די יידן פון פּאַלעסטינע אין קאַמף קעגן די ענגלענדער, איז דאָס דאָך נישט צוליב דער פּלוצימדיקער ליבשאַפט צו יידן!... דאָס איז צוליב דער פיינדשאַפט צו ענגלאַנד און צוליב דעם, אַז דער אַלטער טרוים פון די רוסישע צאַרן וועגן באַהערשן דעם נאָענטן און מיטעלן מזרח, זאָל איצט דורך סטאַלינען פאַרווירקלעכט ווערן. דער קאַמף פון די יידן קעגן די ענגלענדער איז נאָר אַן אויסרייד, כדי זיך צו קענען אַריינמישן, כלומרשט קומען צו הילף די יידן, און אַזוי אַרום פאַרכאַפּן דעם גאַנצן אַזיאַטישן קאָנטינענט!...

— ביסט משוגע, מיכאל, ווי וואַגסטו דאָס אַזוי צו רעדן?

— ווער־ווער, באָריס, נאָר דו ווייסט, אַז איך האָב רעכט!

— אָ, מיכאל, — האָט באָריס מיט באַדויער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — איך האָב מורא, אַז פאַר דיר איז שוין קיין רעטונג נישטאָ. דאָס גאַנצע לעבן האָלסטו אין איין באַקלאָגן זיך... דו ביסט קיין מאָל צופרידן נישט געווען!

— און דו ביסט דען שטענדיק געווען צופרידן?

— לאָמיר איצט וועגן דעם נישט רעדן.

יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט זיך אַריינגעמישט.

— גענוג שוין! צוויי חברים האָבן זיך ליב. מען האָט זיך נישט געזען אַזוי פיל צייט. און דאָ, אין מיטן דערינען, איבער אַ נאַרישקייט, הייבט מען זיך אָן צו קריגן.

מיכאל האָט זיך צעלאַכט. ער האָט נישט געוואָלט ערגערן זיין פּאַראַליזירטן חבר. ער האָט געמוזט נאָכגעבן.

— פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אַ נאַרישקייט...

— ריכטיק, אַ נאַרישקייט... — האָט אויך באָריס צוגעגעבן, — לאָמיר בעסער אויסטרינקען פאַר דיין און מיין און אַלעמענס געזונט. אַבי מען

לעבט און מען זעט זיך איז שוין אַלץ גוט! צוליב וואָס די־אַ „פילאָסאָ־
פיעס"?... לעב, כל־זמן עס לעבט זיך!...

מען האָט גענומען צו גלעזלעך בראָנפן.

מיכל האָט געזאָגט:

— אָך, ווען איך קען נאָך אַמאָל זען אַ וועלט. איך וואָלט אַזוי געוואָלט
זיין אין אויסלאַנד, אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע! איך וואָלט אַזוי
געוואָלט זען אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער לעבן! ווי אַזוי איז דאָרט?... עס
לעבן דאָך דאָרט אויך מענטשן, אָרעמע און רייכע, גוטע און שלעכטע. וואָס
טראַכטן זיי?... ווי אַזוי פירן זיי זיך אויף?...

באָריס האָט זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז בראָנפן. ער האָט מיט איין
שלוק אויסגעטרונקען. ער איז געוואָרן שיכורלעך. ער האָט געזאָגט:

— דיר, מיכאַיל, ווילט זיך נאָר לויפן, פאָרן, פליען. אָן אומרו ביסטו!...
פילייכט וואָלסטו זיך טאַקע איינגאַנצן אָפּגעטראָגן פון דאַנען?... איך האָב
פאַר דיר מורא, שטאַרק מורא... מען קען דיר נאָך מיט אַלע דיינע פאַר־
דינסטן פאַר דער פּאַרטיי און פאַר דער רעגירונג, אין אַ שיינעם טאָג נע־
מען און אַרעסטירן. דו טראַכסט צופיל, מיכאַיל. עס איז נישט געזונט צו־
פיל צו טראַכטן. געדענק מיינע ריידן!...

— אָ, טאַקע נישט גוט, — האָט מיכל געענטפערט, — אַז אַ מענטש
טאָר נישט טראַכטן, איז דאָס שוין זייער נישט גוט.

פּאָליאַ האָט דאָס מער לײדן נישט געוואָלט. זי האָט צוגעגרייט אַ
טאָרט פאַר די געסט. זי וויל, אַז מען זאָל אויפהערן ריידן און בעסער זיך
נעמען צום עסן. באַלד וועט זי דעם טאָרט אַריינטראָגן. עס איז אַזוינס וואָס
מען זעט גאָרנישט אין די מלחמה־יאָרן. און טיי אָדער קאַווע, וואָס נאָר
מען וויל וועט זי צוגרייטן.

מער האָט מען שוין אין דעם טאָג פון קיין פּאָליטיק און פון קיין שום
„קלוגע נאַרישקייטן" נישט גערעדט. מען האָט זיך פאַרווײלט מיט אויס־
הערן נייע פּלאַטן פון ניי־פאַרפאַסטע מלחמה־ און זיג־געזאַנגען אונטער
דער לייטונג פון אַ רויטאַרמיי־אַנסאַמבל פון מוזיק, געזאַנג און טענץ.

און דאָך האָט מיכל פאַרלאָזט זיין חברס הויז אין אַ געדריקטער שטי־
מונג.

גאָר אין גיכן איז געמאָלדן געוואָרן, אַז די דייטשן האָבן זיך שוין איב־
גאַנצן אונטערגעגעבן. היטלער האָט זיך דאָס לעבן גענומען און גאַנץ דייטש־
לאַנד איז אָקופּירט פון די אַליאירטע אַרמייען. מען האָט די ענדע פון דער

קריג געפּייערט מיט קאַנאָנען־שאָסן, מיט געזאַנג און טענץ אין די גאַסן און מיט פריילעכע הוליאַנקעס אין די הייזער.

יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט געקויפט אַ בוקעט בלומען און זיך גע־ווענדט צו מיכלען:

— איך וויל גיין באַזוכן מיין מאַנס קבר. אויב דו ווילסט באַגלייט מיך.

— פאַרשטייט זיך, קאַטיאַ, אַז איך וועל דיך באַגלייטן!

דער בית־עולם איז געווען שטיל. דער קבר איז געווען באַלייגט מיט פּיל בלומען־קראַנצן און מיט אַ ווייסן מאַרמאָרענעם טאָוול אויף וועלכן עס איז מיט גאָלדענע בוכשטאַבן געווען אויסגעקריצט: „מאַרשאַל איוואַנאָוו, העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד". לעבן קבר איז געווען אַ ווייסע מאַרמאָרענע באַנק. מען האָט זיך אַוועקגעזעצט. מען האָט געשוויגן. מען האָט געקוקט אויפן קבר. דער הימל איז געווען רויט. אויפן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ וואָלקן. דער וואָלקן איז געווען געדיכט און בלוי. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז אַ שיף וואָס טראָגט זיך איבער אַ ים מיט רויטלעכן וואַסער. אַרום קבר זענען געווען פאַרפלאַנצט יונגע ביימלעך. אַ ווינטל איז אָנגע־לאָפן און די ביימעלעך האָבן זיך צעשאָקלט און זיך געבויגן. יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט אָנגענומען מיכלען פאַר דער האַנט. ער האָט זי אַרומגע־נומען. טרערן זענען געשטאַנען אין אירע אויגן. זי האָט געזאָגט:

— מען האָט אים געסמט!...

— דו מיינסט אַזוי? — האָט מיכל געפרעגט און אַ דראָזש איז אים איבערן לייב אַריבער.

— ער איז פון קרעמל געקומען אַן אויפגעלעבטער, — האָט זי גע־זאָגט, — ער האָט מיט סטאַלינען גערעדט... און פּלוצים איז אים געוואָרן שלעכט. ער האָט נאָך באַוויזן אויסצושרייען: מען האָט מיך פאַרסמט!... און ער איז אַוועקגעפאַלן אַ טויטער.

— אויף דעם מערדער איז אַלץ צו גלייבן.

— שטילער מיכאַיל.

— אויך דאָ, אויפן בית־עולם דאַרף איך מורא האָבן פאַר אַ וואָרט? אַך, קאַטיאַ, צוליב וואָס בין איך געבליבן לעבן? פאַרוואָס?... איך קען נישט מער, איך וויל דאָ מער נישט זיין!...

— נישטאָ קיין אויסוועג, מיכאַיל.

מען האָט זיך אויפגעהויבן און מען האָט זיך געלאָזט אַהיימגיין.

מען האָט זיך געהאַלטן פאַר די הענט. פון אַלע זייטן האָבן צו זיי גע־

קוקט מצבות און דענקמאָלן פון מאַרמאָר און שטיין מיט אַן אויסזען פון אָפּגעהאַקטע ביימער, פון פלאַכע טאָוולען, פון פינף־קאַנטיקע שטערנס און פון צלמים. אויף איין פלאַץ איז אַ שוואַרץ מאַרמאָרן שטיבעלע געווען און גאָלדענע אָדערן האָבן זיך פון דעם מאַרמאָר פּאַסנווייז אויסגעטיילט. יעקאַ־טערינאַ פּעטראָוונאַ האָט עפּעס דערציילט וועגן דעם שטיבעלע, אַז אינע־ווייניק זענען פאַראַן טרעפּ וואָס פירן צו אַן אונטערערדישן זאַל און אין דעם זאַל שטייען קאַסטנס מיט טויטע. עס זענען דאָרט אַ גאַנצע משפּחה מיט באַרימטע מענטשן... מיכל האָט געהערט און נישט פאַרשטאַנען אירע רייד. עס האָט אים מער שוין גאָרנישט אינטערעסירט. מען איז געגאַנגען ווייטער. זי האָט באַמערקט זיין פאַרטראַכטקייט. זי האָט געוואָלט צעשטרייען זיינע געדאַנקען. זי האָט גערעדט וועגן אַ נייער אָפּערע וואָס דער באָלשאָי־טעאַטער האָט אויפגעפירט, וועגן אַ ניי בילד וואָס אַ יונגער מאָלער האָט אין דער קונסט־גאַלעריע אַריינגעגעבן, און זי האָט דערציילט וועגן די נייע ביכער וואָס זענען לעצטנס דערשינען. דאָס אַלץ האָט אַמאָל מיכלען אינ־טערעסירט, געפרייט און געערגערט. ער האָט געלעבט מיטן לעבן פון אַ רוסישן קינסטלער, אַן ערנסטן, אַן אויפריכטיקן און אַ פאַרשטענדלעכן. איצט זענען אים די אַלע זאַכן, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, געוואָרן פרעמד און ער האָט זיך מער אין זיי נישט אינטערעסירט.

מען איז אַרויס פון דעם בית־עולם.

דאָס אָרט איז געווען אַ באַרגיקס. מען איז צוגעקומען צו דער ענדע פון באַרג. מען האָט דערזען אַן אָפּגרונט. אַ צוג איז אין דעם אָפּגרונט גע־לאָפן. דער צוג איז געווען זייער לאַנג. די רעדער פון די וואַגאָנען האָבן מאָ־נאָטאָן געקלאַפּט און דער לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט געשלעפּט די וואַגאָנען, האָט אַלעמאָל אַרויסגעלאָזט אַ ווילדן פייף. דער צוג איז פאַרשוווּנדן און עס איז געוואָרן שטיל. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט. קיינער איז אויפן באַרג נישט געווען אויסער זיי ביידע. פון דער ווייטן האָט זיך געזען גאַנץ מאָס־קווע אין איר פולן פּראַכט. דער קרעמל און דער מאָסקווע־טייך אַרום דעם קרעמל האָבן זיך אַ הייב געטאָן און באַלד פאַרשוווּנדן. ווייט־ווייט איז גע־ווען פּוסט, הימל און ערד...

מיכל האָט שטאַרק געדריקט קאַטיאַס הענט. ער האָט פּלוצים אַראָפּ־געקוקט פון דעם באַרג־אַראָפּ צו דעם אָפּגרונט. ער האָט געזאָגט:

— קאַטיאַ, גיי אַהיים! איך וויל דאָ בלייבן אַליין...

זי האָט אויך אַראָפּגעקוקט אין אָפּגרונט. זייער טיף איז דער אָפּגרונט

געווען. עס איז פאַרבייגעלאָפּן אין איר מוח אַ שרעקלעכער געדאַנק: „מי־כאַיל וויל זיך נעמען דאָס לעבן!" זי האָט געזען ווי ער פאַלט, ער קייקלט זיך אַראָפּ, אַ צוג לויפּט־אָן, אַ לאַנגער צוג מיט הונדערטער וואַגאָנען. אָט איז שוין זיין קערפּער אונטער די רעדער, דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ פייף געטאָן און דער צוג האָט נישט געסטאַיעט. מיכל ליגט איינער אַליין אין אָפּגרונט, אויף די לאַנגע ווייסע רעלסן, זיין קערפּער איז אויף צווייען צע־שניטן און בלוט רינט... זי האָט אויסגעשריגן:

— ניין, מיכאַיל, איך וועל דיך דאָ אַליין נישט לאָזן!

מיכל האָט זי אַרומגענומען און געפרעגט:

— צוליב וואָס, קאַטיאַ, זאָל איך לעבן?.. נישטאָ צוליב וואָס!...

— רעד נישט אַזוי, טייערער, ביסט נאָך יונג און דאָס לעבן איז נאָך פאָרויס!...

— איך האָב פאַרלוירן דעם אינטערעס, קאַטיאַ! איך קען גאָרנישט טאָן מיט זיך! ווי אַזוי זאָל איך ווייטער לעבן? זאָל איך ווייטער שרייבן ביכער פול מיט ליגנס? זאָל איך ווייטער זאָגן דאָס וואָס איך מיין נישט?...

— אָ, עס וועט איבערגיין... שטאַרק זיך, מיכאַיל!

ער האָט געקוקט אויף איר. דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט אירע גרויע האָר. איר פּנים איז געווען בלאַס פון שרעק. פון אירע אויגן האָט זיך אַ צערטלעכע ליבשאַפט צום לעבן געטראָגן. איר קערפּער איז געווען גראַציעז און שלאַנק. זי איז געווען מוטערלעך ליב און מיידלש שיין. מיכל האָט זיך אין איר אָנגעהאַלטן און ער איז אַוועק פון דעם אָפּגרונט.

— קאַטיאַ, העלף מיר, איך קען מער אַזוי נישט לעבן!...

— וואָס קען איך טאָן פאַר דיר, טייערער?

— איך ווייס נישט, פיליכט אַנטלויפן, זען אַ וועלט, אַן אַנדער לעבן, דו האָסט פאַרבינדונגען, דו קענסט עפּעס טאָן!...

— אָ, מיכאַיל, מיכאַיל, איך וועל אַ טראַכט טאָן... איך זע שוין, אַז פאַר דיר איז דאָ מער קיין לעבן נישטו!

ער האָט זי אַרומגענומען און זי צוגעדריקט צו זיך.

— קאַטיאַ, און פאַר דיר איז דאָ אויך קיין לעבן נישט מער. קום מיט מיר! מיר וועלן צוזאַמען פון דאַנען אַנטלויפן, מיר וועלן צוזאַמען זוכן אַ ניי לעבן, אַ פרייע וועלט.

זי האָט אים אַ קוש געטאָן.

— ניין, מיכאַיל, איך קען אין ערגעץ נישט לויפן. דאָ איז מיין מאַנס

קבר און דאָס איז מײַן לאַנד... פֿילײַכט וועט נאָך מײַן זון צוריקקומען. איך ווייס, ער דאַרף נישט מער קיין מאַמען... דו, מיכאַיל, דו דאַרפֿסט אויך נישט מער קיין מאַמען... פֿאַרוואָס זשע דאַרפֿסטו מיך?... איך בין שוין צו אַלט פֿאַר אַ נײַ לעבן!...

— קאַטיאַ, קאַטיאַ, רעד נישט אַזוי... ביסט יונג, איך האָב דיך ליב!...

— קום אַהיים, מיכאַיל.

מען איז אַהיימגעגאַנגען.

מיכל איז באַלד אַרײַן צו זיך אין צימער און ער האָט זיך פֿאַרשפּאַרט.

פֿון איצט אָן איז ער מער אין ערגעץ נישט געגאַנגען.

ער האָט אויסגעטאָן זײַן מיליטערישן אוניפֿאָרם און זיך אָנגעטאָן אַ פּראָסטן ציווילן אָנצוג. ער האָט זיך אויפֿגעהערט צו ראַזירן און זײַן פֿאַרוואַקסן פּנים האָט אויף זיך געטראָגן אַלע צרות פֿון אַ פֿאַרפֿאָלגטן ייִדן. יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ איז גאַנצע טעג אַרומגעלאָפֿן אין פֿאַרשידענע אַנשטאַלטן. זי האָט געקענט זייער פֿיל אײַנפֿלוסרײַכע מענטשן אין אַלע מיניסטעריומס. זי האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו פֿליִען צו דער רוסישער זאָנע פֿון דײַטשלאַנד זיך זען מיט איר זון, דעם פּאָלקאָווניק פּיאָטער איוואַנאָוו. דערבײַ האָט זי אויסגעפּועלט אויך אַ צווייטע דערלויבעניש פֿאַרן שרײַבער מיכאַיל קרוגער, אַז ער זאָל זי באַגלייטן אויף דער רייזע. זי איז אַהיימגעקומען אַ צופֿרידענע. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין מיכלס טיר. ער האָט געעפֿנט. זי איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. זי האָט באַטראַכט מיכלס הולך. זי האָט אים ווי אַ מוטער אַרומגענומען. דאָס האַרץ האָט אין איר געוויינט.

— מיכאַיל, טו זיך איבער און ראַזיר זיך אָפּ. אַלץ איז גרייט. נאָך הײַנט פֿליִען מיר קיין דײַטשלאַנד. איך וועל בלײַבן מיט מײַן זון אין דער רוסישער זאָנע אויף עטלעכע טעג. דאָס שטעטל איז נישט ווײַט פֿון דער גרענעץ וווּ עס הייבט זיך אָן די אַמעריקאַנער זאָנע. אויב דו וועסט וועלן, קענסטו אַריבער די גרענעץ. מינכען איז נישט ווײַט... וועסט זיך מעלדן צו דער אַמעריקאַנער מאַכט, און... איך גלייב, אַז דו וועסט געפֿינען דאָס וואָס דו זוכסט!...

מיכל האָט געשוויגן. ער האָט נאָר געכאַפּט איר האַנט און זי שטאַרק געקושט. ער האָט זיך באַלד גענומען איבערטאָן. ער האָט זיך אָפּגעראַזירט און זיך אָפּגעפֿרישט מיט אָדעקאָלאָן. ער האָט איצט אויסגעזען אין דעם

גייעם אָנצוג מיט דעם לייכטן מאַנטל און דעם פּאָרטפּעל אין האַנט ווי אַ יונגער, וואַזשנער דיפּלאָמאַט.

יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ איז אויך געווען גרייט.

זי האָט געזאָגט:

— מיכאַיל, באַטראַכט זיך. עס איז נאָך נישט שפּעט. קענסט נאָך בייטן דיין מיינונג.

— קום, קאַטיאַ! — האָט ער אומגעדולדיק געזאָגט.

— באַטראַכט זיך נאָך אַמאָל. דו אַנטלויפסט... דו ווילסט אַנטלויפן?... וועסטו אַמאָל נישט חרטה האָבן?... וועסטו נישט טראַכטן וועגן זיך, אַז דו ביסט געווען אַ פּחדן?...

— צי איך וועל חרטה האָבן, דאָס ווייס איך נישט. אָבער דו ווייסט דאָך, קאַטיאַ טייערע, אַז קיין פּחדן בין איך נישט. דאָ פאַרבלייבן הייסט פאַר מיר קעמפן און פאַלן אַזוי ווי דיין מאַן און טויזנטער אַנדערע, וואָס קיינער ווייסט נישט, אַז זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט דאָס שלעכטס. מיט מיין אַנט־לויפן, אָבער, וויל איך קריגן אַ מעגלעכקייט צו קעמפן און בלייבן לעבן, צו קעמפן און צווויסן געבן דער וועלט, אַז אונטער דעם אייזערנעם פאַר־האַנג געפינט זיך אַ פינצטער לאַנד מיט פאַרשקלאַפטע פעלקער און אונ־טערדריקטע מענטשן. מען מוז די מענטשן אויסלייזן און אין דעם לאַנד אַ ליכט פון אמת און גערעכטיקייט אָנצינדן.

זי האָט אַרויפגעלייגט אירעביידע הענט אויף זיינע אַקסלען און גע־זאָגט:

— עס וועט קומען אַ צייט, מיכאַיל, ווען עס וועט ביי אונדז אויך זיין פרייהייט, אַזוי ווי אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער!

ער האָט אַראָפּגענומען אירע הענט פון זיינע אַקסלען און זיי אַ קוש געטאָן.

— ניין קאַטיאַ, האָסט נישט רעכט! פון זיך אַליין קומט נישט קיין פרייהייט און סטאַלין וועט אונדז די פרייהייט נישט געבן. מען מוז אויס־קעמפן די פרייהייט. און, קאַטיאַ, פאַרשטיי דאָס, מען מוז האָבן פרייהייט כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו קעמפן פאַר פרייהייט!...

יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט אַ טראַכט געטאָן און דערנאָך געזאָגט:

— פיליכט האָסטו רעכט... קום, מיכאַיל, איידער עס ווערט שפּעט!

מיכל איז צו צום טעלעפאָן און איידער ער האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל, האָט ער געזאָגט צו קאַטיאַן:

— איך וויל זיך געזעגענען מיט באָריסן!

זי האָט אויסגעשריגן:

— מען דאַרף נישט, מיכאַיל, איך בעט דיך!...

— זאָרג נישט, קאַטיאַ, איך וועל אים גאָרנישט זאָגן. איך וויל נאָר דאָס לעצטע מאָל הערן זיין קול! — ער האָט אָנגעדרייט דעם נומער. עס האָט זיך אין טעלעפאָן־טרייבל דאָס קול פון באָריסן דערהערט: — „העַ־לאָו!... ווער איז דאָס?...” — מיכל האָט אויפגעהאנגען דאָס טרייבל אויפן טעלעפאָן־קעסטל און איז צו צו יעקאַטערינאַ פעטראָוונאַ און זי גענומען אונטערן אָרעם.

— קום, קאַטיאַ!...

אונטן האָט שוין געוואַרט אַן אויטאָמאָביל וואָס האָט זיי אָפּגעפירט צום לופטפעלד. זיי זענען אָנגעקומען פונקט צו דער צייט. זיי האָבן זיך נאָר באַוויזן אין דעם עראָפּלאַן אַריינזעצן, און ער האָט זיך שוין אַ הייב געטאָן אין דער לופטן. מאָסקווע האָט זיך געדרייט אין אַ קרייז און איבער דער שטאָט איז דער עראָפּלאַן געפלויגן. מאָסקווע איז פאַרשוווּנדן. עס האָבן זיך אָנגעצונדן פייערן פון אַנדערע שטעט און דערפער. די פייערן זענען פאַרלאָשן געוואָרן. מען איז געפלויגן איבער פוסטע פעלדער. עס איז געווען פינצטער. דערנאָך איז ווידער ליכטיק געוואָרן.

סוף

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָווישאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן ציטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטירלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאַנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947“ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע“ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופּערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַו־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)

74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאַנד

75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) יהושע פּערלע — ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע, 1937

77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן

78) דניאל טשאַרני — ווילנע

79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן (אויספאַרקויפט)

80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)

81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער וואָך

82—83) יצחק פּערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)

84) יוסף אָקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספאַרקויפט)

87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)

89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)

90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91—92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע

93) שמעון האָראָנטשיק — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)

94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות (קראָקע)

95—96) יאָנאָס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע 1954).

97—98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)

99) פּועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנערין

100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור (אויספאַרקויפט)

101) י. הירשהויט — ייִדישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאַנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1955).

102) משה זאַנשיין — ייִדיש וואַרשע

103) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)

105־106־107) מיכאל באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
(פרעמירט דורכן ניימאַן־פאַנד, פּאַריז, 1958).

108—109) מרדכי שטריגלער — געאָרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)

110—111) ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאַנד, ניו־יאָרק, 1956).

112) ברוך האָגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאַנד, בוענאָס־איירעס, 1956).

113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (אויספאַרקויפט)

114) פנחס שטיינוואקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)
116) מאַקס ווײנרײך — פון בײדע זײַטן פּלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אַקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאַרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פרעמירט דורך דער באָריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפֿאָרן
129—130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַרײַן
(פרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן בײדע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשוווּנדענע געשטאַלטן
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) ב. טערקעל — צווישן שאָקאַלן
140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141—142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות (אויספאַרקויפט)
143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרײַאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה (אויספאַרקויפט)
147) פנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כּעלעם (אויספאַרקויפט)
149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...
150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פּנימער און מאַסקעס
151) שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער
152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זײַט פּאַרהאַנג (אויספאַרקויפט)

153) שיינע־מרים בראָדערזאָן — מײַן ליידנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן
154) פּאָלאַ אַפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק
155) שלמה ברייענסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו
156) זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
157־158) אינזש׳ דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
159) א. אַלמי — זאַמלבוך
160) ד״ר יצחק לעווין — ייִדן אין אַלטן פּוילן
161) מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מײַן לעבן
162) ישראל עמיאָט — פּאַרדעקטע שפּיגלען
163־164) הערשל ה. ווײַנרויך — קאַמיסאַרן (ראָמאַן)

עס גרייט זיך צום דרוק:

ישעיהו טרונק — געשטאַלטן און געשעענישן
אברהם זאַק — אין אָנהייב פון אַ פרילינג
גינאַ טענענבוים — מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף
ב. קאַנטאָראָוויטש — פאַרשוווּנדענע ישובים
ד״ר ל. וואָלמאַן — ייִדישע דאָקטוירים אין פּוילן
יעקב ציננעמאַן — די שטאָט ביים טייך סאַן
ב. טערקעל — די זון פאַרגייט ביים אמור

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

י. האָרן שרייבט אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשיינען פון 160סטן באַנד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום" („די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, דעם 25סטן פעברואַר 1962):

די צייט פון „טויטן סעזאָן" איז ביי אונדז נישט צוגעפּאַסט פאַר פייערונגען און באַנקעטן, נאָר וואָס איז דער היגער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום" שולדיק.

עס איז שווער און איינער פון אונדז קאָן זיך נישט איינהאַלטן נישט צו שרייבן וועגן אַ יובילייִ, וואָס דאַרף אָפּגעמערקט און געפייערט ווערן.

דער היגער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום", אונטער דער אָנפירונג פון מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג, האָט דערגרייכט אַרויסצוגעבן דאָס הונדערט זעכציקסטע בוך, איז עס גאָר אַ גרויסע פּאָזיציע, אַ דערגרייכונג אין דער ייִדישער קולטור־וועלט.

באַזונדערס, דאַרף זיך מיט אָט דער דערגרייכונג איבערנעמען דאָס ייִדישע אַרגענטינע.

אויב, ביים אַרויסגעבן איין בוך, ווערט געשריבן נאָטיצן, ווערן געמאַכט מסיבות און עס טומלט זיך, — דאַרף מען דאָך נאָך אַרויסגעבן 160 ביכער „קערן וועלטן".

עס ווילט זיך דעריבער זאָגן, אַז עס טויג טאַקע נישט, וואָס אַ סך מיינען, אַז עס קומט אונדז שוין, אַז בוענאָס־איירעס זאָל זיין אַ שטאָט פון ערנסטער פאַרלאַג־אַרבעט און געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַט־פאַרלאַגן זאָלן אַרויסגעבן אינטערעסאַנטע ביכער און ווערטפולע ייִדישע ווערק.

פאַראַן ייִדישע צענטערן, ווו עס לעבן הונדערטער טויזנטער ייִדן און עס גייען אַריבער יאָרן און עס דערשיינט נישט קיין בוך אין ייִדיש.

פּאַריז, למשל, האָט דריי טאָג־צייטונגען אין ייִדיש און דאָך איז שוין געווען אַ צייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן קרוב צוויי יאָר און קיין בוך אין ייִדיש איז דאָרטן נישט דערשינען. און מיטן ייִדישן לאָנדאָן איז אויך נישט גוט. אַמאָל האָט דאָרט געשטורעמט מיט ייִדיש לעבן און שאַפן, אַז אַפילו אַ נישט־ייִדישער אינטעלעקטואַל: רודאָלף ראָקער, למשל, האָט געהאַלטן לעקציעס אין ייִדיש און געשריבן אַרטיקלען אין ייִדיש.

היינט, האָט לאָנדאָן בלויז אַ חודש־זשורנאַל און אַ וואָכנבלאַט אין ייִדיש און ביידע מאַטערן זיך. די וואָכנבלאַט מוז אָנקומען צו אַ זאַמלונג און עס איז נישט גוט.

עס איז דעריבער צו פאַרשטיין פאַר וואָס פון לאָנדאָן קומט אַזוי זעלטן אָן אַ ייִדיש בוך.

ווו עס דערשיינען פיל ייִדישע ביכער איז ניו־יאָרק, תל־אביב, בוענאָס־איירעס און לעצטנס דערשיינען אויך ייִדישע ביכער אין פּאַריז. עס דערשיינען פון צייט צו צייט ייִדישע ביכער אין קאַנאַדע, מעקסיקע, אויסטראַליע, בראַזיל, אַפריקע, אורוגווייִ, און טשילע זענען דערשינען אַ ריי ייִדישע ביכער. אין פּוילן זענען דאָ אַ 25 טויזנט ייִדן. אָבער אין וואַרשע דערשיינען אַ גרעסערע צאָל ייִדישע ביכער. פאַרשטייט זיך, אַז קיין שוועריקייטן פעלן נישט, אָבער אין דער

ייִדישער וועלט דערשיינען אַלץ הונדערטער ייִדישע ביכער אַ יאָר און דאָס ווייזט, אַז אונדזער שאַפונגס־קוואַל איז נישט פאַרטריקנט.

מיר האָבן אויסגעלאָזט רוסלאַנד, ווייל פון דאָרטן דערגייט נישט צו אונדז קיין שום ייִדיש בוך. שוין גענוג יאָרן, ווי סאָוועט־רוסלאַנד האָט אַלץ, וואָס ס׳איז ייִדיש ליקווידירט און די מערסטע שרייבער אומגעבראַכט.

אַן עדות איז אָבער „סאָוועטיש היימלאַנד״, אַז אַריבער הונדערט שרייבער, וואָס שאַפן אין ייִדיש אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן מיטגעטיילט וועגן זייערע אַרבעטן אין ייִדיש.

סטאַלין האָט פאַרבאָטן צו שרייבן אין ייִדיש. כרושטשעוו האָט דעם פאַרבאָט נישט אַראָפּגענומען. אָבער ייִדישע יונגעלייט אין סאָוועט־רוסלאַנד, מיטגלידער אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, האָבן דאָך געשאַפן אין ייִדיש און זיי וואַרטן, אַז עס זאָל קומען אַן אַנדער צייט.

יאָ, די דאָרטיקע ייִדן זענען עכטע מאַראַנען. איצט, די טעג האָט מיר אַ היגער ייִד, וואָס איז לעצטנס געווען אין מאָסקווע און אין אָדעס געוויזן אַ לוח, וואָס איז געשריבן מיט דער האַנט.

אָט, ווי אַזוי דאָס ייִדישע אות גייט הייַנט אַרום אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז אויך דאָרט וואָלט נישט אַלץ געווען, ווי מיר ווינטשן זיך. דאָס גייסטיק פעסטע, שעפערישע רוסישע ייִדנטום איז אָבער פאָרט נישט אויסגעטרוקנט.

די דריי מיליאָן ייִדן אין סאָוועט־רוסלאַנד פעלן אונדז ווי אָטעם, ווי לופט; זיי פעלן אונדז פאַר ייִדיש, פאַר שעפער און אָפּנעמער, זיי פעלן אונדז פאַר ישראל, זיי פעלן אונדז פאַר די תפוצות, פאַר אַלץ. וואָס ייִדישקייט האָט נייטיק, וואָס אונדזער לעבן אַלס פאָלק דאַרף.

עס באַגייען דעריבער אַ גרויסע עוולה יענע וואָרטזאָגער, וואָס ווען עס קומט צו סאָוועט־רוסלאַנד און די דאָרטיקע ייִדן, רעדן זיי האַלבע רייד.

און אַז מיר רעדן וועגן ייִדישע ביכער און ייִדיש שאַפן לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז ד״ר ישראל צינבערג, וואָס איז אַכזריותדיק אומגעבראַכט געוואָרן אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט איבערגעלאָזט פאַר אַלע אייביקייטן די צען בענד „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי ייִדן״.

די ווערק זענען איצט אין ישראל איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיִש. עס ווערט אָבער נישט איבערגעגעבן, אַז עס איז איבערגעזעצט פון ייִדיש. אַזוי טוען אויך איבערזעצער אין אַנדערע לענדער, וואָס זעצן איבער ווערק פון ייִדיש אין פאַרשיידענע לשונות און זיי גיבן נישט אָן פון וואָס פאַר אַ שפּראַך זיי האָבן איבערגעזעצט.

דער יחוס פון ייִדיש שטייט זיי נישט אָן. ייִדיש שאַפן און ייִדישע פאַרלאַג־אַרבעט נעמט אַרום אַ שטיק וועלט און אַ סך פּראָבלעמען, יעדער פאַרלאַג שיינט אָבער מיט זיין אייגן ליכט. מיט זיינע אייגענע אויפטוען. ווען מיט אַ זעכצן יאָר צוריק האָט זיך ביים צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע, געשאַפן דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״, זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן אַ ביסל געצווייפלט אינעם קיום פון פאַרלאַג.

נישט, מחמת דער פאַרלאַג איז נישט געווען נייטיק, אָדער ווייל עס איז וועמען נישט אָנגעשטאַנען, נאָר ווייל דער פאַרמעסט: פּויליש ייִדנטום איז געווען זייער גרויס און בוענאָס־איירעס איז אויפן געביט פון ייִדישער פאַרלאַג־אַרבעט געווען אין די קינדערשיכלעך.

מחברים און פאַרלאַגן פלעגן פון צייט צו צייט אַרויסגעבן ביכער. אָבער די אַרבעט איז געווען אַ באַגרענעצטע.

דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״ האָט

פֿאַרגרעסערט און אויסגעברייטערט די אַרבעט און ייִדישע ביכער דערשינען אין בוענאָס־איירעס זענען אַוועק אין דער גאָרער וועלט.

די ערשטע דריי ביכער זענען געווען: מאַרק טורקאָווס „מלכה אָוושאַני דערציילט”, אַ כראָניק פֿון אונדזער צייט און נאָכדעם זענען דערשינען: ה. ד. נאָמבערגס „י. ל. פּרץ” און ו. גראָסמאַן. י. ווערניק „טרעבלינקע”.

די ביכער האָבן געמאַכט אַן איינדרוק און צו דעם איז געקומען אַ רשימה, וועלכע ביכער עס וועלן אַלץ דערשיינען.

ייִדישע שרייבער אין אַלע עקן וועלט, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון פּוילן, האָבן זיך אָנגעהויבן ווענדן צום פֿאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום” צו שיקן מאַנוסקריפּטן און אַלע פּאָר וואָכן איז דערשינען אַ ניי בוך, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט פּוילן, פּויליש ייִדנטום.

לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען, ראָמאַנען, עסייען, זכרונות, איבערלעבונגען אין די לאַגערן, געשיכטעס פֿון שטעט און שטעטלעך. ביכער פֿון מחברים וואָס זענען אומגעקומען זענען איבערגעדרוקט געוואָרן און דער פֿאַרלאַג האָט געאַרבעט מיט ברען.

עס איז אַוועק אייניקע יאָרן און דער פֿאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום” אונטער דער אָנפֿירונג פֿון מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטעלבערג, איז געוואָרן פּאָפּולער און אַלע האָבן וועגן דעם אויפֿטו גערעדט מיט גרויס אָנערקענונג.

עס איז געווען אַ צייט, ווען ווי נאָר מען פֿלעגט באַקומען אַ צייטונג, אַ זשורנאַל, האָט מען דאָרט געטראָפֿן רעצענזיעס און אַרטיקלען וועגן ביכער פֿון פֿאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום”.

בוענאָס־איירעס האָט הייסט עס נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אָנגעהויבן אויפֿגיין אַלס אַ ייִדישער פֿאַרלאַג־צענטער. שפּעטער, האָבן זיך געשאַפֿן נאָך ייִדישע פֿאַרלאַגן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אינטערעסאַנטע ביכער און ערנסטע ווערק און זיי זענען אַוועק אין דער וועלט.

אויב ייִדישע שרייבער אין אַנדערע צענטערן, בפֿרט, אין ניו־יאָרק, האָבן אַמאָל ניט שטאַרק געצויגן, אַז זייערע ביכער זאָלן דערשיינען אין בוענאָס־איירעס, איז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געוואָרן אַנדערש... פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט וועגן אַלע ביכער און אויך נישט וועגן אַלע מחברים לאָזט זיך רעדן אינאיינעם אַריין. אַלע פֿאַרלאַגן צוזאַמען האָבן אָבער אויפֿגעטאָן און טוען אויף וויכטיקע זאַכן.

נאַטירלעך, וועלן שרייבער נאָך אַלץ דערציילן — און עס איז אמת, אַז עס איז שווער אַרויסצוגעבן אַ בוך און טייל וועלן איבערגעבן, אַז זיי מוזן באַצאָלן וויפֿל די אויסגאַבע קאָסט.

באַדאַרף מען אָבער וויסן, אַז נישט מיט אַלע ביכער איז אַזוי. אויף וויפֿל מיר איז באַקאַנט האָבן היגע פֿאַרלאַגן נישט בלויז אַרויסגעגעבן די ביכער, נאָר אויך געצאָלט ווי ווייט מעגלעך האָנאָראַר.

ביי דעם אַלעם וויל עס נישט זאָגן, אַז די לאַגע פֿון ייִדישן מחבר איז גוט, און אַז אַ רייע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרלאַגן וואָלטן אָן פֿאָנדן, סובסידיעס פֿון די קליימס־געלטער געקאָנט עקזיסטירן.

נישט געקוקט אויף אַלע באַדינגונגען, איז אָבער אַ גרויסע דערגרייכונג צו קאָנען פֿאַרצייכענען, אַז דער פֿאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום” האָט שוין אַרויסגעגעבן דאָס הונדערט זעכציקסטע בוך: „ייִדן אין אַלטן פּוילן” פֿון ד״ר יצחק לעווין און דער פֿאַרלאַג זאָגט אָן זיין אַרבעט אויף ווייטער און ברענגט דערביי אַ רשימה פֿון דריי ביכער וואָס וועלן דערשיינען. אין די זעכצן יאָר,

חאָס דער פאַרלאַג עקזיסטירט, האָט ער אַרויסגעגעבן הונדערט זעכציק ביכער, באַרעכנט לויט יאָרן קומט אויס צען ביכער אַ יאָר.

פון די 160 ביכער, זענען פופציק אויפלאַגעס אויספאַרקויפט. ווײַל עס זאָגן, אַז גענוג, גענוג, ביכער ליגן נאָך און וואַרטן אויף קונים.

מיט סטאָקן ביכער מוז מען האָבן געדולד, מ׳דאַרף אָבער קאָנען אויסהאַלטן. טאַקע דערפאַר האָט דער פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום" אַביסל אָפּגעשוואַכט דעם טעמפּאָ אין דער אַרבעט, דאָס פאַרמינערט אָבער ניט דעם אויפטו פונעם פאַרלאַג צו פאַראייביקן דעם חורבן פון פוילישן ייִדנטום.

נישט אַלע דערשינענע ביכער זענען פונעם זעלבן ווערט און באַטייט, 15 ביכער פון די הונדערט זעכציק, האָבן באַקומען ליטעראַרישע פרעמיעס, צוגעטיילט פון בוענאָס־איירעס, ווי פון ייִדישע געזעלשאַפטן אין אַ רייע שטעט אין דער וועלט.

עס פירט זיך, אַז מ׳טיילט די פרעמיעס פאַר ביכער און מחברים באַקומען אויסצייכענונגען. מיר דוכט זיך, אַז עס וואָלט געווען אויפן אָרט, אַז מ׳זאָל אַמאָל אויסצייכענען אַ פאַרלאַג פאַר זיין אַרבעט.

אין דעם פאַל קומט אַזאַ אָנערקענונג דעם ייִדישן פאַרלאַג אין בוענאָס־איירעס „דאָס פוילישע ייִדנטום" וואָס האָט נאָר־וואָס אַרויסגעגעבן דאָס הונדערט זעכציקסטע בוך.

ווענן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע

„דאָס פּוילישע ייִדנטום"

ויך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 **Buenos Aires**

Este libro se terminó de imprimir en el
mes de Agosto de 1962, en los Talleres
Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L. -
Avda. Corrientes 1976 - Buenos Aires,
República Argentina.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 164

Copyright by
HERSHEL H. WEINRAUCH, New York.

Hecho el depósito que marca la Ley

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

H. H. WEINRAUCH

COMISARIOS

(N O V E L A)

II

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1962